STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03592

DER HISTORISHER MATERYALIZM UN ZAYNE KEGNER

Georgii Valentinovich Plekhanov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַטשקאָווסקי,
„פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

ג. וו. פּלעכאַנאָוו
(נ. בעלטאָוו)

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם
און זיינע קעגנער

איבערגעזעצט
און רעדאַגירט מיט
דערקלערונגען און אויס-
טייטשונגען דורך
ד. ב. מאַלקין

וואַרשע — ניו-יאָרק 1930

Printed in Poland

Materjalizm historyczny
i jego przeciwnicy – Plechanowa

Popularna Bibljoteka Naukowa
Wyd. Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8

Drukarnia Lewin-Epstein Warszawa, Pawia 3[illegible]

ג. װ. פּלעכאַנאָװ

אינהאלט:

קאפיטל I

זייט

דער פראנצויזישער מאטעריאליזם פון XVIII-טן יאָרהונדערט 7

קאפיטל II

די פראנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאווראציע-צייטן 21

קאפיטל III

די סאָציאליסטן-אוטאָפיסטן 43

קאפיטל IV

די אידעאליסטישע דייטשישע פילאָזאָפיע . . . 81

קאפיטל V

דער מאָדערנער מאטעריאליזם. 139

שלוס 308

דערקלערונגען און צוזעטצונגען 355

קאַפּיטל 1

דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם פון XVIII-טן יאָרהונדערט

וואָס איז אַזוינס דער מאַטעריאַליזם אין אַלגעמיין-פילאָזאָפישן זין?

דער מאַטעריאַליזם איז דער אַבסאָלוטער קעגנזאַץ צום אידעאַליזם. דער אידעאַליזם שטרעבט צו דערקלערן אַלע נאַטור-דערשיינונגען, אַלע אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע מיט די אָדער אַנדערע אייגנשאַפטן פונם גייסט. דער מאַטעריאַליזם איז זיך נוהג פונקט פאַרקערט. ער באַמיט זיך צו דערקלערן פסיכישע דערשיינונגען מיט די אָדער אַנדערע אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע, מיט אַזאַ אָדער אַנדערער אָרגאַניזאַציע פונם מענטשלעכן אָדער בכלל בעל-חיהשן קערפּער. די אַלע פילאָזאָפן, וועלכע האַלטן פאַר אַן אורשפּרינגלעכן פאַקטאָר די מאַטעריע, געהערן צו דעם לאַגער פון די מאַטעריאַליסטן; דאַקעגן, די אַלע, וועלכע האַלטן פאַר אַזאַ פאַקטאָר דעם גייסט — זענען אידעאַליסטן. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס מ׳קען זאָגן וועגן מאַטעריאַליזם בדרך כלל, וועגן „מאַטעריאַליזם אין אַלגעמיין-פילאָזאָפישן זין״, וואָרום די צייט האָט אַרויפגעבויט אויף זיין הויפּט-פונדאַמענט די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע איבער-בנינים, וועלכע האָבן צוגעגעבן דעם מאַטעריאַליזם פון איין עפּאָכע לגמרי אַן אַנדער געשטאַלט, ווי דעם מאַטעריאַליזם פון אַן אַנדער עפּאָכע.

דער מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם שעפּן אויס די וויכטיקסטע ריכטונגען פונם פילאָזאָפישן געדאַנק. אמת, גלייכצײ-

סיק מיט זיי האָבן כּמעט תּמיד עקזיסטירט פאַרשיידענע דו־
אַליסטישע סיסטעמען, וועלכע האָבן אָנערקענט דעם גייסט
און די מאַטעריע אַלס באַזונדערע, זעלבשטענדיקע סוב־
סטאַנצן. דער דואַליזם האָט, אָבער, קיינמאָל נישט גע־
קענט אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן פאַרענטפערן די אומ־
פאַרמיידלעכע קשיא, ווי אַזוי קענען דידאָזיקע צוויי באַזונדערע
סובסטאַנצן, וועלכע האָבן נישט צווישן זיך קיין שום געמיינ־
זאַמעס, באַווירקן איינע די אַנדערע. דעריבער פלעגן שטענדיק
די קאָנסעקווענטערע און טיפערע דענקער מער נוטה זיין צום
מאָניזם, ד. ה. צו דערקלערן דערשיינונגען מיט דער הילף
פון אַן איינהייטלעכן גרונט־פּרינציפּ (monos — באַ־
טייט אויף גריכיש איינהייטלעך). יעדער קאָנסעקווענטער אי־
דעאַליסט איז אַ מאָניסט אין דערזעלבער מאָס, ווי יעדער
קאָנסעקווענטער מאַטעריאַליסט. אין דערדאָזיקער הינ־
זיכט איז נישטאָ קיין שום נפקא־מינה צווישן בערקלעי[1]
און האָלבאַך[2], למשל, איינער איז געווען אַן אויסגעהאַלטע־
נער אידעאַליסט, דער אַנדערער — נישט קיין ווייניקער
אויסגעהאַלטענער מאַטעריאַליסט, אָבער סיי דער, סיי
דער אַנדערער זענען ביידע געווען מאָניסטן; ווי איינער,
אַזוי דער צווייטער, האָבן זיי ביידע גוט פאַרשטאַנען די נישט־
שטאַנדהאַפטיקייט פון דער דואַליסטישער, ביז איצט
שיער נישט פאַרשפּרייטסטער, וועלטאַנשויאונג.

אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט
אין דער פילאָזאָפיע געהערשט דער אידעאַליסטישער
מאָניזם; אין דער צווייטער העלפט, האָט אין דער וויסנ־
שאַפט — מיט וועלכער די פילאָזאָפיע האָט זיך במשך
פון דער צייט פולשטענדיק צוזאַמענגעגאָסן — געפייערט אַ
נצחון דער מאַטעריאַליסטישער מאָניזם, וועלכער איז,
אגב, נישט תּמיד געווען קאָנסעקווענט און אָפנהאַרציק.

אונדז איז נישט נויטיק איבערצוגעבן דאָ די גאַנצע גע־
שיכטע פונעם מאַטעריאַליזם. פאַר אונדזער ציל וועט זיין גענוג
צו באַטראַכטן זיין אַנטוויקלונג, אָנהויבנדיק פון דער צווייטער
העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט. און דאָ וועלן מיר אויך,
הויפּטזאַכלעך, נעמען אין אַכט איין ריכטונג זיינע — אמת, די

סאַמע וויכטיקסטע ריכטונג, — ד. ה. דעם מאַטעריאַליזם פון האָלבאַך, העלוועציוס (3) און זייערע אידעען-חברים.

די מאַטעריאַליסטן פון דערדאָזיקער ריכטונג האָבן געפירט אַ הייסע פּאָלעמיק מיט די אָפּיציעלע דענקער פון יענער צייט, וועלכע פלעגן, שטיצנדיק זיך אויף דעקאַרטן (4) — ווען זיי האָבן מן-הסתם נישט זייער גוט פאַרשטאַנען — באַהויפּטן, אַז ביים מענטש זענען פאַראַן געוויסע איינגעבוירענע, ד. ה. אומאָפּהענגיקע פון דער דערפאַרונג, אידעען. באַקעמפנדיק דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט האָבן די פראַנצויזישע מאָראַליסטן, אייגנטלעך, בלויז אַנטוויקלט די לערע פון לאָקן (5), וועלכער האָט נאָך ביים סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט אויפגעוויזן, אַז קיין איינגעבוירענע אידעען עקזיסטירן נישט (No innate principles). אָבער אַנטוויקלענדיק זיין לערע, האָבן איר די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן צוגעגעבן אַ מער אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער, ווייל זיי האָבן אונטערגעשטראָכן אַזעלכע מאָמענטן, וועלכע לאָק, אַלס גוט-דערצויגענער ענגלישער ליבעראַל, האָט נישט געוואָלט באַרירן. די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן זענען געווען נישט-שרעקעוודיקע, ביזן סוף אויסגעהאַלטענע סענסואַליסטן, ד. ה. זיי האָבן באַטראַכט אַלע פּסיכישע פונקציעס פונם מענטש, אַלס אָפּשפּיגלונגען פון די חושים. עס איז צוועקלאָז דאָ נאָכצוקאָנטראָלירן, אויף וויפל זענען זייערע אַרגומענטן, אין דעם אָדער אַנדערן פאַל, צופרידנשטעלנדיק פון שטאַנדפּונקט פון דער היינטיקער וויסנשאַפט. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן האָבן נישט געוואוסט אַסאַך זאַכן דערפון, וואָס עס ווייס איצט יעדער שילער: גענוג צו דערמאָנען די כעמישע און פיזיקאַלישע מיינונגען פון האָלבאַכן, וועלכער איז דאָך געווען גוט באַקאַנט מיט דער נאַטורוויסנשאַפט פון זיין צייט. די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פאַרמאָגן אָבער דעם אומבאַשטרייטבאַרן און זייער חשובן פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן געדענקט קאָנסעקווענט פונם שטאַנדפּונקט פון דער בשעתמדיקער וויסנשאַפט, און דאָס איז אַלץ, וואָס מ'קען און מ'דאַרף פאָדערן פון אַ דענקער. ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס אונזער היינטיקע וויסנשאַפט איז אוועק ווייטער פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, אָבער ס'איז

וויכטיק דאָס, וואָס די קעגנער פון דידאָזיקע פילאָזאָפן זענען געווען אָפּגעשטאַנענע מענטשן, אַפילו לגבי דער דאַמאָלסדיקער וויסנשאַפט. אמת, די היסטאָריקער פון דער פילאָזאָפיע שטעלן געוויינלעך אַנטקעגן די אָנשויאונגען פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן די אָנשויאונג פון קאַנטן (6), וועמען ס׳וואָלט, נאַטירלעך, געוועמשוגהדיק פאָרצוואַרפן אַ מאַנגל אין וויסנשאַפט. אָבער דין דאָזיקע קעגנשטעלונג איז לחלוטין נישט קיין גרינטלעכע און ס׳וואָלט געווען גאָרנישט שווער אויפצווייזן, אַז סיי קאַנט, סיי די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן זענען, אין תוך, געשטאַנען אויף איין און דעמזעלבן שטאַנדפונקט, נאָר זיי האָבן זיך מיט אים פאַרשיידן באַנוצט און זיי זענען דעריבער געקומען צו פאַרשיידענע אויספירן, אַנטשפּרעכנדיק צו די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון יענע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, אונטער דער השפעה פון וועלכע זיי האָבן געלעבט און געדענקט. מיר ווייסן, אַז דידאָזיקע מיינונג וועט אויסזען פּאַראַדאָקסאַל פאַר מענטשן, וועלכע זענען צוגעוואוינט צו גלויבן אויפן וואָרט די פילאָזאָפיע-היסטאָריקער. מיר האָבן דאָ נישט קיין מעגלעכקייט צו אַרגומענטירן די אַרויסגעזאָגטע מיינונג, ווי געהעריק, אָבער מיר וועלן זיך נישט אָפּזאָגן עס צו טאָן, אויב דאָס וועלן פאַרלאַנגען אונזערע קעגנער.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז אַלעמען באַקאַנט, אַז די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן האָבן באַטראַכט די גאַנצע פּסיכישע טעטיקייט פונם מענטש, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון די חושים (sensations transformées). באַטראַכטן די פּסיכישע טעטיקייט פון דעם שטאַנדפונקט הייסט, — האַלטן אַלע פאָרשטעלונגען, אַלע באַגריפן און געפילן פונם מענטש אַלס אַ רעזולטאַט פון דער השפעה, וואָס עס האָט אויף אים די אַרומיקע סביבה. די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן האָבן זיך טאַקי אַזוי באַצויגן צו דעדאָזיקער פראַגע. זיי האָבן אָן אַן אויפהער, און זייער הייס און קאַטעגאָריש, דערקלערט, אַז דער מענטש מיט זיינע אָנשויאונגען און געפילן שטעלט מיט זיך פאָר דאָס, וואָס עס מאַכט פון אים זיין אַרומיקע סביבה, ד. ה. ערשטנס, — די נאַטור, און צווייטנס,

די געזעלשאַפט. „L'homme est tout éducation“ (דער מענטש איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון זיין דערציאונג") — זאָגט העלוועציוס, פאַרשטייענדיק אונטערן וואָרט דערציאונג דעם גאַנצן סך-הכּל פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירקונג. דער־דאָזיקער קוק אויפן מענטש, ווי אויף אַ פּראָדוקט פון דער אַרומיקער סביבה, איז געווען דער טעאָרעטישער הויפּט-יסוד פאַר די נאָוואַטאָרישע פּאָדערונגען פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן. אינדעראמתן, אויב דער מענטש איז אָפּהענגיק פון זיין אַרומיקער סביבה, אויב פאַר אַלע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער האָט ער איר צו פאַרדאַנקען, האָט ער דאָך, צווישן אַנדערע, אויך איר צו פאַרדאַנקען זיינע חסרונות, — דרינגט בכן פונדאַנען אַרויס, אַז אויב מ'וויל באַקעמפן זיינע חסרונות, מוז מען אויף אַ געהעריקן אופן ענדערן דאָס געשטאַלט פון זיין אַרומיקער סביבה, און דערביי בפירוש, פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה, וואָרום די נאַטור מאַכט נישט דעם מענטש, נישט פאַר קיין שלעכטן, נישט פאַר קיין גוטן. שטעלט אַוועק די מענטשן אין געהעריקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, ד. ה. אין אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע דער זעלבסטדערהאַלטונג-אינסטינקט פון יעדן איינציקן זאָל אים אויפהערן צו שטויסן צום קאַמף מיט די איבעריקע מענטשן; ברענגט צו אַ הסכּם די אינטערעסן פונם איינצלנעם מענטש מיט די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועט די טוגנט (vertu) שוין קומען ממילא, ווי עס פאַלט במילא אַראָפּ אויף דער ערד אַ שטיין, ביי וועלכן מ'האָט צוגענומען זיין אונטערלענונג. טוגנט, מאָראַלישע שלימות, דאַרף מען נישט פּרעדיקן, נאָר מ'דאַרף זי צוגרייטן דורך אַ געהעריקער אַוועקשטעלונג פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. אַ דאַנק די קאָנסערוואַטאָרן און רעאַקציאָנערן פון אַכצנטן יאָרהונדערט האַלט מען נאָך ביז איצט די מאָראַל פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פאַר אַן עגאָאיסטישע מאָראַל. זיי אַליין האָבן זי אַסאַך ריכטיקער דעפינירט, אַז זי ווערט ביי זיי פולשטענדיק פאַרוואַנדלט אין פּאָליטיק.

די לערע, אַז די גייסטיקע וועלט פונם מענטש שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּראָדוקט פון דער אַרומיקער סביבה, פלעגט

נישט זעלטן דערפירן די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן צו אויס-פירן, וועלכע זענען געווען אומדערוואַרטעט פאַר זיי זעלבסט. אַזוי, למשל, פלעגן זיי אַמאָל זאָגן, אַז די אָנשויאונגען פונם מענטש האָבן נישט קיין שום ווירקונג אויף זיין אויפפירונג און דעריבער, קען דאָס פאַרשפרייטן אַזעלכע, אָדער אַנדערע אידעען אין דער געזעלשאַפט אויף קיין האָר נישט ענדערן איר ווייטערדיקן גורל. שפעטער וועלן מיר אויפווייזן, אין וואָס איז באַשטאַנען די נישט-ריכטיקייט פון אַזאַ מיינונג, לעת-עתה לאָמיר באַטראַכטן אַן אַנדער זייט פון די אָנשויאונגען פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן.

אויב די אידעען פון יעדן **מענטש** ווערן באַשטימט דורך זיין אַרומיקער סביבה, הייסט עס, אַז די אידעען פון דער **מענטשהייט**, אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, ווערן באַשטימט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה, **דורך דער געשיכטע פון די געזעלשאַפט-לעכע פאַרהעלטנישן**.

אַלזאָ, ווען מיר וואָלטן געוואָלט אָנצייכענען דאָס בילד פונם פּראָגרעס פון מענטשלעכן שכל, און ווען מיר וואָלטן זיך דערביי נישט באַגרענעצט מיט דער פראַגע—„וויאַזוי?" (וויאַזוי איז פאָרגעקומען די היסטאָרישע באַוועגונג פונם שכל?), נאָר מיר וואָלטן זיך געשטעלט די פולשטענדיק-נאַטירלעכע פראַגע — „פאַרוואָס" (פאַר-וואָס איז עס פאָרגעקומען גראָד אַזוי און נישט אַנדערש?), וואָלטן מיר געדאַרפט אָנהויבן פון דער געשיכטע פון דער סביבה, פון דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפט-לעכע פאַרהעלטנישן. דער שווערפונקט פון דער פאָרשונג וואָלט זיך אַריבערגעטראָגן, אַזויאַרום, לכל-הפחות אין דער ערשטער צייט, אויף דער אויספאָרשונג פון די געזעצן פון דער געזעל-שאַפטלעכער אַנטוויקלונג. די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן זענען צוגעגאַנגען זייער נאָענט צו דערדאָזיקער אויפגאַבע, אָבער נישט בלויז, וואָס זיי האָבן זי נישט געקענט לעזן, נאָר זיי האָבן אַפילו נישט געקענט זי ריכטיק אַוועקשטעלן.

ווען ביי זיי איז געקומען צו רייד וועגן דער היסטאָ-רישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, פלעגן זיי פאַרגעסן זייער סענסואַליסטישן קוק אויפן „מענטש" בכלל און, פונקט, ווי

אַלע „אויפקלערער" (7) פון יענער צייט, פלעגן זיי באַהויפטן, אַז די וועלט (ד. ה. די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון די מענטשן) פירט זיך לויט מיינונגען (c'est l'opinion qui gouverne le monde)*). אין דעם באַשטייט די גרונט־סתירה, פון וועלכער ס'האָט געליטן דער מאַטעריאַליזם פון XVIII יאָרהונדערט, און וועלכע איז זיך, אין די באַטראַכטונגען פון זיינע אָנהענגער, פאַנאַנדערגעפאַלן אויף אַ גאַנצע ריי צווייטראַנגיקע סתירות, פונקט ווי אַ באַנקנאָט צעטוישט זיך אויף קליינע מטבעות.

טעזע. דער מענטש מיט אַלע זיינע מיינונגען איז אַ רעזולטאַט פון דער סביבה און הויפטזאַכלעך פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער אויספיר פון לאָקס גרונט־הנחה: no innate principles, נישטאָ קיין איינגעבוירענע אידעען.

אַנטיטעזע. די סביבה מיט אַלע אירע אייגנשאַפטן איז אַ פּראָדוקט פון מיינונגען. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער אויספיר פון דער גרונט־הנחה פון דער געשיכטס־פילאָזאָפיע פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן: s'est l'opinion qui gouverne le monde.

פון דעראָזיקער גרונט־סתירה זענען אַרויסגעפלאָסן, למשל, פאָלגנדיקע נעבן־סתירות:

טעזע. דער מענטש האַלט פאַר גוט די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, וועלכע זענען פאַר אים נוצלעך, ער האַלט פאַר שלעכט די פאַרהעלטנישן, וועלכע זענען פאַר אים שעדלעך. די מיינונגען פון מענטשן ווערן באַשטימט דורך זייערע אינטערעסן. „L'opinion chez un peuple est toujours de'terminée par un interet dominant"—

---

*) איך רוף אָן „מיינונג" דעם רעזולטאַט פון אַ מאַסע אמתן און פאַרבלענדענישן, וואָס זענען פאַרשפרייט אין דער נאַציע; דעם רעזולטאַט, פון וועלכן עס זענען אָפּהענגיק אירע אורטיילן, איר אַכטונג אָדער פאַראַכטונג, איר ליבע אָדער שנאה, אירע נייגונגען און געוואוינהייטן, אירע חסרונות און מעלות, מיט איין וואָרט — אירע מידות. אָט אָ די מיינונג רעגירט מיט דער וועלט".

Suard „Melange de Litérature". Paris. An II t. III, p. 400

זאָגט סיוואַר (8) (די מיינונג פון אַ פאָלק ווערט תמיד באַשטימט דורך דעם אינטערעס, וואָס הערשט אין זיין סביבה) *).
דאָס איז אַפילו נישט קיין אויספיר פון לאָקס לערע, דאָס איז אַ פשוטע איבערחזרונג פון זיינע ווערטער:

„No innat practical principles...

Virtue generally aprow'd not because innate but becaus profitable...

Good and Ewel... are nothing but Pleasure or Pain, or that which occasions or procures Pleasure or Pain to us"

„נישטאָ קיין איינגעבוירענע מאָראַלישע אידעען.... מענטשן האַלטן פון דער טוגנט נישט ווייל זי איז אַן איינגעבוירענע, נאָר ווייל זי איז פאַר זיי אַ באַקוועמע. גוטס און שלעכטס... זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי פאַרגעניגן, צער, פּיין, אָדער דאָס, וואָס פאַרשאַפט אונז פאַרגעניגן אָדער פּיין" **)

אַנטיטעזע. די באַטרעפנדיקע פאַרהעלטנישן זעען אויס אין די אויגן פון די מענטשן נוצלעך אָדער שעדלעך, אָפּהענגיק פונם אַלגעמיינעם סיסטעם פון די מיינונגען פון דידאָזיקע מענטשן. לויט דעמזעלבן סיואַר קומט אויס, אַז יעדעס פאָלק „ne veut, n'aime, n'approuve, que ce qu'il croit etre utile" („יעדעס פאָלק האָט ליב, האַלט אונטער און באַרעכטיקט נאָר דאָס, וואָס עס האַלט פאַר נוצלעך"). הייסט עס, אַלזאָ, אַז סוף-כל-סוף איז עס ווידער אַ פראַגע פון מיינונגען, וועלכע רעגירן מיט דער וועלט.

טעזע. עס האָבן אַ גרויסן טעות די יעניקע, וועלכע מיינען, אַז די רעליגיעזע מאָראַל, — למשל, דער געבאָט וועגן ליבע צום נאָענטן, — האָט כאָטש טיילוויז מיטגעווירקט צו דער מאָראַלישער פאַרבעסערונג פון די מענטשן. אַזעלכע מיני געבאָטן, ווי יעטוועדע אידעע בכלל, זענען פולשטענדיק מאַכט-

---

*) Suard. t. III. p. 401

**) Essay concerning human understanting. B. I, ch. 3; B. II, ch. 20, 21, 28.

לאָז לגבי מענטשן. דער עיקר איז די געזעלשאַפטלעכע סביבה, די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן *).

אַנטיטעזע. די היסטאָרישע דערפאַרונג ווייזט אונז, „que les opinions sacrées turent la source véritable des maux du genre humain“ (9) און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווייל אויב די מיינונג בכלל רעגירט מיט דער וועלט, רעגירן פאַלשע מיינונגען, ווי בלוטדורשטיקע טיראַנען.

עס וואָלט זיך געלאָזט גאַנץ גרינג נאָך פאַרלענגערן די רשימה פון ענלעכע סתירות ביי די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, וועלכע זענען אָפּגעירשנט געוואָרן דורך אַסאַך היינטיקע „מאַטעריאַליסטן אין אַלגעמיין-פילאָזאָפישן זין“. נאָר דאָס איז איבעריק. לאָמיר זיך בעסער צוקוקן צום אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דידאָזיקע סתירות.

עס זענען פאַראַן סתירות, וועלכע שלעפערן נישט איין דעם מענטשלעכן געדאַנק, וואָס פאַרהאַלטן נישט זיין אַנטוויקלונג, נאָר זיי שטויסן זי ווייטער און אַמאָל טרעפט, אַז זיי שטויסן זי אַזוי ווייט פאָרויס, אַז לויט די רעזולטאַטן זייערע זענען זיי פרוכטבאַרער פון די סאַמע אויסגעהאַלטענע טעאָריעס. וועגן אַזעלכע סתירות קען מען זאָגן די ווערטער פון

---

*) דידאָזיקע טעזע חזרט זיך נישט איין מאָל איבער אין „Systéme de la Nature“ פון האָלבאַך. דאָזעלבע דריקט אויס העלוועציוס, זאָגנדיק: „לאָמ׳ר אָננעמען, אַז איך האָב פאַרשפּרייט די אומגעלומפּערטסטע מיינונגען, פון וועלכער עס פליסן אַרויס די עקלהאַפטסטע אויספירן; אויב איך האָב גאָרנישט געענדערט אין די געזעצן, וועל איך אויך גאָרנישט קענען ענדערן אין די זיטן“. („De l'Hommé section III. ch. IV) דאָזעלבע זאָגט אַפּט אַרויס אין זיין „Correspondance Littéraire“ גרים (10), וועלכער האָט זיך געפונען אַ לענגע־ע צייט צווישן די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן און וואָלטער (11), וועלכער האָט געקעמפט מיט די מאַטעריאַליסטן. אין זיין „Philosophe ignorant“, ווי אין אַ גאַנצע ריי אַנדערע ווערק, ווייזט אויף דער „פערנעאישער פאַטריאַרך“ (12), אַז קיין שום פילאָזאָף האָט נאָך קיינמאָל נישט משפיע געווען אויף דער אויפפירונג פון זיינע אַרומיקע, ווייל זיי רעכענען זיך אין זייערע מעשים מיט די אָנגענומענע מנהגים און נישט מיט מעטאַפיזיק.

העגעלן (13): Der Widerspruch ist das Forleitende (די סתירה פירט פאָרויס). צו אַזאַ מין געהערן די סתירות פונם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם פון XVIII יאָרהונדערט.

מירן זיך אָפּשטעלן אויף זייער גרונט-סתירה: *מײנונגען פון מענטשן ווערן באַשטימט דורך דער סביבה; די סביבה ווערט באַשטימט דורך מײנונגען.* עס לאָזט זיך וועגן איר זאָגן, וואָס *קאַנט* האָט געזאָגט וועגן זײנע „אַנטינאָמיעס" (14): די טעזע איז פונקט אַזוי גערעכט, ווי די אַנטיטעזע. באמת, איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז די מײנונגען פון מענטשן ווערן באַשטימט דורך זייער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה. דאָסגלייכן אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז *קײן* פאָלק וועט נישט שלום מאַכן מיט אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, וועלכע איז קעגן אַלע זײנע אָנשויאונגען: עס וועט אויפשטיין קעגן אַזאַ אָרדנונג און וועט זי איבערבויען אויף זיין אופן. הייסט עס, אַז ס'איז אויך אמת, אַז די מײנונגען רעגירן מיט דער וועלט. אָבער וויאַזוי־זשע קענען צוויי טעזעס, וועלכע זענען יעדע פאַר זיך ריכטיק, זיך ווידערשפרעכן איינע מיט דער אַנדערער. די זאַך איז אַ פשוטע. זיי ווידערשפרעכן איינע די אַנדערע בלויז דערפאַר, ווייל מיר באַטראַכטן זיי פון אַ נישט-ריכטיקן שטאַנדפונקט: פון דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט דאַכט זיך אויס, — און עס מוז זיך אויסדאַכטן, — אַז אויב די טעזע איז ריכטיק איז די אַנטיטעזע פאַלש און פאַרקערט. אָבער, ווען איר וועט אויסגעפינען דעם ריכטיקן שטאַנדפונקט, וועט די סתירה פאַרשווינדן, און יעדע פון די טעזעס, וועלכע האָט אייך געמאַטערט, וועט באַקומען אַן אַנדער פנים: עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זי דערגאַנצט, זי *מאַכט אָפּהענגיק* פון זיך די אַנדערע טעזע און זי שליסט זי גאָרנישט אויס; אַז ווען *דידאָזיקע* טעזע זאָל נישט זיין ריכטיק, וואָלט געווען נישט ריכטיק אויך די *אַנדער* טעזע, וועלכע האָט זיך אייך געהאַט אויסגעדאַכט, ווי אַן אַנטאַגאָניסטישע צו דער פריערדיקער. ווי־זשע אָבער געפינט מען אויס אַזאַ מין ריכטיקן שטאַנדפונקט?

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל. מ'פלעגט אָפט זאָגן, איבער-

הויפּט אין XVIII יאָרהונדערט, אַז די מלוכהשע איינאָרדנונג פון יעדן פאָלק איז צוגעפּאַסט צו די זיטן פון דעמדאָזיקן פאָלק. און דאָס איז פולשטענדיק ריכטיק. ווען עס זענען פאַרשוואונדן די אַלטע רעפּובליקאַנישע זיטן פון די רוימער, האָט דאָס אָרט פון דער רעפּובליק פאַרנומען די מאָנאַרכיע. אָבער, פון דער צווייטער זייט, פלעגט מען נישט ווייניקער באַהויפּטן, אַז די זיטן פונם באַטרעפנדיקן פאָלק, זענען אָפּהענגיק פון זיין מלוכהשער אָרדנונג. אויך דאָס אונטערליגט נישט קיין שום ספק. ווירקלעך, פוניוואַנען, למשל, זאָלן זיך נעמען צו די רוימער פון העליאָהאָבאַלס[15] צייטן רעפּובליקאַנישע זיטן? איז דען נישט באַשיינפּערלעך קלאָר, אַז די זיטן פון די רוימער אין די צייטן פון דער אימפּעריע האָבן מיט זיך געדאַרפט פאָרשטעלן פונקט דאָס קעגנזעצלעכע צו די אַלטע רעפּובליקאַנישע זיטן? און אויב דאָס איז קלאָר, קומען מיר צום אַלגעמיינעם אויספיר, אַז די מלוכהשע אָרדנונג איז צוגעפּאַסט צו די זיטן; די זיטן ווידער — צו דער מלוכה-אָרדנונג. אָבער דאָס איז דאָך אַ סתירהדיקער אויספיר. וואַרשיינלעך, זענען מיר צו אים געקומען צוליב דער פאַלשקייט פון דער, אָדער יענער טעזע אונזערער. אדרבה, פון וועלכער? וויפל איר זאָלט נישט ברעכן דעם קאָפּ, וועט איר נישט געפינען קיין פאַלשקייט נישט אין דער נישט אין דער אַנדערער: זיי זענען ביידע פעסט, ווייל די זיטן פון יעדן פאָלק ווירקן, באמת, אויף זיין מלוכהשער איינאָרדנונג, און אין דעם זין זענען זיי איר סיבה, און פון דער צווייטער זייט ווערן זיי אַליין אויסגעבילדעט דורך דער מלוכה-אָרדנונג און שטעלן מיט זיך פאָר איר רעזולטאַט. וואוזשע יז דער אויסוועג? געוויינלעך, באַפרידיקן זיך מענטשן, ביי אַזעלכע מיני פראַגן, מיט דער אַנטדעקונג פון קעגנזייטיקער ווירקונג: די זיטן ווירקן אויף דער קאָנסטיטוציע און די קאָנסטיטוציע אויף די זיטן, — אַלץ ווערט קלאָר ווי דער טאָג און די מענטשן, וועלכע ווילן זיך נישט לאָזן צופרידנשטעלן מיט אַזאַ מין קלאָרקייט, ווייזן אַרויס דערמיט אַ נייגונג צו איינזייטיקייט, וואָס ווערט דורך אַלעמען פאַראורטיילט. אַזוי האַלט ביי היינטיקן טאָג כמעט אונזער גאַנצע אינטעליגענץ. זי קוקט

אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאַנדפונקט פון קעגנ־זייטיקער ווירקונג: יעדע זייט פון לעבן ווירקט אויף אַלע איבעריקע, און זי ווידער ווערט באַווירקט דורך זיי אַלע. אַט אַזאַ קוק איז ראוי פאַר אַ דענקנדיקן „סאָציאָלאָג“, און ווען עמיצער, ווי די מאַרקסיסטן, פרובט דערגרונטעוועז די טיפערע סיבות פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, זעט ער פשוט נישט, ווי שטאַרק קאָמפּליצירט עס איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. די פראַנצויזישע אויפקלערער זענען אויך געווען נוטה צו דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט, ווען זיי פלעגן דערשפּירן אַ באַדערפעניש צו ברענגען אין אָרדנונג זייערע אָנשויאונגען אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן, צו לעזן זייערע סתירות. די סאַמע סיס־טעמאַטישע גייסטער צווישן זיי (איך רעד דאָ נישט וועגן רוסאָ (16), וועלכער האָט בכלל זייער ווייניק געמיינזאַמעס מיט די אויפקלערער) זענען ווייטער נישט אַוועק. אַזוי, למשל, האַלט זיך ביי אַזאַ שטאַנדפונקט פון קעגנזייטיקער ווירקונג מאָנטעסקיע (17) אין זיינע באַרימטע ווערק: „Grandeur et Décadence des Romains“ און „De l'Esprit de lois“ *) און דאָס איז, נאַטירלעך, אַ ריכטיקער שטאַנדפונקט. עס עקזיסטירט, אָן קיין שום ספק, אַ קעגנזיי־טיקע ווירקונג צווישן אַלע זייטן פונם גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. צום באַדויערן דערקלערט דער־דאָזיקער ריכטיקער שטאַנדפונקט זייער און זייער ווייניק פשוט צוליב דעם, ווייל ער גיט נישט קיינע אָנווייזונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די קעגנזייטיק־ווירקנדיקע

---

*) האַלבאַך אין זיין „Politique naturelle“ שטייט אויפן שטאַנד־פונקט פון קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן די זיטן און דער מלוכה־אָרדנונג. נאָר אַזוי, ווי אים קומט דאָרט אויס צו האָבן צו טאָן מיט פּראַקטישע פראַגן, פאַרפירט אים דערדאָזיקער שטאַנדפונקט אין אַ פאַרפישופּזן קרייז: כדי צו פאַרבעסערן די זיטן, דאַרף מען פאַרפולקאָמענען די מלוכה־אָרדנונג, און כדי אויסצובעסערן די מלוכה־אָרדנונג מוז מען פאַרבעסערן די זיטן. האָלבאַכן פירט ארויס פון אָט אָ דעם קרייז דער געגאַרטער דורך אַלע אויפקלערער bon prince (18), וועלכער באַווייזט זיך אַלס deus ex machina (19), און לעזט די סתירה, — פאַר־בעסערנדיק, הן די זיטן, הן די מלוכה־אָרדנונג.

כּוחות. אויב די מלוכה-אָרדנונג טוט אַליין פאָרויסזעצן די זיטן, אויף וועלכע זי ווירקט, הייסט עס, אַז נישט איר האָבן די זיטן צו פאַרדאַנקען זייער ערשטע דערשיינונג. דאָס-זעלבע דאַרף אויך געזאָגט ווערן וועגן די זיטן; אויב זיי זעצן שוין פאָרויס די מלוכה-אָרדנונג, אויף וועלכער זיי ווירקן, איז קלאָר, אַז נישט זיי האָבן זי געשאַפן. כּדי פּטור צו ווערן פון דעמדאָזיקן פלאָנטער, מוזן מיר געפינען יענעם היסטאָרישן פאַקטאָר, וועלכער האָט אויסגעבילדעט סיי די זיטן פונם באַ-טרעפנדיקן פאָלק, סיי זיין מלוכה-אָרדנונג, און האָט דערמיט געשאַפן די מעגלעכקייט גופא פון זייער קעגנזייטיקער ווירקונג. אויב מיר וועלן געפינען אַזאַ פאַקטאָר, וועלן מיר אַנטפּלעקן דעם געזוכטן ריכטיקן שטאַנדפּונקט, און דאַן וועלן מיר אָן באַזונדערע שוועריקייטן לייזן די סתירות, וואָס מאַטערן אונז.

לגבי דער גרונט-סתירה פונם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם באַטייט עס אָט וואָס: עס האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, ווען זיי האָבן, ווידערשפּרעכנדיק זייער געוויינלעכן קוק אויף דער געשיכטע, געזאָגט, אַז אידעען זענען גאָרנישט, ווייל די סביבה איז אַלץ. נישט ווייניקער טעותדיק איז אויך דערדאָזיקער געוויינלעכער קוק זייערער אויף דער געשיכטע (c'est l'opinion qui guverne le monde), וועלכער פּראָקלאַמירט די מיינונגען פאַר דער הויפּט- און גרונט-סיבה פון דער עקזיסטענץ פון יעדער געזעל-שאַפטלעכער סביבה. צווישן די מיינונגען און דער סביבה עקזיסטירט בלי-ספק אַ קעגנזייטיקע ווירקונג. אָבער אַ וויסנשאַפט-לעכע אויספאָרשונג קען נישט בלייבן שטיין ביי דער אָנער-קענונג פון דערדאָזיקער קעגנזייטיקער ווירקונג, ווייל די קעגנזייטיקע ווירקונג דערקלערט אונז נאָך לגמרי נישט די געזעל-שאַפטלעכע דערשיינונגען. כּדי צו פאַרשטיין די געשיכטע פון דער מענטשהייט, — ד. ה., אין געגעבענעם פאַל, די געשיכטע פון אירע מיינונגען, פון איין זייט, און די געשיכטע פון יענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, וועלכע זי האָט דורכגעמאַכט אין משך פון איר אַנטוויקלונג, פון דער אַנדער זייט, — דאַרף מען זיך אויפהויבן העכער, איבערן שטאַנדפּונקט פון קעגנזיי-

טיקער ווירקונג, מ'מוז אויסגעפינען, אויב ס'איז מעגלעך, יע־נעם פאַקטאָר, וועלכער באַשטימט סיי די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה, סיי די אַנטוויקלונג פון די מיינונגען. די אויפגאַבע פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט פונם XIX יאָרהונדערט איז טאַקי באַשטאַנען אין דער אויסגעפינונג פון דעמדאָזיקן פאַקטאָר.

די וועלט ווערט רעגירט דורך מיינונ־גען. אָבער די מיינונגען בלייבן דאָך נישט אומפאַרענדערט. פון וואָס זענען אָפּהענגיק זייערע ענדערונגען? „פון דער פאַר־שפרייטונג פון אויפקלערונג" — האָט נאָך אין XVII יאָרהונ־דערט געענטפערט ליאַ-מאָט-לע-וועיע (20). דאָס איז דער סאַמע אַבסטראַקטער און סאַמע אויבנאויפיקער אויסדרוק פונם געדאַנק וועגן דער הערשאַפט פון די מיינונגען איבער דער וועלט. די אויפקלערער פון XVIII יאָרהונדערט האָבן זיך פעסט אָן אים געהאַלטן, דערגאַנצנדיק אים אָפט מיט מעלאַנ־כאָלישע באַטראַכטונגען וועגן דעם, אַז דער גורל פון דער אויפקלערונג איז אַזאַ, אַז זי האָט, צום באַדויערן, בכלל שוואַכע האָפנונגען. אָבער ביי די מער טאַלאַנטפולערע צווישן זיי לאָזט זיך שוין מערקן דאָס באַוואוסטזיין פון דער נישט-גענוגנדיקייט פון אַזאַ קוק. העלוועציוס באַמערקט, אַז די אַנטוויקלונג פון די קענטעניש פאַלט אונטער געוויסע געזעצן און, פאָלגלעך, עקזיסטירן עפּעס פאַרבאָרגענע, נישט-באַקאַנטע סיבות, פון וועלכע זי איז אָפּהענגיק. ער מאַכט אַ העכסט אינטערעסאַנטן, ביז איצט נאָך נישט דערשאַצטן, פּרווו צו דערקלערן די געזעל־שאַפטלעכע און אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פון דער מענטש־הייט מיט אירע מאַטעריעלע נויטן. דערדאָזיקער פּרווו האָט זיך געענדיקט, און צוליב אַסאַך סיבות האָט ער נישט געקאָנט זיך נישט ענדיקן, מיט אַ מיסדערפאָלג, ער איז אָבער איבערגעבליבן, ווי אַ צוואה פאַר יענע דענקער פון דעם שפּעטערדיקן יאָרהונדערט, וועלכע וואָלטן געוואָלט פאָרזעצן דאָס ווערק פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן.

קאפיטל II

די פראנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאווראַציע-צייטן

„איינער פון די וויכטיקסטע אויספירן, וועלכע מען קען מאַכן אויפן יסוד פון דער געשיכטע-פאָרשונג, איז, אַז די רע-גירונג איז דיווירקלעכסטע סיבה פונם פאָלקס-כאַראַקטער; אַז די מעלות און די חסרונות פון די נאַציעס, זייער ענערגיע אָדער זייער שוואַכקייט, זייערע טאַלאַנטן, זייער בילדונג אָדער זייער אַמעראַצעס, זענען כמעט קיינמאָל נישט קיין רעזולטאַט פונם קלימאַט אָדער פון די אייגנשאַפטן פון דער באַטרעפנדי-קער ראַסע; די נאַטור גיט אַלעמען אַלץ, און די רעגירונ-גען האַלטן אויף, אָדער זיי פאַרניכטן ביי זייערע אונטערטאַ-נען יענע אייגנשאַפטן, וועלכע שטעלן מיט זיך, אורשפרינגלעך, פאַר דאָס אַלגעמיינע פאַרמעגן פונם מענטשלעכן מין". אין איטאַליע זענען נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונגען נישט אינם קלימאַט, נישט אין דער ראַסע (דער צופלוס פון די באַרבאַרן (21) איז געווען אַ צו-אומבאַדייטנדיקער, אויף צו ענדערן אירע אייגנשאַפטן): „די נאַטור איז געווען דיזעלביקע פאַר די אי-טאַליענער פון אַלע צייטן; געענדערט האָבן זיך בלויז די רע-גירונגען — און דידאָזיקע ענדערונגען זענען תמיד געווען די פאָרגענגער פון די ענדערונגען אינם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אָדער זייערע באַגלייטער".

מיט די ווערטער האָט סיסמאָנדי (22) באַקעמפט די לערע, וועלכע האָט דעם היסטאָרישן גורל פון פעלקער גע-

מאַכט אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון דער געאָגראַפישער סביבה *)׳ זיינע קעגן-אַרגומענטן זענען נישט אומבאַגרינדעט. אינדעראמתן׳ קלערט די געאָגראַפיע נישט אַלץ אויף אין דער געשיכטע, שוין צוליב דעם, ווייל עס איז געשיכטע, ד. ה. ווייל, לויט סיסמאָנדיס אויסדרוק, ענדערן זיך די רעגירונגען, נישט געקוקט דערויף, וואָס די געאָגראַפישע סביבה בלייבט אָן אומ׳ פאַרענדערלעכע. נאָר דאָס איז אגב-אורחא; אונז אינטערעסירט דאָ גאָר אַן אַנדער פראַגע.

דער לעזער האָט שוין, וואַרשיינלעך, באַמערקט, אַז אַנט׳ קעגנשטעלנדיק די אומפאַרענדערלעכקייט פון דער געאָגראַפישער סביבה דער פאַרענדערלעכקייט פון די היסטאָרישע גורלות פון פעלקער, שרייבט סיסמאָנדי צו דידאָזיקע גורלות צו איין גרונט-פאַקטאָר: „צו דער רעגירונג‟, ד. ה. צו דער פּאָ׳ ליטישער אָרדנונג פונם באַטרעפנדיקן לאַנד. דער כאַראַקטער פון אַ פאָלק ווערט באַשטימט לויטן כאַראַקטער פון דער רעגירונג. אמת, אַרויסזאָגנדיק קאַטעגאָריש דידאָזיקע הנחה, מאַכט זי סיסמאָנדי תּיכף גאַנץ-וועזנטלעך ווײ׳ כער: פּאָליטישע ענדערונגען, זאָגט ער, זענען געווען פאָרגעגנ׳ גער פון ענדערונגען פונם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אָדער זייערע באַגלייטער. דאָ קומט שוין אויס, אַז עס טרעפט, אַז דער כאַראַקטער פון דער רעגירונג ווערט באַשטימט לויטן כאַ׳ ראַקטער פון פאָלק. אָבער אין דעם פאַל שטויסט זיך אָן סיס׳ מאָנדיס היסטאָרישע פילאָזאָפיע אויף דער אונז שוין באַקאַנטער סתירה, וועלכע האָט באַאומרואיקט די פראַנצויזישע אויפקלערער: די זיטן פונם באַטרעפנדיקן פאָלק זענען אָפּהענגיק פון זיין פּאָליטישער אָרדנונג; די פּאָליטישע אָרדנונג איז אָפּהענגיק פון די זיטן. סיסמאָנדי׳ איז פונקט אַזוי נישט געווען מסוגל צו לעזן דידאָזיקע סתירה, ווי די אויפקלערער: ער איז געווען געצוואונגען צו לייגן אין יסוד פון זיינע אָפּהאַנדלונגען, לויט דער ריי נאָך, ביידע טיילן פון דערדאָזיקער אַנטינאָמיע. אָבער, ווי ס׳זאָל נישט זיין, אָפּ׳

*) „Histoire des Républiques italiennes du moyen âge“. Nouvelle édition, t. I. Paris, Introduction, pp. V—VI.

שטעלנדיק זיך אויף איינעם פון זיי, נעמלעך, אויף יענעם וועלכער זאָגט, אַז דער כאַראַקטער פון אַ פאָלק איז אָפּהענגיק פון זיין רעגירונג, האָט ער צוגעגעבן דעם באַגריף פון רעגירונג אַן איבערטריבן-ברייטע באַדייטונג: זי האָט ביי אים אַרומגענומען לחלוטין אַלע איינגשאַפטן פון דער באַטרעפנדיקער סאָציאַלער סביבה, אַלע אייגנטימלעכקייטן פון די באַטרעפנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן. גענויער,—ביי אים זענען אַבסאָלוט אַלע אייגנשאַפטן פון דער באַטרעפנדיקער סאָציאַלער סביבה אַ זאַך פון דער „רעגירונג", אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער אָרדנונג. דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פונם VIII יאָרהונדערט. ווען די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן האָבן געוואָלט אויסדריקן קורץ און שאַרף זייער איבערצייגונג בנוגע דער אַלמעכטיקער השפּעה פון דער אַרומיקער סביבה אויף אַ מענטש, פלעגן זיי זאָגן: C'est la legislation gui tait tout (אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער געזעצגעבונג). און ווען זיי האָבן געזאָגט געזעצגעבונג, האָבן זיי אין זינען געהאַט כמעט אויסשליסלעך די פּאָליטישע געזעצגעבונג, די מלוכה-אָרדנונג. צווישן די ווערק פונם באַרימטן זש. ב. וויקאָ (23) איז פאַראַן אַ קליינע אָפּהאַנדלונג אונטערן נאָמען: „אַ פּרווו פון אַ יוריספּרודענץ-סיסטעם, וואו דאָס ציוויל-רעכט פון די רוימער ווערט דערקלערט מיט זייערע פּאָליטישע רעוואָלוציעס *). כאָטש דער

---

*) מיר ווייסן איבער דעם נאָמען פון דער אָפּהאַנדלונג פון פראַנצויזיש און מיר איילן דערביי צו באַמערקן, אַז די אָפּהאַנדלונג גופא איז אונז באַקאַנט בלויז דורך עטלעכע פראַנצויזישע אויסצוגן פון איר. דעם איטאַליענישן אָריגינאַל האָבן מיר נישט געקענט באַקומען, ווייל, אויף וויפל מיר ווייסן, איז זי געווען אָפּגעדרוקט בלויז אין איין אויסגאַבע פון וויקאָס ווערק (1818); זי איז שוין נישטאָ אין דער זעקסבענדיקער מילאַנער אויסגאַבע פון 1835. אגב, אין דעם פאַל איז פאַר אונז וויכטיק נישט, וויאַזוי וויקאָ דערפילט זיין אויפגאַבע, נאָר, וואָס פאַר אויפגאַבע האָט ער זיך געשטעלט. לאָמיר שוין אויך פאַרלויפן דעם וועג איין פאָרוואורף, וועלכן אונזערע קריטיקער וועלן מן-הסתם איילן זיך צו מאַכן: „איר באַנוצט אָן אונטערשיד די אויסדרוקן „אויפקלערער" און „מאַטעריאַליסטן" וועט מען אונז זאָגן, בעת נישט אַלע „אויפקלערער" זענען געווען מאַטעריאַליסטן;

דאָזיקער „פּרווו“ איז אָנגעשריבן געוואָרן אין סאַמע אָנהויב פון XVIII יאָרהונדערט. אָבער די מיינונג, וועלכע ער דריקט אויס וועגן דער באַציאונג פונם ציוויל־רעכט פון דער מלוכה־אָרדנונג, האָט געהערשט ביז דער פראַנצויזישער רעסטאַווראַציע; די אויפקלערער פלעגן אַליין דערפירן צו „פּאָליטיק“.

אָבער די פּאָליטישע טעטיקייט פונם „געזעצגעבער“ איז יעדנפאַלס אַ באַוואוסטזיניקע טעטיקייט, כאָטש, פאַרשטייט זיך, נישט תמיד קיין צוועקמעסיקע. די באַוואוסטזיניקע טעטיקייט פון אַ מענטשן הענגט אָפּ פון זיינע „מיינונגען“. אַזויאַרום פלעגן די פראַנצויזישע אויפקלערער, אומבאַמערקבאַר פאַר זיך אַליין, זיך אומקערן צום געדאַנק וועגן דער אַלמעכטיקייט פון די מיינונגען אַפילו דאַמאָלס, ווען זיי פלעגן וועלן קלאָר אויסדריקן דעם געדאַנק וועגן דער אַלמעכטיקייט פון דער סביבה.

סיסמאָנדי שטייט נאָך אויפן שטאַנדפּונקט פון XVIII יאָרהונדערט *). די יינגערע פראַנצויזישע היסטאָריקער האַלט זיך שוין ביי אַנדערע אָנשויאונגען.

דער גאַנג און דער אויסגאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט אירע סיורפּריזן, וועלכע האָבן דערשטוינט די סאַמע „אויפגעקלערטע“ דענקער, זענען געווען אַן אָנשוילעכע אַפּלייקענונג פונם געדאַנק וועגן דער אַלמעכטיקייט פון מיינונגען. דאַמאָלס האָבן זיך אַסאַך מענטשן בכלל אַנטוישט אין דעם כוח פונם „שכל“, און די אַנדערע, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דער אַנטוישונג, האָבן אָנגעהויבן נאָך מער נוטה צו זיין אויפצונעמען דעם געדאַנק וועגן דער אַלמעכטיקייט פון דער סביבה און צו שטודירן דעם גאַנג פון איר אַנטוויקלונג.

אַסאַך פון זיי, למשל, וואָלטער, האָבן הייס באַקעמפט די מאַטעריאַליסטן“. אַזוי איז עס, אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט שוין העגעל אויפגעוויזן, אַז די אויפקלערער, וועלכע האָבן באַקעמפט דעם מאַטעריאַליזם זענען אַלייז געווען גישטקאָנסעקווענטע מאַטעריאַליסטן.

*) ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון די איטאַליענישע רעפּובליקן נאָך אין יאָר 1796.

אָבער אויך אויף דער סביבה האָט מען אין די צייטן פון רעסטאַווראַציע אָנגעהויבן קוקן פון אַ נייעם שטאַנדפּונקט. די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן האָבן אַזוי אָפּגעלאַכט הן פון די „געזעצגעבער", הן פון די פּאָליטישע קאָנסטיטוציעס, אַז ס'איז שוין איצט אויסגעקומען משונהדיק צו פאַררעכענען אויף זייער חשבון, אַלס אויף אַ גרונט-פאַקטאָר, אַלע אייגנשאַפטן פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה; איצט האָט מען גענומען באַטראַכטן די פּאָליטישע קאָנסטיטוציעס אַלס אַ ר ע ז ו ל ט אַ ט, און נישט אַלס אַ ס י ב ה.

„אַ גרויסער טייל שריפטשטעלער, געלערטע, היסטאָריקער, אָדער פּובליציסטן, — זאָגט ג י ז אָ (24), אין זיינע „Essais sur l'histoire de France"*), — האָט זיך באַמיט צו דערקלערן דעם באַטרעפנדיקן מצב פון דער געזעלשאַפט, די מדרגה אָדער דעם אַרט פון איר ציוויליזאַציע מיט די פּאָליטישע אינסטי-טוציעס פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט. עס וואָלט געווען גלייכער אָנצוהויבן פון דער שטודירונג פון דער געזעלשאַפט גופא, כדי מ'זאָל דערקענען און פאַרשטיין אירע פּאָליטישע אינסטי-טוציעס. איידער זיי ווערן אַ סיבה, זענען די אינסטיטוציעס אַ רעזולטאַט; די געזעלשאַפט שאַפט זיי פריער איידער זי הויבט זיך אָן ענדערן אונטער זייער איינפלוס; און אַנשטאָט דעם, מ'זאָל אורטיילן וועגן צושטאַנד פון פאָלק לויט זיינע רעגירונג-פאָרמען, דאַרף מען, קודם-כל, אויספאָרשן דעם צושטאַנד פון פאָלק, כדי מ'זאָל אורטיילן, וואָס פאַר אַ רעגירונג וואָלט געדאַרפט זיין, וואָלט געקאָנט זיין... די געזעלשאַפט, איר צו-זאַמענשטעל, דער לעבנשטייגער פון איינצלנע פערזאָנען אָפּהענגיק פון זייער סאָציאַלן מצב, די באַציאונגען פון פאַרשיידע-נע קלאַסן, בקיצור, ד ע ר צ י וו י ל ע ר ל ע ב נ ש ט יי ג ע ר פ ו ן ד י מ ע נ ט ש ן (L'etat des personnes), — דאָס איז, בלי-ספק, די ערשטע פראַגע, וואָס ציט צו זיך צו די אויפמערקזאַמקייט פונם היסטאָריקער, וועלכער וויל וויסן, ווי

---

*) זייער ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אין יאָר 1821.

אַזוי פעלקער האָבן געלעבט, און פונם פּובּליציסט, וואָס וויל
וויסן, ווי אַזוי זיי זענען רעגירט געוואָרן״ *).
דאָס איז אַ שטאַנדפּונקט — פּשוט אַ קעגנזעצלעכער צו
וויקאָס שטאַנדפּונקט. בּיי יענעם דערקלערט זיך די געשיכ-
טע פונם ציוויל-רעכט מיט די פּאָליטישע רעוואָלוציעס, בּיי
גיזאָען דערקלערט זיך די פּאָליטישע אָרדנונג מיטן ציווילן
לעבּנשטייגער, ד. ה. מיטן ציוויל-רעכט. אָבּער דער פראַנצוי-
זישער היסטאָריקער גייט נאָך ווייטער בּיים אַנאַליז פונם „געזעל-
שאַפטלעכן צוזאַמענשטעל״. לויט זיינע ווערטער קומט אויס,
אַז בּיי אַלע פעלקער, וועלכע האָבּן זיך בּאַוויזן אויף דער
היסטאָרישער סצענע נאָכן פאַלן פון דער מערבדיקער רוימי-
שער אימפּעריע (25), איז געשטאַנען דער „ציווילער לעבּנ-
שטייגער״ פון די מענטשן אין אַן ענגערן צוזאַמענבּונד מיט
די באָדן- און ערד-פּאַרהעלטנישן (état des ter-
res) און דעריבּער דאַרף דאָס שטודירן זייערע בּאָדן- און ערד-
פּאַרהעלטנישן קומען פריער פאַר דעם שטודירן זייער ציווילן
לעבּנשטייגער: „כּדי צו פאַרשטיין די פּאָליטישע אינסטיטוציעס,
דאַרף מען שטודירן די פאַרשיידענע שיכטן, וועלכע זענען
פאַראַן אין דער געזעלשאַפט, און זייערע קעגנזייטיקע בּאַצי-
אונגען. כּדי צו פאַרשטיין דידאָזיקע פאַרשיידענע געזעלשאַפט-
לעכע שיכטן, דאַרף מען קענען די נאַטור פון די בּאָדן- און
ערד-פאַרהעלטנישן״ **). פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט שטודירט
גיזאָ די געשיכטע פון פראַנקרייך פאַר דער צייט פון די
ערשטע צוויי דינאַסטיעס. זי איז בּיי אים די געשיכטע פונם
קאַמף פון די פאַרשיידענע שיכטן אין דער דאַמאָלסדיקער גע-
זעלשאַפט. אין זיין געשיכטע פון דער ענגלישער רעוואָלוציע
מאַכט ער נאָך אַ טריט פאָרויס, שילדערנדיק דידאָזיקע גע-
שעעניש, ווי אַ קאַמף פון דער בּורזשואַזיע קעגן דער אַריס-
טאָקראַטיע, און שטילערהייט מודה-זייענדיק, אַזויאַרום, אַז צו
דער אויפקלערונג פון דעם פּאָליטישן לעבּן פונם בּאַטרעפנדיקן
לאַנד דאַרף מען שטודירן נישט בּלויז זיינע בּאָדן- און ערד-

*) „Essais“. dixieme édition, Paris, 1860. pp. 73-74.
**) Lbid. p. 75-76,

פאַרהעלטנישן, נאָר אויך די גאַנצע פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן בכלל *).

אַזאַ קוק אויף דער פּאָליטישער געשיכטע פון אייראָפּע האָט דאַמאָלס נישט געהערט אויסשליסלעך צו ג י ז אָ ע ן. ביי דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט האָבן זיך אויך געהאַלטן אַסאַך אַנדערע היסטאָריקער, פון וועלכע מיר וועלן אָנווייזן אויף אָ ג י ו ס ט ע ן ט י ע ר י (26) און מ י נ י ע ן(27).

אין זיינע „Vues des révolution d'Angleterre"

---

*) דער קאמף פון די רעליגיעזע און פּאָליטישע פּאַרטייען אין ענגלאַנד פון זיבעצנטן יאָרהונדערט „האָט פאַרדעקט מיט זיך די סאָציאַלע פראַגע, דעם קאַמף פון פאַרשיידענע קלאַסן פאַר מאַכט און השפעה. אמת, אין ענגלאַנד זענען דידאָזיקע קלאַסן נישט געווען אַזוי שאַרף אָפּגעגרענעצט איינער פון אַנדערן און נישט אַזוי פיינדלעך געשטימט איינער צום אַנדערן, ווי אין אַנדערע לענדער. דאָס פאָלק האָט נישט פאַרגעסן, אַז די מעכטיקע באַראָנען האָבן געקעמפט נישט בלויז פאַר זייער אייגענער פרייהייט, נאָר אויך פאַר דער פאָלקס-פרייהייט. די דאָרפישע פריצים און די שטאָטישע בורזשואַזן זענען אין משך פון דריי יאָרהונדערטן געזעסן צוזאַמען אין פּאַרלאַמענט אין נאָמען פון די ענגלישע געמיינדעס. אָבער אין פאַרלויף פון לעצטן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די כוחות-פאַרהעלטנישן פון די פאַרשיידענע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט, וועלכע זענען נישט באַגלייט געוואָרן מיט די אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען אין דער פּאָליטישער אָרדנונג... די בורזשואַזיע, דאָס דאָרפישע פריצנטום, די פּערמעס און די קליינע גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין די דאַמאָלדיקע דערפער, האָבן נישט געהאַט אויפן גאַנג פון די געזעלשאַפטלעכע ענינים יענע ווירקונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זייער געזעלשאַפטלעכער ראָל. זיי זענען אויסגעוואַקסן, אָבער נישט דערהויבן געוואָרן. דערפון האָט זיך גענומען אין דעמדאָזיקן שיכט, פונקט ווי אויך אין אַנדערע שיכטן, וועלכע זענען געלעגן נאָך נידעריקער פון אים, דער גוואַלטיקער גייסט פון אייגנליבע, וועלכער איז גרייט זיך אָנצוכאַפּן אָנם ערשטן בעסטן מאָטיוו, כדי שטורמיש צו דערשיינען". Discours sur l'his toir de la révolution d'Angleterre, Berlin, 1850 pp. 9-10.

פאַרגלייך ביי דעמזעלבן מחבר אַלע זעקס בענדער, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער ערשטער ענגלישער רעוואָלוציע און די אָפּהאַנדלונגען איבערן לעבן פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע טוער פון יענער צייט. גיזאָ גייט דאָרטן זעלטן אָוועק פונם שטאַנדפונקט פון קלאַסנקאַמף.

שילדערט אָגיוסטין טיערי די געשיכטע פון די ענגלישע רעוואָלוציעס, ווי אַ קאַמף פון דער בורזשואַזיע מיט דער אַריסטאָקראַטיע. „יעדער איינציקער, וועמענס אבות עס האָבן אַמאָל געהערט צו זער מחנה פון ענגלאַנדס דעראָבערער, — זאָגט ער וועגן דער ערשטער רעוואָלוציע — האָט פאַרלאָזן זיין שלאָס און איז אַוועקגעפאָרן אין קעניגלעכן לאַגער, וואו ער האָט פאַרנומען אַן אָרט, וואָס האָט אַנטשפּראָכן זיין שטאַנד. די שטאָט-איינוואוינער זענען מאַסנווייז געגאַנגען אין קעניגלעכן לאַגער אַריין. דאַן האָט מען געקענט זאָגן, אַז די אַרמייען האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן — איינע אין נאָמען פון ליידיקגייערישקייט און מאַכט, די צווייטע אין נאָמען פון אַרבעט און פרייהייט. אַלע ליידיקגייער, פון וואָס פאַר אַן אָפּשטאַמונג זיי זאָלן נישט זיין, די אַלע, וועלכע האָבן געזוכט אין לעבן בלויז לייכטע פאַרגעניגנס, האָבן זיך געשטעלט אונטער די קעניגלעכע פענער, פאַרטיידיקנדיק אינטערעסן, ענלעכע צו זייערע אייגענע אינטערעסן; און פאַרקערט, יענע איינינקלעך פון די ערשטע דעראָבערער, וועלכע האָבן זיך דאַמאָלס פאַרנומען מיט אינדוסטריע, האָבן זיך פאַרייניקט צו דער פאַרטיי פון די געמיינדעס" *).

די רעליגיעזע באַוועגונג פון יענער צייט איז געווען, לויט טיעריס מיינונג, בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון ממשותדיקע לעבנאינטערעסן. „פון ביידע זייטן האָט זיך געפירט די מלחמה פאַר ממשותדיקע אינטערעסן. דאָס איבעריקע איז געווען אַן אויסערלעכקייט אָדער אַ תירוץ. די, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די אונטערטאַנען זענען געווען אין גרעסטן טייל פּרעסביטעריאַנער (28), ד. ה. זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין שום אונטערטעניקייט אַפילו אין דער רעליגיע. די, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קעגנערישער פאַרטיי האָבן געהערט צום אַנגליקאַנישן אָדער צום קאַטוילישן גלויבן; דאָס איז דערפאַר, ווייל אַפילו אויפן רעליגיעזן געביט האָבן זיי געשטרעבט צו מאַכט און אַרויפצולייגן אויף די

---

*) Dix ans d'Etudes historiques, זעקסטער באַנד פון דער פולער אויסגאַבע פון טיעריס געזאמלטע ווערק, צענטע אויפלאַגע, ז. 66.

מענטשן שטייערן". טיערי ציטירט דערביי פּאָלגנדיקע ווערטער
פון פּ אָ ק ס (29) פון זיין History of the reign of James„
the Second„ אויף אַלע רעליגיעזע מיינונגען האָבן די ווי-
געס (30) געקוקט מיט אויגן פון פּאָליטיקער. אַפילו זייער
שנאה צום פּאַפּיזם האָט זיך גענומען נישט אַזוי צוליב אַבער-
גלויבנס אָדער צוליב דער אַזויגערופענער געצנדינערײַ פון
דערדאָזיקער פּאָפּולערער סעקטע, ווי צוליב זייערע שטרעבונגען
אויפצושטעלן אַן אַבסאָלוטע מאַכט אין דער מלוכה".

לויט דער מיינונג פון מ י נ י ע, בילדעט זיך אויס די
געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג לויט די הערשנדיקע אינטערעסן.
דורך פאַרשיידענע מכשולים שטרעבט דידאָזיקע באַוועגונג צו
איר ציל, זי שטעלט זיך אָפּ, ווען דער ציל איז דערגרייכט,
און טרעט אָפּ איר אָרט פאַר אַן אַנדער באַוועגונג, וועלכע איז
צום אָנהויב אומבאַמערקבאַר און זי באַווייזט זיך ערשט דאַן,
ווען זי הויבט אָן צו זיין די הערשנדיקע. אַזאַ איז געווען דער
אַנטוויקלונגס-גאַנג פונם פעאָדאַליזם. דער פעאָדאַליזם האָט עקזיס-
טירט אין די נויטן פון די מענטשן, נאָך נישט עקזיסטירנדיק פּאַקטיש,—
דאָס איז די ערשטע עפּאָכע; אין דער צווייטער עפּאָכע האָט
ער עקזיסטירט פאַקטיש, אויפהערנדיק נהדרגהדיק צו אַנט-
שפּרעכן די נויטן, צוליב וואָס, עס האָט דערנאָך אויפגעהערט
אויך זיין פאַקטישע עקזיסטענץ. קיין איין רעוואָלוציע איז נאָך
נישט פאָרגעקומען אויף אַן אַנדער אופן" *).

אין זיין געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע
קוקט מ י נ י ע אויף די געשעענישן פונם שטאַנדפּונקט פון די
„נויטן" פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. דער קאַמף
פון דידאָזיקע קלאַסן שטעלט ביי אים פאָר די הויפּט-שפּרינג-
פעדער פון די פּאָליטישע געשעענישן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ
שטאַנדפּונקט האָט נישט געקאָנט זיין לויטן געשמאַק פון די
עקלעקטיקער (31), אַפילו אין יענער אַלטער גוטער צייט, ווען
זייערע קעפּ האָבן געאַרבעט אַסאַך מער, ווי זיי אַרבעטן איצט.

*) De la Féodalité, des Institutions de St.-Louis et de l'influence de la legistation de ce prince. Paris, 1822, pp. 76-77.

די עקלעקטיקער האָבן פאַרגעוואָרפן די אָנהענגער פון די נייע היסטאָרישע טעאָריעס אַ נייגונג צו פּאַטאַליזם, אַ באַזונדער נטיה צו אַ סיסטעם (esprit de systeme). ווי עס טרעפט תמיד אין אַזעלכע פאַלן, האָבן די עקלעקטיקער גאָרנישט באַמערקט די ווירקלעך-שוואַכע זייטן פון די נייע טעאָריעס, באַר דערפאַר זענען זיי מיט אַ שטאַרקערער ענערגיע אָנגעפאַלן גראָד אויף די, אָן ספק, שטאַרקע זייטן. אגב, דאָס איז אַזוי אַלט, ווי די וועלט, און דעריבער איז עס ווייניק אינטערעסאַנט. אַסאַך אינטערעסאַנטער איז דער פאַקט, וואָס דידאַזיקע נייע אָנשויאונגען האָט פאַרטיידיקט דער סען-סימאָניסט (32) באַזאַר (33), איינער פון די גלענצנדיקסטע פאָרשטייער פונם דאַמאָלסדיקן סאָציאַליזם.

באַזאַר האָט נישט געהאַלטן, אַז מיניעס בוך וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אינגאַנצן אָן פעלערן. צווישן אַנדערע האָט ער געהאַלטן פאַר אַ חסרון, וואָס ער שילדערט די באַשריבענע געשעענישן, אַלס באַזונדערע פאַקטן, וועלכע שטייען נישט אין קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט „יענער לאַנגער קייט פון אָנשטרענגונגען, וועלכע האָט געדאַרפט, אָראָפוואַרפנ־דיק די אַלטע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, פאַרלייכטערן די איינ־שטעלונג פון אַ נייע אָרדנונג". אָבער אין בוך זענען אויך פאַראַן בלתי־ספקדיקע מעלות „דער מחבר האָט זיך אונטערגענ־בומען פאַר אַ ציל צו כאַראַקטעריזירן יענע פאַרטייען, וועלכע פירן אָן, איינע נאָך דער אַנדערער, מיט דער רעוואָלוציע, אויס־צוגעפינען דעם צוזאַמענבונד פון דידאָזיקע פאַרטייען מיט די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, אויפצווייזן וואָס, אייגנט־לעך, פאַר אַ קייט פון געשעענישן שטעלט זיי, איינע נאָך דער צווייטער, אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, און ווי אַזוי זיי פאַר־שווינדן צום סוף". דערזעלבער „גייסט פון סיסטעם און פאַ־טאַליזם", וועלכן די עקלעקטיקער האָבן פאַרגעוואָרפן די היס־טאָריקער פון דער נייער ריכטונג, שיידט אָפּ צום גוטן, לויט באַזאַרס מיינונג, די ווערק פון גיזאָ און מיניע פון די שאַפונגען פון די „היסטאָריקער־ליטעראַטן (ד. ה. היסטאָריקער, וועלכע דאגהנען בלויז וועגן דער שיינקייט פון „סטיל"), וועל־כע, ביי זייער גאַנץ גרויסער צאָל, האָבן אויף קיין טריט נישט

אַ רוק געטאָן פאָרויס די היסטאָרישע וויסנשאַפט פון די צייטן פון XVIII יאָרהונדערט" *).

ווען מ'וואָלט אַ פרעג געטאָן אָ ג י ו ס ט ע ן ט י ע ר י, ג י ז אָ אָדער מ י נ י ע, – צי די זיטן פון אַ פאָלק שאַפן זיין מלוכה-אָרדנונג, אָדער, פאַרקערט, זיין מלוכה-אָרדנונג בילדעט אויס די זיטן, וואָלט יעדערער פון זיי געענטפערט, אַז ווי גרויס, ווי אומאָפּפרעגבאַר עס זאָל נישט זיין די קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן די זיטן פון אַ פאָלק און זיין מלוכה-אָרדנונג, פאַרדאַנקען ביידע זייער עקזיסטענץ אַ דריטן, טיפערן פאַקטאָר: „ד ע ם צ י ו ו י ל ן ל ע ב נ ש ט ײ ג ע ר פ ו ן ד י מ ע נ ט ש ן, ז ײ ע ר ע פ אַ ר מ ע ג ן - פ אַ ר ה ע ל ט נ י ש ן". אויף אַזאַ אופן וואָלט די סתירה, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפּלאָנטערט די פילאָזאָפן פון XVIII יאָרהונדערט, געלעזט געוואָרן, און יעדער אָביעקטיווער מענטש וואָלט מודה געווען, אַז באַזאַר איז גערעכט, אַז די וויסנשאַפט האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס אין דער פערזאָן פון די פאָרשטייער פון די נייע היסטאָרישע אָנשויאונגען.

אָבער מיר ווייסן שוין, אַז די דערמאָנטע סתירה איז בלויז אַ טייל פון דער גרונט-סתירה פון די געזעלשאַפטלעכע אָנשויאונגען פונם XVIII יאָרהונדערט: 1) דער מענטש מיט אַלע זיינע געדאַנקען און געפילן איז אַ פּראָדוקט פון דער סביבה; 2) די סביבה איז דעם מענטשנס אַ שאַפונג, אַ פּראָדוקט פון זיינע „מיינונגען". צי קען מען זאָגן, אַז די נייע היסטאָרישע אָנשויאונגען האָבן געלעזט דידאָזיקע שורשדיקע סתירה פונם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם? לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי אַזוי האָבן דערקלערט די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַווראַציע-צייטן די אָפּשטאַמונג פון יענעם ציווילן לעבנשטייגער, פון יענע פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן, די גרינטלעכע שטודירונג פון וועלכע ס'האָט, לויט זייער מיינונג, איינציק און אַליין געקענט געבן אַ שליסל צום פאַרשטיין די היסטאָרישע געשעענישן.

די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן פון מענטשן געהערן צום גע-

*) Considérations sur l'histoire, t, IV. Producteurá.

ביט פון זייערע ר ע כ ט ל ע כ ע פאַרהעלטנישן; דאָס אייגנטום איז קודם-כּל אַ רעכטלעכער אינסטיטוט. זאָגן, אַז דעם שליסל צו פאַרשטיין היסטאָרישע דערשיינונגען דאַרף מען זוכן אין די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן פון די מענטשן, הייסט זאָגן, אַז דערדאָזיקער שליסל ליגט אין די יורידישע אינסטיטוציעס. אָבער פונוואַנען נעמען זיך דידאָזיקע אינסטיטוציעס? גיזאָ זאָגט פולשטענדיק ריכטיק, אַז די פּאָליטישע קאָנסטיטוציעס זענען פריער געווען אַ ר ע ז ו ל ט אַ ט איידער זיי זענען געוואָרן אַ סיבה; אַז די געזעלשאַפט האָט זיי פריער געשאַפן, און דערנאָך זיך גענומען ענדערן אונטער זייער איינפלוס. אָבער צי קען מען דען נישט זאָגן פונקט דאָסזעלבע וועגן די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן? צי דען זענען זיי, בשעתם, נישט געווען פריער קיין רעזולטאַט איידער זיי זענען געוואָרן אַ סיבה? צי דען האָט די געזעלשאַפט נישט געמוזט זיי פריער שאַפן, כּדי צו שפירן אויף זיך זייער אַבסאָלוטע ווירקונג? אויף דידאָזיקע לגמרי-באַרעכטיקטע פראַגן ענטפערט גיזאָ גאַר-גאָר נישט באַפרידיקנדיק.

בײַ די פעלקער, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אויף דער היסטאָרישער סצענע נאָכן פאַלן פון דער מערבדיקער רוימישער אימפּעריע, געפינט זיך דער ציווילער לעבנשטייגער אין אַן ענגן אורזאַכלעכן צוזאַמענבונד מיט דעם ערדבאַזיץ*): די פאַרהעלטניש פון אַ מענטשן צו דער ערד האָט באַשטימט זיין געזעלשאַפטלעכע לאַגע. אין משך פון דער גאַנצער עפּאָכע פונם פעאָדאַליזם זענען אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס געווען, אין תּוך, אָפּהענגיק פון די ערד-פאַרהעלטנישן. וואָס ס'איז ווידער שייך צו דידאָזיקע פאַרהעלטנישן, פלעגן זיי, לויט

*) הייסט עס, אַז ג אָ ר בײַ די נייע פעלקער? דידאָזיקע באַגרענעצונג איז נאָך מער משונהדיק צוליב דעם, וואָס שוין די גריכישע און רוימישע שרייבער האָבן געזען אַן ענגן צוזאַמענהאַנג פונם ציווילן און פּאָליטישן לעבנשטייגער פון זייערע לענדער מיט די ערדבאַזיץ-פאַרהעלטנישן. אגב, דידאָזיקע משונהדיקע באַגרענעצונג האָט נישט געשטערט גיזאָן צו שטעלן דאָס פאַלן פון דער רוימישער אימפּעריע אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט איר מלוכה-ווירטשאַפט. זע זיין ערשטן „פּרווו“: „Du régime municipal dans l’empire romain au V siécle de l’ére chréfienne“.

די ווערטער פֿון דעמזעלבן גיזאָ, „אורשפּרינגלעך, אין דער ערשטער צייט נאָך דער אינוואַזיע פֿון די באַרבאַרן", באַשטימט ווערן לויט דער געזעלשאַפֿטלעכער לאַגע פֿון די ערדבאַזיצער „די ערד האָט באַקומען אַזאַ אָדער אַנדער כאַראַקטער, רעכענענדיק זיך דערמיט, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס איז געווען שטאַרק דער ערדבאַזיצער" *). לויט וואָס-זשע פֿלעגט באַשטימט ווערן, אויב אַזוי, די געזעלשאַפֿטלעכע לאַגע פֿון די ערדבאַזיצער? לויט וואָס-זשע פֿלעגט באַשטימט ווערן „אורשפּרינגלעך, די ערשטע צייט נאָך דער אינוואַזיע פֿון די באַרבאַרן", די גרעסערע אָדער קלענערע מאָס פֿרייהייט, די גרעסערע אָדער קלענערע מאָס קראַפֿט פֿון די ערדבאַזיצער? לויט די פֿריערדיקע פּאָליטישע פֿאַרהעלטנישן אין דער סביבה פֿון די באַרבאַרן-דעראָבערער? אָבער גיזאָ האָט דאָך אונז שוין געזאָגט, אַז די פּאָליטישע פֿאַרהעלטנישן זענען אַ רעזולטאַט און נישט קיין סיבה. כּדי צו פֿאַרשטיין דעם פּאָליטישן לעבנשטייגער פֿון די באַרבאַרן אין דער עפּאָכע פּ אַ ר דעם פֿאַלן פֿון דער רוימישער אימפּעריע, וואָלטן מיר געדאַרפֿט, אין הסכּם מיט דער עצה פֿון אונזער מחבר, שטודירן זייער ציווילן לעבנשטייגער, זייער סאָציאַלע אָרדנונג, די באַציאונגען פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן אין זייער סביבה א. א. וו.; און אַזאַ שטודיום וואָלט אונז ווידער דערפֿירט צו דער פֿראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי פֿאָרמירן זיך אויס די פֿאַרמעגן-פֿאַרהעלטנישן פֿון די מענטשן, ווי אַזוי ווערן געשאַפֿן די עקזיסטירנדיקע, אין דער באַטרעפֿנדיקער געזעלשאַפֿט, אייגנטום-פֿאָרמען. און, פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר וואָלטן גאָרנישט געוואונען, ווען מיר וואָלטן, כּדי צו דערקלערן די לאַגע פֿון פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן, אָנגעהויבן זיך שטיצן אויף די פֿאַרהעלטנישמעסיקע מדרגות פֿון זייער פֿרייהייט און מאַכט. דאָס וואָלט נישט געווען קיין ענטפֿער, דאָס וואָלט געווען אַן איבערחזרונג פֿון דער פֿראַגע אויף אַ נייעם אופֿן, מיט עטלעכע אייגנצלהייטן.

---

*) ד.ה. דאָס באַלעבאָסטעווען איבער דער ערד האָט געהאַט אַזאַ, אָדער אַנדער ע ר ד י ש ן כאַראַקטער, אַנדערש געזאָגט, — דאָס באַזיצן זי איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ גרעסערער, אָדער קלענערער מאָס אָפּהענגיקייט, לויט דעם כּוח און דער פֿרייהייט פֿונעם ערדבאַזיצער.

ס'איז אַ גרויסער ספק צי די פראַגע וועגן דער אָפּשטאַ־
מונג פון די פאַרמעגן־פאַרהעלטנישן איז אויפגעשוואומען ביי גי־
זאָ אין קאָפּ אין דער פאָרם פון אַ שטרענג־ און פּינקטלעך־
אויסגעשטעלטער וויסנשאַפטלעכער פראַגע. מיר האָבן געזען,
אַז נישט רעכענען זיך מיט דער פראַגע איז פאַר אים געווען
לחלוטין אוממעגלעך, אָבער די פאַרפלאָנטערטקייט פון די ענט־
פערס, וועלכע ער האָט אויף איר געגעבן, זאָגט עדות אויף
דער נישט־קלאָרקייט פון איר פאָרמולירונג. אינם לעצטן אַנאַליז
פלעגט די אַנטוויקלונג פון די אייגנטום־פאָרמען ביי גיזאָ זיך
דערקלערן מיט זייער אַ פאַרנעפּלטן שטיצן זיך אויף דער
מענטשלעכער נאַטור. ס'איז קיין וואונדער נישט,
וואָס דערדאָזיקער היסטאָריקער, וועלכן די עקלעקטיקער האָבן
באַשולדיקט אין אַן איבעריקער סיסטעמאַטישקייט פון זיינע
אָנשויאונגען, האָט זיך אַליין אַרויסגעוויזן אַלס אַ נישקשהדיקער
עקלעקטיקער, ווי למשל, אין זיינע ווערק וועגן דער היסטאָריע
פון דער ציוויליזאַציע.

אָג. טיערי, וועלכער האָט באַטראַכט דעם קאַמף פון
די רעליגיעזע סעקטעס און פון די פּאָליטישע פּאַרטייען פונם
שטאַנדפּונקט פון די „ממשותדיקע אינטערעסן" פון די פאַר־
שיידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און וועלכער האָט ליידנשאַפט־
לעך מיטגעפילט דעם קאַמף פונם דריטן שטאַנד (34) קעגן דער
אַריסטאָקראַטיע, האָט דערקלערט די אָפּשטאַמונג פון דידאָזיקע
קלאַסן און שיכטן מיט דער דעראָבערונג. „Tout cela
date d'une conquéte; il y a une conquétellá dessous"
(אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון די צייטן פון דער דעראָבערונג;
אונטער דעם אַלעמען ליגט די דעראָבערונג), — זאָגט ער וועגן
די קלאַסן־ און שטאַנדן־באַציאונגען ביי די מאָדערנע פעלקער
וועגן וועלכע ער רעדט אויסשליסלעך. דעמדאָזיקן געדאַנק
אַנטוויקלט ער אומדערמידלעך אויף די פאַרשיידענע אופנים, ווי
אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, אַזוי אויך אין זיינע
שפּעטערדיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק. אָבער, שוין נישט רעדנ־
דיק וועגן דעם, וואָס די „דעראָבערונג" — אַן אינטערנאַציאָנאַ־
לער פּאָליטישער אַקט — האָט אומגעקערט טיערין צום
שטאַנדפּונקט פון XVIII יאָרהונדערט, וועלכער פלעגט דער־

קלערן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן מיט דער טעטיקייט
פונם געזעצגעבער, ד. ה. פון דער פּאָליטישער מאַכט, דער-
וועקט יעדער פאַקט פון דעראָבערונג אומפאַרמיידלעך די פראַ-
גע: פאַרוואָס-זשע זענען אירע סאָציאַלע פאָלגן געווען דווקא
אַזעלכע און נישט קיין אַנדערע? פ אַ ר דער אינוואַזיע פון
די גערמאַנישע באַרבאַרן האָט שוין ג אַ ל י ע (35) געהאַט אי-
בערגעלעבט די רוימישע דעראָבערונג. די סאָציאַלע פאָלגן פון
ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר דעראָבערונג זענען געווען ג אָ ר אַנדערע
ווי יענע, וועלכע זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער ג ע ר-
מ אַ נ י ש ע ר דעראָבערונג. די סאָציאַלע פאָלגן פון דער דעראָבע-
רונג פון כינע דורך די מאָנגאָלן זענען זייער ווייניק ענלעך
אויף די סאָציאַלע פאָלגן פון דער דעראָבערונג פון ענגלאַנד
דורך די נאָרמאַנען (36). פונוואַנען נעמען זיך אַזעלכע אונטער-
שיידן? זאָגן, אַז זיי ווערן באַשטימט דורך די אונטערשיידן
אין דער סאָציאַלער אָרדנונג פון די פאַרשיידענע פעלקער,
וועלכע טרעפן זיך צונויף אין פאַרשיידענע צייטן, הייסט—גאָר-
נישט זאָגן, ווייל עס בלייבט נישט אויפגעקלערט. לויט וואָס-
זשע ווערט באַשטימט דידאָזיקע סאָציאַלע אָרדנונג? שטיצן זיך
ביי אַזאַ פראַגע אויף עפעס אַמאָליקע דעראָבערונגען, הייסט,
זיך דרייען אין אַ פאַרכּישופטן קרייז. וויפל דעראָבערונגען איר
וועט נישט אויסרעכענען וועט איר פונדעסטוועגן, סוף-כּל-סוף,
קומען צום אומפאַרמיידלעכן אויספיר, אַז אינם געזעלשאַפטלעכן
לעבן פון פעלקער איז פאַראַן עפעס אַן X עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאַק-
טאָר, וועלכער נישט בלויז, וואָס ער ווערט נישט באַשטימט לויט די
דעראָבערונגען, נאָר, אדרבה, ער ב אַ ש ט י מ ט מ י ט ז י ך
ד י פ אָ ל ג ן פון די דעראָבערונגען און אָפט אַפילו, און מעג-
לעך אַז תּמיד, א ו י ך ד י ד ע ר אָ ב ע ר ו נ ג ע ן ג ו פ א,
זייענדיק אַ גרונט-סיבה פון די פעלקער-צוזאַמענשטויסן. ט י ע ר י
ווייזט אַליין אָן אין זיין „געשיכטע פון דער דעראָבערונג פון
ענגלאַנד דורך די נאָרמאַנען”, אויפן יסוד פון אַלטע דאָקומענטן,
יענע טרייב-כּוחות, וועלכע האָבן געשטויסן די אַנגלאָ-זאַקסן אין
זייער פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט. „מיר
מוזן קעמפן, — זאָגט איינער פון אונזערע הערצאָגן, — וואָס
פאַר אַ סכּנה ס'זאָל אונז נישט דראָען, ווען עס האַנדלט זיך

דאָ נישט וועגן דער אָנערקענונג פון אַ נייעם האַר... נאָר גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. דער אָנפירער פון די נאָרמאַנען האָט שוין פונאַנדערגעטיילט אונזער ערד צו זיינע ריטערס און צו אַלע מענטשן, וועלכע האָבן, אין גרעסטן טייל, זיך שוין אָנערקענט צוליב דעם אַלס זיינע וואַסאַלן. זיי וועלן זיך וועלן באַנוצן מיט דידאָזיקע מתנות, אויב דער נאָרמאַנישער הערצאָג וועט ווערן אונזער קעניג, און ער וועט זיין געצוואונגען איבערצוגעבן אין זייער רשות אונזער ערד, אונזערע ווייבער, אונזערע טעכטער; מ'האָט זיי שוין דאָס אַלץ לכתחילה צוגעזאָגט. זיי ווילן אונטערברענגען נישט בלויז אונז, נאָר אויך אונזערע יורשים, זיי ווילן ביי אונז אָפּנעמען די ערד פון אונזערע עלטערן" א. א. וו. ווילהעלם דער דעראָבערער (37) זאָגט, פון זיין זייט, צו זיינע באַגלייטער: „שלאָגט זיך העלדיש, דערהרגעט אַלעמען; אויב מיר וועלן זיגן, וועלן מיר אַלע רייך ווערן; דאָס, וואָס איך וועל דעראָבערן, וועט איר אַלע עס דעראָבערן, וואָס איך וועל אייננעמען, וועט איר אייננעמען; וועל איך האָבן ערד, וועט איר אַלע האָבן ערד" *). דאָ זעט מען אויסערגעוויינלעך קלאָר, אַז די דעראָבערונג איז נישט געווען קיין ציל פאַר זיך גופא, אַז זי האָט „אונטער זיך" געהאַט געוויסע „ממשותדיקע", ד. ה. עקאָנאָמישע אינטערעסן. פרעגט זיך, וואָס-זשע האָט צוגעגעבן דידאָזיקע אינטערעסן יענעם כאַראַקטער, וועלכן זיי האָבן דאַמאָלס געהאַט? פאַרוואָס זענען סיי די אָרטיקע, סיי די דעראָבערער געווען נוטה דווקא צום פעאָדאַלן, און נישט צו עפּעס אַן אַנדער ערדבאַזיץ? די „דעראָבערונג" פאַרטייטשט גאָרנישט אין דעם פאַל.

אין „Histoire du Ties Etat" פון דעמזעלביקן טיערי און אין אַלע זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער געשיכטע פון די אינערלעכע פאַרהעלטנישן פון פראַנקרייך און פון ענגלאַנד, האָבן מיר שוין אַ גענוגנדיק פול בילד פון דער היסטאָרישער באַוועגונג פון דער בורזשואַזיע. ס'איז גענוג צו באַקענען זיך

*) Histoire de la Conquéte. Paris t. I pp. 295 et 300.

באַטש מיטן דאָזיקן בילד, כדי צו זען, ווי ווייט נישט באַפרידיקנדיק עס איז דער שטאַנדפונקט, וועלכער שרייבט צו דער דעראָבערונג די אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון דער באַטרעפנדיקער סאָציאַלער אָרדנונג: דידאָזיקע אַנטוויקלונג איז דאָך געגאַנגען פונקט קאַפּויר צו די אינטערעסן און פאַרלאַנגען פון דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע, ד. ה. פון די דעראָבערער און פון זייערע יורשים.

מ׳קען אָן קיין שום איבערטרייבונג זאָגן, אַז אָגיוסטען טיערי אַליין האָט זיך באַמיט, אַז דורך זיינע היסטאָרישע פאָרשונגען זאָל אָפּגעלייקנט ווערן זיין אייגענער קוק אויף דער היסטאָרישער ראָל פון דער דעראָבערונג *).

ביי מ י נ י ע — איז דערזעלבער פלאָנטער. ער רעדט וועגן דער ווירקונג פונם ערדבאַזיץ אויף די פּאָליטישע פאָרמען. אָבער פון וואָס הענגט אָפּ, פאַרוואָס אַנטוויקלען זיך די פאָרמען פונם ערדבאַזיץ אין דער אָדער אַנדער ריכטונג, דאָס ווייס נישט מ י נ י ע. נאָך אַלעמען ווערן ביי אים אויך די פאָרמען פונם ערדבאַזיץ צוגעשריבן דער דעראָבערונג **).

ער פילט, אַז אויך אין דער געשיכטע פון די צווישנפעלקערלעכע צוזאַמענשטויסן האָבן מיר צו טאָן נישט מיט אַבסטראַקטע באַגריפן: — „דעראָבערער“, „דעראָבערטע“, —

---

*) ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז די סען-סימאָניסטן האָבן שוין איינגעזען ד י ד אָ ז י ק ע שוואַכע זייט פון טיעריס היסטאָרישע אָנשויאונגען. אַזוי, למשל, באַמערקט באַזאַר אין זיין איבערצ׳טירטער אָפּהאַנדלונג, אַז די דעראָבערונג האָט משפּיע געווען אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט אַסאַך ווייניקער, ווי עס מיינט טיערי. „יעדערער, וואָס פאַרשטייט די אַנטוויקלונגס-געזעצן פון דער מענטשהייט, זעט, אַז די ראָל פון דער דעראָבערונג איז לחלוטין אַ צווייטראַנגיקע“. אָבער אין דעם פאַל איז טיערי נענטער צו די אָנשויאונגען פון זיין געוועזענעם לערער סען-סימאָן (38), איידער באַזאַר: ביי סען-סימאָנען ווערט די געשיכטע פון מערב-אייראָפּע פונם פופצנטן יאָרהונדערט אָן באַטראַכט פונם שטאַנדפונקט פון דער אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, און די מיטלאַלטערלעכע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג ווערט דערקלערט פשוט, אַלס אַ פּראָדוקט פון דער דעראָבערונג.

**) זע De la Féodalité p. 50

נאָר מיט מענטשן, מיט לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האָבן באַשטימטע רעכט און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, אָבער אויך דאָ גייט נישט זיין אַנאַליז זייער ווייט. „ווען צוויי פעלקער, וואָס וואוינען אויף איין באָדן, מישן זיך צוזאַמען איינער מיטן אַנדערן, — זאָגט ער, — פאַרלירן זיי זייערע שוואַכע זייטן און זיי גיבן איבער איינער דעם אַנדערן די שטאַרקע זייטן" *). דאָס איז נישט טיף און דערצו נישט גאַנץ קלאָר.

ווען מ'שטעלט זיי אַוועק פנים-אל-פנים מיט דער פראַגע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן, וואָלט יעדערער פון די דערמאָנטע פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַווראַציע-צייטן זיכער געפּרוווט, פּונקט ווי גיזאָ, אַרויסגיין פון דער שווערער לאַגע מיט דער הילף פון א מער אָדער ווייניקער שאַרפזיניקן שטיצן זיך אויף דער „מענטשלעכער נאַטור".

דעם קוק אויף דער „מענטשלעכער נאַטור", ווי אויף דער העכסטער אינסטאַנץ, וואו עס ווערן געלעזן אַלע „קאַזוסענינים" פון די געביטן פון רעכט, מאָראַל, פּאָליטיק, עקאָנאָמיק, האָבן די שריפטשטעלער פונם נײַנצנטן יאָרהונדערט פולשטענדיק אָפּגעירשנט ביי די אויפקלערער פונם פריערדיקן יאָרהונדערט.

אויב דער מענטש, קומענדיק אויף דער וועלט, ברענגט נישט מיט מיט זיך א פאַרטיקן רעזערוו איינגעבוירענע „פּראַקטישע אידעען"; אויב די מאָראַלישקייט ווערט געאַכטעט נישט דערפאַר, וואָס זי איז אַן איינגעבוירענע מעלה, נאָר דערפאַר, ווייל זי איז נוצלעך, ווי עס האָט באַהויפּטעט לאָק; אויב דער פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכן נוצן איז דער העכסטער געזעץ, ווי עס זאָגט העלוועציוס; אויב דער מענטש איז די מאָס פון זאַכן אומעטום, וואו עס רעדט זיך וועגן קעגנזייטיקע מענטשלעכע באַציאונגען, — דאַן איז אַבסאָלוט נאַטירלעך, ווען מ'קומט צום אויספיר, אַז די מענטשלעכע נאַטור איז עס יענער שטאַנדפּונקט, לויט וועלכן מיר דאַרפן אורטיילן

*) זע De la Féodalité, p. 12

וועגן נוצן אָדער שאָדן, וועגן זין אָדער אומזין פון די באַ-
טרעפנדיקע באַציאונגען. פון דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט פלעגן
טאַקי די אויפקלערער פון אַכצנטן יאָרהונדערט באַהאַנדלען די
דאַמאָלס עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, ווי אויך
די רעפאָרמען, וועלכע זיי האָבן באַגערט. די מענטשלעכע
נאַטור איז ביי זיי דער הויפט-אַרגומענט אין זייערע וויכוחים
מיט די קעגנער. ווי גרויס עס איז געווען אין זייערע אויגן
די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן אַרגומענט באַווייזט אויסגעצייכנט
פאָלגנדיקע באַטראַכטונג, למשל, פון קאָנדאָרסע (39): „די
אידעען פון גערעכטיקייט און רעכט בילדן זיך אויס אויף דעמזעל-
ביקן אופן ביי אַלע וועזנס, וועלכע באַזיצן די פעאיקייט צו שפירן
און אויפצונעמען אידעען. דערפאַר וועלן זיי זיין דיזעלביקע". אמת,
עס טרעפט, אַז מענטשן פאַרקריפּלען זיי (les alterent) „אָבער יע-
דער ריכטיק-דענקנדיקער מענטש וועט פונקט אַזוי דערגיין צו געוויסע
אידעען אין דער מאָראַל, ווי אין דער מאַטעמאַטיק. דידאָזיקע אי-
דעען שטעלן מיט זיך פאָר דעם אומבאַדינגטן אויספיר פון יענעם
נישט אָפּפרעגבאַרן אמת, אַז מענטשן זענען פילנדיקע און
דענקענדיקע וועזנס". אין דער ווירקלעכקייט זענען די אָנשוי-
אונגען פון די פראַנצויזישע אויפקלערער נישט געווען קיין
לאָגישער אויספיר פון דעמדאָזיקן מאָגערן אמת, נאָר זיי זענען
צו זיי געקומען דורך דער השפעה פון זייער אַרומיקער סביבה.
דער „מענטש", וועלכן זיי האָבן אין זינען געהאַט, האָט זיך
אויסגעצייכנט נישט בלויז מיט דער פעאיקייט צו פילן און
צו דענקען: זיין „נאַטור" האָט געפאָדערט אַ באַשטימטע
בורזשואַזע אָרדנונג (די ווערק פון האָלבאַכן אַנטהאַלטן
גראָד אין זיך יענע פאָדערונגען, וועלכע זענען שפּעטער פאַר-
ווירקלעכט געוואָרן דורך דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג); זי האָט
פאַראָרדנט פרייהייט פון האַנדל, די נישט אַריינמישונג פון
דער מלוכה אין די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן פון די בירגער
(laisez fair laisez passer (40) *) א. א. וו. א. א. וו. די

*) אמת, נישט שטענדיק. אמאָל פלעגן, אין נאָמען פון דערזעלבער נאַטור,
די פילאָזאָפן עצהנען „דעם געזעצגעבער" אויסצוגלייכן די פאַרמעגן-נישט-גלייכהייטן".
דאָס איז איינע פון אַסאַך סתירות פון די פראַנצויזישע אויפקלערער. אָבער אויך

אויפקלערער האָבן געקוקט אויף דער מענטשלעכער נאַטור דורך דער פּריזמע פון די באַטרעפנדיקע געזעלשאַפטלעכע בויטן און באַציאונגען. אָבער זיי האָבן גאָרנישט חושד געווען, אַז די געשיכטע האָט זיי אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן עפּעס אַ פּריזמע; זיי האָבן געמיינט, אַז דורך זייער מויל רעדט „די נאַטור פונם מענטשן" אַליין, וועלכע איז ענדלעך פאַרשטאַנען געוואָרן און אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די אויפגעקלערטע פאָרשטייער פון דער מענטשהייט.

אָבער אַלע שריפטשטעלער פונם אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן געהאַט דיזעלבע פאָרשטעלונג וועגן דער מענטשלעכער נאַטור. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך שטאַרק שפּאַרן צווישן זיך מכּוח דעם, אָבער זיי זענען אַלע געווען איבערצייגט, אַז בלויז אַ ריכטיקער קוק אויף דערדאָזיקער נאַטור קען געבן דעם שליסל צו דער דערקלערונג פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען.

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז אַסאַך פון די פראַנצויזישע אויפקלערער פלעגן שוין באַמערקן אַ געוויסע געזעצמעסיקייט אין דער אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן שכל. אויפן געדאַנק וועגן דערדאָזיקער געזעצמעסיקייט האָט זיי אַרויפגעפירט, קודם־כּל, די ל י ט ע ר אַ ט ו ר - ג ע ש י כ ט ע: „וואָס פאַראַ פאָלק, פלעגן זיי פרעגן, איז נישט געווען פריער אַ פּאָעט, און דערנאָך צערשט אַ דענקער?" *). מיט וואָס־זשע דערקלערט זיך אַזאַ פאָלגלעכקייט? מיט די געזעלשאַפטלעכע נויטן, דורך וועלכע ס'ווערט באַשטימט אַפילו די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך — פלעגן ענטפערן די אויפקלערער; „די קונסט פון רעדן איז,

---

בייט איצט נישט אין דעם. פאַר אונז איז וויכטיק בלויז דאָס, אַז די אַבסטראַקטע „מענטשלעכע נאַטור" פלעגט אין יעדן באַטרעפנדיקן פאַל דינען אלס ארגומענט לטובת אַבסאָלוט־קאָנקרעטע שטרעבונגען פון די, אָדער יענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט און דערביי אויסשליסלעך פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

*) ג ר י ם, אין דעם אויגוסט־נומער פון די Correspondance littéraire פאַרן יאָר 1774. שטעלנדיק דידאָזיקע פראַגע, חזרט ער בלויז איבער דעם געדאַנק פון אַראַט א ר נ אָ (41), וועלכן דער לעצטער האָט אַנטוויקלט אין אַ רעדע, וואָס ער׳ האָט געהאַלטן אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע.

פונקט ווי אַלע קונסטן, אַ פּראָדוקט פון די געזעלשאַפטלעכע נויטן און אינטערעסן", האָט אַבּאַט אַרנאָ אויפגעוויזן אין דער רעדע, וועלכע מיר האָבן אָקאָרשט דערמאָנט אין דער באַמער־קונג. די געזעלשאַפטלעכע נויטן ענדערן זיך און דעריבער ענדערט זיך אויך דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון די „קונסטן". אָבער לויט וואָס ווערן באַשטימט די געזעלשאַפטלעכע נויטן? די געזעלשאַפטלעכע נויטן, די נויטן פון מענטשן, וועלכע שטעלן צונויף די געזעלשאַפט, ווערן באַשטימט דורך דער נאַטור פונם מענטש. הייסט עס, אין אַט אָ דער נאַטור דאַרף מען זוכן אויך די דערקלערונגען פון אַזאַ, און נישט קיין אַנדער גאַנג פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג.

כּדי צו שפּילן די ראָל פון דעם העכסטן מאָסשטאַב, האָט די מענטשלעכע נאַטור, פאַרשטייט זיך, געמוזט בלייבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ פעסטע, אַן אומפאַרענדערלעכע. די אויפקלערער האָבן זי טאַקי געהאַלטן פאַר אַזעלכע, ווי דער לעזער האָט עס געקענט זען פון די אויבנדערמאָנטע ווערטער פון קאָנדאָרסע. אָבער אויב די מענטשלעכע נאַטור איז אומפאַרענדערלעך, טאָ ווי־אַזוי־זשע קען מען מיט איר דער־קלערן דעם גאַנג פון דער אינטעלעקטועלער אָדער געזעלשאַפט־לעכער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט? וואָס איז אַזוינס דער פּראָצעס פון יעדער אַנטוויקלונג? אַ ריי ענדערונגען. צי קען מען דען דידאָזיקע ענדערונגען דערקלערן מיט דער הילף פון עפּעס, וואָס איז אומפאַרענדערלעך, וואָס איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעלט? צי דעריבער טוישט זיך די פאַרענ־דערלעכע גרויס, ווייל די באַשטענדיקע בלייבט אומפאַרענדער־לעך? די אויפקלערער האָבן אָנערקענט, אַז — נישט, און כּדי אַרויסצוקריכן פון דער שווערער לאַגע, פלעגן זיי אָנווייזן, אַז די באַשטענדיקע גרויס אַליין איז אויך, אין געוויסע גרע־נעצן, אַ פאַרענדערלעכע. אַ מענטש לעבט דורך פאַרשיידענע עלטערס: קינדהייט, יוגנט, אַ רייפן צושטאַנד א. ד. גל. אין אַט די פאַרשיידענע עלטערס זענען זיינע נויטן נישט איינאונ־דיזעלבע: „אין דער קינדהייט לעבט דער מענטש מיט געפילן, פאַנטאַזיע און זכרון: ער זוכט בלויז שפּיל, ער נויטיקט זיך בלויז אין לידער און אין מעשהלעך. דערנאָך קומט אָן דער

עלטער פון ליידנשאַפטן; די נשמה פאָדערט דערשיטערונגען און אויפרעגונגען. שפּעטער אַנטוויקלט זיך די געדאַנקלעכע פעאיקייט, ס'אַנטוויקלט זיך דער שכל, וועלכער פאַרלאַנגט, פון זיין זייט, איינאיבונג, וועלכנס טעטיקייט עס פאַרשפּרייט זיך אויף אַלץ, וואָס איז פעאיק צו באַרירן די נייגעריקייט".

אַזוי אַנטוויקלט זיך דער איינצלנער מענטש: דידאַזיקע איבערגאַנגען ווערן באַשטימט דורך זיין נאַטור; און טאַקי דערפאַר, וואָס זיי ליגן אין זיין נאַטור, לאָזן זיי זיך אויך באַמערקן אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט; מיט זיי, מיט דידאַזיקע איבערגאַנגען, דערקלערט זיך דאָס, וואָס פעלקער הויבן אָן מיטן עפּאָס, און ענדיקן מיט דער פילאָזאָפיע *).

ס'איז לייכט צו זען, אַז אַזאַ מין „דערקלערונגען", נישט קלאָר מאַכנדיק אַבסאָלוט גאָרנישט, האָבן בלויז צוגעגעבן אַ געוויסע בילדלעכקייט דער באַשרייבונג פונם גאַנג פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט (אַ פאַרגלייך שטרייכט תמיד שאַרפער אונטער די אייגנשאַפט פונם באַשריבענעם אָביעקט). ס'איז אויך לייכט צו זען, אַז געבנדיק אַזעלכע אויפקלערונגען, פלעגן זיך די דענקער פון אַכצנטן יאָרהונדערט דרייען אין דעם שוין אונז באַקאַנטן פאַרכישופטן קרייז: די סביבה שאַפט דעם מענטש; דער מענטש שאַפט די סביבה. און ווירקלעך, פון איין זייט קומט אויס, אַז די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, ד. ה., מיט אַנדערע ווערטער, די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער נאַטור דערקלערט זיך מיט געזעלשאַפטלעכע נויטן, און פון דער צווייטער זייט קומט אויס, אַז די אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע נויטן דערקלערט זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער נאַטור.

דידאַזיקע סתירה איז, ווי מיר זעען, אויך נישט באַזייטיקט געוואָרן דורך די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַוראַציע-צייטן: זי האָט ביי זיי נאָר אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם.

---

*) Suard, loe. cit p. 383

קאַפּיטל III

די סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן

אויב די מענטשלעכע נאַטור איז אומפאַרענדערלעך און אויב קענענדיק אירע גרונט־אייגנשאַפטן, קען מען פון זיי אַרויסדרינגען מאַטעמאַטיש־ריכטיקע הנחות אויפן געביט פון מאָראַל און פון געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפט, דאַן איז נישט שווער אויסצוקלערן אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, וועלכע זאָל, אַנטשפּרעכנדיק לגמרי די פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער נאַטור: טאַקי זיין אַן אידעאַלע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. שוין די מאַטעריאַליסטן פון אַכצנטן יאָרהונדערט לאָזן זיך גערן אַריין אין אויספאָרשונגען אויף דער טעמע וועגן אַ שלימותדיקער געזעצגעבונג (leqislation parfaite). דידאָזיקע אויספאָרשונגען שטעלן מיט זיך פאָר דעם אוטאָפּישן עלעמענט אין דער ליטעראַטור פון דער אויפקלערונג *).

---

*) ביי העלוועציוסן, אין זיין בוך „De L'Homme“, איז פאַראַן אַ גענויער פּראָיעקט פון אַזאַ „שלימותדיקער געזעצגעבונג“. ס'וואָלט געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט און באַלערנדיק צו פאַרגלייכן דידאָזיקע אוטאָפּיע מיט די אוטאָפּיעס פון דער ערשטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. אָבער צום באַדויערן זענען סיי די היסטאָריקער פון סאָציאַליזם, סיי די היסטאָריקער פון פילאָזאָפיע, געווען ביז איצט פרעמד פון יעדן געדאַנק וועגן אַזאַ מין קעגנשטעלונג. וואָס איז שייך ספּעציעל די היסטאָריקער פון פילאָזאָפיע, טרעטירן זיי העלוועציוסן אויף אַן אומדערלאָזבאַרן אופן. אפילו דער רואיקער און מעסיקער לאַנגע

די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן פון דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט גיבן זיך אָפּ מיט דער גאַנצער נשמה אַזעלכע אויספאָרשונגען.

די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן פון דערדאָזיקער עפּאָכע האַלטן זיך איינגאַנצן ביי די אַנטראָפּאָלאָגישע אָנשויאונגען פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן. פונקט אַזוי ווי די מאַטעריאַליסטן, האַלטן זיי אויך דעם מענטש פאַר אַ פּראָדוקט פון זיין אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה *) און פונקט אַזוי, ווי די מאַטעריאַליסטן, פאַלן זיי אַריין אין אַ פאַרכּישופטן קרייז, דערקלערנדיק די פאַרענדערלעכע אייגנשאַפטן פון דער סביבה מיט די אומפאַרענדערלעכע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור.

אַלע פילצאָליקע אוטאָפּיעס פון דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט שטעלן מיט זיך פאָר נישט עפּעס אַנדערש, ווי פּרוּוון אויסצוטראַכטן אַ שלימותדיקע געזעצגעבונג, אָננעמענדיק די מענטשלעכע נאַטור אַלס דעם העכסטן מאָסשטאַב. אַזוי נעמט פוריע (44) פאַרן אויסגאַנגס-פּונקט דעם אַנאַליז פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן; אַזוי גייט אַרויס ר. אָאוּען (45), אין זיין „Outline of the rational system of society“, פון די „גרונט-פּרינציפּן פון דער לערע וועגן דער מענטשלעכער נאַטור“ („First Principles of Human Nature“) און ער באַהויפּטעט, אַז „אַ ראַציאָנעלע רעגירונג“ דאַרף קודם-כּל „פעסטשטעלן די מענטשלעכע נאַטור“

געפינט נישט פאַר אים קיין אַנדער כאַראַקטעריסטיק, אויסער „דער אויבנאויפיקער העלוועציוס“. דער אַבסאָלוטער אידעאַליסט העגעל האָט זיך באַצויגן גערעכטיקער פאַר אַלע צום אַבסאָלוטן מאַטעריאַליסט העלוועציוס.

*) „יאָ, דער מענטש איז דאָס, וואָס עס מאַכט פון אים די אַלמעכטיקע געזעלשאַפט, אָדער די אַלמעכטיקע דערציאונג, אָננעמענדיק דאָסדאָזיקע וואָרט אין סאַמע ברייטסטן זין, ד. ה. פאַרשטייענדיק אונטער אים נישט בלויז די שול- אָדער בוך-דערציאונג, נאָר די דערציאונג, וואָס עס גיבן אונז מענטשן און זאַכן, געשעענישן און סיטואַציעס, די דערציאונג, וועלכערס ווירקונג אויף אונז עס הויבט זיך אָן פון וויג אָן און זי ווערט נישט איבערגעריסן אויף קיין איין מינוט“. קאַבע (43), Voyage en Icarie, די אויסגאַבע פון 1848. ז. 402.

(„ascertain what Human Nature is“); אזוי, דערקלערן
די סען-סימאניסטן, אז זייער פילאזאפיע שטיצט זיך
אויף א נייעם באגריף וועגן דער מענטשלעכער נאטור (sur une nouvelle conception de la Natur humaine) *)
אזוי זאגן די פוריעריסטן, אז די געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע,
וועלכע ס'האט אויסגעטראכט זייער לערער, שטעלט מיט זיך
פאר א ריינע אומבאשטרייטבארע הנחות אויפן יסוד פון
די אומפארענדערלעכע געזעצן פון דער מענטשלעכער
נאטור **).

פארשטייט זיך, אז דער קוק אויף דער מענטשלעכער
נאטור, ווי אויף דעם העכסטן מאסשטאב, האט נישט געשטערט
די פארשיידענע סאציאליסטישע שולעס זיך שטארק פונאנ-
דערצעגיין אין דער פעסטשטעלונג פון די אייגנשאפטן פון
דער דאזיקער נאטור. לויט דער מיינונג פון די סען-סימאניסטן,
למשל, „ווידערשפרעכן אאועגס פלענער אין אזא גרויסער
מאס די נטיות פון דער מענטשלעכער נאטור, אז יענע פאפו-
לאריטעט, וועלכע זיי האבן איצטער (דאס איז געשריבן אין
1825), זעט אויס אין פלוג אן אומפארשטענדלעכע זאך ***). אין

---

*) Le Producteur, t. I, Paris, 1825. Introduction.

**) (46) Mon but est de donner une Exposition Elémentaire, claire et facilement intelligible, de L'organisation sociale, déduite par Fourier des lois de la nature „humaine“. V. Considérant, Destinée Social, t. I 3-me edition, Déclaration. — „il serait temps enfin de s'accorder sur ce point: est-il á propos, avant de faire de lois, de s'enquerir de la veritable nature de l'homme, afin d'harmoniser la loi, qui est par elle-meme modifiable avec la nature qui est immuable it souveraine?“ Notion's élémentaires de la science sociale de Fourier, par l'auteur de la Défense du Fourierisme (Henri Grosse. Paris. 1644. p. 35.

***) Producteur, t. I. p. 139.

פוריעס פּאָלעמישער בראָשור „Pieges et charlatanisme des deux sectes Saint-Simon et Owen, qui promettente l'association et le progrés", קען מען געפינען נישט ווייניק בולטע אָנווייזונגען, אַז אויך די סען-סימאָניסטישע לערע ווידערשפּרעכט אַלע נטיות פון דער מענטשלעכער נאַטור. עס האָט זיך איצט, פונקט ווי אין קאָנדאָרסעס צייט, אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז אַסאַך שווערער צו קומען צו אַ הסכם אין דער פעסטשטעלונג פון דער מענטשלעכער נאַטור, ווי פעסטצושטעלן די אָדער יענע געאָמעטרישע פיגור.

אויף וויפל די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך געהאַלטן ביים שטאַנדפּונקט פון דער מענטשלעכער נאַטור, אויף אַזויפיל האָבן זיי בלויז איבערגעחזרט די פעלערן פון די דענקער פון אַכצנטן יאָרהונדערט, — אַ זינד, וועלכע ס'איז, אגב, באַגאַנגען די גאַנצע בשעתמדיקע געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפט *). אָבער ביי זיי לאָזט זיך באַמערקן אַ שטאַרקע שטרעבונג זיך אַרויסצורייסן פון די ענגע תחומים פונם אַבסטראַקטן באַגריף און זיך אָנ-

*) מיר האָבן דאָס שוין אויפגעוויזן בנוגע די היסטאָריקער פון די רעסטאווראַציע-צייטן. עס וואָלט געווען זייער גרינג צו באַווייזן דאָסזעלבע אויך בנוגע די עקאָנאָמיסטן. פאַרטיידיקנדיק די בורזשואַזע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג קעגן די רעאַקציאָנערן און סאָציאַליסטן, האָבן זי די עקאָנאָמיסטן פאַרטיידיקט טאַקי אַלס אַן אָרדנונג, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו דער מענטשלעכער נאַטור. די אָנשטרענגונגען צו געפינען אַן אַבסטראַקטן „באַפעלקערונגס-געזעץ" — צי זיי זענען געקומען מצד דעם סאָציאַליסטישן, צי מצד דעם בורזשואַזן לאַגער, — זענען זיי געווען ענג פאַרבונדן מיטן קוק אויף דער „מענטשלעכער נאַטור", ווי אויפן גרונט-באַגריף פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט. כדי זיך דערין צו איבערצייגן איז גענוג צו פאַרגלייכן די לערע פון מאַלטוסן (47) פון איין זייט, און די לערע פון גאָדווינען (48), אָדער פונם מחבר פון די באַמערקונגען צו ד. ס. מיל (49) פון דער אַנדער זייט. סיי מאַלטוס, סיי זיינע קעגנער זוכן גלייכמעסיק אַן אייניציקן, אַזוי צו זאָגן, אַבסאָלוטן באַפעלקערונגס-געזעץ. די הייַנטיקע פּאָליטישע עקאָנאָמיע קוקט אַנדערש דערויף: זי ווייס, אַז יעדע פאַזע פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג האָט איר ספּעציעלן באַפעלקערונגס-געזעץ. נאָר וועגן דעם ווייטער.

צושפּאַרן אויף אַ קאָנקרעטן באָדן. אויסגעצייכנטער פּאַר אַנדערע זענען אין דעם זין, די ווערק פון סען-סימאָן.

בעת די פראַנצויזישע אויפקלערער פלעגן אָפטער פאַר אַלץ קוקן אויף דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי אויף אַ ריי מער אָדער ווייניקער גליקלעכע צופעליקייטן *), זוכט סען-סימאָן אין דער געשיכטע, קודם כּל, געזעצמעסיקייט. די וויסנשאַפט וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט דאַרף ווערן פונקט אַזאַ שטרענגע וויסנשאַפט, ווי די נאַטורוויסנשאַפט. מיר דאַרפן שטודירן די פאַקטן פונם אַמאָליקן לעבן פון דער מענטשהייט, כּדי אויסצוגעפינען אין זיי די געזעצן פון איר פּראָגרעס. די צוקונפט קען פאָרויסזען נאָר יענער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די פאַרגאַנגענהייט. אַוועקשטעלנדיק אויף אַזאַ אופן די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט, האָט זיך סען-סימאָן געווענדעט באַזונדער צום שטודירן די געשיכטע פון מערב-אייראָפּע פון די צייטן פונם פאַלן פון דער רוימישער אימפעריע. אויף ווי וויט און ברייט עס זענען געווען זיינע אָנשויאונגען, קען מען זען דערפון, וואָס זיין תּלמיד אָ. טיערי האָט געקענט דורכפירן שיר נישט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער באַאַרבעטונג פון דער פראַנצויזישער געשיכטע. סען-סימאָן האָט געהאַלטן, אַז אויך גיזאָ האָט זיך באַנוצט מיט זיינע אָנשויאונגען. איבערלאָזנדיק נישט געלעזט

---

*) אין דער הינזיכט איז אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטיש דער פאָרוואורף, וואָס העלוועציוס מאַכט מאָנטעסקיען (50): „אין זיין בוך וועגן די סיבות פון דער גרויסקייט און פון פאַלן פון רוים האָט מאָנטעסקיע נישט גענוגנדיק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון גליקלעכע צופאַלן אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער מלוכה. ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם טעות, וועלכער איז אייגנשאַפטלעך פאַר די דענקער, וועלכע ווילן אַלץ דערקלערן, און אינם טעות פון די קאַבינעט-געלערנטע, וועלכע פאַרגעסנדיק די נאַטור פון די מענטשן, שרייבן צו די פאָלקספאַרשטייער אומפאַרענדערלעכע פּאָליטישע פאָרמען און אייביקאַרטיקע פּרינציפּן בעת אינדערעמתן, פּירט אַן איין מענטש, לויט זיין איינזען, אַט די וויכטיקע פאַרזאַמלונגען, וועלכע הייסן סענאַטן". Pensés et Réflexions. CXL, III t. Oeuvres Complétes de Helvétius. Paris. MDCCC XVIII.

דידאָזיקע פראַגע וועגן טעאָרעטישן אייגנטום, וועלן מיר באַ־
מערקן, אַז סען-סימאָן איז געווען בכּוח טיפער אויסצופאָרשן
די מקורות פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון די איראָ־
פעאישע געזעלשאַפטן ווי די בשעתודיקע היסטאָריקער־
ספעציאַליסטן. אַזוי, איז אויב סיי טיערי, סיי מיניע, סיי
גיזאָ האָבן אָנגעוויזן אויף די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן, ווי אויפן
יסוד פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, — איז סען־
סימאָן, אויסערגעוויינלעך קלאָר און צום ערשטן מאָל באַלייכטנ־
דיק די געשיכטע פון דידאָזיקע פאַרהעלטנישן אין דער נייער
איראָפּע, געגאַנגען ווייטער, שטעלנדיק זיך די פראַגע: פאַר־
וואָס-זשע שפּילן דווקא די און נישט קיין אַנדערע פאַרהעלט־
נישן אַזאַ שטאַרק-וויכטיקע ראָל? די תשובה דאַרף מען זוכן
לויט זיין מיינונג, אין די נויטן פון דער אינדוס־
טריעלער אַנטוויקלונג: „ביזן פופצנטן יאָרהונדערט האָט
זיך די וועלטלעכע מאַכט געפונען אין די הענט פונם אַדל, און דאָס
איז געווען נוצלעך, ווייל די אַדל-לייט זענען דאַן געווען די בעסטע
אינדוסטריעלער. זיי האָבן אָנגעפירט מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע
אַרבעטן און די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן זענען דאַמאָלס געווען
דער איינציקער מין וויכטיקע אינדוסטריעלע באַשעפטיקונגען" *).
אויף דער פראַגע: פאַרוואָס-זשע האָבן די נויטן פון דער אינ־
דוסטריע אַזאַ דעצידירנדיקע באַדייטונג אין דער געשיכטע פון
דער מענטשהייט, פלעגט סען-סימאָן ענטפערן: דערפאַר, ווייל
די פראָדוצירונג איז דער ציל פון יעדן געזעלשאַפטלעכן פאַר־
באַנד (le but de l'organisation sociale, c'est la production)
ער פלעגט צוגעבן אַזאַ באַדייטונג דער פראָדוצירונג, אַז ער
האָט געהאַלטן פאַר איינאונדאָסזעלבע דאָס נוצלעכע מיטן
פראָדוצירנדיקן (l'utile, c'est la production) און ער פלעגט
קאַטעגאָריש דערקלערן, אַז (51) La politique... c'est la
science de la production.
דאַכט זיך, אַז אַ לאָגישע אַנטוויקלונג פון אַזעלכע אָב־

(* Opinions littéraires, philosophiques et industrielles, Paris, 1825 p. 144, 145. Câtéchisme politique des industrielles.

שויאונגען האָט געדאַרפט ברענגען סען-סימאָנען צום אויספיר, אַז די פּראָדוקציע-געזעצן זענען עס טאַקי די געזעצן, לויט וועלכע עס ווערט אייגנטלעך באַשטימט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, און שטודירן דידאָזיקע געזעצן דאַרף זיין די אויפנאַבע פונם דענקער, וועלכער באַמיט פאָרויסצוזען די צוקונפט. ערטערוויז דערנענטערט ער זיך כמעט צו דעמדאָזיקן געדאַנק, אָבער נאָר ערטערוויז און ער דערנענטערט זיך בלויז.

פאַר דער פּראָדוקציע איז נויטיק אַרבעטגעצייג. דאָסדאָזיקע געצייג ווערט נישט געגעבן דורך דער נאַטור פאַרטיקערהייט, עס ווערט דערפונדן דורכן מענטש. די דערפינדונג און אַפילו די פשוטע באַנוצונג פונם געצייג בילדעט אויס אינם פּראָדוצענט אַ געוויסע מדרגה פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. די אַנטוויקלונג פון דער „אינדוסטריע” שטעלט מיט זיך דעריבער פאָר אַן אומבאַדינגטן רעזולטאַט פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דאַכט זיך, אַז די מיינונג, די „אויפקלערונג” (Lumiéres) רעגירט אויך דאָ זעלבסטהערשעריש מיט דער וועלט. און וואָס קלאָרער עס ווערט די וויכטיקע ראָל פון דער אינדוסטריע, באַשטעטיקט זיך, ווייזט אויס, אַלץ מער דערדאָזיקער קוק פון די פילאָזאָפן פון אַכצנטן יאָרהונדערט. סען-סימאָן האַלט זיך ביי דעמדאָזיקן קוק נאָך אויסגעהאַלטענער, ווי די פראַנצויזישע אויפקלערער, וואָרום האַלטנדיק פאַר געלעזט די פראַגע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון אידעען, האָט ער ווייניקער סיבות זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער ווירקונג פון דער סביבה אויף דעם מענטש. די אַנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן איז ביי אים דער גרונטפאַקטאָר פון דער היסטאָרישער באַוועגונג *). ער באַמיט זיך

---

*) סען-סימאָן דערפירט דעם אידעאַליסטישן קוק אויף דער געשיכטע ביזן לעצטן עקסטרעם. נישט בלויז וואָס ביי אים זענען די אידעען („פּרינציפן”) דער לעצטער יסוד פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן — גאָר צווישן די אידעען שפּילן די וויכטיקסטע ראָל די „וויסנשאַפטלעכע אידעען”, — דאָס „וויסנשאַפטלעכע וועלט-סיסטעם”, — פון וועלכע עס קומען אַרויס די רעליגיעזע אידעען, וועלכע באַשטימען לויט זיך די מאָראַלישע באַגריפן פון ד-

אויסצוגעפינען די געזעצן פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג; אַזוי, שטעלט ער פעסט יענעם זעלבן געזעץ פון דריי פּאַזעס: די טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און פּאָזיטיווע, וועלכן עס האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן מיט אַ גרויסן דערפאָלג אָגיוסט קאָנט (52) אַלס זיין אייגענע „דערפינדונג״ *). אָבער אויך דידאָזיקע געזעצן דערקלערן זיך ביי אים, סוף-כל-סוף,

---

מענטשן. דאָס איז דער אינטעלעקטואַליזם, וועלכער האָט גלייכציַיטיק בעהערשט אויך צווישן די דייטשע פילאָזאָפן, נאָר ער האָט ביי זיי אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער.

*) ליטרע (53) איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן גיובאַרן (54), ווען יענער האָט אָנגעוויזן אויף דעמדאָזיקן... פּלאַגיאַט. ער האָט צוגעשריבן סען-סימאָנען בלויז דעם „געזעץ פון צוויי פּאַזעס״ די טעאָלאָגישע און די וויסנשאַפט-לעכע. פליגט (55), ברענגענדיק ליטרעס דאָזיקע מיינונג, באַמערקט: „ער איז בערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דער געזעץ פון די דריי פּאַזעס ווערט נישט דער-מאָנט אין קיין שום ווערק פון סען-סימאָנען״. (Philosophy of History in France and Germany, Edinburgh and London, MDCCCLXXIV, p. 158). אָט אָ דער באַמערקונג וועלן מיר אנטקעגנ-שטעלן פאָלגנדיקן ציטאַט פון סען-סימאָנען: „וואָס פאַרא אַסטראָנאָם, פיזיקער, כעמיקער אָדער פיזיאָלאָג ווייס נישט, אַז אויף יעדן געביט פון דער וויסנשאַפט האָט זיך מענטשלעכער שכל, איידער ער גייט איבער פון ריין-טעאָלאָגישע אי-דעען צו פּאָזיטיווע, לאַנג ביי דער מעטאַפיזיק. צי שאַפט זיך נישט ביי יעדערן, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט דער געשיכטע פון די וויסנשאַפטן, די פעסטע איבערצייגונג, אַז דערדאָזיקער בין-הזמנימדיקער צושטאַנד איז נוצלעך און אומבאַדינגט אומפאַרמיידלעך פאַרן איבערגאַנג?״ Du systéme industriel, Paris, MDCCCXXI, preface, pp. VI—VII) דער געזעץ פון די דריי פּאַזעס האָט בעהאַט אַזאַ באַדייטונג אין די אויגן פון סען-סימאָן, אַז ער איז גרייט געווען מיט אים צו דערקלערן ריין-פּאָליטישע דערשיינונגען, למשל די הערשאַפט פון די „לעגיסטן (56) און מעטאַפיזיקער״ אין דער צייט פון דער פראַנ-צויזישער רעוואָלוציע. פליגט וואָלט עס געקענט גאַנץ גרינג „אויסגעפינען״, ווען ער לייענט איבער אויפמערקזאַם סען-סימאָנס ווערק. אָבער, צום באַדויערן איז אַסאַך לייכטער אָנצושרייבן אַ געלערטע געשיכטע פון אַ מענטשלעכן געדאַנק, איידער דורכצושטודירן דעם ווירק-לעכן גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג.

מיט די אײגנשאַפֿטן פֿון דער מענטשלעכער נאַטור. „די געזעלשאַפֿט באַשטײט פֿון אינדיװידואומס, — זאָגט ער, — דעריבער קען די אַנטװיקלונג פֿונם געזעלשאַפֿטלעכן שכל זײַן בלױז אַן אױסדרוק פֿונם אינדיװידועלן שכל אין גרױסן מאָסשטאַב". אַרױסגײענדיק פֿון דערדאָזיקער גרונט-הנחה, האַלט ער זײַנע „געזעצן" פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטװיקלונג פֿאַר אַבסאָלוט אױפֿגעקלערט און דערװיזן יעדעס מאָל, װען עס גיט זיך אים אײַן צו געפֿינען אַ געלונגענע אַנאַלאָגיע אין דער אַנטװיקלונג פֿונם אינדיװידואום. ער באַהױפּטעט, אַז די ראָל פֿון דער מאַכט אינם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן װעט מיט דער צײַט דערפֿירט װערן ביז זעראָ *). די בהדרגהדיקע, אָבער שטענדיקע פֿאַרקלענערונג פֿון דערדאָזיקער ראָל איז אײנער פֿון די געזעצן פֿון דער אַנטװיקלונג פֿון דער מענטשהײט. װי-אַזױ-זשע באַװײַזט ער דעמדאָזיקן געזעץ? דער הױפּט-אַרגומענט פֿאַר אים איז דאָס שטיצן זיך אױף דער אינדיװידועלער אַנטװיקלונג פֿון די מענטשן: אין דער עלעמענטאַר-שול מוז דאָס קינד אומבאַדינגט פֿאָלגן די עלטערע; אין דער מיטלשול און הױכשול טרעט אָפּ ביסלעכװײַז דער עלעמענט פֿון פֿאָלגן אין הינטערגרונט, כּדי ענדגילטיק אָפּצוטרעטן דאָס אָרט דער זעלבסטשטענדיקער טעטיקײט אין רײַפֿן עלטער. װי עמיצער זאָל נישט קוקן אױף דער געשיכטע פֿון דער „מאַכט" װעט יעדער איצטער מסכּים זײַן, אַז דאָ, פּונקט װי אומעטום, איז אַ פֿאַרגלײַך נישט קײן באַװײַז, די עמבריאָלאָגישע אַנטװיקלונג פֿון יעדן אומטײלבאַרן (אָנטאָגענעזיס) שטעלט פֿאַר אַסאַך אַנאַלאָגיעס מיט דער געשיכטע פֿון דעם מין, צו װעלכן דאָסדאָזיקע אומטײלבאַרע געהערט; דער אָנטאָגענעזיס גיט פֿיל װיכטיקע אָנװײַזונגען אין באַצוג צום פֿילאָגענעזיס. אָבער װאָס װאָלטן מיר איצטער געזאָגט װעגן אַ ביאָלאָג, װעלכער װאָלט באַהױפּטעט, אַז אינם אָנטאָגענעזיס דאַרף מען זוכן די ענדגילטיקע דערקלערונג פֿונם פֿילאָגענעזיס? די מאַ-

---

*) דעמדאָזיקן געדאַנק האָט בײַ אים שפּעטער גענומען און פֿאַרקריפּלט פּרודאָן (57), װעלכער האָט אױף אים אױפֿגעבױט זײַן טעאָריע פֿון אַנאַרכיע.

דערנע ביאָלאָגיע טוט פונקט פאַרקערט: זי דערקלערט די עמ־בריאָלאָגישע געשיכטע פונם אומטייל באַרן מיט דער גע־שיכטע פונם מין.

די אַפּעלירונג צו דער מענטשלעכער נאַטור האָט צוגע־געבן אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער אַלע „געזעצן" פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן, ווי דורך סען־סימאָן אַליין, אַזוי אויך דורך זיינע תלמידים.

זי האָט זיי פאַרפירט אין אַ פאַרכישופטן קרייז. — די געשיכטע פון דער מענטשהייט דערקלערט זיך מיט איר נאַטור. אָבער פונוואַנען דערקענען מיר די מענטשלעכע נאַטור? פון דער געשיכטע. — פאַרשטייט זיך, אַז דרייענדיק זיך אין דעמדאָזיקן קרייז קען מען נישט פאַרשטיין נישט די נאַטור פונם מענטש, נישט זיין געשיכטע, מ׳קען בלויז מאַכן אַזעלכע אָדער אַנדערע אָפּגעריכטנע, מער אָדער ווייניקער טיפערע באַמערקונגען וועגן דעם אָדער יע־נעם געביט פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. סען־סימאָן האָט געמאַכט עטלעכע טרעפלעכע, אָפטמאָל באמת געניאַלע, באַמער־קונגען, אָבער זיין הויפּט־ציל – צו געפינען פאַר דער „פּאָלי־טיק" אַ פעסטן וויסנשאַפטלעכן באָדן — איז נישט דערגרייכט געוואָרן.

„דער העכסטער געזעץ פונם פּראָגרעס פון דעם מענטש־לעכן שכל, — זאָגט סען־סימאָן, — מאַכט צו זיך אונטערטעניק אַלצדינג, ער הערשט איבער אַלץ; מענטשן זענען פאַר אים בלויז אינסטרומענטן... און כאָטש דידאָזיקע קראַפט (ד. ה. דער געזעץ) קומט אַרויס פון אונז (d'erive de nous), קע־נען מיר פונקט אַזוי ווייניק זיך אַרויסקריגן פון איר השפּעה אָדער זי מאַכן אונטערטעניק צו זיך, פונקט ווי מיר קענען, לויט אונזער ווילן, ענדערן די ווירקונג פון דער קראַפט וועל־כע צווינגט די ערד, זי זאָל זיך דרייען אַרום דער זון. מיר קענען נאָר זיך אונטערגעבן באַוואוסטזיניק דעמדאָזיקן געזעץ (אונזער אמתדיקער השגחה), אָפּגעבנדיק זיך אַ דין־וחשבון וועגן דער באַוועגונג, וועלכע ער פאַראָרדנט אונז, אַנשטאָט מיר זאָלן זיך אים אונטערגעבן בלינד. אגב־אורחא וועלן מיר באַמערקן, אַז דערין וועט טאַקי זיין אַ טריט פאָרויס, וועלכן

עס דאַרף מאַכן די פילאָזאָפישע דערקענטניש פון אונזער דור *).

אַזוי, הייסט עס, איז די מענטשהייט אַבסאָלוט אונטערטעניק דעם געזעץ פון איר אייגענער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג; זי וואָלט נישט געקענט אויסמיידן זיין ווירקונג, אַפילו דאַמאָלס, ווען זי וואָלט עס געוואָלט. לאָמיר אויפמערקזאַמער באַטראַכטן דידאָזיקע טעזע און, צוליב אָנשוילעכקייט, וועלן מיר נעמען דעם געזעץ פון די דריי פאַזעס. די מענטשהייט איז געגאַנגען פונם טעאָלאָגישן דענקען צום מעטאַפיזישן, פונם מעטאַפיזישן צום פּאָזיטיוון. דערדאָזיקער געזעץ האָט געווירקט מיט דער קראַפט פון מעכאַנישע געזעצן.

זייער מעגלעך, אַז עס איז אַזוי, אָבער עס פרעגט זיך, ווי אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין דעם געדאַנק, אַז די מענטשהייט וואָלט, אַפילו ווען זי וויל עס, נישט געקענט ענדערן די ווירקונג פון דעמדאָזיקן געזעץ? צי הייסט עס, אַז זי וואָלט נישט געקאָנט אויסמיידן די מעטאַפיזיק אַפילו דאַן, ווען זי וואָלט געהאַט אָנערקענט די בעסערקייט פונם פּאָזיטיוון דענקען נאָך ביים סוף פון טעאָלאָגישן פעריאָד? וואַרשיינלעך — נישט; און אויב נישט, איז נישט ווייניקער וואַרשיינלעך, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ נישט-קלאָרקייט אין דער אָנשויאונג גופא פון סען-סימאָן אויף דער געזעצמעסיקייט פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. אין וואָס-זשע באַשטייט דידאָזיקע נישט-קלאָרקייט, פונוואַנען שטאַמט זי?

זי באַשטייט אין דער *אַנטקעגנשטעלונג פונם געזעץ קעגן דעם פאַרלאַנג צו ענדערן זיין ווירקונג*. אויב עס האָט זיך ביי דער מענטשהייט באַוויזן אַזאַ מין פאַרלאַנג, — שטעלט ער אַליין מיט זיך פאָר אַ פאַקט פון איר אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, און דער געזעץ דאַרף אַרומנעמען אויך דעמדאָזיקן פאַקט און נישט קומען מיט אים צו אַ צוזאַמענשטויס. כּל-זמן מיר דערלאָזן די מעגלעכקייט פון אַזאַ צו

*) L'organisateur, זייט 119 באַנד IV פון סען-סימאָנס ווערק וועלכער איז דער XX באַנד פון די געזאַמלטע ווערק פון סען-סימאָן און אַנפאַנטען (58).

וואַמענשטויס, האָבן מיר זיך, הייסט עס, נאָך נישט קלאָר געמאַכט דעם באַגריף גופא וועגן דעם געזעץ, און מיר וועלן זיכער אַריינפאַלן אין איינעם פון די צוויי עקסטרעמען: אָדער מיר וועלן אַוועקוואַרפן דעם שטאַנדפּונקט פון געזעצמעסיקייט און מירן זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פונם פ אַ ר ל אַ נ ג ע כ ן, אָדער מיר וועלן לחלוטין פאַרלאָזן דאָס פאַרלאַנגלעכע, ריכטיקער געזאָגט, דאָס וואָס עס ווערט פ אַ ר ל אַ נ ג ט פון די מענטשן פון דער באַטרעפנדיקער עפּאָכע — און דערמיט וועלן מיר צוגעבן דעם ג ע ז ע ץ עפּעס אַ מיסטישע שאַטירונג, מיר וועלן אים פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַ פאַטום. טאַקי אַזאַ פאַטום איז דער „געזעץ" ביי סען-סימאָנען און בכלל ביי די אוטאָפּיסטן, אויף וויפל זיי רעדן וועגן געזעצמעסיקייט. לאָמיר ביי דער געלעגנהייט באַמערקן, אַז ווען די רוסישע „סוביעקטיווע כאַציאָלאָגן" לאָזן זיך אַרויס אויף דער פאַרטיידיקונג פון דער „פערזענלעכקייט", „אידעאַלן" און אַנדערע גוטע זאַכן, קעמפן זיי טאַקע מיט דער א ו ט אָ פ י ש ע ר, נישט קלאָרער, נישט פולער און דעריבער נישט-גענוגנדיקער לערע וועגן דעם „נאַטירלעכן גאַנג פון געשעענישן". ס'זעט אויס ווי אונזערע סאָציאָלאָגן וואָלטן קיינמאָל גאָרנישט געהערט, אין וואָס עס באַ ש ט ייט דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער באַגריף וועגן דער געזעצמעסיקייט פונם געזעלשאַפטלעך-היסטאָרישן פּראָצעס.

פונוואַנען האָט זיך גענומען די אוטאָפּישע נישט-קלאָרקייט אינם באַגריף וועגן דער געזעצמעסיקייט? זי איז אַרויסגעקומען פון דעם, דורך אונז שוין אָנגעוויזענעם, גרונט-חסרון פון יענעם קוק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, ביי וועלכן עס האָבן זיך געהאַלטן די אוטאָפּיסטן, — און ווי מיר ווייסן שוין, נישט בלויז זיי אַליין. די געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט זיך, ביי זיי, דערקלערט מיט דער נאַטור פונם מענטשן. אויב ס'איז פעסטגעשטעלט דידאָזיקע נאַטור, זענען אויך פעסטגעשטעלט די געזעצן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, איז שוין פעסטגעשטעלט, ווי העגעל וואָלט געזאָגט an sich די גאַנצע געשיכטע. דער מענטש קען פּונקט אַזוי זיך נישט אַריינמישן אין דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג, פּונקט

ווי ער קען נישט אויפהערן צו זיין אַ מענטש. דער געזעץ פון דער אַנטוויקלונג דערשיינט אין אַ פאָרם פון אַ פאַרבאַשטימונג.

דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַטאַליזם, וועלכער איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ לערע, וואָס האָט געהאַלטן די דערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט, — דאָס הייסט, די באַוואוסטזיניקע טעטיקייט פון דעם מענטש, — פאַרן הויפּט-מקור פון דער היסטאָרישער באַוועגונג.

נאָר לאָמיר גיין ווייטער.

אויב דעם שליסל צום פאַרשטיין די געשיכטע באַקומט מען דורך דער שטודירונג פון דער מענטשלעכער נאַטור, איז פאַר מיר וויכטיק נישט אַזוי די פאַקטישע שטודירונג פון געשיכטע, ווי דאָס ריכטיקע פאַרשטיין פון דערדאָזיקער נאַטור. האָב איך נאָר אויסגעפונען דעם ריכטיקן קוק אויף איר, פאַרליר איך דאַן, כּמעט, יעטוועדן אינטערעס צום געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי עס איז איצט, און איך קאָנצענטריר מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי עס דאַרף זיין אַנטשפּרעכנדיק צו דער מענטשלעכער נאַטור. דער פאַטאַליזם אין דער געשיכטע שטערט לחלוטין נישט דער אוטאָפּישער באַציאונג צו דער ווירקלעכקייט אין דער פּראַקטיק. אדרבה, ער העלפט איר נאָך מיט, איבעררייסנדיק דעם פאָדעם פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. דער פאַטאַליזם גייט בכלל נישט זעלטן האַנט ביי האַנט מיטן סאַמע עקסטרעמען סוביעקטיוויזם. דער פאַטאַליזם פּראָקלאַמירט איבעראַל פאַר אַן אומפאַרמיידלעכן היסטאָרישן געזעץ זיין אייגענע שטימונג. וועגן די פאַטאַליסטן קען מען טאַקי זאָגן די ווערטער פון פאָעט:

> Was sie den Geist der Geschichte nennen,
> Ist nur der Herren eigner Geist. (59)

די סען-סימאָניסטן פלעגן באַהויפּטן, אַז יעגער טייל פונם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט, וואָס פאַלט אַריין צו די עקספּלואַטאַטאָרן פון פרעמדער אַרבעט, ווערט וואָס אַמאָל קלענער. אַזאַ פאַרקלענערונג האָט ביי זיי אין די אויגן אויס

עזען אַלס דער וויכטיקסטער געזעץ פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אַלס ראיה דערצו, פלעגן זיי ברענגען די בהדרגהדיקע פאַרקלענערונג פונם פּראָצענט-פוס און פון דער באָדן-רענטע. וואָלטן זיי זיך געהאַלטן, אין דעם פאַל, ביי די מעטאָדן פון שטרענג-וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, וואָלטן זיי געדאַרפט געפינען די עקאָנאָמישע סיבות פון דער דורך זיי אָנגעוויזענער דערשיי-נונג און דערצו וואָלטן זיי געמוזט אויפמערקזאַם שטודירן די פּראָדוציררונג, רעפּראָדוצירונג און פונאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטן. ווען זיי וואָלטן עס געטאָן, וואָלטן זיי אפשר דער-זען, אַז די פאַרקלענערונג פונם פּראָצענט-פוס, אָדער אַפילו פון דער באָדן-רענטע, אויב די פאַרקלענערונג קומטווירקלעך פאָר, באַווייזט עס נאָך נישט, אַז עס ווערט ווייניקער דער חלק פון די באַלעבאַטים. דאַן וואָלט זייער עקאָנאָמישער „געזעץ" באַ-קומען, נאַטירלעך, לחלוטין אַן אַנדער פאָרמולירונג. אָבער זיי האָבן נישט געהאַלטן דערביי. די זיכערקייט אין דער אַלמעכ-טיקייט פון די פאַרבאָרגענע געזעצן, וועלכע פליסן אַרויס פון דער מענטשלעכער נאַטור, האָט געלענקט די אַרבעט פון זייער געדאַנק גאָר אין אַן אַנדער זייט. די טענדענץ, וועלכע איז ביז איצט געווען די הערשנדיקע אין דער געשיכטע קען זיך נאָר פאַרשטאַרקן אין דער צוקונפט, האָבן זיי געזאָגט: די בסדרדיקע פאַרקלענערונג פונם טייל פון די עקספּלואַטאַטאָרן וועט זיך אומבאַדינגט פאַרענדיקן מיט זיין פולשטענדיקער פאַרשווינדונג, ד. ה. מיט דער פאַרשווינדונג פונם קלאַס פון די עקספּלואַטאַטאָרן גופא. פאַרזעענדיק דאָסדאָזיקע דאַרפן מיר איצטער אויסטראַכטן נייע פאָרמען פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואו עס זאָל שוין אינגאַנצן נישט זיין קיין אָרט פאַר עקספּלואַטאַטאָרן. אויפן יסוד פון אַנדערע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור זעען מיר איין, אַז די פאָרמען דאַרפן זיין אַזעלכע און אַזעלכע... דער פּלאַן פון געזעלשאַפט-לעכן איבערבוי ווערט געמאַכט זייער גיך; דער אומגעהויער וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק וועגן דער געזעצמעסיקייט פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען ווערט געלעזט מיט אַ פּאָר אוטאָפּישע רעצעפּטן...

אַזעלכע רעצעפּטן האָבן זיך גערעכנט ביי די דעמאָלסדיקע אוטאָפּיסטן פאַר דער סאַמע וויכטיקסטער אויפגאַבע פון אַ דענקער. די אָדער יענע הנחה פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז פאַר זיך גופא נישט וויכטיק. זי באַקומט אַ באַדייטונג צוליב די פּראַקטישע אויספירן, וועלכע דרינגען פון איר אַרויס. זש. ב. סעי (60) דיסקוטירט מיט ריקאַרדאָן (61) וועגן דעם, לויט וואָס ווערט באַשטימט דער טוישווערט פון סחורות. ס'איז זייער מעגלעך, אַז דאָס איז א העכסט וויכטיקע פראַגע פונם שטאַנדפּונקט פון ספּעציאַליסטן, אָבער נאָך וויכטיקער איז צו וויסן, לויט וואָס דאַרף באַשטימט ווערן דער ווערט, און וועגן דעם טראַכטן גאָרנישט, צום באַדויערן, די ספּעציאַליסטן. זאָלן מיר אַ טראַכט טאָן אָנשטאָט די ספּעציאַליסטן. די מענטשלעכע נאַטור זאָגט אונז דייטלעך דאָס און דאָס. וויבאַלד מיר הויבן זיך אָן צוצוהערן צו איר שטימע, זעען מיר מיט פאַרוואונדערונג, אַז דער וויכוח, וואָס איז אַזוי וויכטיק אין די אויגן פון די ספּעציאַליסטן, איז אין תוך נישט זייער וויכטיק, מ'קען מסכים זיין מיט סעיען, ווייל פון זיינע הנחות דרינגען אַרויס אויספירן, וועלכע זענען אין פולן הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער נאַטור. מ'קען אויך מסכים זיין מיט ריקאַרדאָן, ווייל אויך זיינע אָנשויאונגען, ווערנדיק ריכטיק אויסגעטייטשט און דערגאַנצט, קענען בלויז פאַרשטאַרקן דידאָזיקע פאָדערונגען. אַזוי אַרום מישט זיך אַריין אָן קונצן דער אוטאָפּישער געדאַנק אין יענע וויסנשאַפטלעכע וויכוחים, וועמעס באַדייטונג עס פאַרבלייבט פאַר אים נישט קלאָר. אַזוי פלעגן געבילדעטע און מיט נאַטירלעכע פעאיקייטן באַשענקטע מענטשן, ווי למשל אַנפאַנטען, לעזן דיסקוסיע־פראַגן פון דער דעמאָלסדיקער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

אַנפאַנטען האָט אָנגעשריבן אַ היפּש ביסל פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע מ'קען נישט האַלטן פאַר קיין ערנסטן ביישטייער צו דער וויסנשאַפט, אָבער מ'קען זיי אויך נישט איגנאָרירן, ווי עס טוען עס ביז איצט די היסטאָריקער פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און פון סאָציאַליזם. די עקאָנאָמישע אַרבעטן פון אַנפאַנטען האָבן זייער באַדייטונג, אַלס

אַן אינטערעסאַנטע פּאַזע אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק. נאָר וואָס פּאַראַ באַציאונג ער האָט צו די וויכּוחים פון די עקאָנאָמיסטן באַווייזט גענוג פאָלגנדיקער ביישפּיל:

ס'איז באַקאַנט, אַז מאַלטוס האָט עקשנותדיק און, זאָל שוין געזאָגט ווערן, זייער אומגעלונגען באַקעמפט די רענטע-טעאָריע פון ריקאַרדאָ. אַנפאַנטען האַלט, אַז דער אמת איז אייגנטלעך אויף דער זייט פון דעם ערשטן און נישט פונם צווייטן. אָבער ער באַקעמפט נישט ריקאַרדאָס טעאָריע, ער האַלט עס פאַר נישט נויטיק. לויט זיין מיינונג „האָבן געדאַרפט אַלע באַטראַכטונגען וועגן דער נאַטור פון דער רענטע און וועגן דער ווירקלעכער פאַרהעלטנישמעסיקער פאַרגרעסערונג אָדער פאַרקלענערונג פונם טייל, וועלכן עס נעמט צו דער אייגנטימער ביים אַרבעטער, דערפירט ווערן צו איין פראַגע: וואָס זענען עס, אין תוך, יענע באַציאונגען, וועלכע דאַרפן צוליב די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט עקזיסטירן צווישן דעם פּראָדוצענט, וואָס דערווייטערט זיך פון די געשעפטן (אַזוי רופט אַנפאַנטען די גוטבאַזיצער) און דעם אַקטיוון פּראָדוצענט (ד. ה. דעם פאַרמער)? אַז עס וועלן באַוואוסט ווערן דידאָזיקע באַציאונגען, וועט גענוג זיין קלאָר צו מאַכן די מיטלען, וועלכע זאָלן ברענגען צו דער איינשטעלונג פון אַזעלכע באַציאונגען; דערביי וועט מען אויך דאַרפן נעמען אין אַכט דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, אָבער גלייכצייטיק, וואָלט יעדע אַנדערע פראַגע (ד. ה. אויסער דער פראַגע, וועלכע איז אויבן געשטעלט געוואָרן) געווען אַ צווייטראַנגיקע און זי וואָלט נאָר געשטערט יענע קאָמבינאַציעס, וועלכע דאַרפן מיטווירקן צו דעם געברויכן פון די אָנגערופענע מיטלען" *).

די הויפּט-אויפגאַבע פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכע אַנפאַנטען וואָלט בעסער געוואָלט אָנרופן „די פילאָ-

*) אינם אַרטיקל „Considérations sur la baise progressive du loyer des objets mobiliers. et immobiliers“. Producteur, t. I, p. 564.

זאָפישע געשיכטע פון דער אינדוסטריע", באַשטייט אין דער אָנווייזונג, ווי פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע שיכטן פון די פּראָדוצענטן, אַזוי אויך פון דער באַציאונג פון גאַנצן פּראָדוצענטן-קלאַס צו אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. די דאָזיקע אָנווייזונגען דאַרפן זיין באַגרינדעט אויף דער שטודירונג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קלאַס, דערביי דאַרף אין יסוד פון אַזאַ שטודירונג ליגן „ד ע ר נ ײ ע ר באַ ג ר י ף ו ע ג ן מ ע נ ט ש ל ע כ ן מ י ן" ד. ה. מיט אַנדערע ווערטער, וועגן דער נאַטור פונם מענטש *).

ביי מאַלטוסן איז די באַקעמפונג פון ריקאַרדאָס רענטע-טעאָריע געווען ענג פאַרבונדן מיט דער באַקעמפונג פון דער זייער באַרימטער, — ווי מען זאָגט איצט ביי אונז, — אַרבעטנדיקער ווערט-טעאָריע. נישט שטאַרק אַריינדרינגענדיק אינם תוך פון וויכוח, איילט אַנפאַנטען אים צו לעזן מיט אַן אוטאָפּישער דערגאַנצונג צו ריקאַרדאָס לערע וועגן רענטע: „אויב מיר פאַרשטייען גוט דידאָזיקע טעאָריע, — זאָגט ער, — וואָלט מען געדאַרפט, דאַכט זיך, צוגעבן, אַז... די אַרבעטער צאָלן (ד. ה. זיי צאָלן אין דער פאָרם פון רענטע) געוויסע מענטשן פאַרן אָפּרו, וועלכן יענע געניסן, און פאַרן רעכט זיך צו באַנוצן מיט די פּראָדוקציע-מיטלען".

אונטערן טערמין „אַרבעטער" מיינט אייגנטלעך אַנפאַנטען אויך דאָ איבערהויפּט פערמערס-אונטערנעמערס. דאָס, וואָס ער זאָגט וועגן זייער באַציאונג צו די גוטבאַזיצער, איז פולשטענדיק ריכטיק. אָבער אַלץ ווערט דערפירט אין זיין „אויסבעסערונג" בלויז צו אַ שאַרפערן אויסדרוק פון דער דערשיינונג, וועלכע איז געווען גוט באַקאַנט אויך ריקאַרדאָן. דערביי לעזט נישט דערדאָזיקער שאַרפער אויסדרוק (אַ. ס מ י ט (62) דריקט זיך צייטנווייז אויס נאָך שאַרפער) נישט די פראַגע וועגן ו ע ר ט און נישט וועגן רענטע, נאָר ער באַזייטיקט זי לחלוטין פונם האָריזאָנט. פאַר אַנפאַנטענען האָבן דידאָזיקע פראַגן גאַר-

*) זע ספּעציעל דעם אַרטיקל „Considérations sur les progrés de L'économie politique" Producteur, t. IV.

נישט עקזיסטירט; אים האָט אינטערעסירט אויסשליסלעך די צוקונפטיקע געזעלשאַפטלעכע איינאָרדנונג; פאַר אים איז געווען וויכטיק איבערצוציי‍גן דעם לעזער אידן עם, אַז עס דאַרף נישט עקזיסטירן קיין פריוואַט-אייגנטום אויף די פּראָדוקציע-מיטלען. אַנפאַנטען זאָגט דייטלעך, אַז ווען נישט אַזעלכע מיני פּראַקטישע פראַגן, וואָלטן אַלע לומדישע וויכּוחים וועגן ווערט געווען פּשוטע שפּאַרענישן וועגן ווערטער. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ סוביעקטיווער מעטאָד אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

די אוטאָפּיסטן האָבן ערגעץ נישט רעקאָמענדירט דירעקט דעמדאָזיקן „מעטאָד". נאָר אַז זיי זענען שטאַרק געווען נוטה צו אים קען מען זען, צווישן אַנדערע, דערפון, וואָס אַנפאַנטען האָט פאַרגעוואָרפן מאַלטוסן (!) צופיל אָביעקטיוויטעט. די אָביעקטיוויטעט זאָל האָבן געווען, הייסט עס, דער הויפּט-חסרון פון דעמדאָזיקן שרייבער. ווער עס איז באַקאַנט מיט מאַלטוסעס ווערק, דער ווייס, אַז דווקא אָביעקטיוויטעט (וועלכע ס'האָט פאַרמאָגט, למשל, ריקאַרדאָ) איז געווען פרעמד דעם מחבר פונם „פּרווו וועגן אַ באַפעלקערונגס-געזעץ". מיר ווייסן נישט צי האָט אַנפאַנטען געלייענט מאַלטוסן גופא, מיר האָבן אַ גרונט צו מיינען, אַז ריקאַרדאָס אָנשויאונגען, למשל, זענען אים געווען באַקאַנט בלויז פון די אויסצוגן, וועלכע ס'האָבן פון אים געבראַכט די פראַנצויזישע עקאָנאָמיסטן), אָבער אויב אַפילו ער וואָלט זיי יאָ געלייענט, איז אַ גרויסער ספק צי ער וואָלט זיי אָפּגעשאַצט לויט זייער פּראַקטישער באַדייטונג, ס'איז אַ ספק צי ער וואָלט געקענט אויפווייזן, אַז די ווירקלעכקייט ווידערשפּרעכט מאַלטוסן. זייענדיק פאַרנומען מיט מחשבות וועגן דעם, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין, האָט אַנפאַנטען נישט געהאַט קיין צייט און קיין חשק אויפמערקזאַם זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם, וואָס עס איז. „איר זענט גערעכט, — איז ער געווען גרייט צו זאָגן דעם ערשטן-בעסטן סיקאָפאַנט (63), — אינם איצטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן קומט טאַקע אַלץ פאַר אַזוי, ווי איר שילדערט עס, נאָר איר זענט צופיל אָביעקטיוו; גיט אַ קוק אויף דער פראַגע פון הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט, און איר וועט דערזען, אַז אונזער

געזעלשאַפטלעך לעבן דאַרף ווערן איבערגעבויט פונדאָסניי. דער אוטאָפּישער דילעטאַנטיזם איז געצוואונגען צו מאַכן טעאָרעטישע הנחות יעדן, מער אָדער ווייניקער געלערטן, פּאַרטיידיקער פון דער בורזשואַזער אָרדנונג. כּדי צו פאַרגלעטן דעם באַוואוסטזיין פון דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט, טרייסט זיך דער אוטאָפּיסט דערמיט, וואָס ער וואַרפט פאָר זיינע קעגנער אָביעקטיוויטעט: לאָמיר אָננעמען, הייסט עס, אַז איר זענט געלערנטער פון מיר אָבער דערפאַר בין איך בעסער. דער אוטאָפּיסט לייקנט נישט אָפּ די לערעס פון די געלערנטע פּאַרטיידיקער פון דער בורזשואַזיע; ער מאַכט בלויז צו זייערע טעאָריעס „באַמערקונגען" און „אויסבעסערונגען".

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די „סוביעקטיווע" דענקער באַשטייט אין דער ווירקלעכקייט אין דעם, וואָס „די וועלט, ווי זי באַדאַרף צו זיין, די אמתע און גערעכטע וועלט" שטייט ביי זיי נישט אין קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָביעקטיוון גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג: דאָ איז דאָס „געוואונשענע", דאָרט — דאָס „ווירקלעכע", און דידאָזיקע צוויי געביטן זענען אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן מיט אַ גאַנצן תהום, יענער אָפּגרונט, וועלכער טיילט אָפּ ביי די דואַליסטן די מאַטעריעלע וועלט פון דער גייסטיקער וועלט. די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט פונם ניינצנטן יאָרהונדערט איז, צווישן אַנדערן, באַשטאַנען אין דעם, אויפצובויען אַ בריק איבערן דאָזיקן, אין פלוג, אָן דנאָאיקן תהום. כּל-זמן מיר וועלן נישט אויפבויען דידאָזיקע בריק, אַזוילאַנג מוזן מיר פאַרמאַכן די אויגן אויף דאָס ווירקלעכע, קאָנצענטרירנדיק אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם „געוואונשענעם" (ווי עס האָבן געטאָן, למשל, די סען-סימאָניסטן), אַ דאַנק וועלכן, פאַרשטייט זיך, ס'וועט זיך נאָר פאַרפאַמעלעכערן די פאַרווירקלעכונג פונם „געוואונשענעם", ווייל עס וועט דאָך שווער זיין צו געפינען דעם ריכטיקן קוק דערויף.

מיר ווייסן שוין, אַז די היסטאָריקער פון די רעסטאַווראַציע-צייטן, אין קעגנזאַץ צו די אויפקלערער פון אַכצנטן יאָרהונדערט, פלעגן באַטראַכטן די פּאָליטישע איינריכטונגען פון יעדן לאַנד, אַלס רעזולטאַט פונם ציווילן לעבנשטייגער.

דערדאָזיקער נייער קוק האָט זיך אין אַזאַ גרויסער מאָס פאַר-
שפּרייט און פאַרשטאַרקט אין יענער צייט, אַז ער איז דער-
גאַנגען, ביי דער צופּאַסונג צו פּראַקטישע פּראַגן, צו משונה-
דיקע, איצט שוין פאַר אונז אומפאַרשטענדלעכע עקסטרעמען.
אַזוי, פלעגט זש. ב. ס ע י באַהויפּטן, אַז פּאָליטישע פּראַגן
דאַרפן נישט אינטערעסירן קיין עקאָנאָמיסט, ווייל די פאָלקס-
ווירטשאַפט קען זיך גלייכמעסיק גוט אַנטוויקלען אַפילו ביי
דיאַמענטראַל-קעגנזעצלעכע פּאָליטישע אָרדנונגען. דעמדאָזיקן
געדאַנק, ס ע י ס, כאַפּט אויף מיט צופרידנהייט סען-סימאָן,
אמת, ער לייגט אין אים אַריין אַ ביסל אַ מער טיפערן אינ-
האַלט. אויסער געציילטע אויסנאַמען, האָבן אַלע אוטאָפּיסטן פון
ביינצנטן יאָרהונדערט אַזאַ קוק אויף דער „פּאָליטיק”.

טעאָרעטיש איז דערדאָזיקער קוק פעלערהאַפט אין צוויי
הינזיכטן. ערשטנס, פלעגן ד י, וואָס האָבן זיך ביי אים גע-
האַלטן, פאַרגעסן, אַז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, פונקט ווי
אומעטום, וואו מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פּראָצעס, און נישט
מיט קיין באַזונדער דערשיינונג, ווערט דער רעזולטאַט, בשעתו
אַ סיבה, און די סיבה איז אַ רעזולטאַט; קירצער געזאָגט, זיי
פלעגן אין דעם פאַל אָפּוואַרפן יענעם זעלבן שטאַנדפּונקט פון
ק ע ג נ ז ײ ט י ק ע ר ו י ר ק ו נ ג, אויף וועלכן עס פלעגט זיך
אין אַנדערע פאַלן אינגאַנצן באַגרענעצן זייער אַנאַליז; צווייטנס
אויב די פּ אָ ל י ט י ש ע פאַרהעלטנישן זענען אַ פועל-יוצא
פון די ס אָ צ י אַ ל ע, איז אומפאַרשטענדלעך, אויף וואָס פאַר
אַן אופן קענען עקסטרעם-פאַרשיידענע רעזולטאַטן (פּאָליטישע
איינריכטונגען פון אַ דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעכן כאַראַקטער) קע-
נען אַרויסקומען פון איינאונדערזעלבער סיבה, — פון אַ גלייכן
צושטאַנד פון „רייכטום”. ווייזט אויס, אַז דער באַגריף גופא
וועגן דעם אוריזאַכלעכן צוזאַמענהאַנג פון די פּאָליטישע איינ-
ריכטונגען פון אַ לאַנד מיט זיין עקאָנאָמישן צושטאַנד איז דאָ
באָך אַ שטאַרק נעפּלדיקער. און עס וואָלט ווירקלעך נישט
געווען שווער צו באַווייזן, ווי נעפלדיק דאָס איז ביי אַלע
אוטאָפּיסטן.

אין דער פּראַקטיק האָט דידאָזיקע פאַרנעפּלטקייט גע
בראַכט מיט זיך צווייערליי פאָלגן. פון איין זייט זענען די

אוטאָפּיסטן, וועלכע האָבן אַזויפיל גערעדט וועגן דער אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע פ ו ן ד ע ר אַ ר ב ע ט, געווען גרייט צייטנווייז איבערצוחזרן דעם אַלטן דעוויז פון אַכצנטן יאָרהונדערט — „Laissez faire, Laissez passer“. אַזוי זאָגט סען-סימאָן, וועלכער האָט געהאַלטן די אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע פאַר דער גרעסטער אויפגאַבע פון נייַנצנטן יאָרהונדערט: „lindustrie a besoin d'etre gouvernee le moins possible“ (די אינדוסטריע נויטיקט זיך, מ'זאָל מיט איר וואָס ווייניקער פאַרוואַלטן) *). פון דער צווייטער זייט זענען די אוטאָפּיסטן, — ווידעראַמאָל מיט קליינע אויסנאַמען, וועלכע האָבן געהערט צו אַ שפּעטערדיקער צייט, — געווען אַבסאָלוט גלייכגילטיק צו דער אַקטועלער פּאָליטיק, צו די פּאָליטישע טאָגפראַגן.

די פּאָליטישע אָרדנונג איז אַ רעזולטאַט, און נישט קיין סיבה. דער רעזולטאַט בלייבט שטענדיק אַ רעזולטאַט, נישט ווערנדיק, בשעתו, קיין סיבה. פונדאַנען פאָלגט כמעט אַ דירעקטער אויספיר, אַז די „פּאָליטיק“ קען נישט דינען אַלס מיטל צו פאַרווירקלעכן געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע „אידעאַלן“. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך די פּסיכאָלאָגיע פונם אוטאָפּיסט, וועלכער פלעגט זיך אָפּקערן פון פּאָליטיק. אָבער אויף וואָסזשע פלעגן זיי אויסרעכענען ביים וועלן פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער פון געזעלשאַפטלעכער איבערגעשטאַלטונג? וואָס איז געלעגן אין יסוד פון זייערע פּראַקטישע האָפנונגען? אַ ל ץ און ג אָ ר נ י ש ט. אַ ל ץ — אין דעם זין, וואָס זיי האָבן אָן אונטערשייד דערוואַרט הילף פון די סאַמע קעגנזעצלעכע זייטן,

*) די אויפקלערער פון XVIII יאָרהונדערט האָבן זיך אויך פונקט אַזוי ווידערגעשפּראָכן, כאָטש זייערע ווידערשפּרוכן זענען קלאָר געוואָרן פון אַן אַנדער זייט. זיי האָבן געהאַלטן פון דער נישט-אַריינמישונג פון דער מלוכה, און פונדעסטוועגן, פלעגן זיי צייטנווייז פאָדערן פונם געזעצגעבער אַ קליינלעכע רעגלאַמענטאַציע. פאַר די אויפקלערער איז אויך געווען נישט קלאָר די שייכות פון דער „פּאָליטיק“ (וועלכע האָט זיך ביי זיי גערעכנט אַלס א ס י ב ה) מיט דער ווירטשאַפט (וועלכע זיי האָבן געהאַט געהאַלטן פאַר אַ ר ע ז ו ל ט אַ ט)

אָרנישט — אין דעם, וואָס אַלע זייערע האָפֿנונגען זענען גע-
ווען לגמרי אומבאַגרינדעט.
די אוטאָפּיסטן האָבן זיך געהאַלטן אַלס אויסערגעוויינ-
לעך פּראַקטישע מענטשן. זיי האָבן פֿיינט געהאַט „דאָקטרינערן"
און אַלע זייערע הויכע פּרינציפּן פֿלעגן זיי, נישט פֿאַרטראַכטנ-
דיק זיך, ברענגען אַ קרבן פֿאַר זייערע idees fixes זיי זע-
נען נישט געווען נישט קיין ליבעראַלן, נישט קיין קאָנסערוואַ-
טיסטן, נישט קיין מאָנאַרכיסטן, נישט קיין רעפּובליקאַנער.
זיי זענען גרייט געווען, אָן אונטערשייד, צו גיין סיי מיט די
ליבעראַלן, סיי מיט די קאָנסערוואַטיסטן, סיי מיט די מאָנאַר-
כיסטן, סיי מיט די רעפּובליקאַנער, אַבי צו פֿאַרווירקלעכן זיי-
ערע „פּראַקטישע" פּלענער, און ווי זיי האָט זיך געדאַכט
אויסערגעוויינלעך פּראַקטישע פּלענער. פֿון די אַלטע
אוטאָפּיסטן צייכנט זיך אין דער הינזיכט באַזונדערס אויס פֿור-
יע. ער האָט, ווי דער גאָגאָלישער קאָנסטאַנזשאָגלאָ (64) זיך
באַמיט יעדן מין לומפּ אויסצונוצן פֿאַר דער זאַך. דאָ פֿלעגט
ער פּרוּוון צוציען די פּראָצענטניקעס מיט דער פּערספּעקטיוו
פֿון קאָלאָסאַלע פּראָצענטן, וועלכע די קאַפּיטאַלן וועלן זיי
אַריינטראָגן אין דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט; דאָ פֿלעגט ער
רופֿן די ליבהאָבער פֿון קירבעסן און אַרטישאָקן, שילדערנדיק
פֿאַר זיי די פּרעכטיקע קירבעסן און אַרטישאָקן פֿון דער צו-
קונפֿט; דאָ פֿלעגט ער פֿאַרזיכערן לואי-פֿיליפּן (65), אַז די
אָרלעאַנער פּרינצעסינס, מיט וועלכע עס ווילן איצט נישט האָבן
קיין משא-מתן די שטאַם-פּרינצן, וועלן זיך קיין עצה נישט קע-
נען געבן מיט די סאַך התנים ביי דער נייער געזעלשאַפֿטלע-
כער אָרדנונג. ער פֿלעגט זיך אָנכאַפּן אָן יעדעס שטרויעלע.
נאָר, וויי! נישט די פּראָצענטניקעס, נישט די קירבעס- און
אַרטישאָק-ליבהאָבער, נישט דער „קעניג-בירגער" האָבן אַפֿילו
זיך נישט אומגעקוקט אויף די סאַמע, דאַכט זיך, איבערצייגנ-
דיקסטע חשבונות פֿון פֿוריע. זיין פּראַקטישקייט האָט זיך
אַרויסגעוויזן אַלס אַ לכתחילה-פֿאַראורטיילטע אויף אַ מיסדערפֿאָלג,
אַלס אַ האָפֿנונגלאָז יאָגן זיך נאָך אַ גליקלעכן צופֿאַל.
מיטן יאָגן זיך נאָכן גליקלעכן צופֿאַל האָבן זיך נאָך
ענערגיש פֿאַרנומען די אויפֿק. ערער פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט.

האָפנדיק נעמלעך אויף אַזאַ צופאַל פלעגן זיי זיך באַמיען
מיט אַלע אמתן און נישט-אמתן, אָנצוקניפן פריינטלעכע באַ-
ציאונגען מיט די מער אָדער ווייניקער אויפגעקלערטע „גצוזצ-
געבער” און מיט די אַריסטאָקראַטן פון יענער צייט. אַסאַך
מיינען, אַז וויבאַלד אַ מענטש זאָגט: די מיינונג רעגירט מיט דער
וועלט, האָט ער שוין נישט קיין גרונט צו מרה-שחורהנען ווען
דער צוקונפט: La raison finira pas avoir raison אָבער
דאָס איז נישט אַזוי. ווען, אויף וואָס פאַראַ וועג וועט קומען
דער טריאומף פונם שכל? די אויפקלערער פלעגן זאָגן, אַז אין
געזעלשאַפטלעכן לעבן הענגט אַלץ, סוף-כל-סוף, אָפּ פונם
„געזעצגעבער”. דערפאַר פלעגן זיי זיך יאָגן נאָך די געזעצ-
געבער. אָבער דיזעלביקע אויפקלערער האָבן גוט געוואוסט,
אַז דער כאַראַקטער און די אָנשויאונגען פון אַ מענטש זענען
אָפּהענגיק פון דער דערציאונג און אַז אין אַלגעמיין גענומען
האָט די דערציאונג נישט געמאַכט מסוגל די „געזעצגעבער”
אויפצונעמען די אויפקלערערישע לערעס. דעריבער האָבן
זיי נישט געקענט נישט אָנערקענען, אַז ס׳זענען פאַראַן
קנאַפּע האָפנונגען אויף די געזעצגעבער. ס׳איז פאַרבליבן צו
האָפן אויפן גליקלעכן צופאַל. שטעלט אייך פאָר, אַז איר
פאַרמאָגט אַ גאָר גרויסן קאַסטן, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן אַ-
סאַך שוואַרצע באַלן און אַ צוויי-דריי ווייסע. איר נעמט אַרויס
אַ באַל נאָך אַ באַל. אין יעדן באַזונדערן פאַל האָט איר אומ-
פאַרגלייכלעך ווייניקער שאַנסן אַרויסצונעמען אַ ווייסן באַל איי-
דער אַ שוואַרצן. אָבער איבערחזרנדיק די פּראָצעדור אַ גענוג-
דיקע צאָל מאָל, וועט איר, סוף-סוף, אַרויסנעמען אויך אַ ווייסן.
דאָסזעלבע איז מיט די „געזעצגעבער”. אין יעדן באַזונדערן
פאַל איז אוודאי וואַרשיינלעך, אַז דער געזעצגעבער וועט זיין
קעגן די „פילאָזאָפן”, אָבער ס׳וועט דאָך אויך קומען אַמאָל
אַ געזעצגעבער, וועלכער איז יאָ מספים מיט די פילאָזאָפן
אַטאָ דער וועט טאָן אַלץ, וואָס עס הייסט דער שכל. אַזוי,
בוכשטעבלעך אַזוי, פלעגט טענהן העלוועציוס *). דער

(* Dans un temps plus ou moins long il (66)
taut, disent les sages, que toutes les possibilités se
réalisent: pourquoi désesperer du bonheur tutur de
l'Humanuté ? etc.

סוביעקטיוו אידעאַליסטישער קוק אויף דער געשיכטע („די מיינונג רעגירט מיט דער וועלט"), וועלכער גיט, אין פלוג, אַפּ אַזאַ ברייט אָרט פאַר דער פרייהייט פונם מענטש, מאַכט פון אים, אין דער ווירקלעכקייט, אַ שפּילכל פונם צופאַל. אַט פאַרוואָס דערדאָזיקער קוק איז אין תוך זייער אַ טרויעריקער.

מיר קענען, למשל, נישט עצס טרויעריקערס פון די אָנשויאונגען פון די אוטאָפּיסטן פונם סוף ניינצנטן יאָרהונדערט, ד. ה. פון די רוסישע פאָלקיסטן און סוביעקטיווע סאָציאָלאָגן. יעדערער פון זיי האָט אַ פּאַרטיקן פּלאַן צו ראַטעווען די דאָרפגעמיינדע, און דורך איר דאָס פויערטום בכלל, יעדערער — האָט זיין „פאָרמול פון פּראָגרעס". נאָר, ווי! דאָס לעבן גייט זיך זיין גאַנג, נישט אומקוקנדיק זיך אויף זייערע פאָרמולן, פאַר וועלכע ס'פאַרבלייבט נישט קיין אַנדער עצה, ווי זיך אויך דורכצווייגן אַן אייגענעם, פון לעבן אומאָפּהענגיקן, וועג אויפן געביט פון אַבסטראַקציע, פאַנטאַזיע און לאָגישע אויספירן. אַט לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, דעם אַכילעס פון דער סוביעקטיווער שול, ה. מיכאַילאָווסקי (67).

„די אַרבעטער-פראַגע אין איראָפּע איז אַ רעוואָלוציאָנערע פראַגע, ווייל דאָרטן פאַרלאַנגט זי איבערצוגעבן די באַדינגונגען (?) פון דער אַרבעט אין די הענט פונם אַרבעטער, עקספּראָפּריאירן די איצטיקע אייגנטימער. די אַרבעטער-פראַגע אין רוסלאַנד איז אַ קאָנסערוואַטיווע פראַגע, ווייל דאָ פאָדערט זיך בלויז איינצוהאַלטן די אַרבעט-באַדינגונגען אין די הענט פונם אַרבעטער, צו גאַראַנטירן די איצטיקע אייגנטימער זייער אייגנטום. ביי אונז נעבן סאַמע פּעטערבורג... אין אַ געגנט, וועלכע איז פול מיט פאַבריקן, זאַוואָדן, פּאַרקן, דאַטשעס, — וואוינען פּאַראַן דערפער, וואו די איינוואוינער לעבן אויף דער אייגענער ערד, הייצן מיט זייער אייגענעם וואַלד, עסן זייער אייגן ברויט, קליידן זיך אין קורטקעס און טולופּן פון זייער אייגענער אויסאַרבעטונג פונם וואָל פון זייערע אייגענע שעפּסן. גאַראַנטירט זיי זיכער דאָסדאָזיקע אייגנס און די רוסישע אַרבעטער-פראַגע איז געלעזט. און פאַרן דאָזיקן ציל מעג מען אַלץ אָפּגעבן, אויב מ'זאָל פאַרשטיין ווי ס'דאַרף צו

זיין, די באַדייטונג פון אַ פעסטער גאַראַנטיע. מען וועט זאָגן: מ׳קאָן דאָך נישט אייביק בלייבן ביי דער סאָכע און ביי דער דריי-פעלדערדיקער (68) ווירטשאַפט. ביי די פאַרמבוילדיקע פאָר-מען פון דער קורטקעס- און טולופּן-פאַבריקאַציע. מ׳קען נישט. פון דערדאָזיקער שווערער לאַגע זענען פאַראַן צוויי אויסוועגן. איין אויסוועג, אַן אָנגענומענער דורכן פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, איז זייער פשוט און באַקוועם: העכערט דעם צאָל, לאָזט פּו-באַנדער די דאָרפגעמיינדע, און ס׳איז שוין אייגנטלעך געווג, — די אינדוסטריע וועט, פונקט ווי די ענגלישע, וואַקסן ווי שוואָמען. אָבער זי וועט אויפעסן דעם אַרבעטער, זי וועט אים עקספּראָפּריאירן. ס׳איז אויך פאַראַן אַ צווייטער וועג, אמת אַסאַך אַ שווערערער — אָבער אַ לייכטע לעזונג פון אַ פראַגע הייסט נאָך נישט די ריכטיקע לעזונג. דער צווייטער וועג באַשטייט אין דער אַנטוויקלונג פון יענע באַציאונגען פון אַרבעט און אייגנ-טום, וועלכע עקזיסטירן שוין פאַקטיש, נאָר זייער אין אַ גראָ-בער, פרימיטיווער פאָרם, פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער ציל קען נישט דערגרייכט ווערן אָן אַ ברייטער מלוכהשער אַריינ-מישונג, וועלכערס ערשטער אַקט עס דאַרף זיין די געזעצגע-בערישע פאַרפעסטיקונג פון דער דאָרפגעמיינדע״ *).

דאָס פרייע האַרץ
האָט אויף דער וועלט
צוויי וועגן בלויז.
די קראַפט, די שטאָלצע
און ווילן פעסטער, —
קלויב דיר אויס!

מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע רייד פון אונ-זער מחבר שמעקן שטאַרק מיט קירבעסן און אַרטישאָקן. און דאַכט זיך, אַז עס נאַרט אונז נישט אָפּ דער חוש-הריח. מיט וואָס האָט געזינדיקט פוריע ביי דער מעשה מיט די קירבעסן און אַרטישאָקן? דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזן אין „סוביעקטיווער סאָציאָלאָגיע״. אַן אָביעקטיווער סאָציאָלאָג וואָלט זיך געפרעגט: צי איז דער ליבהאָבער פון קירבעסן און אַר-

*) ד. מיכאַילאָווסקיס ווערק צווייטער באַנד, צווייטע אויפלאַגע זייטן 3—102.

טישאָקן בכוח צו ענדערן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און דעם גאַנג פון זייער אַנטוויקלונג? ס'איז מער ווי זיכער, אַז ער וואָלט זיך געענטפערט נעגאַטיוו אויף יעדערער פון דידאָזיקע פראַגן און דעריבער וואָלט ער נישט געפּטרט קיין צייט אויף שמועסן מיט די „ליבהאָבער". נאָר אַזוי וואָלט געטאָן אַן אָביעקטיווער סאָציאָלאָג, ד. ה. אַ מענטש, וועלכער באַגרינדעט אַלע זיינע אויסרעכענונגען אויף דער באַטראַכטיקער געזעצמעסיקייט פונם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. דאַקעגן דער סוביעקטיווער סאָציאָלאָג פאַרטרייבט די געזעצמעסיקייט אין נאָמען פון „געוואונשענעם," און דעריבער האָט ער נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי האָפן אויף אַ צופאַל. אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים אויך — דאָס איז די איינציקע טרייסט, מיט וועלכער עס קען זיך טרייסטן דער גוטער סוביעקטיווער סאָציאָלאָג.

שוין אין די צוואַנציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט פלעגן די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן אומאויפהערלעך אָנווייזן אויפן „קאָנסערוואַטיוון" כאַראַקטער פון די רעפאָרמען, וועלכע זיי האָבן אויסגעטראַכט. סען-סימאָן פלעגט פשוט שרעקן סיי די רעגירונג סיי, ווי מ'זאָגט עס ביי אונז, די געזעלשאַפט מיט אַ פאָלקס-אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס געדאַרפט פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע פון די „קאָנסערוואַטאָרן" אין דער פאָרם פון דער שרעקלעכער, ביי אַלעמען אין זכרון נאָך לעבעדיקער, באַוועגונג פון די סאַנקילאָטן (69) נאָר פון דערדאָזיקער שרעקעניש איז, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט אַרויסגעקומען, און אויב די געשיכטע גיט אונז ווירקלעך וועלכע נישט איז לעקציעס, איז איינע פון די באַלערנדיקסטע יענע, וועלכע זאָגט עדות אויף דער פולשטענדיקער אומפּראַקטישקייט פון אַלע פלענער פון אַלע, כלומרשט, פּראַקטישע אוטאָפּיסטן.

ווען די אוטאָפּיסטן פלעגן, אָנווייזנדיק אויפן קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער פון זייערע פלענער, זיך באַמיען באַוועגן די רעגירונג זיי פאַרווירקלעכן, פלעגן זיי געוויינלעך, אַלס אַ באַשטעטיקונג פון זייער געדאַנק, פאָרשטעלן אַן איבערזיכט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון זייער לאַנד פאַר אַ מער

אָדער ווייניקער לענגערער עפּאָכע, אַן איבערזיכט, וועלכער פלעגט באַווייזן, אַז דאַמאָלס און דאַמאָלס זענען באַגאַנגען געוואָרן „פעלערן", וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ פולשטענדיק נייעם און זייער נישט קיין געוואונשענעם כאַראַקטער אַלע געזעלשאַפט־לעכע פאַרהעלטנישן. די רעגירונג האָט בלויז געדאַרפט אָנער־קענען און אויסבעסערן דידאָזיקע „פעלערן", און עס וועט תיכף־ומיד איינגעשטעלט ווערן שיר נישט אַ גן־עדן אויף דער ערד.

אַזוי, פלעגט סען־סימאָן פאַרזיכערן די בורבאָנען (70), אַז ביז דער רעוואָלוציע איז דער כאַראַקטעריסטישער הויפּט־שטריך פון פראַנקרייכס אינערלעכער אַנטוויקלונג געווען דער צוזאַמענבונד פון דער מאָנאַרכיע און די אינדוסטריעלער. דער־דאָזיקער בונד איז געווען גלייכמאָסיק באַקוועם פאַרביידע צדדים. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז די רעגירונג, צוליב אַ מיספאַרשטענדניש, געגאַנגען קעגן די געזעצ־לעכע פאָדערונגען פון די אינדוסטריעלע, און די אינדוסטריע־לע האָבן, אויך צוליב אַזאַ טרויעריקער מיספאַר־שטענדניש, געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן דער מאָנאַרכיע. פונדאַנען — נעמט זיך דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער שפּעטער־דיקער צייט. אָבער איצטער, ווען דער מקור פון שלעכטס איז אויסגעפונען, לאָזט זיך די זאַך זייער לייכט פאַריכטן, ווייל די אינדוסטריעלע דאַרפן זיך בלויז צוזאַמענרעדן אויף געוויסע באַדינגונגען מיט דער רעגירונג. דאָס וואָלט געווען דער סאַמע שכלדיקסטער, קאָנסערוואַטיווער אויסגאַנג פון די פילצאָליקע שוועריקייטן פון ביידע צדדים, ס'איז איבעריק איצט צוצוגעבן, אַז נישט די בורבאָנען, נישט די אינדוסטריעלע האָבן נישט געפאָלגט די גוטע עצה און סען־סימאָן.

„אַנשטאָט דעם, מיר זאָלן זיך האַלטן פעסט ביי אונזערע דורותדיקע טראַדיציעס; אַנשטאָט דעם, מיר זאָלן אַנטוויקלען דעם פּרינציפּ פון אַן ענגען צוזאַמענבונד פון די פּראָדוקציע־מיטלען מיט דעם אוממיטלבאַרן פּראָדוצענט, וועלכן מיר האָבן בירושה; אַנשטאָט דעם מ'זאָל זיך באַנוצן מיט די דערגרייכונ־גען פון ... מערב־אייראָפּעאישער וויסנשאַפט און זיי צופּאַסן צו דער אַנטוויקלונג פון אַן אינדוסטריע־פאָרם, וועלכע איז באַ־

גרינדעט אויף דעם, דאָס פּויערטום זאָל זיין באַלעבאָס איבער די פּראָדוקציע-מיטלען; אַנשטאָט דעם, מ'זאָל פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון זיין אַרבעט דורך דער קאָנצענטרירונג פון די פּראָדוקציע-מיטלען אין זיינע הענט; אַנשטאָט דעם מ'זאָל זיך באַנוצן נישט מיט דער מערב-אייראָפּעאישער פאָרם פון דער פּראָדוקציע, נאָר מיט איר אָרגאַניזאַציע, ווי זי זעט אויס אין מערב-אייראָפּע... אַנשטאָט דעם אַלעם זענען מיר אַרויף אויף אַ לחלוטין-קעגנזעצלעכן וועג. מיר האָבן נישט בלויז גע-שטערט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע-פאָר-מען, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זענען באַגרינדעט אויף דער עקספּראָפּריאַציע פונם פּויערטום, נאָר, אַדרבה, מיר האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט מיטצוהעלפן דעם גרינטלעכן צו-זאַמענברוך פון אונזער גאַנץ ווירטשאַפטלעך לעבן, אַ צוזאַמענ-ברוך, וואָס האָט דערפירט צום הונגער פון 1891 יאָר *).
אַזוי קלאָגט זיך ה' נ. — אָן (71), רעקאָמענדירנדיק דער „גע-זעלשאַפט" אויסצובעסערן דעמדאָזיקן פעלער, לעזנדיק די אויסערגעווינלעך שווערע", אָבער נישט „אוממעגלעכע" אויפ-גאַבע: „צו אַנטוויקלען די פּראָדוצירנדיקע כוחות פון דער באַפעלקערונג אין אַזאַ פאָרם, עס זאָל זיך מיט זיי קענען באַנוצן נישט אַ אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק" **). עס גייט אין דעם, מ'זאָל אויסבעסערן דעם „פעלער".

אינטערעסאַנט, אַז ה' נ.-אָן האַלט זיך פאַר זייער ווייט פון יעדערליי אוטאָפּיעס. ער שטיצט זיך כסדר אויף מענטשן, וועלכע מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די וויסנשאַפטלעכע קריטיק פונם אוטאָפּישן סאָציאַליזם. די גאַנצע זאַך ליגט אין דער עקאָנאָמיע פונם לאַנד, חזרט ער איבער, וואו מ'דאַרף און וואו מ'דאַרף נישט, דאָס גאַנצע שלעכטס קומט פון דאָרט אַרויס: „דעריבער באַדאַרף באַשטיין די תרופה פאַר דער באַזייטיקונג פונם שלעכטס, וויבאַלד מ'האָט עס אַנטדעקט, אויך אין דער ענדערונג פון די פּראָדוקציע-באַדינגונגען". כדי עס צו פאַר-

*) ניקאָלאַי — אָן. „סקיצן וועגן אונזער נאָכרעפאָרמדיקער געזעלשאַפט-לעכער ווירטשאַפט". פּעטערבורג 1893. ז.ז. 3—322.

**) דאָרטן ז. 343.

טייטשן — ווידעראַמאָל אַ שטיצן זיך אויף איינעם פון די קריטיקער פונם אוטאָפּישן סאָציאַליזם: „דידאָזיקע מיטלען דאַרפן נישט זיין קיין אויסגעטראַכטע פון קאָפּ, נאָר מיט דער הילף פון געדאַנק דאַרפן זיי אויסגעפונען ווערן אין די פּאַקטישע מאַטעריעלע פּראָדוקציע-באַדינגונגען".

אָבער אין וואָס באַשטייען יענע „מאַטעריעלע פּראָדוקציע-באַדינגונגען", וועלכע וועלן באַוועגן די געזעלשאַפט צו לעזן אָדער לכל-הפחות אָנזעקצושטעלן די אויפגאַבע, וועלכע עס ליגט איר פאָר ה׳ ג. —אָן? דאָס בלייבט אַ סוד נישט בלויז פאַר די לעזער נאָר, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרן מחבר אַליין, וועלכער האָט דורך זיין „אויפגאַבע" איבערצייגנדיק באַוויזן, אַז ער איז אין זיינע היסטאָרישע אָנשויאונגען פאַרבליבן אַן עכטער אוטאָפּיסט, נישט קוקנדיק אויף די ציטאַטן פון ווערק פון גאָרנישט קיין אוטאָפּישע שרייבער.

קען מען דען זאָגן, אַז פּוריעס פלענער האָבן ווידערגעשפּראָכן די „מאַטעריעלע באַדינגונגען" פון דער בשעתודיקער פּראָדוקציע? ניין, נישט בלויז זיי האָבן נישט ווידערגעשפּראָכן, נאָר זיי זענען אינגאַנצן געווען באַגרינדעט, אַפילו די חסרונות זייערע, אויף דידאָזיקע באַדינגונגען. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט פּוריען צו זיין אַן אוטאָפּיסט, ווייל, וויבאַלד באַגרינדנדיק זיין פּלאַן „מיט דער הילף פון געדאַנק" אויף די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער בשותועדיקער פּראָדוקציע, האָט ער נישט געקאָנט צושרייבן אָט אָ די באַדינגונגען זיין פאַרווירקלעכונג, — פלעגט ער אויך דעריבער אָן קיין שום זין זיך צוטשעפּן מיט דער „גרויסער אויפגאַבע" צו אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און קלאַסן, וועלכע האָבן, צוליב דיזעלבע מאַטעריעלע באַדינגונגען, נישט געקענט האָבן נישט קיין נטיה זיך צו נעמען פאַר איר לעזונג, נישט קיין מעגלעכקייט זי צו לעזן. ה׳ ג. —אָן האָט אויף זיך דעמזעלבן חטא, אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס האָט אים פּוריע אָדער ראָדבערטוס (72), וועלכן ער האָט נישט ליב: גיכער פאַר אַלץ דערמאָנט ער ראָטבער-

טוסן, ווייל ה׳ נ.-אָנס שטיצן זיך אויף די דורות-לאַנגע יסודות איז מאַקע אין גייסט פון דעמדאָזיקן קאָנסערוואַטיוון שרייבער.

כדי אויפצוקלערן די „געזעלשאַפט“ ווייזט אָן ה׳ נ.-אָן אויף דעם אָפּשרעקנדיקן ביישפּיל פון מערב-אייראָפּע. מיט אַזעלכע מיני אָנווייזונגען האָבן אונזערע אוטאָפּיסטן שוין פון לאַנג זיך באַמיט צוצוגעבן אַן אויסזען פון מענטשן פּאָזיטיווע, וועלכע ווערן נישט מיטגעריסן פון פאַנטאַזיעס און וועלכע קענען זיך בלויז באַנוצן מיט די „לעקציעס פון דער געשיכטע“. אָבער אויך דערדאָזיקער מעטאָד איז נישט ניי. די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן האָבן שוין געפּרווט אָנצושרעקן און קלוג צו מאַכן זייערע צייט-חברים מיטן ביישפּיל פון ענגלאַנד, וואו „עס טיילט אָפּ אַ גוואַלטיקער מרחק דעם אונטערנעמער פונם אַרבעטער“ און וואו אויף דעמדאָזיקן לעצטן שווערט אַ יאָך פון אַ באַזונדער מין דעספּאָטיזם. „אַנדערע לענדער, וועלכע גייען נאָך ענגלאַנד אויפן וועג פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, — פלעגט זאָגן דער „Producteur“ (73), — דאַרפן פאַרשטיין, אַז מ׳דאַרף שטערן דאָס אויפקומען פון אַזאַ אָרדנונג אויף זייער אייגענעם באָדן“*). אַלס איינציקע ווירקלעכע שטערונג פאַרן אויפקום פון די ענגלישע אָרדנונגען אין אַנדערע לענדער האָט געקענט דינען די סען-סימאָניסטישע „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט און אַרבעטער“**). מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין פראַנקרייך ווערט דער הויפּט-פּלאַץ, אויף וועלכן מ׳האָפט, אַז ער וועט אויסמיידן דעם קאַפּיטאַליזם, דייטשלאַנד, וועלכע שטעלט זיך, אין דער פּערזאָן פון אירע אוטאָפּיסטן, לאַנג און עקשנותדיק, אַוועק אַלס אַ קעגנזאַץ צו „מערב-אייראָפּע“ (der westlichen Ländern) אין די מערבדיקע לענדער, האָבן געטענהט די דייטשע אוטאָפּיסטן, איז דער טרעגער פון דער אידעע פון אַ נייער געזעל-

*) באַנד I, ז. 140.

**) וועגן דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע זע אין „Globe“ פון די יאָרן 1831—32, וואו זי איז גענוי באַשריבן אפילו מיט די פאַרבאַרייטנדיקע איבערגאַנג-פאָרמען.

שאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע דער אַרבעטער-קלאַס, בײַ אונז — זענען עס די געבילדעטע קלאַסן. (דאָס, וואָס ס'רופט זיך אין רוסלאַנד די „אינטעליגענץ" האָט זיך, נעמלעך, געהאַלטן פֿאַר באַרופֿן אָפּצוּװענדן פֿון דײַטשלאַנד דעם גורל פֿון קאַפּיטאַליזם*).

---

*) „Unsere National-Oekonomen streben mit allen Kräften Deutschland auf die Stufe der Industrie zu heben von welcher herab England jetzt die andern Länder noch beherscht. England ist ihr Ideal. Gewiss: England sieht sich gern schön an; England hat seine Besitzungen in allen Welttheilen, es weiss seinen Einflus aller Orten geltend zu macheu, es hat die reichste Handels und Kriegsflotte, es weiss bei allen Handels-traktaten die Gegenkontrahenten immer hinters licht zu führen, es hat die spekulantivsten Kaufleute, die bedeutendsten Kapitalisten, die erfindungsreichster Köpfe, die prächtigsten eisenbahnen, die grossartigsten Maschinenanlagen; gewiss England ist von dieser Seite betrachtet; ein glückliches Land, aber — es lösst sich auch ein anderer Gesichtspunkt bei der Schätzung Englands gewinnen und unter diesem möchte doch wohl das Glück desselben von seinen Unglück betentend überwogen werden. England ist auch das Land, in welchem das Elend auf die höchste Spitze getrieben ist, in welchem jährlich Hunderte notorisch Hungers sterben, in welchem die Arbeiter zu fünfzigtausenden zu arbeiten verweigen, da sie trotz all ihrer Mühe und Leiden nicht soviel verdienen, dass sie nothdürftig leben können. England ist das Land in welchem die Wohlthätigkeit durch die armensteuer zum äusserlichen Gesetz gemacht werden musste. Seht doch ihr, Nationalökonemen, in den Fabriken die wankenden, gebügten und verwach seron-Gestalten, seht die bleichen, abgehämerten, schwindsüchtigen Gesichter, seht all' das geistige und das leibliche Elend, und ihr wollt Deutschland noch zu einen zweiten England machen? England konnte nur durch Unglück und Jammer zu dem Höhenpunkt der Industrie gelangen, auf dem es jetzt steht und Deutsch-

דער קאַפּיטאַליזם איז געווען אַזוי (74) שרעקלעך פאַר די דייטשי-
שע אוטאָפּיסטן, אַז זיי זענען גרייט געווען, אין ערגסטן פאַל
מסכּים צו זיין בעסער אויף אַ פולשטענדיקער אָפּגעשטאַנענקייט
אַבי אים אויסצומיידן. דער זיג פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער
אָרדנונג, האָבן זיי גערעכנט, וואָלט געבראַכט צו דער הער-
שאַפט פון דער געלט - אַריסטאָקראַטיע. זאָל דעריבער
בעסער נישט זיין קיין קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג *).
דייטשלאַנד האָט דעם קאַפּיטאַליזם נישט אויסגעמיטן. איצט
רעדן וועגן דערדאָזיקער אויסמיידונג די רוסישע אוטאָ-
פּיסטן. אַזוי וואַנדערן די אוטאָפּישע אידעען פון מערב צו
מזרח, זייענדיק אומעטום די אָנזאָגערינס פונם זיג פון דעמ-
זעלבן קאַפּיטאַליזם, קעגן וועלכן זיי האַלטן מלחמה. אָבער וואָס
ווייטער זיי קומען אויפן מזרח, ענדערט זיך אַלץ מער זייער
היסטאָרישע באַדייטונג. די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן זענען
בשעתם געווען דרייסטע, געניאַלע נ אָ ו אַ ט אָ ר ן; די דייטשן —
זענען געשטאַנען אַסאַך נידעריקער פון זיי; די רוסישע ווידער
זענען איצט בלויז אימשטאַנד אָפּצושרעקן די מערב-מענטשן
מיט זייער פאַר-מבולדיקן אויסזען.

אינטערסאַנט, אַז שוין ביי די פראַנצויזישע אויפקלערער
שווימט א ו י ף דער געדאַנק וועגן אויסמיידן דעם קאַפּיטאַליזם.
אַזוי, למשל, באַווייַנט האָלבאַן, וואָס דער זיג פון דער קאָנ-
סטיטוציאָנעלער אָרדנונג אין ענגלאַנד האָט געבראַכט צו דער
אַבסאָלוטער הערשאַפט de l' Inténêt sordide des (77)
marchands אים פאַרשאַפט אַסאַך עגמת-נפש דער פאַקט, וואָס

---

land könnte nur durch dieselben Opfer ähnliche Resultate erreichen, d. h. erreichen, dass die Reichen noch reicher und die Armen noch ärmer werden". Triersche Zeitung, 4 Mai 1846.

(75) Solte es den Constitutionellen gelingen, (* זאָגט ב י כ נ ע ר (76), —die deutschen Regierungen zu stürzen— und die algemeine Monarchie oder so bekommen wir hier einen Geldaristokratismus, wie in Frankreich, und lieber sol es bleiben, wie es jetzt". Georg Büchners Sämtliche Werke ארויסג. אונטער דער רעדאַקציע פון פראַנצאָז ז. 122.

די ענגלענדער זוכן אומאויפהערליך נייע מערק. אַזאַ מין גע־
יעג נאָך מערק רייסט זיי אָפּ פון דער פילאָזאָפיע. האָלבאַך
פּאַראורטיילט אויך די נישט גלייכהייט פון פאַרמעגנס, וואָס
עקזיסטירט אין ענגלאַנד. ער וואָלט געוואָלט, פּונקט ווי העל־
וועציוס, צו גרייטן דעם טריאומף פון שכל און גלייכהייט
און נישט פון סוחרישע אינטערעסן. אָבער נישט האָלבאַך,
נישט העלוועציוס און קיינער פון די אויפקלערער האָט נישט
געקענט אַנטקעגנשטעלן דעם דאַמאָלסדיקן אַנטוויקלונגס-גאַנג
גאָרנישט, אַחוץ ליבנעזאַגנגען צום שכל און מוסר-זאָגעריי אויפן
אַדרעס du „peuple d‘Albion“ (78) אין דער הינזיכט זע־
נען זיי געווען פּונקט אַזוי קראַפּטלאָז, ווי אונזערע איצטיקע
רוסישע אוטאָפּיסטן.

נאָך איין באַמערקונג, און מיר וועלן פאַרענדיקן מיט די
אוטאָפּיסטן. דער שטאַנדפּונקט פון דער „מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר
נ אַ ט ו ר“ האָט אַרויסגערופן אין דער ערשטער העלפט פון
ניינצנטן יאָרהונדערט יענעם מיסברויכן מיט ב י אָ ל אָ ג י ש ע
אַנאַלאָגיעס, וואָס לאָזט זיך עד-היום שטאַרק פילן אין דער
מערבדיקער סאָציאָלאָגישער, און באַזונדערס אין דער רוסישער
קוואַזי-סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור.

אויב דעם סוד פון דער גאַנצער היסטאָרישער געזעל־
שאַפטלעכער באַוועגונג דאַרף מען זוכן אין דער נאַטור פונם
מענטש, און אויב, ווי עס האָט נאָך ריכטיק באַמערקט סען־
סימאָן, די געזעלשאַפט באַשטייט פון אינדיווידואומען, הייסט עס
אַז די נאַטור פון אינדיווידואום דאַרף געבן דעם שליסל צו
דער דערקלערונג פון דער געשיכטע. די נאַטור פונם אינדיווי־
דואום שטודירט די פ י ז י אָ ל אָ ג י ע אין ברייטן זין פון דאָ־
זיקן וואָרט, ד. ה. די וויסנשאַפט, וועלכע נעמט אויך אַרום
די פ ס י כ י ש ע ד ע ר ש יי נ ו נ ג ע ן. אָט פאַרוואָס ביי סען־
סימאָן און זיינע תלמידים איז די פיזיאָלאָגיע געווען דער
יסוד פון דער סאָציאָלאָגיע, וועלכע זיי האָבן גערופן די ס אָ־
צ י אַ ל ע פ י ז י ק. און די אויסגאַבן וועלכע זענען דערשינען נאָך
ביי סען-סימאָנס לעבן און ביי זיין טעטיקער מיטאַרבעט „Opi-
nions philosophiques, littéraires e't industrielles“
איז אָפּגעדרוקט אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער, צום באַ־
דויערן, נישט קיין פאַרענדיקטער אַרטיקל פון אַן אַנאָנימען

דאָקטאָר-מעדיצין אונטערן טיטול: „De la physio-
logie appliqée á l'amélioration des institutions so-
ciales"[1] (וועגן דער פיזיאָלאָגיע ביי איר אָנווענדונג צו דער
אויסבעסערונג פון די געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען). דער
מחבר באַטראַכט די וויסנשאַפט וועגן דער געזעל-
שאַפט אַלס אַן אָרגאַנישן טייל פון דער „אַלגעמיינער
פיזיאָלאָגיע", וועלכע, ווערנדיק באַרייכערט מיט אָבסערוואַ-
ציעס און דערפאַרונגען פון דער „ספּעציעלער פיזיאָ-
לאָגיע" איבער אינדיווידואומען, פאַרנעמט זיך מיט מחשבות
פון אַ העכערן מין". די אינדיווידואומען זענען פאַר איר
„בלויז אָרגאַנען פונם געזעלשאַפטלעכן קערפּער", וועלכנס פונק-
ציעס זי שטודירט, פונקט אַזוי ווי די ספּעציעלע
פיזיאָלאָגיע שטודירט די פונקציעס פון די
אינדיווידואומען". די אַלגעמיינע פיזיאָלאָגיע שטודירט
(דער מחבר זאָגט — דריקט אויס) די געזעצן פון דער געזעל-
שאַפטלעכער עקזיסטענץ, צו וועלכער עס דאַרפן זיך צוגעפּאַסט
ווערן די געשריבענע געזעצן. שפּעטער האָבן די בורזשואַזע
סאָציאָלאָגן, ספּענסער (79), צום ביישפּיל, זיך באַנוצט מיט די
לערע וועגן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם פאַר די סאַמע קאָנ-
סערוואַטיווע אויספירן. אָבער דער דאָקטאָר-מעדיצין, וועלכן
מיר ציטירן, איז קודם-כל אַ רעפאָרמאַטאָר. ער שטודירט
דעם „געזעלשאַפטלעכן קערפּער" צוליב דער געזעלשאַפט-
לעכער איבערבויאונג, וואָרום נאָר די „סאָציאַלע
פיזיאָלאָגיע" און די מיט איר ענג-פאַרבונדענע היגיע-
נע" שאַפן די „געהעריקע יסודות, אויף וועלכע מ'קען אויפ-
בויען דעם סיסטעם פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַ-
ציע, וועלכן עס פאַרלאַנגט דער איצטיקער צושטאַנד פון דער
ציוויליזירטער וועלט". אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָבן די
סאָציאַלע פיזיאָלאָגיע און היגיענע נישט געגעבן קיין סאַך שפּייז
פאַר דער רעפאָרמאַטאָרישער פאַנטאַזיע פונם מחבר, ווייל, סוף-
כל-סוף, איז ער געצוואונגען זיך צו ווענדן צו די מעדי-
קער, ד. ה. צו מענטשן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט אינדי-
ווידועלע אָרגאַניזמען, בעטנדיק זיי, זיי זאָלן געבן דער גע-

זעלשאַפט „אין דער פאָרם פון אַ היגיעניש ן רע-
זעפט", „אַ סיסטעם פון אַ סאָציאַלע אָרדנונג".

דעמדאָזיקן קוק אויף דער „סאָציאַלער פיזיק" האָט שפּעטער איבערגעקייט אָדער, אויב איר ווילט, אַנטוויקלט אָ. קאָנט אין זיינע פאַרשידענע ווערק. אָט וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט נאָך אין דער יוגנט, בעת ער האָט מיטגעאַרבעט אין סען-סימאָניסטישן Producteur: „די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, ווי מענטש-לעכע דערשיינונגען דאַרפן, אָן ספק, פאַרענטפערן די פיזיאָ-לאָגישע דערשיינונגען. נאָר כאָטש די סאָציאַלע פיזיק דאַרף דעריבער האָבן איר אייגענעם אויסגאַנגס-פונקט אין דער אינדי-ווידועלער פיזיאָלאָגיע און שטיין מיט איר אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט, דאַרף מען זי פונדעסטוועגן באַטראַכטן און באַ-אַרבעטן אַלס אַן אַבסאָלוט באַזונדערע וויסנשאַפט, צוליב דעם, וואָס פאַרשיידענע דורות מענטשן ווירקן פּראָגרעסיוו איינער אויפן אַנדערן. האַלטנדיק זיך ביי אַ ריין-פיזיאָלאָגישן שטאַנד-פונקט, קען מען נישט ווי ס'דאַרף צו זיין שטודירן דידאָזיקע ווירקונג, וועלכערס אָפּשאַצונג מ'דאַרף אין דער סאָציאַלער פיזיק אָפּגעבן דאָס הויפּט-אָרט*)".

זעט-זשע אין וואָס פאַראַ אויסגאַנגלאָזע סתירות עס פאַלן אַריין מענטשן, וועלכע קוקן אויף דער געזעלשאַפט פון דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט.

ערשטנס, איך ווייל די „סאָציאַלע פיזיק" האַלט פאַר „איר אויסגאַנגס-פונקט" די אינדיווידועלע פיזיאָלאָגיע, באַזירט זי אויף אַ ריין-מאַטעריאַליסטישן יסוד: אין דער פיזיאָלאָגיע איז נישטאָ קיין אָרט פאַרן אידעאַליסטישן קוק אויפן אָביעקט. אָבער דיזעלבע סאָציאַלע פיזיק דאַרף זיך פאַרנעמען מיט דער אָפּשאַצונג פון דער פּראָגרעסיווער ווירקונג פון איין דור אויפן אַנדערן. דער באַטרעפנדיקער דור ווירקט אויף דעם נאָכקומענדיקן, איבערגעבנדיק אים ווי די ידיעות, וועלכע ער האָט געירשנט פון פריערדיקע דורות, אַזוי אויך די

---

*) „Considération sur les sciences et les savants" Producteur, t. I pp. 355—356.

וועלכע ער האָט זיך אַליין איינגעשאַפט. די „סאָציאַלע פיזיק״ באַטראַכט, הייסט עס, די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין פונם שטאַנדפּונקט פון דער אַנטוויקלונג פונם וויסן און בכלל פון דער „אויפקלערונג״ (lumiéres). דאָס איז שוין דער ריין-אידעאַליסטישער שטאַנדפּונקט פון אַכצנטן יאָרהונדערט: די מיינונגען רעגירן מיט דער וועלט. „ענג פאַרבינדנדיק״, לויט קאָנטס עצה, דעמדאָזיקן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט מיטן ריין מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט פון דער אינדיווידועלער פיזיאָלאָגיע, זענען מיר דואַליסטן פונם עכטסטן סאָרט, און ס'איז נישטאָ עפּעס גרינגערס, ווי אויסצוגעפינען די שעדלעכע ווירקונג פון דעמדאָזיקן דואַליזם אויף די סאָציאָלאָגישע אָנשויאונגען אפילו פון דעמזעלבן קאָנט. אָבער דאָס איז נישט אַלץ. די דענקער פונם אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן דאָך שוין באַמערקט, אַז אין דער אַנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן איז פאַראַן אַ געוויסע געזעצמעסיקייט. קאָנט האַלט זיך פעסט אָן אַזאַ געזעצמעסיקייט, אַרויסרוקנדיק אין פאָדערגרונט דעם באַרימטן געזעץ פון די דריי פאַזעס: די טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און פּאָזיטיווע.

אָבער פאַרוואָס-זשע גייט דורך די אַנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן דווקא דורך דידאָזיקע דריי פאַזעס? אזוי איז שוין די נאַטור פונם מענטשלעכן שכל, ענטפערט קאָנט: דער מענטשלעכער שכל גייט דורך, לויט זיין נאַטור (par sanature), אַזמעטום, וואו ער איז טעטיק, דורך דריי פאַרשיידענע טעאָרעטישע צושטאַנדן״*). גוט; אָבער כּדי צו שטודירן די „נאַטור״ מוזן מיר זיך ווענדן צו דער אינדיווידועלער פיזיאָלאָגיע, און די אינדיווידועלע פיזיאָלאָגיע גיט אונז נישט קיין גענוגנדיקע אויפקלערונג און מיר מוזן ווידער אָנקומען צו די „דורות״, און די „דורות״ וועלן אונז אָפּשיקן צו דער „נאַטור״. דאָס רופט זיך וויסנשאַפט, אָבער דאָ איז אפילו קיין סימן נישטאָ פון וויסנשאַפט: דאָ איז בלויז פאַראַן אַן אומענדלעך באַוועגן זיך אין אַן אויסגעאַנגלאָזן קרייז.

די רוסישע, כלומרשט אָריגינעלע „סוביעקטיווע״ סאָציאָ-

*) דאָרטן ז. 304.

לאָגן שטייען פולשטענדיק אויף דעם שטאַנדפונקט פונם פּראָ-צוויזישן אוטאָפּיסט פון די צוואַנציקער יאָרן.

ה׳ מיכאַילאָווסקי האָט זיין „פאָרמול פון פּראָגרעס". די דאָזיקע פאָרמול לויטעט: „פּראָגרעס הייסט אַ בהדרגהדיקע דער-נענטערונג צו דער גאַנצקייט פון די אומטיילבאַרע, צו אַ מעג-לעך-פולער און אַלזייטיקער פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט צווישן די אָרגאַנען און צו אַ מעגלעך ווייניקערער אַרבעט-פונאַנדערטיילונג צווישן מענטשן. אוממאָראַליש, אומגערעכט, שעדלעך, נישט-קלוג איז אַלץ, וואָס האַלט אָפּ דידאָזיקע באַוועגונג. מאָראַליש, גערעכט, קלוג און נוצלעך איז נאָר דאָס, וואָס פאַרקלענערט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער געזעלשאַפט, פאַר-שטאַרקנדיק דערמיט גופא די פאַרשיידנאַרטיקייט פון אירע באַזונדערע מיטגלידער"*).

וואָס פאַראַ ווייסנשאַפטלעכע באַדייטונג קען האָבן דידאָ-זיקע פאָרמול? צי דערקלערט זי די היסטאָרישע באַוועגונג פון דער געזעלשאַפט? צי זאָגט זי פאַרוואָס זי איז פאָרגעקומען, און פאַרוואָס איז זי פאָרגעקומען אַזוי און נישט אַנדערש? לגמרי נישט, און גאָר נישט אין דעם באַשטייט איר „הויפּט-ציל". זי רעדט וועגן דעם, ווי אַזוי די געשיכטע איז געגאַנגען און ווי אַזוי זי וואָלט געדאַרפט גיין כּדי נושא-חן צו זיין ביי ה׳ מיכאַילאָווסקי. דאָס איז אַ „היגיענישער רעצעפּט", וועלכן עס האָט אויסגעקלערט אַן אוטאָפּיסט אויפן יסוד פון „געוויסע אויס-פאָרשונגען פון די געזעצן פון דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג". דאָס איז טאַקע דאָס זעלבע, וואָס ס׳האָט געזוכט דער מעדיק דער סען-סימאָניסט.

...„מיר האָבן געזאָגט, אַז דאָס אויסשליסלעכע באַנוצן אין דער סאָציאָלאָגיע דעם אָביעקטיוון מעטאָד, וואָלט נעווען געגליכן, אויב דאָס וואָלט בכלל מעגלעך געווען, צום צונויפלייגן אַרשינען מיט פודן, פון וואָס, אגב, עס דרינגט נישט אַרויס, אַז דער אָביעקטיווער מעטאָד דאַרף לחלוטין באַזייטיקט ווערן פון דעמדאָזיקן פאָרשונגען-געביט, נאָר בלויז דאָס, אַז די העכ-סטע קאָנטראָל דאַרף דאָ געהערן צום אָביעקטיוון מעטאָד"**).

*) נ. ק. מיכאַילאָווסקיס ווערק. ב. IV. צווייטע אויפלאַגע, ז. 186—187.

**) דאָרטן, ז. 185.

„דערדאָזיקער פאַרשונגען-געביט" איז נעמלעך די „פּיזיאָ-לאָגיע" פון דער געוווּנטשענער געזעלשאַפט, דער גע-ביט פון אוטאָפּיע. ס'איז גאָר קיין רייד נישט, אַז באַנוצן אָטאָ דאָ דעם „סוביעקטיוון מעטאָד" פאַרלייכטערט זייער די אַר-בעט פונם „פ אָ ר ש ע ר". אָבער דידאָזיקע באַנוצונג באַזירט אַבסאָלוט נישט אויף וועלכע נישט איז „געזעצן", נאָר אויף „כישוף"; און ווער עס האָט אים איין מאָל געברויכט, יענער וועט שוין גאָרנישט האָבן אפילו קעגן דעם באַנוצן אין איינ-אונדעמזעלבן „געביט", אמת, אויף פאַרשיידענע אופנים,ביידע מעטאָדן, דעם סוביעקטיוון און דעם אָביעקטיוון, כאָטש אַזאַ-מין מעטאָדאָלאָגישער פּלאָנטער איז דאָס אמתע „אנויספלייגן ...ארשינען מיט ...דן"*).

*) אגב אורחא, שוין די אריסטדריקן גופא: „אָביעקטיווער מעטאָד", „סוב-יעקטיווער מעטאָד" שטעלן מיט זיך פאַר א גוואַלטיקן, לכל-הפּחות, טערמינאָלאָ-גישן פּלאָנטער.

קאַפּיטל IV

די אידעאַליסטישע דייטשישע פילאָזאָפיע

די מאַטעריאַליסטן פון XVIII יאָרהונדערט זענען גענוג פעסט איבערצייגט, אַז עס איז זיי געלונגען צו געבן אַ טויטקלאַפּ דעם אידעאַליזם. זיי האָבן אים באַטראַכט, אַלס אַן אָפּגעלעבטע, אויף אייביק פאַרשוואונדענע טעאָריע. אָבער שוין ביים סוף פון יענעם יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אַ רעאַקציע קעגן דעם מאַטעריאַליזם, און אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט געפינט זיך שוין דער מאַטעריאַליזם אַליין אין אַ לאַגע פון אַ סיסטעם, וועלכן אַלע האַלטן פאַר אַ פאַרעלטערטן, אַן ענדגילטיק-באַגראָבענעם. דער אידעאַליזם, נישט בלויז וואָס ער לעבט צוריק אויף, נאָר ער באַקומט אַן אויסערגעוויינלעכע, אמתדיק-גלענצנדיקע אַנטוויקלונג. עס זענען דערצו, פאַרשטייט זיך, געווען געוויסע געזעלשאַפטלעכע סיבות, נאָר מיר וועלן, נישט באַרירנדיק זיי דאָ, בלויז באַטראַכטן, צי האָט דער אידעאַליזם פון XIX יאָרהונדערט פאַרמאָגט וועלכע נישט איז פאָרצוגן לגבי דעם מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם פון דער פריערדיקער עפּאָכע, און אויב יאָ, אין וואָס זענען די דאָזיקע פאָרצוגן באַשטאַנען.

דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם פלעגט אַרויסווייזן אַ דערשטוינענדיקע, איצט פּשוט אַן אומגלויבלעכע שוואַכקייט יעדעס מאָל, ווען אים פלעגט אויסקומען זיך אָנצושטויסן אויף די פראַגן פון דער אַנטוויקלונג אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע. לאָמיר נעמען, זאָל זיין, די אָ פּ ש ט אַ מ ו נ ג

פונם מענטש. כאָטש דער געדאַנק וועגן דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון דעמדאָזיקן מין האָט נישט אויסגעזען ביי די מאַטעריאַליסטן צו זיין אַ „*סתירהדיקער*", אָבער זיי האָבן געהאַלטן אַזאַ „השערה" פאַר זייער קנאַפּ וואַרשיינלעך. די מחברים פון די „Systeme de la Nature" (זע דאָס צעקסטע קאַפּיטל פונם ערשטן טייל) זאָגן, אַז אויב עמיצער וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן אַן ענלעכער השערה, אויב עמיצער וואָלט אַנטקעגנגעטענהט, „אַז די נאַטור ווירקט מיט דער הילף פון אַ געוויסער סומע אַלגעמיינע און אומפאַרענדערלעכע געזעצן" און ער וואָלט דערביי צוגעגעבן, אַז „דער מענטש, די פירפיסיקע, דער פיש, דער אינזעקט, דאָס געוויקס א. אַ. וו. עקזיסטירן פון קדמונים און פאַרבלייבן אייביק אומפאַרענדערלעך", — וואָלטן זיי „גאָרנישט דערווידערט קעגן דעם". זיי וואָלטן בלויז באַמערקט, אַז אויך אַזאַ קוק ווידערשפּרעכט נישט די אמתן, וועלכע זיי פּרעדיקן. „דער מענטש איז נישט מחויב אַלץ צו וויסן: ער איז נישט מחויב צו קענען זיין אָפּשטאַמונג", — דאָס איז, סוף-כל-סוף, אַלץ, וואָס עס זאָגן די מחברים פון „Systeme de la Nature" מכּוח דערדאָזיקער וויכטיקער פראַגע.

העלוועציוס איז, אין פלוג, אַביסל מער נוטה צום געדאַנק וועגן דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פונם מענטש. „די מאַטעריע איז אייביק, אָבער אירע פאָרמען זענען פאַרענדערלעכע", באַמערקט ער, דערמאָנענדיק, אַז אויך איצט ענדערן זיך די מענטשלעכע ראַסעס אונטער דער ווירקונג פון קלימאַט *). ער האַלט אַפילו פאַר פאַרענדערלעך בכלל אַלע בעל-חי'עשע מינים, אָבער דערדאָזיקער געזונטער געדאַנק ווערט דורך אים פאָרמולירט זייער משונהדיק. ביי אים קומט אויס, אַז די סיבות פון דער „נישט-ענלעכקייט" צווישן די פאַרשיידענע מינים בעל-חיים און געוויקסן ליגן *אָדער* שוין אין דער אייגנשאַפט פון זייערע עמבריאָנען, *אָדער* אין דער פאַר-

*) Le vrai sens du Systeme de la Nature. Londres, 1774, p. 15.

שיידנקייט פון זייער אַרומיקער סביבה, אין דער פאַרשיידנקייט פון זייער „דערציאונג" *)

די בירושהדיקייט שליסט אַזויאַרום אויס די פּאַרענדערלעכקייט און פאַרקערט. אָננעמענדיק די פאַרענדערלעכקייט-טעאָריע דאַרפן מיר, בכן, מער זיין, אַז פון יעדן באַטרעפנדיקן „עמבריאָן" קען אַרויסקומען, ביי גע-העריקע באַדינגונגען, וועלכער ס'זאָל נישט זיין בעל-חי אָדער געוויקס: פונם עמבריאָן פון אַ דעמב, למשל, קען אַרויסקומען אַן אָקס אָדער אַ זשיראַף. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַן ענלעכע „השערה" האָט נישט געקענט באַלויכטן די פראַגע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די מינים, און העלוועציוס אַליין, אַרויסזאָגנדיק זי איינמאָל פאַרבייגייענדיק, קערט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אום צו איר.

פונקט אַזוי שלעכט האָבן די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן געקענט דערקלערן אויך די דערשיינונגען פון דער געזעל-שאַפטלעכער אַנטוויקלונג. די פאַרשיידענע סיסטעמען פון דער „געזעצגעבונג" ווערן דורך זיי געשילדערט אויסשליס-לעך אַלס פּראָדוקט פון דער באַוואוסטזיניקער שעפערישער טע-טיקייט פון די „געזעצגעבער"; די פאַרשיידענע רעליגיעזע סיסטעמען, אַלס פּראָדוקט פון דער כיטרעקייט פונם קלער און אַזוי ווייטער.

דידאָזיקע קראַפטלאָזיקייט פונם פראַנצויזישן מאַטעריאַ-ליזם לגבי די פראַגן פון דער אַנטוויקלונג אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע האָט געמאַכט זייער אָרים זיין פילאָזאָפישן אינהאַלט. אין דער לערע וועגן דער נאַטור האָט זיך דער-דאָזיקער אינהאַלט איינגעשרענקט אינעם קאַמף קעגן דעם איינ-זייטיקן באַגריף פון די דואַליסטן וועגן דער מאַטעריע; אין דער לערע וועגן מענטש האָט ער זיך באַגרענעצט מיט דער אומענדלעכער איבערחזרונג און מיט אַ געוויסער מאָדיפי-צירונג פון לאָקס טעזע: נישטאָ קיין איינגעבוירענע אידעען. ווי וויכטיק ס'איז נישט געוועזן אַזאַ אַ-

De L'Homme. Oeuvres complétes d'Helvetius. (*
Paris, 1818, t. II. p. 120.

בערחזרונג אינם קאַמף קעגן די אָפּגעלעבטע מאָראַלישע און פּאָליטישע טעאָריעס, — האָט זי געקענט האָבן אַן ערנסטע וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג ערשט דאַן, ווען עס וואָלט געלונגען די מאַטעריאַליסטן צו באַנוצן זייער געדאַנק אויף צו דערקלערן די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז עטלעכע זייער כאַראַקטעריסטישע פּרוּוון זענען געמאַכט געוואָרן אין ד ע ר הינזיכט דורך די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן (ד. ה. אייגנטלעך דורך העלוועציוסן), נאָר זיי האָבן זיך געענדיקט מיט אַ מיסדערפאָלג (ווען זיי וואָלטן געלונגען, וואָלט דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם געווען זייער שטאַרק אין די פראַגן פון אַנטוויקלונג), און די מאַטעריאַליסטן האָבן זיך, אין זייער קוק אויף דער געשיכטע, געשטעלט אויפן ריין-אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט: ד י מ יי נ ו נ ג ע ן ר ע ג י ר ן מ י ט ד ע ר ו ו ע ל ט. בלויז צייטנווייז, בלויז זייער זעלטן, פלעגט זיך דער מאַטעריאַליזם אַריינרייסן אין זייערע היסטאָרישע באַטראַכטונגען אין דער פאָרם פון באַמערקונגען צו דער טעמע, אַז עפּעס איין משוגענער אַטאָם, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין קאָפּ פון „געזעצגעבער” און האָט דאָרט גורם געווען אַ צערודערונג פון די מאַרך-ריכטונגען, קען אויף גאַנצע דורות ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. אַזאַ מאַטעריאַליזם איז אין תוך געווען אַ פ אַ ט אַ ל י ז ם און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין אָרט פאַר דער פאָראויסזעאונג פון געשעענישן, ד. ה., אַנדערש גערעדט, פאַר דער באַוואוסטזיניקער היסטאָרישער טעטיקייט פון דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן.

ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס פאַר פעאיקע און טאַלענטירטע מענטשן, וועלכע זענען נישט געווען אַריינגעצויגן אין יענעם קאַמף פון געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואו דער מאַטעריאַליזם האָט געדינט אַלס דאָס שרעקלעכע טעאָרעטיש געווער פון דער עקסטרעם-לינקער פּאַרטיי, האָט דידאָזיקע לערע אויסגעזען אַלס ט ר ו ק ע נ ע, ט ר י ב ע און ט ר ו י ע ר י ק ע. אַזוי האָט זיך וועגן איר אָפּגערופן, צום ביישפּיל, ג ע ט ע (80). כדי דערדאָזיקער פאָרוואורף זאָל אויפהערן זיין אַ פאַרדינטער, האָט דער מאַטעריאַליזם געדאַרפט פאַרלאָזן די טרוקענע, אַבסטראַקטע באַטראַכטונגען און מאַכן

אַ פרווו צו פאַרשטיין און צו דערקלערן פון זיין שטאַנדפונקט דאָס „לעבעדיקע לעבן", די קאָמפּליצירטע און בונטע קייט פון קאָנקרעטע דערשיינונגען. אָבער אין זיין דעמאָלסדיקער בעשטאַלט איז ער נישט געווען מסוגל צו לעזן דידאָזיקע גרויסע אויפגאַבע, און עס האָט זי באַהערשט די אידעאַ־ליסטישע פילאָזאָפיע.

דער אומבאַדינגטער הויפּט־רינג אין דער אַנטוויקלונג פון דערדאָזיקער פילאָזאָפיע איז דאָס העגעליאַנישע סיסטעם, מיר וועלן דעריבער ווייטער אָנווייזן הויפּטזאַכלעך אויף איר.

העגעל פלעגט אָנרופן אַלס מעטאַפיזישן דעם שטאַנדפונקט פון יענע דענקער — אַלצאיינס, אידעאַליסטן צי מאַטעריאַליסטן, — וועלכע, נישט קענענדיק פאַרשטיין דעם פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דערשיינונגען, שטעלן זיי, פאַר זיך און פאַר אַנדערע, פאַר די דערשיינונגען, ווי פאַר־גליווערטע, צוזאַמענהאַנגלאָזע, וואָס זענען נישט בכוח איבער־צוגיין איינע אין דער אַנדערער. קעגן דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט די דיאַלעקטיק, וועלכע שטו־דירט דערשיינונגען דווקא אין זייער אַנטוויקלונג און, פאָלגלעך, אין זייער קעגנזייטיקער שייכות.

לויט העגעלן, איז די דיאַלעקטיק דער פּרינציפּ פון יעדן לעבן. עס טרעפן זיך בישט זעלטן מענטשן, וועלכע, אַרויס־זאָגנדיק אַ געוויסע אַבסטראַקטע הנחה, זענען זיי גערנוויליק מודה, אַז ס'קען זיין, אַז זיי זענען זיך טועה און, אַז ס'קען זיין, אַז ריכטיק איז פּונקט אַ קעגנזעצלעכע מיינונג. דאָס זענען — פיין־דערצויגענע מענטשן, וועלכע זענען ביזן שפּיץ נאָגל דורכגעדרונגען מיט „טאָלעראַנץ": לעב און לאָז אַנ־דערע לעבן, זאָגן זיי צו זייער פאַרשטאַנד. די דיאַלעקטיק האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער סקעפּטישער טאָ־לעראַנץ פון די וועלטלעכע מענטשן; אָבער אויך זי קען שלום־מאַכן צווישן אַבסאָלוט־קעגנזעצלעכע אַבסטראַקטע הנחות. דער מענטש איז שטערבלעך, זאָגן מיר, באַטראַכטנדיק דעם טויט אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיין שורש אין אויסערלעכע באַדינגונגען און איז לחלוטין פרעמד דער נאַטור פון אַ לעבע־דיקן מענטש. עס קומט אויס, אַז ביים מענטש זענען פאַראַן

צוויי אייגנשאַפטן: ערשטנס, צו זיין לעבעדיק, און צווייטנס — צו זיין אויך שטערבלעך. אָבער ביי אַ נעענטערער באַטראַכטונג ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס לעבן אַליין טראָגט אין זיך דעם זאָמען פון טויט און אַז בכלל איז יעדע דערשיינונג ווידערשפּרעכנדיק אין דעם זין, וואָס עס אַנטוויקלט פון זיך גופא יענע עלעמענטן, וועלכע וועלן, פריער אָדער שפּעטער, מאַכן אַ סוף צו זיין עקזיסטענץ, וועלן עס פאַרוואַנדלען אין זיין אייגענעם קעגנזאַץ. אַלץ איז פליסנדיק, אַלץ ענדערט זיך, און ס'איז נישטאָ קיין כוח, וואָס זאָל קענען פאַרהאַלטן דאָסדאָזיקע שטענדיקע פליסן, וואָס זאָל אָפּשטעלן דידאָזיקע אייביקע באַוועגונג; ס'איז נישטאָ קיין כוח, וואָס זאָל קענען זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דער דיאַלעקטיק פון דערשיינונגען. געטע פאַרקערפּערט די דיאַלעקטיק אין דער געשטאַלט פון אַ גייסט:

(81) In lebensflutthe im Thatensturr
Wall‘ ich auf und ab,
Webe hin unb her!
Geburt und Grab,
Ein ewiges Meer.
Ein Wechselnd Weben,
Ein glûhend Leben,
So schaff ich am sausenden Webstuhl der Zeit,
Und wirke der Gottheit lebendiges Kleid.

אין דער באַטרעפנדיקער מינוט געפינט זיך דער זיך־באַוועגנדיקער קערפּער אינם באַטרעפנדיקן פּונקט, אָבער גלייכצייטיק געפינט ער זיך אויך אויסער אים, ווייל, אויב ער וואָלט זיך געפונען בלויז אין אים, וואָלט ער, יעדנפאַלס אויף דעמדאָזיקן אויגנבליק, געוואָרן אומבאַוועגלעך. יעטוועדע באַוועגונג איז אַ דיאַלעקטישער פּראָצעס, אַ לעבעדיקער ווידערשפּרוך, און היות ווי ס'איז נישטאָ קיין איין נאַטור־דערשיינונג, ביי וועלכער עס זאָל נישט אויסקומען צו אַפּעלירן, בעת מיר ווילן זי דערקלערן, צו דער באַוועגונג, — מוז מען מסכים זיין מיט העגעלן, וועלכער פלעגט זאָגן, אַז די דיאַלעקטיק איז די נשמה פון יעדער וויסנשאַפטלע-

כער דערקענטניש. און דאָס איז נוגע נישט נאָר דער נאַ־טור־דערקענטניש. וואָס באַטייט, למשל, דער אַלטער אַפּאָריזם: summum jus summa injuria (דאָס העכסטע אָפּהיטן די רעכט ברענגט צום אומרעכט)? אפשר מיינט מען דערמיט, אַז גערעכטער פאַר אַלץ פירן מיר זיך אויף דאַן, ווען, מקיים־זייענדיק אונזער פליכט לגבי דעם רעכט, גיבן מיר אויך אָפּ, וואָס עס קומט דעם אומרעכט? ניין, אַזוי מיינט נאָר „די באַ־נאַלע דערפאַרונג, דער שכל פון די נאַראָנים". דערדאָזיקער אַפּאָריזם באַטייט, אַז יעדע אַבסטראַקטע רעכט, דערגייענדיק צום לאָגישן סוף, ווערט פאַרוואַנדלט אין אומרעכט, ד. ה. אין זיין אייגענעם קעגנזאַץ. שעקספּירס „סוחר פון ווענעדיג" דינט דערצו אַלס גלענצנדיקע אילוסטראַציע. איצטער וואַרפט אַ בליק אויף עקאָנאָמישע דערשיינונגען. וואָס איז דער לאָגישער סוף פון „פרייער קאָנקורענץ?" יעדער אונטערנעמער שטרעבט צו דערשלאָגן זיינע קאָנקורענטן, צו פאַרבלייבן דער איינציקער באַלעבאָס פון מאַרק. און, פאַרשטייט זיך, עס טרעפן נישט זעלטן פאַלן, ווען עפּעס אַ ראָטשילד צי אַ וואַנדערבילד געלינגט עס צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע שטרעבונג. אָבער דאָס באַווייזט, אַז די פרייע קאָנקורענץ פירט צו מאָנאָפּאָל, ד. ה. צו דער פאַרלייקענונג פון קאָנקורענץ, דאָס הייסט צו איר אייגענעם קעגנזאַץ. אָדער גיט אַ קוק צו וואָס פירט דער באַרימט־געוואָרענער, דורך דער רוסישער פּאָליציי־שער ליטעראַטור, אַזויגערופענער אַרבעט־פּרינציפּ פון אייגנטום. מיר געהערט נאָר דאָס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך מיין אַרבעט. דאָס איז זייער און זייער גערעכטיק. און פונקט אַזוי גערעכטיק איז, ווען איך טו מיט דער דורך מיר געשאַפענער זאַך וואָס מיר געפעלט: איך באַנוץ מיך אַליין מיט איר, אָדער איך טויש זי אויס אויף אַ צווייטע זאַך, צו וועלכער איך האָב חשק. און שליסלעך איז אויך פונקט אַזוי גערעכטיק, ווען איך טו מיט דער אויסגעטוישטער זאַך ווי־דעראַמאָל וואָס מיר געפעלט, — ווי מיר איז אָנגענעמער, בע־סער, באַקוועמער. לאָמיר איצט אָננעמען, אַז איך האָב פאַר־קויפט אַ פּראָדוקט פון מיין אייגענער אַרבעט פאַר געלט, און דאָס געלט האָב איך באַנוצט אויף דינגען אַן אַרבעטער, ד. ה.

איך האָב געקויפט אַ פרעמדע אַרבעט-קראַפט. באַניצנדיק זיך מיט דערדאָזיקער פרעמדער קראַפט, בין איך אַן אייגנטימער פון אַ ווערט, וואָס איז באַדייטנדיק גרעסער פאַרן ווערט, וועלכן איך האָב אויסגעגעבן אויף איר קויף. דאָס איז פון איין זייט זייער גערעכטיק, ווייל מ׳האָט זיך שוין מודה געווען, אַז איך קען מיך באַנוצן מיט דער אויסגעטוישטער זאַך, ווי מיר איז בעסער און באַקוועמער, און פון דער צווייטער זייט איז דאָס זייער אומגערעכטיק, ווייל איך עקספּלואַטיר פרעמדע אַרבעט און דערמיט פאַרלייקן איך יענעם פּרינציפּ, וועלכער איז געלעגן אין יסוד פון מיין באַגריף וועגן גערעכטיקייט. דאָס אייגנטום, וואָס איך האָב דערוואָרבן דורך מיין אייגענער אַרבעט, האָט מיר געבוירן אַן אייגנטום, געשאַפן דורך דער אַרבעט פון אַן אַנדערן, Summum jus summa injuria. און אַזאַ injuria שאַפט זיך ממילא אין דער ווירטשאַפט פון כמעט יעדן רייכערן קוסטאַר, כמעט פון יעדן בריהשן דאָרפישן באַלעבאָס.

אַזוי אַרום, ווערט יעדע דערשיינונג דורך דער ווירקונג פון דיזעלבע כוחות, וועלכע האַלטן אויף איר עקזיסטענץ, פריער אָדער שפּעטער, אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם קעגנזאַץ.

מיר האָבן געזאָגט, אַז די אידעאַליסטישע דייטשישע פילאָזאָפיע האָט געקוקט אויף אַלע דערשיינונגען פונם שטאַנדפונקט פון זייער אַנטוויקלונג און אַז אָט דאָס באַטייט, קוקן אויף זיי דיאַלעקטיש. מ׳דאַרף באַמערקן, אַז די מעטאַפיזיקער קענען אויך פאַרקריפּלען די עצם לערע וועגן אַנטוויקלונג. זיי באַהויפּטן, אַז נישט אין דער נאַטור, נישט אין דער געשיכטע זענען נישטאָ קיין שפּרונגען. ווען זיי רעדן וועגן דער אויפקומונג פון וועלכער עס איז דערשיינונג, אָדער פון אַ געזעלשאַפטלעכער איינריכטונג, שטעלן זיי די זאַך אַזוי פאָר, ווי דידאָזיקע דערשיינונג אָדער איינריכטונג איז אַמאָל געווען זייער אַ קליינינקע, ממש אַן אומבאַמערקבאַרע, און שפּעטער איז זי זיך פּאַמעלעך אונטערגעוואַקסן. ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער פאַרניכטונג פון דערזעלבער דערשיינונג

אָדער איינריכטונג. רעדט מען דאַן, פאַרקערט, וועגן איר פאַ-
מעלעכדיקער פאַרקלענערונג אַזוי לאַנג, ביז די דערשיינונג
וועט ווערן אומבאַמערקבאַר צוליב איר מיקראָסקאָפּישער גרויס.
די אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַנענע אַנטוויקלונג דערקלערט אַב-
סאָלוט גאָרנישט; זי איז משער די עקזיסטענץ פון יענע דער-
שיינונגען, וועלכע זי דאַרף דערקלערן, און זי רעכנט זיך בלויז
מיט די קוואַנטיטאַטיווע ענדערונגען, וואָס קומען
אין זיי פאָר. די הערשאַפט פון דעם מעטאַפיזישן דענקען איז
אַמאָל געווען אַזוי שטאַרק אין דער נאַטורוויסנשאַפט, אַז אַסאַך
נאַטוראַליסטן האָבן אַנדערש זיך נישט געקענט פאָרשטעלן די
אַנטוויקלונג, ווי דווקא אין דער פאָרם פון אַזאַ בהדרגהדיקער
פאַרגרעסערונג אָדער פאַרקלענערונג פון דער דערשיינונג, וועל-
כע זיי האָבן שטודירט. כאָטש עס איז שוין פון הארוועיס
(82 צייטן אָן אַנערקענט געוואָרן, אַז „יעדעס לעבעדיק
וועזן אַנטוויקלט זיך פון אַן איי", אָבער, ווי ס'ווייזט
אויס, איז מיט דערדאָזיקער אַנטוויקלונג פון אַן איי נישט
געווען פאַרבונדן קיין שום קלאָרע פאָרשטעלונג, און די אנט-
דעקונג פון די ספּערמאַטאָזאָאידן האָט תיכף-ומיד געדינט אלס
א סיבה צו דער אַנטשטייאונג פון א טעאָריע, לויט וועלכער
אינם זאָמען-קעמערל איז שוין פאַראַן אַ פאַרטיק, פולשטענדיק
אַנטוויקלט, נאָר מיקראָסקאָפּיש קליין לעבעדיק וועזן, אַזוי אַז
זיין גאַנצע „אַנטוויקלונג" באַשטייט אינם וואוקס.
פונקט אַזוי טראַכטן נאָך איצטער, למשל, קלוגע זקנים, און
צווישן זיי אַסאַך באַרימטע אייראָפּעאישע סאָציאָלאָגן-עוואָלוצ-
יאָניסטן, וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע אינסטיטו-
ציעס: די געשיכטע מאַכט נישט קיין שפּרונגען... wa piano.

די דייטשישע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט זיך דע-
צידירט אַנטקעגנגעשטעלט קעגן אַזאַ פאַרקריפּלטן באַגריף וועגן
אַנטוויקלונג. העגעל האָט אים בייסנדיק אויסגעלאַכט און האָט אומאָפּ-
פרעגבאַר אויפגעוויזן, אַז סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער מענטש-
לעכער געזעלשאַפט שטעלן מיט זיך פאָר די שפּרונגען פונקט
אַזאַ נויטווענדיקן אַנטוויקלונגס-מאָמענט, ווי די בהדרגהדיקע
קוואַנטיטאַטיווע ענדערונגען. „די ענדערונגען אינם זיין, — זאָגט
ער, — באַשטייען נישט בלויז אין דעם, וואָס איין קוואַנטיטעט

גייט אריבער אין אַ צווייטע, נאָר אויך אין דעם, וואָס די קוואַנ-
טיטעט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַליטעט און פאַר-
קערט; יעדער איבערגאַנג פון דעמדאָזיקן לעצטן מין
שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבערייס אין דער בהדרגה-
דיקייט (ein Abbrechen des Allmählichen) און ער גיט
דער דערשיינונג אַן אַנדער אויסזען, וואָס איז קוואַנטיטאַ-
טיוו אַנדערש פונם פריערדיקן. אַזוי, גליווערט וואַסער ביים
קאַלט ווערן נישט בהדרגהדיק... נאָר מיטאַמאָל; שוין קאַלט-
ווערנדיק ביזן פאַרפרירונגס-פונקט, בלייבט עס אַ פליסיקייט,
אויב עס האַלט נאָר אין אַ רואיקן צושטאַנד, און דאַן איז גע-
נוג דער קלענסטער שטויס, עס זאָל פלוצלונג ווערן האַרט...
אין דער וועלט פון מאָראַלישע דערשיינונגען... זענען פאַראַן
פונקט אַזעלכע איבערגאַנגען פונם קוואַנטיטאַטיוון אין דאָס
קוואַליטאַטיווע אָדער, אַנדערש געזאָגט, די אונטערשיידן אין
די קוואַליטעטן באַזירן אויך דאָרטן אויף קוואַנטיטאַטיווע אונ-
טערשיידן. אַזוי, אַביסל ווייניקער, אַביסל מער,
שטעלט זיך אויף יענע גרענעץ, וואו לייכטזין הערט אויף
צו זיין לייכטזין און ווערט פאַרוואַנדלט אין לחלוטין עפעס
אַנדערש, אין פאַרברעכן... אַזוי, נעמען מלוכות אָן ביי אַנדע-
רע גלייכע באַדינגונגען אַ פאַרשיידענעם קוואַליטאַטיוון כאַראַק-
טער, בלויז צוליבן אונטערשייד אין דער גרויס. דיזעלביקע
געזעצן און דיזעלביקע מלוכהשע אָרדנונג באַקומען גאָר אַן
אַנדער באַדייטונג ביי דער פאַרברייטערונג פון דער מלוכהשער
טעריטאָריע און פון דער צאָל פון אירע בירגער”...*)

די מאָדערנע נאַטוראַליסטן ווייסן אויסגעצייכנט, ווי אָפט
ענדערונגען אין דער קוואַנטיטעט זענען גורם צו ענדערונגען אין
דער קוואַליטעט. פאַרוואָס ווירקט אויף אונז איין טייל פונם
זון-ספעקטר, ווי אַ רויטע קאָליר, אַ צווייטער ווי אַ גרינע
א. אַ. וו. די פיזיק ענטפערט, אַז דאָ גייט דער עיקר וועגן
דער צאָל וויברירונגען פון די עטער-טיילן. ס'איז באַקאַנט, אַז
דידאָזיקע צאָל ענדערט זיך ביי יעדן ספעקטראַלן קאָליר, אויס-
וואַקסנדיק פונם רויטן ביזן פיאָלעטן. דאָס איז נישט אַלץ. די

*) Wissenschaft der Logik, ערשטע אויפלאַגע. I טייל I בוך
ז. 313—314.

אָנשטרענגונג פון דער וואַרעמקייט אינם ספּעקטר פּאַרגרעסערט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערנעענטערונג צום אויסנווייניקסטן ברעג פונם רויטן פּאַס און זי דערגרייכט די העכסטע מדרגה אויף אַ געוויסן מרחק פון אים, אַרויסקומענדיק פונם ספּעקטר. הייסט עס, אַז אינם ספּעקטר איז פאַראַן אַ ספּעציעלער מין שטראַלן, וועלכע לייכטן שוין נישט, נאָר וואַרעמען בלויז. אויך דאָ זאָגט די פיזיק, אַז די קוואַליטעטן פון די שטראַלן ענדערן זיך צוליב דער ענדערונג פון דער צאָל וויברירונגען פון די עטער-טיילן.

אָבער אויך דאָס איז נאָך נישט אַלץ. די זון-שטראַלן האָבן אַ געוויסע כעמישע ווירקונג, ווי דאָס באַווייזט, למשל, דאָס אָפּבליאַקעווען פון סחורות דורך דער זון. מיט דער גרעסטער כעמישער קראַפט צייכענען זיך אויס די פיאָלעטע און די, אַזוי גערופענע, אולטראַ-פיאָלעטע שטראַלן, וועלכע רופן שוין ביי אונז נישט אַרויס קיין ליכט-עמפּינדונג. דער אונטערשייד אין דער כעמישער ווירקונג פון די זון-שטראַלן דערקלערט זיך ווידעראַמאָל נישט מיט עפּעס אַנדערש, ווי מיט די קוואַנטיטאַטיווע אונטערשיידן אין די וויברירונגען פון די עטער-טיילן: די קוואַנטיטעט גייט איבער אין אַ קוואַליטעט.

דאָסזעלבע באַשטעטיקט די כעמיע. אָזאָן פאַרמאָגט אַנדערע אייגנשאַפטן, ווי געוויינלעכער זויערשטאָף, פונוואַנען קומט דערדאָזיקער אונטערשייד? אין אַ מאָלעקול פון אָזאָן איז פאַראַן אַן אַנדער צאָל אַטאָמען, איידער אין אַ מאָלעקול פון געוויינלעכן זויערשטאָף. לאָמיר נעמען דריי קוילנוואַסערשטאָף-צוזאַמענשטעלונגען: CH_4 (קוילנוואַסערשטאָף - גאַז), C_2H_6 (דימעטיל) און C_3H_8 (מעטיל-עטיל). זיי אַלע זענען צוזאַמענגעשטעלט לויט דער פאָרמול: n אַטאָמען קוילנשטאָף און $2n \times 2$ אַטאָמען וואַסערשטאָף. אויב n איז גלייך מיט איינס, באַקומט איר קוילנוואַסערשטאָף-גאַז; אויב n איז גלייך מיט צוויי, באַקומט זיך די מעטיל; אויב n איז גלייך מיט דריי, קומט אַרויס מעטיל-עטיל. אויף אַזאַ אופן ווערן קאָמבינירט גאַנצע רייען, וועגן דער באַדייטונג פון וועלכע עס וועט אייך דערציילן יעדער כעמיקער, און אָטאָ די אַלע רייען באַשטעטיקן די טעזע

פון די אַלטע, דיאַלעקטיקער-אידעאַליסטן: קוואַנטיטעט גייט איבער אין קוואַליטעט.

איצט האָבן מיר שוין דערקענט די וויכטיקסטע כאַראַקטעריסטישע סימנים פונם דיאַלעקטישן דענקען, — אָבער דער לעזער פילט זיך נישט באַפרידיקט. — און וואו-זשע איז די באַרימטע טריאַדע, פרעגט ער, יענע טריאַדע, אין וועלכער עס ליגט, ווי באַקאַנט, דער גאַנצער מהות פון דער העגעלישער דיאַלעקטיק? אַנטשולדיקט, לעזער, מיר האָבן נישט גערעדט וועגן דער טריאַדע צוליב דער פשוטער סיבה, ווייל זי שפּילט לגמרי נישט ביי העגעלן יענע ראָל, וואָס עס שרייבן איר צו מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין שום באַגריף וועגן דער פילאָזאָפיע פון דעמדאָזיקן דענקער. דידאָזיקע לייכטזיניקע מענטשן זענען, אין זייער הייליקער תמימות, איבערצייגט, אַז די גאַנצע אַרגומענטאַציע פון דעם דייטשישן אידעאַליסט פלעגט באַשטיין אינם שטיצן זיך אויף דער טריאַדע; אַז אויף וואָס פאַר אַ טעאָרעטישער שוועריקייט דער אַלטער פלעגט זיך נישט אָנשטויסן, פלעגט ער מיט אַ רואיקן שמייכל איבערלאָזן, אַנדערע זאָלן אויף איר ברעכן זייערע „נישטאויפגעקלערטע" קעפּ, און אַליין פלעגט ער תיכף בויען אַ סילאָגיזם: אַלע דערשיינונגען קומען פאַר לויט דער טריאַדע.*) דאָס זענען פשוט

*) ה׳ מיכאַילאָווסקי פאַרזיכערט, אַז דער פאַרשטאָרבענער נ. זיבער (83), אויפווייזנדיק אין זייגע וויכּוחים מיט א״ם די אומפאַרמיידלעכקייט פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד „פלעגט באַנוצן כלערליי אַרגומענטן, נאָר ביי דער קלענסטער געפאַר, פלעגט ער זיך באַהאַלטן אונטערן שוץ פון דער אומבאַצווייפלטער און אומאָפּרעגבאַרער דרייט״ילנדיקער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג" „Русска Мысль", 1892, בוך IV, אָפּט. II ז. 196]. ער פאַרזיכערט אויך, אַז מאַרקסנס גאַנצע נבואה, ווי ער דריקט זיך אויס, וועגן אויסגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג שטיצט זיך בלויז אויף דער „טריאַדע". וועגן מאַרקסן וועלן מיר נאָך ווייטער רעדן, און וועגן נ. זיבערן וועלן מיר באַמערקן, אַז אונז איז אויסגעקומען נישט איינמאָל צו שמועסן מיטן פאַרשטאָרבענעם, און מיר האָבן קיינמאָל פון אים נישט געהערט ער זאָל זיך שטיצן אויף דער „דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג". ער פלעגט נישט איינמאָל אַליין זאָגן, אַז אים איז לחלוטין אומבאַקאַנט העגעלס באַדייטונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער ניסטער עקאָנאָמיע. אוודאי, אויף טויטע קען מען אַלץ אַרויפוואַרפן, און דעריבער איז אוממעגלעך אָפּצולייקענען ה׳ מיכאַילאָווסקיס באַוויז.

משוגענע נאַרישקייטן, ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון קאַראַנינס(84) פערסאָנאַזשן, אָדער נישט נאַטירלעכע פלוידעריי, אויב אייך געפעלט בעסער אַ שטשעטדרינישער(85) אויסדרוק. אין קיין איינעם פון די 18 בענד פון העגעלס ווערק שפּילט די „טריאַדע" קיין איין מאָל נישט די ראָל פון אַן אַרגומענט, און ווער ס'איז כאָטש אַ ביסל באַקאַנט מיט זיין פילאָזאָפישער לערע, יענער פאַרשטייט, אַז זי האָט אַזאַ ראָל בשום אופן נישט געקענט שפּילן. ביי העגעלן האָט די טריאַדע דיזעלבע באַדייטונג, וואָס זי האָט נאָך געהאַט ביי פיכטען(86), וועמענס פילאָזאָפיע ס'שיידט זיך וועזנטלעך אונטער פון דער העגעלישער. פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אַבסאָלוטע אָמעראַצעס קען האַלטן פאַר דעם כאַראַקטעריסטישן הויפּט-שטריך פון איין פילאָזאָפיש סיסטעם אַ שטריך, וועלכער איז אייגנטימלעך פאַר צוויי לחלוטין-פאַרשיידענע סיסטעמען.

מיר באַדויערן זייער, וואָס די „טריאַדע" רייסט אונדז אָפּ פון אונזער ענין, אָבער, האָבן מיר שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן איר, דאַרף מען ענדיקן. לאָמיר-זשע אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה.

יעדע דערשיינונג, ווען זי אַנטוויקלט זיך ביזן סוף, ווערט פאַרוואַנדלט אין איר קעגנזאַץ; אָבער היות ווי די נייע, קעגנזעצלעכע דערשיינונג ווערט דאָך, בשעתה, אויך פאַרוואַנדלט אין איר קעגנזאַץ, פאַרמאָגט די דריטע אַנטוויקלונגס-פאַזע אַ פאָרמעלע ענלעכקייט מיט דער ערשטער. לאָמיר דערווייל אָפּלאָזן די פראַגע וועגן דעם, אויף וויפל אַזאַ אַנטוויקלונגס-גאַנג אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקייט, לאָמיר אָננעמען, אַז ס'האָבן זיך טועה געווען די מענטשן, יועלכע האָבן געמיינט, אַז — ער אַנטשפּרעכט פולשטענדיק; יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז די „טריאַדע" פליסט בלויז אַרויס פון איינער פון העגעלס טעזעס, זי איז אָבער נישט אַליין קיין גרונט-טעזע. דאָס איז זייער אַ וועזנטלעכער אונטערשייד, וואָרום אויב די טריאַדע וואָלט פיגורירט אַלס אַ גרונט-טעזע, וואָלטן אונטער איר „דאַך" ווירקלעך געקענט זוכן אַ שוץ מענטשן, וועלכע שרייבן איר צו אַזאַ וויכטיקע ראָל, נאָר היות ווי זי פיגורירט

נישט אַלס אַזעלכע, קענען זיך ביי איר באַהאַלטן בלויז די, וועלכע האָבן געהערט קלינגען און וויסן נישט — פון וועלכן גלאָק.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די זאַכלאַגע וואָלט זיך אין תוך אויף קיין האָר נישט געענדערט, ווען די דיאַלעקטיקער וואָלטן, נישט באַהאַלטנדיק זיך ביי דער „טריאַדע", זיך געשיצט „ביי דער קלענסטער געפאַר" „אונטערן דאַך" פון יענער טעזע, אַז יעדע דערשיינונג ווערט פאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם קעגנזאַץ. אָבער זיי האָבן קיינמאָל אַזוי נישט געטאָן, און נישט געטאָן האָבן זיי עס צוליב דעם, ווייל די דערמאָנטע טעזע שעפּט נאָך נישט אויס אינגאַנצן זייער קוק אויף דער אַנטוויקלונג פון דערשיינונגען. זיי זאָגן, למשל, אַחוצדעם, אַז אינם אַנטוויקלונגס-פּראָצעס גייט די קוואַנטיטעט אַריבער אין קוואַליטעט, און די קוואַליטעט — אין קוואַנטיטעט. הייסט עס, זיי קומט אויס זיך צו רעכענען סיי מיט דער קוואַליטאַטיווער, סיי מיט דער קוואַנטיטאַטיווער זייט פון פּראָצעס; און דאָס פאַרלאַנגט אַן אויפמערקזאַמע באַציאונג צו זיין ווירקלעכן, פּאַקטישן גאַנג, און דאָס באַטייט, אַז זיי באַפרידיקן זיך נישט מיט אַבסטראַקטע אויספירן פון אַבסטראַקטע טעזעס, אָדער, לכל-הפחות, זיי דאַרפן זיך נישט באַפרידיקן מיט אַזעלכע אויספירן, אויב זיי ווילן בלייבן געטריי זייער וועלטאַנשויאונג.

„אויף יעדער זייט פון זיינע ווערק פלעגט העגעל כסדר און אומאויפהערלעך באַווייזן, אַז די פילאָזאָפיע איז אידענטיש מיט דעם גאַנצן רעזולטאַט פון דער עמפּיריע, אַז די פילאָזאָפיע פאָדערט נישט קיין זאַך אַזוי שטאַרק, ווי דאָס פאַרטיפן זיך אין די עמפּירישע וויסנשאַפטן... פאַקטישער מאַטעריאַל אָן געדאַנק האָט בלויז אַ פאַרהעלנישמעסיקע באַדייטונג, געדאַנק אָן פאַקטישן מאַטעריאַל איז אַ פּשוטע כימערע... די פילאָזאָפיע איז יענער באַוואוסטזיין, צו וועלכן עס קומען בנוגע זיך אַליין די עמפּירישע וויסנשאַפטן. זי קען נישט זיין עפּעס אַנדערש".

אָט וואָס פאַרא קוק אויף דער אויפגאַבע פון אַ דענקענדיקן פאָרשער ס'האָט אַרויסגעטראָגן לאַסאַל (87) פון דער

לערע פון דער העגעלישער פילאָזאָפיע *) : די פילאָזאָפן דאַרפן זיין ספּעציאַליסטן אין יענע וויסנשאַפטן, מיט וועלכע זיי ווילן אַרויסהעלפן ביים דערגרייכן פונם „זעלבסטבאַוואוסטזיין". דאַכט זיך, אַז פון אַ ספּעציעלן שטודירן דעם אָביעקט איז זייער ווייט צו אַ לייכטזיניקן פלוידערן שבחים דער „טריאַדע". און זאָל מען אונז נישט זאָגן, אַז לאַסאַל איז געווען נישט קיין „עכ-טער" העגעליאַנער, אַז ער האָט געהערט צו די „לינקע" און ער פלעגט מאַכן שאַרפע פאָרוואורפן די „רעכטע", אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט אַבסטראַקטע בנינים. אַ מענטש זאָגט דאָך אייך פשוט, אַז ער האָט איבערגענומען זיין קוק אוממיטלבאַר פון העגעלן.

אגב, אייך קען זיך פאַרוועלן אָפּצוואַרפן די באַווייזן פונם מחבר פון „די סיסטעמען פון דערוואָרבענע רעכט", ווי מ'וואַרפט אָפּ אין אַ געריכט די באַווייזן פון קרובים. מיר וועלן זיך נישט שפּאַרן און מתווכח זיין ; מיר וועלן אַרויסרופן אַלס עדות גאָר אַ זייטיקן מענטש, דעם מחבר פון — די „סקיצן פון גאַגאָלישן פּעריאָד" (88).

מיר בעטן אויפמערקזאַמקייט : דער עדות וועט רעדן לאַנג און, לויט זיין געוואוינהייט, קלוג.

„מיר זעגען פונקט אַזעלכע קליינע אָנהענגער פון ה ע ג ע ל ן, ווי פון ד ע ק אַ ר ט ן אָדער אַ ר י ס ט אָ ט ע ל ן. ה ע ג ע ל געהערט שוין איצט צו דער געשיכטע, די איצטיקע צייט האָט אַן אַנדער פילאָזאָפיע און זי זעט גוט די פעלערן פונם העגעליש סיסטעם ; נאָר מ'דאַרף מודה זיין, אַז די פּרינציפּן, וועלכע זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך העגעלן, זענען ווירקלעך, געווען זייער נאָענט צום אמת, און געוויסע זייטן פונם אמת זענען דורך דעמדאָזיקן דענקער אַרויסגעשטעלט געוואָרן מיט אַ באמת-שטוינענדיקער קראַפט. די אַנטדעקונג פון אַ טייל פון דידאָזיקע אמתן שטעלט מיט זיך פאַר דעם פּערזענלעכן פאַרדינסט פון העגעלן ; אַנדערע, געהערן אייגנטלעך נישט בלויז צו זיין סיסטעם נאָר צו דער

*) זע זיין System der erworbenen Rechte, צווייטע אויפלאַגע, לייפּציג 1880, פאָררעדע זז. XII—XIII.

גאַנצער דייטשישער פילאָזאָפיע פון די צייטן פון ק אַ נ ט
און פ י כ ט ע, אָבער ביז העגעלן זענען זיי ביי קיינעם
נישט פאָרמולירט געוואָרן אַזוי קלאָר און אויסדריקלעך, ווי
אין זיין סיסטעם.

„לאָמיר קודם־כל אָנווייזן אויפן פרוכטבאַרסטן יסוד פון
יעדן פראָגרעס, מיט וועלכן שיידט זיך אַזוי שאַרף און גלענצנד
אונטער די דייטשישע פילאָזאָפיע בכלל און באַזונדערס דער
העגעלישער סיסטעם פון יענע צביעותדיקע און פחדנישע אָנ־
שויאונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין יענע צייטן (אָנהויב
ציינצנטן יאָרהונדערט) ביי די פראַנצויזן און ענגלענדער:
„דער אמת — איז דער העכסטער ציל פונם דענקען; זוכט
דעם אמת, ווייל אינם אמת איז דאָס גליק; וואָס פאַר אַן אמת
עס זאָל נישט זיין איז ער תמיד בעסער פון אַלץ וואָס איז
נישט אמתדיק. די ערשטע פליכט פונם דענקער: נישט צו־
ריקצוציען זיך פאר קיינע רעזולטאַטן; ער דאַרף זיין גרייט
מקריב צו זיין פאַרן אמת זיינע באַליבטסטע מיינונגען. פאַר־
בלענדונג — איז דער קוואַל פון יעדן אומגליק; דער אמת —
איז דאָס העכסטע גליק און דער קוואַל פון גליק". כדי אָפּצו־
שאַצן די אומגעהויערע וויכטיקייט פון דערדאָזיקער פאָדערונג,
וועלכע איז אַן אַלגעמיינע אין דער גאַנצער דייטשישער פי־
לאָזאָפיע פון קאַנטס צייטן אָן, אָבער וועלכע איז באַזונדערס
ענערגיש אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך העגעלן, איז כדאי צו
דערמאָנען מיט וואָס פאַרא משונהדיקע און ענגע באַדינגונגען
עס האָבן אַרומגעגרענעצט דעם אמת די דענקער פון אַנדערע
דאַמאָלסדיקע שולעס: זיי פלעגן זיך נעמען פילאָזאָפירן נישט
אַנדערש, נאָר בכדי צו „באַגרינדן די איבערצייגונגען, וועלכע
זענען פאַר די געווען טייער", ד. ה. זיי האָבן געזוכט נישט
דעם אמת, נאָר באַשטעטיקונגען פאַר זייער פריער באַ־
שטימטע איבערצייגונגען; יעדער האָט גענומען פון אמת נאָר
דאָס, וואָס ס'איז אים געפעלן, און יעדן אמת, וואָס איז פאַר
אים געווען אומאַנגענעם האָט ער אָפּגעוואָרפן, מודה זייענדיק
אָן חכמות, אַז אַן אנגענעמע פאַרבלענדעניש זעט אים אויס אַסאַך
בעסער, ווי דער אומפּאַרטייאישער אמת. אָט דידאָזיקע מאַ־
ניער צו זאָרגן נישט וועגן אמת, נאָר וועגן דער באַשטעטיקונג

פון פון-פאַרויס-באַשטימטע איבערצייגונגען. האָבן די דייטשישע פילאָזאָפן (באַזונדערס העגעל) אַ נאָמען געגעבן „דאָס סוביעקטיווע דענקען", אַ פילאָזאָפירונג פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן וועגן, און נישט צוליב דער לעבעדיקער באַדערפעניש פונם אמת. העגעל האָט שטרענג דעמאַסקירט דידאַזיקע פוסטע און שעדלעכע שפיל. (הערט! הערט!). אַלס אַן אומבאַדינגט פאַרהיטונגס-מיטל קעגן דער נטיה זיך אָפּצוגעבן פונם אמת פּדי צוליב צו טאָן די אייגענע פאַרלאַנגען און פאַראורטיילן איז דורך העגעלן אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער באַרימטער „דיאַלעקטישער דענקונגס-מעטאָד". זיין מהות באַשטייט אין דעם, וואָס דער דענקער דאַרף זיך נישט באַרואיקן ביי קיין שום פּאָזיטיוון אויספיר נאָר ער דאַרף זוכן: צי געפינען זיך נישט אינם אָביעקט, וועגן וועלכן ער דענקט, אייגנשאַפטן און כוחות, קעגנזעצלעכע צו דעם, וואָס עס באַקומט זיך פונם דאָזיקן אָביעקט ביים ערשטן בליק; אַזויאַרום איז דער דענקער געווען געצוואונגען צו באַטראַכטן דעם אָביעקט פון אַלע זייטן, און דער אמת פלעגט דערשיינען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ קאַמף פון פלערליי קעגנזעצלעכע מיינונגען. דורך דעם דאָזיקן אופן האָט זיך אָנשטאָט פריערדיקע איינזייטיקע באַגריפן וועגן אַן אָביעקט ביסלעכווייז געגומען באַווייזן אַ פולשטענדיקע, אַלזייטיקע אויספאָרשונג און ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ לעבעדיקער באַגריף וועגן אַלעווירקלעכע אייגנשאַפטן פונם אָביעקט. צו דערקלערן די ווירקלעכקייט איז געוואָרן אַ עיקרדיקע פליכט פונם פילאָזאָפישן דענקען. פונדאַנען האָט זיך גענומען די אויסערגעוויינלעכע אויפמערקזאַמקייט צו דער ווירקלעכקייט, וועגן וועלכער מ'פלעגט זיך פריער גאָרנישט פאַרטראַכטן, פאַרקריפלענדיק זי אָן צערעמאָניעס, אין איינקלאַנג מיט די אייגענע איינזייטיקע איבערצייגונגען (De te fabula narratur!) אויף אַזאַ אופן האָט די געוויסנהאַפטע, אומדערמידלעכע אויסזוכונג פונם אמת פאַרנומען דאָס אָרט פון די פריערדיקע הפקרדיקע פילאָזאָפירונגען. אָבער אין דער ווירקלעכקייט הענגט אַלץ אָפּ פון די אומשטאַנדן, פון די אָרט-און צייט-באַדינגונגען, — און דעריבער האָט העגעל מודה געווען, אַז די פריערדיקע אַלגעמיינע פראַזעס, מיט וועלכע מ'פלעגט אורטיילן וועגן גוטס און

שלעכטס, נישט באַטראַכטנדיק די אומשטאַנדן און סיבות, פון וועלכע עס איז אַנטשטאַנען די באַטרעפנדיקע דערשיינונג, — אַז די דאָזיקע אַלגעמיינע אַבסטראַקטע אורטיילונגען זענען נישט באַפרידיקנדיק: יעדער אָביעקט, יעדע דערשיינונג האָט איר אייגענע באַדייטונג, און מ'דאַרף וועגן איר אורטיילן נעמענדיק אין אַכט יענע אומשטאַנדן, צווישן וועלכע זי געפינט זיך, די-דאָזיקע ריכטליניע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרמול: „קיין אַבסטראַקטער אמת איז נישטאָ, דער אמת איז אַ קאָנקרע-טער", ד. ה. אַ קלאָרבאַשטימטע מיינונג קען מען אַרויסזאָגן נאָר וועגן אַ באַשטימטן פאַקט, באַטראַכטנדיק אַלע אומשטאַנדן, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק".*)

*) טשערנישעווסקי (89). „סקיצן וועגן דעם גאָגאָלישן פעריאָד — אין דער רוסישער ליטעראַטור", פעטערבורג 1892 ז. ז. 59—258. אין אַ באַזונדער באַ-מערקונג דערקלערט אויסגעצייכנט דער מחבר פון די „סקיצן", וואָס אייגנטלעך באַטייט דידאָזיקע באַטראַכטונג פון אַלע אומשטאַנדן, פון וועלכע עס הענגט אָפּ די באַטרעפנדיקע דערשיינונג. מיר וועלן אויך ברענגען דידאָזיקע באַמערקונג. „כדומה-למשל: „רעגן איז גוטס אָדער שלעכטס?" — דאָס איז אַן אַבסטראַקטע פראַגע; ענטפערן אויף איר באַשטימט איז אוממעגלעך; אַ מאָל ברענגט דער רעגן נוצן, אַמאָל, כאָטש זעלטענער, ברענגט ער שאָדן; מ'דאַרף פרעגן באַשטימט: „אויב נאָכדעם, ווי דאָס פאַרזייען איז שוין געווען פאַרענדיקט איז פינף שעה נאָכאַנאַנד געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגן, — איז ער געווען נוצלעך פאַר דער תבואה?" — בלויז דאָ קען זיין אַ קלאָרער ענטפער און ער האָט דאַן אַ זין: „דערדאָזיקער רעגן איז געווען זייער נוצלעך". — „אָבער דעמזעלבן זומער. ווען ס'איז בעקומען די צייט פון צונעמען די תבואה פון די פעלדער, איז אַ וואָך נאָכאַנאַנד געגאַנגען אַ גאָס רעגן, — איז דאָס גוט געווען פאַר דער תבואה?" דאָ איז ווידער דער ענטפער אַ קלאָרער און אַ חיכטיקער: „ניין, דער רעגן איז געווען שעדלעך". פונקט אַזוי ווערן אין דער העגעלישער פילאָזאָפיע געלעזט אַלע פראַגן. „צי איז מלחמה אַ גליק אָדער אַן אומגליק?" בכלל קען מען דערויף נישט ענטפערן אויף אַ דעצידירטן אופן: מ'מוז וויסן, וועגן וואָס פאַר אַ מלחמה עס רעדט זיך, אַלץ הענגט אָפּ פון די אומשטאַנדן פון צייט און אָרט. פאַר די ווילדע פעלקער איז דער שאָדן פון אַ מלחמה ווייניקער פילבאַר, דער נוצן אַ באַמערקבאַרער; פאַר די ציוויליזירטע פעלקער ברענגט די מלחמה געווינלעך ווייניקער נוצן און מער שאָדן אָבער, צום ביישפּיל, די מלחמה פון 1812 (90) איז געווען אַן אַפּראַטעהענדיקע

און אַזוי, הייסט עס, זאָגט מען אונז פון איין זייט, אַז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער העגעלישער פילאָזאָפיע איז געווען די סאַמע אויפמערקזאַמסטע פאָרשונג פון דער ווירקלעכקייט, די סאַמע געוויסנהאַפטע באַציאונג צו יעדן באַטרעפנדיקן אָביעקט; דאָס שטודירן אים אין זיין לעבעדיקער סביבה, נעמענדיק אין אַכט יענע אַלע אומשטאַנדן פון צייט און אָרט, וועלכע פאַראורזאַכן אָדער באַגלייטן זיין עקזיסטענץ. די פעסטשטעלונג פון נ. ג. ט ש ע ר נ י ש ע װ ס ק י איז אין דעם פאַל אידענטיש מיט פ. ל אַ ס אַ ל ס פעסטשטעלונגען. און פון דער צווייטער זייט וויל מען אונז פאַרזיכערן, אַז דידאַזיקע פילאָזאָפיע איז געווען אַ פוסטע סכאָלאַסטיק, וועלכערס גאַנצער סוד ס׳איז באַשטאַנען אין דעם סאָפיסטישן באַנוצן זיך מיט דער „טריאַדע". אין דעם פאַל זענען ה׳ מיכאַילאָווסקיס פעסטשטעלונגען אידענטיש מיט די פעסטשטעלונגען פון ה׳ וו. וו.(92) און פון אַ גאַנצן לעגיאָן אַנדערע מאָדערנע רוסישע שרייבער. מיט וואָס זאָל מען דערקלערן דידאָזיקע חלוקי־דעות פון די עדות? דערקלערט עס מיט וואָס איר ווילט, נאָר געדענקט, אַז לאַסאַל און דער מחבר פון די „סקיצן פון דעם גאָגאָלישן פעריאָד" האָבן ג ע ק ע נ ט יענע פילאָזאָפיע, וועגן וועלכע, זיי האָבן גערעדט, און די ה״ה מ י כ אַ י ל אָ װ ס ק י, וו. וו. מיט דער חברה האָבן זיך זיכער נישט מטריח געווען דורכצושטודירן כאָטש איין ווערק פון העגעלן.

און באַמערקט, אַז ביי דער כאַראַקטעריזירונג פונם דיאַלעקטישן דענקען האָט דער מחבר פון די „סקיצן" מיט קיין

פארן רוסישן פאָלק; די מאראפאנער שלאכט (91) איז געווען די גליקלעכסטע געשעעניש אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. — אָט דאָס איז דער זין פון דער אַקסיאָמע: „קיין אבסטראַקטער אמת איז נישטאָ, דער אמת איז קאָנקרעט" — דער באגריף וועגן אַן אָביעקט איז קאָנקרעט דאַן, ווען ער ווערט פאָרגעשטעלט מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן און באַזונדערלעכקייטן און אין יענער סביבה, אין וועלכער ער עקזיסטירט, און נישט אבסטראַהירנדיק פון דערדאָזיקער סביבה און פון די לעבעדיקע באַזונדערלעכקייטן (ווי עס שטעלט אים פאָר דאָס אבסטראַקטע דענקען, וועלכנס אורטיילונגען עס האָבן דעריבער קיין זין נישט פאַרן ווירקלעכן לעבן)".

איין וואָרט נישט באַרירט די טריאַדע. ווי־זשע האָט ער עס נישט באַמערקט יענעם העלפאַנט, וועלכן ה׳ מיכאַילאָווסטי און שותפים שטעלן אַזוי עקשנותדיק און אַזוי פייערלעך אַרויס אויף אָנקוקן פאַר אַלע נייגעריקע? נאָכאַמאָל: געדענקט, אַז דער מחבר פון די „סקיצן פון גאָגאָלישן פעריאָד" האָט געקענט העגעלס פילאָזאָפיע, און ה׳ מיכאַילאָווסקי עט קאָמפּ. האָבן נישט קיין שום אַנונג וועגן איר.

מעגלעך, אַז דעם לעזער איז ניחא צו דערמאָנען עטלעכע אַנדערע אָפּרופן פונם מחבר פון די „סקיצן פונם גאָגאָלישן פעריאָד" וועגן העגעלן? מעגלעך, אַז ער וועט אונז אָנווייזן אויף דעם באַרימטן אַרטיקל „די קריטיק פון די פילאָזאָפישע פאָראורטיילן קעגן דעם געמיינדישן ערד־באַזיץ"? אין דעמדאָזיקן אַרטיקל רעדט זיך נעמלעך וועגן דער טריאַדע און, אין פלוג זעט אויס, אַז זי ווערט פאָרגעשטעלט אַלס הויפּט־אַטוט פונם דייטשישן אידעאַליסט. אָבער דאָס איז נאָר אין פלוג. רעדנדיק וועגן דער געשיכטע פון אייגנטום, שטעלט פעסט דער מחבר, אַז אין דער דריטער, העכסטער פאַזע פון איין אַנטוויקלונג וועט עס זיך צוריקקערן צו זיין אויסגאַנגס־פונקט, ד. ה. אַז דאָס פּריוואַטע אייגנטום אויף ערד און אויף די פּראָדוקציע־מיטלען וועט אָפּטרעטן דאָס אָרט — דעם געזעלשאַפטלעכן אייגנטום. אַזאַ צוריקקער, — זאָגט ער, איז אַן אַלגעמיינער געזעץ, וועלכער באַווייזט זיך אין יעדן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. די אַרגומענטאַציע פונם מחבר אין דעמדאָזיקן פאַל איז טאַקע ווירקלעך נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ שטיצן זיך אויף דער טריאַדע. און אין דעם באַשטייט איר וועזנטלעכער חסרון: זי איז אַבסטראַקט; די אַנטוויקלונג פונם אייגנטום ווערט באַטראַכט אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען; דעריבער זענען די אַרגומענטן פונם מחבר שאַרפזיניק, גלענצנדיק, אָבער נישט איבערצייגנדיק: זיי פאַרוואונדערן בלויז, מאַכן שטוינען, נאָר זיי איבערצייגן נישט. אָבער צי איז דען העגעל שולדיק אין דעמדאָזיקן חסרון פון דער אַרגומענטאַציע פונם מחבר פון דער „קריטיק פון די פילאָזאָפישע פאָראורטיילן"? ווי מיינט איר, וואָלט דעם מחברס אַרגומענטאַציע געווען אַבסטראַקט, ווען ער

וואָלט באַהאַנדלט דעם אָביעקט טאַקע אַזוי, ווי עס האָט, לויט זיינע אייגענע ווערטער, געעצהט העגעל צו באַטראַכטן אַלע אָביעקטן, ד. ה. זיך האַלטן אויפן באָדן פון דערווירקלעכקייט, אָפּוועגן אַלע קאָנקרעטע באַדינגונגען, אַלע אומשטאַנדן פון צייט און אָרט? דאַכט זיך, אַז נישט; דאַכט זיך, אַז דאַמאָלס וואָלט טאַקע אינם אַרטיקל נישט געווען דער דורך אונז אָנגעוויזענער חסרון. אבער אויב אַזוי, וואָס-זשע האָט גורם געווען דעם חסרון? דאָס, וואָס דער מחבר פונם אַרטיקל „די קריטיק פון די פילאָזאָפישע פאָראורטיילן קעגן דעם געמיינדישן ערד-באַזיץ", האָט, באַשטרייטנדיק די אַבסטראַקטע אַרגומענטן פון זיינע קעגנער, פאַרגעסן אָן די גוטע עצות פון העגעלן, ער איז געוואָרן אומטריי דעם מעטאָד פון יענעם זעלבן דענקער, אויף וועלכן ער האָט זיך געשטיצט. מיר באַדויערן, וואָס אין פּאָלעמישן ברען האָט ער געמאַכט אַזאַ פעלער. אָבער, נאָכאַמאָל, איז דען העגעל שולדיק, וואָס אין דעם פאַל האָט דער מחבר פון דער „קריטיק פון די פילאָזאָפישע פאָראורטיילן" זיך נישט געקענט באַנוצן מיט זיין מעטאָד? פון ווען אָן ווערן עס פילאָזאָפישע סיסטעמען אָפּגעשאַצט נישט לויט זייער אינערלעכן תוכן, נאָר לויט יענע פעלערן, וועלכע עס מאַכן אַמאָל די מענטשן, וואָס שטיצן זיך אויף זיי?

און ווידעראַמאָל, ווי שטאַרק עס שטיצט זיך נישט דער מחבר פונם דערמאנטן אַרטיקל אויף דער טריאַדע, שטעלט ער זי אויך דאָרט נישט אַרויס אַלס הויפּט-אַטוט פון דעם דיאַלעקטישן מעטאָד; אויך דאָרטן איז זי ביי אים נישט קיין גרונטלאַגע, נאָר גיכער אַן אומבאַשרייטבאַרער פועל-יוצא, דער יסוד, דער וויכטיקסטער כאַראַקטער-שטריך פון דער דיאַלעקטיק דריקט זיך ביי אים אויס אין פאָלגנדיקע ווערטער: „דאָס איי־ביקע ביי־טן זיך פון פאָרמען, די איי־ביקע אָפּלייקענונג פון דער פאָרם, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ געוויסן אינהאַלט אָדער שטרעבונג, אַלס אַ פועל-יוצא פון דער פאַרשטאַרקונג פון דערזעלבער שטרעבונג, פון אַ העכערער אנטוויקלונג פון דעמזעלביקן אינהאַלט... ווער ס'האָט פאַרשטאַנען דעמדאָזיקן גרויסן,

אייביקן, אומעטומיקן געזעץ, ווער ס׳האָט זיך אויסגעלערנט אים צו באַנוצן ביי דער אָפּשאַצונג פון יעטוועדער דערשיינונג, — אָ, וואָס פאַרא שאַנסן ער האָט לגבי אַנדערע״ א. א. וו.

„דאָס אייביקע בייטן זיך פון פאָרמען, די אייביקע אָפּלייקענונג פון דער פאָרם, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך אַ געוויסן אינהאַלט״... — די דיאַלעקטיקער קוקן ווירקלעך אויף אַזאַ בייטן זיך, אויף אַזאַ „אָפּלייקענונג פון די פאָרמען״, ווי אויף אַ גרויסן, אייביקן, אומעטומיקן געזעץ. ביי היינטיקן טאָג האַלטן נישט פון דערדאָזיקער איבערצייגונג בלויז די פאַרטרעטער פון עטלעכע געביטן פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט, וועלכע האָבן קיין מוט נישט אַריינצוקוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אריין, וועלכע באַמיען זיך, מעג זיין דורך פאַרבלענדענישן, צו פאַרטיידיקן די פאָראורטיילן, וועלכע זענען ביי זיי טייער. מיר דאַרפן דעריבער נאָכמער אָפּשאַצן ווי געהעריק די פאַרדינסטן פון די גרויסע דייטשישע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן שוין ביים סאַמע אָנהויב פון נייצנטן יאָרהונדערט אומאויפהערלעך גערעדט וועגן דעם אייביקן בייטן זיך פון פאָרמען, וועגן זייער אייביקער אָפּלייקענונג, אלס אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקונג פונם אינהאַלט, וועלכע האָט געבראַכט צום אַנטשטיין פון דידאָזיקע פאָרמען.

מיר האָבן פריער איבערגעלאָזט אויף „ד ע ר ו ו י י ל״ אָן אַ באַהאַנדלונג די פראַגע וועגן דעם, צי ווערט טאָקע יעדע באַוועגונג פאַרוואַנדלט, ווי עס האָבן געמיינט די דייטשישע אידעאַליסטן-דיאַלעקטיקער, אין איר אייגענעם קעגנזאַץ. איצט, האָפן מיר, וועט דער לעזער מסכים זיין מיט אונז, אַז דידאָזיקע פראַגע קען מען אייגנטלעך א י נ ג א נ צ ן נישט באַהאַנדלען. ווען איר באַנוצט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד צום שטודירן דערשיינונגען, מוזט איר אומבאַדינגט געדענקען, א ז פ א ר מ ע ן ב י י ט ן ז י ך א י י ב י ק א ל ס א פ ו ע ל - י ו צ א פ ו ן א „ה ע כ ע ר ע ר א נ ט וו י ק ל ו נ ג פ ו ן ז י י ע ר א י נ ה א ל ט״. אָטאָ דעם פּראָצעס פון דער אָפּלייקענונג פון די פאָרמען דאַרפט איר נאָכפאָלגן אין זיין גאַנצן פאַרנעם, אויב איר ווילט אויסשעפּן דעם אָביעקט. אָבער צי וועט די נייע פאָרם זיין קעגנזעצלעך צו דער אַלטער, — דאָס וועט אונז באַווייזן די

דערפֿאַרונג, און וויסן עס לכתחילה איז לגמרי נישט וויכטיק. אמת, טאַקע אויפֿן יסוד פֿון דער היסטאָרישער דערפֿאַרונג פֿון דער מענטשהייט וועט אייך יעדער יוריסט, וואָס פֿאַרשטייט אַן ענין, זאָגן, אַז יעדע רעכטלעכע אינסטיטוציע ווערט פֿריער אָדער שפּעטער פֿאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם קעגנזאַץ: ביים איצטיקן מאָמענט העלפֿט זי מיט דער באַפֿרידיקונג פֿון געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע נויטן; ביים איצטיקן מאָמענט איז זי נוצלעך, זי איז נויטיק טאַקע צוליב דידאָזיקע נויטן. דערנאָך הויבט זי אָן אַלץ ערגער און ערגער צו באַפֿרידיקן די נויטן; ענדלעך, פֿאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ **שטערונג** אויפֿן וועג פֿון זייער באַפֿרידיקונג; פֿון א **נויטווענדיקע** ווערט זי אַ **שעדלעכע** — און דאַן ווערט זי פֿאַרניכטעט. נעמט, למשל, וואָס איר ווילט, — די געשיכטע פֿון ליטעראַטור, די געשיכטע פֿון מינים, און אומעטום, וואו ס׳איז פֿאַראַן אַן אַנטוויקלונג, וועט איר זען אַן ענלעכע דיאַלעקטיק. נאָר פֿונדעסטוועגן, ווער ס׳וואָלט, וועלנדיק אַריינדרינגען אינם תּוך פֿון דיאַלעקטישן פּראָצעס, אָנגעהויבן גראָד פֿונם נאָכקאָנטראָלירן די לערע וועגן די **קעגנזאַצן** פֿון דערשיינונגען, וואָס געפֿינען זיך אין יעדן באַטרעפֿנדיקן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס — וואָלט צוגעגאַנגען צו דער זאַך נישט פֿון דער ריכטיקער זייט.

אינם אויסוואַל פֿון אַ שטאַנדפּונקט פֿאַר אַזאַ נאָכקאָנטראָלירונג וואָלט זיך תּמיד געפֿונען אַסאַך **הפקרדיקס**. מ׳דאַרף באַטראַכטן דידאָזיקע פֿראַגע פֿון איר אָביעקטיווער זייט, אַנדערש גערעדט, מ׳דאַרף זיך קלאָר מאַכן, וואָס איז עס אַזוינס דאָס אומפֿאַרמיידלעכע בייטן זיך פֿון די פֿאָרמען, וואָס איז אָפּהענגיק פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונם באַטרעפֿנדיקן אינהאַלט? דאָס איז דערזעלביקער געדאַנק, נאָר ער איז אויסגעדריקט מיט אַנדערע ווערטער. אָבער ביי זיין נאָכקאָנטראָלירונג איז שוין נישטאָ קיין אָרט פֿאַר הפקרדיקייט, ווייל דער שטאַנדפּונקט פֿונם פֿאָרשער ווערט באַשטימט מיטן **עצם-כאַראַקטער פֿון די פֿאָרמען און פֿונם אינהאַלט**.

לויט ענגעלסעס ווערטער, באַשטייט העגעלס פֿאַרדינסט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער גענומען קוקן אויף אַלע דערשיינונגען פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון זייער **אַנטוויקלונג**,

פונם שטאַנדפּונקט פון זייער אַנטשטייאונג און פאַרניכטונג.

„צי האָט ער עס געטאָן דער ערשטער, קען מען נאָך דיסקוטירן, זאָגט ה׳ מיכאַילאָווסקי, — אָבער יעדנפאַלס נישט דער לעצטער. און די איצטיקע אנטוויקלונגס-טעאָריעס — ספּענסנערס עוואָלוציאָניזם, דער דאַרוויניזם, די אַנטוויקלונגס-אידעען אין דער פּסיכאָלאָגיע, אין דער פיזיק, אין דער געאָלאָגיע א. א. וו. — האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער העגעלישער פילאָזאָפיע״ *).

אויב די מאָדערנע נאַטורוויסנשאַפט באַשטעטיקט אויף יעדן שריט העגעלס געניאַלן געדאַנק וועגן דעם איבערגאַנג פון קוואַנטיטעט אין קוואַליטעט, ווי-זשע קען מען זאָגן, אַז זי האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער העגעלישער פילאָזאָפיע? אמת, ה ע ג ע ל איז נישט געווען דער „ל ע צ ט ע ר״ פון די וואָס האָבן גערעדט וועגן אַזאַ איבערגאַנג, נאָר דאָס איז טאַקע צוליב דערזעלבער סיבה, צוליב וועלכער ד אַ ר ו י ן (93) איז נישט געווען דער „לעצטער״ פון די וועלכע האָבן גערעדט וועגן דער מינים-ענדערונג, און נ י ו ט אָ ן (94) איז נישט געווען דער „לעצטער״ ניוטאָניסט. וואָס פאַרלאַנגט איר? אַזוי איז שוין דער אַנטוויקלונגס-גאַנג פונם מענטשלעכן שכל! וועט איר אַרויסזאָגן אַ ר י כ ט י ק ן ג ע ד אַ נ ק, און איר וועט זיכער נישט זיין דער „לעצטער״ פון די, וואָס פאַרטיידיקן אים; וועט איר זאָגן אַ ש ט ו ת, — איז כאָטש מענטשן זענען גרויסע בעלנים דערויף, ריזיקירט איר פונדעסטוועגן צו בלייבן זיין „לעצטער״ פאַרטיידיקער און טרעגער. אזוי ריזיקירט שטאַרק, לויט אונזער באַשיידענער מיינונג, ה׳ מ י כ אַ י ל אָ ו ו ס ק י צו בלייבן דער „לעצטער״ אָנהענגער פונם „סוביעקטיוון מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע״. אָפּן גערעדט, זעען מיר נישט איין קיין שום סיבה צו באַדויערן אַזאַ אנטוויקלונגס-גאַנג פונם שכל.

זאָגנדיק, אַז די מאָדערנע לערעס פון די עוואָלוציאָניסטן האָבן שטענדיק אַסאַך „געמיינזאַמעס מיט דער העגעלישער פילאָזאָפיע״, באַהויפּטן מיר נישט, אַז די איצטיקע עוואָלוציאָניסטן האָבן גענומען זייערע אָנשויאונגען ביי העגעלן. פונקט

*) „Русское Богатство“ 1894 צווייטער בוך, צווייטע אָפּטיילונג, ז. 150

פאַרקערט. זיי האָבן אָפּט וועגן אים אַזאַ פאַרגרייזטע פאָרשטעלונג, ווי עס האָט ה׳ מיכאַילאָווסקי. און אויב, נישט געקוקט דערויף, דינען זייערע טעאָריעס, כאָטש טיילווייז, און גראַד דאָרט, וואו זיי ווייזן זיך אַרויס פאַר ריכטיקע, אַלס אַ נייע אילוסטראַציע פון דער העגעלישער פילאָזאָפיע, אונטערשטרייכט דערדאָזיקער פאַקט די אויסערגעוויינלעכע קראַפט פונם געדאַנק פון דעם דייטשישן אידעאַליסט: מענטשן, וועלכע האָבן אים קיינמאָל נישט געלייענט, זענען געצוואונגען דורך די פאַקטן, דורך דעם באַשיינפערלעכן זין פון דער „ווירקלעכקייט" צו רעדן אַזוי, ווי ער האָט גערעדט. קיין גרעסערן נצחון פאַר אַ פילאָזאָף קען מען גאָרנישט אויסקלערן: עס איגנאָרירן אים די לעזער, נאָר זיינע אָנשויאונגען באַשטעטיקט דאָס לעבן.

ס׳איז נאָך עד-היום שווער צו זאָגן, אויף וויפל די אָנשויאונגען פון די דייטשישע אידעאַליסטן האָבן אוממיטלבאַר משפיע געווען אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג אויף דער דייטשישער נאַטורוויסנשאַפט, כאָטש ס׳איז אָן ספק, אַז אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט פלעגן אין דייטשלאַנד אַפילו די נאַטוראַליסטן זיך פאַרנעמען בעתן אוניווערזיטעט-קורס מיט פילאָזאָפיע, און כאָטש אַזעלכע קענער פון די ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן, ווי העקעל [95], רופן זיך איצט אָפּ מיט אַכטונג וועגן די עוואָלוציאָנישע טעאָריעס פון די נאַרטור-פילאָזאָפן. אָבער די נאַטור-פילאָזאָפיע איז געווען די שוואַכע זייט פונם דייטשישן אידעאַליזם. זיין קראַפט איז באַשטאַנען אין די טעאָריעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות מיט פאַרשיידענע זייטן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. און וואָס ס׳איז נוגע דידאָזיקע טעאָריעס, טאָ זאָל זיך ה׳ מיכאַילאָווסקי דערמאָנען — אויב ער האָט עס ווען עס איז געוואוסט, אַז דווקא פון העגעלס שול איז אַרויסגעגאַנגען יענע גאַנצע גלענצנדיקע פלעיאַדע דענקער און פאָרשער, וועלכע האָט צוגעגעבן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער דער שטודירונג פון רעליגיע, עסטעטיק, רעכט, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, געשיכטע, פילאָזאָפיע און אַזוי ווייטער. אין אָט די אַלע „דיסציפּלינען" איז אין משך פון אַ געוויסער, — פון דער סאַמע פרוכטבאַרסטער, —

צייט נישט געווען קיין איין אָנגעזעענער דענקער, וועלכער זאָל נישט האָבן געהאַט העגעלן צו פאַרדאַנקען זיין אַנטוויקלונג און די נייע אָנשויאונגען אין זיין וויסנשאַפט.

רעדנדיק וועגן העגעלן, באַמיט זיך ה׳ מיכאַילאָווסקי „עס צו מאַכן אַזוי, כּדי צו זיין פאַרשטענדלעך פאַר מענטשן, וועלכע זענען נישט באַהאַוונט אין די סודות פון „יעגאָר פיאָדאָראָוויטשעס פילאָזאָפישער יאַרמולקע“, ווי ס׳האָט זיך נישט דורך-אַרצדיק אויסגעדריקט ביעלינסקי(99), אויפהויבנדיק די פאָן פון אויפשטאַנד קעגן העגעלן“. ער נעמט „דערצו“ צוויי ביישפּילן פון ענגעלסעס בוך „Hern Eugen Duhring's Umwälzung der Wissenschaft“ (97). (פאַרוואָס-זשע נישט פון העגעלן גופא? אַזוי איז געווען באַקוועמער פאַרן שרייבער, וועלכער איז „באַהאַוונט אין די סודות“ א. א. וו.).

„אַ האָבער-קערן טרעפט אָן אין דער ערד אויף גוטע באַדינגונגען: ער גיט אַרויס אַ געוויקס און דערמיט אַליין ווערט ער, אַלס אַזעלכער, אַלס אַ קערן, אָפּגעלייקנט: אויף זיין אָרט אַנטשטייט אַ שטענגל, וועלכער איז די אָפּלייקענונג פונם קערן; דער געוויקס אַנטוויקלט זיך, ער ברענגט פרוכטן, ד. ה. נייע האָבער-קערנער, און ווען די דאָזיקע קערנער ווערן רייף, — קומט אום דאָס שטענגל: דאָס שטענגל, די אָפּלייקענונג פונם קערן, ווערט אַליין אָפּגעלייקנט. און אַזוי חזרט זיך איבער דערזעלביקער פּראָצעס פון „אָפּלייקענונג“ און „אָפּלייקענונג פון דער אָפּלייקענונג“ אַן אומצאָליקע צאָל (sic !) מאָל. אינם יסוד פון דעמדאָזיקן פּראָצעס ליגט אַ ווידערשפּרוך: דער האָבער-קערן איז אַ קערן און גלייכצייטיק איז ער נישט קיין קערן, וואָרום ער געפינט זיך תּמיד אין ווירקלעכער אָדער צוועקנטועלער אַנטוויקלונג“. ה׳ מיכאַילאָווסקי, פאַרשטייט זיך, „קען דיסקוטירן“ קעגן דעם. אָט ווי עס ווערט ביי אים אַ ווירקלעכקייט דידאָזיקע סימפּאַטישע עוועגטואַליטעט.

„די ערשטע שטופע, די שטופע פונם קערן, איז די טעזע, די הנחה; די צווייטע שטופע, אַזש ביז דער אויסבילדונג פון נייע קערנער, איז די אַנטיטעזע — די קעגן-הנחה;

די דריטע — איז די סינטעזע אָדער פשרה (ה׳ מיכאַילאָווסקי
האָט באַשלאָסן שרייבן פּאָפּולער און דעריבער לאָזט ער נישט
איבער די גריכישע ווערטער, אָן אַ דערקלערונג אָדער איבער-
ועצונג) ; אַלץ צוזאַמען שטעלט מיט זיך פאָר די טריאַדע
אָדער טריכאָטאָמיע. און אַזאַ איז דער גורל פון יעדער לע-
בעדיקער באַשעפעניש : זי אַנטשטייט, אַנטוויקלט זיך און
שאַפט אַ יסוד פאַר דער איבערחזרונג, דערנאָך שטאַרבט זי.
אינם זכּרון פון לעזער קומט, נאַטירלעך, באַלד אויף אַ ריזיקע
מאַסע איינצלנע דערשיינונגען פון דעמדאָזיקן פּראָצעס, און
העגעלס געזעץ ווערט אַזויאַרום באַשטעטיקט אין דער גאַנצער
אָרגאַנישער וועלט (ווייטער גייען מיר איצט נישט). אויב, אָבער,
מיר וועלן זיך צוקוקן אין אונזער ביישפּיל אַביסל נעענטער,
וועלן מיר דערזען די גוואַלטיקע אויבנאויפיקייט און הפקרדי-
קייט פון אונזער פאַראַלגעמיינערונג. מיר האָבן גענומען אַ קערן,
אַ שטענגל און ווידער אַמאָל אַ קערן אָדער ריכטיקער, אַ גרופּע
קערנער. אָבער איידער ער ברענגט פּרוכטן, בליט דאָך דער
געוויקס. ווען מיר רעדן וועגן האָבער אָדער וועגן אַן אַנדער
מין געוויקס, וואָס האָט אַ ווירטשאַפטלעכע באַדייטונג, קענען
מיר אין זינען האָבן פאַרזייעטע קערנער, צוזויפגעקליבענע
שטרוי און קערנער, אָבער האַלטן דורך דידאָזיקע דריי מאָ-
מענטן דאָס לעבן פונם געוויקס פאַר אויסגעשעפּט האָט נישט
קיין זין. אינם לעבן פון אַ געוויקס ווערט דער מאָמענט פון
בליאונג באַגלייט דורך אַן אומגעהויערער און אייגנאַרטיקער
כּוחות-אָנשטרענגונג, און היות ווי דאָס בלימל קומט נישט
אַרויס אוממיטלבאַר פונם קערן, וועלן מיר, אַפילו זיך האַלטנ-
דיק ביי העגעלס טערמינאָלאָגיע, באַקומען נישט קיין טריכאָ-
טאָמיע, נאָר, לכל-הפּחות, אַ טעטראַכאָטאָמיע, אַ פירפאַכיקע
טיילונג : דאָס שטענגל לייקנט אָפּ דעם קערן, דאָס בלימל
לייקנט אָפּ דאָס שטענגל, די פּרוכט לייקנט אָפּ דאָס בלימל-
דאָס דורכלאָזן דעם בליאונגס-מאָמענט האָט אַ וויכטיקע באַדיי-
טונג אין נאָך אַ הינזיכט. אין העגעלס צייטן איז אפשר געווען
דערלאָזבאַר צו נעמען דעם קערן פאַרן אויסגאַנגס-פּונקט אינם
לעבן פון אַ געוויקס, און פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז
עס אויך איצט, אייגנטלעך, דערלאָזבאַר : דאָס ווירטשאַפטלעכע

יאָר הויבט זיך אָן מיט דער פאַרזייאונג. אָבער דאָס לעבן פון געוויקס הויבט זיך נישט אָן פונם קערן. מיר ווייסן איצט זייער גוט, אַז דער קערן איז זייער אַ קאָמפּליצירט וועזן לויטן געבוי און ער שטעלט מיט זיך אַליין פאָר אַ פּראָדוקט פון דער אַנטוויקלונג פונם קעמערל און אַז די קעמערלעך, וואָס זענען נויטיק צו דער פאַרמערונג בילדן זיך אויס גראָד אינם מאָמענט פון בליאונג. אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז אינם ביישפּיל פונם לעבן פון אַ געוויקס איז אויך דער אויסגאַנגספּונקט גענומען גלאַט-אַזוי און נישט-ריכטיק, און דער גאַנצער פּראָצעס איז קינסטלעך און ווידעראַמאָל הפקרדיק אַריינגעקוועטשט אין די רעמלעך פון דער טריכאָטאָמיע" *). דער אויספיר: „שוין צייט אויפצוהערן גלויבן, אַז האָבער וואַקסט לויט העגעלן".

אַלץ פליסט, אַלץ ענדערט זיך! אין אונזערע צייטן, ד. ה. ווען דער שרייבער פון די שורות פלעגט זיך, אין די סטודענטישע יאָרן, פאַרנעמען מיט נאַטורוויסנשאַפטלעכע לערעס, איז האָבער געוואַקסן „לויט העגעלן", און איצט, ווייסן מיר זייער גוט", אַז דאָס איז אַ שטות: איצט „nous avons changé tout cela"[98]. אָבער גענוג, לאָמיר אַ קוק טאָן, צי „ווייסן מיר" גוט דאָס, וועגן וואָס „מיר" רעדן.

ה' מיכאַילאָווסקי גיט איבער דעם, ביי ענגעלסן גענומענעם, ביישפּיל מיטן האָבער-קערן גאָרנישט אַזוי, ווי ער איז ביי ענגעלסן גופא. ענגעלס זאָגט: „דער קערן, אַלס אַזעלכער. ווערט פאַרניכטעט, ער ווערט אָפּגעלייקנט, זיין אָרט פאַרנעמט דאָס געוויקס, וואָס איז פון אים אַרויסגעוואַקסן, די אָפּלייקענונג פונם קערן. אָבער וואָס איז דאָס נאָרמאַלע קרייזראָד פונם לעבן פון דעמדאָזיקן געוויקס? עס וואַקסט, בליט, פרוכפּערט זיך און שאַפט, צומלעצט, ווידער האָבער-קערנער**); ווען די קערנער ווערן רייף, שטאַרבט אָפּ דאָס שטענגל, עס ווערט אָפּגעלייקנט. אַלס אַ רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אָפּלייקענונג באַ-

*) „Русское Богатство", דאָס ציטירטע ביכל. II-טע אָפּטיילונג, ז. ז. 154—57.

**) ביי ענגעלסן רעדט זיך אייגנטלעך וועגן אַ גערשטן-קערן און נישט וועגן אַ האָבער-קערן; אָבער דאָס איז, נאַטירלעך, נישט וועזנטלעך.

קומען מיר ווידער אַ האָבער-קערן, אָבער שוין נישט איינעם, נאָר אַמאָל צען, אַמאָל צוואַנציק, אַמאָל דרייסיק״*). אַלס אָפּלייקענונג פונם קערן רעכנט זיך ביי ענגעלסן דאָס גאַנצע געוויקס, אין וועמענס לעבנס-קרייזראָד עס גייט אַריין, צווישן אַנדערע, אויך די בליאונג, אויך די פּרוכפּערונג. ה׳ מיכאַילאָווסקי „לייקנט אָפּ״ דעם געוויקס, אַוועקשטעלנדיק אויף זיין אָרט דאָס וואָרט שטענגל. דאָס שטענגל ווי באַקאַנט, שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַ טייל פונם געוויקס און, פאַרשטייט זיך, אַז עס ווערט אָפּגעלייקנט דורך אַנדערע טיילן זיינע: omnis de terminatio est negatio (49). אָבער טאַקע צוליב דעם „לייקנט״ אויך אָפּ ה׳ מיכאַילאָווסקי ענגעלסעס אויסדרוק, פאַרבייטנדיק אים מיט זיין אייגענעם: וואָס שטענגל לייקנט אָפּ דעם קערן, שרייט ער, דאָס בלימל לייקנט אָפּ דאָס שטענגל, די פּרוכט לייקנט אָפּ דאָס בלימל; דאָ איז, לכל-הפחות, אַ טעטראַכאָטאָמיע! — אוודאי, ה׳ מיכאַילאָווסקי, אָבער דאָס באַווייזט בלויז, אַז אין דער דיסקוסיע מיט ענגעלסן האַלט איר זיך נישט אָפּ אַפילו... ווי זאָגט מען עס עפּעס — וואָס איידעלער? — איר האַלט זיך נישט אָפּ אַפילו פאַרן „מאָמענט״... פון דער געשטאַלט-ענדערונג פון אייער קעגנערס ווערטער. דאָס איז אַ מיטל אַ ביסל... אַ „סוביעקטיווער״.

ווייבאַלד דער ענדערונגס-„מאָמענט״ האָט זיך זיינס אָפּגעטאָן, צעפאַלט די פאַרפיינדעטע טריאַדע ווי אַ קאָרטן-הייזל. איר האָט דורכגעלאָזן דעם מאָמענט פון בליאונג, — וואַרפט פאָר דער רוסישער „סאָציאָלאָג״ דעם דייטשישן סאָציאַליסט, — און „דאָס דורכלאָזן דעם מאָמענט פון בליאונג, האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג״. דער לעזער האָט געזען, אַז דער „מאָמענט פון בליאונג״ איז דורכגעלאָזן געוואָרן נישט דורך ענגעלסן נאָר דורך ה׳ מיכאַילאָווסקין, איבערגעבנדיק ענגעלסעס רייד; דער לעזער ווייס אויך, אַז אַזעלכע מיני „דורכלאָזונגען״ שרייבט מען צו אין דער ליטעראַטור אַ וויכטיקע, כאָטש אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווע, באַדייטונג. ה׳ מיכאַילאָווסקי האָט אויך דאָ זיך באַנוצט מיט

*) Herrn Eeugen Dührings Umwalzung der Wissenschaft ערשטער או פלאַגע, ערשטער טייל, ז. 111-112.

נישט קיין שיינעם „מאָמענט". נאָר וואָס זשע טוט מען? די „טריאַדע" איז אַזוי פאַרפיינדעט, דער נצחון אַזוי זיס, און „די מענטשן וועלכע זענען לחלוטין נישט באַהאַוונט אין די סודות" פון דער באַרימטער „יאַרמולקע", זענען אַזוי לייכטגלויביק!

מיר זענען אַלע אומשולדיק פון געבוירן,
מיר האַלטן אַלע טייער אונזער ערע;
נאָר ס׳טרעפט, אַמאָל איז עפּעס גורם
צו טאָן נישט-ווילנדיק אַן עבירה...

דאָס בלימל איז אַן אָרגאַן פון געוויקס און, אַלס אַזעלכער, לייקנט ער פונקט אַזוי ווייניק אָפּ דעם געוויקס, ווי ה׳ מיכאַילאָווסקיס קאָפּ לייקנט אָפּ דעם ה׳ מיכאַילאָווסקי. אָבער די „פרוכט", ד. ה. פינקטלעכער, דאָס באַפרוכפערטע איי איז ווירקלעך אַן אָפּלייקענונג פונם באַטרעפנדיקן אָרגאַניזם אַלס אַן אויסגאַנגס-פונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ ניי לעבן. ענגעלס באַטראַכט טאַקע די קרייזראָד פונם לעבן פון אַ געוויקס פונם אַנטוויקלונגס-אָנהויב פון דעם באַפרוכפערטן איי. ביז זיין ווידערבאַשאַפן אַ באַפרוכפערט איי. ה׳ מיכאַילאָווטקי באַמערקט מיט אַ מינע פון אַ געלערנטן קענער: „דאָס לעבן פון געוויקס הויבט זיך נישט אָן פון קערן. מיר ווייסן איצט זייער גוט" א. ד. ג. — בקיצור, מיר ווייסן איצט, אַז דאָס איי באַפרוכפערט זיך אין דער צייט פון בליאונג. ענגעלס, נאַטירלעך, ווייס עס נישט ערגער פון ה׳ מיכאַילאָווסקי. אָבער וואָסזשע באַווייזט עס? אויב ס׳איז ניחא ה׳ מיכאַילאָווסקין, וועלן מיר פאַרבייטן דעם *קערן* — מיט אַ *באַפרוכפערט איי*, אָבער דאָס וועט נישט ענדערן דאָס לעבנס-קרייזראָד פונם געוויקס, דאָס וועט נישט צעקלאַפּן די „טריאַדע". האָבער וועט *דאָך* וואַקסן „*לויט העגעלן*".

אַגב-אורחא לאָמיר אָננעמען אויף אַ מינוט, אַז דער „מאָמענט פון בליאונג" מאַכט אַ תל פון אַלע אַרגומענטן פון די העגעליאַנער. וואָס וועט ה׳ מיכאַילאָווסקי באַפעלן צו טאָן מיט די אָנבלימלדיקע געוויקסן? שוין-זשע וועט ער זיי איבערלאָזן אונטער דער מאַכט פון דער טריאַדע? אַ שאָד, וואָרום די טריאַדע וועט אין אַזאַ פאַל האָבן אַ גרויסע צאָל אונטערטאַנען. אָבער די דאָזיקע פראַגע שטעלן מיר אייגנטלעך נאָר,

כדי זיך קלאָר צו מאַכן ה' מיכאַילאָווסקיס געדאַנק. מ י ר בלייבן ביי ד ע ר איבערצייגונג, אַז פון דער טריאַדע וועסטו נישט פּטור ווערן אַפילו מיט אַ „בלימל". און צי בלויז מ י ר מיינען אַזוי? אַט, וואָס עס זאָגט למשל, דער באָטאַניקער-ספּעציאַליסט פ. וו אַ ן - ט י ה ע ם [100]. „וואָס פאַראַ פאָרם דאָס געוויקס זאָל נישט האָבן און צו וואָס פאַראַ גרופּע ער זאָל, אַ דאנק דערדאָזיקער פאָרם, נישט געהערן, קומט זיין קערפּער אַרויס פון אַ צווייטן קערפּער, וועלכער האָט עקזיסטירט פאַר אים און פון וועלכן ער האָט זיך אָפּגעטיילט. ער ווידער, טיילט אָפּ פון זיין מאַסע, אין אַ געוויסער צייט, געוויסע טיילן, וועלכע ווערן אויסגאַנגס-פּונקטן, זאָמענס פון נייע קערפּערס, א. א. וו. מיט איין וואָרט, ער פּרוכפּערט זיך, פּונקט אַזוי ווי ער ווערט געבוירן: דורך דיסאָציאַציע"*). איצטער זעט! אַ חשובער געלערטער, אַ מיטגליד פון אינסטיטוט, אַ פּראָפעסאָר פון נאַטור-געשיכטע, און ער רעדט ווי אַן עכטער העגעליאַנער: ס'הויבט זיך אָן, זאָגט ער, מיט דיסאָציאַציע און ס'דערגייט ווידער צו איר. און קיין וואָרט נישט וועגן „מאָמענט פון בליאונג"! מיר פאַרשטייען אַליין, אַז דאָס מוז זיין זייער פאַרדראָסיק פאַר ה' מיכאַילאָווסקי; אָבער וואָס זאָל מען מאַכן, דער אמת, ווי באַקאַנט איז העכער פון פּלאַטאָנען.

לאָמיר נאָכאַמאָל אָננעמען, אַז דער „מאָמענט פון בליאונג" צעשמעטערט די טריאַדע. דאַן „וועלן מיר, האַלטנדיק זיך ביי העגעלס טערמינאָלאָגיע, האָבן נישט קיין טריכאָטאָמיע נאָר, לכל-הפחות, אַ טעטראַכאָטאָמיע, אַ פירפאַכיקע טיילונג". „העגעלס טערמינאָלאָגיע" דערמאָנט אונז אָן זיין „ענציקלאָפּעדיע". עפענען מיר פונאַנדער איר ערשטן טייל און דערוויסן זיך פון דאָרטן, אַז ס'זענען פאַראַן אַסאַך פאַלן, ווען די ט ר י כ אָ ט אָ מ י ע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טעטראַכאָטאָמיע, און אַז בכלל הערשט די טריכאָטאָמיע, אייגנטלעך, בלויז אינם געביט פון גייסט**). קומט אויס, אַלזאָ, אַז האָבער

---

*) Traité de Botanique par Ph. Van-Tieghem. 2 édition, premiére partie, Paris. 1891 p. 24.

**) Encyklopädie, Erster Theil § 230 Zusatz.

וואַקסט „לויט העגעל׳ן״, ווי עס פּאַרזיכערס אין דעם וו אָ ן־
ט י ה ע ם, און ה ע ג ע ל דענקט וועגן האָבער לויט ה׳ מי־
כאַילאָווסקין, ווי עס גאַראַנטירט דערפאַר די Encyklopädie,
der philosophischen Wissenschaften im Grund risse",
גיסים און שוין. זי צו אים, און ער צו מיר, און איך קיין
בויבעריק...

דער צווייטער ביישפּיל, וואָס ה׳ מיכאַילאָווסקי האָט
גענומען ביי ענגעלסן, כדי אויפצוקלערן די „נישט־באַהאַוונטע״,
האָט אַ שייכות מיט ר ו ס אָ ס (101) לערע.

„לויט רוסאָן זענען די מענטשן אין די נאַטוראַלע און
ווילדע צייטן געווען גלייך מיט אַ חיהשער גלייכהייט. אָבער
דער מענטש צייכנט זיך אויס מיט דער פעאיקייט צו פּאַרפּול־
קאָמענונג, און דידאָזיקע פּאַרפּולקאָמענונג האָט זיך אָנגעהויבן
מיט דער אַנטשטייאונג פון דער אומגלייכהייט, דערנאָך איז
יעדער וויטערדיקער טריט פון דער ציוויליזאַציע געווען
סתירהדיק: אין פלוג, זענען דאָס געווען טריט צו דער פּאַר־
פולקאָמענונג פון דעם איינצלנעם מענטש, אין דער ווירקלעכ־
קייט, דאַקעגן, האָבן זיי געפירט צו דער ירידה פונם מענטש־
לעכן מין... די מעטאַלורגיע און די לאַנדווירטשאַפט — אָט דאָס
זענען זיי צוויי קונסטן, די אַנטדעקונג פון וועלכע עס האָט
געבראַכט די גרויסע רעוואָלוציע. פונם שטאַנדפונקט פון פּאָעט,
גאָלד און זילבער, און פונם שטאַנדפונקט פון פילאָזאָף האָבן
אייזן און ברויט ציוויליזירט די מ ע נ ט ש ן און אומגעבראַכט
דעם מענטשלעכן מ י ן״. „די אומגלייכהייט אַנטוויקלט זיך
בסדר און דערגרייכנדיק איר העכסטע שטופע, ווערט זי אין
די מזרחדיקע דעספּאָטיעס צוריק פּאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיינער
גלייכהייט פון אַן אַלגעמיינער נישטיקייט, דאָס הייסט, זי
קערט זיך אום צו איר אויסגאַנגס־פונקט, דערנאָך דערפירט דער
ווייטערדיקער פּראָצעס אויף דעמזעלביקן אופן צו דער גע־
זעלשאַפטלעך־קאָנווענציאָנעלער גלייכהייט״.

אַזוי גייט איבער ה׳ מיכאַילאָווסקי דעם דורך ענגעלסן גע־
בראַכטן ביישפּיל. ווי עס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, „קען ער
דיסקוטירן״ אויך אין דעם פאַל.

„ס׳וואָלט זיך געלאָזט עפּעס זאָגן וועגן דעם, ווי אַזוי

ענגעלס גיט איבער דעם בײשפּיל, אָבער פאַר אונז איז וויכטיק צו וויסן נאָר דאָס, וואָס אײגנטלעך אין רוסאָס טראַקטאַט („Discours sur l'origine et les fondements de l'inégalité parmi les hommes“) האָט אַ ווערט פאַר ענגעלסן, ער באַרירט נישט די פראַגע, צי פאַרשטייט רוסאָ ריכטיק אָדער נישט-ריכטיק דעם גאַנג פון דער געשיכטע, ער אינטערעסירט זיך בלויז דערמיט, וואָס רוסאָ „דענקט דיאַלעקטיש“: ער זעט אײן דעם ווידערשפּרוך אין דעם סאַמע אינהאַלט פון פּראָגרעס און ער שטעלט עס פאָר אַזוי, אַז מ׳קען אים צובויגן צו דער העגעלישער פאָרמול פון אָפּלייקענונג און אָפּלייקענונג פון דער אָפּלייקענונג. און מ׳קען עס ווירקלעך, כאָטש רוסאָ האָט נישט געוואוסט פון דער העגעלישער דיאַלעקטישער פאָרמול״.

דאָס איז בלויז דער ערשטער, אַוואַנגאַרדישער אָנפאַל אויף דעם „העגעליזם״ אין דער פּערזאָן פון ענגעלסן. ווייטער גייט אַן אַטאַקע sur toute la ligne.

„רוסאָ האָט, נישט וויסנדיק פון העגעלן, געדענקט לויט העגעלן, דיאַלעקטיש. פאַרוואָס פונקט רוסאָ און נישט וואָלטער, נישט דער ערשטער-בעסטער? דערפאַר, ווייל אַלע מענטשן, לויט דער עצם נאַטור זייערער, דענקען דיאַלעקטיש. פונדעסטוועגן איז אויסגעקליבן דווקא רוסאָ, אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט פון זיינע צייט-חברים נישט בלויז מיט זיינע פעאיקייטן, — אין דער הינזיכט זענען אַסאַך נישט קלענער פאַר אים, — נאָר מיט דער אָריגינאַליטעט פון זיין שכל און מיט דעם כאַראַקטער פון זיין וועלט-אָנשויאונג. אַזאַ אויסשליסלעכע דערשיינונג האָט מען, דאַכט זיך, נישט געדאַרפט נעמען, כדי מיט איר צו קאָנטראָלירן דאָס אַלגעמיינע געזעץ. אָבער אַזוי איז באַקוועמער. רוסאָ איז אינטערעסאַנט און וויכטיק קודם-כל צוליב דעם, ווייל ער האָט דער ערשטער מיט דער געהעריקער שאַרפקייט באַוויזן די ווידערשפּרעכעוודיקייט פון דער ציוויליזאַציע, און דער ווידערשפּרוך איז אַן אומבאַדינגטער תּנאַי פונם דיאַלעקטישן פּראָצעס. מ׳דאַרף אָבער דאָך באַמערקן, אַז דער ווידער

שפּרוך, וועלכן רוסאָ האָט איינגעזען, האָט נישט קיין שום גע-
מיינזאַמעס מיטן ווידערשפּרוך אין העגעלישן זין פון וואָרט.
דער העגעלישער ווידערשפּרוך באַשטייט אין דעם, וואָס יעדע
זאַך, געפינענדיק זיך תמיד אין אַ פּראָצעס פון באַוועגונג, פון
ענדערונג (און גראָד אויסגעהאַלטן אויפן דרייפאַכיקן אופן), איז
אין יעדע צייט „זי“ און גלייכצייטיק „נישט זי“. אויב מ׳זאָל
אַוועקשטעלן אין אַ זייט די אומבאַדינגטע דריי אַנטוויקלונגס-
סטאַדיעס, דינט דאָ דער ווידערשפּרוך פּשוט ווי אַן אונטער-
לאַגע פאַר די ענדערונגען, פאַר דער באַוועגונג, און פאַר דער
אַנטוויקלונג; ר ו ס אָ רעדט אויך וועגן ענדערונגען-פּראָצעס.
אָבער ער זעט לחלוטין נישט אין דעם ווידערשפּרוך אינם עצם
פאַקט פון די ענדערונגען. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיינע
אָפּהאַנדלונגען, ווי אין Discours sur l'inégalité, אַזוי אויך
אין אַנדערע ווערק, קען אַזוי רעזומירט ווערן: דער אינטע-
לעקטועלער פּראָגרעס ווערט באַגלייט דורך אַ מאָראַלישן רעג-
רעס. קלאָר, אַז דאָס דיאַלעקטישע דענקען האָט דאָ גאָרנישט
וואָס צו טאָן: דאָ איז נישטאָ קיין „אָפּלייקענונג פון דער
אָפּלייקענונג“, ס׳איז נאָר פאַראַן בלויז אַן אָנווייזונג אויף
אַ גלייכצייטיקער עקזיסטענץ פון גוטס און שלעכטס אין אַ באַ-
טרעפנדיקער גרופּע דערשיינונגען, און די גאַנצע ענלעכקייט
צום דיאַלעקטישן פּראָצעס האַלט זיך בלויז אויפן וו אָ ר ט
„ווידערשפּרוך“. דאָס איז אָבער בלויז איין זייט פון דער
זאַך. ענגעלס זעט, אַ חוץ דעם, אין רוסאָס אָפּהאַנדלונג
אַ קלאָרע טריכאָטאָמיע: נאָך דער אורמענטשלעכער גלייכהייט
קומט איר אָפּלייקענונג — די אומגלייכהייט, דערנאָך קומט אָן די
אָפּלייקענונג פון דער אָפּלייקענונג — די גלייכהייט פון אַלע,
אין די מזרחדיקע דעספּאָטיעס לגבי דער מאַכט פונם כאַן,
סולטאַן, שאַך. „דיזאָזיקע לעצטע שטופּע פון אומגלייכהייט איז
דער ווייטסטער פּונקט, וועלכער פאַרענדיקט דעם קרייז און
קערט אונז אום צו אונזער אויסגאַנגס-פּונקט“. אָבער די
געשיכטע פאַרבלייבט נישט דערביי, זי אַנטוויקלט נייע אומ-
גלייכהייטן א. א. וו. די ווערטער, וועלכע זענען געבראַכט
אין געגנזנפיסלעך זענען רוסאָס אויטענטישע ווערטער, און זיי

זענען פאַר ענגעלסן באַזונדער טייער, אַלס אַ באַשיינפּערלעכער
דאָקומענט, אַז רוסאָ דענקט לויט העגעלן" *)

ר ו ס אָ „האָט זיך שאַרף אויסגעצייכנט פון זיינע צייט-
חברים". דאָס איז אמת. מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעצייכנט?
דערמיט, וואָס ער האָט געדענקט ד י אַ ל ע ק ט י ש, בעת זיינע
צייט-חברים זענען געווען כּמעט מ ע ט אַ פ י ז י ק ע ר. זיין
קוק אויף דער אָפּשטאַמונג פון דער אומגלייכהייט איז טאַקע
אַ ד י אַ ל ע ק ט י ש ע ר קוק, כאָטש ה' מיכאַילאָווסקי לייקנט
עס אָפּ.

לויט די ווערטער פון ה' מיכאַילאָווסקי, האָט רוסאָ בלויז
אָנגעוויזן דערויף, אַז דער אינטעלעקטועלער פּראָגרעס ווערט
באַגלייט אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע מיט אַ מאָ-
ראַלישן רעגרעס. ניין, רוסאָ האָט נישט בלויז דערויף אָנגע-
וויזן. ביי אים איז דער אינטעלעקטועלער פּראָגרעס געווען
פאַרעכנט אַלס ס י ב ה פונם מאָראַלישן רעגרעס: אין דעם
וואָלט מען זיך געקענט איבערצייגן, אַפילו נישט האָבנדיק גע-
לייענט רוסאָס ווערק: ס'וואָלט גענוג געווען צו דערמאָנען,
אויפן סמך פון דער פריערדיקער ציטאַטע, וואָס פאַראַ ראָל
עס האָט ביי אים געשפּילט די מעטאַל-באַאַרבעטונג און די
לאַנדווירטשאַפט, וועלכע האָבן געמאַכט די גרויסע רעוואָלוציע,
וועלכע האָבן צעשטערט די אורמענטשלעכע גלייכהייט. אָ-
בער ווער עס האָט געלייענט רוסאָן זעלבסט, יענער האָט נאַ-
טירלעך נישט פאַרגעסן די פאָלגנדיקע שטעלע פון זיינע
‚Discours sur l'origne de l'inégalité: il me reste
á considérr et á rapprocher les différent hesards
qui ont pu pertectionner la raison humaine en dé-
tériorant l'espéce, rendre un étre méchant en le
rendant sociable..." („מיר פאַרבלייבט אָפּצושאַצן און צו
דערנענטערן יענע באַזונדערע פאַלן, וועלכע האָבן געקענט פאַר-
פולקאָמען דעם מענטשלעכן שכל, אַריינברענגענדיק אַ פאַר-
דאַרבונג אינם מענטשלעכן מין, מאַכן די באַטרעפנדיקע חיה
פאַר אַ שלעכטע, מאַכנדיק זי פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע")...

*) די אַלע ציטאַטן זענען גענומען פונם שוין ציטירטן ביכל „רוסקאָיע באָ-
גאַטסטוואָ".

דידאָזיקע שטעלע צייכנט זיך אויס באַזונדער דערמיט, וואָס זי באַלויכט אויסגעצייכנט רוסאָס קוק אויף דער פעאיקייט פונם מענטשלעכן מין צו פראָגרעס. וועגן דערדאָזיקער אייגנ-טימלעכקייט האָבן גערעדט נישט ווייניק אויף זיינע „צייט-חברים". נאָר זיי האָבן זי געהאַלטן, פאַר אַ געהיימע קראַפט, וועלכע שאַפט פון זיך זעלבסט די דערגרייכונגען פונם אינטע-לעקט. לויט רוסאָ, האָט דידאָזיקע פעאיקייט „קיינמאָל זיך נישט געקענט אַנטוויקלען פון זיך זעלבסט". צו איר אַנטוויקלונג האָט זי זיך גענויטיקט אין שטענדיקע שטויס-פאַקטאָרן פון דער צייט. דאָס איז איי-נע פון די וויכטיקסטע אייגנטימלעכקייטן פונם דיאַלעקטישן קוק אויף דעם אינטעלעקטועלן פראָגרעס אין פאַרגלייך מיטן מעטאַפיזישן קוק. אונז וועט נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן דעם שפּעטער. איצט איז פאַר אונז וויכטיק בלויז דאָס, אַז די געבראַכטע שטעלע דריקט אויס קלאָר, וואָס קלאָ-רער דאַרף מען נישט, רוסאָס מיינונג בנוגע דעם אורזאַכלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן מאָראַלישן רעגרעס און אינטעלעקטו-עלן פראָגרעס*). און דאָס איז זייער וויכטיק פאַר דער אויפקלערונג פונם קוק פון דעמדאָזיקן שריפטשטעלער אויפן גאַנג פון דער ציוויליזאַציע. ביי ה' מיכאַילאָווסקין קומט אויס, אַז רוסאָ האָט פשוט אָנגעוויזן דעם „ווידערשפּרוך" און האָט, אפשר, פאַרגאַסן צוליב אים עטלעכע פרומע טרערן. אינדער-אמתן האָט רוסאָ געהאַלטן דעמדאָזיקן ווידערשפּרוך פאַר דער הויפּט-שפּרינגפעדער פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע. דער גרינדער פון דער ציווילער געזעל-שאַפט און, פאָלגלעך, דער באַגראָבער פון דער אורמענטש-לעכער גלייכהייט איז געווען דער מענטש, וועלכער האָט אַרומ-געצוימט אַ שטח ערד און האָט געזאָגט: „דערדאָזיקער שטח געהערט צו „מיר", אַנדערש גערעדט, אַלס יסוד

*) פאַר די צווייפלער איז פאַראַן נאָך איין ציטאַטע: (102) „J'ai assigne ce premier degré de la decadence des moeurs au premier moment de la culture des lettres dans tous les pays du monde". Lettre á M l'abbé Raynal, Oeures de Rousseau Paris 1820 t. IV, p. 43.

פון דער ציווילער געזעלשאַפט דינט דאָס אייגנטום, וואָס רופט אַרויס אַזוי פיל שטרייטן צווישן מענטשן, וואָס דערוועקט אין זיי אַזוי פיל גיריקייט, וואָס פאַרדאַרבט אַזוי זייער מאָראַלישקייט. אָבער די אַנטשטייאונג פונם אייגנטום האָט גורם געווען אַ געוויסע אַנטוויקלונג פון דער „טעכניק און וויסנשאַפט“ [de l'industrie et des lumieres]. די אורמענטשלעכע פאַרהעלטנישן זענען, אַזוי אַרום, אומגעקומען דווקא אַ דאַנק דער דאָזיקער אַנטוויקלונג; אָבער אין דער צייט, ווען דידאָזיקע אַנטוויקלונג האָט געבראַכט צום זיג פון פּריוואַט-אייגנטום, האָבן זיך די אורמענטשלעכע פאַרהעלטנישן, פון זייער זייט, שוין געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זייער ווייטערדיקע עקזיסטענץ איז געוואָרן אוממעגלעך*). אויב מ'זאָל אורטיילן וועגן רוסאָ לויט דעם, ווי עס גיט איבער דעם אָנגעוויזענעם „ווידערשפּרוך“ ה' מיכאַילאָווסקי, קען מען מיינען, אַז דער באַרימטער גענפער איז געווען נישט מער, ווי אַ בעל-בכידיקער סוביעקטיווער סאָציאָלאָג, וועלכער איז אין בעסטן פאַל געווען מסוגל אויסצוקלערן אַ הויכמאָראַלישע „פאָרמול פון פּראָגרעס“, כדי אויסצוהיילן מיט איר די מענטשלעכע צרות. אינדערעמתן האָט רוסאָ מער פאַר אַלץ פיינט געהאַט גראָד אַזעלכע מיני „פאָרמולעס“ און ער פלעגט זיי אומברענגען יעדעס מאָל, ווען ס'האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט.

די ציווילע געזעלשאַפט איז אַנטשטאַנען אויף די חורבות פון די אורמענטשלעכע פאַרהעלטנישן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפעאיק צו אַ ווייטערדיקער עקזיסטענץ. דידאָזיקע פאַרהעלטנישן האָבן אין זיך אַנטהאַלטן דעם זאָמען פון זייער אייגענער אָפּלייקענונג. אויפווייזנדיק דידאָזיקע טעזע, האָט רוסאָ ווי לכתחילה אילוסטרירט העגעלס געדאַנק: יעדע דערשיינונג פאַרניכטעט זיך אַליין, ווערט פאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם קעגנזאַץ. רוסאָס אָפּהאַנדלונג וועגן דעספּאָטיזם קען גערעכנט ווערן פאַר אַ נייער אילוסטראַציע פון דעמדאָזיקן געדאַנק.

איצטער זאָגט אַליין, וויפל פאַרשטענדיש פון העגעלן

*) זע דעם אָנהויב פון צווייטן טייל. „Discours sur l'inégalité“

און רוסאָן עס ווייזט אַרויס ה׳ מיכאַילאָווסקי, זאָגנדיק: „ס׳איז קלאָר, אַז דאָס דיאַלעקטישע דענקען האָט דאָ לחלוטין גאָרנישט וואָס צו טאָן“, און נאַאיוו משער זייענדיק, אַז ענגעלס האָט סתם פאַרעכנט רוסאָן צו דער דיאַלעקטישער בראַנזשע בלויז אויף דעם סמך, וואָס יענער האָט באַנוצט די אויסדרוקן: „ווידערשפּרוך“, „קרייז“, „אומקער צום אויסגאַנגס-פּונקט א. א. וו.

אָבער פאַרוואָס-זשע האָט זיך ענגעלס געשטיצט אויף רוסאָען און נישט אויף עמיצן אַנדערש? „פאַרוואָס דווקא רוסאָ, און נישט וואָלטער, נישט דער ערשטער-בעסטער? וואָרום אַלע מענטשן דענקען דאָך, לויט זייער עצם נאַטור דיאַלעקטיש“...

איר זענט אייך טועה ה׳ מיכאַילאָווסקי, — נישט אַלע: אייך דעם ערשטן וואָלט ענגעלס קיינמאָל נישט אָנגענומען פאַר קיין דיאַלעקטיקער. ס׳וואָלט גענוג געווען, ער זאָל איבערלייענען אייער אַרטיקל „קאַרל מאַרקס פאַרן געריכט פון ה׳ יו. זשוקאָווסקי [103], ער זאָל אייך אויף אייביק צורעכענען צו דער גרופּע אומפאַרבעסערלעכע מעטאַפיזיקער.

וועגן דיאַלעקטישן דענקען זאָגט ענגעלס: מענטשן האָבן געדענקט דיאַלעקטיש אַסאַך פריער, איידער זיי זענען געוואויר געוואָרן, וואָס איז עס אַזוינס דיאַלעקטיק, פּונקט ווי זיי האָבן גערעדט פּראָזע אַסאַך-אַסאַך פריער איידער ס׳איז געשאַפן געוואָרן דאָס וואָרט פּראָזע. דאָס געזעץ פון אָפּלייקענונג, וואָס פאַרווירקלעכט זיך, סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער געשיכטע, און, כּל-זמן ער בלייבט נישט דערקענט, אויך אין אונזערע קעפּ, אומבאַוואוסטזיניק, איז דורך העגעלן בלויז צום ערשטן מאָל קלאָר פאָרמולירט געוואָרן“*). ווי דער לעזער זעט, רעדט זיך דאָ וועגן אומבאַוואוסטזיניקן דיאַלעקטישן דענקען, פון וועלכן ס׳איז נאָך גאַנץ ווייט צום באַוואוסטזיניקן. ווען מיר זאָגן: „עקסטרעמען קומען זיך צונויף“, זאָגן מיר אַרויס, אַליין גאָרנישט באַמערקנדיק, דעם דיאַלעקטישן קוק אויף זאַכן; ווען מיר באַוועגן זיך פאַלט אונז ווידעראַמאָל גאָרנישט איין, אַז מיר פאַרנעמען זיך מיט פּראַקטישער דיאַלעקטיק

*) Herrn Eugen Dührings Umwälzung e. t. c. צווייטע אויפלאַגע, ז. 134.

זמיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז באַוועגן איז פאַרווירקלעכ-
טער ווידערשפּרוך). אָבער נישט באַוועגונג, נישט דיאַלעקטישע
אַפאָריזמען ראַטעווען אונז נאָך נישט פון מעטאַפיזיק
אויפן געביט פון סיסטעמאַטישן געדאַנק. אדרבה,
די געשיכטע פון געדאַנק באַווייזט, אַז אין משך פון אַ לאַנגער
צייט האָט זיך די מעטאַפיזיק אַלץ מער און מער געשטאַרקט —
און זי האָט זיך אומבאַדינגט געמוזט שטאַרקן — אויפן חשבון
פון דער אורשפּרינגלעכער נאַאיווער דיאַלעקטיק: „די פונאַנ-
דערטיילונג פון דער נאַטור אויף אירע באַזונדערע טיילן, די
דעפיניירונג פון די באַזונדערע דערשיינונגען און נאַטור-אָביעקטן
לויט באַשטימטע קלאַסן, די פאָרשונג פון די אינערלעכע אייגנ-
שאַפטן פון די אָרגאַנישע קערפּערס, אין צוזאַמענהאַנג מיט
דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייער אָרגאַנישן בוי, — דאָס אַלץ
איז געווען דער יסוד פון יענע ריזיקע נצחונות, מיט וועלכע
עס האָט זיך גערימט די נאַטורוויסנשאַפט די לעצטע פיר
יאָרהונדערט. אָבער גלייכצייטיק דערמיט האָט די זעלביקע סיבה
אונז איבערגעלאָזן די געוואוינהייט צו באַטראַכטן דערשיינונ-
גען און נאַטור-אָביעקטן אין זייער אָפּגעזונדערטקייט, מחוץ פון
זייער גרויסער צוזאַמענדיקער פאַרבינדונג, און דערביי נישט
אין זייער באַוועגונג, נאָר אין אומבאַוועגלעכן צושטאַנד, נישט
אַלס וועזנטלעך זיך- פאַרענדערנדיקע, נאָר ווי אייביק אומפאַר-
ענדערלעכע, נישט אַלס לעבעדיקע נאָר אַלס טויטע. און אַט
דערדאָזיקער פאָרשונגס-מעטאָד, וועלכער איז אַריבערגעטראָגן גע-
וואָרן דורך בעקאָנען און לאָקן פון דער נאַטורוויסנשאַפט אין
דער פילאָזאָפיע, האָט פאַראורזאַכט די כאַראַקטעריסטישע איינ-
זייטיקייט פון די לעצטע יאָרהונדערטן — דאָס מעטאַפיזישע
דענקען”.

אַזוי זאָגט ענגעלס, פון וועלכן מיר דערוויסן זיך אויך,
אַז „כאָטש אויך אין דער נייער פילאָזאָפיע האָט די דיאַלעק-
טיק געהאַט גלענצנדיקע פאָרשטייער (דעקאַרט און שפּינאָזאַ),
אָבער, באַזונדערס אונטערן איינפלוס פון דער ענגלישער פילאָ-
זאָפיע, האָט זי אַלץ מער און מער גענומען נוטה זיין צום
מעטאַפיזישן מעטאָד פון דענקען, וועלכע האָט כמעט אויסשליסלעך

באַהערשט אויך די פראַנצויזן פון אַכצנטן יאָרהונדערט, לכל-הפחות, אין זייער ספּעציעלע פילאָזאָפישע ווערק. מחוץ פון דעמדאָזיקן געביט האָבן זיי פונדעסטוועגן באַוויזן אונז איבער-צולאָזן גוטע מוסטערן פון דיאַלעקטיק; מיר ווע לן בלויז דער-מאָנען „ראַמאָס פּלימעניק" פון דידראָ 104) און רוסאָס ווערק „וועגן דער אָפּשטאַמונג פון אומגלייכהייט צווישן מענטשן" *).

דאַכט זיך, אַז ס'איז קלאָר, פאַרוואָס ענגעלס רעדט וועגן רוסאָען, און נישט וועגן וואָלטערן, אָדער וועגן ערשטן-בעסטן. מיר וואָגן נישט צו מיינען, אַז ה' מיכאַילאָווסקי האָט נישט איבערגעלייענט יענע בוך ענגעלסעס, וואָס ער ציטירט, פון וועלכן ער נעמט די „ביישפּילן", וואָס ער באַהאַנדלט. און אויב ה' מיכאַילאָווסקי טשעפּעט זיך צו ענגעלסן מיטן „ערשטן-בעסטן", בלייבט משער צו זיין איינס: אונזער מחבר באַנוצט זיך אויך דאָ מיט דעם אונז שוין באַקאַנטן „מאָמענט" פון אונטערוואַרפן, דעם „מאָמענט"... פון צוועקמעסיקן פאַרקריפּלען די ווערטער פונם קעגנער. די עקספּלואַטאַציע פון אַזאַ מין „מאָמענט" האָט זיך אים געקענט אויסווייזן ספּעציעל פּאַר באַקוועם, ווייל ענ-געלסעס בוך איז נישט איבערגעזעצט אויף רוסיש און עס עקזיסטירט נישט פאַר די לעזער, וועלכע קענען נישט דייטש. דאָ קענען מיר טאָן וואָס מיר ווילן. דאָ איז אַ נייער נסיון און „מיר טוען ווידער נישט-ווילנדיק אַן עבירה".

אָ, געטער, צי דען וועט עס אייך פרייען,
ווען אונזער ערד וועט אינדערלופטן פליען **).

אָבער לאָמיר אָפּרוען פון ה' מיכאַילאָווסקין. מיר וועלן זיך אומקערן צו די דייטשישע אידעאַליסטן an und für sich.

מיר האָבן געזאָגט, אַז די נאַטור-פילאָזאָפיע איז געווען די שוואַכע זייט פון דידאָזיקע דענקער, וועמענס הויפּט-

---

*) אויך דאָרטן, ז. 4—6.

**) זאָל אונז דער לעזער נישט באַשולדיקן פּאַר די ציטאַטן פון דער „שיי-נער הצלענא". כיר האָבן נישט לאַנג איבערגעלייענט ה' מיכאַילאָווסקיס אַרטיקל „דער דאַרוויניזם און אָפּענבאַכס אָפּערעטקעס" און מיר געפינען זיך אונטער זיין שטאַרקן איינפלוס.

פאַרדינסטן מ׳דאַרף זוכן אין פאַרשיידענע געביטן פון דער היסטאָריאָזאָפיע. איצט וועלן מיר צוגעבן, אַז אַנדערש האָט אין יענער צייט נישט געקענט זיין. די פילאָזאָפיע, וועלכע פלעגט זיך אָנרופן די וויסנשאַפט פון די וויסנשאַפטן, האָט תמיד אין זיך פאַרמאָגט אַסאַך „וועלטלעכן אינהאַלט", ד. ה. זי האָט זיך תמיד באַשעפטיקט מיט אַ מאַסע אין תוך וויסנשאַפטלעכע פראַגן. נאָר אין פאַרשיידענע צייטן איז איר „וועלטלעכער אינהאַלט" געווען פאַרשיידן. אַזוי האָבן זיך,—מיר וועלן זיך דאָ באַגרעניצן מיט ביישפילן פון דער געשיכטע פון דער נייער פילאָזאָפיע, — אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך די פילאָזאָפן פאַרנומען הויפּטזאַכלעך מיט פראַגן פון מאַטעמאַטיק און פון נאַטורוויסנשאַפטן. די פילאָזאָפיע פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך באַנוצט פאַר אירע צילן מיט די נאַטורוויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און מיט די טעאָריעס פון דער פריערדיקער עפּאָכע, אָבער אליין האָט זי זיך פאַרנומען מיט די נאַטורוויסנשאַפטן סיידן אין דער פערזאָן פון קאַנטן; אין פראַנקרייך זענען דאַמאָלס אין פאָדערגרונט אַרויסגעטרעטן געזעלשאַפטלעכע פראַגן. מיט די זעלביקע פראָגן האָבן זיך ווייטער פאַרנומען, כאָטש פון אַן אַנדער זייט, אויך די פילאָזאָפן פון ניינצנטן יאָרהונדערט. שעלינג (105), צום ביישפּיל, פלעגט פשוט זאָגן, אַז ער האַלט די לעזונג פון אַ געוויסער היסטאָרישער פראַגע פאַר דער וויכטיקסטער אויפגאַבע פון דער טראַנסצענדענטראַלער פילאָזאָפיע. וואָס איז דאָס געווען פאַראַ פראַגע, וועלן מיר באַלד דערזען.

אויב אַלץ פליסט, אַלץ ענדערט זיך; אויב יעדע דערשיינונג לייקנט אָפּ זיך זעלבסט; אויב ס׳איז נישט בנמצא אַזאַ גוצלעכע אייבריכטונג, וועלכע זאָל סוף-כל-סוף, נישט ווערן שעדלעך, פאַרוואַנדלט ווערנדיק אַזויאַרום אין איר אייגענעם קעגנזאַץ, קומט דאָך אויס, אַז ס׳איז אַן אומזין צו זוכן אַ „שליימותדיקע געזעצגעבונג", אַז ס׳איז אוממעגלעך אויסצוקלערן אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, וועלכע זאָל זיין די בעסטע פאַר אלע דורות און פעלקער: אַלץ איז גוט אויפן געהעריקן אָרט

און אין דער געהעריקער צייט. דאָס דיאַלעקטישע דענקען האָט אויסגעשלאָסן כּלערליי אוטאָפּיעס.

דאָס דיאַלעקטישע דענקען האָט זיי בפרט געדאַרפט אויסשליסן, ווייל די „מענטשלעכע נאַטור", אָט דער כּלומרשט שטענדיקער קריטעריום, מיט וועלכן ס'האָבן זיך, ווי מיר האָבן געזען, כּסדר באַנוצט סיי די אויפקלערער פון אַכצנטן יאָרהונדערט, סיי די סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן פון דער ערשטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט דאָך איבערגעטראָגן דעם אַלגעמיינעם גורל פון אַלע דערשיינונגען: זי איז אַליין אַנערקענט געוואָרן אַלס פאַרענדערלעכע.

צוזאַמען דערמיט איז אויך פאַרשוואונדן יענער נאַאיוו־אידעאַליסטישער קוק אויף דער געשיכטע, ביי וועלכן ס'האָבן זיך געהאַלטן סיי די אויפקלערער, סיי די אוטאָפּיסטן, און וועלכער דריקט זיך אויס אין די ווערטער: דער שכל, די מיינונגען, — רעגירן מיט דער וועלט. אוודאי רעגירט, זאָגט העגעל, דער שכל מיט דער געשיכטע אָבער אין דעמזעלביקן זין, ווי ער רעגירט מיט דער באַוועגונג פון די הימלישע ליכט, ד. ה. אין זין פון געזעצמעסיקייט. די באַוועגונג פון די שטערן איז אַ געזעצמעסיקע, אָבער די שטערן האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין שום אַנונג נישט וועגן דערדאָזיקער צוועקמעסיקייט. דאָסזעלבע איז מיט דער היסטאָרישער באַוועגונג פון דער מענטשהייט. אין איר זענען, אָן ספק, פאַראַן געוויסע געזעצן; אָבער דאָס באַטייט נישט, אַז מענטשן גיבן זיך אָפּ דערפון אַ חשבון און אַז, אַזוי אַרום, זענען דער מענטשלעכער שכל, אונזערע וויסנשאַפטן, אונזער „פילאָזאָפיע" די הויפּטפאַקטאָרן פון דער היסטאָרישער באַוועגונג. די מינערווע־סאָווע הויבט אָן פליען נאָר ביינאַכט. ווען די פילאָזאָפיע הויבט אָן אויסצוועבן אירע גראָעע מוסטערן אויף אַ גראָער קאַנווע, ווען מענטשן הויבן זיך אָן אַריינטראַכטן אין זייער אייגענער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, קענט איר מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דידאָזיקע אָרדנונג האָט אָפּגעלעבט איר צייט און זי גרייט זיך אָפּצוטרעטן איר אָרט פאַר אַן אַנדער אָרדנונג, וועלכערס אמתער כאַראַקטער וועט קלאָר ווערן פאַר מענטשן ערשט נאָכדעם, ווי זי וועט האָבן אָפּגעשפּילט איר היסטאָרישע

ראָל: די מינערווע-סאָווע וועט ווידער אַרויספליען ערשט ביי-נאַכט. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז די פּעריאָדישע לופט-רייזעס פונם קלוגן פויגל זענען זייער נוצלעך; זיי זענען אפילו זייער נויטיק. אָבער זיי דערקלערן אונז אַבסאָלוט גאָרנישט: זיי נויטיקן זיך אַליין אין אַ דערקלערונג און אַזאַ איז זיכערלעך פאַראַן, ווייל ס׳איז אין זיי פאַראַן אַ געוויסע געזעצמעסיקייט.

דאָס אַנערקענען געזעצמעסיקייט אינם פלי פון דער מינערווע-סאָווע איז געוואָרן דער יסוד פון אַ לחלוטין נייעם קוק אויף דער געשיכטע פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. די מעטאַפיזיקער פון אַלע צייטן, פון אַלע פעלקער און פון אַלע ריכטונגען, אויב זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אַ וועלכן ס׳איז פילאָזאָפישן סיסטעם, האָבן זיי אים געהאַלטן פאַר דעם אמת אליין און אַלע אַנדערע סיסטעמען פאַר אומבאַדינגט פאַלשע. זיי האָבן נאָר געוואוסט פון אַן אַבסטראַקטן קעגנזאַץ צווישן די אַבסטראַקטע פאָרשטעלונגען: אמת — פאַרבלענדעניש. דעריבער איז די געשיכטע פון געדאַנק געווען פאַר זיי בלויז אַ צוזאַמענגעפלעכט פון טיילוויז טרויעריקע, טיילוויז לעכערלעכע טעותים, וועמענס ווילדער טאַנץ עס האָט זיך געצויגן ביז יענער גאָלדענער צייט, ווען ס׳איז ענדלעך אויסגעצקלערט געוואָרן דער אמתדיקער פילאָזאָפישער סיסטעם. אַזוי האָט נאָך געקוקט אויף דער געשיכטע פון זיין וויסנשאַפט זש. ב. סעי, דעראָזיקער מעטאַפיזיקער פון די מעטאַפיזיקער. ער האָט נישט געראַטן זי צו שטודירן, ווייל ס׳איז אין איר גאָרנישט פאַראַן אַ חוץ פאַרבלענדעניש. די אידעאַליסטן-דיאַלעקטיקער האָבן אַנדערש געקוקט אויף דער זאַך. די פילאָזאָפיע איז דער אינטעלעקטועלער אויסדרוק פון דער באַטרעפנדיקער צייט, פלעגן זיי זאָגן, יעדע פילאָזאָפיע איז דער אמת פאַר איר צייט און אַ טעות פאַר אַן אַנדער צייט.

אָבער אויב דער שכל רעגירט מיט דער וועלט בלויז אין זין פון געזעצמעסיקייט פון דערשיינונגען; אויב נישט אידעען, נישט וויסן, נישט „אויפקלערונג״ פירן אָן מיט

די מענטשן אין זייער, אַזוי צו זאָגן, געזעלשאַפטלעכן בוי און אין דער היסטאָרישער באַוועגונג, וואו-זשע איז די מענטש-לעכע פרייהייט? וואו איז יענער געביט, אין וועלכן דער מענטש „אורטיילט און ווילט אויס", נישט טרייסטנדיק זיך, ווי אַ קינד, מיט אַ פוסטע שפיל, נישט דינענדיק אַלס אַ שפּילצייג אין די הענט פון אַ אים פרעמדן, כאָטש, אפשר, נישט בלינדן כוח?

די אַלטע, אָבער אייביק נייע פראַגע וועגן פרייהייט און באַלקאָרכעדיקייט איז אַנטשטאַנען פאַר די אידעאַליסטן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ווי זי איז אַנטשטאַנען פאַר די מעטאַפיזיקער פון דעם פריערדיקן יאָרהונדערט, ווי זי איז אַנטשטאַנען אַבסאָלוט פאַר אַלע פילאָזאָפן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די פראַגן וועגן דער באַציאונג פונם זיין צום דענקען. זי פלעגט ווי אַ ספינקס זאָגן צו יעדערן פון אַזעלכע דענקער: פאַרענטפער מיך, אָדער איך וועל אויפפרעסן דיין סיסטעם!

די פראַגע וועגן פרייהייט און באַלקאָרכעדיקייט איז טאַקע געווען יענע פראַגע, וועלכערס פאַרענטפערונג, אין צוזאמענהאַנג מיט דער געשיכטע, שעלינג האָט געהאַלטן פאַר דער גרעסטער אויפגאַבע פון דער טראַנסצענדענטאַלער פילאָזאָפיע. האָט דידאַקטישע פילאָזאָפיע די פראַגע פאַרענטפערט? ווי אַזוי האָט זי פאַרענטפערט?

און נעמט אין אַכט: — פאַר שעלינגען, פונקט ווי פאַר העגעלן, האָט דידאַקטישע פראַגע אַרויסגערוקט שוועריקייטן דווקא ביים צופאַסן זי צו דער געשיכטע. פון אַ ריין-אַנטראָפּאָלאָגישן שטאַנדפונקט האָט זי זיך געקערט רעכענען אַלס געלעזט.

דאָ איז נויטיק אַן אויפקלערונג — און מיר וועלן זי געבן, בעטנדיק דעם לעזער זיך באַציען צו איר אויפמערקזאַם צוליב דער גוואַלטיקער וויכטיקייט פון דער זאַך.

דער מאַגנעט-וויזער ווענדעט זיך צו צפון. דאָס קומט פון דער ווירקונג פון אַ ספּעציעלער מאַטעריע, וועלכע פאַלט אַליין אַרונטער אונטער געוויסע געזעצן: געזעצן פון דער מאַטעריעלער וועלט. אָבער פאַרן וויזער זענען נישט

באמערקבאר די באוועגונגען פון דערדאָזיקער מאַטעריע; ער האָט נישט וועגן זיי די מינדסטע פאָרשטעלונג. אים דאַכט זיך, אַז ער ווענדעט זיך צו צפון לחלוטין אומאָפּהענגיק פון וועל־כער ס׳איז אויסערלעכער סיבה, נאָר פּשוט צוליב דעם, ווייל ס׳איז אים באַקוועם אַהין זיך צו ווענדן. די מאַטעריעלע באַ־קאָרכעדיקייט שטעלט זיך אים פאָר אַלס זיין אייגענע, פרייע גייסטיקע טעטיקייט.

מיט דעמדאָזיקן ביישפּיל האָט לייבניץ (106) געוואָלט אויפקלערן זיין קוק אויף דער פרייהייט פון ווילן. מיט אַן ענ־לעכן ביישפּיל קלערט אויף זיין פולשטענדיק אידענטישן קוק שפינאָזא (107)

עפּעס אַן אויסערלעכע סיבה האָט געגעבן אַ שטיין אַ גע־וויסן סכום באַוועגונג. די באַוועגונג ווערט, נאַטירלעך, פאַר־געזעצט אויך אַ באַשטימטע צייט נאָכדעם, ווי די סיבה האָט אויפגעהערט צו זיין. דידאָזיקע פאָרזעצונג איז נויטווענדיק לויט די געזעצן פון דער מאַטעריעלער וועלט. אָבער שטעלט זיך פאָר, אַז דער שטיין מיינט, אַז ער ווייסט פון זיין באַוועגונג, וועלכע פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן, נאָר ער ווייס נישט איר סיבה, ער ווייס אַפילו נישט, אַז ס׳איז בכלל פאַראַן דערצו אַ וועלכע ס׳איז אויסערלעכע סיבה. וויאַזוי וועט זיך אין אַזאַ פאַל פאָרשטעלן פאַרן שטיין זיין אייגענע באַווע־גונג? זיכער, ווי אַ רעזולטאַט פון זיין אייגענעם פאַרלאַנג, פון זיין אייגענעם פרייען אויסוואַל, ער וועט צו זיך זאָגן: איך באַוועג זיך, ווייל איך וויל מיך באַוועגן. „אַזוי איז אויך מיט יענער מענטשלעכער פרייהייט, מיט וועלכער ס׳שטאָלצירן אַזוי־אַלע מענטשן. איר תּוך איז פאַקטיש דער, אַז מענטשן ווייסן פון זייערע שטרעבונגען, נאָר זיי קענען נישט די אויסערלעכע סיבות, וועלכע רופן אַרויס דידאָזיקע שטרעבונגען. פּונקט ווי אַ קינד מיינט, אַז עס וויל, לויטן אייגענעם פאַרלאַנג, די מילך, מיט וועלכע עס דערנערט זיך״...

פאַר אַסאַך פון די איצטיקע לעזער אַפילו וועט אַזאַ מין דערקלערונג אויסקומען אַלס „גראָב־מאַטעריאַליס־טישע״ און זיי וועלן זיך וואונדערן, ווי אַזוי האָט זי גע־קענט געבן לייבניץ, דער אַבסאָלוטער אידעאַליסט. זיי־

וועלן נאָך זאָגן, אַז בכלל איז אַ פאַרגלייך נישט קיין באַווייז און אַז נאָך ווייניקער איבערצייגנדיק איז דער פאַנטאַסטישער פאַרגלייך פון אַ מענטש מיט אַ מאַגנעט-ווייזער אָדער מיט אַ שטיין. דערויף וועלן מיר באַמערקן, אַז דער פאַרגלייך וועט אויפהערן זיין פאַנטאַסטיש, ווי מיר וועלן נאָר דערמאָנען אַ דערשיינונג, וועלכע שפּילט זיך אָפּ טאָג-טעגלעך אינם מענטשלעכן קאָפּ. די מאַטעריאַליסטן פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דעם אומשטאַנד, אַז ביי יעדער ווילן-באַוועגונג אינם מאַרך קומט פאָר אַ געוויסע אַנטשפּרעכנדיקע באַוועגונג פון די מאַרך-פיברען. דאָס, וואָס ס׳זעט אויס לגבי אַ מאַגנעט-ווייזער, אָדער לגבי אַ שטיין ווי אַ פאַנטאַזיע, איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט לגבי דעם מאַרך: די באַוועגונג פון דער מאַטעריע, וועלכע קומט פאָר לויט די פאַטאַלע געזעצן פון באַלקאָרכעדיקייט, ווערטווירקלעך באַגלייט מיט דעם, וואָס מ׳רופט פרייע טעטיקייט פון געדאַנק. און וואָס ס׳איז שייך דער אין פלוג נאַטירלעכער פאַרוואונדערונג בנוגע צו מאַטעריאַליסטישע רייד פונם אידעאַליסט לייבניץ, דאַרף מען געדענקען, אַז, — ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, — אַלע קאָנסעקווענטע אידעאַליסטן זענען געווען מאָניסטן, ד. ה. אַז אין זייער וועלטאָנשויאונג האָט זיך לגמרי נישט געפונען יענער איבערגאַנגלאָזער תהום, וועלכער טיילט אָפּ די מאַטעריע פונם גייסט, ווי עס איז אין די אָנשויאונגען פון די דואַליסטן. לויט דער מיינונג פון א דואַליסט, קען דער באַטרעפנדיקער אַגרעגאַט פון מאַטעריע זיין דענקפעאיק נאָר דאַן, ווען אין אים וועט אַריין אַ טיילכל פונם גייסט: די מאַטעריע און דער גייסט זענעןביים דואַליסט צוויי אַבסאָלוט זעלבשטענדיקע סובסטאַנצן, וועלכע האָבן נישט צווישן זיך קיין אויסשום געמיינזאַמעס. לייבניצעס פאַרגלייך וועט זיך אים אויסדאַכטן ווילד צוליב דער פשוטער סיבה, וואָס דער מאַגנעט-ווייזער האָט דאָך קיין שום נשמה נישט. אָבער שטעלט אייך פאָר, אַז איר האָט צו טאָן מיט אַ מענטש, וועלכער טראַכט אַזוי: אַ ווייזער איז טאַקע אַ זאַך, אַ פולשטענדיק מאַטעריעלע. אָבער וואָס איז אַזוינס מאַטעריע גופא? איך מיין, אַז זי האָט צו פאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ דעם גייסט, נישט אין דעם זין,

אַז זי איז באַשאַפן דורכן גייסט, נאָר אַז זי אַליין איז דערזעלביקער גייסט, וואָס עקזיסטירט אין אַן אַנדער געשטאַלט. דאָסדאָזיקע געשטאַלט אַנטשפּרעכט נישט זיין אייגנטלעכער נאַטור, עס איז אַפילו קעגנזעצלעך צו דערדאָזיקער נאַטור, אָבער דאָס שטערט נישט עס זאָל זיין אַן עקזיסטענץ-געשטאַלט פונם גייסט, ווייל לויט זיין עצם נאַטור דאַרף דער גייסט זיך פאַרוואַנדלען אין זיין אייגענעם קעגנזאַץ. — אייך קען אויך פאַרוואונדערן דידאָזיקע אויפקלערונג, אָבער איר וועט אויף יעדן פאַל מסכים זיין, אַז אַ מענטש, וועלכער האַלט זי פאַר איבערצייגנדיק, אַ מענטש, וועלכער זעט בלויז אין דער מאַטעריע אַן „אַנדערגעשטאַלטיקייט פונם גייסט”, וועט זיך נישט אָפּשרעקן פאַר דערקלערונגען, וועלכע שרייבן-צו דער מאַטעריע פונקציעס פון גייסט, אָדער וועלכע שטעלן אַוועק דידאָזיקע פונקציעס אין אַ שטאַרקער אָפּהענגיקייט פון די געזעצן פון דער מאַטעריע. אַזאַ מענטש קען אָננעמען אַ מאַטעריאַליסטישע דערקלערונג פון פּסיכישע דערשיינונגען און אין דערזעלבער צייט איר צוגעבן (מיט אַ פּילפּול אָדער אָן אַ פּילפּול — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע) אַ שטרענג אידעאַליסטישן זין. אַזוי פלעגן טאַקע טאָן די דייטשישע אידעאַליסטן.

די פּסיכישע טעטיקייט פון אַ מענטש איז אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון מאַטעריעלער באַלקאָרכעדיקייט. די געזעצן פון מאַטעריעלער באַלקאָרכעדיקייט זענען אַליין נישט עפּעס אַנדערש, ווי די געזעצן פון דער טעטיקייט פונם גייסט. פרייהייט איז אַ פאָרויסזעצונג פאַר באַלקאָרכעדיקייט, באַלקאָרכעדיקייט ווערט אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין פרייהייט. און דעריבער איז די פרייהייט פון מענטש אין דער ווירקלעכקייט אומפאַרגלייכלעך ברייטער ווי עס מיינען די דואַליסטן, וועלכע שטרעבן אָפּצוגרעניצן די פרייע טעטיקייט פון דער באַלקאָרכעדיקער און דעמיט גופא רייסן אָפּ פונם קעניגרייך פון דער פרייהייט יענעם גאַנצן, — אַפילו לויט זייער מיינונג, זייער ברייטן, — געביט, וועלכן זיי גיבן אָפּ דער באַלקאָרכעדיקייט.

אַזוי פלעגן טראַכטן די אידעאַליסטן-דיאַלעקטיקער. ווי-

דער לעזער זעט, האָבן זיי זיך פעסט געהאַלטן בײַ לייבניצעס „מאַגנעט־ווייזער"; נאָר דער ווייזער האָט זיך פולשטענדיק געענדערט, ער האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, פאַרגייסטיקט בײַ זיי אין די הענט.

אָבער די ענדערונג פונם ווייזער האָט נאָך נישט פאַרענדערט אַלע שוועריקייטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דער באַציאונג פון פרייהייט צו נויטווענדיקייט. לאָמיר אָננעמען, אַז דער איינצלנער מענטש איז פולשטענדיק פריי, נישט געקוקט אויף זיין אומטערגעוואָרפנקייט אונטער די געזעצן פון באַלקאָרכעדיקייט, נאָכמער — דווקא צוליב דער דאָזיקער אומטערגעוואָרפנקייט. אָבער אין דער געזעלשאַפט, און ממילא אויך אין דער געשיכטע, האָבן מיר צו טאָן נישט מיטן אינדיווידואום נאָר מיט אַ גאַנצער מאַסע אינדיווידואומס. שטעלט זיך אַ פראַגע, צי ווערט נישט געשטערט די פרייהייט פון יעדערן דורך דער פרייהייט פון די איבעריקע? איך האָב מיר פאָרגענומען צו מאַכן דאָס און דאָס, איינצופירן, למשל, אמת און גערעכטיקייט אין די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען. דערדאָזיקער באַשלוס איז דורך מיר פרייוויליק אָנגענומען געוואָרן און פונקט אַזוי וועלן זיין פרייוויליק יענע טאַטן, דורך וועלכע איך וועל זיך באַמיען דעם באַשלוס צו פאַרווירקלעכן. אָבער מיינע נאָענטע שטערן מיר אין דער אויספירונג פון מיין ציל. זיי האָבן געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד קעגן מיין באַשלוס אויך פרייוויליק, אַזוי ווי איך האָב אים אָנגענומען. און פונקט אַזוי פרייוויליק זענען זייערע, געווענדעטע קעגן מיר, טאַטן. ווי אַזוי וועל איך בייקומען די דורך זיי געשאַפענע שטערונגען? פאַרשטייט זיך, איך וועל מיט זיי דיסקוטירן, איך וועל זיי פרוון איבערצייגן, קען זיין, אפילו איינבעטן אָדער דראָען. אָבער ווער ווייס צי דאָס וועט עפּעס פועלן? די פראַנצויזישע אויפקלערער פלעגן זאָגן: la raison finira par avoir raison אָבער כדי מיין שכל זאָל מנצח זיין, מוז איך דאָך האָבן, אַז מיינע נאָענטע זאָלן אים אָנערקענען אויך אַלס זייער שכל. וואָס פאַר אַ סמך האָב איך צו האָפן דערויף? אויף וויפל זייער טעטיקייט איז פריי, — און זי איז לחלוטין פריי, אויף וויפל די מאַ־

טעריעלע באַלקאָרכעדיקייט האָט זיך, דורך פּאַר מיר אומבאַקאַנטע וועגן, פאַרוואַנדלט אין פּרייהייט, — און זי איז, דאַרף מען משער זיין, אינגאַנצן אין איר פאַרוואַנדלט געוואָרן, — אויף אַזויפיל זענען די מעשים פון מיינע מיטבירגער אַבסאָלוט נישט צום פאָרויסזען. איך וואָלט געקענט האָפן זיי יאָ פאָרויסזען נאָר ביי דעם באַדינג, ווען איך וואָלט זיי געקענט באַטראַכטן אַזוי, ווי איך באַטראַכט אַלע אַנדערע דערשיינונגען פון מיין אַרומיקער וועלט, ד. ה. אַלס אומבאַדינגטע רעזולטאַטן פון באַשטימטע סיבות, וועלכע זענען מיר באַקאַנט, אָדער וועלכע קענען מיר זיין באַקאַנט. אַנדערש גערעדט, מיין פרייהייט וואָלט נישט געווען קיין פוסט וואָרט נאָר אין דעם פאַל, ווען איר פאַרשטיין וואָלט געווען פאַרבונדן מיט דעם פאַרשטיין די סיבות, וועלכע רופן אַרויס די פרייע מעשים פון מיינע נאָענטע, ד. ה. ווען איך וואָלט זיי געקענט באַטראַכטן פון דער זייט פון זייער באַלקאָרכעדיקייט. אַקוראַט דאָסזעלבע קענען זאָגן מיינע נאָענטע וועגן מיינע מעשים. און וואָס באַטייט דאָס? דאָס באַטייט, אַז די מעגלעכקייט פון פרייער (באַוואוסטזיניקער) היסטאָרישער טעטיקייט פון יעדער באַטרעפנדיקער פּערזאָן ווערט דערפירט צו נול אויב אין יסוד פון די פרייע מענטשלעכע טאַטן ליגט נישט אַנויטוועגדיקייט, וועלכע איז צוטריטלעך פאַרן פאַרשטאַנד פונם טוער.

אָבער אייגנטלעך וועגן וואָס פאַרא נויטוועגדיקייט קען זיך רעדן אין דעם פאַל? ס'איז אַ גרויסער ספק, צי דאָס שטענדיקע איבערחזרן דעם געדאַנק, אַז געוויסע ווילנס-באַוועגונגען אַנטשפּרעכן אומבאַדינגט געוויסע באַוועגונגען פונם מאַרך-שטאָף וועט יאָ זיין בכוח צו טרייסטן. אויף אַזאַ אַבסטראַקטן גרונט איז אוממעגלעך צו מאַכן וועלכע נישט איז פּראַקטישע פּלענער, און ווידער האָב איך גאָרנישט דערפון, וואָרום מיין נאָענטנס קאָפּ איז נישט קיין גלעזערנער בינשטאָק און זיינע מאַרך-פיברען זענען נישט קיין בינען און איך וואָלט נישט געקענט אָבסערווירן זייערע באַוועגונגען אפילו דאַן, ווען איך

וואָלט אויף זיכער געוואוסט, — און מיר זענען דאָך נאָך ווייט פון דעם, אַז תיכף נאָך אַזאַ און אַזאַ באַוועגונג פון דעם און דעם נערוו וועט קומען אַזאַ און אַזאַ באַשלוס אינם גייסט פון מיין מיטבירגער. הייסט עס, בכן, אַז מ׳דאַרף צוטרעטן אויס־צופאָרשן די באַלקאָרכעדיקייט פון מענטשלעכע טאָטן פון אַן אַנדער זייט.

באַזונדערס דאַרף מען עס, ווייל די מינערווע־פאָווע פליט אַרויס, ווי מיר ווייסן, נאָר ביינאַכט, ד. ה. אַז די געזעלשאַפט־לעכע באַציאונגען צווישן מענטשן שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין פּראָדוקט פון זייער באַוואוסטזיניקער טעטיקייט. מענטשן זענען באַוואוסטזיניק אריינגעטאָן אין זייערע פּריוואַטע, פּערזענלעכע צילן. יעדערער פון זיי, לאָמיר אָננעמען, שטרעבט באַוואוסטזיניק צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן און פונם סך־הכל פון זייערע באַזונדערע טאָטן באַקומען זיך געוויסע געזעלשאַפטלעכע רעזולטאַטן, וועלכע זיי האָבן, מעג־לעך, לגמרי נישט געוואָלט און זיכער נישט פאָרויסגעזען. די פאַרמעגלעכע רוימישע בירגער פלעגן אויפקויפן דעם באָדן פון אָרימע ערדאַרבעטער. יעדער פון זיי האָט, נאַטירלעך, געוואוסט אַז אַ דאַנק זיין מיטווירקונג וועלן די „טוליוסעס״ און „יוליו־סעס״ ווערן ערדלאָזע פּראָלעטאַריער. אָבער ווער פון זיי האָט פאָרויסגעזען, אַז די לאַטיפונדיעס וועלן אומברענגען די רע־פּובליק, און צוזאַמען מיט איר איטאַליע? ווער האָט זיך אָפּ־געגעבן, ווער האָט זיך געקענט אָפּגעבן אַ רעכענונג וועגן די היסטאָרישע פאָלגן פון זיין באַזיצערישקייט? קיינער האָט נישט געקענט, קיינער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן. און די פאָלגן זע־נען געקומען: אַ דאַנק די לאַטיפונדיעס איז אומגעקומען סיי די רעפּובליק, סיי איטאַליע.

פון די באַוואוסטזיניקע פרייע טאָטן פון איינצלנע מענטשן קומען אומבאַדינגט אַרויס אומדערוואַרטעטע, נישט־פאָרויסגע־זעענע רעזולטאַטן, וועלכע זענען נוגע דער גאַנצער געזעל־שאַפט, ד. ה. וועלכע ווירקן אויף דעם סך־הכל פון די קעגנ־זייטיקע באַציאונגען פון דידאָזיקע מענטשן. פונם געביט פון פרייהייט גייען מיר אַזוי אַרום איבער אינם געביט פון נויטווענדיקייט.

אויב די נישט-באַוואוסטזיניק-דערגרייכטע געזעלשאַפטלעכע פאָלגן פון די אינדיווידועלע טאַטן פון מענטשן פירן צו דער ענדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, — וואָס עס קומט פאָר שטענדיק, כאָטש נישט תמיד אינם זעלבן טעמפּאָ, — וואַקסן דאַן אויס פאַר די מענטשן נייע אינדיווידועלע צילן. זייער פרייע באַוואוסטזיניקע טעטיקייט באַקומט באַלקאָרכע אַ נייע פאָרם. פונם געביט פון באַלקאָרכעדיקייט נייען מיר ווידער אַריבער אינם געביט פון פרייהייט.

יעדער באַלקאָרכעדיקער פּראָצעס איז אַ געזעצמעסיקער פּראָצעס. די ענדערונגען פון געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וועלכע זענען דורך די מענטשן נישט פאָרויסגעזען, אָבער וועלכע זענען אַן אומבאַדינגטער רעזולטאַט פון זייערע מעשים, בילדן זיך זיכער אויס לויט באַשטימטע געזעצן. די טעאָרעטישע פילאָזאָפיע מוז זיי אַנטדעקן.

די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין די לעבנסצילן, אין דער פרייער טעטיקייט פון מענטשן, וועלכע האָט זיך געענדערט דורך די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, — מוזן אויך דורך איר אַנטדעקט ווערן. מיט אַנדערע ווערטער: די אומוואַנדלונג פון באַלקאָרכעדיקייט אין פרייהייט קומט אויך פאָר לויט באַשטימטע געזעצן, וועלכע קענען און דאַרפן אַנטדעקט ווערן דורך דער טעאָרעטישער פילאָזאָפיע.

און וויבאַלד די טעאָרעטישע פילאָזאָפיע וועט דערפילן דידאַקטישע אויפגאַבע, וועט זי שאַפן אַ לחלוטין נייעם, אומוואַקלבאַרן יסוד פאַר דער פּראַקטישער פילאָזאָפיע. וויבאַלד מיר זענען באַקאַנט די געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעך-היסטאָרישער באַוועגונג, קען איך זי באַווירקן אַנטשפּרעכנדיק צו מיינע צילן, נישט שרעקנדיק זיך פאַר די קונצן פון די שטיפערישע אַטאָמען און נישט מורא האָבנדיק, אַז מיינע מיטבירגער, אַלס וועזנס, וואָס זענען באַשאָנקען מיט פרייען ווילן, גרייטן מיר צו יעדע מינוט גאַנצע מענגעס פון די סאַמע וואונדערבאַרע סיורפּריזן. איך וועל, פאַרשטייט זיך, נישט זיין אין שטאַנד צו גאַראַנטירן פאַר יעדן איינצלנעם מיטבירגער,

באַזונדערס אויב ער געהערט צום „אינטעליגענטן קלאַס", אָבער אין אַלגעמיינע שטריכן וועט מיר זיין באַקאַנט די ריכטונג פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות און איך וועל נאָר דאַרפן זיך אָנשפּאַרן אָן זיי צו דער דערגרייכונג פון מיינע צילן.

„די אַלוועלטלעכע געשיכטע איז דער פּראָגרעס אינם באַוואוסטזיין פון פרייהייט, — זאָגט העגעל, — אַ פּראָגרעס, וועלכן מיר דאַרפן פאַרשטיין אין זיין באַלקאָרכעדיקייט".

ווייטער. ווי גוט מיר זאָלן נישט אויספאָרשן „די נאַטור פונם מענטש", וועלן מיר נאָך אַלץ זיין ווייט פון פאַרשטיין יענע געזעלשאַפטלעכע רעזולטאַטן, וועלכע פליסן אַרויס פון די טאַטן פון באַזונדערע מענטשן. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר זענען מסכּים מיט די עקאָנאָמיסטן פון דער אַלטער שולע, אַז די שטרעבונג צו מאַכן אַ פאַרמעגן איז דער כאַראַקטעריסטישער הויפּט-שטריך פון דער מענטשלעכער נאַטור. וועלן מיר דען זיין אין שטאַנד פאָרויסצוזען יענע פאָרמען, וועלכע דידאָזיקע שטרעבונג וועט אָננעמען? ביי די פאַראַנענע, באַשטימטע, אונז באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, — יאָ; אָבער דידאָזיקע פאַראַנענע, באַשטימטע, אונז באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן וועלן זיך דאָך אַליין ענדערן אונטערן דרוק פון דער „מענטשלעכער נאַטור", אונטערן איינפלוס פון דער דערגרייכערישער טעטיקייט פון די בירגער. אין וואָס פאַרא זייט וועלן זיי זיך ענדערן? דאָס וועט אונז זיין אַזוי ווייניק באַוואוסט, פּונקט ווי יענע נייע ריכטונג, וועלכע ס'וועט אָננעמען די שטרעבונג צו מאַכן אַ פאַרמעגן ביי נייע, געענדערטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן. לחלוטין אין דערזעלבער לאַגע וועלן מיר זיך געפינען, אויב מיר זאָלן צוזאַמען מיט די דייטשישע קאַטעדרע-סאָציאַליסטן נעמען באַהויפּטן, אַז די נאַטור פונם מענטש שעפּט זיך נישט אויס בלויז מיט דער שטרעבונג צו מאַכן אַ פאַרמעגן, אַז דער מענטש פאַרמאָגט נאָך אויך אַ „געזעלשאַפטלעך געפיל" (Gemeinsinn). דאָס וועט זיין אַ נייע וואַריאַציע פון אַן אַלט ליד. כדי אַרויסצוקומען פון דער אומוויסנהייט, וועלכע איז פאַרשלייערט מיט אַ מער-ווייניקער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, מוזן מיר פון דער

פאָרשונג פון דער נאַטור פונעם מענטש איבערגיין צו דער פאָרשונג פון דער נאַטור פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, מיר מוזן אויפפאַסן דידאָזיקע באַציאונגען אַלס אַ געזעצמעסיקן, נויטווענדיקן פּראָצעס. און דאָס קערט אונז אום צו דער פראַגע: פון וואָס איז אָפּהענגיק, דורך וואָס ווערט באַשטימט די נאַטור פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן?

מיר האָבן געזען, אַז סיי די מאַטעריאַליסטן פון אַכצנטן יאָרהונדערט, סיי די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן האָבן נישט געגעבן קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע. צי איז עס געלונגען זי צו פאַרענטפערן די אידעאַליסטן-דיאַלעקטיקער?

ניין, אויך זיי איז עס נישט געלונגען, און נישט געלונגען איז עס זיי טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען אידעאַליסטן. כדי זיך קלאָר צו מאַכן זייער קוק וועלן מיר דערמאָנען דעם אויבנגעבראַכטן שטרייט וועגן דעם, וואָס איז אָפּהענגיק פון וואָס — די קאָנסטיטוציע פון די זיטן, אָדער די זיטן פון דער קאָנסטיטוציע. העגעל האָט ריכטיק באַמערקט וועגן דעמדאָזיקן שטרייט, אַז די פראַגע איז אַבסאָלוט נישט ריכטיק אַוועקגעשטעלט געוואָרן, וואָרום כאָטש אין דער ווירקלעכקייט ווירקן אָן ספק די זיטן פון דעם באַטרעפנדיקן פאָלק אויף זיין קאָנסטיטוציע און די קאָנסטיטוציע אויף די זיטן, אָבער ביידע שטעלן מיט זיך פאָר רעזולטאַטן פון עפּעס אַ „דריטס”, פון עפּעס אַ ספּעציעלן כוח, יועלכער שאַפט סיי די זיטן, וואָס ווירקן אויף דער קאָנסטיטוציע, סיי די קאָנסטיטוציע, וועלכע באַאיינפלוסט די זיטן. אָבער וואָס איז, לויט העגעלן, אָט דער ספּעציעלער כוח, דער לעצטער יסוד, אויף וועלכן עס האַלט זיך סיי די נאַטור פון די מענטשן, סיי די נאַטור פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן? דערדאָזיקער כוח איז דער „באַגריף” אָדער, — וואָס ס׳איז דאָסזעלבע, — די „אידעע”, וועלכערס פאַרווירקלעכונג עס איז די גאַנצע געשיכטע פון דעם באַטרעפנדיקן פאָלק. יעדעס פאָלק פאַרווירקלעכט זיין באַזונדערע אידעע און יעדע באַזונדערע אידעע פון יעדן פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטופּע אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַבסאָלוטער

אידעע. די געשיכטע איז אַזוי־אַרום אַ מין פּראַקטישע לאָגיק: דערקלערן אַ געוויסע היסטאָרישע עפּאָכע — הייסט באַווייזן, צו וואָס פאַר אַ סטאַדיע פון דער לאָגישער אַנטוויקלונג פון דער אַבסאָלוטער אידעע דידאָזיקע עפּאָכע אַנטשפּרעכט. אָבער וואָס איז עס אַזוינס אָט די „אַבסאָלוטע אידעע"? נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פאַרקערפּערונג פון אונזער אייגענעם לאָגישן פּראָצעס. אָט וואָס עס זאָגט וועגן איר אַ מענטש, וועלכער האָט אַליין גרינטלעך דורכגעשטודירט די שולע פונם אידעאַליזם און איז געווען זיינער אַ ליידנשאַפטלעכער אָנהענגער, וועלכער האָט, אָבער, פרי באַמערקט, אין וואָס עס באַשטייט דער גרונט־פעלער פון דערדאָזיקער פילאָזאָפישער ריכטונג:

„ווען אויפן סמך פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט ווירקלעכע עפּל, באַרן, פּאַזיאַמקעס, מאַנדלען, אַרבעט איך מיר אויס אַ פאָרשטעלונג: „פרוכט"; ווען איך גיי דערנאָך ווייטער און איך טראַכט, אַז מיין... אַבסטראַקטע פאָרשטעלונג: „פרוכט" עקזיסטירט מחוץ פון מיר און זי איז אַפילו דער אייגנטלעכער תוך פון באַרן, עפּל א. אַ. וו., הייסט עס, — זיך אויסדריקנדיק מיט דער שפּראַך פון דער ספּעקולאַטיווער (108) פילאָזאָפיע, — אַז איך דערקלער די „פרוכט" אַלס די „סובסטאַנץ" פון באַרן, עפּל, מאַנדלען א. ד. ג איך זאָג: פאַר דער באַר איז נישט וועזנטלעך דער אומשטאַנד, וואָס זי איז אין אַ באַרן־פאָרם, פאַרן עפּל איז נישט וויכטיק צו זיין אַן עפּל. דאָס וועזנטלעכע אין זיי... איז די פאַר זיי אַבסטראַקטע פאָרשטעלונג: „פרוכט". און איך דערקלער עפּל, באַרן, מאַנדלען א. א. וו. אַלס פּשוטע פאָרמען פון דער עקזיסטענץ פון — Modi „פרוכט". מיין באַגרענעצטער פאַרשטאַנד, וועלכער איז זיך סומך אויף אויסערלעכע געפילן, שיידט אונטער, נאַטירלעך, אַן עפּל פון אַ באַר און אַ באַר פון אַ מאַנדל, נאָר מיין ספּעקולאַטיווער שכל האַלט דידאָזיקע אונטערשיידן פאַר נישט וויכטיקע, נישט וועזנטלעכע, ער זעט אינם עפּל דאָס זעלבע וואָס אין דער באַר, אין דער באַר דאָס זעלבע, וואָס אינם מאַנדל: „פרוכט". די פאַרשיידענע ווירקלעכע פרוכטן ווערן דורך אים באַטראַכט בלויז אַלס פרוכטן־שאָטנס, וועל-

מענס אייגנטלעכקייט, וועזנטלעכקייט, וועמענס „סובסטאַנץ" עס איז די „פּרוכט".

ס'איז קלאָר, אַז גייענדיק מיט דעמדאָזיקן וועג קען מען נישט באַרייכערט ווערן מיט וויסנשאַפט. אַ מינעראָלאָג, וועלכער וואָלט בלויז געקענט איבערחזרן, אַז אַלע מינעראַלן זענען אין תּוך געגומען מינעראַל, וואָלט געווען אַ מינעראָלאָג נאָר אין זיין אייגענער פאַנטאַזיע... דעריבער ווען די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע, — וועלכע מאַכט פון פאַרשיידענעווירקלעכע פּרוכטן אַן איינהייטלעכע אַבסטראַקטע „פּרוכט", — וויל קומען צו אַ וועלכן ס'איז פּאָזיטיוון אינהאַלט, מוז זי זיך פּרוּוון אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן פונדאָסניי איבערגיין פון „פּרוכט", פון „סובסטאַנץ" צו פאַרשיידענע ווירקלעכע „זינדיקע" פּרוכטן: צום עפּל, צו דער באַר, צו דער מאַנדל א. א. וו. אָבער איז פונקט אַזוי שווער צווינגען די אַבסטראַקטע פאָרשטעלונג „פּרוכט" צו ברענגען ווירקלעכע פּרוכטן, פונקט ווי ס'איז גרינג צו שאַפן דידאָזיקע פאָרשטעלונג אויפן סמך פון באַקאַנטשאַפט מיט ווירקלעכע פּרוכטן. אויב מען וואַרפט נישט אַוועק די אַבסטראַקציע איז אוממעגלעך דערגיין צו דעם, וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאָר איר אַבסאָלוטן קעגנזאַץ. דעריבער וואַרפט זי טאַקע אַוועק דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָף, נאָר ער וואַרפט זי אַוועק אויף אַ ספּעציעלן „ספּעקולאַטיוון, מיסטישן שטייגער..." ער הויבט זיך, וואַרשיינלעך, בלויז אויף איבער דער אַבסטראַקציע. ער טראַכט אַזוי:

„אויב דער עפּל, די באַר, די מאַנדל, די פּאָזיאָמקעס זענען אינדעראמתן נישט עפּעס אַנדערש נאָר „סובסטאַנץ", „פּרוכט", שטעלט זיך דאַן אַ פראַגע, פאַרוואָס זעט ביי מיר אין די אויגן אויס די פּרוכט אַמאָל ווי אַן עפּל, אַמאָל ווי אַ באַר, אַמאָל ווי אַ מאַנדל; פונוואַנען נעמט זיך דערדאָזיקער שאָטן פון פאַרשיידנאַרטיקייט, וועלכער ווידערשפּרעכט שטאַרק מיין ספּעקולאַטיווע פאָרשטעלונג פון איינהייט, פון „סובסטאַנץ", פון „פּרוכט"?

„דאָס נעמט זיך דערפון, — ענטפערט דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָף, — וואָס די „פּרוכט" איז נישט קיין וועזן, וואָס איז טויט, גלייכגילטיק, אומבאַוועגלעך, נאָר זי איז אַ לעבעדיק, זיך אַנטוויקלענ-

דיק, באַוועגלעך וועזן. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די ווירקלעכע זינדיקע פרוכטן האָט אַ באַדייטונג נישט בלויז פאַר מיין באַגרעניצטן פאַרשטאַנד, נאָר אויך פאַר דער „פרוכט“ אַליין, פאַר דעם ספּעקולאַטיוון שכל. די פאַרשיידענע „זינדיקע“ פרוכטן שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשיידענע געשטאַלטונגען פונם לעבן פון דער איינהייטלעכער „פרוכט“... אינם עפּל גיט די „פרוכט“ דאָס עפּלגעשטאַלטיקע, און דער באַר — דאָס באַרנגעשטאַלטיקע... זי באַווייזט זיך אין דער געשטאַלט פון אַן עפּל, אַ באַר, אַ מאַנדל; די אונטערשיידן, וועלכע זענען פאַראַן צווישן די-דאָזיקע פרוכטן, זענען בלויז זעלבסט-פונאַנדערטיילונגען פון דער „פרוכט“ און טאַקע דעריבער זענען די פאַרשיידענע פרוכטן באַזונדערע גלידער פונם פּראָצעס פון דעם לעבן פון דער „פרוכט“...

דאָס אַלץ איז זייער בייסיק אָבער גלייכצייטיק אומבאַדינגט ריכטיק. פאַרקערפּערנדיק אונזער אייגענעם דענקערישן פּראָצעס אין דער פאָרם פון דער אַבסאָלוטער אידעע און זוכנ-דיק אין דערדאָזיקער אידעע די לייזונג פאַר אַלע דערשיינונגען, האָט דער אידעאַליזם דערמיט אַליין זיך אַריינגעפירט אין אַ בלינד געסל, פונוואַנען מ'האָט זיך געקענט אַרויסקריגן נאָר אָוועקוואַרפנדיק די „אידעע“, ד. ה. זיך אָפּזאָגנדיק מיטן אידעאַליזם. אָט, למשל, צי דערקלערן אייך עפּעס וועגן דער נאַטור פון מאַגנעטיזם די פאָלגנדיקע ווערטער פון שעלינגען: „מאַגנעטיזם איז אַן אַלגעמיינער אַקט פון באַלעבונג, פון אַריינגעבן די איינהייט אין דער פילפאַכיקייט, דעם באַגריף אין דער פאַרשיידנקייט? דאָסזעלבע אַריינרייסן זיך פונם סוביעקטיוון אין דאָס אָביעקטיווע, וואָס ביים אידעאַלישן איז עס זעלבסטבאַוואוסטזיין, — איז דאָ אויסגעדריקט אינם זיין“? אמת, דידאָזיקע ווערטער דערקלערן גאָרנישט. פונקט אַזוי ווייניק באַפרידיקנדיק זענען ענלעכע ביישפּילן אויפן געביט פון געשיכטע. פאַרוואָס איז גריכנלאַנד געפאַלן? דערפאַר, וואָס יענע אידעע, וועלכע האָט געבילדעט דעם פּרינציפּ פונם גריכישן לעבן, דעם צענטער פונם גריכישן גייסט (די אידעע פון שיינקייט) איז געווען מסוגל צו זיין בלויז אַ נישט לאַנגע פּאַזע אין דער אַנטוויקלונג פונם אַלוועלטלעכן גייסט.

זעלכע ענטפערס חזרן בלויז איבער די פראגע אין א ממשותדיקער, און דערביי, אין אן אנגעבלאזענער, גרויסהאלטערישער פארם. העגעל, — ווי עמען ס׳געהערט די אקארשט ציטירטע דערקלערונג פון גריכנלאנדס פאלן, — פילט עס אליין, ווייזט אויס, און ער איילט צו דערגאנצן זיין אידעאליסטישע דערקלערונג דורכן שטיצן זיך אויף דער עקאנאמישערווירקלעכקייט פונם אלטערטימלעכן גריכנלאנד: „לאקעדעמאניע (109) איז געפאלן הויפטזאכלעך צוליב דער אומגלייכהייט פון די פארמעגנס" — זאגט ער. און אזוי טוט ער נישט בלויז דארטן, וואו ס׳איז שייך גריכנלאנד. דאס קען מען זאגן, איז זיינער א שטענדיקער מעטאד אין דער געשיכטס־פילאזאפיע: לכתחילה עטלעכע געפלדיקע פארופונגען אויף די אייגנשאפטן פון דער אבסאלוטער אידעע, און שפעטער — שוין קלארערע און ממילא איבערצייגנדיקערע, אנווייזונגען אויפן כאראקטער און אנטוויקלונג פון די פארמעגן־פארהעלטנישן ביי יענעם פאלק, וועגן וועלכן עס רעדט זיך. אייגנטלעך איז אין די דערקלערונגען פון אט דעם לעצטן מין שוין נישטא גארנישט אידעאליסטישעס און אנקומענדיק צו זיי, האט העגעל, — וועלכער פלעגט זאגן, אז „דער אידעאליזם איז דער אמת פונם מאטעריאליזם", — אונטערגעשריבן אן ארימקייט־צייגניש גראד פארן אידעאליזם, ווי ער וואלט, הייסט עס, שווייגנדיק מסכים געווען אז דער מאטעריאליזם איז דער אמת פונם אידעאליזם.

אגב, דער מאטעריאליזם, צו וועלכן העגעל פלעגט דא צוקומען איז געווען א פולשטענדיק נישט אנטוויקלטער, עמבריאנישער מאטעריאליזם, וועלכער פלעגט זיך תיכף־ומיד פונדאסניי פארוואנדלען אין אידעאליזם, ווי נאר עס פלעגט ווערן נויטיק אויפצוקלערן פונוואנען עס נעמען זיך די אדער יענע פארמעגן־פארהעלטנישן. אמת, אויך דא פלעגט נישט זעלטן טרעפן, העגעל זאל ארויסזאגן פולשטענדיק מאטעריאליסטישע מיינונגען. אבער רעדנדיק אין אלגעמיין, באטראכט ער די פארמעגן־פארהעלטנישן אלס די פארווירקלעכונג פון די רעכטלעכע באגריפן, וועלכע אנטוויקלען זיך מיט זייער אייגענער איבעוויינקסטער קראפט.

בכן, וואָס-זשע האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן די אידעאַליסטן-דיאַלעקטיטער ?

זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם שטאַנדפּונקט פון דער מענטשלעכער נאַטור און, אַ דאַנק דעם, האָבן זיי זיך אָפּגעגרעניצט פון דעם אוטאָפּישן קוק אויף געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. זיי האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אַלס אַ באַלקאָרכעדיקן פּראָצעס, וועלכער האָט זיינע אייגענע געזעצן. אָבער דורכן אומוועג פון דער פאַרקערפּערונג פונם פּראָצעס פון אונזער לאָגישן דענקען (ד. ה. איינע פון די זייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור) האָבן זיי זיך אומגעקערט צו דעמזעלבן נישט באַפרידיקנדיקן שטאַנדפּונקט, און דעריבער איז פאַר זיי געבליבן אומפאַרשטענדלעך די אמתע נאַטור פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן.

קאַפּיטל V

דער מאָדערנער מאַטעריאַליזם

די אומשטאַנדהאַפטיקייט פונם אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט ביים דערקלערן די נאַטור-דערשיינונגען און די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג האָט געמוזט צווינגען און זי האָט ווירקלעך געצוואונגען די דענקענדיקע מענטשן (ד. ה. נישט קיין עקלעקטיקער, נישט קיין דואַליסטן) זיך אומצוקערן צום מאַטעריאַליסטישן קוק אויף דער וועלט. אָבער דער נייער מאַטעריאַליזם האָט שוין נישט געקענט זיין אַ פּשוטע איבערחזרונג פון די לערעס פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פונם סוף אַכצנטן יאָרהונדערט. דער מאַטעריאַליזם האָט ווידער אויפגעלעבט, אַ באַרייכערטער מיט אַלע דערגרייכונגען פונם אידעאַליזם. די וויכטיקסטע פון דידאָזיקע דערגרייכונגען איז געווען דער דיאַלעקטישער מעטאָד, דאָס באַטראַכטן דערשיינונגען אין זייער אַנטוויקלונג, אין זייער אַנטשטייאונג און פאַרשווינדונג. דער געניאַלער פאָרשטייער פון דערדאָזיקער נייער ריכטונג איז געווען קאַרל מאַרקס. (110)

מאַרקס איז נישט געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם אידעאַליזם פון העגעלן. די פאָן פון מרידה איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך לודוויג פייערבאַך (111). דערנאָך, אַביסל שפּעטער פון פייערבאַכן, זענען אויפגעטרעטן אויף דער ליטעראַרישער אַרענע די ברידער באַוער (112), וועמענס אָנשויאונגען עס פאַרדינען אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט מצד דעם מאָדערנעם רוסישן לעזער.

די אָנשויאונגען פון די באַואוערס זענען געווען אַ רעאַקציע קעגן דעם אידעאַליזם פון העגעלן. און, פונדעסטוועגן, זענען זיי אַליין געווען דורך-און-דורך אַדורכגעדרונגען מיט זייער אַן אויבנאויפיקן, איינזייטיקן, עקלעקטישן אידעאַליזם. מיר האָבן געזען, אַז די גרויסע דייטשישע אידעאַליסטן איז עס נישט געלונגען צו פאַרשטיין די אמתדיקע נאַטור, אויסצוגעפינען דעם רעאַלן באָדן פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן. זיי האָבן געזען אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אַ באַלקאַרכעדיקן, געזעצמעסיקן פּראָצעס און, אין דעם פאַל, זענען זיי געווען פולשטענדיק גערעכט. אָבער ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגן דעם גרונט-פאַקטאָר פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פלעגן זיי זיך ווענדן צו דער אַבסאָלוטער אידעע, וועלכערס אייגנשאַפטן עס האָט געדאַרפט אויסגעפינען די לעצטע, טיפסטע דערקלערונג פון דעמדאָזיקן פּראָצעס. אין דעם איז באַשטאַנען די שוואַכע זייט פונם אידעאַליזם, קעגן וועלכער עס האָבן זיך געווענדעט, קודם־כל, די פילאָזאָפישע רעוואָלוציעס: דער עקסטרעם-לינקער פליגל פון דער העגעלישער שול האָט אַנטשיידן מורד געווען קעגן דער „אַבסאָלוטער אידעע".

די אַבסאָלוטע אידעע עקזיסטירט (נאַטירלעך, אויב זי עקזיסטירט) מחוץ פון צייט און רוים און, יעדנפאַלס, מחוץ פונם קאָפּ פון יעדן איינצלנעם מענטש. אַרויסברעכנגעדיק אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג דעם גאַנג פון דער לאָגישער אַנטוויקלונג פון דער אידעע, וואַרפט זיך אונטער די מענטשהייט אַ קראַפט, וואָס איז איר פרעמד, וואָס געפינט זיך מחוץ פון איר. מורד-זייענדיק קעגן דער אַבסאָלוטער אידעע, האָבן די יונגע העגעליאַנער מורד געווען, קודם-כל, אין נאָמען פון דער זעלבסטעטיקייט פון די מענטשן, אין נאָמען פונם באַגרעניצטן מענטשלעכן שכל.

„די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע, — האָט געשריבן ע ד ג אַ ר באַ אוע ר, — איז זיך שטאַרק טועה, רעדנדיק וועגן שכל, ווי וועגן עפּעס אַן אַבסטראַקטע, אַבסאָלוטע קראַפט... דער שכל איז נישט קיין אָביעקטיווע, אַבסטראַקטע קראַפט, לגבי וועלכער דער מענטש זאָל מיט זיך פאָרשטעלן בלויז עפּעס

סוביעקטיווס, צופעליקס, דורכגייענדיקס; ניין, די הערשנדיקע קראַפט איז גראָד דער מענטש אַליין, זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין, און דער שכל איז בלויז אַ כוח פון דעמדאָזיקן זעלבסטבאַוואוסטזיין. פאָלגלעך, איז נישטאָ קיין שום אַבסאָלוטער שכל, און ס'איז נאָר פאַראַן אַ שכל, וועלכער ענדערט אייביק זיין געשטאַלט לויט דער אַנטוויקלונג פונם זעלבסטבאַוואוסטזיין: ער עקזיסטירט לגמרי נישט אין אַן ענדגילטיקער פאָרם, ער איז אייביק פאַרענדערלעך" *).

הייסט עס, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטע אידעע, נישטאָ קיין אַבסטראַקטער שכל, ס'איז נאָר פאַראַן אַ זעלבסטבאַוואוסטזיין פון די מענטשן, אַ באַגרענעצטער, אַן אייביק-פאַרענדערלעכער מענטשלעכער שכל. דאָס איז פולשטענדיק ריכטיק; וועגן דעם וואָלט נישט אָנגעהויבן דיסקוטירן אַפילו ה' מיכאַילאָווסקי, וועלכער, ווי מיר ווייסן שוין, „קען דיסקוטירן"... וועגן אַלץ מיט אַ מער אָדער ווייניקער צווייפלהאַפטן דערפאָלג. נאָר אַ מאָדנע מעשה! וואָס מער מיר שיילן אַרויס דעמדאָזיקן ריכטיקן געדאַנק, אַלץ באַשווערטער ווערט אונזער לאַגע. בײַ די אַלטע דייטשישע אידעאַליסטן פלעגט דער אַבסאָלוטער אידעע צוגעשריבן ווערן די געזעצמעסיקייט פון יעטווידן פראָצעס אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע. שטעלט זיך אַ פראַגע, צו וואָס וועלן מיר צושרייבן דידאָזיקע געזעצמעסיקייט, בעת מיר צעשטערן איר הויפט-טרעגערין, די אַבסאָלוטע אידעע? לאָמיר אָננעמען, אַז אין באַצוג צו דער נאַטור קען אַ צופרידנשטעלנדיקער ענטפער געגעבן ווערן אין עטלעכע ווערטער: מיר שרייבן זי צו צו די אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע. אָבער אין באַצוג צו דער געשיכטע איז שוין די זאַך נישט אַזוי פשוט: די הערשנדיקע קראַפט אין דער געשיכטע איז דער מענטשלעכער זעלבסטבאַוואוסטזיין, דער אייביק פאַרענדערלעכער, באַגרענעצטער מענטשלעכער שכל. איז עפעס פאַראַן אַ געוויסע געזעצמעסיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דעמדאָזיקן שכל? עדגאַר באַוער וואָלט,

*) Der Streit der Kritik mit Kirche und Staat. Von Edgar Bauer. Bern, 1844. S. 184.

פאַרשטייט זיך, געענטפערט פּאָזיטיוו, ווייל פאַר אים איז דער מענטש און, פאָלגלעך, אויך זיין שכל נישט געווען, ווי מיר האָבן געזען, עפּעס צופעליקס. אָבער ווען איר וואָלט אַ בעט געטאָן דעמזעלביקן באַוער, ער זאָל אייך אויפקלערן זיין באַגריף וועגן דער געזעצמעסיקייט אין דער אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן שכל, ווען איר וואָלט אים געפרעגט, למשל, פאַרוואָס האָט זיך אין איין היסטאָרישער עפּאָכע דער שכל אַנטוויקלט אויף אַזאַ אופן און אין אַן אַנדערער — אַנדערש, וואָלט איר נישט באַקומען פון אים, אייגנטלעך, קיין שום תשובה. ער וואָלט אייך געזאָגט, אַז „דער זיך אייביק אַנטוויקלענדיקער מענטשלעכער שכל שאַפט געזעלשאַפטלעכע פאָרמען”, אַז „דער היסטאָרישער שכל איז די באַוועג-קראַפט פון דער אַל-וועלטלעכער היסטאָריע” און אַז דעריבער דערגייט יעדע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג צו איר סוף, ווי נאָר דער שכל מאַכט אַ נייעם טריט אין זיין אַנטוויקלונג *). אָבער אָט די אַלע און ענלעכע פאַרזיכערונגען וואָלטן נישט געווען קיין ענטפער אויף דער פראַגע, נאָר אַ בלאָנדזשעניש אַרום דער פראַגע וועגן דעם, פאַרוואָס מאַכט דער מענטשלעכער שכל נייע טריט אין זיין אַנטוויקלונג און פאַרוואָס מאַכט ער זיי אין דער און נישט אין קיין אַנדער זייט. זייענדיק געצוואונגען דורך אייך זיך צו רעכענען גראָד מיט דערדאָזיקער פראַגע, וואָלט ע. באַוער זיך געאיילט אָפּצושעפּען דערפון מיט אַן איינהאַלטלאָזן פאַרופן זיך אויף די אייגנשאַפטן פונם באַגרענעצטן, אייביק-פאַרענדערלעכן מענטשלעכן שכל, פונקט ווי די אַלטע אידעאַליסטן פלעגן זיך אָפּשעפּען מיט אַ פאַררופן זיך אויף דער אַבסאָלוטער אידעע.

האַלטן דעם שכל פאַר דער באַוועג-קראַפט פון דער אַל-וועלטלעכער געשיכטע און דערקלערן זיין אַנטוויקלונג מיט עפּעס באַזונדערע, פאַר אים אַליין כאַראַקטעריסטישע, אינערלעכע אייגנשאַפטן, האָט באַטייט פאַרוואַנדלען אים אין עפּעס באַלקאָרכעדיקעס, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, ווידעראויפלעבן אין אַ נייער פאָרם דיזעלבע אַבסאָלוטע אידעע, וועלכע

*) L. c. S. 185

מ׳האָט אָקאָרשט געהאַט מקבר געווען אויף אייביק. דער הויפּטפעלער פון דערדאָזיקער ווידעראויפגעלעבטער אַבסאָלוטער אידעע איז געווען דאָס, וואָס זי פלעגט זיך פרידלעך צונויפלעבן מיטן אַבסאָלוטסטן דואַליזם, פּינקטלעכער געזאָגט, זי פלעגט אים אַפילו אומבאַדינגט באַפאָרצוגן. היות ווי די נאַטור-פּראָצעסן אונטערליגן נישט דעם באַגרענעצטן, אייביק פאַרענדערלעכן מענטשלעכן שכל, הייסט עס, אַז מיר האָבן פאַר זיך צוויי כּוחות: אין דער נאַטור — די מאַטעריע, אין דער געשיכטע — דעם מענטשלעכן שכל, און ס׳איז נישטאָ קיין בריק, וועלכע זאָל פאַראייניקן די באַוועגונג פון דער מאַטעריע מיט דער אַנטוויקלונג פונם שכל, דאָס קעניגרייך פון דער באַלקאָרכעדיקייט מיט דעם קעניגרייך פון פרייהייט. אָט פאַרוואָס מיר האָבן געזאָגט, אַז באַאוערס אָנשויאונגען זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט זייער אַן אויבנאויפיקן, איינזייטיקן, עקלעקטישן אידעאַליזם.

די מיינונג רעגירט מיט דער וועלט, — אַזוי פלעגן זאָגן די פראַנצויזישע אויפקלערער. אַזוי פלעגן אויך זאָגן, ווי מיר האָבן געזען, די ברידער באַאוער, וועלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם העגעלישן אידעאַליזם. אָבער אויב די מיינונג רעגירט מיט דער וועלט, זענען דאַן די הויפּט-באַוועגקראַפט פון דער געשיכטע יענע מענטשן, וועמענס געדאַנק עס קריטיקירט די אַלטע מיינונגען און שאַפט נייע. די ברידער באַאוער האָבן טאַקע אַזוי געהאַלטן. דער תּוך פונם היסטאָרישן פּראָצעס איז ביי זיי באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס קומט פאָר דורכן „קריטישן גייסט״ אַ באַאַרבעטונג פון דער עקזיסטירנדיקער מאַסע מיינונגען און פון די פאָרמען פונם אַלגעמיינעם צוזאַמענלעבן, וועלכע זענען אויסגעבילדעט לויט דידאָזיקע מיינונגען. אָט די אָנשויאונגען פון די באַאוערס זענען פולשטענדיק אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור דורכן מחבר פון די „היסטאָרישע בריוו״ (113).

וויבאַלד דער „קריטיש-דענקענדיקער״ מענטש האַלט זיך פאַרן הויפּט-אַרכיטעקט, פאַרן דעמיאורג (114) פון דער געשיכטע, טיילט ער אויס, דערמיט גופא, זיך און זיינס גלייכן אין אַ באַזונדערע, העכערע אָפּצווייגונג פונם מענטשלעכן מין.

אַנטקעגן דערדאָזיקער העכערער אָפּצווייגונג ווערט אַוועקגע-
שטעלט די מאַסע, וואָס איז פרעמד דעם קריטישן דענקען,
וועלכע איז בלויז מסוגל צו שפּילן די ראָל פון ליים אין די
שעפערישע הענט פון די „קריטיש-דענקענדיקע" פּערזענלעכ-
קייטן, — אַנטקעגן די „העלדן" שטייט דער „המון". ווי
דער העלד זאָל נישט ליב האָבן דעם המון, ווי פול ער זאָל
נישט זיין מיט מיטגעפיל צו זיין אייביקער נויט, צו זיינע
אומאויפהערלעכע ליידן, — קען ער נישט נישט קוקן אויף
אים פון אויבן אַראָפּ, ער קען נישט נישט אַנערקענען, אַז
דער עיקר איז אין אים אַליין, אינם העלד, בשעת דער המון
איז פרעמד פון יעדן שעפערישן עלעמענט; די מאַסע איז עפּעס
אַ מין גרויסע צאָל נולן, וועלכע באַקומען אַ באַטייט און
אַ זין ערשט דאַן, ווען אין זייער שפּיץ שטעלט זיך גרויסמו-
טיק אַוועק אַ גוטער „קריטיש-דענקענדיקער" איינס. דער עקלעק-
טישער אידעאַליזם פון די ברידער באַאוער איז געוואָרן
דער יסוד פון אַ שרעקלעכער, מ'קען זאָגן, פון אַן עקלהאַפטער
זעלבסטאיינרעדעניש פון דער „קריטיש-דענקענדיקער" דייטשי-
שער „אינטעליגענץ" פון די פערציקער יאָרן, און ביי הייגטיק
טאָג שאַפט ער, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע רוסישע אָנ-
הענגער, דעמזעלביקן חסרון אין דער אינטעליגענץ פון רוסלאַנד.
אַלס אומדערבאַרעמדיקער שונא און דעמאַסקירער פון דערדאָזי-
קער זעלבסטאיינרעדעניש איז דערשינען מאַרקס, צו וועלכן
מיר גייען איצט טאַקע איבער.

מאַרקס פלעגט זאָגן, אַז „די קעגנשטעלונג פון די
„קריטיש-דענקענדיקע" פּערזענלעכקייטן אַנטקעגן דער „מאַסע"
איז נישט מער ווי אַ קאַריקאַטור פונם העגעלישן קוק אויף
דער געשיכטע, — אַ קוק, וועלכער איז בשעתו געווען בלויז
אַ ספּעקולאַטיווער רעזולטאַט פון דער אַלטער לערע וועגן דער
קעגנזעצלעכקייט פון גייסט און מאַטעריע. שוין ביי
העגעלן באַציט זיך דער אַבסאָלוטער גייסט*) פון דער
געשיכטע צו דער מאַסע, ווי צו רויען מאַטעריאַל, געפינענדיק זיין
ריכטיקן אויסדרוק נאָר אין דער פילאָזאָפיע. פונדעסט-

*) אבסאָלוטער גייסט — דאָסזעלבע, וואָס אַבסאָלוטע אידעע.

וועגן — איז ביי אים דער פילאָזאָף בלויז אַן אָרגאַן, דורך וועמענס פאַרמיטלונג דער שעפער פון דער געשיכטע, דער אַבסאָלוטער גייסט, קומט צום זעלבסטבאַוואוסטזיין, נאָכן פֿאַרענדיקן פון דער באַוועגונג. מיט דעם־דאָזיקן באַוואוסטזיין, וועלכער דערשיינט נאָך דער פאַרענדי־קונג פון דער באַוועגונג, באַשרענקט זיך דער אָנטייל פונם פילאָזאָף אין דער געשיכטע, ווייל דיווירקלעכע היסטאָרישע באַוועגונג ברענגט אַרויס דער אַבסאָלוטער גייסט אומבאַוואוסטזיניק *). אַזויאַרום קומט דער פילאָזאָף post festum. — העגעל איז אומקאָנסעקווענט צווייִמאָל: ערשטנס, דערמיט, וואָס ער, לויט וועמענס לערע דער אַבסאָלוטער גייסט דער־גרייכט נאָר אין דער פילאָזאָפיע דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין, און ממילא אויך די עקזיסטענץ, זאָגט זיך אָפּ צו אָנערקענען אַלס אַבסאָלוטן גייסט דעם ווירקלעכן פילאָזאָף, דעם אינ־דיווידואום; און צווייטנס, דערמיט, וואָס ביי אים מאַכט דער אַבסאָלוטער גייסט די געשיכטע „בלויז ווי ס'ווייזט אויס". אינדערעמתן, היות ווי דער אַבסאָלוטער גייסט אָנער־קענט זיך אַלס שעפערישער כוח נאָר אין דער פערזאָן פונם פי־לאָזאָף און נאָר — post festum, הייסט עס, אַז זיין פאַבריקאַציע פון געשיכטע עקזיסטירט בלויז אינעם באַוואוסטזיין, אין דער מיינונג און אין דער פאָרשטעלונג פונם פילאָזאָף, ד. ה. בלויז אין דער ספעקולאַטיווער פאַנטאַזיע. ה' ברונא באַוער באַזייטיקט העגעלס אומקאָנסעקווענטקייט **). ערשטנס פּראָקלאַ־מירט ער די קריטיק פונם אַבסאָלוטן גייסט, און זיך אַליין אַלס די קריטיק. און פונקט אַזוי, ווי דער קריטישער עלעמענט ווערט פאַריאָגט פון דער מאַסע, — ווערט דער מאַסן-עלעמענט פאַרטריבן פון דער קריטיק. דעריבער זעט זיך די קריטיק פאַרקערפּערט נישט אין דער מאַסע, נאָר

*) דער לעזער האָט נישט פאַרגעסן דעם אויבנגעבראַכטן אויסדרוק פון העגעלן: די מינערוון-סאָווע הויבט אָן פליען נאָר ביינאַכט.

**) ברונא באַוער — אַן עלטערער ברודער פון דעם אויבנדערמאָנטן עדגאַר באַוער, איז דער מחבר פון דער בשעתו-פּאָפּולערער: „Kritik der ewangelischen Geschichte der Synoptiker".

אין אַ קליינינקן הייפעלע אויסדערוויילטע, אין ה' באַוערן און אין זיינע תּלמידים. ווייטער באַזייטיקט ה' באַוער די צווייטע אומקאָנסעקווענטקייט פון העגעלן: ער באַפרידיקט זיך שוין נישט מיט דער ראָל פונם העגעלישן גייסט, וועלכער שאַפט די געשיכטע בלויז אינם געביט פון דער פאַנטאַזיע און post festum, ער שפּילט באַוואוסטזיניק די ראָל פונם אַלוועלטלעכן גייסט, אין קעגנזאַץ צו דער מאַסע פון דער איבעריקער מענטשהייט; ער שטעלט זיך שוין איצט צו איר אין אַ דראַמאַטישן צושטאַנד, ער שאַפט און בילדעט אויס די געשיכטע נאָך אַ רייפער אויסרעכענונג, און מיט אַ פון-פאָרויס באַטראַכטע כּוונה. אויף איין זייט שטייט די מאַסע, דערדאָזיקער מאַטעריעלער, פּאַסיווער, נישט באַלעבנדיקער און אומהיסטאָרישער עלעמענט פון דער געשיכטע; אויף דער צווייטער זייט — דער גייסט, די קריטיק, ה' ברונא באַואוער און קאָמפּ., אַלס אַקטיווער עלעמענט, פון וועלכן עס קומט אַרויס יעטוועדע היסטאָרישעווירקונג. דער אַקט פון געזעלשאַפטלעכער איבערבויאונג ווערט דערפירט צו דער מוחדיקער טעטיקייט פון דער קריטישער קריטיק*).

דידאָזיקע שורות רופן אַרויס אַ מאָדנע אילוזיע: עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן נישט מיט פופציק יאָר, נאָר מיט אַ חודש צוריק און זיי זענען געווענדעט נישט קעגן די דייטשישע לינקע העגעליאַנער, נאָר קעגן די רוסישע „סוביעקטיווע" סאָציאָלאָגן. די אילוזיע פאַרשטאַרקט

*) Di heilige Familie oder Kritik der kritischen Kritik. Gegen Bruno Bauer und Consorten, Von F. Engels und K. Marx. Frankfurt a. Main, 1845. SS. 126—28. דאָסדאָזיקע בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג אַרטיקלען פון ענגעלסן און מאַרקסן, געווענדעטע קעגן פאַרשיידענע אָנשויאונגען פון דער „קריטישער קריטיק". דאָס ציטירטע אָרט איז גענומען פון מאַרקסנס אַרטיקל קעגן ברונאָ באַואוער. ביי מאַרקסן איז אויך גענומען דאָס ציטאַט, וואָס איז געבראַכט אין פריערדיקן קאַפּיטל.

זיך נאָך, איבערדערציילנדיק דעם פאָלגנדיקן אויסצוג פון ענגעלסעס אַרטיקל:

„די זעלבסטצופרידענע קריטיק טאָר, נאַטירלעך, נישט אָנערקענען די געשיכטע, ווי זי איז ווירקלעך פאָרגעקומען, וואָרום דאָס וואָלט דאָך באַטייט אָנערקענען די שפּלע מאַסע אין איר אַבסאָלוטער מאַסנגעשטאַלטיקער מאַסנגעשטאַלט, בשעת עס האַנדלט זיך אַקוראַט וועגן היפּך דערפון, וועגן אַרויסנעמען די מאַסע פון דעם מאַסנגעשטאַלט. דעריבער ווערט די געשיכטע באַפרייט פון איר מאַסנגעשטאַלטיקייט, און די קריטיק, וועלכע באַציט זיך פריי צו איר קעגנשטאַנד, שרייט צו דער געשיכטע: דו האָסט געדאַרפט פאָרקומען אַזוי און אַזוי! די געזעצן פון דער קריטיק האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג; פאַר אירע דעקרעטן איז די געשיכטע געגאַנגען גאָר אַנדערש, ווי זי גייט ווי ס'לאָזט זיך אויס, נאָך זיי. דעריבער שיידט זיך די אַזויגערופענע מאַסנגעשטאַלטיקע געשיכטע באַדייטנדיק אונטער פון דער קריטישער".

וועגן וועמען רעדט זיך אין דעמדאָזיקן אויסצוג? וועגן די דייטשישע שרייבער פון די פערציקער יאָרן, צי וועגן עטלעכע הייַנטצייטיקע „סאָציאָלאָגן", וועלכע טענהן מיט פּאַטאָס וועגן דעם, אַז אַ קאַטאָליק שטעלט זיך פאָר דעם גאַנג ן די געשיכטלעכע געשעענישן אויף איין אופן, אַ פּראָטעסטאַנט — אויף אַ צווייטן אופן, אַ מאָנאַרכיסט — אויף אַ דריטן, אַ רעפּובליקאַנער — אויף אַ פערטן, און אַז דעריבער איז פאַר אַ גוטן סוביעקטיוון מענטש נישט בלויז מעגלעך, נאָר אויך בויטיק, צוצוטראַכטן פאַר זיך, פאַרן אייגענעם גייסטיקן געברויך, אַזאַ מין געשיכטע, וועלכע זאָל פולשטענדיק אַנטשפּרעכן דעם בעסטן פון אַלע אידעאַלן? צי זאָל טאַקע ענגעלס האָבן פאָרויסגעזען אונזערע רוסישע תמימותדיקע נאַרישקייטן? הויבט זיך נישט אָן! ער האָט זיי, פאַרשטייט זיך, אפילו אין זינען נישט געהאַט, אָבער אויב זיין איראָניע פאַלט אַריין, דורך דעם מרחק פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, נישט אין ברעם, נאָר אין סאַמע אויג פון אונזער סוביעקטיוון דענקער, דערקלערט זיך דאָס מיט דער פּשוטער סיבה, וואָס אויך אין אונזער סוביעקטיווער שטותעריי איז נישט פאַראַן קיין שום אָריגינעלעס. זי

שטעלט מיט זיך פאַר נישט מער ווי אַן אָרדינערע קאָפּיע פון דער קאַריקאַטור פון דעם זעלבן „העגעליזם", קענען וועלכן זי קעמפט אַזוי אומגעלונגען...

פונם שטאַנדפּונקט פון דער „קריטישער קריטיק" זענען אַלע גרויסע היסטאָרישע צוזאַמענשטויסן פּאַקטיש געווען צוזאַמענשטויסן פון אידעען. מאַרקס באַמערקט, אַז די אידעען פלעגן „אַרויס מיט בזיון" יעדעס מאָל, ווען זיי פלעגן נישט צונויפפאַלן מיט די רעאַלע, עקאָנאָמישע אינטערעסן פון יענעם געזעלשאַפטלעכן שיכט, וועלכער איז בעת מעשה דער טרעגער פונם היסטאָרישן פּראָגרעס. נאָר דאָס פאַרשטיין פון דידאָזיקע אינטערעסן קען געבן דעם שליסל צום פאַרשטיין דעם ווירקלעכן גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

מיר ווייסן שוין, אַז אויך די פראַנצויזישע אויפקלערער פלעגן נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף די אינטערעסן, אַז זיי האָבן אויך גאָרנישט געהאַט קעגן ווענדן זיך צו די אינטערעסן, כדי אויפצוקלערן דעם באַטרעפנדיקן צושטאַנד פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט. אָבער ביי זיי איז דערדאָזיקער קוק אויף דער אַנטשיידנדיקער באַדייטונג פון די אינטערעסן געווען בלויז אַ שאַטירונג פון דער „פאָרמול" — די מיינונגען רעגירן מיט דער וועלט: ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז די אינטערעסן גופא פון די מענטשן זענען אָפּהענגיק פון זייערע מיינונגען און זיי ענדערן זיך צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון דידאָזיקע מיינונגען. אַזאַ אויסטייטשונג פון דער באַדייטונג פון די אינטערעסן שטעלט מיט זיך פאַר אַ זיג פונם אידעאַליזם אין באַצוג צו דער געשיכטע. די אויסטייטשונג לאָזט איבער שטאַרק הינטערשטעליק אַפילו דעם דייטשישן דיאַלעקטישן אידעאַליזם, לויט וועלכן ס'קומט אויס, אַז ביי מענטשן קומען אויף נייע מאַטעריעלע אינטערעסן יעדעס מאָל, ווען די אַבסאָלוטע אידעע דאַרף מאַכן אַ נייעם טריט אין איר לאָגישער אַנטוויקלונג. מאַרקס פאַרשטייט די באַדייטונג פון די מאַטעריעלע אינטערעסן לחלוטין אַנדערש.

געוויינלעך זעט אויס ביים רוסישן לעזער מאַרקסנס היסטאָרישע טעאָריע ווי עפּעס אַ שענדלעכער פּאַסקוויל אויפן מענטשלעכן מין. ביי ג. אי. אוספּענסקי (115), אויב מיר

זענען זיך נישט טועה, איז פאַראַן אין זיין „צעשטערונג" („ראַ-זאָרעניע") אַ זקנה – אַ באַאַמטנס אַ פרוי, וועלכע חזרט עקשנות-דיק, אַפילו אין איר גסיסה-פּלוידערן, דעם כּלל פון איר גאַנצן לעבן: „אין קעשענע זענען די מידות, אין קעשענע!" די רו-סישע אינטעליגענץ מיינט תמימותדיק, אַז מאַרקס שרייבט-צו דעמדאָזיקן שענדלעכן כּלל דער גאַנצער מענטשהייט, אַז ער באַהויפּטעט כּלומרשט, אַז מיט וואָס עס זאָלן זיך נישט האָבן באַשעפטיקט די מענטשן-זין, האָבן זיי תּמיד, אויסשליסלעך און באַוואוסטזיניק „געצילט אין קעשענע אַריין". פאַר דעם אידעאַליסטישן רוסישן „אינטעליגענט" איז אַזאַ מין קוק, נאַ-טירלעך, פּונקט אַזוי „אומסימפּאַטיש", ווי „אומסימפּאַטיש" עס איז דאַרווינס טעאָריע פאַר עפּעס אַן אַריסטאָקראַטישער דאַמע, וועלכע מיינט, אַז דער גאַנצער זין פון דערדאָזיקער טעאָריע איז דער, אַז אָט, למשל, זי, אַן אָנגעזעענע דאַמע, שטעלט מיט זיך פאָר נישט מער, ווי אַ מאַלפּע, אָנגעטאָן אין אַ קאָפּ-הייבל. אינדעראמתן רעדט מאַרקס אַזוי ווייניק רכילות אויף די „אינטעליגענטן", ווי דאַרווין – אויף די פיינע דאַמען.

כּדי צו פאַרשטיין די היסטאָרישע אָנשויאונגען פון מאַרקסן, דאַרף מען דערמאָנען, צו וואָס פאַראַ רעזולטאַטן איז געקומען די פילאָזאָפיע און די געזעלשאַפטלעך-היסטאָרישע וויסנשאַפט אינם פעריאָד הארט פאַר מאַרקסנס דערשיינען. די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַוראַציע-צייטן זענען געקומען, ווי מיר וויסן, צו דער איבערצייגונג, אַז דער „צי-ווילער לעבנשטייגער", „די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן" – שטעלן מיט זיך פאָר דעם הויפּט-יסוד פון דער גאַנצער געזעלשאַפט-לעכער אָרדנונג. מיר וויסן אויך, אַז צו דעמזעלבן אויספיר איז געקומען, אין דער פּערזאָן פון העגעלן, אויך די אידעאַ-ליסטישע דייטשישע פילאָזאָפיע, – זי איז דערצו געקומען טראָץ איר אייגענעם ווילן, טראָץ איר גייסט, פּשוט צוליב דער נישט-שטאַנדהאַפטיקייט פונם אידעאַליסטישן דערקלערן די געשיכטע. מאַרקס, וועלכער האָט זיך איינגעשאַפט אַלע רע-זולטאַטן פון די וויסנשאַפטלעכע לערעס און פון דעם פילאָ-זאָפישן געדאַנק פון זיין צייט, קומט זיך פולשטענדיק צונויף, וואָס ס'איז שייך דעם דערמאָנטן אויספיר, מיט די פראַנצוי-

זישע היסטאָריקער און מיט העגעלן. איך האָב מיך איבערצייגט, זאָגט ער, אַז „די רעכטלעכע פאַרהעלטנישן און די מלוכה-פאָרמען לאָזן זיך נישט דערקלערן נישט מיט זייער אייגענער נאַטור, נישט מיט דער אַזויגערופענער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן גייסט, נאָר זיי וואָרצלען אין די מאַטעריעלע לעבנס-פאַרהעלטנישן, וועמענס סך-הכל העגעל האָט, אויפן שטייגער פון די ענגלענדער און פראַנצויזן פונם אַכצנטן יאָר-הונדערט, אָנגערופן „די ציווילע געזעלשאַפט". די אַנאַטאָמיע פון דערדאָזיקער ציווילער געזעלשאַפט דאַרף מען זוכן אין איר עקאָנאָמיע".

אָבער פון וואָס-זשע איז אָפּהענגיק די עקאָנאָמיע פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט? נישט די פראַנצויזישע היסטאָריקער, נישט די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן, נישט העגעל, האָבן נישט געקענט ענטפערן דערויף, כאָטש אויף אַ וועלכן נישט איז צופרידנשטעלנדיקן אופן. זיי פלעגן אַלע, — דירעקט, אָדער אומדירעקט, — זיך שטיצן אויף דער מענטשלעכער נאַטור. דער גרויסער וויסנשאַפטלעכער פאַרדינסט פון מאַרקסן באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז צוגעגאַנגען צו דער פראַגע פון אַ דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעכער זייט, וואָס ער האָט גענומען באַטראַכטן די עצם-נאַטור פונם מענטשן אַלס אַן אייביק-פאַ-רענדערלעכן רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער באַוועגונג, וועמענס סיבה עס ליגט מחוץ פונם מענטש. כדי צו עקזיסטירן, מוז דער מענטש אונטערהאַלטן זיין אָרגאַניזם, באַקומענדיק די נויטיקע זאַכן דערצו פון זיין אַרומיקער אויסערלעכער נאַטור. דאָסדאָזיקע באַקומען איז מחייב אַ געוויסע ווירקונג פונם מענטש אויף איר, אויף דער אויסערלעכער נאַטור. אָבער, „ווירקנדיק אויף דער אויסערלעכער נאַטור, ענדערט דער מענטש זיין אייגענע נאַטור". אָט אין די ווייניקע ווערטער געפינט זיך דער תוך פון מאַרקסנס גאַנצער היסטאָרישער טעאָריע, כאָטש, פאַרשטייט זיך, ווען מ'נעמט זיי באַזונדער, גיבן זיי נאָך נ״שט וועגן איר דעם געהעריקן באַגריף און זיי נויטיקן זיך אין אויפקלערונגען.

פראַנקלין (116) האָט אָנגערופן דעם מענטשן „אַ חיה וואָס מאַכט געצייג". די באַנוצונג און פּראָדוצירונג פון גע-

ציייג שטעלט מיט זיך,ווירקלעך, פאָר דעם כאַראַקטעריס-
טישן שטריך פונם מענטש. דאַרווין פרעגט-אָפּ די מיינונג,
לויט וועלכער בלויז דער מענטש איז מסוגל צו דער באַנוצונג
פון געצייג; ער ברענגט אַסאַך ביישפּילן, וועלכע באַווייזן, אַז
אין אַ פּרימיטיווער פאָרם באַנוצן זיך אויך מיט זיי אַסאַך
מילכזויגנדיקע חיות. און ער איז, פאַרשטייט זיך, פולשטענדיק
גערעכט פון זיין שטאַנדפּונקט, ד. ה. אין דעם זין, אַז אין
דער באַרימטער „מענטשלעכער נאַטור" איז נישטאָ קיין איין
שטריך, וועלכער זאָל זיך נישט טרעפן ביי דעם אָדער אַנדערן
מין חיות, און אַז דעריבער איז אַבסאָלוט נישטאָ קיין גרונט
צו האַלטן דעם מענטש פאַר עפּעס אַ באַזונדער וועזן, אויסצו-
טיילן אים אין אַ באַזונדער „קעניגרייך". אָבער מ'דאַרף
נישט פאַרגעסן, אַז קוואַנטיטאַטיווע אונטערשיידן
ווערן פאַרוואַנדלט אין קוואַליטאַטיווע. דאָס, וואָס
ס'עקזיסטירט אַלס עמבריאָן ביי איין חיהשן מין, קען
ווערן דער כאַראַקטעריסטישער סימן פון אַן
אַנדער מין חיות. דאָס לאָזט זיך באַזונדערס זאָגן וועגן דער
באַנוצונג מיט געצייג. אַ העלפאַנט ברעכט צווייגן און ער
טרייבט אָפּ מיט זיי די פליגן. דאָס איז אינטערעסאַנט און
באַלערנדיק. אָבער אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג
פונם מין „העלפאַנט" האָט די באַנוצונג פון צווייגן אין
קאַמף מיט די פליגן, זיכער נישט געשפּילט קיין שום וועזנט-
לעכע ראָל: העלפאַנטן זענען נישט דעריבער געוואָרן העל-
פאַנטן, ווייל זייערע, מער אָדער ווייניקער, העלפאַנט-ענלעכע
אבות האָבן אָפּגעטריבן פון זיך פליגן מיט דער הילף פון
צווייגן. נישט דאָס זעלבע איזביים מענטש*). די גאַנצע
עקזיסטענץ פונם אויסטראַלישן ווילדן הענגט אָפּ פון זיין בומער-
אַנג, ווי די גאַנצע עקזיסטענץ פונם מאָדערנעם ענגלאַנד

*) „So thoroughly is the use of tools the exclusive attribute of man that the discovery of a single artificially shoped flint in the drift ov cave-breccia is deemed proof enough that man has been there" Prehistoric Man, by Daniel Wilson, vol. I p. 151—152. London, 1876.

הענגט אָפּ פון אירע מאַשינען. נעמט צו ביים אויסטראַליער זיין בומעראַנג, מאַכט אים פאַר אַן ערד־אַרבעטער, און ער וועט באַלקאָרכע ענדערן זיין גאַנצן לעבנשטייגער, אַלע זיינע געוואוינהייטן, זיין גאַנצן אַרט דענקען, זיין גאַנצע „נאַטור".

מיר האָבן געזאָגט: מאַכט אים פאַר אַן ע ר ד א ר ב ע ט ע ר. דורכן ביישפּיל פון דער ערדאַרבעט זעט מען קלאָר, אַז דער פּראָצעס פון דער פּראָדוצירנדיקער באַווירקונג פונם מענטש אויף דער נאַטור איז מחייב נישט נאָר אַרבעט־געצייג. די אַרבעט־געצייג שטעלן מיט זיך פאַר בלויז אַ טייל פון די מיטלען, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע. אָט צוליב וואָס עס וועט זיין ריכטיקער צו רעדן נישט וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַ ר ב ע ט - ג ע צ יי ג, נאָר בכלל וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּ ר אָ ד ו ק צ י ע - מ י ט ל ע ן, פון די פּראָדוצירנדיקע כּ ו ח ו ת, כאָטש ס'איז אַבסאָלוט צווייפללאָז, אַז די סאַמע וויכטיקע ראָל אין דערדאָזיקער אַנטוויקלונג געהערט אָדער האָט, לכל־הפּחות, געהערט ביז איצט (ביזן אויפקומען פון די וויכטיקע כעמישע פּראָדוקציעס) טאַקע צו די אַ ר ב ע ט - ג ע צ יי ג.

דורך די אַרבעט־געצייג באַקומט דער מענטש עפּעס נייע אָרגאַנען, וועלכע ענדערן זיין אַנאַטאָמישן בוי. פון יענער צייט אָן, זינט ער האָט זיך אויפגעהויבן צו ד ע ר מדרגה אויף צו באַנוצן זיך מיט זיי, גיט ער צ ו אַ לחלוטין נייע געשטאַלט דער געשיכטע פון זיין אַנטוויקלונג: פריער, איז זי, ווי ביי אַלע איבעריקע חיות, באַשטאַנען אין די געשטאַלט־ענדערונגען פון זיינע נאַטירלעכע אָרגאַנען; איצטער ווערט זי, קודם־כּל, די ג ע ש י כ ט ע פ ו ן ד ע ר פ אַ ר פ ו ל ק אָ מ ע נ ו נ ג פ ו ן ז יי נ ע ק י נ ס ט ל ע כ ע אָ ר ג אַ נ ע ן, פ ו נ ם װ אַ ו ק ס פ ו ן ז יי נ ע פּ ר אָ ד ו צ י ר נ ד י ק ע כּ ו ח ו ת.

דער מענטש — די ח י ה, וו אָ ס מ אַ כ ט ג ע צ יי ג, — איז צוזאַמען דערמיט אויך אַ ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע ח י ה, וועלכע שטאַמט פון אבות, וועלכע האָבן במשך פון לאַנגע דורות געלעבט אין מער אָדער ווייניקער גרויסע סטאַדעס. פאַר אונז איז דאָ נישט וויכטיק, פאַרוואָס האָבן אונזערע אבות אָנגעהויבן לעבן סטאַדעסווייז, — דאָס דאַרפן אויפקלערן און

עס קלערן אויף די זאָלאָגן, — אָבער פונם שטאַנדפּונקט פון דער געשיכטס־פילאָזאָפיע איז זייער און וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז זינט די קינסטלעכע אָרגאַנען פונם מענטש האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין זיין עקזיסטענץ, האָט זיין געזעלשאַפטלעך לעבן גופא זיך אָנגעהויבן צו ענדערן, אָפּהענגיק פונם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון זיינע פּראָדוצירנדיקע כּוחות.

„די פאַרשיידנאַרטיקע פאַרהעלטנישן, אין וועלכע מענטשן ווערן אַוועקגעשטעלט ביי דער פּראָדוצירונג פון פּראָדוקטן, באַשרענקן זיך נישט בלויז אויף זייערע באַציאונגען צו דער נאַטור. די פּראָדוצירונג איז מעגלעך בלויז ביי אַ געוויסן אופן פון געמיינזאַמקייט און קעגנזייטיקייט אין די מעשים פון די פּראָדוצירער. כּדי צו פּראָדוצירן, טרעטן מענטשן אַריין אין באַשטימטע קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען און באַציאונגען, און נאָר אינעווייניק און דורך דער פאַרמיטלונג פון דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און באַציאונגען אַנטשטייען יענע באַווירקונגען פון די מענטשן אויף דער נאַטור, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער פּראָדוצירונג“ *)

די קינסטלעכע אָרגאַנען, די אַרבעט־געצייג, זענען, אַזוי־אַרום, אָרגאַנען נישט אַזוי פונם אינדיווידועלן, ווי פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש. אָט פאַרוואָס יעדע וועזנטלעכע ענדערונג, וואָס קומט פאַר אין זיי, ברענגט מיט זיך ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

„אָפּהענגיק פונם כאַראַקטער פון די פּראָדוצירנדיקע מיטלען ענדערן זיך די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון די פּראָדוצירער איינער צום אַנדערן, ס׳ענדערן זיך די באַציאונגען פון זייער געמיינזאַמער טעטיקייט און פון זייער אַנטייל אינם גאַנצן גאַנג פון דער פּראָדוקציע. דורך דערפינדונג פון אַ נייעם מיליטערישן כּלי־זין, פון אַ הייס געווער, האָט זיך באַלקאָרכעדיק געענדערט די גאַנצע אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי, ווי אויך יענע אַלע קעגנזייטיקע באַציאונגען, אין וועלכע ס׳געפינען זיך די אינדיווידואומס, וועלכע געהערן צום

*) „Lohnarbeit und Kapital“ פון קאַרל מאַרקס.

באַשטאַנד פון דער אַרמיי, און אַ דאַנק וועלכע זי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַנצקייט; צומלעצט האָבן זיך אויך געענדערט די קאָנקרעטע פאָרמען פון ... פון גאַנצע אַר־מייען. די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון די פּראָדוצירער, די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון דער פּראָדוקציע, בייטן זיך, בכן, צוזאַמען מיט דער ענדערונג און מיט דער אַנט־וויקלונג פון די מאַטעריעלע פּראָדוקציע-מיטלען, ד. ה. פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. די פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן אין זייער סך-הכל בילדן דאָס, וואָס מ׳רופט געזעלשאַפטלעכע באַצי־אונגען, געזעלשאַפט און דערביי געזעלשאַפט, וועלכע געפינט זיך אויף אַ באַשטימטער היסטאָרישער אַנטוויקלונגס-שטופע, — אַ געזעלשאַפט מיט אַ באַשטימטן כאַראַקטער. אַזעלכע אייגנאַר־טיקע סך-הכלען פון די פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן שטעלן מיט זיך פאָר די אַנטיקע געזעלשאַפט, די פעאָדאַלע געזעלשאַפט. די בורזשואַזע געזעלשאַפט, און יעדע פון די דיזיקע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אַנטשפּרעכט, בשעתו, אַ גע־וויסער אַנטוויקלונגס-שטופע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט״ *)

ס׳איז איבעריק מוסיף צו זיין, אַז נישט ווייניקער אייגנ־אַרטיקע סך-הכלען פון פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן שטעלן מיט זיך פאָר אויך די נאָך-פריערדיקע שטופעס פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. אַזוי איז אויך איבעריק איבערצוחזרן, אַז אויך ביי דידאָזיקע פריערדיקע שטופעס האָט דער צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע השפעה אויף די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון די מענטשן.

דאָ מוזן מיר זיך אָפּשטעלן, כדי צו באַטראַכטן עטלעכע, אין פלוג גאַנץ איבערצייגנדיקע, קעגנטענות.

די ערשטע טענה באַשטייט אָט אין וואָס.

קיינער פרעגט נישט אָפּ די וויכטיקע באַדייטונג פון די אַרבעט-געצייג, די גוואַלדיקע ראָל פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות אין דער געשיכטלעכער באַוועגונג פון דער מענטש־הייט, — זאָגט מען נישט זעלטן צו די מאַרקסיסטן, — אָבער

---

*) דאָרטן.

די אַרבעט-געצייג ווערן דערפונגדן און ווערן באַנוצט צו דער אַרבעט דורכן מענטש. איר זענט אַליין מודה, אַז דאָס באַנוצן זיך מיט זיי איז מחייב אַ פאַרהעלטנישמעסיק זייער הויכע שטופע פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. יעדער נייער שריט אין דער פאַרפולקאָמענונג פון די אַרבעט-געצייג פאַרלאַנגט נייע אָנשטרענגונגען פונם מענטשלעכן שכל. די אָנשטרענגונגען פונם שכל זענען — אַ ס י ב ה, די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנ-דיקע כוחות — אַ ר ע ז ו ל ט אַ ט. הייסט עס, אַז דער שכל איז די הויפּט-באַוועג-קראַפט פונם היסטאָרישן פּראָגרעס; הייסט עס, אַז גערעכט זענען געווען ד י מענטשן, וועלכע פלעגן באַ-הויפּטן, אַז מיט דער וועלט רעגירן מיינונגען, ד. ה. ס׳רע-גירט דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד.

נישטאָ עפּעס נאַטירלעכערס פון אַזאַ באַמערקונג, אָבער דאָס שטערט איר נישט צו זיין אומבאַגרינדעט.

זיכער, די באַנוצונג פון אַרבעט-געצייג איז מחייב אַ הויכע אַנטוויקלונג פונם שכל אין דער חיה-מענטש. אָבער גיט אַ קוק, מיט וואָס פאַראַ סיבות עס דערקלערט דידאָזיקע אַנטוויקלונג די מאָדערנע נאַטורוויסנשאַפט.

„דער מענטש וואָלט קיינמאָל נישט דערגרייכט די הערשנדיקע לאַגע אין דער וועלט אָן דער באַנוצונג פון די הענט, דידאָזיקע געצייג, וועלכע זענען אַזוי וואונדערבאַר גע-האָרכזאַם צו זיין ווילן“, זאָגט ד אַ ר ו י ן *). דאָס איז נישט קיין נייער געדאַנק, ס׳האָט אים שוין אַרויסגעזאָגט ה ע ל וו ע-צ י ו ס. אָבער ה ע ל וו ע צ י ו ס, וועלכער האָט נישט געקענט פּעסט איינשטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון אַנטוויקלונג, איז נישט געווען בכוח צוצוגעבן כאָטש אַ וועלכן נישט איז וואַרשיינלעכן כאַראַקטער זיין אייגענער מיינונג. דאַרווין האָט אויף צו פאַר-טיידיקן דעם געדאַנק אַרויסגערוקט אַ גאַנצן ארסענאַל מיט אַר-גומענטן, און כאָטש זיי טראָגן אַלע, פאַרשטייט זיך, אַ היפּאָ-טעטישן כאַראַקטער, זענען זיי אָבער צוזאַמען גענומען גענוג איבערצייגנדיק. וואָס-זשע זאָגט ד אַ ר וו י ן? פונוואַנען האָבן

---

*) La Descendance de l'homme etc. Paris, 1881, p. 51.

זיך געגומען ביים quasi-מענטש זיינע איצטיקע, פולשטענדיק
מענטשלעכע הענט, וועלכע האָבן געהאַט אַזאַ קענטיקע ווירַ-
קונג אויף די דערפאָלגן פון זיין „פאַרשטאַנד"? וואַרשיינלעך,
האָבן זיי זיך אויסגעבילדעט אַ דאַנק געוויסע באַזונדערלעכ-
קייטן פון דער געאָגראַפישער סביבה, וועלכע האָבן
געמאַכט פאַר נוצלעך די אַרבעט-פונאַנדערטיילונג צווישן די
פאָדערשטע און אונטערשטע ענד-איברים. די דערפאָלגן פונם
„פאַרשטאַנד" זענען געווען אַ ווייטער רעזולטאַט פון דער-
דאָזיקער פונאַנדערטיילונג און זיי זענען, — ווידעראַמאָל ביי
גוטע אויסערלעכע באַדינגונגען, — געוואָרן, בשעתם, די נאָ-
ענטסטע סיבה דערפון, וואָס ביים מענטש האָבן זיך באַוויזן
קינסטלעכע אָרגאַנען, די באַנוצונג פון געצייג. דידאָזיקע נייע
קינסטלעכע אָרגאַנען האָבן געהאַט נייע פאַרדינסטן פאַר זיין
אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, און די דערפאָלגן פונם „פאַר-
שטאַנד" האָבן זיך ווידער אָפּגעשפּיגלט אויף די אָרגאַנען. דאָ
איז פאַר אונז אַ לאַנגער פּראָצעס, אין וועמ'כן די סיבה און
דער רעזולטאַט בייטן זיך כסדר. אָבער ס'וואָלט געווען
אַ טעות צו באַטראַכטן דעמדאָזיקן פּראָצעס פונם שטאַנדפּונקט
פון פּשוטער קעגנזייטיקער ווירקונג. כדי דער מענטש זאָל
קענען אויסנוצן די שוין דערגרייכטע דערפאָלגן פון זיין „פאַר-
שטאַנד" פאַר דער פאַרפולקאָמענונג פון זיינע קינסטלעכע געצייג,
ד. ה. פאַר דער פאַרגרעסערונג פון זיין מאַכט
איבער דער נאַטור, האָט ער זיך געמוזט געפינען אין
אַזאַ געאָגראַפישער סביבה, וועלכע איז על־פּי אים צוצושטעלן:
1) די מאַטעריאַלן, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער פאַרפולקאָ-
מענונג, 2) די קעגנשטאַנדן, וועמענס באַאַרבעטונג ס'זאָל פאַר-
לאַנגען די פאַרפולקאָמענונג פון די געצייג. דאָרט, וואו ס'זע-
נען נישט געווען קיין מעטאַלן, האָט דער אייגענער פאַר-
שטאַנד פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש בשום-אופן נישט געקענט
אים אַרויספירן ווייטער פון די תחומים פונם „פּעריאָד פון
געשליפענעם שטיין"; פונקט אַזוי זענען פאַרן איבערגאַנג צום
פאַסטוכשן און ערדאַרבעטערשן לעבנשטייגער נויטיק געווען
אַ געוויסע פאַאונאַ און פלאָראַ, אָן וועלכע „דער פאַרשטאַנד
וואָלט פאַרבליבן אומבאַוועגלעך". אָבער אויך דאָס איז נאָך

בישט אַלץ. די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פון די אור־געזעלשאַפטן האָט געדאַרפט פאָרקומען אַלץ גיכער, וואָס מער ס'זענען געווען קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן זיי, און דידאָזיקע באַציאונגען זענען געווען אַלץ אָפטער, נאַטירלעך, וואָס פאַרשיידנאַרטיקער עס זענען געווען די געאָגראַפישע באַדינגונגען פון די דורך זיי באַזעסענע ערטער, ד. ה. בכן, וואָס ווייניקער ס'זענען געווען ענלעך די פּראָדוקטן, וועלכע זענען פּראָדוצירט געוואָרן אין איין געגנט, צו די פּראָדוקטן פון דער אַנדער געגנט *) שליסלעך, אַלעמען איז באַקאַנט, ווי וויכטיק עס זענען אין אָט דער הינזיכט די נאַטירלעכע קאָמוניקאַציע־וועגן. העגעל פלעגט שוין זאָגן, אַז די בערג שיידן פונאַנדער מענטשן; די טייכן און ימען דערנענטערן זיי **)

*) אינם באַקאַנטן בוך פון פאָן־מארציוס (118) וועגן די אור־באַוואוינער פון בראַזיליע קען מען געפינען עטלעכע אינטערעסאַנטע ביישפּילן, וועלכע באַווייזן, ווי באַדייטנדיק עס זענען די, אין פלוג, סאַמע אומבאַדייטנדיקע באַזונדערלעכקייטן פון געגנטן אין דער אַנטוויקלונג פון קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן [illegible]עריע באַוואוינער.

**) אגב, וואָס ס'איז שייך דעם ים, דאַרף מען באַמערקן, [illegible] נישט אַלעמאָל דערנענטערט ער מענטשן. ראַטצעל (119) (Antropo-Geograhie, Stuttgart, 1882,92) באַמערקט ריכטיק, אַז ביי אַ געוויסער, נידעריקער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע איז דער ים אַן אַבסאָלוטע גרענעץ, ד. ה. ער מאַכט אוממעגלעך, וועלכע ס'זאָלן נישט זיין, באַציאונגען צווישן די פעלקער, וועלכע זענען דורך אים פונאַנדערגעטיילט. די צווישנבאַציאונגען, ווענענס מעגלעכקייט ס'איז אורשפּרינגלעך אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון די אייגנשאַפטן פון דער געאָגראַפישער סביבה, לייגן אַרויף, פון זייער זייט, זייער שטעמפּל אויף דער פיזיאָנאָמיע פון די אור־שבטים. די אינזל־תושבים שיידן זיך שטאַרק אונטער פון די קאָנטינענטן־באַוואוינער.

(120) „Die Bevölkerungen der Insleun sind in einigen Fallen vollig andere als die des nachts gelegen Festlandes oder der nächsten grössern Insel; aber auch wo sie ursprunglich derselben Rasse oder Völkergruppe angehören, sind sie immer weit von derselben verschieden; und zwar, kann mann hinzusetzen, in der Regel weiter als die entsprechen-

די געאָגראַפישע סביבה ווייזט אַרויס אַ נישט-וויניקער אַנטשיידנדיקע השפעה אויך אויפן גורל פון גרעסערע געזעלשאַפטן, אויפן גורל פון מלוכות, וועלכע אַנטשטייען אויף די חורבות פון די אורמענטשלעכע שטאַם-אָרגאַניזאַציעס. „נישט די אַבסאָלוטע פּרוכטבאַרקייט פונם באָדן, נאָר איר דיפערענצירונג, די פאַרשיידנאַרטיקייט פון אירע נאַטירלעכע שאַפונגען שאַפט דעם נאַטירלעכן יסוד פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט-פאַרטיילונג און צווינגט דעם מענטשן, אַ דאַנק דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זײַנע אַרומיקע נאַטירלעכע באַדינגונגען, צו מאַכן פאַרשיידנאַרטיק זײַנע אייגענע באַדערפענישן, פעאיקייטן, זײַנע פּראָדוקציע מיטלען און מעטאָדן. די נויטווענדיקייט צו באַשטימען אַ געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל אויף אַ באַשטימטער נאַטור-קראַפט, כּדי זי צו עקספּלואַטירן אין גרויסן פאַרנעם, כּדי זי אונטערצוואַרפן דעם מענטש דורך דער מיטהילף פון די אָרגאַניזירטע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען, שפּילט די סאַמע אַנטשיידנדיקע ראָל אין דער געשיכטע פון דער אינדוסטריע. אַזאַ איז געווען די באַדייטונג פון דער וואַסער-רעגולירונג אין עגיפּטן, אין לאָמבאַרדיע, אין האָלאַנד, אָדער אין פּערסיע און אין אינדיע, וואו די באַוואַסערונג דורך קינסטלעכע קאַנאַלן ברענגט דער ערד נישט בלויז די נויטיקע מאָס וואַסער, נאָר גלייכצייטיק ברענגט זי מיט איר שליאַם מינעראַלע באַמיסטיקונג פון די בערג. דער סוד פון דעם אינדוסטריעלן אויפבלי פון שפּאַניע און סיציליע בעת דער הערשאַפט פון די אַראַבער באַשטייט אין קאַנאַליזאַציע *).

---

den festländischen Abzweigungen dieser Rasse oder Gruppe untereinander“ — (Ratzel, l. e. .S 96.) דאָ חזרט זיך איבער דער זעלבער געזעץ, וואָס ביי דעם אויסבילדן זיך פון די חיהשע מינים און שאַטירונגען.

*) מאַרקס, Das Kapital, dritte Auflage, S. S. 524-526 אין דער באַמערקונג (ז. 526) איז מאַרקס מוסיף: „איינער פון די נאַטירלעכע יסודות פאַר דער מלוכהשער מאַכט איבער די קליינינקע פּראָדוצירנדיקע אָרגאַניזמען פון אינדיע, וועלכע האָבן נישט געהאַט צווישן זיך קיין קעגנזייטיקע פאַרבינדונג, איז געווע די רעגולירונג פונם וואַסער-צופלוס. די מאַכמעדאַנישע הערשער פון

אַלזאָ: נאָר אַ דאַנק געוויסע ספּעציעלע אייגנ-
שאַפטן פון דער געאָגראַפישער סביבה האָבן
אונזערע אַנטראָפּאָמאָרפישע אבות זיך געקענט
אויפהויבן אויף יענער הויך פון אינטעלעקטו-
עלער אַנטוויקלונג, וועלכע איז געווען נויטיק
פאַר זייער פאַרוואַנדלונג אין toolmaking
animals און פונקט אַזוי האָבן בלויז געוויסע
גאַזונדערלעכקייטן פון דערזעלביקער סביבת
בּעקענט געבן אַ מעגלעכקייט פאַר דער באַנוצונג
און פאַר דער כּסדרדיקער פאַרפולקאָמענונג פון
דערדאָזיקער נייער פעאיקייט צו „מאַכן געצייג".
אינם היסטאָרישן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון די פּראָדוצירנדיקע
כּוחות דאַרף מען די פעאיקייט פונם מענטש צו „מאַכן גע-
צייג" באַטראַכטן, קודם-כּל, ווי אַ תּמידיקע גרויס, און
די אַרומיקע אויסערלעכע באַדינגונגען פונם אויסנוצן דידאָזיקע
פעאיקייט, ווי אַ תּמיד פאַרענדערלעכע גרויס*).

אינדיע האָבן דאָס פאַרשטאַנען בעסער ווי זייערע ממלא-מקומ'ס, די ענגלענדער-
מיט דער, אין טעקסט געבּראַכטער, מיינונג פון מאַרקסן וועלן מיר פאַ־גלייכן אַ מיי
נונג פון אַ נייערער פאַרשונג:
121) „Unter dem, was die lebende Natur dem Menschen an Gaben bietet, ist nicht der Reichtum an Stoffen, sondern der an Kräften, oder besser gesagt Kräfte anregungen am höchsten .zu-schätzen". Ratzel l. cit. S. 343

*) „מיר דאַרפן זיך היטן, זאָגט ל. גייגער (122) — פון צושרייבן דעם
דענקען אַ צו גרויסן אָנטייל אין דעם אויפקומען פון געצייג. די אַנטדעקונג פון
די ערשטע, זייער וויכטיקע, געצייג איז, נאַטירלעך, פאָרגעקומען צופעליק, פונקט
ווי אַסאַך אַנדערע גרויסע אַנטדעקונגען פון דער נייערער וועלט. זיי זענען, אייגנט-
לעך, ניכער געפונען געוואָרן, איידער דערפונדן געוואָרן. צו דערדאָזי-
קער אָנשויאונג בין איך דערגאַנגען ספּעציעל צוליב דעם אומשטאַנד, וואָס די נע-
מען פון די געצייג קומט קיינמאָל נישט פון זייער באַאַרבעטונג, וואָס זיי (די נע-
מען) האָבן קיינמאָל נישט קיין גענעטישן כאַראַקטער, נאָר זיי שטאַמען פון יענער
באַנוצונג, וועלכע ווערט געמאַכט מיט די געצייג. אַזוי זענען אין דער דייטשישער
שפּראַך Scheere (אַ שער), Säge (אַ זעג), Hacke (אַ האַק) קענג-

דער אונטערשייד אין די רעזולטאַטן (די שטופּעס פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג), וועלכע זענען דער-גרייכט געוואָרן דורך פאַרשיידענע מענטשלעכע געזעלשאַפטן, דערקלערט זיך טאַקע דערמיט, וואָס די אַרומיקע באַדינגונגען האָבן נישט דערמעגלעכט די פאַרשיידענע מענטשלעכע שבטים אין אַ גלייכער מאָס פּראַקטיש אויסצונוצן זייער פעאיקייט צו „דערפינדן". ט'איז פאַראַן אַ שולע פון אַנטראָפּאָלאָגן, וועלכע שרייבט - צו דעם אונטערשייד אין די דערמאָנטע רעזולטאַטן די פאַרשיידענע אייגנשאַפטן פון די מענטשלעכע ראַסעס. אָבער די אָנשויאונג פון דערדאָזיקער שולע האַלט נישט אויס קיין קריטיק: זי שטעלט מיט זיך בלויז פאָר אַ נייע וואַריאַ-ציע פונם אַלטן מעטאָד צו דערקלערן היסטאָרישע דערשיינונ-גען מיטן פאַרופן זיך אויף דער „מענטשלעכער נאַטור" (ד. ה. אין דעם פאַל, מיט פאַרופן זיך אויף דער נאַטור פון דער ראַסע) און זי איז לויט איר וויסנשאַפטלעכער טיפקייט נישט

שטאַנדן וועלכע שערן, זעגן, האַקן. דערדאָזיקער שפּראַך-געזעץ דאַרף באַכמער ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, ווייל די נעמען פון די מכשירים וועלכע שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין געצייג, בילדן זיך אויס אויף אַ געגעטישן אויף אַ פאַסיוון וועג פון יענעם מאַטעריאַל אָדער פון יענער אַרבעט, פון וועלכער, אָדער אַ דאַנק וועלכער, זיי קומען אַרויס. למשל, אַ לאָגל, אַלס אַן אויפנאַם-אַרבעט פאַר וויין, האָט אורשפּרינגלעך אין אַסאַך שפּראַכן דעם באַטייט פון אַ פעל, וואָס איז אָפּגעשונדן פון אַ חיה, — דעם דייטשישן Schlauch אַנטשפּרעכט דער ענגלי-שער Slouqh, אַ שלאַנגגן-פעל; דאָס גריכישע ascois איז גלייכצייטיק אַ פעל אין זין פון אַ ווײנלאָגל און פון אַ חיהשער פעל. דאָ הייסט עס, באַווייזט אונז די שפּראַך באַשיינפּערלעך. וויאַזוי און פון וואָס איז געמאַכט יענע זאַך, וואָס הייסט לאָגל. נישט אַזוי איז אין באַצוג צו געצייג; אויך זיי זענען לכתחילה, אויב מ'זאָל זיך סומך זיין אויף דער שפּראַך, אַבסאָלוט נישט געווען אויסגעפּאַרטיקט; אַזוי האָט דער ערשטער מעסער געקענט זיין אַ צופעליק געפונענער, און איך וואָלט געזאָגט, אַ שפּילנדיק באַנוצטער, שאַרפער שטיין". L. Geiger. Die Urgeschich-te der Menschheit im Lichte der Sprache. Mit be-sonderer Beziehung auf die Entstehnng des Werk-zeugs. S. 36-37, אינם זאַמלבוך Zur Entwickelungsgeschichte der Menschheit, Stuttgart 1878.

זייט אַוועק פֿון די אָנשויאונגען פֿונם מאַליעַרישן דאָקטאָר, וועלכער זאָגט אַרויס טיפּזיניק: אָפּיום פֿאַרשלעפֿערט ווייל ער האָט די אייגנשאַפֿט צו פֿאַרשלעפֿערן (די ראַסע איז אָפּגעשטאַנען, ווייל זי האָט געהאַט די אייגנשאַפֿט צו זיין אָפּגעשטאַנען).

ווירקנדיק אויף דער נאַטור מחוץ פֿון זיי ענדערט דער מענטש זיין אייגענע נאַטור. ער אַנטוויקלט אַלע זיינע פֿעאיקייטן, און צווישן זיי אויך די פֿעאיקייט צו „מאַכן געצייג“. אָבער אין יעדער צייט ווערט די מאָס פֿון דער דאָזיקער פֿעאיקייט באַשטימט מיט דער מאָס פֿון דער שוין דערגרייכטער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות.

וויבאַלד די אַרבעט-געצייג ווערן אַ פּראָדוקציע-קעגנשטאַנד ווערט די מעגלעכקייט גופא, פּונקט ווי די גרעסערע אָדער קלענערע שטופּע פֿון זייער פֿאַרפֿולקאָמענונג, אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון יענע אַרבעט-געצייג, דורך וועמענס הילף די דאָזיקע ווערן געמאַכט. דאָס איז קלאָר פֿאַר יעדערן און אָן קיינע אויפֿקלערונגען. אָבער אָט וואָס, למשל, ס׳קען זיך אויסדאַכטן אויפֿן ערשטן קוק, לגמרי אומפֿאַרשטענדלעך: פּלוטאַרך (123) דערמאָנענדיק וועגן די דערפֿינדונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן דורך אַרכימעדן (124), בעת די רוימער האָבן באַלאַגערט סיראַקוזה (125), געפֿינט פֿאַר נויטיק צו אַנטשולדיקן דעם דערפֿינדער: פֿאַר אַ פֿילאָזאָף פּאַסט, נאַטירלעך, נישט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע מיני זאַכן, זאָגט ער, אָבער אַרכימעדן פֿאַרענטפֿערט די צרה, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפֿונען זיין פֿאָטערלאַנד. פֿרעגן מיר, וועמען וועט עס איצט איינפֿאַלן צו זוכן מילדערנדיקע אומשטענדן פֿאַר עדיסאָנס (126) שולד? מיר האַלטן איצט נישט פֿאַר קיין חרפּה — אדרבה? — דעם מענטשנס פּראַקטישע באַנוצונג פֿון זיין פֿעאיקייט צו מעכאַנישע דערפֿינדונגען, און די גריכן (אָדער, אויב איר ווילט, די רוימער), האָבן, ווי איר זעט, נעקוקט דערויף גאָר אַנדערש. דעריבער האָט דער גאַנג פֿון מעכאַנישע אַנטדעקונגען און דערפֿינדונגען געדאַרפֿט ביי זיי פֿאָרקומען, — און איז ווירקלעך פֿאָרגעקומען, — אומפֿאַרגלייכלעך

פֿאַמעלעכער, איידער בײַ אונז. דאָ קומט שוין ווידער, דאַכט זיך, אויס, אַז מײַנונגען רעגירן מיט דער וועלט. אָבער פֿונוואַנען האָט זיך גענומען צו די גריכן אַזאַ משונה־דיקע „מײַנונג״? איר אָפּשטאַמונג לאָזט זיך נישט דערקלערן מיט די אייגנשאַפֿטן פֿונם מענטשלעכן „פֿאַרשטאַנד״. דאַרף מען, הייסט עס, דערמאַנען זייערע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלט־נישן. די גריכישע און די רוימישע געזעלשאַפֿטן זענען געווען, ווי באַקאַנט, שקלאַפֿנבאַזיצערישע געזעלשאַפֿטן. אין אַזעלכע געזעלשאַפֿטן איז די גאַנצע פֿיזישע אַרבעט, די גאַנצע פּראָדו־צירונגס־אַרבעט אויסגעפֿאַלן אויפֿן גורל פֿון די שקלאַפֿן. אַ פֿרײַ־ער מענטש שעמט זיך מיט אַזאַ אַרבעט, און דעריבער ביל־דעט זיך אויס, נאַטירלעך, אַ פֿאַראַכטנדיקע באַציאונג אַפֿילו צו די וויכטיקסטע דערפֿינדונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו די פּראָדוצירנדיקע פּראָצעסן און, ממילא, אויך צו די מעכאַנישע דערפֿינדונגען. אָט פֿאַרוואָס פּלוטאַרך האָט געקוקט אַנדערש אויף אַרכימעדן, ווי מיר קוקן איצט אויף עדיסאָנען*). אָבער פֿאַרוואָס־זשע האָט זיך אין גריכנלאַנד געשאַפֿן שקלאַ־פֿערײַ? צי נישט אַמאָל צוליב דעם, ווײַל די גריכן האָבן, אַ דאַנק עטלעכע טעותן פֿון זייער „פֿאַרשטאַנד״, געהאַלטן די

---

*) די גרינדער (פֿון דערדאָזיקער מעכאַניק)... זענען געווען עוודאָקס (127) און אַרכיס (128), וועלכע האָבן געגעבן דער געאָמעטריע אַ פֿאַרביקערן און אינטערעסאַנטן אינהאַלט, איגנאָרירנדיק צוליב די דירעקט־פּילבאַרע און טעכנישע וויכטיקע אויסנוצונגען פֿון דערדאָזיקער וויסנשאַפֿט, אירע אַבסטראַקטע און פֿאַר דער גראַפֿישער אָפּשילדערונג נישט־צוטריטלעכע פּראָבלעמען... און ווען פּלאַטאָן האָט זיי מיט פֿאַרדרוס אָנגעוויזן דערויף, אַז זיי פֿאַרניכטן די גרויסקייט פֿון דער געאָמעטריע, וועלכע ווערט אין זייערע הענט דערנידעריקט פֿון קערפּערלאָזע און אַבסטראַקטע קעגנשטאַנדן, און זי ווענדעט זיך צו אָנטאַפּבאַרע קעגנשטאַנדן, וועלכע נייטיקן זיך אין אַ פּראָסטער באַלמעלאָכישער באַאַרבעטונג, האָט זיך די מעכאַניק די פֿאַרטריבענע פֿון דער מאַטעמאַטיק, אָפּגעטיילט פֿון איר, און, אַ לאַנגע צײַט נישט זוכה זײַענדיק צו קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט מצד דער פֿילאָזאָפֿיע, איז זי געוואָרן איינע פֿון די הילפֿס־וויסנשאַפֿטן בײַ דער מיליטערישער קונסט״. (Plu-
tarchi Vita Marcelli, edit. Teubneriana G. Sinternis
.Lipsial, 1883. Cap. XIV p.p. 135-136

שקלאַפן-אָרדנונג פאַר דער בעסטער? ניין, נישט צוליב דעם. ס'איז געווען אַ צייט, ווען אויך ביי די גריכן איז נישט געווען קיין שקלאַפעריי, און דאַן האָבן זיי גאָרנישט געהאַלטן די שקלאַפנבאַזיצערישע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג פאַר אַ נאַטירלעכע און אומפאַרמיידלעכע. שפעטער איז אַנטשטאַנען ביי די גריכן שקלאַפעריי און ביסלעכווייז האָט זי גענומען שפילן וואָס אַ מאָל אַלץ אַ וויכטיקערע ראָל אין זייער לעבן. דאַן האָט זיך געענדערט דער קוק אויף איר, מצד די גריכישע בירגער: זיי האָבן אָנגעהויבן צו האַלטן פון איר, ווי פון אַ פולשטענדיק נאַטירלעכער און אומבאַדינגט נויטווענדיקער אינסטיטוציע. אָבער פאַרוואָס איז דאָך אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט ביי די גריכן די שקלאַפעריי? וואַרשיינלעך, צוליב דער זעלביקער סיבה, צוליב וועלכער זי איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט אין אַנדערע לענדער, ביי אַ געוויסער סטאַדיע פון זייער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. און דידאָזיקע סיבה איז באַקאַנט: זי ליגט אינם מצב פון די פראָדוצירנדיקע כוחות. אינדעראמתן, כדי עס זאָל מיר זיין באַקוועמער צו מאַכן פון מיין באַזיגטן שונא אַ שקלאַף איידער אַ געבראָטנס, איז נויטיק, אַז פונם פראָדוקט פון זיין שקלאַפישער אַרבעט זאָל זיך קענען אויפהאַלטן נישט בלויז זיין עקזיסטענץ נאָר, לכל-הפחות, טיילווייז, אויך מיינע. מיט אַנדערע ווערטער, — ס'איז נויטיק אַ געוויסע אַנטוויקלונג-שטופע פון די פראָדוצירנדיקע כוחות, וועלכע געפינען זיך אין מיין רשות. טאַקע דורך דערדאָזיקער טיר קומט אַריין די שקלאַפעריי אין דער געשיכטע. די שקלאַפערישע אַרבעט העלפט ווייניק מיט דער אַנטוויקלונג פון די פראָדוצירנדיקע כוחות: ביי איר קומט פאָר די אַנטוויקלונג אויסערגעוויינלעך לאַנגזאַם, אָבער זי קומט פונדעסטוועגן פאָר און עס קומט אָן, צומלעצט, אַזאַ מאָמענט, ווען די עקספלואַטאַציע פון שקלאַפישער אַרבעט ווייזט זיך אַרויס אַלס אַ ווייניקער באַקוועמע, ווי די עקספלואַטאַציע פון פרייער אַרבעט. דאַמאָלס ווערט די שקלאַפעריי *אָפגעשאַפט* אָדער זי *שטאַרבט אָפ* ביסלעכווייז. דיזעלביקע אַנטוויקלונג פון די פראָדוצירנדיקע כוחות, וועלכע האָט זי אין דער געשיכטע

אַריינגעפירט *), ווייזט איר איצט די טיר. אַזוי־אַרום זעען מיר, אומקערנדיק זיך צו פּלוטאַרכן, אַז זיין קוק אויף אַרכימעדס דערפינדונגען איז געווען אַ פּועל־יוצא פונם צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אין זיין צייט. און היות ווי אַזעלכע מיני קוקן האָבן בלי־ספק אַ גוואַלדיקע השפּעה אויפן ווייטערדיקן גאַנג פון די אַנטדעקונגען און דערפינדונגען, קענען מיר נאָך מיט מער רעכט זאָגן, אַז ביי יעדן באַטרעפנדיקן פאָלק, אין יעדן באַטרעפנדיקן פּעריאָד פון זיין געשיכטע, ווערט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון זיינע פּראָדוצירנדיקע כּוחות באַשטימט לויט זייער צושטאַנד אינם באַהאַנדלטן פּעריאָד.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אומעטום, וואו מיר האָבן צו טאָן מיט אַנטדעקונגען און מיט דערפינדונגען, האָבן מיר אויך צו טאָן מיטן „פאַרשטאַנד". אָן דעם פאַרשטאַנד וואָלטן אַנטדעקונגען און דערפינדונגען געווען פונקט אַזוי אוממעגלעך, ווי זיי זענען געווען אוממעגלעך איידער דער מענטש האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד. די לערע, וועלכע מיר גיבן דאָ

*) ס'איז באַוואוסט, אַז אין משך פון אַ לאַנגער צייט פלעגן די רוסישע פויערים אַליין קענען האָבן, און נישט זעלטן פלעגן זיי טאַקע האָבן, לייבאייגענע. דער צושטאַנד פונם לייבאייגענעם האָט נישט געקענט זיין אנגענעם פאַרן פויער. אָבער ביי דער דאַמאָלסדיקער לאַגע פון רוסלאַנדס פּראָדוצירנדיקע כּוחות, האָט קיין איין פויער נישט געקענט האַלטן דעמדאָזיקן צושטאַנד פאַר אַן אומנאַרמאַלן. דאָס „פויערל", וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט פלעגט פונקט אַזוי נאַטירלעך אנהויבן טראַכטן וועגן איינקויפן לייבאייגענע, ווי דער רוימישער באַפרייטער שקלאַף פלעגט שטרעבן זיך איינצושאַפן שקלאַפן. די צעבונטעוועטע שקלאַפן, אונטער ספּאַרטאַקס אָנפירונג, האָבן געפירט אַ מלחמה קעגן זייערע באַזיצערס, אָבער נישט קעגן דער שקלאַפעריי; ווען עס וואָלט זיי געלונגען צו דעראָבערן די פרייהייט, וואָלטן זיי, ביי גינסטיקע באַדינגונגען, אַליין געוואָרן, מיט אַ גאַנץ רואיק געוויסן, שקלאַפנבאַזיצערס. נישט ווילנדיק קומען דערביי ארויף אויפן זכּרון, אָנגעמענדיק אַ נייעם תּוכן, שעלינגס ווערטער: די פרייהייט מוז זיין באַלקאָרכעדיק. די געשיכטע באַווייזט, אַז יעדע מין פרייהייט קומט נאָר דאָרטן, וואו זי ווערט אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט.

איבער, איגנאָרירט לגמרי נישט די ראָל פונם שכל; זי באַמיט זיך בלויז צו דערקלערן, פאַרוואָס האָט דער שכל אין יעדער באַטרעפנדיקער צייט געווירקט אַזוי, און נישט אַנדערש: זי באַציט זיך נישט מיט גרינגשעצונג צו די דערפאָלגן פונם שכל, זי באַמיט זיך בלויז אויסצוגעפינען פאַר די דאָזיקע דערפאָלגן אַ גענוגנדיקע סיבה.

קעגן אָטאָ דער לערע האָט מען לעצטנס אָנגעהויבן אַרויסצורוקן אַן אַנדער קעגן-טענה, וועלכע מיר וועלן איבערגעבן פאָרצושטעלן דעם ה׳ קאַריעיעוו: (129)

„מיטן לויף פון דער צייט, — זאָגט דערדאָזיקער שרייבער, איבערגעבנדיק, מער ווייניקער צום דערליידן, ענגעלסנס היסטאָרישע פילאָזאָפיע, — האָט ענגעלס דערגאַנצט זיין אָנשויאונג מיט נייע געדאַנקען, וועלכע האָבן אין איר אַריינגעטראָגן אַ וועזנטלעכע ענדערונג. אויב פריער פלעגט ער אָנערקענען אַלס יסוד פונם מאַטעריעלן פאַרשטיין די געשיכטע בלויז די פאָרשונג פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, האָט ער שפּעטער אָנערקענט די גלייכווערטיקע באַדייטונג אויך פון דער פאָרשונג פונם פאַמיליע-סיסטעם. דאָסדאָזיקע איז געשען אונטער דער ווירקונג פון דער נייער פאָרשטעלונג וועגן די אור-פאָרמען פון די הייראַט- און פאַמיליע פאַרהעלטנישן, וועלכע האָט אים געצוואונגען זיך צו רעכענען נישט בלויז מיטן פּראָצעס פון דער שאַפונג פון פּראָדוקטן, נאָר אויך מיטן פּראָצעס פון דער כסדרדיקער ווידערבאַשאַפונג פון מענטשלעכע דורות. אין דעם פאַל איז די השפעה געקומען באַזונדערס פון דער זייט פון „דער אוראַלטער געזעלשאַפט" פון מאָרגאַנען *), און אַזוי ווייטער.

הייסט עס, אַז אויב פריער „פלעגט ענגעלס אָנערקענען אַלס יסוד פונם מאַטעריעלן (?) פאַרשטיין די געשיכטע, די פאָרשונג פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט" האָט ער שטעטער, „אָנערקענענדיק די גלייכווערטיקע באַדייטונג א. אַ. וו.", אייגנטלעך אויפגעהערט צו זיין אַן „עקאָנאָ-

*) זע „דער עקאָנאָמישער מאטעריאליזם אין דער געשיכטע". „וויעסטניק עווראָפי", אויגוסט 1894. ז. 801.

מישער" מאַטעריאַליסט. ה' קאַריעיעוו שילדערט דידאָזיקע געשיכטע מיט אַ טאָן פון אַן אָביעקטיוון היטאָריקער, און ה' מיכאַילאָווסקי „שפּרינגט אַרויס פון די כּלים" צוליב דעם, אָבער ביידע זאָגן זיי אין תּוך איינס און דאָס זעלבע און ביידע חזרן איבער דאָס, וואָס עס האָט פאַר זיי געזאָגט דער אויסערגעוויינלעך-איבערפלעכלעכער דייטשישער שרייבער וויזענגרין אין זיין בוך „Entwickelungsgesetze der Menschheit"

ס'איז פולשטענדיק נאַטירלעך, אַז אַזאַ אויסגעצייכנטער מענטש, ווי ענגעלס, פלעגט אויפמערקזאַם נאָכפאָלגנדיק אין משך פון גאַנצע יאָרצענדליקער די וויסנשאַפטלעכע באַוועגונג פון זיין צייט, זייער וועזנטלעך „דערגאַנצן" זיין גרונט-אָנשויאונג אויף דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָבער עס זענען פאַראַן דערגאַנצונגען און דערגאַנצונגען, ווי עס זענען פאַראַן „fagot et fagot". אין דעם פאַל באַשטייט די גאַנצע פראַגע אין דעם, צי האָבן זיך געענדערט ענגעלסנס אָנשויאונגען צוליב די אַריינגעטראָגענע „דערגאַנצונגען"; צי איז ער ווירקלעך געווען געצוואונגען צו אָנערקענען, צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער „פּראָדוקציע", די ווירקונג פון אַ צווייטן פאַקטאָר, וועלכער זאָל כּלומרשט זיין „גלייכווערטיק" מיט דעם ערשטן? ס'איז לייכט צו ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע יעדערן, ווער ס'האָט כאָטש דעם מינדסטן חשק זיך צו באַציען צו איר אויפמערקזאַם און ערנסט.

ס'טרעפט, אַז העלפאַנטן פאַרטרייבן פון זיך די פליגן מיט צווייגן, זאָגט דאַרווין. מיר האָבן דערביי געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז פונדעסטוועגן שפּילן נישט די צווייגן אינעם לעבן פון העלפאַנטן קיין שום וועזנטלעכע ראָל, אַז דער העלפאַנט איז נישט דעריבער אַ העלפאַנט, ווייל ער פלעגט זיך באַנוצן מיט צווייגן, אָבער דער העלפאַנט מערט זיך. ביי דעם העלפאַנט-זכר עקזיסטירט אַ געוויסע באַציאונג צו דער נקבה. ביים זכר און ביי דער נקבה עקזיסטירט אַ געוויסע באַציאונג צו די קינדער. ס'איז קלאָר, אַז נישט די „צווייגן" האָבן געשאַפן דידאָזיקע באַציאונגען, זיי זענען געשאַפן געוואָרן דורך די אַלגעמיינע לעבנסבאַדינגונגען פון דעמדאָזיקן

מין, דורך באַדינגונגען, אין וועלכע די ראָל פון דעם „צווייג" איז אַזוי אומענדלעך קליין, אַז מ'קען זי אָן קיין שום טעות צוגלייכן צו נול. אָבער שטעלט אייך פאָר, אַז אינם לעבן פון העלפאַנט הויבט אָן דער צווייג אַלץ מער און מער צו האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג אין דעם זין, אַז ער הויבט אָן אַלץ מער און מער צו ווירקן אויפן קאָמפּלעקס פון יענע אַלגעמיי־נע באַדינגונגען, פון וועלכע ס'זענען אָפּהענגיק אַלע געוואוינ־הייטן פון די העלפאַנטן, און צומלעצט אויך זייער עקזיסטענץ גופא. שטעלט אייך פאָר, אַז דער צווייג האָט, ענדלעך, באַ־קומען אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף דער באַשאַפונג פון דידאַזיקע באַדינגונגען, — דאַן וועט מען מוזן מודה זיין, אַז לויטן צווייג בילדן זיך אויס, סוף־כל־סוף, אויך די באַ־ציאונגען פונם העלפאַנט צו דער נקבה און צו די קינדער. דאַן וועט אויסקומען מודה צו זיין, אַז ס'איז געווען אַ צייט, ווען די „פאַמיליען"־פאַרהעלטנישן פון די העלפאַנטן האָבן זיך אַנטוויקלט זעלבשטענדיק (אין זין פון זייער פאַרהעלטניש צו דעם צווייג), נאָר אַז דערנאָך איז אָנגעקומען אַזאַ צייט, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען לויטן „צווייג". וועט דאָ זיין עפּעס אויסטערלישעס אין אַזאַ אָנערקענונג? אַבסאָלוט גאָרנישט, אַ חוץ די אויסטערלישקייט פון דער עצם היפּאָטעזע בנוגע דער אומדערוואַרטעטער אַנטשיידנדיקער באַדייטונג, וואָס עס באַקומט דער צווייג אינם לעבן פון העלפאַנט. מיר ווייסן אַליין אויך, אַז בנוגע דעם העלפאַנט קען נישט דידאָזיקע היפּאָטעזע נישט אויסזען ווי אַן אויסטערלישע; אָבער אין באַצוג צו דער געשיכטע פון דעם מענטש זעט די זאַך אַנ־דערש אויס.

דער מענטש האָט זיך נאָר בהדרגהדיק אַרויסגעשטעלט פון דער חיהשער וועלט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען אין לעבן פון אונזערע מענטשן־ענלעכע אבות האָט געצייג געשפּילט אַזאַ נישטיקע ראָל, ווי דער צווייג אינם לעבן פון העלפאַנט. במשך פון דערדאָזיקער זייער לאַנגער צייט פלעגן די באַציאונגען פון די מענטשן־ענלעכע זכרים צו די מענטשן־ענלעכע נקבות, פּונקט אַזוי ווי די באַציאונגען פון זיי צו די מענטשן־ענלעכע קינדער, זיך אויסבילדן לויט די אַלגעמיינע לעבנס באַדינגונגען פון דעמ־

דאָזיקן מין, וועלכע האָבן צום אַרבעט-געצייג נישט געהאַט קיין שום שייכות. פון וואָס-זשע זענען דאָן געווען אָפּהענגיק די „פאַמיליען"-באַציאונגען פון אונזערע אבות? דערקלערן עס דאַרפן די נאַטוראַליסטן. דער היסטאָריקער האָט דאָ לעת-עתה גאָרנישט וואָס צו טאָן. אָבער אָט הויבט אָן די אַרבעט-געצייג צו שפּילן אַלץ אַ מער און מער וויכטיקע ראָל אינם לעבן פון מענטש, די פּראָדוצירנדיקע כוחות אַנט-וויקלען זיך אַלץ מער און מער, און עס קומט אָן, צומלעצט, אַזאַ מאָמענט, ווען עס באַקומט אַן אַנטשיידענע ווירקונג אויפן גאַנצן קאָמפּלעקס פון די געזעלשאַפטלעכע, ד. ה. צווישן אַנ-דערע, אויך פון די פאַמיליען-פאַרהעלטנישן. דאָ הויבט זיך שוין אָן די אַרבעט פונם היסטאָריקער: ער דאַרף באַווייזן, ווי אַזוי און פאַרוואָס האָבן זיך געענדערט די פאַמי-ליען-פאַרהעלטנישן פון אונזערע אבות, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון זייערע פּראָדוצירנדיקע כוחות, ווי אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די פאמיליע, אָפּהענגיק פון די עקאָנאָמישע פארהעלטנישן אָבער ס'איז פארשטענדלעך, אז וויבאלד ער וועט זיך נעמען פאַר דער ארבעט פון אזא אויפקלערונג וועט אים, ביי דער שטודירונג פון דער אור-פאמיליע, אויסקומען זיך צו רעכענען נישט בלויז מיט דער עקאָנאָמיע; מענטשן האָבן זיך דאָך געפּרוכפּערט און געמערט פריער נאָך, איידער דאָס ארבעט-געצייג האָט באקומען אן אנטשיידנדיקע ווירקונג אינם לעבן פון מענטש; עס האָבן דאָך אויך פריער עקזיסטירט געוויסע פאמיליען-פארהעלטנישן, וועלכע האָבן זיך אויסגעביל-דעט לויט די אַלגעמיינע עקזיסטענץ-באַדינגונגען פונם מין — homo sapiens. וואָס-זשע אייגנטלעך וועט דאָ דאַרפן טאָן דער היסטאָריקער? ער וועט דאַרפן, כּודם-כּל, ארויספּאָדערן אַ פאָרמולאַר-ליסטע פון דעמדאָזיקן מין ביים נאַטוראַליסט, וועל-כער וועט אים איבערגעבן, פון האַנט צו האַנט, די ווייטער-דיקע שטודירונג פון דער אנטוויקלונג פונם מענטש; צווייטנס, וועט ער דאַרפן דערגאַנצן דידאָזיקע ליסטע „מיט אייגענע מיטלען". מיט אַנדערע ווערטער, ער וועט דאַרפן נעמען די „פאַמיליע", אַזוי ווי זי האָט זיך געשאַפן, לאָמיר זאָגן, אין זאָ-אָלאָגישן פּעריאָד פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט,

און דערנאָך באַווייזן, וועלכע ענדערונגען זענען אין איר אַרייַנגעטראָגן געוואָרן אין משך פונם היסטאָרישן פעריאָד, אונטער דער ווירקונג פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, אַלס פּועל־יוצא פון די ענדערונגען אין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. אָט טאַקע בלויז דאָס זאָגט ענגעלס. און מיר פרעגן: צי בעת ער זאָגט דאָס, ענדערט ער כאָטש אויף אַ האָר זיין אורשפּרינגלעכן קוק אויף דער באַדייטונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט? צי נעמט ער אָן, צוגלייך מיט דער ווירקונג פון דעמדאָזיקן פאַקטאָר, די ווירקונג פון עפּעס אַ צווייטן, „גלייכווערטיקן" פאַקטאָר? דאַכט זיך, ער ענדערט גאָרנישט, דאַכט זיך, ער נעמט גאָרנישט אָן עפּעס אַזוינס. נו, און אויב נישט, טאָ פאַרוואָס־זשע רעדן וועגן דער ענדערונג פון זיינע אָנשויאונגען די ה״ה ווייזענגרין און קאַריעיעוו, פאַרוואָס־זשע שפּרינגט ארויס פון די כלים ה׳ מיכאילאָווסקי? גיכער פאַר אַלץ צוליב זייער אייגענער לייכטזיניקייט.

„אָבער ס׳איז דאָך משונהדיק צו דערפירן די געשיכטע פון דער פאַמיליע צו דער געשיכטע פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, אפילו במשך פון דעם, וואָס איר רופט, היסטאָרישן פעריאָד", — שרייען אין כאָר אונזערע קעגנער. קען זיין, אַז ס׳איז משונהדיק, און קען זיין, אַז ס׳איז נישט משונהדיק: וועגן דעם קען מען דיסקוטירן, וועלן מיר זאָגן מיט ה׳ מיכאַילאָווסקיס ווערטער. און מיר האָבן נישט דאַקעגן אַ דיסקוטיר צו טאָן מיט אייך, מיינע הערן, אָבער נאָר מיט איין תנאי: אין משך פונם וויכוח פירט זיך אויף ערנסט, טראַכט זיך אַריין אויפמערקזאַם אינם זין פון אונזערע ווערטער, שרייבט אונז נישט צו אייערע אייגענע מחשבות און איילט נישט צו אַנטדעקן ביי אונז אַזעלכע ווידערשפּרוכן, וועלכע זענען נישט ביי אונז, נישט ביי אונזערע לערער נישט פאַראַן און זענען קיינמאָל נישט געווען. מסכים? זייער גוט, לאָמיר דיסקוטירן.

מ׳קען נישט דערקלערן די געשיכטע פון דער פאַמיליע מיט דער געשיכטע פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, זאָגט איר: דאָס איז שמאָל, איינזייטיק, נישט־וויסנשאַפטלעך. מיר באַהויפּטן דעם היפּך דערפון און ווענדן זיך צו דער פאַרמיטלונג פון ספּעציעלע פאָרשער.

אייך איז, זיכער, באַקאַנט דאָס בוך פון זשיראָ-טעלאָן (131: „Les orgines de la famille“? עפענען מיר פונאַנדער דאָסדאָזיקע אייך באַקאַנטע בוך און מיר געפינען דאָרט, למשל, אַזאַ אָרט:

„די סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אינעווייניק, אינם אור-שבט, די אנטשטייאונג (זשיראָ-טעלאָן זאָגט, אייגנטלעך, „אין דער האָרדע“: de la horde) פון אָפּגעזונדערטע משפחה-גרופּעס, זענען, ווייזט אויס, פאַרבונדן מיטן וואוקס פון דער רייכקייט פון דעמדאָזיקן שבט. דאָס אָנהויבן געברויכן אָדער דאָס אַנטקעגן פון אַ וועלכן נישט איז תבואה-געוויקס, דאָס צוקריגן פון עפּעס אַ נייעם מין חיה, האָבן געקענט זיין אַ גענוגנדיקע סיבה פון גרונטלעכע איבערבויאונגען אין דער ווילדער געזעלשאַפט: אַלע גרויסע דערפאָלגן אין דער ציוויליזאַציע זענען אַלעמאָל צונויפגעפאַלן מיט טיפע ענדערונגען אינם עקאָנאָמישן לעבן פון דער באַפעלקערונג“ (זייט 138 *).

מיט עטלעכע זייטן ווייטער:

„ווי ס'ווייזט אויס, פלעגט דער איבערגאַנג פונם סיסטעם פון פרויען-קרובהשאַפט צום סיסטעם פון מענער-קרובהשאַפט זיך באַזונדערס אויסצייכענען מיט צוזאַמענשטויסן פון יורידישן כאַראַקטער אויפן באָדן פון אייגנטום-רעכט“ (ז. 141).

נאָך ווייטער: „די אָרגאַניזאַציע פון דער פאַמיליע, אין וועלכער עס האָט די פאָרהערשונג דאָס מענערשע רעכט, איז אומעטום, דאַכט זיך מיר, אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער ווירקונג פון אַ כּוח, וועלכער איז פונקט אַזוי פשוט, ווי ער איז סטיכיש... דורך דער ווירקונג פונם אייגנטום-רעכט“ (ז. 146).

אייך איז, זיכער, באַקאַנט, וואָס פאַראַ באַדייטונג אין דער געשיכטע פון דער אור-פאַמיליע מאַק-לענאַן (132) שרייבט צו דער דערמאָרדונג פון קינדער פון פרויען-געשלעכט ענגעלס, ווי באַוואוסט, באַציט זיך זייער נעגאַטיוו צו די אויספאָרשונגען פון מאַק-לענאַן; איז אָבער נאָך אינטערעסאַנטער פאַר אונז אין דעם פאַל, זיך צו באַקענען מיטן קוק

*) מיר ציטירן לויט דער פראַנצויזישער אויסגאַבע פון יאָר 1874.

פון דעם לעצטן אויף דער סיבה, וועלכע האָט אַרויסגערופן די קינדער־דערמאָרדונג, וואָס זאָל, כּלומרשט, האָבן אַזאַ אַטשיידענע השפּעה אויף דער געשיכטע פון דער פאַמיליע.

„פאַר די שבטים, וועלכע זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים און וועלכע קענען, ביי אַ שוואַכער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, בלויז מיט מי אויפהאַלטן זייער עקזיסטענץ, זענען זין אַ קוואַל פון קראַפט, ווי אין דער הינזיכט פון פאַר־טיידיקונג, אַזוי אויך אין הינזיכט פון דעראַרבערן שפּייז; טעכטער — אַ קוואַל פון שוואַכקייט" *).

וואָס־זשע האָט אַרויסגערופן, לויט מאַק־לענאַנס מיינונג, דאָס, וואָס די אור־שבטים פלעגן דערמאָרדן די קינדער פון פרויען־געשלעכט? דער מאַנגל אין עקזיסטענץ־מיטלען, די שוואַכקייט פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, וואָרום, וואָלט ביי דידאָזיקע שבטים געווען גענוג שפּייז, וואָלטן זיי מן־הסתם נישט געמאָרדעט זייערע טעכטערלעך צוליב דער מורא, טאָמער וועלן מיט דער צייט קומען שונאים און זיי וועלן זיי דער־הרגענען אָדער צונעמען אין געפאַנגענשאַפט.

מיר חזרן איבער — עגגעלס איז נישט מסכּים מיט מאַק־לענאַנס קוק אויף דער געשיכטע פון דער פאַמיליע, אויך אונז דאַכט זיך, אַז דערדאָזיקער קוק איז זייער נישט קיין באַפרידיקנדיקער; אָבער פאַר אונז איז דאָ וויכטיק דאָס, וואָס אויך מאַק־לענאַן באַגייט דיזעלבע עבירה, וואָס מ'וואַרפט פאַר ענגעלסן: אויך ער זוכט אינם צושטאַנד פון די פּראָדוצירנ־דיקע כּוחות די אויפקלערונג פון דער געשיכטע פון די פאַ־מיליען־פאַרהעלטנישן.

זאָלן מיר ווייטער ברענגען אונזערע אויסצוגן, זאָלן מיר ציטירן ליפּערטן (133), מאָרגאַנען? מיר זעען נישט קיין נויטווענדיקייט דערין. ווער ס'האָט זיי געלייענט, דער ווייס, אַז אין דער הינזיכט זענען זיי אויך אַזעלכע בעל־עבירה־ניקעס ווי מאַק־לענאַן אָדער ענגעלס. אין דעם פאַל איז, ווי באַקאַנט, אויך נישט ריין פון זינד ספּענסער, וועמענס

---

*) Studies in ancient history — primitive marriage. By John Ferg. Mac-Lennan 75 .ז

סאָציאָלאָגישע אָנשויאונגען האָבן, פונדעסטוועגן, נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן „עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם“.

מיט דעמדאָזיקן לעצטן פאַקט קען מען זיך, נאַטירלעך, באַנוצן צו פּאָלעמישע צוועקן און זאָגן: נו, אָט זעט איר! הייסט עס, אַז מ׳קען זיך צוזאַמענטרעפן מיט מ אַ ר ק ס ן און מיט ע נ ג ע ל ס ן ביי דער אָדער יענער באַזונדערער פראַגע און נישט מסכּים זיין מיט זייער אַלגעמיינער היסטאָרישער טעאָריע! אַוודאי, קען מען. די גאַנצע זאַך באַשטייט אין דעם, אויף וועמענס זייט וועט דערביי זיין די לאָגיק.

גייען מיר ווייטער.

די אַנטוויקלונג פון דער פאַמיליע בילדעט זיך אויס לויט דער אַנטוויקלונג פונם אייגנטום-רעכט, זאָגט ז ש י ר אָ - ט ע - ל אָ ן, מוסיף-זייענדיק, אַז בכלל אַלע דערפאָלגן פון דער ציוויליזאַציע פאַלן צונויף מיט ענדערונגען אינם עקאָנאָמישן לעבנשטייגער פון דער מענטשהייט. דער לעזער האָט, וואַרשיינלעך, שוין אַליין באַמערקט, אַז ז ש י ר אָ - ט ע ל אָ ן באַנוצט אַ גאַנץ נישט פּינקטלעכע טערמינאָלאָגיע: דער באַגריף „אייגנטום-רעכט“ אידענטיפיצירט זיך ביי אים מיטן באַגריף „עקאָנאָמישער לעבנשטייגער“. אָבער רעכט איז דאָך רעכט, און עקאָנאָמיע איז דאָך עקאָנאָמיע, און מ׳דאַרף נישט צונויפמישן אָט די צוויי באַגריפן.

פונוואַנען האָט זיך גענומען דאָס באַטרעפנדיקע אייגנטום-רעכט? מעגלעך, אַז עס איז אַנטשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דער עקאָנאָמיע פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט (דאָס ציוויל-רעכט דינט תמיד בלויז אַלס אויסדרוק פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, זאָגט ל אַ ס אַ ל), און מעגלעך, אַז דאָס ציוויל-רעכט האָט צו פאַרדאַנקען זיין אַנטשטייאונג גאָר עפּעס אַ לחלוטין אַנדער סיבה. דאָ דאַרף מען פאָרזעצן דעם אַנאַליז און נישט איבערייסן אים גראָד אין ד ע ם מאָמענט, ווען ער באַקומט אַ באַזונדערס טיפן, צומערסטן לעבהאַפטן אינטערעס.

מיר האָבן שוין געזען, אַז די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַוראַציע-צייטן האָבן נישט געפונען קיין צופרידנשטעלנדיקע תשובה אויף דער פראַגע וועגן דער אַנטשטייאונג פונם אייגנטום-רעכט. ה׳ ק אַ ר י ע י ע וו באַרירט, אין זיין

אַרטיקל „דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם אין דער געשיכטע״, די דייטשישע היסטאָרישע שולע פונם רעכט. ס'וועט נישט שאַדן, אַז אויך מיר זאָלן דערמאָנען די אָנשויאונגען פון דערדאָזיקער שולע.

אָט וואָס עס זאָגט וועגן איר אונזער פּראָפעסאָר: „ווען עס איז אין אָנהויב פון נײַנצנטן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען אין דײַטשלאַנד די אַזויגערופענע „היסטאָרישע שולע פונם רעכט״, וועלכע האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן דאָס רעכט נישט אַלס אַן אומבאַוועגלעך סיסטעם פון יורידישע נאָרמעס, ווי עס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר די פריערדיקע יוריסטן, נאָר אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס באַוועגט זיך, וואָס ענדערט זיך, וואָס אַנטוויקלט זיך, האָט זיך אין דערדאָזיקער שולע אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע טענדענץ אַנטקעגנצושטעלן דעם היסטאָרישן קוק אויפן רעכט, אַלס דעם איינציק און אויסשליסלעך-ריכטיקן, קעגן אַנדערע מעגלעכע שטאַנדפּונקטן אויף דעם געביט; די היסטאָרישע אָנשויאונג האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך די עקזיסטענץ פון וויסנשאַפטלעכע אמתן, וועלכע מ'קען צופּאַסן צו אַלע צייטן, — ד. ה. דאָס, וואָס אין דער שפּראַך פון דער נייער וויסנשאַפט טראָגט עס דעם נאָמען פון אַלגעמיינע געזעצן, — און זי פלעגט פּשוט אָפּלייקענען דידאָזיקע געזעצן, און צוזאַמען מיט זיי אויך די אַלגעמיינע טעאָריע פון רעכט, אין נאָמען פון דער אידעע וועגן דער אָפּהענגיקייט פונם רעכט פון די אָרטיקע באַדינגונגען, — אַן אָפּהענגיקייט, וועלכע עקזיסטירט, נאַטירלעך, אומעטום און שטענדיק, אָבער וועלכע שליסט נישט אויס אַזעלכע יסודות, וואָס זענען געמיינזאַם פאַר אַלע פעלקער״ *).

אין די ווייניקע שורות זענען פאַראַן זייער אַסאַך... ווי דריקט מען עס זיך אויס? — לאָמיר זאָגן, נישט-ריכטיקייטן, קעגן וועלכע עס וואָלטן פּראָטעסטירט די פאָרשטייער און די אָנהענגער פון דער היסטאָרישער שולע פונם רעכט. אַזוי וואָלטן זיי געזאָגט, למשל, אַז ווען ה' ק אַ ר י ע י ע װ שרייבט זיי צו די אָפּלייקענונג „פון דעם, וואָס אויף דער שפּראַך פון דער נייער וויסנשאַפט טראָגט עס דעם נאָמען פון אַלגעמיינע

*) „וויעסטניק יעוראָפּי״, יולי 1894. ז. 12.

געזעצן", איז אָדער ער פאַרקריפּלט מיט אַ כּיוון זייער אָנשוי־אונג, אָדער ער פלאָנטערט זיך, אויף אַן אופן וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַר קיין „היסטאָריאָזאָף", אין באַגריפן, אויסמישנ־דיק די „געזעצן", וועלכע אונטערליגן דער קאָמפּעטענץ פון דער געשיכטע פונם רעכט, מיט יענע, לויט וועלכע עס ביל־דעט זיך אויס די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון פעלקער: די עקזיסטענץ פון אָטאָ ד ע ם מין געזעץ האָט די היסטאָרישע שולע פונם רעכט קיינמאָל נישט געהאַט בדעה אָפּצולייקענען, זי פלעגט זיך דווקא באַמיען א ו י ס צ ו ג ע פ י נ ע ן אַזעלכע געזעצן, כאָטש אירע אָנשטרענגונגען זענען נישט געקרוינט געוואָרן מיט קיין דערפאָלג. אָבער די סיבה גופא פון איר מיסדערפאָלג איז זייער באַלערנדיק, און אויב ה' קאַריעיעוו וואָלט זיך מטריח געווען זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם, איז — ווער ווייס? — מעגלעך, אַז ער וואָלט זיך סוף־כּל־סוף קלאָר געמאַכט „ד ע ם מ ה ו ת פ ו נ ם ה י ס ט אָ ר י ש ן פּ ר אָ־צ ע ס".

אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז מען געווען נוטה צו דער־קלערן די געשיכטע פונם רעכט מיט דער טעטיקייט פונם „געזעצגעבער". די היסטאָרישע שולע האָט זיך שאַרף אַנט־קעגנגעשטעלט קעגן דערדאָזיקער נטיה. ס אַ ו י נ י האָט נאָך אין יאָר 1814 אַזוי פאָרמולירט דעם נייעם קוק: „דער סך־הכּל פון אָט דעמדאָזיקן קוק באַשטייט אין דעם: יעדעס רעכט אַנטשטייט דערפון, וואָס לויטן אַלגעמיין־אָנגענומענעם, נישט גאָר גענויעם אויסדרוק, הייסט עס ז י ט ן ־ ר ע כ ט, ד. ה. עס ווערט לכתחילה געבוירן פון די זיטן און גלויבונגען פונם פאָלק, און דערנאָך ערשט קומט עס אַריין אין דער יוריספּרו־דענץ; אַזויאַרום, ווערט דאָס רעכט אומעטום געשאַפן דורך אינערלעכע, אומבאַמערקבאַר־ווירקנדיקע כּוחות, און נישט דורך אַ קאַפּריז פונם געזעצגעבער *).

*) Vom Beruf unserer Zeit fûr Gesetzgebung und Rechtswissenschaft, Von D. Friedrich Carl von Savigny. Dritte Auflage Heideberg 1840. (ערשטע אויפלאגע 1814) ז. 14

דעמדאָזיקן קוק האָט ס אַ ווי נ י (134) שפּעטער אַנטוויקלט אין זיין באַרימט ווערק: „System des heutigen römischen Rechts“ „דאָס פּאָזיטיווע רעכט, — זאָגט ער דאָרטן, — לעבט אין אַלגעמיינעם באַוואוסטזיין פון פאָלק, און דעריבער קענען מיר עס אויך אָנרופן פ אָ ל ק ס - ר ע כ ט... אָבער דאָס דאַרף מען אין קיין פאַל נישט פאַרשטיין אויך אין דעם זין, אַז דאָס רעכט ווערט באַשאַפן דורך באַזונדערע גלידער פון פאָלק, לויט זייער קאַפּריז נאָך... דאָס פּאָזיטיווע רעכט ווערט געשאַפן דורכן גייסט פון פאָלק, וועלכער לעבט אוןווירקט אין די באַזונדערע גלידער, און דעריבער איז דאָס פּאָזיטיווע רעכט נישט צופעליק, נאָר על-פּי נויטווענדיקייט, איינס אין דאָס זעלבע רעכט אינם באַוואוסטזיין פון איינצלנע פּערזאָנען“ *).

„אויב, — זעצט פאָר ס אַ מ י נ י, — מיר וועלן זיך אָפּגעבן מיט דער פראַגע וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער מלוכה, וועלן מיר דאַרפן פונקט אַזוי זיך באַמיען צו דערקלערן זי מיט דער העכסטער נויטווענדיקייט, מיט דער ווירקונג פון אַן אינערליכער פּלאַסטישער קראַפט, ווי די אַנטשטייאונג פון רעכט אין אַלגעמיין; און מיר זאָגן עס נישט נאָר בכלל וועגן דער עקזיסטענץ פון דער מלוכה, נאָר וועגן יענעם ספּעציעלן אויסזען, וואָס די מלוכה באַקומט ביי יעדן באַזונדערן פאָלק“ **).

דאָס ר ע כ ט אַנטשטייט אויף אַזאַ „אומזעבאַרן אויפן“, ווי די שפּראַך, און עס לעבט אין אַלגעמיינעם פאָלקס-באַוואוסטזיין נישט אין דער פאָרם פון „אַבסטראַקטע כללים, נאָר אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקער פאָרשטעלונג פון די רעכטלעכע אינסטיטוטן אין זייער אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג“, אַזוי, אַז בעת עס קומט אָן די נויטיקייט דערין, טיילט זיך דער אַבסטראַקטער כלל, אין זיין לאָגישער פאָרם, אַרויס פון דעראָזיקער אַלגעמיינער פאָרשטעלונג דורך אַ געוויסן קינסטלעכן פּראָצעס ***).

---

*) Erster Band S. S. 14-15, (בערלינער אויסגאבע פון 1840)

**) דאָרטן, ז. 22.

***) דאָרטן ז. 16.

מיר האָבן דאָ גאָרנישט צו טאָן מיט די פּראַקטישע שטרעבונגען פון דער היסטאָרישער שולע פונם רעכט; וואָס ס'איז ווידער שייך איר טעאָריע, קענען מיר שוין אויפן סמך פון די ציטירטע סאַוויניס ווערטער זאָגן, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר:

1. אַ רעאַקציע קעגן יענעם קוק, וועלכער איז געווען פאַרשפּרייט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, אַז דאָס רעכט ווערט געשאַפן דורכן קאַפּריז פון איינצלנע מענטשן („די געזעצגעבער"); אַ פּרווו צו געפינען וויסנשאַפטלעכע דערקלערונגען פאַר דער געשיכטע פון רעכט; אַ פּרווו צו פאַרשטיין דידאַקטיק געשיכטע, אַלס אַ נויטווענדיקן און דריבער, אַלס אַ געזעצמעסיקן פּראָצעס.

2. אַ פּרווו צו דערקלערן דעמדאָזיקן פּראָצעס, אַרויסגייענדיק פון אַן אַבסאָלוט אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט: „פאָלקס-גייסט", „פאָלקס-באַוואוסטזיין" זענען די לעצטע אינסטאַנצן, צו וועלכע עס האָט אַפּעלירט די היסטאָרישע שולע פונם רעכט.

ביי פּוכטען (135) דריקט זיך אויס דער אידעאַליסטישער כאַראַקטער פון די אָנשויאונגען פון דערדאָזיקער שולע נאָך שאַרפער. דאָס אורשפּרינגלעכע רעכט איז ביי פּוכטען, פּונקט ווי ביי סאַוויניין, דאָס זיטן-רעכט. אָבער ווי אַזוי אַנטשטייט דאָסדאָזיקע רעכט? אָפט ווערט אַרויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז דאָסדאָזיקע רעכט שאַפט זיך דורך דער לעבנס-פּראַקטיק (Uebung). אָבער דאָס איז בלויז אַ ספּעציעלער פאַל פונם מאַטעריאַליסטישן קוק אויף דער אָפּשטאַמונג פון די פאָלקסבאַגריפן. „ריכטיק איז פּונקט אַ היפּוכדיקער קוק: די לעבנס-פּראַקטיק איז בלויז דער לעצטער מאָמענט, אין איר דריקט זיך בלויז אויס און עס פאַרקערפּערט זיך דאָס אַנטשטאַנענע רעכט, וואָס לעבט אין דער איבערצייגונג פון די זין פונם באַטרעפנדיקן פאָלק. די געוואוינשאַפט קען משפּיע זיין אויף דער איבערצייגונג בלויז אין דעם זין, אַז זי ווערט אַדאַנק איר, — די איבערצייגונג אַדאַנק דער געוואוינשאַפט, — באַוואוסטזיניקער און פעסטער" *).

*) Cursus per Institutionem ערשטער באַנד, לייפּציג, 1481.

אַלזאָ, די איבערצייגונג פון אַ פאָלק בנוגע דעם אָדער יענעם רעכטלעכן אינסטיטוט ווערט געשאַפן אומאָפּהענגיק פון דער לעבנס-פּראַקטיק, זי ווערט געשאַפן פריער פאַר דער „געוואוינשאַפט”. פונוואַנען-זשע נעמט זיך די דאָזיקע איבערצייגונג? זי פליסט אַרויס פון דער טיפעניש פון פאָלקס-גייסט. דער באַטרעפנדיקער קאָמפּלעקס פון דערדאָזיקער איבערצייגונג ביים באַטרעפנדיקן פאָלק, דערקלערט זיך מיט די באַזונדערלעכקייטן פונם באַטרעפנדיקן פאָלקס-גייסט. דאָס איז זייער טונקל, אַזוי טונקל, אַז ס'איז נישטאָ קיין שטראַל פון אַ וויסנשאַפטלעכער דערקלערונג. פ ו כ ט ע שפּירט אַליין אויך, אַז די זאַך איז דאָ נישט אינגאַנצן גלאַטיק, און ער באַמיט זיך עס צו פאַרבעסערן מיט אַזאַ געדאַנק: „דאָס רעכט אַנטשטייט אויף אַן אומזעבאַרן אופן. ווער וואָלט געקענט נעמען אויף זיך אויסצופאָרשן יענע וועגן, וועלכע פירן צו דער אנטשטייאונג פון דער באַטרעפנדיקער איבערצייגונג, צו איר עמבריאָן, צו איר וואוקס, צו איר פונאַנדערבלי, צו איר דערשיינען? די, וועלכע האָבן זיך גענומען דערצו, פלעגן זיך סומך זיין מערסטנטייל אויף טעותדיקע פאָרשטעלונגען”*).

„מערסטנטייל...” הייסט עס, אַז עס האָבן עקזיסטירט אויך אַזעלכע פאָרשער, וועמענס אויסגאַנג-פאָרשטעלונגען זענען געווען ריכטיקע. צו וואָס-זשע פאַראַ אויספירן בנוגע דער גענעזע פון די פאָלקס-רעכטלעכע איבערצייגונגען זענען געקומען די דאָזיקע מענטשן? מ'דאַרף רעכענען, אַז דאָס איז געבליבן אַ סוד פאַר פוכטען, ווייל ער מאַכט נישט קיין איין טריט ווייטער

ז. 31. אין דער באַמערקונג שטעלט זיך פ ו כ ט ע שטאַרק אַנטקעגן די עקלעקטיקער וועלכע שטרעבן צו ברענגען צו אַ הסכם קעגנזייטלעכע שטאַנדפּונקטן וועגן דער אַנטשטייאונג פון רעכט, און ער טוט עס מיט אַזעלכע אויסדרוקן, אַז עס שטעלט זיך נישטווילנדיק די פראַגע: צי האָט ער נישט אַמאָל פאַרויסגעזען דאָס באַווייזן זיך פון ה' קאַריעיעוו? אָבער פון דער אַנדער זייט מוז מען זאָגן, אַז אויך אין דייטשלאַנד, אין פוכטעס צייטן, זענען געווען גענוג אייגענע עקלעקטיקער. וואָס וואָס, נאָר אינטעלעקטן פון ד ע ם מין איז אומעטום און תמיד פאַראַן די והותר.

*) דאָרטן ז. 28.

פון די איינהאַלטלאָזע פּאַרופונגען אויף די אייגנשאַפטן פונם פאָלקס-גייסט.

אויך סאַוויניס איבנגעבראַכטע באַמערקונג גיט נישט קיין דערקלערונג, פאַר וואָס דאָס רעכט לעבט אין אלגעמיינעם פאָלקס-באַוואוסטזיין נישט אין דער פאָרם פון אַבסטראַקטע כּללים, נאָר „אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקער פאָרשטעלונג פון די רעכטלעכע אינסטיטוטן אין זייער אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג". און ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, וואָס אייגנטלעך האָט באַוואויגן סאַוויגין צו מאַכן דידאָזיקע אַביסל פאַרפלאָנטערטע מעלדונג. אויב מיר וואָלטן משער געווען, אַז דאָס רעכט עקזיסטירט אינם באַוואוסטזיין פון פאָלק „אין דער פאָרם פון אַבסטראַקטע כּללים", וואָלטן מיר דורכדעם גופא, ערשטנס, זיך צוזאַמענגעשטויסן מיטן „אַלגעמיינעם באַוואוסטזיין" פון די יוריסטן, וועלכע ווייסן אויסגעצייכנט ווי שווערלעך דאָס פאָלק כאַפּט אויף דידאָזיקע אַבסטראַקטע כּללים, און צווייטנס, וואָלט אונדזער טעאָריע וועגן דער אפּשטאַמונג פון רעכט אָנגענומען שוין אַ צ ו נישט וואַרשיינלעכן כאַראַקטער. ס'וואָלט אויסגעקומען, אַז איידער איין מענטש מיטן אַנדערן טרעטן אַריין אין וועלכע נישט איז באַציאונגען, איידער מ'באַקומט בכלל וועלכע ס'איז לעבנסדערפאַרונג, אַרבעטן זיך אויס די מענטשן פונם באַטרעפנדיקן פאָלק באַשטימטע באַגריפן, און ערשט נאָכדעם ווי זיי גרייטן זיך אָן מיט דידאָזיקע באַגריפן, ווי וואַנדערער מיט סוכאַרעס, לאָזן זיי זיך אוועק אינם געביט פין לעבנס-פּראַקטיק, טרעטן זיי אַרויף אויף דעם היסטאָרישן וועג. אין דעם וועט דאָך, פאַרשטייט זיך, קיינער נישט גלויבן, — באַזייטיקט דערפאַר סאַוויני „די אַבסטראַקטע כּללים": דאָס רעכט עקזיסטירט אין פאָלקס-באוואוסטזיין נישט אין דער פאָרם פון באַשטימטע באַגריפן, ס'שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין קאָלעקציע פון שוין פאַרטיקע קריסטאַלן, נאָר אַ מער אָדער ווייניקער אָנגעזעטיקטן כעמישן שטאָף פון וועלכן ס'קומען אַרויס, „ווען ס'אַנטשטייט דערין אַ באַדערפעניש", ד. ה. ביים צוזאַמענשטויסן זיך מיט דער לעבנספּראַקטיק, די נויטיקע יורידישע קריסטאַלן. אַזאַ אויסוועג איז נישט באַרויבט פון אַ געוויסע מאָס שאַרפזיניקייט, אָבער ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז

צר דערגעגנטערט אונז נישט צו אַ וויסנשאַפטלעכן פאַרשטיין פון דערשיינונגען.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל:

„ביי די עסקימאָסן איז, לויט רינקס (136) ווערטער, כמעט ווי נישטאָ קיין ריכטיק אייגנטום, נאָר אויף וויפל עס לאָזט זיך וועגן דעם רעדן, רעכנט ער אויס דריי פאָרמען:

„1) אַן אייגנטום, וואָס געהערט צו אַ פאַרבאַנד פון עטלע־כע משפחות, למשל, ווינטער־וואוינונגען...

„2) אַן אייגנטום, וואָס געהערט צו איין, אָדער, העכסטנס, צו דריי קרובהשע משפחות, ווי למשל, זומער־פּאַלאַטקעס, און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו שטוב־ווירטשאַפט, ווי לאָמפּן, פעס־לעך, הילצערנע טעלער, שטיינערנע טעפּ א. ד. ג.; אַ שיפל אָדער אַן אומיאַק, וואָס דינט אויף אַריבערצופירן אַט די אַלע חפצים צוזאַמען מיט דער פּאַלאַטקע; שליטנס מיט הינט...; צומלעצט, אַ רעזערוו־אַנגרייטונג פון ווינטער־פּראָוויזיע...

„3) דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון באַזונדערע מענטשן... קליידונג, געווער און געצייג, אָדער דאָס אַלץ, וואָס דער מענטש אַליין באַנוצט. דידאָזיקע חפצים ווערט אפילו צוגעשריבן עפּעס אַ געהיימניספולער צוזאַמענבונד מיט זייערע אייגנטימער, וועל־כער דערמאָנט דעם צוזאַמענבונד צווישן דער נשמה און דעם גוף. אויסבאָרגן דידאָזיקע חפצים עמיצן, — דאָס פירט זיך נישט"*).

לאָמיר זיך באַמיען פאַרצושטעלן די אָפּשטאַמונג פון די־דאָזיקע דריי אייגנטום־פאָרמען פונם שטאַנדפּונקט פון דער אַל־טער היסטאָרישער שולע פונם רעכט.

היות, ווי לויט פּוכטעס ווערטער, קומען די איבערציי־גונגען פריער פאַר דער לעבנספּראַקטיק, און זיי וואַקסן נישט אויס אויפן באָדן פון דער רגילות, דאַרף מען משער זיין, אַז די זאַך איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: איידער זיי האָבן געוווינט אין ווינטער־הייזער, איידער זיי האָבן זיי אפילו אָנגע־הויבן בויען, זענען די עסקימאָסן געקומען צו דער איבערציי־

---

*) Tales and Traditions of the Eskimo by Dr. Henri Rink. pp. 9a and 30.

גונג, אַז ווײַבאַלד בײַ זיי וועלן זײַן ווינטער-הײַזער, וועלן זיי דאַרפן געהערן צו אַ פֿאַרבאַנד פֿון עטלעכע משפחות; פּונקט אַזוי האָבן זיך אונזערע ווילדע איבערצײַגט, אַז אויב זיי וועלן האָבן זומער-פּאַלאַטקעס, פּעסלעך, הילצערנע טעלער, שיפֿלעך, טעפּלעך, שליטנס און הינט, וועט דאָס אַלץ דאַרפֿן זײַן דאָס אייגנטום פֿון איין משפּחה אָדער, העכסטנס, פֿון דריי קרוי-בהשע משפּחות; צומלעצט, נישט קיין ווייניקער פֿעסטע איבער-צײַגונג איז בײַ זיי געווען וועגן דעם, אַז קליידונג, געווער און געצייג דאַרפֿן זײַן פּערזענלעך אייגנטום, און אַז אַפֿילו אויסבאָרגן דידאָזיקע חפצים דאַרף מען נישט. דערצו וועלן מיר צוגעבן, אַז, וואַרשײַנלעך, האָבן אָט די אַלע „איבערצײַגונגען" עקזיסטירט נישט אין דער פֿאָרם פֿון אַבסטראַקטע כּללים, נאָר „אין דער פֿאָרם פֿון אַ לעבעדיקער פֿאָרשטעלונג פֿון די רעכט-לעכע אינסטיטוטן אין זייער אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג", און אַז פֿון דעמדאָזיקן כעמיש-אויפֿגעלייזטן שטאָף פֿון רעכטלעכע באַ-גריפֿן זענען אַרויסגעקומען דערנאָך — „ווען ס'האָט זיך דער-פֿירט דערצו אַ נויטווענדיקייט" — ד. ה. לויט דער צוזאַמענ-שטויסונג מיט די ווינטער-הײַזער, מיט די זומער-פּאַלאַטקעס, מיט די פּעסלעך, מיט די שטיינערנע טעפּ, מיט די הילצערנע טעלער, מיט שיפֿלעך, מיט שליטנס און מיט הינט, — די נאָרמעס פֿונם עסקימאָסישן זיטן-רעכט אין זייער, מער אָדער ווייניקער, „לאָגישער פֿאָרם". די אייגנ-שאַפֿטן ווידער, פֿון דעם דערמאָנטן רעכטלעכן שטאָף פֿלעגן זיך אויסבילדן לויט די געהיימניספֿולע אייגנשאַפֿטן פֿונם עס-קימאָסישן גייסט.

דאָס איז לגמרי נישט קיין ווייסנשאַפֿטלעכע דערקלע-רונג; דאָס זענען פּשוטע Redensarten ווי די דײַטשן זאָגן.

אָט אָ די פֿאַרשיידנגעשטאַלטיקייט פֿונם אי-דעאַליזם, בײַ וועלכער ס'האָבן זיך געהאַלטן די אָנהענגער פֿון דער היסטאָרישער שולע פֿונם רעכט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווען ס'איז געקו-מען צום דערקלערן געזעלשאַפֿטלעכע דערשיי-נונגען, נאָך ווייניקער שטאַנדהאַפֿטיק, ווי

דער אַסאַך טיפערער אידעאַליזם פון שע-ליגגן און העגעלן.

ווי אַזוי איז די וויסנשאַפט אַרויס פון יענץ בלינד געסל, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען דער אידעאַליזם? לאָמיר הערן, וואָס עס זאָגט איינער פון די אויסגעצייכנטסטע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער פאַרגלייכונגס-רעכטוויסנשאַפט, — ה' מ. קאָוואַלעווסקי (137).

אָנוויייזנדיק דערויף, אַז דער געזעלשאַפטלעכער לעבנ-שטייגער פון די אוראַלטע שבטים טראָגט אויף זיך דעם חותם פון קאָמוניזם, זאָגט ה' קאָוואַלעווסקי:

„אויב מיר וועלן זיך אַ פרעג טאָן וועגן די ווירקלעכע יסודות פון אַזאַ אָרדנונג, אויב מיר זאָלן וועלן דערוויסן זיך די סיבות, וועלכע האָבן געצוואונגען אונזערע אור-אבות, און צווינגען נאָך די הייגטיקע ווילדע זיך צו האַלטן ביים מער אָדער ווייניקער, בולט-אויסגעדריקטן קאָמוניזם, וועט אונז ספּע-ציעל זיין נויטיק צו דערוויסן זיך מכוח די אוראַלטע פּראָ-דוקציע-אופנים. וואָרום די פונאַנדערטיילונג און די געברוי-כונג פון רייכטימער דאַרף זיך אויסבילדן לויט די אופנים פון זייער באַשאַפונג. און וועגן דעם זאָגט די עטנאָגראַפיע אָט וואָס: ביי די יעגער- און פישער-פעלקער קומט געוויינ-לעך פאָר דאָס קריגן שפּייז אין גרעסערע גרופּן (en hordes) אין אויסטראַליע קומט פאָר די יאַגד אויף אַ קענגורו, דורך באַוואָפנטע קאָמפּאַניעס, וועלכע באַשטייען פון עטלעכע צענ-דליקער און אָפט פון הונדערטער דאָרטיקע איינוואוינער. דאָס-זעלבע קומט פאָר אין די צפונדיקע לענדער, ביי דער יאַגד אויפן הירש... ס'אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז איינציקווייז איז דער מענטש נישט ביכולת אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ; ער נויטיקט זיך אין הילף און אין אונטערשטיצונג, און זיינע כוחות פאַרצענפאַכן זיך דורך פאַראייניקונג... אַזוי-אַרום זעען מיר אין יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג די גע-זעלשאַפטלע פּראָדוקציע און, אַלס אַן אומבאַדינגטן נאַטירלעכן רעזולטאַט דערפון, די געזעלשאַפטלעכע פאַרברויכונג. די עטנאָ-גראַפיע פאַרמאָגט אַן אַ שיעור פאַקטן, וועלכע באַשטעטיקן דאָס*).

M. Kovalesky. Tableau des origines et de l'é- (*

ברענגענדיק לערמינס (138) אידעאַליסטישע טעאָריע, לויט וועלכער דאָס פּריוואַט-אייגנטום קומט אַרויס פונם זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דער פּערזענלעכקייט, זעצט פאָר ה׳ קאָוואַלעווסקי:

„ניין, ס'איז נישט אַזוי. נישט צוליב דעם קומט דער אורואַלטער מענטש צום געדאַנק וועגן מאַכן פאַר זיין אייגנטום דעם אָפּגעשליפענעם שטיין, וועלכער דינט אים אַלס געווער, אָדער די פעל, וואָס דעקט צו זיין לייב. ער קומט צו דעם דאָזיקן געדאַנק, אַלס פועל-יוצא פון דער באַנוצונג פון זיינע אינדיווידועלע כוחות פאַר דער פּראָדוצירונג פון דער זאַך. דער קיזלשטיין, וועלכער דינט אים אַלס אַ האַק, איז אַרומגעהאַקט דורך זיינע אייגענע הענט. אויף דער יאַגד, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט פילצאָליקע חברים, האָט ער דערלאַנגט דעם לעצטן קלאַפּ דער חיה. און דעריבער ווערט די פעל פון דערדאָזיקער חיה זיין פּערזענלעך אייגנטום. דאָס זיטן-רעכט פון די ווילדע צייכנט זיך אויס מיט אַ שטאַרקער גענויאיקייט אויף דעם געביט. עס זעט, למשל, פאָר און באַזאָרגט אַזאַ פאַל, ווען די געיאָגטע חיה איז געפאַלן אונטער די געמיינזאַמע קלעפּ פון צוויי יעגערס, אין דעם פאַל ווערט די פעל פון דער חיה צוגעפּסקנט יענעם יעגער, וועמענס פייל ס'איז אַריינגעדרונגען נעענטער צום האַרצן. עס זעט אויך פאָר אַ פאַל, ווען די שוין פאַרוואונדעטע חיה איז דערהרגעט געוואָרן דורך אַ צופעליק אונטערגעקומענעם יעגער. די באַנוצונג פון אינדיווידועלער אַרבעט ברענגט מיט זיך, בכן, אויך דאָס אינדיווידועלע אייגנטום. מיר קענען נאָכפאָלגן דידאָזיקע דערשיינונג דורך דער גאַנצער געשיכטע. דער, ווער ס'האָט פאַרפלאַנצט אַ פּרוכטנבוים, יענער וועט זיין אייגנטימער... שפּעטער, — אַ מלחמה-העלד, וואָס האָט אויסגעקעמפט אַ געוויי-

volution de la famille et de la propriélé. Stockholm 1890, ז. ז. 52-3. אין בוך פון פאַרשטאָרבענעם נ. זיבער „אָטשערקי פּיערוואָביטנאָי עקאָנאָמיטשעסקאָי קולטורי" ווערט דער לעזער געפינען א מאַסע פאַקטן, וועלכע באַווייזן קלאָר, אַז די אופנים פון אייגנטום בילדן זיך אויס לויט די אופנים פון דער פּראָדוקציע.

בע דעראָבערונג, ווערט איר אויסשליסלעכער אייגנטימער, אַזוי אַז זיין משפחה האָט שוין נישט אויף איר קיין שום רעכט; פונקט אַזוי האָט נישט די משפחה פון אַ כהן קיין רעכט אויף יענע קרבנות, וועלכע ווערן געבראַכט דורך די גלויביקע, די קרבנות זענען דאָס פערזענלעכע אייגנטום פונם כהן. דאָס אַלץ ווערט, אויף אַ גלייכן אופן, באַשטעטיקט סיי דורך די אינדישע געזעצן, און סיי דורכן זיטן-רעכט פון די דרומדיקע סלאַוון, פון די דאָנער קאָזאַקן אָדער פון די אַלטערטימלעכע אירלענדער. און ס'איז וויכטיק טאַקע זיך נישט טועה צו זיין בנוגע דעם אמתן פרינציפּ פון אַזאַ אייגנטום-פאַרשאַפונג, וועל-כע קומט אַלס רעזולטאַט פון דער באַנוצונג פון פערזענלעכע אָנשטרענגונגען ביי דער דעראָבערונג פון אַ געוויסן קעגנשטאַנד. אינדעראמתן, ווען צו די פערזענלעכע אָנשטרענגונגען פונם מענטש קומט צו די הילף פון זיינע מיטמענטשן... זענען שוין די דעראָבערטע קעגנשטאַנדן נישט קיין פּריוואַט-אייגנ-טום" *).

נאָך דעם אַלעם, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן איז פאַר-שטענדלעך, אַז קעגנשטאַנדן פון פערזענלעכער אייגנטום-פאַר-שאַפונג ווערן קודם-כל: געווער, קליידונג, שפּייז, באַצירונג א. ד. ג. „שוין פון די ערשטע טריט שטעלט מיט זיך פאַר דאָס האָדעוועט חיות — אַ הונט, אַ פערד, אַ קאַץ, אַן אַרבעט-חיה — דעם וויכטיקסטן פאַנד פון פערזענלעכער און משפחה-שער אייגנטום-פאַרשאַפונג"...**). אָבער אין וואָס פאַראַ מאָס די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע ווירקט כסדר אויף די אופנים פון אייגנטום-פאַרשאַפונג, באַווייזט, למשל, אַזאַ פאַקט: ביי די עסקימאָסן קומט פאַר די יאַגד אויף וואַלפישן אין גרויסע שיפלעך, דורך גרויסע קאָמפּאַניעס; די שיפלעך, וואָס דינען פאַר דעם צוועק זענען אַ געזעלשאַפטלעך אייגנטום; און די קליינינקע שיפלעך, וועלכע דינען צום איבערפירן די חפצים פון משפחה-אייגנטום, געהערן צו באַזונדערע משפחות, — אָדער „העכסטנס צו דריי קרובהשע משפחות".

*) דאָרטן, ז. 95.

**) דאָרטן, ז. 57.

מיט'ן אויפקום פון דער ערדאַרבעט ווערט אויך די ערד אַ קעגנשטאַנד פון אייגנטום-פאַרשאַפונג. די סוביעקטן פון באָדן-אייגנטום ווערן מער-ווייניקער גרויסע, קרובהשע פאַרבאַנדן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, איינע פון די פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אייגנטום-פאַרשאַפונג. ווי אַזוי דערקלערט מען איר אַנטשטייאונג? „אונז דאַכט זיך, — זאָגט ה' קאָוואַלעווסקי, — אַז אירע סיבות ליגן אין דערזעלבער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, וועלכע האָט פריער געבראַכט מיט זיך דאָס מאַכן פאַר אַן אייגנטום דעם גרעסטן טייל פון באַוועגלעכע קעגנשטאַנדן *).

ס'איז קלאָר, אַז וויבאַלד דאָס פּריוואַט-אייגנטום אַנטשטייט באַר, טרעט עס אַריין אין אַ ווידערשפּרוך מיט דעם עלטערן אופן פון געזעלשאַפטלעכער אייגנטום-פאַרשאַפונג. דאָרט, וואו די שנעלע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות עפנט אַלץ מער און מער אויף אַ ברייט פעלד פאַר „יחידישע אָנשטרענגונגען" פאַרשווינדט גאַנץ גיך דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום אָדער עס זעצט פאָר דעם קיום אין דער פאָרם פון אַ רודימענטאַרן אינסטיטוט, אַזוי צו זאָגן. ווייטער וועלן מיר דערזען, אַז דערדאָזיקער צעפאַלונגס-פּראָצעס פונם אוראַלטן געזעלשאַפטלעכן אייגנטום האָט אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע ערטער צוליב אַ זייער נאַטירלעכער, מאַטעריעלער נויטווענדיקייט בעמוזט זיך אויסצייכענען מיט אַ גרויסער פאַרשיידנאַרטיקייט. איצט וועלן מיר בלויז פאַרצייכענען יענעם אַלגעמיינעם אויספיר פון דער מאָדערנער רעכטס-וויסנשאַפט, אַז די רעכטלעכע באַגריפן, — איבערצייגונגען, ווי פוכטאַ וואָלט זאָגן, — בילדן זיך אויס צומעטום לויט די אופנים פון דער פּראָדוקציע.

שעלינג פלעגט אַמאָל זאָגן, אַז די דערשיינונג פון מאַגנעטיזם דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַן אַריינדרינגען פונם „סוביעקטיוון" אין דעם „אָביעקטיוון" אַריין. אַלע פּרוּוון צו געפינען אַן אידעאַליסטישע דערקלערונג פאַר דער געשיכטע פון רעכט שטעלן מיט זיך פאָר נישט מער ווי אַ הוספה, אַ

*) דאַרשל, ז. 93.

„Seitenstück“, צו דער אידעאַליסטישער עטור-פילאָזאָפיע·
דאָס זענען אַלץ דיזעלבע, אַמאָל גלענצנדיקע, שאַרפזיניקע,
אָבער שטענדיק הפקרדיקע, תמיד אומבאַגרינדעטע מחשבות
אויף דער טעמע וועגן זעלבסטאויסקומענדיקן, זיך-זעלבסט
אַנטוויקלענדיקן גייסט.

די רעכטלעכע איבערצייגונג האָט שוין צוליב דעם גופא
נישט געקענט קומען פריער פאַר דער לעבנספּראַקטיק, וואָרום
ווען זי וואָלט נישט אַרויסגעוואָקסן פון איר,
וואָלט זי אַבסאָלוט געווען סיבהלאָז. דער עסקימאָס האַלט
פון אייגנטום-רעכט פון קליידונג, געווער און אַרבעט-געצייג
פשוט דערפאַר, ווייל אַזאַ אייגנטום איז אַ סאַך באַקוועמער און
עס ליגט אין די עצם אייגנשאַפטן פון די חפצים.
כדי זיך אויסצולערנען גוט צו באַהערשן זיין געווער, דעם פייל-
בויגן אָדער דעם בומעראַנג, מוז זיך דער אורפרימיטיווער יעגער
צופּאַסן צו אים, גוט דערלערנענדיק זיינע אינדיווידועלע
באַזונדערלעכקייטן *) און ווי ווייט מעגלעך אים צופּאַסן צו
זיינע אייגענע אינדיווידועלע באַזונדערלעכקייטן. דאָס פּריוואַט-אייגנ-
טום איז דאָ גיכער אויפן אַרט אײדער װעלכע ס'איז אַנדערע אייגנטום-

*) ס'איז באַוואוסט, אַז אַן ענגער צוזאַמענבונד צווישן יעגער און זיין גע-
ווער עקזיסטירט ביי אַלע פּרימיטיווע שבטים.
„Der Jäger darf sich
,keiner fremden Waffen bedienen“ זאָגט מאַרציוס וועגן
די אור-איינוואוינער פון בראַזיליע, אויפקלערנדיק באַלד פון וואַנען האָט זיך גענו-
מען ביי די דאָזיקע ווילדע אַזאַ „איבערצייגונג“
(142) Besonders behaup-
ten diejenigen Wilden, die mit dem Blashorn schis-
sen, dass dieses Geschosse durch den Gebrauch eines
Fremden verdorben werde, und geben es nicht aus
ihren Händen“. — Von dem Rechtszustande unter
den Ureinwohnern Brasiliens, München. 1852. S 50.
„Die Bûhrung dieser Waffen (פייל און בויגן) erfer-
dent eine grosse Geschicklichkeit und beständige Ue-
bung. Wo sie bei wilden Völkern im Gebrauche sind,
berichten uns die Reisenden, dass schon die Knaben
sich mit Kindergerätten im Schiessen ûben. Osear Pe-
chel, Völkerkunde, Leipzig 1875 S. 190.

פאָרם, און דעריבער איז דער ווילדער „איבערצייגט״ אין די מעלות פון דערדאָזיקער פאָרם: ער האַלט אַפילו, ווי מיר ווייסן, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ געהיימנישפולער צוזאַמענבונד צווישן געצייג פון אינדיווידועלער אַרבעט און געווער און צווישן זייער אייגנטימער. אָבער זיין איבערצייגונג איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער לעבנס־פּראַקטיק, און זי איז נישט געקומען פאַר איר, און די איבערצייגונג האָט צו פאַרדאַנקען איר אַנטשטייאונג נישט די אייגנשאַפטן פון זיין „גייסט״, נאָר די אייגנשאַפטן פון יענע חפצים, מיט וועלכע ער האָט צו טאָן, און דעם כאַראַקטער פון יענע פּראָדוקציע־אופנים, וועלכע זענען פאַר אים אומפאַרמיידלעך ביים באַטרעפנדיקן צושטאַנד פון זיינע פּראָדוצירנדיקע כוחות.

אויף ווי ווייט די לעבנס־פּראַקטיק קומט פריער פאַר דער רעכטלעכער „איבערצייגונג, באַווייזט די מאַסע סימבאָלישע האַנדלונגען, וועלכע עקזיסטירן אינם פּרימיטיוון רעכט. די פּראָדוקציע־אופנים האָבן זיך געענדערט, צוזאַמען דערמיט האָבן זיך אויך געענדערט די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די מענטשן אינם פּראָדוקציע־פּראָצעס. עס האָט זיך געענדערט די לעבנס־פּראַקטיק, און די „איבערצייגונג״ האָט איינגעהאַלטן איר אַלטע פאָרם. זי ווידערשפּרעכט דער נייער פּראַקטיק, און אָט באַווייזן זיך פיקציעס, סימבאָלישע צייכנס, האַנדלונגען, וועמענס איינאונאיינציקער ציל באַשטייט אין דער באַזייטיקונג פון דעמדאָזיקן ווידערשפּרוך. אין פאַרלויף פון דער צייט ווערט דער ווידערשפּרוך באַזייטיקט, צומלעצט, אויף אַ ווערזענטלעכן אופן: אויפן באָדן פון דער נייער עקאָנאָמישער פּראַקטיק בילדעט זיך אויס אַ נייע רעכטלעכע איבערצייגונג.

ס׳איז נישט גענוגנדיק צו קאָנסטאַטירן דאָס דערשיינען פון פּריוואַט־אייגנטום, אויף די אָדער אַנדערע קעגנשטאַנדן, אין דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט, כדי דערמיט אליין שוין צו באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דעמדאָזיקן אינסטיטוט. דאָס פּריוואַט־אייגנטום האָט תמיד גרעניצן, וועלכע זענען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון דער עקאָנאָמיע פון דער געזעלשאַפט. „אינם ווילדן צושטאַנד מאַכט דער מענטש פאַר זיין אייגנטום בלויז אַזעלכע זאַכן, וועלכע זענען אים אוממיטלבאַר נוצלעך. די

מותרות, כאָטש זיי זענען אויך געשאַפֿן געוואָרן דורך זיינע הענט, גיט ער, געוויינלעך, אָפּ אָן אַ באַצאָלונג אַנדערע: די מיטגלידער פֿון דער משפחה, פֿון דער געמיינדע, פֿונם שבט״ — זאָגט ה׳ קאָוואַלעווסקי. אַקוראַט דאָס זעלבע זאָגט ר י נ ק וועגן די עסקימאָסן. פֿונוואַנען-זשע קומען אַזעלכע אָרדנונגען בײַ די ווילדע פֿעלקער? לויט ה׳ קאָוואַלעווסקיס ווערטער, איז זייער אָפּשטאַמונג אַ רעזולטאַט דערפֿון, וואָס די ווילדע זענען נישט באַקאַנט מיט דער אָ פּ ש פּ אָ ר ו נ ג. דערדאָזיקער נישט גאַנץ קלאָרער אויסדרוק איז באַזונדערס אומגעלונגען צוליב דעם, ווייל מיט אים האָבן זייער מיסגעברויכט די וואולגאַרע עקאָנאָמיסטן. אָבער טראָצדעם איז פֿאַרשטענדלעך אין וואָסער זין עס געברויכט אים אונזער מחבר. — „אָפּשפּאָרונג״ איז ווירקלעך אומבאַקאַנט די פּרימיטיווע פֿעלקער צוליב דער פּשוטער סיבה, ווייל זיי איז אומבאַקוועם, פּשוטער געזאָגט, זיי איז אוממעגלעך זי צו פּראַקטיצירן. דאָס פֿלייש פֿון אַ געהרגעטער חיה קען ווערן „אָפּגעשפּאָרט״ בלויז אין אַן אומבאַדייטנדיקער מאָס: עס ווערט קאַליע און ס׳ווערט דעמאָלס אַבסאָלוט אומטויגבאַר פֿאַרן געברויך. אוודאי, ווען מ׳וואָלט עס געקענט פֿאַרקויפֿן, וואָלט דאַן זייער גרינג געווען „אָפּצושפּאָרן״ דאָס געלט, וואָס מ׳האָט געלייזט דערפֿאַר. אָבער געלט עקזיסטירט נאָך נישט בעת יענער סטאַדיע פֿון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. הייסט עס, אַז די עקאָנאָמיע גופֿא פֿון דער פּרימיטיווער געזעלשאַפֿט שטעלט אויף שמאָלע גרע- נעצן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿונם „אָפּשפּאָרונגס״-גייסט. אויסער- דעם — היינט האָט מיר אָפּגעגליקט צו דערהרגענען אַ גרויסע חיה, און איך האָב מיך צעטיילט מיט איר פֿלייש מיט אַנדע- רע, און אויפֿצואָרגנס (יאַגד איז אַ זאַך נישט קיין זיכערע) האָב איך זיך אומגעקערט מיט ליידיקע הענט, און עס טיילן זיך מיט מיר מיט די דעראָבערונגען אַנדערע מיטגלידער פֿון מיין שטאַם. דער מנהג צו צעטיילן צווישן זיך איז אַזוי- אַרום עפּעס אַ מין קעגנזייטיקע פֿאַרזיכערונג, אָן וועלכער עס וואָלט געווען לחלוטין אוממעגלעך די עקזיסטענץ פֿון די פּרי-

---

*) דאַרווין, ז. 56.

מיטיווע שבטים. צומלעצט, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז
ביי אַזעלכע שבטים עקזיסטירט דאָס פּריוואַט-אייגנטום בלויז
אין אַן עמבריאָנישן צושטאַנד, צומגרעסטנטייל הערשט דאָס
געזעלשאַפטלעכע אייגנטום; די געוואוינהייטן און די
מנהגים, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אויף דעמדאָזיקן באָדן
שטעלן, פון זייער זייט, גרענעצן פאַרן הפקרדיקן ווילן פונם
איינצלנעם אייגנטימער. די איבערצייגונג קומט אויך דאָ נאָך
דער עקאָנאָמיע.

דער צוזאַמענהאַנג פון די רעכטלעכע באַגריפן פון מענטשן
מיט זייער עקאָנאָמישן לעבנשטייגער ווערט גוט אויפגעקלערט
דורך דעם ביישפּיל, וועלכן עס פלעגט מיט חשק און זייער
אָפט ברענגען אין זיינע ווערק ראָדבערטוס. ס'איז באַקאַנט,
אַז די אַלטערטימלעכע רוימישע שרייבער פלעגן ענערגיש באַ-
קעמפן די ליכווערײ. קאַטאָן-צעזאָר (139) האָט געהאַלטן,
אַז אַ פּראָצענטניק איז אין צוויי ערגער פון אַ גנב (אַזוי
פלעגט ער טאַקע זאָגן, דער אַלטער: פּונקט אײנצווייען). אין
דער הינזיכט זענען זיך פולשטענדיק צונויפגעקומען מיט די
געצנדינערישע שרייבער אויך די פאָטערס פון דער קריסטלע-
כער קירכע, אָבער, — אַ טשעקאַווע זאַך! — סיי די, סיי יע-
נע פלעגן באַקעמפן דעם פּראָצענט, וועלכער קומט פון געלט-
קאַפּיטאַל. דאַקעגן צו הלוואות אין נאַטור-זאַכן און צו
ליכווע, וואָס פלעגט אַרויסקומען פון זיי, פלעגן זיי זיך באַצי-
ען נישט דער ערך מילדער. פאַרוואָס אַזאַ אונטערשייד? דער-
פאַר, ווייל גראָד דער געלט-ליכווע-קאַפּיטאַל האָט דאַן אָנגע-
מאַכט אַ שרעקלעכן חורבן אין דער דאַמאָלסדיקער געזעלשאַפט;
דערפאַר, ווייל גראָד ער האָט „חרוב געמאַכט איטאַליע".
די רעכטלעכע „איבערצייגונג" איז אויך דאָ געגאַנגען האַנט
ביי האַנט מיט דער עקאָנאָמיע.

„דאָס רעכט איז אַבסאָלוט אַ פּראָדוקט פון דער נויט-
ווענדיקייט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פון דער נויט, — פלעגט
זאָגן פּאָסט (140), ס'וואָלט געווען בחנם אונזער זוכן דערין עפּעס
אַן אידעאַלן יסוד*). מיר וואָלטן געזאָגט, אַז דאָס איז אַבסאָלוט

*) Der Ursprung des Rechts. Prolegomena zu einer allgemeinen vergleichenden Rechtswissenschaft von Dr. Alb. Herm. Post. Oldenburg. 1876. S. 25.

אין גייסט פון דער נייסטער רעכטסוויסנשאַפט, ווען אונזער געלערטער וואָלט נישט אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע און זייער שעדלעכע, לויט די פאָלגן, אויסמישונג פון באַגריפן.

רעדנדיק אין אַלגעמיין, שטרעבט יעדער סאָציאַלער פאַרבאַנד אויסצואַרבעטן אַזאַ רעכטס-סיסטעם, וואָס זאָל צומבעסטן באַפרידיקן זיינע נויטן, וואָס זאָל צומנוצלעכסטן זיין פאַר אים אין דער באַטרעפנדיקער צייט. אָט אָ דער אומשטאַנד, וואָס דער פאַקטישער סך-הכל פון רעכטלעכע אינסטיטוציעס איז נוצלעך אָדער שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט, קען בשום אופן נישט זיין אָפּהענגיק פון אייגנשאַפטן פון אַ וועלכער נישט איז „אידעע"; ער הענגט אָפּ, ווי מיר האָבן געזען, פון יענע פּראָדוקציע-אופנים און פון יענע קעגנזייטיקע מענטשלעכע באַציאונגען, וועלכע שאַפן זיך דורך דידאָזיקע אופנים. אין דעם זין האָט נישט דאָס רעכט, און עס קען נישט האָבן, קיין אידעאַלן יסוד, היות ווי זיין יסוד איז תּמיד אַ רעאַלער. אָבער דער רעאַלער יסוד פון יעדן באַזונדערן רעכטס-סיסטעם שליסט נישט אויס אַן אידעאַלע באַציאונג צו אים מצד די מיטגלידער פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט, אינגאַנצן גענומען, געווינט נאָך פון אַזאַ באַציאונג מצד אירע מיטגלידער. אדרבה, אין אירע איבערגאַנגס-עפּאָכעס, ווען דאָס עקזיסטירנדיקע רעכטס-סיסטעם באַפרידיקט שוין נישט די נויטן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זענען אויפגעקומען אדאַנק דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, קען און דאַרף דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער באַפעלקערונג אידעאַליזירן דאָס נייע סיסטעם פון אינסטיטוציעס, וואָס אַנטשפּרעכט מער דעם „צייט-גייסט". די פראַנצויזישע ליטעראַטור איז פול מיט ביישפּילן פון אַזאַ אידעאַליזאַציע פון דער נייער אַנקומענדיקער אָרדנונג.

די אָפּשטאַמונג פונם רעכט פון דער „נויט" שליסט אויס דעם אידעאַלן יסוד פונם רעכט נאָר אין דער פאָרשטעלונג פון יענע מענטשן, וועלכע זענען צוגעוואוינט צו פאַררעכענען די נויטן צום געביט פון דער גראָבער מאַטעריע און אַקעגנצושטעלן דעמדאָזיקן געביט כּלפּי דעם „ריינעם"

פרעמדן פון אַלע נויטן, „גייסט". אינדעראמתן איז „אידעאַליש" נאָר דאָס, וואָס ס'איז נוצלעך פאַר מענטשן, און יעדע געזעלשאַפט, בעת זי אַרבעט אויס אירע אידעאַלן רעכנט זיך נאָר מיט אירע נויטן. די זיך-אויסדוכטנדיקע אויסנאַמען פון דעמדאָזיקן אומאָפּפרעגבאַר-אַלגעמיינעם כּלל דערקלערן זיך דערמיט, וואָס אינם רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, שטייען אירע אידעאַלן נישט זעלטן אָפּ פון אירע נייע נויטן*)

דאָס אָנערקענען די אָפּהענגיקייט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן פונם צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות דרינגט אַלץ מער און מער אַריין אין דער מאָדערנער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט, נישט געקוקט אויפן אומפאַרמיידלעכן עקלעקטיזם פון אַ מאַסע געלערטע, נישט געקוקט אויף זייערע אידעאַליסטישע פאָראורטיילן. „פּונקט אַזוי, ווי די פאַרגלייכונגס-אַנאַטאָמיע האָט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ וויסנשאַפטלעכן אמת דאָס לאַטיינישע שפּריכוואָרט „לויט די נעגל דערקען איך דעם לייב", אַזוי קען די פעלקער-וויסנשאַפט לויט דער באַוואָפענונג פון אַ פאָלק גענוי אורטיילן וועגן דער שטופע פון זיין ציוויליזאַציע", — זאָגט דער

---

*) פּאָסט געהערט טאַקע צו דער צאָל מענטשן, וועלכע זענען נאָך ווייט נישט פּטור געוואָרן פונם אידעאַליזם. אַזוי, למשל, אַנטשפּרעכט ביי אים דעם שטאַם-פאַרבאַנד דעם יעגערישן און וואַנדערדיקן לעבנשטייגער; דאַקעגן מיטן אויפקום פון דער ערדאַרבעט און דער מיט איר פאַרבונדענער באַזעסנקייט טרעט אָפּ דער שטאַט-פאַרבאַנד זיין פּלאַץ דער „Gaugenossenschaft" (מיר וואָלטן געזאָגט — דער שכנותדיקער געמיינדע). ס'איז, דאַכט זיך, קלאָר, אַז ער זוכט דעם שליסל צו דערקלערן די געשיכטע פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן נישט ערגעץ אַנדערש, ווי אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות? אין באַזונדערע פאַלן איז פּאָסט כּמעט תּמיד געטריי אַזאַ ריכטונג. אָבער דאָס שטערט אים נישט צו קוקן אויף דעם „im Menschen schafend ewigen Geist", ווי אויף דער גרונט-סיבה פון דער געשיכטע פון רעכט. דערדאָזיקער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, ווי מיט אַ פּיוון, ער זאָל פרייען דעם ה' קאָריעיעוו.

...„מיטן שוין דורך אונז ציטירטער אָסקאַר פּעשעל (141 *) אופן פון באַקומען שפּייז איז זייער ענג פאַרבונדן די פונאַנ־ דערגלידערונג פון דער געזעלשאַפט. צומשוואַכסטן פון אַלע זענען די געזעלשאַפטלעכע קייטן ביי די אַרומוואָגלענדיקע יע־ גערישע האָרדעס פון בראַזיליע... די פּאַסטוכישע שבטים געפינען זיך מערסטנטייל אונטער דער מאַכט פון פּאַטריאַרכאַלע מושלים, היות ווי די סטאַדעס געהערן געוויינלעך צו איין באַלעבאָס, ביי וועלכן עס דינען זיינע שבט-ברידער אָדער פריער-אומאָפּ־ הענגיקע, און שפּעטער פאַראָרעמטע סטאַדע-אייגנטימער. פאַרן פּאַסטוכישן לעבנשטייגער זענען הויפּטזאַכלעך. כאָטש נישט אויסשליסלעך, כאַראַקטעריסטיש גרויסע פעלקער איבערוואַנ־ דערונגען, ווי אין צפון פון דער אַלטער וועלט, אַזוי אויך אין דרום-אַפריקע; דאַקעגן, די געשיכטע פון אַמעריקע ווייס בלויז פון איינצלנע אָנפאַלן פון די ווילדע יעגערישע שבטים אויף די פּאַר זיי צוציענדיקע פעלדער פון די קולטור-פעלקער. גאַנצע פעלקער האָבן, פאַרלאָזנדיק זייערע פריערדיקע וואוינ־ ערטער, געקענט דורכפירן גרויסע, דויערנדיקע וואַנדערונגען נאָר ביי דער באַגלייטונג פון זייערע סטאַדעס, וועלכע האָבן אין וועג געדינט אַלס זייער נויטיקסטע שפּייז. אַחוצדעם איז די סטעפּישע פּיצוכט גופא גורם צו אָפטע איבערבייטונגען פון די פּיטערונגס-ערטער. דאַקעגן צוזאַמען מיט דער איינגעזעסענער לעבנאַרט און צוזאַמען מיט דער ערדאַרבעט באַווייזט זיך תיכּף די שטרעבונג זיך צו באַנוצן מיט דער אַרבעט פון קנעכט... די קנעכטשאַפט ברענגט פריער אָדער שפּעטער צו טיראַניע, ווייל דער וואָס האָט די גרעסטע צאָל קנעכט, קען מיט זייער מיטהילף מאַכן אונטערטעניק צו זיין ווילן די שוואַכערע... די

*) דאָרטן, ז. 139. ווען מיר האָבן געשריבן דעמדאָזיקן ציטאַט, האָט זיך אונז פאָרגעשטעלט, אַז ה' מיכאַלאָווסקי שטייט אויף גיך פון זיין אָרט, אויסרופנדיק: איך קען דיסקוטירן וועגן דעם: די כינעזער קענען זיין באַוואָפנט מיט ענגליש געווער. צי קען מען אויפן סמך פון אָט דעם געווער אורטיילן וועגן דער שטופע פון זייער ציוויליזאַציע?" זייער גוט, ה' מיכאַלאָווסקי: לויטן ענגלישן געווער איז נישט לאָגיש צו אורטיילן וועגן דער כינעזישער ציוויליזאַציע; לויט דעמדאָזיקן געווער דאַרף מען טאַקע אורטיילן וועגן דער ענגלישער ציוויליזאַציע.

פונאַנדערטיילונג אויף פרייע מענטשן און אויף קנעכט איז דער יסוד פון דער שיכטן-פונאַנדערטיילונג פון דער געזעל־שאַפט״ *)

ביי פּעשעלן זענען פאַראַן אַסאַך געדאַנקען פון דעם מין. אייניקע פון זיי זענען אַבסאָלוט ריכטיקע און זייערע באַלערנ־דיקע, וועגן אַנדערע „קען מען דיסקוטירן״, און נישט בלויז א׳ קאָוואַלעווסקי. אָבער פאַר אונז זענען דאָ נישט וויכטיק די איינצלהייטן, נאָר ס׳איז וויכטיק די אַלגעמיינע ריכטונג פון פּעשעלס געדאַנק. און די אַלגעמיינע ריכטונג פאַלט פול־שטענדיק צונויף מיט דעם, וואָס מיר האָבן באַמערקט ביי ה׳ קאָוואַלעווסקי: אין די פּראָדוקציע-אופנים, אינם צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, זוכט ער דערקלערונגען פאַר דער געשיכטע פונם רעכט און אפילו פון דער גאַנצער געזעלשאַפט־לעכער אָרדנונג.

און אָט דאָס טאַקע איז עס, וואָס מאַרקס האָט שוין לאַנג און ענערגיש געעצהט די מענטשן פון דער געזעלשאַפט־לעכער וויסנשאַפט. און אינדעם באַשטייט, אייגנטלעך, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, כאָטש נישט פולשטענדיק (דער לעזער וועט שפּעטער דערזען פאַרוואָס מיר זאָגן: נישט פולשטענדיק), דער זין פון יענער באַרימטער הקדמה צו „Zur Kritik der Politischen Oekonomie“ וועלכע האָט געהאַט אַזוי וויניק מזל ביי אונז אין רוסלאַנד און איז אַזוי שרעקלעך און אַזוי משונהדיק שלעכט פאַרשטאַנענע געוואָרן דורך דער מערהייט רוסישע שרייבער, וועלכע האָבן זי געלייענט אין אָריגינאַל און אין אויסצוגן.

„אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע פון זייער לעבן שטויסן זיך מענטשן אָן אויף געוויסע, באַלקאָרכעדיקע, פון זייער ווילן אומאָפּהענגיקע, פאַרהעלטנישן — פּראָדוקציע-פאַר־העלטנישן, וועלכע אַנטשפּרעכן אַ באַשטימטער אַנטוויקלונגס־שטופע פון זייערע מאַטעריעלע פּראָדוצירנדיקע כוחות. דער סך-הכל פון דידאָזיקע פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן שטעלט צונויף

*) דאָרטן ז. ז. 253—452.

די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, דעם רעאַלן פונדאַמענט, אויף וועלכן עס בויט זיך אַרויף די יורידישע און פּאָליטישע איבערגעביידע״.

העגעל זאָגט וועגן שעלינגן, אַז בײַ דעמדאָזיקן פילאָזאָף בלייבן די גרונט-הנחות פונם סיסטעם נישט אַנטוויקלט ווי געהעריק, און דער אַבסאָלוטער גייסט דערשיינט אומדערוואַרטעט, ווי אַ שאָס פון אַ פּיסטאָלעט. ווען אַ מיטעלער רוסישער אינטעליגענט הערט, אַז בײַ מאַרקסן „ווערט אַלץ צוגעפירט צום עקאָנאָמישן יסוד״ (אַנדערע זאָגן פּשוט: צום עקאָנאָמישן), ווערט ער צעטומלט, ווי מ׳וואָלט האַרט לעבן זיין אויער אומדערוואַרטעט געוועסט אויסגעשאָסן פון אַ פּיסטאָלעט: „אָבער פאַרוואָס דווקא צום עקאָנאָמישן?״ — פרעגט ער אומעטיק און נישט באַגרייפנדיק. „אוודאי, אויך דאָס עקאָנאָמישע איז וויכטיק (באַזונדערס פאַר די אָרעמע פּויערים און פאַר די אַרבעטער), אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז דאָך דאָס אינטעלעקטועלע (באַזונדערס פאַר אונז, פאַר דער אינטעליגענץ). די פריערדיקע באַשרייבונג האָט, לאָמיר האָפן, באַוויזן דעם לעזער, אַז דאָס שטוינען פונם מיטעלן רוסישן אינטעליגענט קומט אין דעם פאַל בלויז דערפון, וואָס ער, דער אינטעליגענט, איז תמיד געווען אַביסל זאָרגלאָז בנוגע „דאָס אינטעלעקטועלע״, וואָס איז פאַר אים „באַזונדערס וויכטיק״. ווען מאַרקס פלעגט זאָגן, אַז די אַנאַטאָמיע פון דער ציווילער״ געזעלשאַפט „דאַרף מען זוכן אין איר עקאָנאָמיע״, האָט ער לגמרי נישט געמיינט דערמיט איבערצושרעקן די געלערנטע וועלט מיט אומדערוואַרטעטע שאָסן. ער האָט בלויז געגעבן אַ גלייכע און גענויע תשובה אויף די „פאַרשאָלטענע פראַגן״, וועלכע האָבן געמאַטערט די דענקענדיקע קעפּ אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט.

די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, קאָנזעקווענט אַנטוויקלענדיק זייערע סענסואַליסטישע אָנשויאונגען, זענען געקומען צום אויספיר, אַז דער מענטש מיט אַלע זיינע געדאַנקען, געפילן און שטרעבונגען איז אַ פּראָדוקט פון זיין אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה. כדי צו גיין ווייטער אין דער צופּאַסונג פונם מאַטעריאַליסטישן קוק צו דער לערע וועגן דעם

מענטש, האָט מען געדאַרפט לעזן די פראַגע וועגן דעם, פונוואָס-זשע איז אָפּהענגיק די בויאונג פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה און וואָס פאַר אַ אַנטוויקלונגס-געזעצן האָט זי. די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן האָבן נישט געקענט ענטפערן אויף דער-דאָזיקער פראַגע און זענען דורכדעם גופא געווען געצוואונגען זיך אַליין צו פאַראַטן, און אומקערן זיך צום אַלטן, דורך זיי אַזוי שטאַרק פאַראורטיילטן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט: זיי פלעגן דאַן זאָגן, אַז די סביבה שאַפט זיך אַנטשפּרעכנדיק צו דער „מיינונג" פון די מענטשן. נישט צופרידנשטעלנדיק זיך מיט דעמדאָזיקן אויבנאויפיקן ענטפער, האָבן די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַווראַציע-צייטן געשטעלט פאַר זיך אַ ציל צו אַנאַליזירן די געזעלשאַפטלעכע סביבה. דער רעזולטאַט פון זייער אַנאַליז איז געווען דער אויסערגעוויינלעך וויכטיקער פאַר דער וויסנשאַפט אויספיר, אַז די פּאָליטישע קאָנסטיטוציעס האָבן זייער שורש אין די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, און די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן בילדן זיך אויס לויט דעם צושטאַנד פון אייגנטום. צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן אויספיר איז פאַר דער וויסנשאַפט אַנטשטאַנען אַ נייע פראַגע, וואָס אויב מ'זאָל זי נישט פאַרענטפערן, וואָלט זי, די וויסנשאַפט, זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן ווייטער: פונוואָס-זשע הענגט אָפּ דער צושטאַנד פון אייגנטום? די לעזונג פון אָט אָ דער פראַגע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס צו שווער פאַר די כוחות פון די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַווראַציע-צייטן, און זיי זענען געווען געצוואונגען זיך אָפּטשעפּען פון איר דורך גאָרנישט זאָגנדיקע געדאַנקען וועגן די אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. די גרויסע דייטשישע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט גלייכצייטיק מיט זיי, — שעלינג און העגעל, — האָבן שוין גוט פאַרשטאַנען די נישט-באַפרידיקנדיקייט פונם שטאַנדפּונקט פון דער מענטשלעכער נאַטור: העגעל פלעגט אים בייסיק אויסלאַכן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דעם שליסל צום דערקלערן די היסטאָרישע באַוועגונג פון דער מענטשהייט דאַרף מען זוכן מחוץ פון דעם מענטשנס נאַטור. דאָס איז געווען אַ גרויס פאַרדינסט פון זייער זייט, אָבער כדי דאָסדאָזיקע פאַר-

דינסט זאָל זיין גענוג פרוכטבאַר פאַר דער וויסנשאַפט, האָט מען געמוזט באַווייזן, וואו־זשע, אייגנטלעך, דאַרף מען זוכן דעמדאָזיקן שליסל. זיי האָבן אים געזוכט אין די אייגנשאַפטן פונם גייסט, אין די לאָגישע אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער אַבסאָלוטער אידעע. דאָס איז געווען דער גרונט־פעלער פון די גרויסע אידעאַליסטן, וועלכער האָט זיי אומגעקערט, דורך אַ זייטנוועג צום שטאַנדפונקט פון דער מענטשלעכער נאַטור, וואָרום די אַבסאָלוטע אידעע, — מיר האָבן עס שוין געזען, — איז נישט עפעס אַנדערש, ווי די פאַרקערפערונג פון אונזער לאָגישן דענקונגס־פראָצעס. מאַרקסנס געניאַלע אַנטדעקונג בעסערט אויס דעמדאָזיקן גרונט־פעלער פונם אידעאַליזם, געבנדיק אים דערמיט גופא אַ טויט־קלאַפ: דער צושטאַנד פון אייגנטום, און דערמיט אויך אַלע אייגנשאַפטן פון דער סאָציאַלער סביבה (אינם קאַפיטל וועגן דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע האָבן מיר געזען, אַז אויך העגעל איז געווען געצוואונגען צו אָנערקענען די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פונם „צושטאַנד פון אייגנטום") בילדן זיך אויס נישט לויט די אייגנשאַפטן פונם אַבסאָלוטן גייסט און נישט לויטן כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער נאַטור, נאָר לויט יענע קעגנזייטיקע באַציאונגען, אין וועלכע די מענטשן ווערן באַלקאָרכע אַוועקגעשטעלט איינער לגבי דעם אַנדערן „אינם געזעלשאַפטלעכן פראָדוקציע־פראָצעס פון זייער לעבן", ד. ה. אין זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ. מאַרקסן פלעגט מען אָפט פאַרגלייכן מיט דאַרווינען, — אַ פאַרגלייך, וועלכער מאַכט לאַכנדיק די ה"ה מיכאַילאָווסקי, קאַריעיעוו און זייער קאָמפאַניע. שפעטער וועלן מיר זאָגן אין וואָס פאַר אַ זין מ'דאַרף פאַרשטיין דעמדאָזיקן פאַרגלייך, כאָטש אויך אָן אונז זעען עס, וואַרשיינלעך, אַסאַך לעזער; איצט וועלן מיר זיך דערלויבן, זאָל עס נישט דערצערענען אונזערע סוביעקטיווע דענקער, אַן אַנדער פאַרגלייך.

ביז קאָפערניקן האָט די אַסטראָנאָמיע געלערנט, אַז די ערד איז אַן אומבאַוועגלעכער צענטער, אַרום וועלכן עס דרייען זיך די זון און אַנדערע הימלישע ליכט. מיט דער הילף פון דעמדאָזיקן קוק איז געווען אוממעגלעך צו דערקלערן אַסאַך

פֿאַרשיינונגען פֿון דער הימלישער מעכאַניק. דער גענישלער פּאָליאַק האָט זיך גענומען צו זייער דערקלערונג פֿון אַן אַבסאָלוט־קעגנזעצלעכער זייט: ער האָט משער געווען, אַז נישט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר, פֿאַרקערט, די ערד אַרום דער זון, און דער ריכטיקער שטאַנדפּונקט איז אויסגעפֿונען געוואָרן, און ס'איז קלאָר געוואָרן אַסאַך דערפֿון, וואָס איז געווען אומקלאָר ביז קאָפּערניקן. — ביז מאַרקסן האָבן די מענטשן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער וויסנשאַפֿט געהאַלטן פֿאַר דעם אויסגאַנגס־פּונקט דעם באַגריף וועגן דער מענטשלעכער נאַטור. אַ דאַנק דעם, זענען געבליבן נישט פֿאַרענטפֿערט די וויכטיקסטע פֿראַגן פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. מאַרקסנס לערע האָט געגעבן דער זאַך גאָר אַן אַנדער ריכטונג: בעת דער מענטש, כּדי אויפֿצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ, האָט מאַרקס געזאָגט, באַווירקט די נאַטור מחוץ פֿון אים, ענדערט ער בשעת־מעשה זיין אייגענע נאַטור. משמעות, אַז דעם ענין פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער דערקלערונג פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג דאַרף מען אָנהויבן פֿונם קעגנזעצלעכן עק: מ'דאַרף אויפֿקלערן, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן קומט פֿאָר דערדאָזיקער פּראָצעס פֿון דער פּראָדוצירנדיקער באַווירקונג פֿונם מענטש אויף דער אויסערלעכער נאַטור. לויט איר גרויסער וויכטיקייט פֿאַר דער וויסנשאַפֿט, קען דידאָזיקע אַנטדעקונג דרייסט אַוועקגעשטעלט ווערן אין איין ריי מיט קאָפּערניקס אַנטדעקונג און בכלל אין איין ריי מיט די גרעסטע, פֿרוכטבאַרסטע וויסנשאַפֿטלעכע אַנטדעקונגען.

אייגנטלעך, איז די געזעלשאַפֿטלעכע לערע ביז מאַרקסן געווען אַסאַך מער באַרויבט פֿון אַ פֿעסטן גרונט, ווי די אַסטראָנאָמיע ביז קאָפּערניקן. די פֿראַנצויזן פֿלעגן אָנרופֿן, און זיי רופֿן עד היום, אַלע וויסנשאַפֿטן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, sciences morales et politiques, כּדי אונטערצושיידן פֿון די „sciences“, פֿון די „וויסנשאַפֿטן“ אין אייגנטלעכן זין פֿון וואָרט, אַלס וועלכע ס'פֿלעגן אָנערקענט ווערן און עס ווערן אָנערקענט אייניק־און־אַליין די עקזאַקטע וויסנשאַפֿטן. און מ'דאַרף מודה זיין, אַז ביז מאַרקסן איז די געזעלשאַפֿטלעכע וויסנשאַפֿט נישט געווען

און זי האָט נישט געקענט זיין קיין עקזאַקטע, קיין פּינקטלעך-גענויע. כל-זמן די געלערנטע פלעגן אַפּעלירן צו דער מענטשלעכער נאַטור, אַלס צו דער אויבערשטער אינסטאַנץ, האָבן זיי באַלקאָרכע געמוזט דערקלערן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן צווישן מענטשן מיט זייערע אָנשויונגען, מיט זייער באַוואוסטזיניקער טעטיקייט; אָבער די באַוואוסטזיניקע טעטיקייט איז אַזאַ טעטיקייט פונם מענטש, וועלכע מוז זיך אים אומבאַדינגט פאָרשטעלן אַלס אַ פרייוויליקע טעטיקייט. אַ פרייוויליקע טעטיקייט ווידער שליסט אויס דעם באַגריף וועגן באַלקאָרכעדיקייט, ד. ה. וועגן געזעצמאָסיקייט, און געזעצמאָסיקייט איז אַן אומבאַדינגטער יסוד פאַר יעדער וויסנשאַפטלעכער דערקלערונג פון דערשיינונגען. די פאָרשטעלונג וועגן פרייוויליקייט האָט מיט זיך פאַרדעקט דעם באַגריף וועגן באַלקאָרכעדיקייט און דערמיט האָט זי געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט. די דאָזיקע אַבעראַציע קען מען ביז איצט מיט אַ אויסערגעוויינטלעכער קלאָרקייט באַמערקן אין די „סאָציאָלאָגישע” ווערק פון די „סוביעקטיווע” רוסישע שרייבער.

אָבער מיר ווייסן שוין: די פרייהייט דאַרף זיין אַ באַלקאָרכעדיקייט. פאַרדעקנדיק דעם באַגריף וועגן באַלקאָרכעדיקייט, איז די פאָרשטעלונג וועגן פרייהייט אַליין געוואָרן זייער אַ טונקעלע און אַ קנאַפּ טרייסטנדיקע. די אַרויסגעטריבענע דורן׳ דער טיר באַלקאָרכעדיקייט איז אַריינגעפלויגן דורכן פענסטער; אַרויסגייענדיק פון דער פאָרשטעלונג וועגן פרייהייט, פלעגן די פאָרשער יעדע מינוט זיך אָנשטויסן אויף דער באַלקאָרכעדיקייט און זיי פלעגן קומען, סוף-כל-סוף, צו דער טרויעריקער אָנערקענונג פון איר פאַטאַלער, אומבאַשרייטבאַרער ווירקונג, וועלכע ס'איז נישטאָ מיט וואָס גובר צו זיין. צו זייער שרעק, האָט זיך די פרייהייט אַרויסגעוויזן אַלס אייביקע, הילפלאָזע און האָפנונגסלאָזע צינז-צאָלערין, אַלס אַ קראַפטלאָז שפּילכל אין די הענט פון דער בלינדער באַלקאָרכעדיקייט. און עס איז באמת רירנד יענע פאַרצווייפלונג, אין וועלבער ס'פלעגן אַריינפאַלן צייטנווייז די סאַמע קלאָרסטע, סאַמע

אָרנטלעכסטע, אידעאַליסטישע קעפּ. „שוין במשך פון עטלעכע טעג נעם איך זיך יעדע מינוט פאַר דער פעדער — זאָגט געאָרג ביכנער — אָבער איך קען נישט אָנשרייבן קיין איין וואָרט. איך האָב שטודירט די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. איך האָב זיך געפילט ווי אַ דערדריקטער דורך דעם שרעקלעכן פאַטאַליזם פון דער געשיכטע. איך זע אין אין דער מענטשלעכער נאַטור אַן אָפּשטויסנדיקע מיטלמעסיקייט, דאַקעגן אין די מענטשלעכע באַציאונגען אַ קראַפט נישט צום גובר זיין, וועלכע געהערט אַלעמען בכלל און קיינעם נישט בפרט. די איינצלנע פּערזענלעכקייט איז בלויז אַ שוים אויף דער אויבערפלאַך פון דער כוואַליע, גרויסקייט — דאָס איז בלויז אַ צופאַל, די מאַכט פונם גאון — דאָס איז בלויז אַ מאַריאָנעטן-שפּיל, אַ לעכערלעכע שטרעבונג, צו קעמפן קעגן אייזערנעם געזעץ, וועלכן מ׳קען אין בעסטן פאַל בלויז דערקענען, אָבער וועלכן ס׳איז אוממעגלעך אונטערצוואַרפן דעם אייגענעם ווילן״ *). מ׳קען זאָגן, אַז שוין כדי אויסצומיידן אַזעלכע אָנפאַלן פון, אגב, לגמרי געזעצלעכער, פאַרצווייפלונג האָט געלוינט אַוועקצוואַרפן כאָטש בלויז אויף אַ געוויסער צייט דעם אַלטן שטאַנדפּונקט און אַ פּרווו טאָן צו באַפרייען די פרייהייט, אַפּעלירנדיק טאַקע צו דערזעלבער באַלקאָרכעדיקייט, וועלכע מאַכט זיך לוסטיק איבער איר; מ׳האָט געדאַרפט נאָכאַמאָל איבערקוקן די פראַגע, וועלכע ס׳האָבן שוין געהאַט אַרויסגערוקט די אידעאַליסטן-דיאַלעקטיקער, וועגן דעם. צי פליסט נישט אַמאָל אַרויס די פרייהייט פון דער באַלקאָרכעדיקייט, צי איז נישט אַמאָל אָט די לעצטע, דער איינציקער פעסטער יסוד, די איינציקע זיכערע גאַראַנטיע, צי איז זי נישט אַן אוממפאַרמיידלעכע באַדינגונג פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט?

מיר וועלן זען, צו וואָס פירט אַן ענלעכער פּרווו ביי מאַרקסן. אָבער פאַר דעם וועלן מיר זיך באַמיען קלאָר צו

---

*) אין אַ בריוו צו דער כלה, געשריבן אין יאָר 1833. אַ באַמערקונג פאַר חבר מיכאַלאָווסקי. דאָס איז נישט יענער ביכנער, וועלכער האָט געפּרעדיקט מאַטעריאַליזם אין „אַלגעמיין פילאָזאָפישן זין״; דאָס איז זיין פריי-פאַרשטאָרבענער ברודער, דער מחבר פון דער באַרימטער טראַגעדיע „דאַנטאָנס טויט״.

מאַכן זיינע היסטאָרישע אָנשויאונגען אויף אַזאַ אופן, אַז ס'זאָלן
גישט פאַרבלייבן ביי אונז בנוגע זיי קיין שום מיספאַר-
שטייעניש.

אויפן באָדן פונם באַטרעפנדיקן צושטאַנד פון די פראָ-
דוצירנדיקע כּוחות בילדן זיך אויס געוויסע פּראָדוקציע-פאַר-
העלטנישן, וועלכע באַקומען זייער אידעאַלן אויסדרוק אין די
רעכטלעכע באַגריפן פון די מענטשן און אין מער אָדער ווי-
ניקער „אַבסטראַקטע כּללים", אין די נישט-געשריבענע זיטן און
אין די געשריבענע געזעצן. דאָס צו באַווייזן איז אונז שוין
נישט נויטיק. ווי מיר האָבן געזען, באַווייזט דאָס שוין אָנ-
שטאָט אונז די מאָדערנע רעכטס-וויסנשאַפט (זאָל דער לעזער
זיך דערמאָנען וואָס עס זאָגט מכּוח דעם ה' קאָוואַלעווסקי). אָבער
ס'וועט זיין נישט איבעריק אַ קוק צו טאָן אויף דערדאָזיקער
זאַך פון אַן אַנדער זייט, און נעמלעך, פון פאָלגנדיקער זייט:
וויבאַלד מיר האָבן זיך קלאָר געמאַכט, אויף וואָס פאַר אַן
אופן עס ווערן געשאַפן די רעכטלעכע באַגריפן פון מענטשן
דורך זייערע פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן, וועלן אונז
שוין נישט וואונדערן פאָלגנדיקע ווערטער פון מאַרקסן:
„נישט דאָס באַוואוסטזיין פון די מענטשן בילדעט אויס
זייער זיין (ד. ה. די פאָרם פון זייער עקזיסטענץ), נאָר
פאַרקערט, זייער געזעלשאַפטלעך זיין בילדעט אויס
זייער באַוואוסטזיין". איצטער ווייסן מיר שוין, אַז, לכל-
הפּחות, אין באַציאונג צו איין געביט פונם באַוואוסטזיין, איז עס
אינדעראמתן אַזוי, און פאַרוואָס עס איז אַזוי, אונז פאַרבלייבט
בלויז צו באַשליסן צי איז עס שטענדיק אַזוי, און אויב יאָ,
פאַרוואָס-זשע איז עס שטענדיק אַזוי. מיר וועלן זיך לעת-עתּה
האַלטן ביי דיזעלבע רעכטלעכע באַגריפן.

„ביי אַ געוויסער שטופע פון זייער אַנטוויקלונג טרעטן
אַריין די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון דער געזעלשאַפט
אין אַ סתּירה מיט די פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן,
וועלכע עקזיסטירן אין דערדאָזיקער געזעלשאַפט אָדער, אויס-
דריקנדיק דאָס זעלביקע אויף דער יורידישער שפּראַך, אין אַ
סתּירה מיט די אייגנטום-פאַרהעלטנישן, אין וועלכע זיי האָבן
זיך אַנטוויקלט ביז אַהער. פון פאָרמען, וועלכע האָבן מיט-

געווירקט צו דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות וועגן דידאַזיקע פּאַרהעלטנישן פאַרוואַנדלט אין אַ שטערונג פאַר זייער אַנטוויקלונג. דאַן קומט אָן אַן עפּאָכע פון אַ געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש".

דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום אויף באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער אַנטשטייט צוליב דעם, וואָס אָט די פאָרם פון אייגנטום איז באַקוועם, מערער נאָך — איז נויטווענדיק פאַר דעם פּראָצעס פון דער פּרימיטיווער פּראָדוקציע. זי שטיצט אונטער די עקזיסטענץ פון דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט, זי ווירקט מיט צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אירע פּראָדוצירנדיקע כוחות, און מענטשן האַלטן זיך אָן איר, ווי האַלטן זי פאַר באַטיילעך און נויטווענדיק. אָבער אָט קומט פאַר, אַז אַדאַנק דידאָזיקע אייגנטום-פאַרהעלטנישן און אין זיי גופא, האָבן זיך די פּראָדוצירנדיקע כוחות אַנטוויקלט אַזוי פיל, אַז ס'האָט זיך געעפנט אַ מער ברייטער פעלד פאַר דער אויסנוצונג פון די אינדיווידועלע אָנשטרענגונגען. איצט ווערט דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום אין געוויסע פאַלן שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט, עס שטערט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אירע פּראָדוצירנדיקע כוחות און דעריבער טרעט דידאָזיקע פאָרם אָפּ איר פּלאַץ פאַר דער פּערזענלעכער אייגנטום-פאָרשאָפונג: אין די רעכטלעכע אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאַפט קומט פאַר אַ מער אָדער ווייניקער שנעלע איבערקערעניש. דידאָזיקע איבערקערעניש ווערט אומבאַדינגט באַגלייט מיט אַן איבערקערעניש אין די רעכטלעכע באַגריפן פון די מענטשן: מענטשן, וועלכע האָבן פריער געמיינט, אַז גוט איז בלויז דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום, האָבן איצטער אָנגעהויבן מיינען, אַז אין געוויסע פאַלן איז בעסער די יחידישע אייגנטום-פאַרשאַפונג. אגב, ניין, מיר דריקן זיך אויס נישט גענוי, מיר שילדערן אַלס צוויי באַזונדערע פּראָצעסן, דאָס, וואָס איז לחלוטין אומצעטיילבאַר, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר בלויז צוויי זייטן פון איינאונדעמזעלבן פּראָצעס: אַלס פועל-יוצא פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות האָבן זיך געדאַרפט ענדערן די פּאַקטישע באַציאונגען

און די מענטשן אינם פראָדוקציע-פּראָצעס, און די דאָזיקע נייע פאַקטישע באַציאונגען האָבן זיך אויסגעדריקט אין נייע רעכטלעכע באַגריפן.

ה׳ קאַריעיעוו פאַרזיכערט אונז, אַז דער מאַטעריאַליזם איז פונקט אַזוי איינזייטיק אין באַצוג צו דער געשיכטע, פונקט ווי דער אידעאַליזם. סיי דער, סיי יענער שטעלן מיט זיך פאָר, לויט זיין מיינונג, בלויז „מאָמענטן״ אין דער אַנטוויקלונג פונם פולשטענדיקן וויסנשאַפטלעכן אמת. „נאָך דעם ערשטן און צווייטן מאָמענט מוז נאָכקומען אַ דריטער מאָמענט; די איינזייטיקייטן פון דער טעזע און פון דער אַנטיטעזע וועלן געפינען זייער תּיקון אינם סינטעז, ווי אינם אויסדרוק פונם פולשטענדיקן אמת״ *). דאָס וועט זיין זייער אַן אינטערעסאַנטער סינטעז, „אין וואָס וועט באַשטיין אַזאַ סינטעז, — וועל איך לעת-עתּה נישט נעמען רעדן וועגן דעם״. אַ שאָד! צום גליק היט נישט אונזער „היסטאָריאָזאָף״ זייער שטרענג אָפּ דעם נדר פון שווייגן, וועלכן ער האָט אַליין גענומען אויף זיך. ער גיט תּוך-כּדי-דבור צו פאַרשטיין, אין וואָס וועט באַשטיין און פונוואַנען וואַקסט אַרויס דערדאָזיקער פולשטענדיקער וויסנשאַפטלעכער אמת, וועלכער וועט מיט דער צייט זיין פאַרשטענדלעך, סוף-כּל-סוף, פאַר דער גאַנצער געבילדעטער מענטשהייט, און איז דערווייל באַקאַנט בלויז דעם ה׳ קאַריעיעוו. דערדאָזיקער אמת וואַקסט אַרויס פון פאָלגנדיקע באַהויפּטונגען: „יעדע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, באַשטייענדיק פון אַ גוף און פון אַ נשמה, פירט אַ צווייפאַכיק לעבן — אַ פיזיש און אַ פּסיכיש. נישט דערשיינענדיק פאַר אונז נישט אַלס אויסשליסלעכער חומר מיט זיינע מאַטעריעלע באַדערפנישן, נישט אַלס אויסשליסלעכער גייסט מיט זיינע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע באַדערפנישן. סיי דער גוף סיי די נשמה פונם מענטש האָבן זייערע באַדערפנישן, וועלכע זוכן זייער באַפרידיקונג און וועלכע שטעלן די איינצלנע פּערזענלעכקייט אין אַ פאַרשיידנאַרטיקער באַציאונג צו דער אויסערלעכער וועלט, ד. ה. צו דער נאַטור און צו די איבעריקע מענטשן,

*) „וועסטניק יעוראָפּי״, יולי 1894 ז. 6.

ד. ה צו דער געזעלשאַפט, און אַז דידאָזיקע באַציאונגען זענען אָפט צווייערלייאיקע"*).

אַז דער מענטש באַשטייט פון אַ נשמה און פון אַ גוף, דאָס איז אַ „סינטעז" אַ ריכטיקער, כאָטש מ'קען נישט זאָגן, אַז ער איז זייער אַ נייער. אויב דער ה' פּראָפעסאָר איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער גייסטער פילאָזאָפיע, דאַרף ער דאָך וויסן, אַז אַן אים, אַן דעמדאָזיקן סינטעז, האָט זי זיך די ציין געבראָכן אין משך פון גאַנצע יאָרהונדערטער, נישט זייענדיק בכוח צו געבן זיך אַן עצה מיט אים, ווי געהעריק. און אויב ער מיינט, אַז דערדאָזיקער „סינטעז" וועט פאַר אים אַנטדעקן „דעם תוך פונם היסטאָרישן פּראָצעס, וועט שוין ה' וו. וו. אַליין מוזן מסכים זיין, אַז מיט זיין „פּראָפעסאָר" איז נישט גאָר פויגלדיק, אַז נישט דעם ה' קאַריעיעוו איז באַשערט צו ווערן דער שפּינאָזע פון דער „היסטאָריאָזאָפיע".

מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, וועלכע פירן צו דער ענדערונג פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די מענטשן אינם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע-פּראָצעס, ענדערן זיך אַלע אייגנטום-פאַרהעלטנישן. אָבער גיזאָ האָט דאָך אונז שוין געזאָגט, אַז אין די אייגנטום-פאַרהעלטנישן וואָרצלען די פּאָליטישע קאָנסטיטוציעס. דאָס ווערט אַבסאָלוט באַשטעטיקט דורך דער נייסטער וויסנשאַפט. דער בלוט-פאַרבאַנד טרעט אָפּ זיין אָרט דעם טעריטאָריאַלן פאַרבאַנד טאָקע צוליב די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין די אייגנטום-פאַרהעלטנישן. מער אָדער ווייניקער גרויסע טעריטאָריאַלע פאַרבאַנדן גיסן זיך צונויף אין אָרגאַניזמען, וועלכע ווערן אָנגערופן מלוכות, ווידעראַמאָל אַלס פּועל-יוצא פון שוין פאַרגעקומענע ענדערונגען אין די אייגנטום-פאַרהעלטנישן, אָדער אַלס רעזולטאַט פון די נייע נויטן פונם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע-פּראָצעס. דאָס איז אויסגעצייכנט אויפגעקלערט, למשל, בנוגע צו די גרויסע מלוכות פון מזרח**). נישט ווייניקער איז עס אויפגעקלערט בנוגע

---

*) דאָרטן ז. 3.

**) זע דאָס בוך פון פאַרשטאָרבענעם ל. מיטשניקאָוו (143), וועגן „די גרויסע היסטאָרישע טייכן", אין דעמדאָזיקן בוך האָט, אייגנטלעך, דער

אַנטיקע מלוכות*). און ס׳איז בכלל נישט שווער דאָס צו באַווייזן אין באַצוג צו יעדער באַטרעפנדיקער מלוכה, וועגן וועלכערס אַנטשטייאונג מיר פאַרמאָגן גענוגנדיקע ידיעות. דערביי דאַרף מען נאָר נישט פאַרשמעלערן, מיט אַ כיוון צי אָן אַ כיוון, מאַרקסנס קוק. מיר ווילן זאָגן אָט וואָס:

פון דעם באַטרעפנדיקן צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות זענען אָפּהענגיק די אינערלעכע פאַרהעלטנישן פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט. אָבער פון דעמזעלביקן צושטאַנד זענען דאָך אויך אָפּהענגיק אירע אויסערלעכע פאַרהעלטנישן בנוגע אַנדערע געזעלשאַפטן. אויפן באָדן פון דידאָזיקע אויסערלעכע פאַרהעלטנישן אַנטשטייען ביי דער געזעלשאַפט נייע נויטן, וואָס פאַר זייער באַפרידיקונג וואַקסן אויס נייע אָרגאַנען. ביי אַן אויבנ ויפיקן בליק אויף דער זאַך שטעלן זיך פאָר די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די באַזונדערע געזעלשאַפטן, אַלס אַ ריי „פּאָליטישע” האַנדלונגען, וועלכע האָבן נישט קיין דירעקטע באַציאונג צו דער עקאָנאָמיע. אין דער ווירקלעכקייט, ליגט אין יסוד פון די צווישנגעזעלשאַפטלעכע באַציאונגען דווקא די עקאָנאָמיע, וועלכע בילדעט אויס לויט זיך הן די ווירקלעכע (און נישט בלויז אויסערלעכע) סיבות פאַר די צווישנשבטימדיקע און צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען, הן אויך זייער רעזולטאַט. יעדע שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות האָט איר אַנטשפּרעכנדיק באַוואָפנונגס-סיסטעם, איר מלחמה-טאַקטיק, איר דיפּלאָמאַטיע, איר צווישנפעלקערלעך רעכט. פאַרשטייט זיך,

---

מחבר בלויז אונטערגעצוינגן אַ סך־הכל אונטער יענע אויספירן, צו וועלכע עס זענען געקומען די אויטאָריטאַטיוועסטע היסטאָריקער-ספּעציאַליסטן, ווי למשל, לענאָרמאַן. עליזע רעקליו זאָגט אין דער הקדמה צום דערמאָנטן בוך, אַז מיעטשניקאָווס קוק וועט בילדן אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט. דאָס איז נישט ייכטיק אין דעם זין, וואָס דערדאָזיקער קוק איז נישט ניי: העגעל פלעגט אים שוין אַרויסזאָגן אויף זייער אַ קלאָרן אופן. אָבער ס׳איז אָן ספק, אַז די וויסנשאַפט וועט אויסערגעוויינלעך אַסאַך געווינען, אויב זי וועט זיך ביי אים קאָנסעקווענט האַלטן.

*) זע מאָרגאַנס בוך: „Ancient society“ און ענגעלסעס בוך: „די אַנשטייאונג פון פאַמיליע, פּריוואַט-אייגנטום און מלוכה”.

מ׳קען אָנווייזן אַ סך פאַלן, אין וועלכע צווישנפעלקערלעכע צוזאַמענשטויסן האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צו דער עקאָנאָמיע. און קיינעם פון מאַרקסנס אָנהענגער וועט נישט איינפאַלן אָפּצופרעגן די עקזיסטענץ פון אַזעלכע פאַלן. זיי זאָגן נאָר: בלייבט נישט שטיין אויף דער אויבערפלאַך פון דערשיינונגען, לאָזט זיך אַראָפּ טיפער, שטעלט אַוועק פאַר זיך די פראַגע, אויף וואָס פאַר אַ באָדן איז אויסגעוואַקסן דאָס באַטרעפנדיקע צווישנפעלקערלעכע רעכט? וואָס האָט באַשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַזאַ און אַזאַ מין פעלקערלעכע צוזאַמענשטויסן? — און איר וועט סוף־כל־סוף דערגיין צו דער עקאָנאָמיע. אמת, די באַטראַכטונג פון איינצלנע פאַלן ווערט באַשווערט דורכדעם, וואָס עס טרעטן נישט זעלטן אַריין אין קאַמף געזעלשאַפטן, וועלכע לעבן איבער נישט איינאונדיזעלבע פאַזעס פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

אָבער דאָ רייסט אונז איבער דער כאָר פון די דורכדרינגענדיקע קעגנער. „גוט, — שרייען זיי, — לאָמיר אָננעמען, אַז די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן האָבן זייער שורש אין די עקאָנאָמישע. אָבער ווײַבאַלד עס עקזיסטירן פּאָליטישע פאַרהעלטנישן, טוען זיי, — פונוואַנען זיי זאָלן זיך נישט נעמען, — פון זייער זייט, ווירקן אויף דער עקאָנאָמיע. פאָלגלעך, עקזיסטירט דאָ אַ קעגנזייטיקע ווירקונג און גאָר נישט מער, אַחוץ קעגנזייטיקער ווירקונג”.

דיראָזיקע קעגנטענה איז נישט אויסגעטראַכט דורך אונז. אויף ווי ווייט זי ווערט געשאַצט דורך די קעגנער פונם „עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם” באַווייזט פאָלגנדיקע „באמת פאַרלאָפענע געשיכטע”.

מאַרקס ברענגט, אין זיין „קאַפּיטאַל”, פאַקטן, וועלכע באַווייזן, אַז די ענגלישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך באַנוצט מיט איר פּאָליטישער מאַכט, כדי צו קענען אָפּאַרבעטן אירע געשעפטעלעך אויפן געביט פון ערדבאַזיץ. דאָקטאָר פּאַאול באַרט, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ „קריטישן פּרוּוו” אונטערן נאָמען „Die Geschichtsphilosophie Hegel's und der Hegelianer“, האָט זיך אָנגעכאַפּט דערין, כדי אויפצוואַרפן מאַרקסן סתירהדיקייט: אָט, הייסט עס, אָנערקענט איר דאָך

אליין, אזוי צו זאָגן, אַז דאָ עקזיסטירט אַ קעגנזייטיקע ווירקונג, און אַלס אַ באַווייז דערפאַר, אַז די קעגנזייטיקייט עקזיסטירט טאַקע אינדערעאַמתן, פאַררופט זיך אונזער דאָקטאָר אויפן בוך פון שטערנבערג (144), אַ שרייבער, וועלכער האָט אַסאַך אויפגעטון פאַר דער אויספאָרשונג פון דער עקאָנאָמישער געשיכטע פון דייטשלאַנד. ה׳ קאַריעיעוו מיינט, אַז „די זייטן, וועלכע זענען אין באַרטס בוך געווידמעט דער קריטיק פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, קענען אָנגעוויזן ווערן אַלס אַ מוסטער דערפון, וויאַזוי מ׳דאַרף אָנטשיידן די פראַגע וועגן דער ראָל פון עקאָנאָמישן פאַקטאָר אין דער געשיכטע״. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט, אָנצוווייזן די לעזער אויף באַרטס קעגנטענה און אויף דער אויטאָריטאַטיווער דערקלערונג פון איִנאַמאַ-שטערנעג, „וועלכער פאָרמולירט אָפילו אַזאַ אַלגעמיינע הנחה, אַז די קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער פאָליטיק און דער ווירטשאַפט איז אַ גרונט-שטריך אין דער אַנטוויקלונג פון אַלע מלוכות און פון אַלע פעלקער״. מ׳דאַרף כאָטש אַביסל פונאַנדערקלייבן זיך אין דעמדאָזיקן פלאָנטער.

ערשטנס, וואָס זאָגט אייגנטלעך איִנאַמאַ-שטערנעג? וואָס איז שייך דעם קאַראָלינישן פעריאָד (145) פון דייטשלאַנדס עקאָנאָמישער געשיכטע מאַכט ער פאָלגנדיקע באַמערקונג: די קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן פאָליטיק און ווירטשאַפט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר אַ גרונט-שטריך אין דער אַנטוויקלונג פון אַלע מלוכות און פון אַלע פעלקער, קען מען דאָ נאָכזען אויף דעם סאַמע געניויסטן אופן. די פאָליטישע ראָל, וועלכע פאַלט אויס אויפן גורל פון באַטרעפנדיקן פאָלק, איבט אויס אַן אַנטשיידענע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיינע כוחות, אויף דעם קאָמפּלעקס און אויסאַרבעטונג פון ויינע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, פונקט אַזוי טוט זיין אינערלעכער כוח, וואָס איז אייגנטימלעך פאַרן פאָלק, און די נאַטירלעכע געזעצן פון זיין אַנטוויקלונג, אויסבילדן לויט זיך נאָך די מאָס און דעם סאָרט פון זיין פאָליטישער טעטיקייט. פונקט אַזוי האָט דאָס פאָליטישע סיסטעם פון די קאַראָלינגס געווירקט אויף דער סאָציאַלער אָרדנונג, אויף די ווירטשאַפטלעכע

פאַרהעלטנישן, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט אין יענער צייט געלעבט, נישט ווייניקער ווי די ס ט י כ י ש ע כּוחות פונם פאָלק,— ווי זיין ווירטשאַפטלעך לעבן, — האָט געווירקט אויף דער ריכטונג פון דעמדאָזיקן פּאָליטישן סיסטעם, אַרויפלייגנדיק דע־רויף אַן אייגנאַרטיקן חותם" *). און שוין. דאָס איז נישט קיין סאַך, אָבער דאָסדאָזיקע ביסל ווערט געהאַלטן אַלס גענוגנדיק אויף אָפּצוּלייקענען מאַרקסן.

לאָמיר איצט דערמאָנען, צווייטנס, וואָס זאָגט מאַרקס וועגן די באַציאונגען פון דער עקאָנאָמיע צום רעכט און צו דער פּאָליטיק.

„די רעכטלעכע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס ווערן גע־שאַפן אויפן באָדן פון די פּאַקטישע פאַרהעלטנישן פון די מענטשן אינם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע־פּראָצעס. ביז אַ גע־וויסער צייט העלפן־מיט דידאָזיקע אינסטיטוציעס דער ווײַ־טערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פונם פאָלק, דער פונאַנדערבליאונג פון זיין עקאָנאָמיש לעבן". דאָס זענען מאַרקסנס גענויע ווערטער; און מיר פרעגן דעם ערשטן־בעסטן געוויסנהאַפטן מענטש, צי איז פאַראַן אין דידאָזיקע ווערטער אַן אָפּלייקענונג פון דער באַדייטונג פון די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן אין דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיע, און צי פרעגן־אָפּ מאַרקסן יענע מענטשן, וועלכע דערמאָנען אים אַן דערדאָזיקער באַדייטונג? צי איז נישט אמת, אַז ביי מאַרקסן איז אַפילו קיין זכר נישטאָ פון אַזאַ אָפּלייקענונג, און אַז די דערמאָנטע מענטשן פרעגן לחלוטין גאָרנישט אָפּ? דאָס איז אויף אַזוי פיל — אמת, אויף וויפיל ס'קומט אויס זיך צו רע־כענען מיט דער פראַגע נישט וועגן דעם, צי איז מאַרקס אָפּ־געפרעגט, נאָר וועגן דעם, פאַרוואָס האָט מען אים אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען? און אויף דערדאָזיקער פראַגע קענען מיר ענט־פערן בלויז מיטן פראַנצויזישן גלייכוואָרטל (146: la plus belle fille du monde ne peut doner que ce qu'ellea

---

*) Deutsche Wirtschaftsgeschichte bis zum Schluss der Karolingen-periode, I Band. Leipzig. 1889. SS 223—234

מאַרקסנס קריטיקער קענען נישט איבערשטייגן יענע מאָס פון פאַרשטאַנד, וועלכע ס'איז זיי געשענקט געוואָרן דורך דער וואוילטעטיקער נאַטור *).

אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער פּאָליטיק און צווישן דער עקאָנאָמיע עקזיסטירט. דאָס איז פונקט אַזוי צווייפעללאָז, ווי דאָס, אַז ה' קאַריעיעוו פאַרשטייט נישט מאַרקסן. אָבער צי דען פאַרבאָט אונז די עקזיסטענץ פון דער קעגנזייטיקער ווירקונג צו גיין ווייטער אין דער אַנאַליזירונג פונם געזעלשאַפט-לעכן לעבן? ניין, אַזוי מיינען, וואָלט געהייסן פונקט דאָס זעלבע, ווי מיינען, אַז די נישט-פאַרשטענדעניש, וועלכע ס'האָט

---

*) מאַרקס זאָגט: יעטוועדער קלאַסנקאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף. בכן, דרינגט אַרויס באַרט, די פּאָליטיק ווירקט דאָך, לויט אייער מיינונג, לחלוטין נישט אויף דער עקאָנאָמיע, און איר ברענגט אַליין פאַקטן, וועלכע באַווייזן... און אַזוי ווייטער. — בראַוואָ, — שרייט אויס ה' קאַריעיעוו, — אָטאָ דאָס הייסט ביי מיר אַ מוסטער, וויאַזוי מ'דאַרף דיסקוטירן מיט מאַרקסן! ה' קאַריעיעווס „מוסטער" ווייזט בכלל אַרויס אַ וואונדערבאַרע קראַפט פון דענקען. „רוסאָ, — זאָגט דער מוסטער, — האָט געלעבט אין אַ געזעלשאַפט, וואו עס זענען געווען דערפירט ביזן עקסטרעם די שטאַנדלעכע אונטערשיידן און פּריוויליעגעס, וואו אַלע זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם אַלמעכטיקן דעספּאָטיזם; און פונגדעסטוועגן, האָט דער איבערגענומענער פון אַלטערטום מעטאָד פונם נאַציאָנאַלן געבוי פון דער מלוכה, — אַ מעטאָד, מיט וועלכן ס'האָבן זיך אויך באַנוצט גאָבס און לאָק, דערפירט רוסאָען צו דער באַשאַפונג פון אַן אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע באַזירט אויף אַלגעמיינער גלייכהייט און אויף זעלבסטהערשונג פון פאָלק. דערדאָזיקער אידעאַל איז געשטאַנען אַבסאָלוט אין אַ סתירה צו דער אָרדנונג, וועלכע האָט עקזיסטירט אין פראַנקרייך. רוסאָס טעאָריע איז דורכן קאָנווענט פּראַקטיש פאַרווירקלעכט געוואָרן; הייסט עס, אַז די פילאָזאָפיע האָט משפיע געווען אויף דער פּאָליטיק, און דורך איר פאַרמיטלונג אויך אויף דער עקאָנאָמיע. (דאָרטן. ז. 58).

ווי געפעלט אייך דידאָזיקע גלענצנדיקע אַרגומענטאַציע, צוליב וועלכער רוסאָ, אַ זון פון אַן אָרימען גענפער רעפּובליקאַנער, איז געוואָרן אַ פּראָדוקט פון אַן אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט? באַשטרייטן ה' באַרט, הייסט זיך אַריינלאָזן אין איבערחזרונגען. אָבער וואָס זאָגט מען צום ה' קאַריעיעוו, וועלכער אַפּלאָדירט דאָרטן? —

ארויסגעוויזן זי' קאַריעיִעוו, קען אונז שטערן צוצוקומען צו
ריכטיקע „היסטאָריאָזאָפּישע" באַגריפן.
די פּאָליטישע אינסטיטוציעס ווירקן אויפן ווירטשאַפטלעכן
לעבן. דאָס הייסט: אָדער זיי העלפן-מיט דער אַנטוויק-
לונג פון דעמדאָזיקן לעבן אָדער זיי שטערן איר. אין
ערשטן פאַל איז זיך לגמרי נישטאָ וואָס צו וואונדערן פון
מאַרקסנס שטאַנדפּונקט, היות ווי דאָס באַטרעפנדיקע פּאָליטישע
סיסטעם ווערט דאָך צוליב דעם געשאַפן, כּדי עס זאָל
מיטהעלפן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג
פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות (צי עס ווערט
באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק געשאַפן — פאַר אונז איז
עס אין באַטרעפנדיקן פאַל אַבסאָלוט אַלצייינס). דער צווייטער
פאַל ווידערשפּרעכט מיט גאָרנישט דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, וואָ-
רום די היסטאָרישע דערפאַרונג באַווייזט, אַז וויבאַלד דאָס באַ-
טרעפנדיקע פּאָליטישע סיסטעם הערט אויף צו אַנטשפּרעכן דעם
צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, וויבאַלד עס ווערט
פאַרוואַנדלט אין אַ שטערונג פאַר זייער ווייטערדיקער אַנטוויק-
לונג, — קומט אַריין דאָס דאָזיקע סיסטעם אין אַ מצב פון
ירידה, און צומלעצט ווערט עס באַזייטיקט. ס'איז נאָך ווייניק
וואָס דערדאָזיקער פאַל איז נישט סותר מאַרקסנס לערע: ער
באַשטעטיקט זי נאָך אויפן בעסטן אופן, ווייל גראָד דער פאַל
באַווייזט, אין וואָס פאַרא זין די עקאָנאָמיע געוועלטיקט אויף
דער פּאָליטיק, אויף וואָס פאַר אַן אופן די אַנטוויקלונג פון די
פּראָדוצירנדיקע כּוחות קומט פריער פאַר דער פּאָליטישער אַנט-
וויקלונג פונם פאָלק.
די עקאָנאָמישע עוואָלוציע ברענגט מיט זיך רעכטלעכע
איבערקערענישן. דאָס איז נישט לייכט צו פאַרשטיין פאַר אַ
מעטאַפיזיקער, וועלכער, — כאָטש ער שרייט וועגן קעגנזייטיקער
ווירקונג, — איז צוגעוואוינט צו באַטראַכטן דערשיינונגען איינע
נאָך דער אַנדערער, איינע אומאָפּהענגיק פון דער אַנדערער.
ראַקעגן, אָן שוועריקייטן פאַרשטייט דאָס אַ מענטש, וועלכער
איז כאָטש אַביסל מסוגל צום דיאַלעקטישן דענקען. ער
ווייס, אַז קוואַנטיטאַטיווע ענדערונגען, זיך אָנקלייבנ-
דיק בהדרגהדיק, ברענגען, סוף-כּל-סוף, צו ענדערונגען

פון דער קוואַליטעט, און אַז דידאָזיקע ענדערונגען פון די קוואַליטעטן שטעלן מיט זיך פאָר מאָמענטן פון שפרונגען פון איבערייסן אין דער בהדרגהדיקייט.

דאָ האַלטן שוין אונזערע קעגנער נישט אויס און זיי זאָגן אַריין זייער וואָרט: אַזוי פלעגט דאָך טענהן העגעל. אַזוי האַנדלט די גאַנצע נאַטור, ענטפערן מיר.

עס רעדט זיך גיכער, ווי עס טוט זיך. אין באַצוג צו דער געשיכטע קען מען דאָס דאָזיקע גלייכוואָרטל אַזוי פערעפראַזירן: רעדן רעדט זיך זייער פשוט, נאָר טאָן טוט זיך גוואַלטיק קאָמפליצירט. ס'איז זיך לייכט צו זאָגן: די אַנטוויקלונג פון די פראָדוצירנדיקע כוחות ברענגט מיט זיך איבערקערענישן אין די רעכטלעכע אינסטיטוציעס! דידאָזיקע איבערקערענישן שטעלן מיט זיך פאָר קאָמפליצירטע פראָצעסן, אין משך פון וועלכע די אינטערעסן פון די איינצלנע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט גרופירן זיך אויפן סאַמע ווילקירלעכסטן אופן. פאַר געוויסע איז באַקוועם אונטערצוהאַלטן די אַלטע אָרדנונגען, — און זיי פאַרטיידיקן זיי מיט אַלע מיטלען, וועלכע זיי האָבן אין זייער רשות. פאַר אַנדערע זענען שוין די אַלטע אָרדנונגען געוואָרן שעדלעך און פיינטלעך, פאַלן זיי אָן אויף זיי מיט אַלע כוחות, וועלכע זיי פאַרמאָגן. און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. די אינטערעסן פון די נאָוואַטאָרן זענען אויך ווייט נישט שטענדיק איינאונדיזעלבע: פאַר געוויסע זענען וויכטיק די רעפאָרמען, פאַר אַנדערע — אַנדערע. אַנטשטייען שטרייטיקייטן אין דער מחנה פון די נאָוואַטאָרן גופא, דער קאַמף ווערט קאָמפליצירט. און כאָטש, ווי עס באַמערקט ריכטיק ה' קאַריעיעוו, דער מענטש באַשטייט פון אַ נשמה און אַ גוף, שטעלט אומבאַדינגט אַוועק פאַר די שטרייטנדיקע צדדים דער קאַמף פאַר די סאַמע אָנספקדיקע מאַטעריעלע אינטערעסן אַ סאַמע אָנספקדיק-גייסטיקע פראַגע: די פראַגע וועגן גערעכטיקייט. אויף וויפל ווידערשפרעכט איר די אַלטע אָרדנונג? אויף וויפל זענען מיט איר אין הסכם די נייע פאָדערונגען? דידאָזיקע פראַגן אַנשטייען אומפאַרמיידלעך אין די מוחות פון די קעמפנדיקע, כאָטש די קעמפנדיקע ווילן נישט תמיד אָנרופן די גערעכטיקייט פשוט גערעכטיקייט, נאָר זיי ווילן זי, מעגלעך, פאַרקערפערן אין דער געשטאַלט פון עפעס אַ מענטשלעכער

אָדער אַפילו פון אַ חיה־ענלעכע געטין. אַזוי־אַרום קומט אויס, אַז טראָץ דעם חרם, וועלכער איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך ה׳ קאַריעיעוו, געבוירט „דער גוף" „די נשמה": דער עקאָנאָמישער קאַמף רופט אַרויס עטישע פראַגן, און די „נשמה" ווייזט זיך אַרויס ביי אַ נעענטערער באַטראַכטונג אַלס „גוף", די „גערעכטיקייט" פון די אַלטגלויביקע איז נישט זעלטן דער אינטערעס פון די עקספּלואַטאַטאָרן".

דיזעלביקע מענטשן, וועלכע שרייבן־צו מיט אַזאַ אַנטציקנדיקער שאַרפזיניקייט מאַרקסן די אָפּלייקענונג פון דער באַדייטונג פון דער פּאָליטיק, באַהויפּטן, אַז ער האָט פלומרשט נישט צוגעגעבן קיין שום באַדייטונג נישט די עטישע, נישט די פילאָזאָפישע, נישט די רעליגיעזע, נישט די עסטעטישע באַגריפן פון מענטשן, זעענדיק אומעטום בלויז דאָס „עקאָנאָמישע". דאָס איז ווידעראַמאָל אַן אומנאַטירלעכע פּוסטע רעדעריי, ווי עס פלעגט זיך אויסדריקן שטשעדרין. מאַרקס האָט נישט אָפּגעלייקנט די „באַדייטונג" פון דידאָזיקע אַלע באַגריפן; ער האָט בלויז אויפגעקלערט זייער גענעזיס.

„וואָס איז אַזוינס עלעקטריע? — אַ ספּעציעלער סאָרט באַוועגונג. וואָס איז אַזוינס וואַרימקייט? — אַ ספּעציעלער סאָרט באַוועגונג. וואָס איז אַזוינס ליכט? — אַ ספּעציעלער סאָרט באַוועגונג. אַ, אַזוי גאָר! איר, הייסט עס, גיט נישט צו קיין שום באַדייטונג נישט דעם ליכט, נישט דער וואַרימקייט, נישט דער עלעקטריע! ביי אייך איז אַלץ בלויז באַוועגונג; וואָס פאַר אַן איינזייטיקייט, וואָס פאַראַ שמאָלקייט פון באַגריפן". טאַקע אַזוי, טאַקע שמאָלקייט, מיינע הערן. איר האָט פּרעכטיק פאַרשטאַנען דעם זין פון דער לערע וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון ענערגיע.

יעדע באַטרעפנדיקע שטופע פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות ברענגט מיט זיך אַ באַשטימטע גרופּירונג פון די מענטשן אינם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע־פּראָצעס, ד. ה. באַשטימטע פּראָדוקציע־פאַרהעלטנישן, ד. ה. אַ באַשטימטע סטרוקטור פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. און ווי באַלד ס׳איז

פאַראַן אַ סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, איז נישט שווער די־פאַרשטיין, אַז איר כאַראַקטער וועט זיך אָפּשפּיגלען בכלל אויף דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן, אויף אַלע זייערע געוואוינהייטן, זיטן, געפילן, אַנשויאונגען, שטרעבונגען און אידעאַלן. די געוואוינהייטן, זיטן, אָנשויאונגען, שטרעבונגען און אידעאַלן פון מענטשן מוזן אומבאַדינגט זיך צופּאַסן צום לעבנסשטייגער פון די מענטשן, צו זייער אופן פון באַקומען פאַר זיך דערנערונג (לויט פּעשעלס אויסדרוק). די פּסיכאָלאָגיע פון דער געזעל־שאַפט איז תמיד צוועקמעסיק אין באַצוג צו איר עקאָנאָמיע, זי אַנטשפּרעכט איר תמיד, זי בילדעט זיך תמיד אויס לויט איר. דאָ חזרט זיך איבער דיזעלביקע דערשיינונג, וועלכע די גריכישע פילאָ־זאָפן האָבן שוין געהאַט באַמערקט אין דער נאַטור: די צוועק־מעסיקייט טריאומפירט צוליב דער פשוטער סיבה, ווייל דאָס נישט צוועקמעסיקע איז לויט זיין כאַראַקטער אַליין פאַרמישפּט אויף אונטערגאַנג. צי איז באַקוועם פאַר דער געזעלשאַפט אין איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ דידאָזיקע צופּאַסונג פון איר פּסי־כאָלאָגיע צו איר עקאָנאָמיע, צו אירע לעבנסבאַדינגונגען? ס'איז זייער באַקוועם, ווייל די רגילותן און אָנשויאונגען, וועלכע אַנטשפּרעכן נישט דער עקאָנאָמיע, וועלכע ווידערשפּרעכן די עקזיסטענץ־באַדינגונגען, וואָלטן געשטערט אויפצוהאַלטן דידאָ־זיקע עקזיסטענץ. די צוועקמעסיקע פּסיכאָלאָגיע איז פּונקט אַזוי נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט, פּונקט ווי אָרגאַנען, וועלכע אַנטשפּרעכן גוט זייערע צילן, זענען נוצלעך פאַרן אָרגאַניזם אָבער, ווען מען זאָגט, אַז די אָרגאַנען פון חיות דאַרפן אַנטש־פּרעכן זייערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, צי הייסט דען דאָס־אַז דערמיט אַליין ווערט געזאָגט, אַז די אָרגאַנען האָבן נישט קיין באַדייטונג פאַר דער חיה? אדרבה, דאָס הייסט, אַז מ'אָנער־קענט זייער קאָלאָסאַלע, זייער וועזנטלעכע באַדייטונג, בלויז זייער שוואַכע קעפּ קענען אַנדערש פאַרשטיין די זאַך. אָט פּונקט דאָסזעלביקע, אַקוראַט דאָסזעלביקע, מיינע הערן, איז מיט דער פּסיכאָלאָגיע. אָנערקענענדיק, אַז זי פּאַסט זיך צו צו דער

עקאָנאָמיע פון דער געזעלשאַפט, האָט מאַרקס דערמיט אַליין אָנערקענט איר ריזיקע, אומפּאַרטעיִשלעכע באַדייטונג.

דער אונטערשייד צווישן מאַרקסן און, למשל, צווישן דעם ה׳ קאַריעיעוו באַשטייט אין דעם פּאַל דערין, וואָס אָט דער לעצטער, נישט קוקנדיק אויף זיין נטיה צו אַ „סינטעז“, פאַרבלייבט אַ הונדערט-פּראָצענטיקער דואַליסט. ביי אים איז — דאָ די עקאָנאָמיע, דאָרטן — די פּסיכאָלאָגיע. אין איין קעשענע — די נשמה, אין דער צווייטער — דער גוף. צווישן דידאָזיקע סובסטאַנצן איז פאַראַן אַ קעגנזייטיקע ווירקונג, אָבער יעדערע פון זיי פירט זיך איר זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ, וועלכערס אָפּשטאַמונג ס׳איז איינגעהילט אינם נעפּל פון אומבאַוואוסטהייט *). מאַרקסנס שטאַנדפּונקט באַזייטיקט דעמדאָזיקן דואַליזם. ביי אים זענען די עקאָנאָמיע פון דער געזעלשאַפט און איר פּסיכאָלאָגיע צוויי זייטן פון איינאונדערזעלבער דערשיינונג, פון דער „לעבנס-פּראָדוקציע“ פון די מענטשן, פון זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, בעת וועלכן זיי ארופירן זיך אויף אַ געוויסן אופן, אַ דאַנק דעם באַטרעפנדיקן צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ שאַפט זייער עקאָנאָמיע; אויף איר באָדן וואַקסט אויך אויס זייער פּסיכאָלאָגיע. די עקאָנאָמיע גופא איז אַן אָפּשטאַמענדיקע דערשיינונג, פּונקט ווי די פּסיכאָלאָגיע. און טאַקע דעריבער ענדערט זיך די עקאָנאָמיע פון יעדער פּראָגרעסירנדיקער געזעלשאַפט: אַ נייער צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות ברענגט מיט זיך אַ נייע עקאָנאָמישע סטרוקטור, אַזוי ווי אויך אַ נייע פּסיכאָלאָגיע — אַ נייעם „צייט-גייסט“. דערפון זעט מען, אַז בלויז אינם פּאָפּולערן לשון קען מען רעדן וועגן דער עקאָנאָמיע, ווי וועגן אַן

*) מיינט נישט, אַז מיר טרייבן רכילות אויפן חשובן פּראָפעסאָר. ער ברענגט מיט אַ גרויסן ליבגעזאַנג באַרטס מיינונג, לויט וועלכער „דאָס רעכט פירט אַ זעלבשטענדיקע, כאָטש נישט קיין אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ“. אָט טאַקע דידאָזיקע „זעלבשטענדיקייט, כאָטש זי איז נישט קיין אומאָפּהענגיקע“, שטערט עס ה׳ קאַריעיעוון משיג צו זיין „דעם תוך פונם היסטאָרישן פּראָצעס“. ווי אַזוי זי שטע ט-חעגן דעם וועט באַלד, אין טעקסט, קומען צו רייד,

אורשפרינגלעכער סיבה פון אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. זייענדיק ווייט פון צו זיין אַן אורשפרינגלעכע סיבה, איז זי גופא אַ פועל־יוצא, אַ „פונקציע” פון די פראָדוצירנדיקע כוחות.

איצט קומען די פונקטן, וועלכע זענען צוגעזאָגט געוואָרן אין דער באַמערקונג. „סיי דער גוף, סיי די נשמה האָבן זייערע באַדערפענישן, וועלכע זוכן זייער באַפרידיקונג און וועלכע שטעלן די איינצלנע פערזענלעכקייט אין אַ פאַרשיידנאַרטיקער באַציאונג צו דער אויסערלעכער וועלט, ד. ה. צו דער נאַטור און צו אַנדערע מענטשן... די באַציאונג פונם מענטש צו דער נאַטור, אָפהענגיק פון די פיזישע און גייסטיקע באַדערפענישן פון דער פערזענלעכקייט, שאַפט דעריבער, פון איין זייט, פאַרשיידענע מינים קונסטן, וועלכע זענען אויסן צו פאַרזיכערן די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון דער פערזענלעכקייט, און פון דער צווייטער זייט — די גאַנצע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע קולטור”... די מאַטעריאַליסטישע באַציאונג פונם מענטש צו דער נאַטור האָט איר שורש אין די באַדערפענישן פונם גוף, אין די אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע. אין די באַדערפענישן פונם גוף דאַרף מען אויסזוכן „די סיבות פון דער יעגעריי, פון דער פיצוכט, פון דער ערדאַרבעט, פון דער אינדוסטריע, פונם האַנדל און פון די פינאַנץ־אָפעראַציעס”. — לויטן שכל־הישר איז עס, טאַקע אַזוי: וואָרום ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין גוף, צוליב וואָס־זשע וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן חיות און בהמות, ערד און מאַשינען, האַנדל און גאָלד? אָבער פון דער צווייטער זייט, דאַרף אויך דאָס געזאָגט ווערן: וואָס אַזוינס איז אַ גוף אָן אַ נשמה? נישט מער ווי מאַטעריע, און מאַטעריע איז דאָך טויט. זי אַליין קען דאָך גאָרנישט שאַפן, אויב זי באַשטייט נישט פון אַ גוף און אַ נשמה. הייסט עס, אז גיין אויף יאַגד, אויסדרעסירן שטוב־חיות, באַאַרבעטן די ערד, האַנדלען און אָנפירן מיט בענק, — אָט דאָס אַלץ טוט נישט די מאַטעריע מיט איר אייגענעם שכל, נאָר לויט אַן אָנווייזונג פון דער נשמה. הייסט עס, אַז אין דער *נשמה* דאַרף מען זוכן די לעצטע סיבה פון דער אַנטשטייאונג פון דער מאַטעריאַליסטישער באַציאונג פונם מענטש צו דער נאַטור.

הייסט עס, אַז אויך די נשמה האָט צווייערליי באַדערפעניש ;
הייסט עס, אַז אויך זי באַשטייט פון אַ נשמה און פון אַ גוף,
און דאָס קומט שוין אויס גאָר נישט גלאַטיק. דאָס איז אָבער
נאָך נישט אַלץ. נישט־ווילנדיק זיגט די „מיינונג", און דאָס
געשעט אויך צוליב פאָלגנדיקן טעם. לויט ה' קאַריעיעוון קומט
אויס, אַז אויפן באָדן פון די קערפּערלעכע באַדערפעניש
וואַקסט אויס די מאַטעריאַליסטישע באַציאונג פונם מענטש צו
דער נאַטור. אָבער צי עס איז געגוי אַזוי ? צי בלויז צו דער
נאַטור ? ה' קאַריעיעוו געדענקט אפשר, ווי דער אַבאַט ג י ב ע ר
(147) פלעגט פאַרשילטן די שטאָטישע געמיינדעס, וועלכע האָבן
געשטרעבט זיך צו באַפרייען פונם פעאָדאלן יאָך, דידאָזיקע
„שענדלעכע" אינסטיטוציעס, וועמענס איינציקער ציל פון עקזיס־
טענץ איז כלומרשט געווען דאָס אַרויסדרייען זיך פון דער גע־
רעכטער אויספירונג פון די פעאָדאַלע פליכטן. וואָס האָט דאָ
אַרויסגערעדט פונם אַבאַט ג י ב ע ר. — דער „גוף" צי די „נשמה" ?
אויב דרר „גוף", זאָגן מיר ווידער, אַז דאָס באַטייט, אַז ער
באַשטייט אויך פון „אַ גוף און אַ נשמה" ; און אויב די „נשמה",
הייסט עס, אַז זי באַשטייט פון „אַ נשמה און אַ גוף", וואָרום
זי האָט אַרויסגעוויזן אינם באַהאַנדלען פאַל זייער ווייניק פון
יענער אומאייגננוציקער באַציאונג צו דערשיינונגען, וועלכע
שטעלט מיט זיך פאָר, לויט ה' קאַריעיעווס ווערטער, אַ כאַראַק־
טעריסטישע אייגנשאַפט פון דער „נשמה". נו, טאָ גיי קלייב
זיך פונאַנדער ! ה' קאַריעיעוו וועט, אפשר, זאָגן, אז פונם
אַבאַט ג י ב ע ר האָט אייגנטלעך אַרויסגערעדט די נשמה, נאָר זי האָט
גערעדט אונטער דער דיקטאַנדע פונם גוף, און אַז דאָס זעלבע
קומט פאָר ביי די באַשעפטיקונגען מיט יאַנד, מיט בענק
א. אַ. וו. אָבער, ערשטנס, כדי צו קענען דיקטירן מוז דער
גוף ווידעראַמאָל באַשטיין פון אַ גוף און אַ נשמה און, צווייטנס,
קען אַ גראָבער מאַטעריאַליסט אַ זאָג־טאָן : אָט זעען מיר דאָך,
אַז די נשמה רעדט יאָ אונטער דער דיקטאַנדע פונם גוף,
הייסט עס בכן, אַז דער אומשטאַנד, וואָס דער מענטש באַ־
שטייט פון אַ גוף און אַ נשמה קען פאַר קיין שום זאַך נישט
גאַראַנטירן ; עס קען דאָך זיין, אַז אין משך פון דער גאַנצער
געשיכטע איז באַשטאַנען די אַרבעט פון דער נשמה בלויז דע־

רין, וואָס זי האָט געריעדט אונטער דער דיקטאַנדע פונם גוף. ה׳ קאַריעיעוו וועט, נאַטירלעך, זיך אויפרעגן הערנדיק אַזאַ השערה און ער וועט געוויס נעמען אָפּלייקענען דעם „גראָבן מאַטעריאַליסט״. מיר זענען פעסט איבערצייגט, אַז זיגן וועט דער חשובער פּראָפעסאָר, אָבער צי וועט אים אַסאַך אַרויס-העלפן אין דעמדאָזיקן קאַמף יענער אומבאַצווייפלטער פאַקט, אַז דער מענטש באַשטייט פון אַ נשמה און אַ גוף?

אָבער דאָס איז נאָך אויך נישט אַלץ. מיר האָבן איבער-געלייענט ביי ה׳ קאַריעיעוו, אַז אויפן באָדן פון די גייסטיקע באַדערפענישן פון דער פּערזענלעכקייט וואַקסן אויס: „די מי-טאָלאָגיע און די רעליגיע..., די ליטעראַטור און די קונסט און בכלל — „די טעאָרעטישע באַציאונג צו דער אויסער-לעכער וועלט (און אויך צו זיך אַליין), צו די פראַגן פון זיין און דערקענטעניש״, ווי אויך „די אומאייגננוציקע שעפערישע רעפּראָדוצירונג פון די אויסערלעכע דערשיינונגען (און אויך פון די אייגענע געדאַנקען)״. מיר האָבן לכתחילה געגלויבט דעם ה׳ קאַריעיעוו. אָבער... מיר האָבן אַ באַקאַנטן, אַ סטודענט טעכנאָלאָג, וועלכער פאַרנעמט זיך מיטן גאַנצן ברען מיט דער טעכניק פון דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע, קיין טעאָרע-טישע באַציאונג צו דעם אַלעם, וואָס איז אויסגערעכנט גע-וואָרן דורכן ה׳ פּראָפעסאָר, לאָזט זיך ביי אים נישט מערקן. האָט זיך ביי אונז געשטעלט אַ פראַגע: צי באַשטייט נישט אונזער פריינט אויסשליסלעך פון גוף? מיר בעטן דעם ה׳ קאַריעיעוו וואָס גיכער צו פאַרענטפערן דעם ספק, וועלכער מאַטערט אונז און וועלכער איז באַליידיקנדיק פאַרן יונגען אויסערגעוויינלעך-באַגאַבטן, מעגלעך אַפילו געניאַלן טעכנאָלאָג!

אויב ה׳ קאַריעיעווס באַטראַכטונג האָט וועלכן ס׳איז זין, קען זיין נאָר פאָלגנדיקער: ביים מענטש זענען פאַראַן באַדער-פענישן פון אַ העכערער און פון אַ נידעריקערער מדרגה. ס׳זענען פאַראַן עגאָאיסטישע שטרעבונגען און ס׳זענען פאַראַן אַלטרו-איסטישע געפילן. דערדאָזיקער סאַמע אומבאַצווייפלטער אמת איז, אָבער, לחלוטין נישט מסוגל צו ווערן אַ יסוד פאַר דער „היסטאָראָזאָפיע״. ווייטער פון די אינהאַלטלאָזע, שוין לאַנג אויסגעדראָשענע באַטראַכטונגען אויף דער טעמע וועגן דער

באַטור פונם מענטש קען מען מיט דעמדאָזיקן אמת נישט דער־
ביין: ער אַליין איז אויך נישט מער ווי אַזאַ באַטראַכטונג.

בעת מיר האָבן דאָ געשמועסט מיטן ה' קאַריעיעוו, האָבן דערווייל אונזערע דורכדרינגלעכע קעגנער באַוויזן צו כאַפּן ביי אונז אַ סתירה מיט זיך אַליין, און דערהויפּט — מיט מאַרקסן. מיר האָבן געזאָגט, אַז די עקאָנאָמיע איז נישט די אורשפּרינג־לעכע סיבה פון אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, און אין דערזעלבער צייט באַהויפּטן מיר, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט פּאַסט זיך צו צו איר עקאָנאָמיע — דאָס איז די ערשטע סתירה. מיר זאָגן, אַז די עקאָנאָמיע און די פּסיכאָ־לאָגיע פון דער געזעלשאַפט שטעלן מיט זיך פאָר צוויי זייטן פון איינאונדדערזעלבער דערשיינונג, בשעת מאַרקס אַליין זאָגט, אַז די עקאָנאָמיע איז דער רעאַלער יסוד, אויף וועלכן עס וואַקסן אויף די אידעאָלאָגישע איבער־בנינים, — די צווייטע סתירה, און די איז נאָך אַן ערגערע פאַר אונז, ווייל מיר גייען זיך פונאַנדער מיט אַ מענטש, וועמענס אָנשויאונגען מיר האָבן זיך אונטערגענומען איבערצוגעבן. טאָ לאָמיר זיך פאַרענטפערן.

אַז די גרונט־סיבה פונם געזעלשאַפטלעך־היסטאָרישן פּראָ־צעס איז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, — דאָס זאָגן מיר איבער וואָרט ביי וואָרט נאָך מאַרקסן, אַזוי אַז דאָ איז קיין שום ווידערשפּרוך נישט פאַראַן. הייסט עס, אַז אויב ס'איז יאָ פאַראַן ערגעץ אַ סתירה, איז עס נאָר ביי דער פראַגע וועגן דער באַציאונג פון דער עקאָנאָמיע פון דער געזעלשאַפט צו איר פּסיכאָלאָגיע. לאָמיר זשע אַ קוק טאָן, צי איז זי דאָרט פאַראַן. זאָל זיך דער לעזער דערמאָנען, ווי אַזוי עס אַנטשטייט דאָס פּריוואַט־אייגנטום. די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות שטעלט אַוועק די מענטשן אין אַזעלכע פאַרהעלטנישן, ביי וועלכע דאָס פּערזענלעכע איינשאַפן פון געוויסע אָביעקטן ווייזט זיך אַרויס אַלס באַקוועמער פאַרן פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס. אַנטשפּרעכנדיק דערצו ענדערן זיך די רעכטלעכע באַגריפן פונם פּרימיטיוון מענטש. די פּסיכאָלאָגיע פון דער געזעל־שאַפט פּאַסט זיך צו צו איר עקאָנאָמיע. אויף דעם באַטרעפנ־דיקן עקאָנאָמישן פונדאַמענט וואַקסט אַרויף אויף אַ פאַטאַלן אופן זיין אַנטשפּרעכנדיקער אידעאָלאָגישער

אויבער־בנין. אָבער, פון דער צווייטער זייט, שטעלט יעדער נייער טריט אין דער אַנטוויקלונג פון די פראָדוצירנדיקע כוחות אַוועק די מענטשן, אין זייער אַלטעגלעכער לעבנס־פראַקטיק, אין נייע קעגנזייטיקע סיטואַציעס, וועלכע אַנטשפרעכן נישט די אָפגעלעבטע פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן. דידאָזיקע נייע, נישט־געוועזענע סיטואַציעס שפיגלען זיך אָפ אויף דער פסיכאָלאָגיע פון די מענטשן, זיי ענדערן זי זייער שטאַרק. אין וואָסישע פאַר אַ ריכטונג? איין טייל מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פאַרטיידיקט די אַלטע אָרדנונגען, דאָס זענען מענטשן אָפגעשטאַנענע, אַן אַנדער טייל מענטשן, — די, פאַר וועמען די אַלטע אָרדנונג איז אומבאַקוועם, — האַלט פאַר אַ פראָגרעסיווע באַוועגונג; די פסיכאָלאָגיע פון דידאָזיקע מענטשן ענדערט זיך אין דער ריכטונג פון יענע פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן, דורך וועלכעס וועלן מיט דער צייט פאַרביטן ווערן די אַלטע, אָפגעלעבטע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. די צופאַסונג פון דער פסיכאָלאָגיע צו דער עקאָנאָמיע קומט ווייטער פאָר, ווי איר זעט, אָבער אַ פאַמעלעכע פסיכאָלאָגישע עוואָלוציע גייט פריער פאַר דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע*).

וויבאַלד ס׳איז נאָר פאָרגעקומען דידאָזיקע רעוואָלוציע, שטעלט זיך איין אַ פולער הסכם צווישן דער פסיכאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט און צווישן דער עקאָנאָמיע. דאַן קומט פאָר אויפן באָדן פון דער נייער עקאָנאָמיע אַ פולער פונאַנדערבלי פון דער נייער פסיכאָלאָגיע. אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט בלייבט דערדאָזיקער הסכם אומבאַרירלעך; ער פאַרשטאַרקט זיך נאָך, וואָס אַמאָל, אַלץ מער, אָבער ביסלעכווייז באַווייזן זיך שפראָצונגען פון אַ נייעם פונאַנדערפאַל; די פסיכאָלאָגיע פונם פראָגרעסיוון קלאַס לעבט ווידעראַמאָל איבער, צוליב דער אויבנאָנגעוויזענער סיבה, די אַלטע פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן: נישט אויפהערנדיק קיין איין מינוט זיך צוצופאַסן צו דער עקאָנאָמיע, פאַסט זי זיך ווידער צו צו די נייע פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן, וועלכע זענען דער עמבריאָן פון דער עקאָנאָמיע

*) אין תוך אריין איז דאָס דערזעלבער פסיכאָלאָגישער פראָצעס, וועלכן ס׳לעבט איצט דורך דער אייראָפעאישער פראָלעטאַריאַט: זיין פסיכאָלאָגיע פאַסט זיך שוין צו צו די נייע, צו די צוקונפטיקע פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן,

פון דער צוקונפט. נו, זענען דען דאָס נישט צוויי זייטן פו
איינאונדעמזעלבן פּראָצעס ?

ביז איצט האָבן מיר אילוסטרירט מאַרקסנס געדאַנק הויפּטזאַכלעך מיט ביישפּילן פונם געביט פון פאַרמעגן-רעכט. דאָסדאָזיקע רעכט געהערט טאַקע, אָן ספק, צום געביט פון אידעאָלאָגיע, אָבער דאָס איז אידעאָלאָגיע פון דער ערשטער אַזוי צו זאָגן, נידעריקערער מדרגה. וויאַזוי דאַרף מען פאַרשטיין מאַרקסנס קוק אויף אידעאָלאָגיעס פון אַ העכערער מדרגה? אויף דער וויסנשאַפט, אויף דער פילאָזאָפיע, אויף דער קונסט און אַזוי ווייטער.

אין דער אַנטוויקלונג פון דידאָזיקע אידעאָלאָגיעס איז די עקאָנאָמיע אַ יסוד אין דעם זין, וואָס די געזעלשאַפט דאַרף דערגרייכן אַ געוויסע שטופע פון וואוילשטאַנד, בכדי זי זאָל קענען אויסטיילן פון זיך אַ געוויסן שיכט מענטשן וועלכע ווידמענען זייערע כוחות אויסשליסלעך וויסנשאַפטלעכע און אַנדערע ענלעכע ענינים. ווייטער, דער אויבנגעבראַכטער קוק פון פּלאַטאָנען און פּלוטאַרכן באַווייזט, אַז די עצם-ריכטונג פון גייסטיקער אַרבעט אין דער געזעלשאַפט בילדעט זיך אויס לויט אירע פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן. וועגן זיי וויסנשאַפטן האָט שוין וויקאָ געזאָגט, אַז זיי וואַקסן אַרויס פון די געזעלשאַפטלעכע נויטן. אין באַצוג צו אַזאַ מין וויסנשאַפט, ווי פּאָליטישע עקאָנאָמיע, איז עס קלאָר פאַר יעדערן, ווער ס'איז כאָטש אַביסל באַקאַנט מיט איר געשיכטע. גראַף פּעקיאָ (148) האָט ריכטיק באַמערקט, אַז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע באַשטעטיקט באַזונדערס דעם כלל, אַז די פּראַקטיק גייט שטענדיק און אומעטום אַפריער פאַר דער וויסנשאַפט *)

(149) Quand'essa commeiava appena a nascere, (* nel diciasetteisimo secolo aleuna nuzione arevano gia da piu secolo fiorito colla lora sola esperianza, da cui poscia la scienza ricavo i suoi detta mi. Storia della Economia publica in Jtalia etc lugano 1829, p. 11.

אוודאי קען מען אויך דאָס אויסטייטשן אין זייער אַן אַבסטראַקטן זין. מ׳קען זאָגן: „נו, פאַרשטייט זיך, פאַר דער וויסנשאַפט איז נויטיק דערפאַרונג, און וואָס מער דערפאַרונג, אַלץ פולשטענדיקער איז די וויסנשאַפט”. נישט אין דעם גייט עס. פאַרגלייכט די עקאָנאָמישע אָנשויאונגען פון אַריסטאָטעלעס(150) אָדער פון קסענאָפאָנטן (151) מיט די אָנשויאונגען פון אַדאַם סמיט אָדער פון ריקאַרדאָ. און איר וועט דערזען, אַז צווישן דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט פונם אַלטן גריכנלאַנד, פון איין זייט, און צווישן דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט — פון דער צווייטער זייט, עקזיסטירט נישט בלויז אַ קוואַנטיטאַטיווער, נאָר אויך אַ קוואַליטאַטיווער אונטערשייד: ס׳איז גאָר אַן אַנדער שטאַנדפונקט, גאָר אַן אַנדער באַציאונג צום קעגנשטאַנד. מיט וואָס דערקלערט זיך דערדאָזיקער אונטערשייד? פשוט דערמיט, וואָס עס האָבן זיך געענדערט די דערשיינונגען גופא: די פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט זענען נישט ענלעך אויף די אַנטיקע פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן. די פאַרשיידענע פאַרהעלטנישן אין דער פראָדוקציע באַשאַפן פאַרשיידענע אָנשויאונגען אין דער וויסנשאַפט. דאָס איז נאָך ווייניק געזאָגט. פאַרגלייכט ריקאַרדאָס אָנשויאונגען מיט די אָנשויאונגען פון עפּעס אַ באַסטיוס, און איר וועט דערזען, אַז דידאָזיקע מענטשן קוקן פאַרשיידן אויף די פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן, וועלכע זענען לויט זייער אַלגעמיינעם כאַראַקטער פאַרבליבן אומפאַרענדערלעך, — אויף די בורזשואַזע פראָדוקציע־פאַרהעלטנישן. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

ד. ס. מיל חזרט איבער: „In every department of human affairs, Practice long precedes science... The conception, accordingly of political Economy as a branch of science, is extremely modern; but the subiect with which its inquiries are couversant has in all ages necessarily constituted one of the chief practical interests of mankind“. Principles of political Economy. london, 1843 t. I. p. 1.

ווייל אין ריקאַרדאָס עפּאָכע האָבן דידאָזיקע פּאַרהעלטענישן ערשט געהאַלטן אין פונאַנדערבליען, זיי האָבן זיך ערשט געהאַלטן אין פּערפעסטיקן, און אין באַסטיוסעס צייט האָבן זיי שוין אָנגעהויבן נוטה זיין צו ירידה. די פאַרשיידענע צושטאַנדן פון איינאונדיזעלבע פּראָדוקציע-פּאַרהעלטענישן האָבן אומבאַדינגט זיך געמוזט אָפּשפּיגלען אין די אָנשויאונגען פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן זיי פאַרטיידיקט.

אָדער לאָמיר נעמען די וויסנשאַפט פון מלוכה-רעכט. ווי-אַזוי, פאַרוואָס האָט זיך אַנטוויקלט איר טעאָריע? „די וויסנשאַפטלעכע באַאַרבעטונג פונם מלוכה-רעכט, — זאָגט פּראָפעסאָר גומפּלאָוויטש (152 הויבט זיך אָן ערשט דאָרטן, וואו די הערשנדיקע קלאַסן קומען צווישן זיך צו אַ צוזאַמענשטויס צוליב דער מאַכט-ספערע, וואָס געהערט צו יעדערן פון זיי. אַזוי זעען מיר, אַז דער ערשטער גרויסער פּאָליטישער קאַמף, מיט וועלכן מיר באַגעגענען זיך אין דער צווייטער העלפט פונם אייראָפּעאישן מיטלאַלטער, דער קאַמף צווישן דער וועלטלעכער און רעליגיעזער מאַכט, דער קאַמף צווישן דעם אימפּעראַטאָר און דעם פּויפּסט, גיט דעם ערשטן שטויס צו דער אַנטוויקלונג פון דער דייטשישער וויסנשאַפט פון מלוכה-רעכט. די צווייטע פּאָליטישע שטרייט-פראַגע, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט אַ שפּאַלטונג אין דער סביבה פון די הערשנדיקע קלאַסן און וועלכע האָט געגעבן אַ שטויס צו דער פּובליציסטישער באַאַרבעטונג פונם אַנטשפּרעכנדיקן טייל פון מלוכה-רעכט איז געווען די פראַגע וועגן דעם אויסוויילן די אימפּעראַטאָרן*) א. א. וו.

וואָס איז עס אַזוינס קעגנזייטיקע קלאַסן-באַציאונגען? דאָס זענען קודם-כל יענע באַציאונגען, אין וועלכע מענטשן ווערן אַוועקגעשטעלט איינער לגבי דעם אַנדערן אינם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע-פּראָצעס: דאָס זענען די פּראָדוקציע-פּאַרהעלטענישן. דידאָזיקע באַציאונגען געפינען זייער אויסדרוק אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט און אינם פּאָליטישן קאַמף פון פאַרשיידענע קלאַסן. און דער-

---

Rechtsstaat und Socialismus, Insbruck 1881, (*
SS. 124—125

דאָזיקער קאַמף דינט אַלס אַ שטויס צו דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע פּאָליטישע טעאָריעס: אויפן עקאָנאָמישן פונדאַמענט וואַקסט אומבאַדינגט אַרויף דער זיי אַנטשפּרעכנדיקער אידעאָלאָגישער אויבער־בנין.

אָבער אויך דאָס זענען אַלץ אידעאָלאָגיעס, אויב נישט פון דער ערשטער, איז, יעדנפאַלס, אויך נישט פון דער סאַמע העכסטער מדרגה. ווי אַזוי זעט עס אויס, צום ביישפּיל, מיט דער קונסט? איידער מירן ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע, מוזן מיר מאַכן אַ געוויסע אָפּווייכונג.

העלוועציוס פלעגט זיך שטיצן אויף דער הנחה. אַז „L'homme n'est que sensibilité" פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט איז קלאָר, אַז אַ מענטש וועט אויסמיידן אומאַנגענעמע שפּירונגען און וועט זיך באַמיען צו דערגרייכן אָנגענעמע. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער, נאַטירלעכער עגאָאיזם פון דער פילנדיקער מאַטעריע. אָבער אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, טאָ וויאַזויזשע אַנטשטייען ביים מענטש לחלוטין אומאייגננוצלעכע שטרעבונגען: ליבע צום אמת, העראָאיזם? אַזוי האָט אויסגעפונען די אויפגאַבע, וועלכע העלוועציוס האָט געדאַרפט לעזן. און כדי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון דער שווערער לאַגע, האָט ער פשוט פאַרמעקט יענעם זעלבן, יענע זעלבע אומבאַקאַנטע גרויס, וועלכע ער האָט זיך געהאַט אונטערגענומען צו באַשטימען. ער האָט אָנגעהויבן טענהן, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין איין געלערנטער, וועלכער זאָל האָבן אומאייגננוצלעך ליב געהאַט דעם אמת, אַז יעדער איינציקער מענטש זעט דערין בלויז אַ וועג צו כבוד, און אינם כבוד — אַ וועג צו געלט. און אינם געלט — מיטלען אויף זיך צו פאַרשאַפן אָנגענעמע פיזישע שפּירונגען, למשל, אויף קויפן געשמאַק עסנוואַרג אָדער belles esclaves ס'לוינט גאָרנישט צו רעדן, אויף וויפל נישט שטאַנדהאַפטיק ס'זענען אַזעלכע מיני דערקלערונגען. אין זיי האָט זיך בלויז אַרויסגעוויזן די דורך אונז אויבנבאַמערקטע אומפעיקייט פונם פראַנצויזישן מעטאַפיזישן מאַטעריאַליזם זיך אַן עצה צו געבן מיט די פראַגן פון אַנטוויקלונג.

דעם פאָטער פונם מאָדערנעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם שרייבט מען צו אַזאַ קוק אויף דער געשיכטע פונם

מענטשלעכן געדאַנק, וועלכער וואָלט געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַן איבערחזרונג פון העלוועציוסעס מעטאַפיזישע באַטראַכטונגען. מאַרקסנס קוק אויף דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, למשל, ווערט אָפּט פאַרשטאַנען, אומגעפער, אַזוי: אויב קאַנט האָט זיך פאַרנומען מיט פראַגן פון דער טראַנסצענדענטאַלער עסטעטיק, אויב ער פלעגט רעדן וועגן קאַטעגאָריעס פון פאַרשטאַנד אָדער וועגן אַנטינאָמיעס פון דעם שכל זענען עס געווען ביי אים בלויזע פראַזן? אין דער ווירקלעכקייט זענען פאַר אים גאָר נישט געווען אינטערעסאַנט נישט די עסטעטיק, נישט די אַנטינאָמיעס, נישט די קאַטעגאָריעס; פאַר אים איז נויטיק געווען איין זאַך: צושטעלן דעם קלאַס, צו וועלכן ער האָט געהערט, ד. ה. דער דייטשישער קליינבורזשואַזיע, ווי ווייט מעגלעך וואָס מער געשמאַקע מאכלים און „פרעכטיקע שקלאַפינס". די קאַטעגאָריעס און די אַנטינאָמיעס האָבן זיך אים אויסגעוויזן אַלס אַן אויסגעצייכנט מיטל דערצו, האָט ער זיי אָנגעהייבן „שיטן".

צי דען דאַרף מען פאַרזיכערן, אַז דאָס זענען לחלוטינדיקע שטותערייען? ווען מאַרקס זאָגט. אַז די באַטרעפנדיקע טעאָריע אַנטשפּרעכט אַזאַ און אַזאַ פעריאָד פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, וויל ער דערמיט לגמרי נישט זאָגן, אַז די דענקענדיקע פאָרשטייער פונעם דאָזיקן פעריאָד האָבן באַוואוסטזיניק צוגעפּאַסט זייערע אָנשויאונגען צו די אינטערעסן פון זייערע מער אָדער ווייניקער רייכע, מער אָדער ווייניקער אָפּנהאַנטיקע וואוילטוערס.

סיקאָפאַנטן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אומעטום און שטענדיק, אָבער נישט זיי האָבן געשטופּט פאָרויס דעם מענטשלעכן שכל. יענע ווידער, וועלכע האָבן אים ווירקלעך געשטופּט פאָרויס, האָבן געזאָרגט וועגן אמת, און נישט וועגן די אינטערעסן פון די שטאַרקע פון אונזער וועלט *).

*) דאָס האָט זיי נישט געשטערט, זיי זאָלן אַמאָל זיך שרעקן פאַר די שטאַרקע אַזוי, למשל, פלעגט קאַנט זאָגן וועגן זיך: „קיינער וועט מיך נישט צווינגען צו זאָגן דאָס, וואָס שטייט אין סתירה צו דעם, וואָס איך טראַכט. אָבער איך וועל זיך נישט דעצידירן צו זאָגן אַלץ, וואָס איך טראַכט".

„אויף פאַרשיידענע אייגנטום-פאָרמען, — זאָגט מאַרקס, — אויף די געזעלשאַפטלעכע עקזיסטענץ-באַדינגונגען דערהויבט זיך אַ גאַנצער בנין פון פאַרשיידענע אייגנאַרטיקע געפילן און אילוזיעס, אָנשויאונגען און באַגריפן. דאָס אַלץ ווערט געשאַפן און פאָרמירט דורך אַ גאַנצן קלאַס אויפן באָדן פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ און פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, וואָס אַנטשפּרעכן דידאָזיקע באַדינגונגען". דער אַנטשטייאונג-פּראָצעס פונם אידעאָלאָגישן איבערבליק קומט פאָר אויף אַן אופן, וואָס איז אומבאַמערקבאַר פאַר די מענטשן. זיי באַטראַכטן דעמדאָזיקן איבערבנין נישט ווי אַ צייטווייליקן פּראָדוקט פון צייטווייליקע פאַרהעלטנישן, נאָר ווי עפּעס אַ נאַטירלעכע און אומבאַדינגטע, לויט איר אייגענעם תוך, זאַך. די איינצלנע פּערזאָנען, וועמענס אָנשויאונגען און געפילן עס בילדן זיך אויס אונטער דער השפּעה פון דער דערציאונג און בכלל פון דער אַרומיקער סביבה, קענען זיין אינגאַנצן אָנגעפילט מיט דער סאַמע אויפריכטיקסטער, מיט אַן אַבסאָלוט זעלבסטאָפּפערדיקער באַציאונג צו די אָנשויאונגען און צו די צוזאַמענלעבן-פאָרמען, וועלכע זענען היסטאָריש אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון מער אָדער ווייניקער שמאָלע קלאַסן-אינטערעסן. דאָסזעלבע איז אויך מיט גאַנצע פּאַרטייען. די פראַנצויזישע דעמאָקראַטן פונם 1848-טן יאָר, האָבן אויסגעדריקט די שטרעבונגען פון דער קליינבורזשואַזיע. די קליינבורזשואַזיע האָט נאַטירלעך געשטרעבט צו פּאַרטיידיקן אירע קלאַסן-אינטערעסן. אָבער, „ס'וואָלט, פונדעסטוועגן, געווען אַ סימן פון באַגרעניצטקייט צו מיינען, — זאָגט מאַרקס, — אַז די קליינבורזשואַזיע שטרעבט באַוואוסטזיניק צו פּאַרטיידיקן אַן עגאָאיסטישן קלאַסן-אינטערעס. אדרבה, זי מיינט, אַז די פּריוואַטע באַדינגונגען פון איר באַפרייאונג שטעלן מיט זיך פאָר אַלגעמיינע באַדינגונגען, וועלכע זענען איינציק-און-אַליין בכוח צו ברענגען די רעטונג פאַר דער מאָדערנער געזעלשאַפט און צו באַזייטיקן דעם קלאַסנקאַמף. פּונקט אַזוי דאַרף מען נישט מיינען, אַז אַלע פאָרשטייער פון דער קליינבורזשואַזיע זענען קרעמער, אָדער אָנהענגער פון די קרעמער. לויט זייער בילדונג און פּערזענלעכן מצב קענען זיי זיין וויט

פון קרעמער, ווי דער הימל פון דער ערד. פאַר פאָרשטייער פון דער קליינבורזשואַזיע מאַכט זיי דער אומשטאַנד, וואָס זייער געדאַנק גייט נישט אַרויס מחוץ פונם תחום פון דער לעבנס־פּראַקטיק פון דער קליינבורזשואַזיע און וואָס, דעריבער, קומען זיי טעאָרעטיש צו דיזעלבע אויפגאַבן און לעזונגען, צו וועלכע דער קליינבורזשוי דערגייט פּראַקטיש, אַ דאַנק זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן און זיין געזעלשאַפטלעכן מצב. אַזוי זעט אויס אין אַלגעמיין די פאַרהעלטניש צווישן די פּאָליטישע און ליטעראַרישע פאָרשטייער פון אַ קלאַס, פון איין זייט, מיט דעם קלאַס גופא, פון דער אַנדער זייט" *).

*) אוינווייזנדיק, אַז די לעבנסבאַדינגונגען (les sirconstances) ווירקן אויף דער אָרגאַניזאַציע פון חיות, מאַכט לאַמאַרק (153) אַ באַמערקונג, וועלכע ס'וועט דאָ זיין נוצלעך צו דערמאָנען, כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדנישן. — דער, וואָס וועט נישט אַוועק ווייטער פונם בוכשטעבלעכן זין פון מיינע ווערטער, — זאָגט ער, — וועט מיר צושרייבן אַ טעותדיקע אַנשויאונג. ווארום, וואָס פאַר אַ לעבנסבאַדינגונגען ס'זאָלן נישט זיין, רופן זיי נישט אַרויס אין דער פאָרם און אין דער אָרגאַניזאַציע פון די חיות קיין שום אוממיטלבאַרע ענדערונג". אַ דאַנק באַדייטנדיקע ענדערונגען אין די לעבנסבאַדינגונגען, אַנטשטייען ביי די חיות נייע, אַנדערע פון פריערדיקע, נויטן. אויב דידאָזיקע נויטן פאַרבלייבן זייער אַ לאַנגע צייט, פירן זיי צו דער אַנטשטייאונג פון נייע געוואוינהייטן. „און וויבאַלד די נייע לעבנסבאַדינגונגען... האָבן געבראַכט ביי די חיות צו דער אַנטשטייאונג פון נייע געוואוינהייטן, ד. ה. זיי האָבן באַוואויגן צו נייע מעשים וועלכע זענען געוואָרן געוואוינהייטן, — וועט רעזולטאַטיוו אַרויסווייזן זיך אַ מערער געברויכונג פון איין טייל אָרגאַנען און אָפט אפילו, אַ פולשטענדיקע באַזייטיקונג פונם געברויכן מיט אַנדערע טיילן, וועלכע זענען געוואָרן אומנוצלעך". „אַ פאַרשטאַרקונג פון דער געברויכונג אָדער איר אָפּשאַפונג וועלן נישט בלייבן אָן אַ ווירקונג אויפן געבוי פון די אָרגאַנען, און, ממילא, פונם גאַנצן אָרגאַניזם". (Lamar que, Philosophie, zoologique etc., nouvelle édition par Charles Martin 1873. t. I, pp. 223—224). — אָט פּונקט אַזוי דאַרף מען אויך פאַרשטיין די ווירקונג פון די עקאָנאָמישע און פון די פון זיי אַרויספליסנדיקע אַנדערע נויטן אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ פאָלק. דאָ קומט פאָר אַ פאַמעלעכער צופּאַסונגס־פּראָצעס אַדאַנק געברויכונג אָדער נישט־געברויכונג; און אונזערע קעגנער פונם „עקאָנאָמישן" מאַטעריאַליזם מיינען, כלומרשט, אַז לויט

אָט דאָס זאָגט מאַרקס אין זיין בוך וועגן coup d'état (מלוכה-פאַרשווערונג) פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן.

אין זיינס אַ צווייט ווערק קלערט ער אונז נאָך, מעגלעך, בעסער אויף די פּסיכאָלאָגישע דיאַלעקטיק פון די קלאַסן. עס רעדט זיך דאָרט ביי אים וועגן יענער באַפרייענדיקער ראָל, וועלכע עס קומט אַמאָל אויס צו שפּילן באַזונדערע קלאַסן.

„קיין איין קלאַס קען נישט שפּילן דידאָזיקע ראָל, נישט אַרויסרופנדיק אויף אַ צייט ענטוזיאַזם ביי זיך און ביי דער מאַסע. אין משך פון דערדאָזיקער צייט ברידערט ער זיך מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט, מ'אָנערקענט אים אַלס דעם אַלגעמיינעם פאָרשטייער, מ'פילט אים מיט, אַלס אַזעלכן; אין משך פון דערדאָזיקער צייט זענען די רעכט און די פאָדערונגען פון דעמדאָזיקן קלאַסווירקלעך די רעכט און די פאָדערונגען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און ער אַליין איז דער קאָפּ פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט און איר האַרץ. נאָר אין נאָמען פון די אַלגעמיינע רעכט פון דער געזעלשאַפט קען אַ באַזונדער קלאַס פאָדערן פאַר זיך די הערשאַפט איבער די אַנדערע. כדי צו נעמען מיט שטורם די ראָל פון אַ באַפרייער און צוזאַמען דערמיט פון אַ פּאָליטישן עקספּלואַטאַטאָר פון אַלע געזעלשאַפטלעכע ספערן אין די אינטערעסן פון דער אייגענער ספערע, גענוגט נישט בלויז ענערגיע און גייסטיקע זעלבסטזיכערקייט; כדי איין שיכט זאָל קענען אַרומכאַפּן די גאַנצע געזעלשאַפט, איז נויטיק, פאַרקערט, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע אומגליקן, זאָלן זיין קאָנצענטרירט אין עפּעס אַן אַנדער קלאַס, ס'איז נויטיק, אַז אַ געוויסער שיכט זאָל זיין

מארקסנס מיינונג נאך, איז חיבאלד מענטשן באקומען נייע נויטן, בויען זיי מיט א כיוון תיכף-ומיד איבער זייערע אָנשויאונגען. פארשטענדלעך, אז דאָס זעט ביי זיי אויס ווי אַן אומזין. אָבער זיי אליין האָבן עס אויסגעטראכט דעמדאָזיקן אומזין: ביי מארקסן איז אזוינס נישטאָ. בכלל דערמאָנען אונז די טעותים פון דידאָזיקע דענקער פאָלגנדיקע זיגרייכע ארגומענטאציע פון איינעם א גלח קעגן דארווינען: „דארווין זאָגט:ווארפט אריין א הון אין וואסער אריין, וועט ביי איר אויסוואקסן א שווים-הויט. און איך זאָג, אז די הון וועט פשוט, דערטרונקען ווערן"

אזא, וואָס רופט אַרויס אַלגעמיינעם עקל, דערדאָזיקער שיכט זאָל זיין די פּאַרקערפּערונג פון דעם, וואָס שטיקט אַלעמען... כּדי איין שיכט זאָל קענען זיין דער באַפרייענדיקער שיכט par excellence, איז נויטיק, אַז עפּעס אַן אַנדער שיכט זאָל אויסזען אינם אַלגעמיינעם באַוואוסטזיין, אַלס דער פּאַרשקלאַפנדיקער שיכט. די נעגאַטיוו-אוניווערסאַלע באַדייטונג פונם פראַנצויזישן אַדל און קלער האָט געבראַכט צו דער פּאָזיטיוו-אוניווערסאַלער באַדייטונג פון זייער שכנישן און קעגנערישן קלאַס, פון דער בורזשואַזיע" *).

נאָך דערדאָזיקער אַריינפירנדיקער דערקלערונג איז שוין בישט שווער זיך קלאָר צו מאַכן מאַרקסנס קוק אויף די אידעאָלאָגיעס פון אַ העכערער מדרגה, למשל, אויף דער פילאָזאָפיע און אויף דער קונסט. נאָר צוליב מער בולטקייט וועלן מיר אים צוזאַמענשטעלן מיט דעם קוק פון היפּאָליט טען (154).

„כדי צו פאַרשטיין דאָס באַטרעפנדיקע קינסטלערישע ווערק, דעם באַטרעפנדיקן אַרטיסט, די באַטרעפנדיקע גרופּע אַרטיסטן, — זאָגט דערדאָזיקער שרייבער, — דאַרף מען מיט גענויאיקייט זיך פאָרשטעלן דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון די אינטעלעקטן און פון די זיטן פון זייער צייט. דאָרטן געפינט זיך די לעצטע דערקלערונג; דאָרטן ליגט די ערשטע סיבה, וועלכע בילדעט-אויס לויט זיך אַלדאָס איבעריקע. דערדאָזיקער אמת ווערט באַשטעטיקט דורך דער דערפאַרונג- אינדעראמתן, אויב מיר וועלן אַדורכפאָרשן די הויפּט-עפּאָכעס פון דער געשיכטע פון דער קונסט, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז די קונסטן קומען - אויף און פאַרשווינדן צוזאַמען מיט געוויסע צושטאַנדן פון די אינטעלעקטן און פון די זיטן, מיט וועלכע זיי זענען פאַרבונדן. צום ביישפּיל, די גריכישע טראַגעדיע, — די טראַגעדיע פון עסכילעסן, סאָפאָקלעסן און עאוריפּידעסן (155), — קומט-אויף צוזאַמען מיטן נצחון, וואָס די

Deutsch-Französiche Jahrbücher. Paris, 1884 (*
דעם אַרטיקל: „Zur kritik der Hegelschen Rechts-philosophie, Einleitung“ S. 82

בריכן האָבן אָפּגעהאַלטן איבער די פּערסן, אין דער העראָאישער עפּאָכע פון די נישט-גרויסע שטאָטישע רעפּובליקן, אינם מאָמענט פון יענער גרויסער אָנשטרענגונג, אַ דאַנק וועלכער זיי האָבן דעראָבערט זייער אומאָפּהענגיקייט און האָבן איינגעשטעלט זייער העגעמאָניע אין דער ציוויליזירטער וועלט. די דאָזיקע טראַגעדיע פאַרשווינדט צוזאַמען מיט דערזעלבער אומאָפּהענגיקייט און מיט דערזעלבער ענערגיע, ווען די פאַרקליינלעכונג פון די כאַראַקטערן און די מאַקעדאָנישע דעראָבערונג גיבן איבער גריכנלאַנד אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע. — פּונקט אַזוי זעען מיר, אַז די גאָטישע אַרכיטעקטור אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט דער ענדלעכער איינשטעלונג פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג אין דער האַלבווידעראויפלעבונגס-עפּאָכע פונם עלפטן יאָרהונדערט, אין יענער צייט, ווען די געזעלשאַפט, אַ באַפרייטע פון די נאָרמאַנישע אָנפאַלן און פון גזלנים, אָרדנט זיך איין אויף אַ מער-פעסטערן אופן: די גאָטישע אַרכיטעקטור פאַרשווינדט דאַן, ווען דער מיליטערישער רעזשים פון די מער אָדער ווייניקער גרויסע באַראָנען פאַלט זיך פונאַנדער, ביים סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט, צוזאַמען מיט יענע אַלע זיטן, וועלכע זענען פון אים אַרויסגעפלאָסן, צוליב דער אַנטשטייאונג פון די נייסטע מאָנאַרכיעס. — ענלעך צו דעם, בליט זיך פונאַנדער די האָלענדישע מאָלעריי אין יענעם באַרימטן מאָמענט, און אַ דאַנק איר עקשנות און איר מוטיקייט, וואַרפט האָלאַנד פון זיך לחלוטין אַראָפּ דעם שפּאַנישן יאָך, זי קעמפט דערפאָלגרייך מיט ענגלאַנד, זי ווערט די רייכסטע, די אינדוסטריעלסטע, די בליענדיקסטע מלוכה פון אייראָפּע; און די האָלענדישע מאָלעריי הויבט אָן אונטערגיין אין אָנהויב פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען האָלאַנד נידערט אַראָפּ צו אַ צווייטראַנגיקער ראָל, אָפּטרעטנדיק דאָס ערשטע אָרט ענגלאַנד, און זי ווערט פּשוט אַ באַנק, אַ האַנדלס-הויז, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן אין דער גרעסטער אָרדנונג, אַ פרידלעך און גוט-איינגעאָרדנט האַנדלס-הויז, וואו אַ מענטש קען פירן אַ רואיק לעבן פון אַ מיושבדיקן בורזשואַ, וועלכער פאַרמאָגט נישט קיין אַמביציעזע איינפאַלן, וועלכער מאַכט נישט דורך קיין טיפע אויפטרייסלונגען. צומלעצט זעען מיר, אַז אויך די פראַנצויזישע

טראַגעדיע קומק-אויף אין יענער צייט, ווען די מאָנאַרכיע, וועלכע האָט זיך איינגעפעסטיקט בעת לודוויק דעם פערצנטן, ברענגט מיט זיך די הערשאַפט פונם שיק, דאָס הויפלעבן, דעם גלאַנץ און די עלעגאַנץ פון דער אַריסטאָקראַטיע, און זי פאַרשווינדט, ווען די אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט און די הויף-זיטן ווערן אָפּגעשאַפט דורך דער רעוואָלוציע... פונקט ווי די נאַטוראַליסטן שטודירן די פיזישע טעמפּעראַטור, בכדי צו פאַרשטיין דאָס אויפקומען פון דעם אָדער יענעם געוויקס, פון האָבער צי פון מאַאיס, פון דער סאָסנע צי פונם אַלאָע, — פונקט אַזוי דאַרף מען שטודירן די מאָראַלישע טעמפּעראַטור, בכדי צו דערקלערן דאָס אויפקומען פון דער אָדער יענער פאָרם פון דער קונסט: פון דער געצנדינערישער סקולפּטור צי פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, פון דער ליידנשאַפטלעכער מוזיק צי פון דער אידעאַליסטישער פּאָעזיע. די שאַפונגען פונם מענטשלעכן גייסט, פונקט ווי די שאַפונגען פון דער לעבעדיקער נאַטור, קענען דערקלערט ווערן נאָר מיט זייער סביבה"*).

אָט מיט דעם אַלעם וועט אומבאַדינגט מסכים זיין יעדער אָנהענגער פון מאַרקסן. יאָ, טאַקע יעדע קינסטלערישע שאַפונג פונקט ווי יעדעס פילאָזאָפיש סיסטעם, לאָזט זיך דערקלערן מיטן צושטאַנד פון די אינטעלעקטן און פון די זיטן פון דער באַטרעפנדיקער צייט. אָבער מיט וואָס-זשע דערקלערט זיך דער-דאָזיקער צושטאַנד פון אינטעלעקטן און זיטן? מאַרקסנס אָנהענגער האַלטן, אַז ער דערקלערט זיך מיט דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, מיט די אייגנשאַפטן פון דער סאָציאַלער סביבה. „יעדע ענדערונג אינם מצב פון די מענטשן ברענגט צו אַן ענדערונג אין זייער פּסיכיק"**), זאָגט דערזעלבער טען. און דאָס איז ריכטיק. עס שטעלט זיך נאָר די פראַגע, דורך וואָס-זשע ווערן אַרויסגערופן די ענדערונגען אינם מצב פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש, ד. ה. אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרד-

---

Philosophie de L'art, deuxieme édition. Paris (*
1872 p. p. 13—17.

Philosophie de L'art dans les Pays—Bas. (**
Paris 1869, p. 96.

בונג? בלויז ביי דערדאָזיקער פראַגע זענען די „עקאָנאָמישע מאַטעריאַליסטן‟ מחולק מיט טענען.

ביי טענען איז די אויפגאַבע פון דער געשיכטע, אַלס אַ ווּיסנשאַפט, סוף-כּל-סוף אַ „פּסיכאָלאָגישע אויפגאַבע‟. דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון די אינטעלעקטן און פון די זיטן שאַפט ביי אים נישט בלויז פאַרשיידענע פאָרמען פון דער קונסט, ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, נאָר אויך די אינדוסטריע פונם באַטרעפנדיקן פאָלק, אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. און דאָס באַטייט, אַז די לעצטע סיבה פון דער סאָציאַלער סביבה ליגט אינם „צושטאַנד פון די אינטעלעקטן און זיטן‟.

אַזויאַרום קומט אויס, אַז די פּסיכיק פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש בילדעט זיך אויס לויט זיין מצב, און זיין מצב שאַפט זיך לויט זיין פּסיכיק. דאָס איז די אונז שוין באַקאַנטע אַנטינאָמיע, מיט וועלכער ס'האָבן זיך בשום-אופן נישט געקענט קיין עצה געבן די אויפקלערער פונם אַכצנטן יאָרהונדערט. טען האָט נישט געלעזט דידאָזיקע אַנטינאָמיע, ער האָט בלויז געגעבן, אין אַ ריי אויסגעצייכנטע ווערק, אַ מאַסע גלענצנדע אילוסטראַציעס פון איר ערשטער הנחה, פון דער טעזע: דער צושטאַנד פון די אינטעלעקטן און זיטן שאַפט זיך לויט דער סאָציאַלער סביבה. טענס פראַנצויזישע צייט-חברים, וועלכע פלעגן באַשרייטן זיין עסטעטישע טעאָריע, פלעגן אַרויסרוקן די אַנטיטעזע: די אייגנשאַפטן פון דער סאָציאַלער סביבה בילדן זיך אויס לויטן צושטאַנד פון די אינטעלעקטן און זיטן*). אַזאַ

---

(156) Nous subissons l'influence du milieu (*
politique ou historique, nous subissons l'influence du milieu social, nous subissons aussi l'influence du milieu phisique. Mais ilne faut pas oublier que si nous la subissons, nous pouvons pour tant aussi lui resister et vous savez sans doute qu'ily en a de mémorables axemples... Si nous subissons l'influence du milieu, un pouvoir que nous avons aussi, c'est

מין וויכּוח קען מען פירן ביז משיח וועט קומען נישט בלויז נישט לעזנדיק די פּאַטאַלע אַנטינאָמיע, נאָר אַפילו נישט באַמערקנדיק איר עקזיסטענץ.

בלויז מאַרקסנס היסטאָרישע טעאָריע לעזט די אַנטינאָמיע און דערמיט דערפירט זי דעם וויכּוח צו אַ בשלומדיקן סוף, אָדער זי גיט, די מעגלעכקייט אים פּשוט צו פאַרענדיקן לכל־הפּחות, פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן אויערן, כּדי צו הערן, און אַ מאַרך אין קאָפּ, כּדי צו דענקען.

די אייגנשאַפטן פון דער סאָציאַלער סביבה בילדן זיך אויס לויטן צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אין יעדער באַטרעפנדיקער צייט. וויבאַלד ס'איז פאַראַן אַ צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, זענען שוין אויך פאַראַן אייגנשאַפטן פון דער סאָציאַלער סביבה, איז אויך פאַראַן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פּסיכאָלאָגיע, איז ממילא אויך פאַראַן אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער סביבה, פון איין זייט, און די אינטעלעקטן און זיטן — פון דער צווייטער זייט. ברוינעטיער (157) איז אַבסאָלוט גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז נישט בלויז וואָס מיר פּאַסן זיך צו צו דער סביבה, נאָר מיר פּאַסן זי אויך צו צו אונזערע נויטן. איר וועט פרעגן, פונוואַנען־זשע נעמען זיך נויטן, וועלכע אַנטשפּרעכן נישט די אייגנשאַפטן פון אונזער אַרומיקער סביבה? זיי ווערן געבוירן אין אונז — און, בעת מיר זאָגן עס, האָבן מיר אין זינען נישט בלויז די מאַטעריעלע, נאָר אויך אַלע אַזויגערופענע גייסטיקע נויטן פון די מענטשן, — דורך דערזעלבער היסטאָרישער באַוועגונג, דורך דערזעלבער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, אַ דאַנק וועלכער יעדע באַטרעפנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג ווייזט זיך אַרויס פריער אָדער שפּעטער אַלס אַן אומבאַפרידיקנדיקע, פאַרעלטערטע, וואָס פאַרלאַנגט אַ ראַדיקאַלן איבערבוי, און מעגלעך, אַ־

---

de ne pas nous laiser faire, ou pour dire encore quelque chose de plus, c'est de confermer, c'est d'adapter le milieu lui méme a nos propres convenances, F. Brunetiére. l'evolution de la critique depuis la renaissance jussqu'a no jours. Paris, 1890 p.p. 260—61

אַמאָל טויג זי בלויז אין ברוכוואַרג. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן מיטן ביישפּיל פון די רעכטלעכע אינסטיטוציעס, וויאַזוי די פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן קען קומען אַפריער פ אַ ר די באַטרעפנדיקע פאָרמען פון זייער צוזאַמענלעבן.

מיר זענען זיכער, אַז נאָכן איבערלייענען די דאָזיקע שורות האָבן אַ סאַך לעזער, אַפילו אַזעלכע וועלכע זענען נוטה צו אונז, זיך געגומען דערמאָנען אַ מאַסע ביישפּילן, אַ מאַסע היסטאָרישע דערשיינונגען, וועלכע מ׳קען, אין פלוג, בשום אופן נישט דערקלערן פון אונזער שטאַנדפּונקט. און די לעזער זענען שוין גרייט אונז צו זאָגן: „איר זענט גערעכט, אָבער נישט פולשטענדיק! ס׳זענען אויך גערעכט, און אויך נישט פולשטענדיק, ד י, וועלכע האַלטן זיך ביי קעגנזעצלעכע אָנשויאונגען פון אייערע: סיי איר סיי זיי — זעט איר בלויז אַ האַלבן אמת״. אָבער וואָרט-צו, לעזער, זוכט נישט קיין רעטונג אין עקלעקטיזם, נישט משיג זייענדיק נאָך דאָס אַלץ, וואָס עס קען געבן דער מאָדערנער מאָניסטישער, ד. ה. דער מאַטעריאַליסטישער קוק אויף דער געשיכטע.

ביזאַהער זענען אונזערע הנחות געווען באַלקאָרכע זייער אַבסטראַקט. אָבער מיר וויסן שוין: קיין אַבסטראַקטער אמת איז נישטאָ, דער אמת איז תמיד קאָנקרעט. מיר מוזן צוגעבן אונזערע הנחות אַ מער קאָנקרעטערע פאָרם.

היות ווי כמעט יעדע געזעלשאַפט פאַלט אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון אירע שכנים, קען מען זאָגן, אַז פאַר יעדער געזעלשאַפט עקזיסטירט, בשעתה, אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע היסטאָרישע סביבה, וועלכע ווירקט אויף איר אַנטוויקלונג. די סומע ווירקונגען, וועלכע עס שפּירט אויף זיך יעדע באַטרעפנדיקע געזעלשאַפט מצד אירע שכנים, קען זיך קיינמאָל נישט פאַרגלייכן מיט דער סומע פון דיזעלבע ווירקונגען, וועלכע עס שפּירט אין דערזעלבער צייט די אַנדער געזעלשאַפט. דעריבער לעבט יעדע געזעלשאַפט אין איר באַזונדערער היסטאָרישער סביבה, וועלכע קען זיין — און אָפט איז זי טאַקע — זייער ענלעך אויף דער היסטאָרישער

סביבה, וועלכע רינגלט אַרום אַנדערע פעלקער, אָבער זי קען קיינמאָל נישט זיין און איז קיינמאָל נישט אידענטיש מיט איר. דאָס ברענגט אַריין אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן עלעמענט פון פאַרשיידנאַרטיקייט אין יענעם פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וועלכער האָט זיך פון אונזער פריערדיקן, אַבסטראַקטן שטאַנדפּונקט אויסגעוויזן זייער סכעמאַטיש.

אַ ביישפּיל. דער משפּחה-פאַרבאַנד איז אַ פאָרם פון צוזאַמענלעבן, וועלכע איז אייגנטלעך פאַר אַלע מענטשלעכע געזעלשאַפטן ביי אַ געוויסער שטופע פון זייער אַנטוויקלונג. אָבער די ווירקונג פון דער מענטשלעכער סביבה מאַכט זייער פאַרשיידנאַרטיק די גורלות פונם שטאַם ביי באַזונדערע שבטים. זי גיט צו דעם שטאַם אַליין אַזאַ אָדער אַנדערן, אַזוי צו זאָגן, אינדיווידועלן כאַראַקטער זי פאַרפאַמעלעכט אָדער פאַרגיכערט זיין פונאַנדערפאַל, באַזונדערס מאַכט זי פאַרשיידנאַרטיק דעם פּראָצעס פון דעמדאָזיקן פונאַנדערפאַל. ווידער די פאַרשיידנאַרטיקייט אינם פונאַנדערפאַלונגס-פּראָצעס פונם שטאַם ברענגט מיט זיך די פאַרשיידנאַרטיקייט פון יענע צוזאַמענלעבן-פאָרמען, וועמען דער איצטיקער שטאַם-קיום טרעט אָפּ זיין אָרט. ביז איצט פלעגן מיר זאָגן: די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות ברענגט צום אויפקום פון פּריוואַט-אייגנטום, צו דער פאַרשווינדונג פונם אור-קאָמוניזם. איצטער דאַרפן מיר זאָגן: דער כאַראַקטער פונם פּריוואַט-אייגנטום, וואָס אַנטשטייט אויף די חורבות פונם אור-קאָמוניזם, ווערט פאַרשיידנאַרטיק דורך דער ווירקונג פון דער היסטאָרישער סביבה, וועלכע רינגלט אַרום יעדע באַטרעפנדיקע געזעלשאַפט. „אַן אויפמערקזאַמע שטודירונג פון די פאָרמען פונם אַזיאַטישן, באַזונדערס פונם אינדישן, געמיינדע-אייגנטום, וואָלט באַוויזן, ווי פון די באַזונדערע פאָרמען פון דער אור-געמיינדע דרינגען אַרויס פאַרשיידענע פאָרמען פון איר פונאַנדערפאַל. אַזוי, למשל, וואָלטן די פאַרשיידענע טיפּן פונם רוימישן און פונם דייטשישן פּריוואַט-אייגנטום געקענט דערפירט ווערן אויף צוריק ביז זייער אָפּשטאַ-

וּנג, ביז די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דער אינדישער גע־מיינדע" *).

די ווירקונג פֿון דער היסטאָרישער סביבה, וועלכע רינגלט אַרום די באַטרעפֿנדיקע געזעלשאַפֿט, ווייזט זיך אַרויס, נאַטירלעך, אויך ביי דער אַנטוויקלונג פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿון דערדאָזיקער געזעלשאַפֿט. עס שטעלט זיך אַ פֿראַגע: צי שוואַכן אָפּ, און אויב יאָ, טאָ אין וואָס פֿאַראַ מאָס שוואַכן אָפּ די פֿרעמדע השפּעות די אָ פּ ה ע נ ג י ק ײ ט פֿון דערדאָזי־קער אַנטוויקלונג פֿון דער ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר ס ט ר וּ ק ט וּ ר פֿון דער געזעלשאַפֿט?

פֿאַרגלייכט די ע נ ע א י ד ע (158) מיט דער אָ ד י ס ע ע (159) אָדער די פֿראַנצויזישע קלאַסישע טראַגעדיעס מיט דער קלאַסישער טראַגעדיע פֿון די גריכן. פֿאַרגלייכט די רוסישע טראַגעדיע פֿונם אַכצנטן יאָרהונדערט מיט דער קלאַסישער פֿראַנצויזישער טראַגעדיע. וואָס וועט איר דאַן דערזען? די ענעאידע איז בלויז אַ נאָכמאַכונג פֿון דער אָדיסעע, די קלאַ־סישע טראַגעדיע פֿון די פֿראַנצויזן איז בלויז אַ נאָכמאַכונג פֿון דער גריכישער טראַגעדיע; די רוסישע טראַגעדיע פֿונם אַכצנטן יאָרהונדערט איז געשאַפֿן, כּאָטש דורך אומגעלומפּערטע הענט, לויט דער פֿאָרם און געשטאַלט פֿון דער פֿראַנצויזישער. אומעטום — נאָכמאַכונג, אָבער דער נאָכמאַכער ווערט אָפּגעטיילט פֿון זיין בילד מיט דעם גאַנצן שטח, וואָס איז פֿאַראַן צווישן דער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט אים, ד ע ם נ אָ כ־ מ אַ כ ע ר, און צווישן דער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער ס'האָט געלעבט דער מ וּ ס ט ע ר. און נעמט אין אַכט, אַז מיר רעדן נישט וועגן אַ גרעסערער אָדער קלענערער פֿולקאָמענהייט פֿון דער א וי ס אַ ר ב ע ט וּ נ ג, נאָר וועגן דעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר די נשמה פֿונם קינסטלערישן ווערק. אויף וועמען איז ענלעך ראַסינס (160) אַכילעס: אויף אַ גריך, וועלכער איז נאָר־וואָס אַרויס פֿונם באַרבאַרישן צושטאַנד, צי אויף אַ מאַרקיז — talon rouge — פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט? וועגן

*) Zur Kritik der politischen Oekonomie. S. 10. Anmerkung.

די פּערסאָנאַזשן פון דער ענעאידע האָט מען באַמערקט, אַז זיי זענען רוימער פון די צייטן פון אויגוסטן. וואָס אָן אמת, וועגן די פּערסאָנאַזשן פון די רוסישע אַזויגערופענע טראַגעדיעס פונם אַכצנטן יאָרהונדערט איז שווער צו זאָגן, אַז זיי ברענגען אַרויס פאַר אונז רוסישע מענטשן פון יענער צייט, אָבער זייער אומטויגלעכקייט גופא זאָגט עדות וועגן דעם צושטאַנד פון דער רוסישער געזעלשאַפט. זיי ברענגען אַרויס פאַר אונז איר אומרייפקייט.

נאָך אַ ביישפּיל. לאָק איז אָן ספק געווען דער לערער פון דער גרעסטער מערהייט פראַנצויזישע פילאָזאָפן פון אַכצנטן יאָרהונדערט (העלוועציוס פלעגט אים אָנרופן: דער גרעסטער מעטאַפיזיקער פון אַלע דורות און פעלקער). און, פונדעסטוועגן, איז פאַראַן צווישן לאָקן און צווישן זיינע פראַנצויזישע תלמידים פונקט דערזעלביקער מרחק, וועלכער האָט אָפּגעטיילט די ענגלישע געזעלשאַפט פון די צייטן פון דער „glorius revolution“ פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט, ווי זי האָט אויסגעזען מיט אַ פּאָר יאָרצענדליק פאַר דער “great rebellion“ פונם פראַנצויזישן פאָלק.

אַ דריטער ביישפּיל. די „אמתדיקע סאָציאַליסטן“ פון דייטשלאַנד פון די 40-ער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט פלעגן ברענגען זייערע אידעען דירעקט פון פראַנקרייך. און, פונדעסטוועגן, האָט זיך אויף דידאָזיקע אידעען, מ'קען זאָגן, נאָך ביי דער גרענעץ, אַרויפגעלייגט דער חותם פון דער געזעלשאַפט, וואו ס'איז זיי פאָרגעשטאַנען זיך צו פאַרשפּרייטן.

בכן, די ווירקונג פון דער ליטעראַטור פון איין לאַנד אויף דער ליטעראַטור פון אַ צווייט לאַנד איז פּונקט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער ענלעכקייט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן פון דידאָזיקע לענדער. די ווירקונג עקזיסטירט לגמרי נישט, ווען די דערמאָנטע ענלעכקייט איז נישט פאַראַן. אַ ביישפּיל: די פראַנצויזישע ליטעראַטור פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט, משפּיע זייענדיק אויף דער רוסישער ליטעראַטור, נישט געשפּירט אויף זיך קיין מינדסטע רוסישע ווירקונג. צומלעצט, דידאָזיקע ווירקונג איז

קעגנזייטיקע, ווען צוליב דער ענלעכקייט פונם געזעלשאַפטלעכן לעבנשטייגער, און ממילא, אויך פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג, קען יעדעס פאָלק פון די צוויי זייט-בייטנדיקע פעלקער עפּעס באַקומען ביי דעם צווייטן. אַ ביישפּיל: די פראַנצויזישע ליטעראַטור האָט, משפּיע זייענדיק אויף דער ענגלישער, געשפּירט, פון איר זייט, אויף זיך די ווירקונג פון יענער.

די פּסיידאָ-קלאַסישע ענגלישע ליטעראַטור איז בשעתו זייער שטאַרק געווען געפעלן דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. אָבער די ענגלישע נאָכמאַכער האָבן זי קיינמאָל נישט געקענט פאַרגלייכן מיט זייערע פראַנצויזישע מוסטערן. דאָס איז דערפאַר, ווייל אַלע אָנשטרענגונגען פון די ענגלישע אַריסטאָקראַטן זענען נישט געווען בכוח אַריבערצוטראָגן קיין ענגלאַנד יענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, ביי וועלכע ס'האָט זיך געהאַט פונאַנדערגעבליט די פראַנצויזישע פּסיידאָ-קלאַסישע ליטעראַטור.

די פראַנצויזישע פילאָזאָפן פלעגן זיך אָנציקן מיט לאָקס פילאָזאָפיע, אָבער זיי זענען געגאַנגען אַסאַך ווייטער פון זייער לערער. דאָס איז דערפאַר, ווייל יענער קלאַס, וועלכן זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט, איז אַוועק אין זיין קאַמף קעגן דעם אַלטן רעזשים, אַסאַך ווייטער פון יענעם קלאַס פון דער ענגלישער געזעלשאַפט, וועמענס שטרעבונגען ס'זענען געקומען צום אויסדרוק אין לאָקספילאָזאָפיע.

ווען מיר האָבן, — ווי, למשל, אין דער איצטיקער אייראָפּע, — אַ גאַנץ סיסטעם פון געזעלשאַפטן, וועלכע ווירקן אויסערגעוויינלעך שטאַרק איינע אויף דער אַנדערער, דאַן ווערט די אַנטוויקלונג פון די אידעאָלאָגיעס אין יעדערער פון דידאָזיקע געזעלשאַפטן פונקט אַזוי שטאַרק קאָמפּליצירט, ווי עס ווערט קאָמפּליצירט איר עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אונטער דער ווירקונג פון דעם אומאויפהערלעכן האַנדלס-אויסטויש מיט אַנדערע לענדער.

אַזויאַרום קומט אויס, אַז מיר האָבן איין ליטעראַטור, אַן אַלגעמיינע פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט. אָבער פונקט ווי אַ זאַאָלאָגישער שטאַם טיילט זיך פונאַנדער אויף מינים, אַזוי טיילט זיך פונאַנדער דידאָזיקע אַלוועלטלעכע

ליטעראַטור אויף ליטעראַטורן פון באַזונדערע פעלקער. ווען יום (161) איז געקומען צופאָרן קיין פראַנקרייך, האָבן די פראַנצויזישע „פילאָזאָפן" אים באַגריסט אַלס זייערן אַן אידעען־חבר. אָבער אָט איז אַמאָל געשען, אַז עסנדיק מיטאָג ביי האָלבאַכן, האָט דערדאָזיקער אָנספּקדיקער אידעען־חבר פון די פראַנצויזישע פילאָזאָפן אָנגעהויבן רעדן וועגן דער „נאַטירלעכער רעליגיע". „וואָס איז שייך די אַטעאיסטן, — האָט ער געזאָגט, — בין איך גאָר נישט מודה אין זייער עקזיסטענץ: איך האָב נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט אַזעלכן". „איר האָט שטאַרק קיין מזל נישט געהאַט ביז איצט, — האָט אים געענטפערט דער מחבר פון די „נאַטור־סיסטעמען", — אָט דאָ ביים טיש זעט איר צום ערשטן מאָל זיבעצן אַטעאיסטן". דערזעלביקער יום האָט געהאַט אַן אַנטשיידענע השפעה אויף קאַנטן וועמען ער האָט, ווי ס'זאָגט עדות קאַנט אַליין, אויפגעוועקט פון זיין דאָגמאַטישן דרימל. אָבער קאַנטס פילאָזאָפיע שיידט זיך באַדייטנדיק אונטער פון יומס פילאָזאָפיע. איינאונדערזעלבער פאַנד פון אידעען האָט געבראַכט צום קעמפערישן אַטעאיזם פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, צו יומס רעליגיעזן אינדיפערענטיזם, און צו דער „פּראַקטישער" רעליגיע פון קאַנטן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די רעליגיעזע פראַגע אין דעם דאַמאָלסדיקן ענגלאַנד האָט נישט געשפּילט די זעלבע ראָל וואָס אין פראַנקרייך, און אין פראַנקרייך נישט דיזעלבע, וואָס אין דייטשלאַנד. און דערדאָזיקער אונטערשייד אין דער באַדייטונג פון דער רעליגיעזער פראַגע איז געשאַפן געוואָרן דורכדעם, וואָס אין יעדן פון דידאָזיקע לענדער האָבן זיך די געזעלשאַפטלעכע כוחות נישט געפונען אין דערזעלבער קעגנזייטיקער באַציאונג, ווי אין אַלע איבעריקע. איינאונדיזעלבע לויט זייער נאַטור, אָבער נישט איינאונדיזעלבע לויט זייער אַנטוויקלונגס־שטופע, האָבן זיך די געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן פאַרשיידנאַרטיק אויסגעבילדעט אין די באַזונדערע אייראָפּעאישע לענדער און דערמיט האָבן זיי גורם געווען דאָס, וואָס אין יעדן איינציקן לאַנד איז געווען זייער אַן אייגנאַרטיקער „צושטאַנד פון די אינטעלעקטן און זיטן", וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער נאַציאָנאַלער ליטעראַ-

טור, אין דער פילאָזאָפיע, אין דער קונסט א. אַ. וו. אָט צו־
ליב דעם איז איינאונדיזעלבע פראַגע געווען מסוגל ליידנשאַפט־
לעך אויפצורודערן די פראַנצויזן און איבערלאָזן גלייכגילטיק
די ענגלענדער; צו איינאונדעמזעלבן אַרגומענט האָט זיך אַ
פּראָגרעסיווער דייטש געקענט באַציִען מיט דרך־ארץ, און אַ
פּראָגרעסיווער פראַנצויז, מיט ברענענדיקער שנאה. וועלכן
פאַקטאָר האָט די דייטשישע פילאָזאָפיע צו פאַרדאַנקען אירע
קאָלאָסאַלע דערפאָלגן? דער דייטשישער ווירקלעכקייט, ענט־
פערט *העגעל*: די פראַנצויזן האָבן נישט קיין צייט זיך צו
פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע, דאָס לעבן שטויסט זיי אין דער
פּראַקטישער ספערע אַריין (zum Praktischen), דאַקעגן די
דייטשישע ווירקלעכקייט איז אַ שכלדיקערע, און די דייטשן
קענען רואיק זיך פאַרנעמען מיט פאַרפולקאָמענען די טעאָריע
(beim Theoretischen stehen bleiben). אין תוך אַריין,
איז דידאַקטיק פלומרשטע שכלדיקייט פון דער דייטשישער
ווירקלעכקייט באַשטאַנען אין דער אָרימקייט פונם דייטשישן
סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן, וואָס האָט נישט געגעבן די גע־
בילדעטע דייטשן פון יענער צייט קיין אַנדער אויסוואַל, ווי
אָדער דינען אַלס באַאַמטע פון דער נישט־צוציִענדיקער „ווירק־
לעכקייט" (זיך איינאָרדנען ביים „פּראַקטישן"), אָדער זוכן אַ
טרייסט אין דער *טעאָריע*, קאָנצענטרירן אויף דעמדאָזיקן
געביט אַלע ליידנשאַפטן, די גאַנצע געדאַנקלעכע ענערגיע.
אָבער ווען די מער־פּראָגרעסיווערע לענדער, וועלכע זענען
אַריין אין דער „פּראַקטישער ספערע", וואָלטן נישט אַ שטויס
געטאָן פאָרויס דאָס טעאָרעטישע דענקען פון די דייטשן, ווען
זיי וואָלטן זיי נישט אויפגעוועקט פונם „דאָגמאַטישן דרימל",
וואָלט קיינמאָל דידאָזיקע נעגאַטיווע אייגנשאַפט — די אָרים־
קייט פונם סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן — נישט אַרויסגעבראַכט
דעם קאָלאָסאַלן פּאָזיטיוון רעזולטאַט: דעם גלענצנדיקן אויפבלי
פון דער דייטשישער פילאָזאָפיע.

ביי *געטען* זאָגט *מעפיסטאָפעל*: „Vernunft wird
Unsinn, Wohlthat Plage". אין שייכות צו דער געשיכטע
פון דער דייטשישער פילאָזאָפיע קען מען כמעט וואָגן אַרויס־
זאָגן אַזאַ פּאַראַדאָקס: זינלאָזיקייט האָט געבוירן דעם פאַר־

שטאַנד, אומגליק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס וואוילטעטיקייט.

אָבער דאַכט זיך, אַז מיר קענען שוין פאַרענדיקן דעם־דאָזיקן טייל פון אונזער באַהאַנדלונג. מירן רעזומירן, וואָס איז אין איר געזאָגט געוואָרן.

עס עקזיסטירט אַ קעגנזייטיקע ווירקונג אינם צווישנפעלקערלעכן לעבן, פונקט ווי אינם אינערלעכן לעבן פון די פעלקער. דידאָזיקע קעגנזייטיקע ווירקונג איז אַ פולשטענדיק נאַטירלעכע און אומבאַדינגט אַן אומפאַרמיידלעכע, אָבער, נאָך דעם אַלעם קען זי, פאַר זיך אַליין, אַלס אַזעלכע, אַבסאָלוט גאָרנישט דערקלערן. כדי צו פאַרשטיין די קעגנזייטיקע ווירקונג, דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן די אייגנשאַפטן פון די קעגנזייטיק־ווירקנדיקע כוחות, און דידאָזיקע אייגנשאַפטן קענען בישט געפינען זייער לעצטע דערקלערונג אינם עצם פאַקט פון דער קעגנזייטיקער ווירקונג, ווי זיי זאָלן זיך, אַ דאַנק דעמדאָזיקן פאַקט, נישט ענדערן. אין אונזער איצטיקן פאַל קענען די אייגנשאַפטן פון די קעגנזייטיק־ווירקנדיקע כוחות, די אייגנשאַפטן פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזמען, וועלכע ווירקן איינער אויפן אַנדערן, דערקלערט ווערן, סוף־כל־סוף מיט דער אונז שוין באַקאַנטער סיבה: מיט דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די־דאָזיקע אָרגאַניזמען, וועלכע שאַפט זיך לויטן צושטאַנד פון זייערע פּראָדוצירנדיקע כוחות.

איצטער, לאָמיר האָפן, האָט די דורך אונז געשילדערטע היסטאָרישע פילאָזאָפיע באַקומען אַ ביסל אַ קאָנקרעטע געשטאַלט אָבער זי איז נאָך אַלץ אַבסטראַקט, זי איז נאָך אַלץ ווייט פונם „לעבעדיקן לעבן". אונז איז נויטיק צו מאַכן אַ נייעם שריט אין דער ריכטונג צום דאָזיקן לעבן.

צום אָנהויב האָבן מיר גערעדט וועגן „געזעלשאַפט", דערנאָך זענען מיר אַריבערגעגאַנגען צו דער קעגנזייטיקער ווירקונג פון געזעלשאַפטן. אָבער די געזעלשאַפטן זענען דאָך לויט זייער צוזאַמענשטעל נישט קיין איינגעשטאַלטיקע. מיר ווייסן דאָך שוין, אַז דער פונאַנדערפאַל פון דעם אור־קאָמוניזם ברענגט צו אומגלייכהייט, צו דער אַנטשטייאונג פון קלאַסן, וועלכע האָבן פאַרשיידענע, אָפט אַבסאָלוט קעגנזעצלעכע, אינטערעסן. מיר ווייסן שוין, אַז די קלאַסן פירן צווישן זיך כמעט

אַן אומאויפהערלעכן, אַ מאָל אַ באַהאַלטענעם, אַמאָל אַן אָפענעם, אָפט אַ כראָנישן, אָפט אַ שאַרפן קאַמף. און דערדאָזיקער קאַמף האָט אַ קאָלאָסאַלע, אין דער העכסטער מאָס וויכטיקע, השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון די אידעאָלאָגיעס. מ׳קען זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז מיר וועלן גאָרנישט פאַרשטיין אין דערדאָזיקער אַנטוויקלונג, אויב מיר וועלן נישט נעמען אין אַכט דעם קלאַסנקאַמף.

„אויב איר ווילט זיך דערוויסן, — אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, — די אמתדיקע סיבה פון וואָלטערס טראַגעדיע“ — פרעגט ברונעטיער — „זוכט זי כּודם-כּל אין וואָלטערס פּערזענלעכקייט, און באַזונדערס אין דער נויטווענדיקייט, וועלכע האָט אויף אים געלאַסטעט, צו מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳זאָל זיך אויסצייכענען דערפון, וואָס ס׳האָבן געמאַכט ראַסין און קינאָ (162), און גלייכצייטיק נאָכצוגיין אין זייערע שפּורן. וועגן דער ראָמאַנטישער דראַמע, וועגן דער דראַמע פון הוגאָ און דיומאַ וועל איך מיר דערלויבן זאָגן, אַז איר דעפינירונג ליגט איינגאַנצן אין דער דעפינירונג פון דער וואָלטערישער דראַמע. אויב דער ראָמאַנטיזם האָט נישט געוואָלט מאַכן דאָס אָדער יענץ אויף די סצענע-ברעטער איז עס דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט טאָן דאָס היפּוכדיקע פונם קלאַסיציזם... אין דער ליטעראַטור, ווי אין דער קונסט, איז אַ חוץ דער ווירקונג פון דער פּערזענלעכקייט דער הויפּט-פאַקטאָר די ווירקונג פון איין ריי ווערק אויף די אַנדערע. אָפט שטרעבן מיר צו קאָנקורירן מיט אונזערע פאָרגענגער אין זייער אייגענעם זשאַנר, — און אַזוי-אַרום פאַרפעסטיקן זיך געוויסע מעטאָדן, ווערן געשאַפן שולעס, שטעלן זיך איין טראַדיציעס. אַן אַנדערש מאָל באַמיען מיר זיך צו מאַכן אַנדערש, ווי זיי האָבן עס געמאַכט, — און דאַן קומט די אַנטוויקלונג אין אַ סתירה מיט דער טראַדיציע, דאַן באַווייזן זיך נייע שולעס. די מעטאָדן ווערן איבערגעשאַפן *)“.

איבערלאָזנדיק לעת-עתּה אָן אַ זייט די פראַגע וועגן דער ראָל פון דער פּערזענלעכקייט, וועלן מיר נאָר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז ס׳איז שוין לאַנג צייט געווען זיך אַריינצוטראַכטן אין דער „ווירקונג פון איין ריי ווערק אויף די אַנדערע“. אַבסאָ-

*) דאָרטן, ז. 63—262

לויט אין אַלע אידעאָלאָגיעס קומט פאַר די אַנטוויקלונג אויף
אַזאַ וועג, ווי ס'האָט אָנגעוויזן ב ר ו נ ע ט י ע ר. די אידעאָלאָגן
פון איין עפּאָכע טוען איינס פון די ביידע: אָדער זיי גייען
גאָר אין די שפּורן פון זייערע פאָרגענגער, אַנטוויקלענדיק
זייערע געדאַנקען, איסנוצנדיק זייערע מעטאָדן און זיי דער־
לויבן זיך בלויז צו „קאָנקורירן" מיט זיי, אָ ד ע ר זיי זעענען
מורד אין די אַלטע אידעען און מעטאָדן, זיי ט ר ע ט ן
אַ ר יי ן אין אַ ס ת י ר ה מ י ט זיי. די אָ ר ג אַ נ י ש ע
ע פּ אָ כ ע ס, וואָלט געזאָגט סען־סימאָן, ווערן פאַרביטן מיט ק ר י־
ט י ש ע. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען די לעצטע.
נעמט אַ וועלכע ס'איז פראַגע למשל, די פראַגע וועגן
געלט פאַר די מערקאַנטיליסטן (163) איז דאָס געלט געווען
אַ רייכטום par excellence: זיי פלעגן צו שרייבן דעם געלט
אַן איבערטריבענע, אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג. די מענטשן,
וועלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די מערקאַנטיליסטן, האָבן,
קומענדיק מיט זיי אין אַ „ס ת י ר ה", נישט בלויז נישט אויס־
געבעסערט די אויסערגעוויינלעכקייט פון יענע, נאָר זיי זענען
אַליין, לכל־הפחות די קעמפנדיקערע צווישן זיי, אַריינגעפאַלן אין
אויסערגעוויינלעכקייט, און טאַקע אין אַ קעגנזעצלעכן עקסטרעם:
געלט — דאָס איז פשוט אָפּגערעדטע סימנים, וועלכע האָבן
אַליין פאַר זיך קיין שום ווערט. אַזוי האָט געקוקט אויף
געלט, למשל, י ו ם. אויב די אָנשויאונג פון די מערקאַנטיליסטן
קען מען דערקלערן מיט דער נישט־אַנטוויקלטקייט פון דער
סחורה־פּראָדוקציע און פונם האַנדל אין זייער צייט, וואָלט אָבער
געווען משונהדיק צו דערקלערן די אָנשויאונגען פון זייערע
קעגנער פשוט דערמיט, וואָס די סחורה־פּראָדוקציע און דער
האַנדל האָבן זיך זייער שטאַרק אַנטוויקלט. דידאָזיקע אָנקומענ־
דיקע אַנטוויקלונג האָט דאָך אַפילו אויף קיין איין מינוט נישט
פאַרוואַנדלט דאָס געלט אין אָפּגערעדטע סימנים, וועלכע פאַר־
מאָגן נישט קיין שום אייגענעם ווערט. פונוואַנען זשע איז געקומען
די אויסערגעוויינלעכקייט אין י ו מ ס אָנשויאונג? זי איז אַרויס־
געקומען פונם פאַקט פון קאַמף, פון דער „ס ת י ר ה" צו די
מערקאַנטיליסטן. ער האָט געוואָלט „טאָן דאָס היפוכדיקע" פון
די מאַטעריאַליסטן, פונקט אַזוי, ווי די ראָמאַנטיקער „האָבן

געוואָלט טאָן דאָס היפּוכדיקע" פון די קלאַסיקער. דעריבער קען מען זאָגן, — פּונקט ווי ברונעטיער זאָגט עס וועגן דער ראָמאַנטישער דראַמע, — אַז יומס אָנשויאונג וועגן געלט ליגט אינגאַנצן אין דער אָנשויאונג פון די מערקאַנטיליסטן, זייענדיק איר קעגנזאַץ.

אַ צווייטער ביישפּיל: די פילאָזאָפן פונם אַכצנטן יאָרהונדערט קעמפן שאַרף און אַנטשיידן קעגן יעדן מין מיסטיציזם. די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן זענען אַלע, מער אָדער ווייניקער, דורכגעדרונגען מיט רעליגיאָזיטעט. וואָס אַזוינס האָט אַרויסגערופן דעמדאָזיקן צוריקקער צום מיסטיציזם? צי דען האָבן טאַקע אַזעלכע מענטשן, ווי דער מחבר פון נייעם קריסטנטום (164), פאַרמאָגט ווייניקער "lumiéres„ ווי די ענציקלאָפּעדיסטן? ניין, ביי זיי איז נישט געווען ווייניקער lumiéres און, רעדנדיק אין אַלגעמיין, זענען זייערע אָנשויאונגען געווען ענג פאַרבונדן מיט די אָנשויאונגען פון די ענציקלאָפּעדיסטן; זיי האָבן געשטאַמט פון זיי אין אַ גלייכער ליניע, נאָר די זענען אַריינגעטרעטן מיט זיי אין אַ „סתירה" אין געוויסע פראַגן, — ד. ה. אייגנטלעך אין דער פראַגע וועגן דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, — און עס האָט זיך ביי זיי באַוויזן אַ פאַרלאַנג צו „טאָן דאָס היפּוכדיקע" פון די ענציקלאָפּעדיסטן, און זייער באַציאונג צו דער רעליגיע איז געווען פּונקט דער קעגנזאַץ פון דער באַציאונג פון די פילאָזאָפן; זייער קוק אויף דער רעליגיע איז געווען, אייגנטלעך, אינם קוק פון די פילאָזאָפן.

נעמט, צומלעצט, די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע: אין פראַנקרייך פון דער צווייטער העלפט פונם אַכצנטן יאָרהונדערט טריאומפירט דער מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם, אונטער זיין פאָן טרעט אַרויס די עקסטרעמע פראַקציע פונם פראַנצויזישן tiers-état; אין ענגלאַנד פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט זענען אָנהענגער פון מאַטעריאַליזם די פאַרטיידיקער פונם אַלטן רעזשים, די אַריסטאָקראַטן, די אָנהענגער פונם אַבסאָלוטיזם. אויך דאָ איז קלאָר די סיבה. יענע מענטשן, מיט וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אין אַ „סתירה" די ענגלישע אַריסטאָקראַטן, זענען געווען עקסטרעמע רעליגיעזע פאַנאַטיקער; כדי צו „טאָן דאָס היפּוכדיקע"

פון יענע, — האָבן די רעאַקציאָנערן געמוזט דערגיין צום מאַטעריאַליזם. אין פראַנקרייך פונם אַכצנטן יאָרהונדערט איז געווען פונקט פאַרקערט: פאַר דער רעליגיע האָבן געהאַלטן די פאַרטיידיקער פון דער אַלטער אָרדנונג. זענען צום מאַטעריאַליזם דערגאַנגען די עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערן. מיט אַזעלכע ביישפּילן איז פול די געשיכטע פונם מענטשלעכן געדאַנק, און זיי אַלע באַשטעטיקן איינאונדיזעלבע זאַך: בכדי צו פאַרשטיין דעם „צושטאַנד פון די אינטעלעקטן" פון יעדער באַטרעפנדיקער קריטישער עפּאָכע, כדי צו דערקלערן פאַרוואָס טריאומפירן אין משך פון דערדאָזיקער עפּאָכע דווקא די, און נישט קיין אַנדערע לערעס, דאַרף מען לכתחלה זיך באַקענען מיטן „צושטאַנד פון די אינטעלעקטן" אין דער פריערדיקער עפּאָכע; מ'דאַרף זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ לערעס און ריכטונגען האָבן דאַמאָלס געהערשט. אָן דעם וועלן מיר לגמרי נישט פאַרשטיין דעם אינטעלעקטועלן צושטאַנד פון דער באַטרעפנדיקער עפּאָכע, כאָטש מיר וועלן זיין גוט באַקאַנט מיט דער עקאָנאָמיע.

אָבער אויך דאָס דאַרף מען נישט פאַרשטיין אַבסטראַקט ווי ס'איז צוגעוואוינט געוואָרן אַלץ צו פאַרשטיין די רוסישע „אינטעליגענץ". די אידעאָלאָגן פון איין עפּאָכע פירן קיינמאָל נישט מיט זייערע פאָרגענגער קיין קאַמף sur toute la ligne אין אַלע פראַגן פון די מענטשלעכע קענטענישן און פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן. די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן פונם ניינצנטן יאָרהונדערט זענען זיך אַבסאָלוט צונויפגעקומען מיט די ענציקלאָפּעדיסטן אין אַ מאַסע אַנטראָפּאָלאָגישע אָנשויאונגען; די ענגלישע אַריסטאָקראַטן פון די רעסטאַווראַציע-צייטן זענען געווען אַבסאָלוט איינשטימיק מיט זייערע פאַרפיינדעטע פוריטאַנער אין אַ גאַנצער ריי פראַגן, למשל, אין דער פראַגע פונם ציוויל-רעכט א. א. וו. די פּסיכאָלאָגישע טעריטאָריע טיילט זיך פונאַנדער אויף פּראָווינצן, די פּראָווינצן אויף קרייזן, די קרייזן אויף באַצירקן און געמיינדעס, די געמיינדעס שטעלן מיט זיך פאָר פאַרבאַנדן פון איינצלנע פערזאָנען (ד. ה. פון איינצלנע

פראַגן). ווען עס אַנטשטייט אַ „סתירה", ווען ס'פּלאַקערט פּו־נאַנדער אַ קאַמף, ווערן, געוויינלעך, מיטגעריסן בלויז באַזונדערע פּראָווינצן, — אויב נישט באַזונדערע קרייזן, — וועלכע רייסן־מיט בלויז מיט אַן אָפּשפּיגלענדיקער טעטיקייט די שכנותדיקע געביטן. פונם אָנפאַל ליידט קודם־כל יענע פּראָווינץ, וועלכע ס'האָט געהערט די הגעמאָניע אין דער פריער־דיקער עפּאָכע. ערשט בהדרגהדיק שפּרייטן זיך אויס די „מלחמה אומגליקן" אויף די נאָענטסטע שכנים, אויף די געטרייסטע פאַרבינדעטע פון דער אַטאַקירטער פּראָווינץ. דעריבער דאַרף מען מוסיף זיין, אַז ביי דער אויפקלערונג פונם כאַראַקטער פון יעדער באַטרעפנדיקער קריטישער עפּאָכע מוז מען אומבאַדינגט דערוויסן זיך נישט בלויז וועגן די אַלגעמיינע שטריכן פון דער פּסיכאָלאָגיע פונם פריערדיקן אָרגאַנישן פּעריאָד, נאָר אויך וועגן די אינדיווידועלע באַזונדערלעכקייטן פון דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגיע. אין משך פון איין היסטאָרישן פּעריאָד געהערט די העגעמאָניע צו דער רעליגיע, אין משך פון צווייטן — צו דער פּאָליטיק, א. א. וו. דערדאָזיקער אומשטאַנד רופט זיך אָפּ אומפאַרמיידלעך אויפן כאַראַקטער פון די אַנטשפּרעכנדיקע קרי־טישע עפּאָכעס, פון וועלכע יעדערע, אָפּהענגיק פון די אומ־שטענדן, אָדער זי טוט ווייטער פאַרמעל אָנערקענען די אַלטע העגעמאָניע, אַריינברענגענדיק אַ נייעם קעגנזעצלעכן אינהאַלט אין די ערשנדיקע באַגריפן (ביישפּיל: די ערשטע ענגלישע רעוואָלוציע), אָדער זי לייקנט זיי לגמרי אָפּ, און די העגעמאָ־ניע גייט אַריבער צו נייע פּראָווינצן פונם געדאַנק (אַ ביישפּיל: די פראַנצויזישע אויפקלערונגס־ליטעראַטור). אויב מירן זיך דער־מאָנען, אַז דידאָזיקע שטרייטן אַרום דער העגעמאָניע פון באַ. זונדערע פּסיכאָלאָגישע פּראָווינצן, פאַרשפּרייטן זיך אויך ביי ווייערע שכנים, און דערביי, אַז זיי פאַרשפּרייטן זיך אין אַ פאַרשיידענער מאָס און אין אַ פאַרשיידענער ריכטונג ביי יעדן איינצלנעם פאַל, — וועלן מיר פאַרשטיין, אויף ווי ווייט מ'טאָר נישט דאָ, ווי אומעטום, בלייבן שטיין ביי אַבסטראַקטע הנחות.

„מעגלעך, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע אַזוי, — טענהן אַנטקעגן אונזערע קעגנער, — אָבער מיר זעען נישט וואָס פאַר

אַ שייכות האָט אַהער דער קלאַסנקאַמף, און אונז דאַכט זיך גאָר שטאַרק אויס, אַז אַנהויבנדיק מיט אַ „לחיים” פאַר זיין כבוד-וועגן, ענדיקט איר מיט אַ הספד נאָך אים. איר זענט איצט אַליין מודה, אַז די באַוועגונגען פונם מענטשלעכן געדאַנק זענען אונטערגעוואָרפן געוויסע ספּעציעלע געזעצן, וועלכע האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די געזעצן פון דער עקאָנאָמיע אָדער מיט יענער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, מיט וועלכער איר האָט אונז שוין טויב געמאַכט”. — איילן מיר צו געבן אַ תשובה.

אין דער אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן געדאַנק, גענויער געזאָגט, אינם צונויפּנעם פון די מענטשלעכע באַגריפן און פאָרשטעלונגען זענען פאַראַן אייגענע באַזונדערע געזעצן, אָט דאָס האָט, אויף וויפיל אונז איז באַקאַנט, נישט אָפּגעלייקנט קיין איינער פון די „עקאָנאָמישע” מאַטעריאַליסטן. קיינער פון זיי, למשל, האָט נישט אידענטיפיצירט די געזעצן פון דער לאָגיק מיט די געזעצן פונם סחורה-אויסטויש. אָבער צוגלייך דערמיט האָט קיינער פון די מאַטעריאַליסטן נישט געפונען פאַר מעגלעך צו זוכן אין די געזעצן פונם דענקען די לעצטע סיבה פון דער דאָזיקער פילגעשטאַלטיקייט, דעם גרונט-פאַקטאָר פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. טאַקע אָט דאָס אונטערשיידט די באַקוועמע זייט פון די „עקאָנאָמישע מאַטעריאַליסטן” פון די אידעאַליסטן און באַזונדערס פון די עקלעקטיקער.

וויבאַלד דער מאָגן איז פאַרזען מיט אַ געוויסן קוואַנטום שפּייז, נעמט ער זיך צו דער אַרבעט אין הסכם מיט די אַלגעמיינע געזעצן פון דער מאָגן-פאַרדייאונג. אָבער צי איז מעגלעך, מיט דער הילף פון דידאָזיקע געזעצן, צו ענטפערן אויף דער פראַגע, פאַרוואָס ווערט טאָגטעגלעך אַפּטראַנספּאָרטירט אין אייער מאָגן אַריין געשמאַק און דערנערנדיק שפּייז, און ביי מיינעם איז עס אַ זעלטענער גאַסט? צי דען דערקלערן דידאָזיקע געזעצן, — פאַרוואָס עסן געוויסע מענטשן צו פיל, און אַנדערע שטאַרבן פון הונגער? דאַכט זיך, אַז די דערקלערונגען דאַרף מען זוכן ערגעץ אין אַן אַנדער געביט,

אין דער ווירקונג פון אַן אַנדער מין געזעצן. דאָסזעלבע איז מיטן אינטעלעקט פונם מענטש, וויבאַלד ער איז אַוועקגע־שטעלט אין אַ געוויסער לאַגע, וויבאַלד די אַרומיקע סביבה גיט אים געוויסע איינדרוקן, נעמט ער זיי צונויף לויט גע־וויסע אַלגעמיינע געזעצן (דערביי ווערן אויך דאָ די רעזול־טאַטן אַבסאָלוט פאַרשיידנאַרטיק, אָפּהענגיק פון דער פאַרשיידנ־אַרטיקייט פון די באַקומענע איינדרוקן). אָבער וואָס שטעלט אים אַוועק אין אַזאַ לאַגע? מיט וואָס ווערט באַשטימט דער צופלוס און דער כאַראַקטער פון די נייע איינדרוקן? אָט דאָס איז די פראַגע, וועלכע מ׳קען נישט פאַרענטפערן מיט קיין שום געזעצן פונם געדאַנק.

ווייטער. שטעלט אייך פאָר, אַז אַ באַלעם פאַלט פון אַ הויכן טורם. זיין באַוועגונג קומט פאָר לויט דעם אַלעמען באַקאַנטן און זייער פשוטן געזעץ פון דער מעכאַניק. אָבער אָט האָט זיך דער באַלעם אָנגעקלאַפּט אָן אַ שפּיצדי־קער פלעכע. זיין באַוועגונג ענדערט איר פאָרם לויט אַן אַנ־דערן, אויך זייער פשוטן און אַלעמען באַקאַנטן מעכאַנישן געזעץ. אין רעזולטאַט באַקומען מיר אַ געבראָכענע ליניע פון באַוועגונג, וועגן וועלכער מ׳קען און מ׳דאַרף זאָגן, אַז זי האָט צו פאַרדאַנקען איר אָפּשטאַמונג דער פאַרייניקטער ווירקונג פוןביידע דערמאָנטע געזעצן. אָבער פונוואַנען האָט זיך גענומען די שפּיציקע פלעכע, אָן וועלכער ס׳האָט זיך אָנגע־קלאַפּט דער באַלעם? דאָס דערקלערט נישט, נישט דער ערש־טער, נישט דער צווייטער געזעץ, נישט זייער פאַרייניקטע ווירקונג. לחלוטין דאָסזעלבע איז מיטן מענטשלעכן געדאַנק. פונוואַנען האָבן זיך גענומען יענע אומשטענדן, אַדאַנק וועלכע זיינע באַוועגונגען האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער פאַרייניק־טער ווירקונג פון אַזעלכע־און־אַזעלכע געזעצן? דאָס דער־קלערן נישט, נישט זיינע באַזונדערע געזעצן, נישט זייער סך־הכלדיקע ווירקונג.

די אומשטאַנדן, וועלכע בילדן אויס די באַוועגונג פונם געדאַנק, דאַרף מען זוכן טאַקע דאָרטן, וואו ס׳האָבן זיי גע־זוכט די פראַנצויזישע אויפקלערער. אָבער מיר בלייבן שוין

איצט נישט שטיין ביי יענעם „תחום", וועלכן זיי האָבן נישט נעקענט „אריבערגיין". מיר זאָגן נישט בלויז, אַז דער מענטש מיט אַלע זיינע געדאַנקען און געפילן איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה; מיר באַמיען זיך צו פאַר־שטיין די גאַנצע פון דער דאָזיקער סביבה. מיר זאָגן, אַז אירע אייגנשאַפטן בילדן זיך אויס לויט אַזעלכע און אַזעלכע סיבות, וועלכע ליגן מחוץ פונם מענטש און זענען ביז איצט אומאָפּהענגיק פון זיין ווילן. די פאַרשיידנאַרטיקע ענדערונגען אין די פּאַקטישע קעגנזייטיקע באַציאונ־גען פון די מענטשן ברענגען אומבאַדינגט מיט זיך ענ־דערונגען אינם „צושטאַנד פון די אינטעלעקטן", אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון אידעען, געפילן, גלויבונגען. די אידעען, געפילן און גלויבונגען נעמען זיך צונויף לויט זייערע אייגענע באַזונדערע געזעצן הויבן אָן צו ווירקן אַדאַנק אויסערלעכע אומשטענדן, וועלכע האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דידאָזיקע געזעצן. דאָרטן, וואו ברונעטיער זעט בלויז אַ ווירקונג פון איין ריי ליטעראַרישע ווערק אויף די אַנדערע, זעען מיר, אויסערדעם, די טיפער־ליגנדיקע קעגנזייטיקע השפעות פון די געזעלשאַפטלעכע גרו־פּעס, שיכטן און קלאַסן; דאָרט, וואו ער זאָגט פּשוט: עס האָט זיך באַוויזן אַ סתירה, מענטשן האָט זיך פאַרוואָלט טאָן דאָס היפּוכדיקע דערפון, וואָס עס האָבן געטאָן זייערע פאַר־גענגער, — זענען מיר מוסיף: ס'האָט זיך דעריבער פאַרוואָלט, ווייל ס'האָט זיך באַוויזן אַ נייע סתירה אין זייערע פּאַק־טישע פאַרהעלטנישן, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגערוקט אַ נייער געזעלשאַפטלעכער שיכט אָדער קלאַס, וועלכער האָט שוין נישט געקענט לעבן אַזוי, ווי ס'האָבן געלעבט די מענטשן פון דער אַלטער צייט.

בשעת ברונעטיער ווייס בלויז, אַז די ראָמאַנטיקער האָט זיך געוואָלט טאָן צו להכעיס די קלאַסיקער, באַמיט זיך בראַנדעס (165) צו דערקלערן זייער נטיה צום „ווידערשפרוך" מיט דער לאַגע פון יענעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס, צו וועלכן זיי האָבן געהערט. דערמאָנט זיך, צום ביישפּיל, וואָס ער זאָגט וועגן דער סיבה פון דער ראָמאַנטישער שטימונג פון

דער פראַנצויזישער יוגנט אין דער צייט פון דער רעסטאַוּ־ראַציע און בעת לואי־פיליפן.

ווען מאַרקס זאָגט: „בכדי איין שיכט זאָל קע־נען זיין דער באַפרייענדיקער שיכט „פּאַר־עקסע־לאַנס", איז נויטיק, אַז עפּעס אַ צווייטער שיכט זאָל זיין אינם אַלגעמיינעם באַוואוסטזיין, דער פאַרקערטער, דער פאַרשקלאַפנדיקער שיכט", — ווייזט ער אויך אָן אויף אַ ספּעציעלן, און דערביי זייער וויכ־טיקן, געזעץ פון דער אַנטוויקלונג פונם געזעלשאַפטלעכן גע־דאַנק. אָבער דאָסדאָזיקע געזעץ ווירקט און קען ווירקן בלויז אין געזעלשאַפטן, וועלכע זענען צעטיילט אויף קלאַסן; עס ווירקט נישט און קען נישט ווירקן אין די אור־געזעלשאַפטן, וואו ס'זענען נישט פאַראַן קיין קלאַסן, און ס'איז נישטאָ קיין קאַמף צווישן זיי.

לאָמיר זיך אַריינטראַכטן אין דער ווירקונג פון דעמדאָ־זיקן געזעץ. ווען אַ געוויסער שיכט זעט אויס אַלס דער פאַרשקלאַפנדיקער שיכט אין די אויגן פון דער גאַנצער איבע־ריקער באַפעלקערונג, דאַן שטעלן זיך אויך פאַר אין אירע אויגן די אידעען, וועלכע הערשן אין יענעם שיכט אַלס אי־דעען, וואָס זענען צוגעפּאַסט בלויז פאַר פאַרשקלאַפערס. דאָס געזעלשאַפטלעכע באַוואוסטזיין טרעט אַריין אין אַ „סתירה" מיט זיי: עס ווערט מיטגעריסן מיט קעגנזעצלעכע אידעען.

אָבער מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אַזאַ מין קאַמף ווערט קיינ־מאָל נישט געפירט אויף דער גאַנצער ליניע: תּמיד בלייבט איבער אַ געוויסע צאָל אידעען, וועלכע ווערן גלייכ־צייטיק אָנערקענט סיי פון די רעוואָלוציאָנערן, סיי פון די פאַרטיידיקער פון דער אַלטער אָרדנונג. די סאַמע שטאַרקסטע אַטאַקע קומט פאָר אויף יענע אידעען, וועלכע דינען אַלס אויס־דרוק פון די, אין דער באַטרעפנדיקער צייט, סאַמע שעדלעכסטע זייטן פון דער אָפּגעלעבטער אָרדנונג. אין באַצוג צו די דאָ־זיקע זייטן פון דער אידעאָלאָגיע ווערן די רעוואָלוציאָנערן דורכגעדרונגען מיט אַן אומבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג „סותר צו זיין" זייערע פאָרגענגער. דאַקעגן צו אַנדערע אידעען, אפילו צו אַזעלכע, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון די

אַלטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, בלייבן זיי אָפט איבער־לייכגילטיק, און אַמאָל טרעפט, אַז צוליב טראַדיציע האַלטן זיי זיך ווייטער ביי דידאָזיקע אידעען. אַזוי, למשל, האָבן די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, פירנדיק אַ קאַמף קעגן די פילאָ־זאָפישע און פּאָליטישע אידעען פונם אַלטן רעזשים (דאָס הייסט, קעגן דעם קלער און דער פריצישער מאָנאַרכיע), איבערגעלאָזט במעט אומבאַריבאַר די אַלטע ל י ט ע ר אַ ט ו ר־ירושות. אמת, אויך דאָ זענען ד י ד ר אָ ס עסטעטישע טעאָריעס געווען אַן אויסדרוק פון די נייע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן. אָבער דאָ איז דער קאַמף געווען זייער אַ שוואַכער, ווייל די הויפּט־קרעפטן זענען געווען קאָנצענטרירט אויף אַן אַנדער פעלד *) דאָ איז די פאָן פון אויפשטאַנד אויפגעהויבן געוואָרן ערשט שפּעטער און, דערביי, דורך אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן, שטאַרק מיטפילנדיק דעם דורך דער רעוואָלוציע אַראָפּגעוואָר־פענעם אַלטן רעזשים, געדאַרפט, אין פלוג, אויך מיטפילן יענע ליטעראַטור־אָנשויאונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דער גאָלדענער צייט פון דעמדאָזיקן רעזשים. אָבער אויך די־דאָזיקע זין־אויסדאַכטנדיקע משונהדיקייט דערקלערט זיך מיטן יסוד פון דער „סתירה". וויאַזוי קענט איר וועלן, למשל, אַז שאַטאָבריאַן (166) זאָל מיטפילן דער אַלטער עסטעטישער טעאָריע, בעת וואָלטער, — דער פאַרפיינדעטער שעדלעכער וואָלטער! — איז געווען איינער פון אירע פאָרשטייערס.

„Der Widerspruch ist das Fortleitende", זאָגט העגעל. די געשיכטע פון די אידעאָלאָגיעס באַווייזט נאָכאַמאָל, אַז ס'האָט קיין טעות נישט געהאַט דער אַלטער „מעטאַפיזיקער". זי באַשטעטיקט, אין פלוג, אויך דעם איבערגאַנג פון קוואַנטיטאַ־טיווע ענדערונגען אין קוואַליטאַטיווע. נאָר מיר ווען בעטן דעם לעזער נישט צו האָבן דערפון קיין עגמת־נפש און אונז אויסהערן ביזן סוף.

ביז איצט האָבן מיר געזאָגט, אַז ווייבאַלד ס'זענען פאַ־

*) אין דייטשלאַנד איז, ווי באַוואוסט, דער קאַמף פון די ליטעראַטור אָנשויאונגען פאָרגעקומען מיט אַ סאַך מער ענערגיע, אָבער, דאָ איז די אויפמערקזאַמ־קייט פון די גוואַלטערן נישט אָפּגעצויגן געוואָרן דורכן פּאָליטישן קאַמף.

ראַן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון דער געזעלשאַפט, איז שוין אויך פאַראַן איר סטרוקטור, און, ממילא, אויך איר פּסיכאָלאָגיע. אויף דעמדאָזיקן סמך וואָלט מען אונז געקענט צושרייבן דעם געדאַנק, אַז אויפן יסוד פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט קען מען געַנוי זיך פאָרשטעלן דעם קאָמפּלעקס פון אירע אידעען. אָבער דאָס איז נישט אַזוי, ווייל די אידעאָלאָגיעס פון יעדער באַטרעפנדיקער צייט שטייען תמיד אין דעם ענגסטן, — פּאָזיטיוון אָדער נעגאַטיוון, — צוזאַמענהאַנג מיט די אידעאָלאָגיעס פון דער פריערדיקער צייט. דעם „צושטאַנד פון די אינטעלעקטן" פון יעדער באַטרעפנדיקער צייט קען מען פאַרשטיין נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן צושטאַנד פון די אינטעלעקטן אין דער פריערדיקער עפּאָכע. אוודאי, קיין שום קלאַס וועט נישט מיטגעריסן ווערן מיט אַזעלכע אידעען, וועלכע שטייען אין ווידערשפּרוך צו זיינע שטרעבונגען. יעדער קלאַס פּאַסט תמיד אויסגעצייכנט, כאָטש אומבאַוואוסטזיניק, צו זיינע „אידעאַלן" צו זיינע עקאָנאָמישע נויטן. אָבער דידאָזיקע צופּאַסונג קען פאָרקומען אויף אַ פאַרשיידענעם אופן, און פאַרוואָס זי קומט פאָר אַזוי און נישט אַנדערש, דאָס דערקלערט זיך נישט מיט דער לאַגע פונם באַטרעפנדיקן קלאַס, אַלס אַזעלכער, אַלס באַזונדערער, נאָר מיט אַלע פּרטים פון דער באַציאונג פון דעמדאָזיקן קלאַס צו זיין אַנטאַגאָניסט (אָדער צו זיינע אַנטאַגאָניסטן) מיט דעם דערשיינען פון קלאַסן ווערט די סתירה נישט בלויז דער באַוועגנדיקער, נאָר אויך דער פאָרמירנדיקער יסוד*).

אָבער וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט די פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פון די אידעאָלאָגיעס? ברונעטיער שרייבט צו דעם אינדיווידואום אַ גאָר גרויסע באַדייטונג, אַן אומ-

---

*) דאכט זיך, וואָס פאר א שייכות האָט צום קלאסנקאמף די געשיכטע פון אזא קונסט, ווי ארכיטעקטור, למשל, אינדערעמתן איז זי גראָד שטארק צוגריפּגעבונדן מיט דעמדאָזיקן קאמף. זע ע ד. קאָרויאַע „L'archłtecure gothique" באזונדערס דעם פערטן טייל: „Learchitekcture civile"

אָפּהענגיקע פון דער סביבה. גיאָ באַהויפּטעט, אַז דער גאון שאַפט תמיד עפּעס נייעס *).

מיר זאָגן, אַז אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכע אידעען פאַרלויפט אַפּריער דער גאון זיינע צייט־חברים אין דעם זין, וואָס ער כאַפּט אויף פריער פאַר זיי דעם זין פון די נייע, געבוירנווערנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן. בכן, איז דאָ אוממעגלעך אַפילו צו רעדן וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פונם גאון פון דער סביבה. אויפן געביט פון נאַטורוויסנשאַפט אַנטדעקט דער גאון געזעצן, וועמעס ווירקונג ס'איז, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּהענגיק פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, אָבער די ראָל פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה אין דער געשיכטע פון יעדער גרויסער אַנטדעקונג ווייזט זיך אַרויס, ערשטנס, אין דער צוגרייטונג פון יענעם באַגאַזש קענטעניש, אָן וועלכע קיין שום גאון וועט גאָרנישט קענען מאַכן, און, צווייטנס, אין דעם ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונם גאון אין דער אָדער יענער זייט **). אויפן געביט פון דער קונסט גיט דער גאון דעם בעסטן אויסדרוק פון דער הערשנדיקער עסטעטישער נטיה פונם באַטרעפנדיקן געזעלשאַפטלעכן קלאַס ***). צומלעצט זעען מיר, אַז אין דיראָזיקע אַלע דריי געביטן ווייזט זיך אַרויס די השפעה פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה אינם געבן אַ קלענערע אָדער גרעסערע מעגלעכקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון די געניאַלע פעיקאיטן פון איינצלנע מענטשן.

(167) „Il introduit dans le monde des idées (*
sentimentes, des types nouveaux". L'art au point
de vue sociologique, Paris, 1889, p, 31.

*) אגב אורחא, בלויז פאַרמעל עקזיסטירט דאָ דער צווייפאכיקער כאראקטער פון דער ווירקונג. יעדער באטרעפנדיקער באגאזש מיט קענטענישן איז אָנגעגרייט טאקע דערפאר, ווייל די געזעלשאפטלעכע נויטן האָבן באוואוינן די מענטשן אים אָנצוגרייטן, האָבן געוועגדעט זייער אויפמערקזאמקייט אין דער אנטשפרעכנדיקער זייט.

***) און אויף ווי ווייט די עסטעטישע נטיות און מחשבות פון יעדן באַ-

אוודאי, מיר וועלן קיינמאָל נישט קענען דערקלערן מיט דער השפעה פון דער סביבה די גאַנצע אינדיווידואַליטעט פונם גאון אָדער דאָס איז נאָך קיין שום ראיה נישט.

די באַליסטיק קען דערקלערן די באַוועגונג פון אַן אַרטילערישן גראַנאַט. זי קען פאָרויסזען זיין באַוועגונג. אָבער זי וועט אייך קיינמאָל נישט קענען זאָגן, אויף וויפל טיילן ס'וועט

טרעפנדיקן קלאַס, זענען אָפּהענגיק פון זיין עקאָנאָמישער לאַגע, דאָס האָט נאָך געוואוסט דער מחבר פון „די עסטעטישע באַציאונגען פון דער קונסט און ווירקלעכקייט". (168) דאָס פּראַקטיקע איז דאָס לעבן, — פלעגט ער זאָגן און ער פלעגט אויפקלערן זיין געדאַנק אויף פאָלגנדיקן אופן:

„אַ גוט לעבן, אַ „לעבן ווי ס'געהער צו זיין", באַשטייט ביים פּשוטן פאָלק אין קענען אָפּעסן צו דער זעט, אין וואוינען אין אַ לייטישער שטוב, אין אויסשלאָפן זיך וויפל ס'גלוסט; אָבער צוזאַמען דערמיט נעמט דער דאָרפמאַן תמיד אַריין אינם באַגריף „לעבן" אויך דעם באַגריף וועגן אַרבעט: לעבן אָן אַרבעט קען מען נישט; ס'וואָלט געווען לאַנגווייליק. אַלס רעזולטאַט פון אַ זאַט לעבן, ביי אַ גרויסער אַרבעט, וועלכע שטרענגט אָבער נישט אָן ביז כּוחות-אויסמאַטערונג, וועט דער יונגער דאָרפמאַן, אָדער דאָס דאָרפמיידל האָבן אַן אויסערגעוויינלעך פרישן געזיכט-קאָליר און אַ פּאָר רויטע באַקן — דער ערשטער תנאי פון שיינקייט אין די המונישע השגות. אַרבעטנדיק אַסאַך, און ממילא זייענדיק פעסט געבויט, איז דאָס דאָרפמיידל תמיד בענוג דיק — אויך דאָס איז אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר אַ דאָרפישער שיינהייט. די שטאָטישע „האַלבלופטיקע שיינהייט" זעט אויס ביים דאָרפמאַן אַלס בפירוש „נישט קיין פאַרשוין", זי מאַכט אפילו אויף אים אַן אומאַנגענעמען איינדרוק, ווייל ער איז איינגעוואוינט צו באַטראַכטן דאַרקייט אַלס אַ פועל-יוצא פון קרענקלעכקייט אָדער פון אַ „ביטער מזל". אָבער די אַרבעט לאָזט נישט צופעטווערן. אויב אַ דאָרפיש מיידל איז צו דיק, איז עס אַ מין קרענקלעכקייט, אַ סימן פון אַ שוואַכן געבוי, און דער המון האַלט אַ צו שטאַרקע דיקקייט פאַר אַ חסרון; אַ דאָרפיש מיידל קען נישט האָבן קיין קליינינקע הענטעלעך און פיסעלעך, ווייל זי אַרבעט אַסאַך -- וועגן אַזעלכע מעלות פון שיינקייט איז קיין זכר נישטאָ אין אונזערע לידער. מיט איין וואָרט, אין די שילדערונגען פון אַ שיינהייט אין די פאָלקסלידער געפינט זיך נישט קיין איין סימן פון שיינקייט, וואָס זאָל נישט זיין קיין אויסדרוק פון בליענדיקן געזונט און גלייכגעוויכט פון כּוחות אין אָרגאַניזם— אַ שטענדיקער פועל-יוצא פון אַ זאַט לעבן, ביי אַ שטענדיקער אַרבעט, וואָס איז נישט קיין שפּילעכל, אָבער וועלכע איז נישט איבער די כּוחות. גאָר עפּעס אַנ-

זיך גראָד צעריסן דער באַטרעפנדיקער גראַנאַט און וואוּאַהין ס'וועט גראָד פאַרפליען יעדער ברוכטייל. אָבער, פונדעסטוועגן, ווערט דורכדעם אויף אַ האָר נישט שוואַכער די ריכטיקייט פון יענע אויספירן, צו וועלכע די באַליסטיק קומט. מיר זעען נישט איין קיין נויטיקייט זיך צו שטעלן אויפן אידעאַליסטישן (אָדער אויפן עקלעקטישן) שטאַנדפונקט אין דער באַליסטיק. פון אונזער זייט זענען אַבסאָלוט גענוג די מעכאַנישע דער-

---

דעריש איז — אַ שטאָטישע שיינהייט; שוין עטלעכע דורות, אַז אירע אבות האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט קיין פיזישער אַרבעט; ביי אַן אומעטיקן לעבנסאַרט קומט צו ווייניק בלוט אין די ענד-איברים; מיט יעדן נייעם דור ווערן די מוסקולן פון די הענט און די פיס שוואַכער, די ביינער ווערן דינער; אַלס אַן אומבאַדינגטער פועל-יוצא פון דעם אַלעמען מוזן זיין קליינינקע הענטעלעך און פיסעלעך — זיי זענען אַ סימן פון אַ לעבן, וואָס נאָר אַזאַ לעבן דאַכט זיך אויס צו זיין ראוי פאַר די העכערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, — אַ לעבן אָן פיזישער אַרבעט; אויב אַ שטאָטישע פרוי האָט גרויסע הענט און פיס, איז עס אַ סימן, אָדער דערפון, אַז זי איז שלעכט געבויט, אָדער, אַז זי שטאַמט נישט פון אַן אַלט-יחוסדיקער פאַמיליע... דאָס געזונט, אמת, קען קיינמאָל נישט פאַרלירן די באַדייטונג אין די אויגן פון אַ מענטש, ווייל אויך ביי זאַטקייט און עשירות איז שווער צו לעבן אָן געזונט, — דעריבער זענען רויטע באַקן און אַ געזונטע, בליענדיקע פרישקייט צוציענדיק אויך פאַר שטאָטישע מענטשן; אָבער קרענקלעכקייט, שוואַכקייט, פאַרוועלקטקייט, פאַר-שמאַכטקייט האָבן אויך אין זייערע אויגן שיינקייט-מעלות, וויבאַלד זיי ווייזן זיך אַרויס אַלס אַ פועל-יוצא פון אַן עשירותדיק-אומעטיקן לעבנסאַרט. בלייכקייט, פאַר-שמאַכטקייט, קרענקלעכקייט האָבן נאָך אַ באַדייטונג פאַר שטאָטישע מענטשן: אויב אַ דאָרפמאַן זוכט אָפרו, רואיקייט, זעען מיר ביי די מענטשן פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט, ביי וועלכע ס'טרעפט נישט קיין מאַטעריעלע נויט און קיין פיזישע מידקייט, אָבער וועלכע ליידן אָפט פון לאַנגווייליקייט, וואָס קומט פון ליידיקגיין און פונם פעלן פון מאַטעריעלע דאַגות, אַז זיי זוכן „שטאַרקע איבערלעבונגען, אויפרעגונגען, ליידנשאַפטן" דורך וועלכע עס באַקומט פאַרביקייט, פאַרשיידנאַרטיקייט און צוציענדיקייט דאָס עלעגאַנטע לעבן, וואָס איז מאָנאָטאָן און פאַרבלאַז. און פון שטאַרקע איבערלעבונגען, פון הייסע ליידנשאַפטן נוצט זיך דער מענטש גיך אָפּ: וויאַזוי-זשע זאָל מען זיך נישט באַצויבערן מיט דער פאַרשמאַכטקייט, מיט דער בלייכקייט פון אַ שיינהייט, בעת דאָס איז אַ באַווייז, אַז זי האָט אַסאַך געלעבט"! (זע אין זאַמלבוך „עסטעטיקאַ אי פאָעזיאַ" ז. ז. 6—8).

קלערונגען, כאָטש — ווער וועט זאָגן אַנדערש? — דידאָזיקע דערקלערונגען לאָזן פאַר אונז איבער נישט-אויפגעקלערט די „אינדיווידועלע" גורלות, די גרויס און די פאָרם פון די באַזונדערע ברוכטיילן.

אַ מאָדנע איראָניע פון גורל! דערזעלבער יסוד פונם ווידערשפרוך, אויף וועלכן עס וואַרפן זיך מיט אַזאַ היץ אונזערע סוביעקטיוויסטן, ווי אויף אַ פוסטער אויסטראַכטעניש פונם מעטאַפיזיקער ה ע ג ע ל, דווקא דערדאָזיקער יסוד דערנענטערט אונז avec nos chers amis les enmis (169). אויב י ו ם לייקנט אָפּ דעם אינערלעכן ווערט פון געלט כּדי סותר צו זיין די מערקאַנטיליסטן; אויב ראָמאַנטיקער האָבן געשאַפן זייער דראַמע בלויז צוליב דעם, „כּדי צו טאָן דאָס היפּוכדיקע" דערפון, וואָס ס'האָבן געטאָן די קלאַסיקער, הייסט עס, אַז קיין אָביעקטיווער אמת איז נישטאָ: ס'איז בלויז פאַראַן אַן אמת פאַר מיר, פאַר ה' מיכאַילאָווסקי, פאַר פירשט מיעשטשערסקי א. א. וו. דער אמת איז סוביעקטיוו, אמתדיק איז דאָס אַלץ, וואָס באַפרידיקט אונזער דערקענטנישדיקער באַדערפעניש.

ניין, ס'איז נישט אַזוי! דער יסוד פונם ווידערשפרוך צעשטערט נישט דעם אָביעקטיוון אמת, נאָר ער פירט אונז צו אים. אמת, דער וועג, אויף וועלכן ער צווינגט צו גיין די מענטשהייט, איז לגמרי נ י ש ט ק י י ן ג ר אָ ד ל י נ י ק ע ר ו ו ע ג. אָבער אויך אין דער מעכאַניק זענען באַקאַנט אַזעלכע פאַלן, ווען דאָס, וואָס ווערט פאַרשפּילט צוליבן שטח, ווערט געוואונען צוליב דער גיכקייט: אַ קערפּער, וואָס באַוועגט זיך אויף אַ צ י ק ל אָ א י ד, דערגייט אַמאָל גיכער פון איין פונקט צום צווייטן, וועלכע געפינט זיך נידעריקער, ווי ווען ער וואָלט זיך באַוואויגן אויף אַ גלייכער ליניע. דער „ווידערשפרוך" באַווייזט זיך דאָרטן און בלויז דאָרטן, וואו ס'איז פאַראַן אַ קאַמף, וואו ס'איז פאַראַן אַ באַוועגונג; און דאָרט, וואו ס'איז פאַראַן אַ באַוועגונג — גייט דער געדאַנק פ אָ ר א ו י ס, כאָטש אַפילו דורך זייטיקע וועגן. דער ווידערשפרוך צו די מערקאַנטיליסטן האָט געבראַכט י ו מ ע ן צו אַ טעותדיקן קוק אויף געלט. אָבער די באַוועגונג פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ממילא, אויך פונם מענטשלעכן געדאַנק, איז נישט געבליב

שטיין בײַ יענעם פּונקט, צו וועלכן זי האָט דערגרייכט אין יומס צייטן. זי האָט אונז אַוועקגעשטעלט אין אַ ווידערשפּרוך מיט יומען, און דערדאָזיקער ווידערשפּרוך האָט צומלעצט געבראַכט צו אַ ריכטיקן קוק אויף געלט. און דערדאָזיקער ריכטיקער קוק, אַ רעזולטאַט פון אַן אַלזייטיקער באַטראַכטונג פון דער ווירקלעכקייט, איז שוין אַן אָביעקטיווער אמת, וועלכן ס'וועלן שוין נישט באַזייטיקן קיינע ווייטערדיקע ווידערשפּרוכן. דער מחבר פון די באַמערקונגען צו מילין פלעגט נאָך זאָגן מיט באַגייסטערונג:

וואָס דאָס לעבן האָט באַוויזן צו באַוויליקן

איז דער פּאַטום נישט בכוח צו פּאַרטיליקן...

לגבי דער וויסנשאַפט איז עס אומבאַדינגט ריכטיק. קיין שום פּאַטום איז איצט נישט בכוח צוצונעמען בײַ אונז נישט קאָפּערניקס אַנטדעקונג, נישט די אַנטדעקונג וועגן דער פּאַרענדערלעכקייט פון די מינים, נישט די געניאַלע אַנטדעקונגען פון מאַרקסן.

די געזעלשאַפטלעכע פּאַרהעלטנישן ענדערן זיך אין זייער געשטאַלט, צוזאַמען מיט זיי ענדערן אויך זייער געשטאַלט די וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס. אַלס רעזולטאַט פון דידאָזיקע ענדערונגען באַווייזט זיך, סוף־כל־סוף, אַן אַלזייטיקע באַטראַכטונג פון דער ווירקלעכקייט, און ממילא, אויך אַן אָביעקטיווער אמת. קסענאָפאָנט האָט געהאַט אַנדערע עקאָנאָמישע אָנשויאונגען ווי זשאַן באַטיסט סעי. סעיס אָנשויאונגען וואָלטן זיכער אויסגעזען בײַ קסענאָפאָנטן ווי אַן אומזין; סעי ווידער האָט פּראָקלאַמירט אַלס אומזין די אָנשויאונגען פון קסענאָפאָנטן. און מיר ווייסן שוין איצט, פונוואַנען ס'האָבן זיך גענומען קסענאָפאָנטס אָנשויאונגען, פונוואַנען ס'האָבן זיך גענומען סעיס אָנשויאונגען, און פונוואַנען ס'האָבן זיך גענומען זייער איינזייטיקייט. און דאָסדאָזיקע וויסן איז שוין אַן אָביעקטיווער אמת, און קיין שום „פּאַטום“ וועט אונז שוין נישט אַראָפּשטויסן פון דעמדאָזיקן אַנטדעקטן, ענדלעך, ריכטיקן שטאַנדפּונקט.

— אָבער די מענטשהייט וועט דאָך נישט בלײַבן שטיין בײַ דעם, וואָס איר רופט די אַנטדעקונג אָדער די אַנטדעקונגען פון מאַרקסן? אַוודאי נישט, מײַנע הערן! זי וועט מאַכן

נייע אַנטדעקונגען, וועלכע וועלן דערגאַנצן און באַשטעטיקן דידאַקטישע מאַרקסישע טעאָריע, פּונקט ווי די נייע אַנטדעקונגען אין דער אַסטראָנאָמיע פּלעגן דערגאַנצן און באַשטעטיקן קאָפּערניקס אַנטדעקונג.

דער „סוביעקטיווער מעטאָד" אין דער סאָציאָלאָגיע איז אַ גוואַלדיקער אומזין. אָבער יעדער אומזין האָט זיך זיין געניגנדיקע סיבה, און מיר, די באַשיידענע נאָכפאָלגער פון אַ גרויסן מאַן, קענען זאָגן נישט אָן גאווה: מיר ווייסן וואָס איז די געניגנדיקע סיבה פון דעמדאָזיקן אומזין. אָט איז זי:

דער „סוביעקטיווער מעטאָד" איז אַנטדעקט געוואָרן לכתחילה נישט דורך ה' מיכאַילאָווסקי און אפילו נישט דורכן „מלאך פון דער שולע", ד. ה. נישט דורכן מחבר פון די „היסטאָרישע בריוו". ביים דאָזיקן מעטאָד פלעגן זיך שוין האַלטן ברונאָ באַאוער און זיינע נאָכפאָלגער, דערזעלבער ברונאָ באַאוער, וועלכער האָט געבראַכט אויף דער וועלט דעם מחבר פון די „היסטאָרישע בריוו", דעמזעלבן מחבר פון די „היסטאָרישע בריוו", וועלכער האָט געבראַכט אויף דער וועלט דעם ה' מיכאַילאָווסקי און זיינסגלייכן.

„אָביעקטיוויטעט פונם היסטאָריקער איז, פונקט ווי יעדע אַנדערע אָביעקטיוויטעט, נישט מער, ווי אַ פשוטע פּלוידעריי. און דאָס איז לגמרי נישט אין דעם זין, אַז אָביעקטיוויטעט איז אַן אומדערגרייכבאַרער אידעאַל. צו אָביעקטיוויטעט, ד. ה. צו אַ קוק, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר דער מערהייט, צו דער וועלט-אויפפאַסונג פון דער מאַסע, קען דער היסטאָריקער זיך בלויז אַראָפּלאָזן. און וויבאַלד ער האַנדלט אַזוי, הערט ער אויף צו זיין אַ שעפער, אַרבעט ער פון שטיק, ווערט ער אַ געדונגענער לוינאַרבעטער פון זיין צייט" *).

דידאָזיקע ווערטער געהערן שעליגען (170), וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ברונאָ באַאוערן און פון

Die Organisation der Arbeit der Menschheit (*
und die Kunst der Geschichtschreibens Schlosser's
Gerwinus's Dahlmann's und Bruno Bauers. Von Szeliga, Charlottenburg, 1846, S. 6.

וועלכן ס'האָבן אַזוי בייסיק אָפּגעלאַכט מאַרקס און ענגעלס אינם בוך „Die heilige Familie“ שטעלט אַריין אין דידאָזיקע שורות „סאָציאָלאָג“ אַנשטאָט „היסטאָריקער“, פאַרבייט די „קינסטלערישע שאַפונג“ פון דער געשיכטע מיט דער שאַפונג פון געזעלשאַפטלעכע „אידעאַלן“, — און איר וועט אַרויסבאַקומען דעם „סוביעקטיוון מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע“.

טראַכט זיך אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אַן אידעאַליסט. פאַר אים זענען די „מיינונגען“ פון די מענטשן אַ תּוך־זאַך, די לעצטע סיבה פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. אים דאַכט זיך, אַז לויטן עדות־זאָגן פון דער געשיכטע, זענען אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן נישט־זעלטן פאַרווירקלעכט געוואָרן די סאַמע אומזיניקע מיינונגען. „פאַרוואָס־זשע ווידער, — טראַכט ער, — זאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן מיין אידעע, וועלכע איז, דאַנקען גאָט, ווייט פון צו זיין אַן אומזיניקע. ווייבאַלד ס'עקזיסטירט אַ געוויסער אידעאַל, עקזיסטירט כל-הפּחות, די מעגלעכקייט פון געזעלשאַפטלעכע איבערגעשטאַלטונגען, וועלכע זענען געוואונטשן פונם שטאַנדפּונקט פון דאָזיקן אידעאַל. וואָס ס'איז ווידער שייך דאָס קאָנטראָלירן דעמדאָזיקן אידעאַל דורך עפּעס אַן אָביעקטיוון מאָסשטאַב, איז דאָס אוממעגלעך, ווייל אַזאַ מין מאָסשטאַב איז נישט פאַראַן: די מיינונגען פון דער מערהייט קענען דאָך נישט דינען אַלס מאָסשטאַב פון אמת“.

און אַזוי, הייסט עס, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פון געוויסע איבערגעשטאַלטונגען, דערפאַר ווייל דאָס פאַרלאַנגען מיינע אידעאַלן, דערפאַר ווייל איך האַלט דידאָזיקע איבערגעשטאַלטונגען פאַר נוצלעך. איך, ווידער, האַלט זיי פאַר נוצלעכע דערפאַר, ווייל מיר ווילט זיך זיי האַלטן פאַר אַזעלכע. מיטן אויסנאַם פון אַן אָביעקטיוון מאָסשטאַב האָב איך נישט קיין אַנדער קריטעריום, אַחוץ מיינע פאַרלאַנגען. מיינע פאַרוועלעכצער זאָלסטו נישט שטערן! — אָט דאָס איז דער לעצטער אַרגומענט פונם סוביעקטיוויזם. דער סוביעקטיווער מעטאָד איז אַ reductio ad absurdum פונם אידעאַליזם, און פאַראיינוועגס אויך פונם עקלעקטיזם, וואָרום אויפן קאָפּ פונם דאָזיקן פאַראַזיט

פאַלן אַלע פעלערן פון די דורך אים באַפרעסענע „גוטע האַרן" פון דער פילאָזאָפיע.

פון מאַרקסנס שטאַנדפּונקט איז אוממעגלעך אַן אַנטקעגנשטעלונג פון די „סוביעקטיווע" אָנשויאונגען פון דער פּערזענלעכקייט מיט די אָנשויאונגען פון דעם „המון", פון דער „מערהייט" א. א. וו., ווי מיט עפּעס *אָביעקטיוועס*. דער המון באַשטייט פון מענטשן, און די אָנשויאונגען פון מענטשן זענען שטענדיק „*אָביעקטיוו*", וואָרום *די* אָדער אַנדערע אָנשויאונגען זענען איינע פון די אייגנשאַפטן פונם סוביעקט. אָביעקטיוו זענען נישט די אָנשויאונגען פונם „המון", אָביעקטיוו זענען יענע *פאַרהעלטנישן* אין דער נאַטור אָדער אין דער געזעלשאַפט, *וועלכע ווערן אויסגעדריקט אין די דאָזיקע אָנשויאונגען*. דער קריטעריום פונם אמת ליגט נישט אין מיר, נאָר אין די פאַרהעלטנישן, וועלכע עקזיסטירן מחוץ פון מיר. *אמתדיק* זענען די אָנשויאונגען, וועלכע שטעלן ריכטיק פאָר דידאָזיקע פאַרהעלטנישן; *טעותדיק* זענען די אָנשויאונגען, וועלכע פאַרקריפּלען זיי; *אמתדיק* איז יענע נאַטורוויסנשאַפטלעכע טעאָריע, וועלכע נעמט ריכטיק אַרום די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון נאַטורדערשיינונגען; *אמתדיק* איז יענע היסטאָרישע באַשרייבונג, וואָס שילדערט ריכטיק די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין דער דורך איר באַשריבענער עפּאָכע. דאָרטן, וואו ס'קומט אויס דעם היסטאָריקער צו שילדערן אַ קאַמף פון קעגנזעצלעכע געזעלשאַפטלעכע כּוחות, וועט ער אומפאַרמיידלעך מיטפילן איינעם אָדער דעם אַנדערן, אויב ער איז נאָר אַליין נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרוקענעם פּעדאַנט. אין דער הינזיכט וועט ער זיין *סוביעקטיוו*, אומאָפּהענגיק דערפון, צי ער פילט-מיט דער *מינדערהייט* אָדער דער *מערהייט*. אָבער אַזאַ סוביעקטיוויזם וועט אים נישט שטערן צו זיין אַן אַבסאָלוט-אָביעקטיווער היסטאָריקער, אויב ער וועט נאָר נישט אָנהויבן *פאַרקריפּלען יענע רעאַלע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, אויף וועמענס באָדן ס'זענען אויסגעוואַקסן די קעמפנדיקע געזעלשאַפטלעכע כּוחות*. דאַקעגן

דער אָנהעגנגער פונם „סוביעקטיוון" מעטאָד פארגעסט וועגן די דאָזיקע רעאַלע פאַרהעלטנישן, און דעריבער קען ער נישט געבן גאָרנישט, אַחוץ זיין טייערן מיטגעפיל אָדער זיין שרעקלעכע אַנטיפּאַטיע, און דעריבער מאַכט ער אַ גרויסן טומל, פאָרוואָרפנדיק זיינע קעגנער, אַז זיי באַליידיקן די מאָראַלישקייט, יעדעס מאָל, ווען זיי זאָגן אים, אַז ער גיט צו ווייניק, ער פילט, אַז ער קען נישט אַריינדרינגען אין דער געהיימניש פון די רעאַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, און דעריבער דאַכט זיך אים אויס יעדער רמז וועגן זייער אָביעקטיוון כוח אַלס באַליידיקונג, אַלס חוזק פון זיין אייגענער קראַפטלאָזיקייט. ער שטרעבט צו דערטרינקען דידאָזיקע פאַרהעלטנישן אינם וואַסער פון זיין אייגענער מאָראַלישער אומצופרידנקייט.

פון מאַרקסנס שטאַנדפונקט, הייסט עס, אַז אידעאַלן זענען פאַראַן כלערלייאיקע: סיי נידעריקע, סיי דערהויבענע, סיי ריכטיקע, סיי טעותדיקע. ריכטיק איז אַן אידעאַל, וועלכער אַנטשפּרעכט דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט. די סוביעקטיוויסטן, וועלכע הערן דאָס, וועלן זאָגן, אַז אויב איך וועל נעמען צופּאַסן מיינע אידעאַלן צו דער ווירקלעכקייט, וועל איך ווערן אַ נעבעכדיקער דינער ביי די „הוליענדיקע". אָבער זיי וועלן עס זאָגן בלויז דערפאַר, ווייל זיי, אַלס מעטאַפיזיקער פאַרשטייען נישט דעם צווייפאַכיקן אַנטאַגאָניסטישן כאַראַקטער פון יעדער ווירקלעכקייט. די „הוליענדיקע" שטיצן זיך אויף אַ שוין-אָפּגעלעבטער ווירקלעכקייט, אונטער וועלכער עס האַלט אין געבוירנווערן אַ נייע ווירקלעכקייט, אויב ווירקלעכקייט פון דער צוקונפט, וואָס דינען צו איר, הייסט מיטהעלפן צום נצחון פון דער „גרויסער זאַך פון ליבע".

דער לעזער זעט איצטער, צי ס'אַנטשפּרעכט דער „ווירקלעכקייט" יענע פאָרשטעלונג וועגן די מאַרקסיסטן, לויט וועלכער ס'קומט אויס, אַז זיי שרייבן נישט צו קיין שום באַדייטונג אידעאַלן. דידאָזיקע פאָרשטעלונג ווייזט זיך אַרויס אַלס אַ פשוטער קעגנזאַץ צו דער „ווירקלעכקייט". אויב רעדן אין זין פון „אידעאַלן",

דאַרף מען זאָגן, אַז מאַרקסנס טעאָריע איז די סאַמע אידעאַליסטישסטע טעאָריע פון די אַלע, וואָס האָבן אַמאָל עקזיסטירט אין דער געשיכטע פונם מענטשלעכן געדאַנק. און דאָס איז אין דערזעלבער מאָס ריכטיק, הן לגבי אירע ריין־וויסנשאַפטלעכע, הן לגבי אירע פּראַקטישע אויפגאַבן.

„וואָס־זשע הייסט איר טאָן דערצו, אויב ה׳ מאַרקס פאַרשטייט נישט די באַדייטונג פונם זעלבסטבאַוואוסטזיין און פון זיין כוח? וואָס הייסט איר טאָן דערצו, אויב ער שאַצט אָפּ אַזוי נידעריק דעם באַוואוסטזיניקן אמת פונם זעלבסטבאַוואוסטזיין?".

דידאָזיקע ווערטער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1847 איינער פון ברונאָ באַוערס אָנהענגער*), און כאָטש איצט רעדט מען שוין נישט מיטן לשון פון די פערציקער יאָרן, זענען אָבער די הערן, וועלכע וואַרפן־פאָר מאַרקסן, אַז ער איגנאָרירט דעם עלעמענט פון געדאַנק און געפיל אין דער געשיכטע, אַסאַך ווייטער פון אָפּיצן נישט דערגאַנגען ביז איצט. זיי זענען אַלע עד־היום איבערצייגט, אַז מאַרקס שאַצט זייער נידעריק דעם כוח פונם מענטשלעכן זעלבסטבאַוואוסטזיין; זיי אַלע זאָגן גרויס אויף פאַרשיידענע אופנים איינסאונדאָסזעלבע**). איז׳עראמתן האָט מאַרקס געהאַלטן די דערקלערונג פונם מענטשלעכן „זעלבסטבאַוואוסטזיין" אַלס די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט.

---

*) Die Helden der Masse. Charakteristiken. Herausgegeben von Theodor Opitz. Grünberg. 1848, SS. 6—7. מיר ראַטן זייער ה׳ מיכאַילאָווסקין איבערצוליינען דאָסדאָזיקע ווערק. ער וועט דאָרט טרעפן אסאך פון זיינע אָריגינעלע געדאנקען.

**) אגב, ניין, נישט אַלע: קיינעם איז נאָך נישט איינגעפאלן אָפּצושלאָגן מאַרקסן דערמיט, וואָס ער וועט אָנווייזן, „אז דער מענטש באשטייט פון א נשמה און א גוף". ה׳ קאַריעיעוו איז טאָפּלט אָריגינעל: 1) קיינער האָט נאָך ביז אים אזוי נישט דיסקוטירט מיט מאַרקסן; 2) קיינער וועט, נאָך אים, זיכער אויך נישט אזוי דיסקוטירן.

ער פלעגט זאָגן: „דער הויפּט-חסרון פונם מאַטעריאַליזם, ביז דעם פייערבאַכישן איינשליסלעך, איז באַשטאַנען ביז איצט דערין, וואָס ער האָט באַטראַכט די ווירקלעכקייט, די קעגנשטאַנדלעכע וועלט, וועלכע ווערט אויפגעפאַסט מיט אונזערע אויסערלעכע חושים, בלויז אין דער פאָרם פון אַן אָביעקט אָדער אין דער פאָרם פון אַ באַטראַכטונג, און נישט אין דער פאָרם פון אַ קאָנקרעטער מענטשלעכער טעטיקייט, נישט אין דער פאָרם פון פּראַקטיק, נישט סוביעקטיוו. דעריבער פלעגט די טעטיקע זייט, אין קעגנזאַץ צום מאַטעריאַליזם, ביז איצט אַנטוויקלען דער אידעאַליזם, אָבער ער האָט זי אַנטוויקלט אַבסטראַקט, היות ווי דער אידעאַליזם אָנערקענט נישט, נאַטירלעך, די קאָנקרעטע טעטיקייט אַלס אַזעלכע". צי האָט איר זיך אַריינגעטראַכט, מיינע הערן, אין דידאָזיקע ווערטער פון מאַרקסן? מירן אייך זאָגן, וואָס זיי באַטייטן.

האָלבאַך, העלוועציוס און זייערע אָנהענגער פלעגן אָנווענדן אַלע זייערע אָנשטרענגונגען דערויף, אויף צו באַווייזן די מעגלעכקייט פון אַ מאַטעריאַליסטישער דערקלערונג פון דער נאַטור. אַפילו די פאַרלייקענונג פון איינגעבוירענע אידעען האָט דידאָזיקע מאַטעריאַליסטן נישט געפירט ווייטער, ווי צו באַטראַכטן דעם מענטש, אַלס אַ מיטגליד פונם חיהשן קעניגרייך, אַלס אַ matiére sensible. זיי האָבן זיך נישט געפּרוווט אויפצוקלערן די געשיכטע פונם מענטש פון זייער שטאַנדפּונקט, און אויב זיי האָבן זיך יאָ געפּרוווט (העלוועציוס), פלעגן זייערע פּרוון זיך ענדיקן מיט מיסדערפאָלג. אָבער דער מענטש ווערט אַ „סוביעקט" בלויז אין דער געשיכטע, ווייל בלויז אין איר אַנטוויקלט זיך זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין, באַגרעניצן זיך מיט דער באַטראַכטונג פונם מענטש, אַלס אַ מיטגליד פונם חיהשן קעניגרייך, הייסט זיך באַגרעניצן מיט באַטראַכטן אים, אַלס „אָביעקט", נישט נעמענדיק אין אַכט זיין היסטאָרישע אַנטוויקלונג, זיין געזעלשאַפטלעכע „פּראַקטיק", די קאָנקרעטע מענטשלעכע טעטיקייט. אָבער נישט נעמען אין אַכט דאָס אַלץ — הייסט מאַכן דעם מאַטעריאַליזם פאַר „אַ טרוקענעם, טריבן, טרוי-

צ ר י ק ן" (געטע). נאָכמער, דאָס הייסט מאַכן אים, — און מיר האָבן עס שוין אויבן באַוויזן, — פאַר אַ פ אַ ט אַ ל י ס ט י ש ן, וואָס פאַראורטיילט דעם מענטש אויף אַ פולשטענדיקן אונטערוואַרפן זיך דער בלינדער מאַטעריע. מאַרקס האָט באַמערקט דעמדאָזיקן חסרון פונם פראַנצויזישן און אַפילו פונם פייערבאַכישן מאַטעריאַליזם און ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אים אויסצובעסערן. זיין „עקאָנאָמישער" מאַטעריאַליזם איז אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וויאַזוי ס'אַנטוויקלט זיך די „ק אָ נ ק ר ע ט ע ט ע ט י ק ײ ט" פונם מענטש, וויאַזוי אַנטוויקלט זיך, אַ דאַנק איר, זיין ז ע ל ב ס ט ב אַ ו ו א ו ס ט ז י י ן, וויאַזוי בילדעט זיך אויס די ס ו ב י ע ק ט י וו ע ז י י ט פ ו ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע. ווען עס וועט כאָטש טיילווייז געלעזט ווערן דידאָזיקע פראַגע, וועט דער מאַטעריאַליזם אויפהערן צו זיין טרוקן, טריב, טרויעריק, ער וועט אויפהערן אָפּטרעטן דעם ערשטן פּלאַץ דעם אידעאַליזם, ווען ס'וועט קומען צו דערקלערן די טעטיקע זייט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. דאַן וועט ער פטור ווערן פונם פאַטאַליזם, וואָס איז פאַר אים אייגנשאַפטלעך.

פילבאַרע, אָבער שוואַכקעפּיקע מענטשן זענען דעריבער אין כעס אויף מאַרקסנס טעאָריע, ווייל זיי פאַרשטייען איר ע ר ש ט וואָרט אַלס דאָס ל ע צ ט ע. מאַרקס זאָגט: ביי דער דערקלערונג פונם ס ו ב י ע ק ט וועלן מיר אַ קוק טאָן, אין וואָס פאַראַ קעגנזייטיקע באַציאונגען מענטשן ווערן אַוועקגעשטעלט אַדאַנק דער ווירקונג פון דער אָ ב י ע ק ט י וו ע ר נויטווענדיקייט. וויבאַלד ס'זענען באַקאַנט דידאָזיקע באַציאונגען, וועט מען קענען אויפקלערן, וויאַזוי ס'אַנטוויקלט זיך אונטער זייער ווירקונג דער מענטשלעכער זעלבסטבאַוואוסטזיין. ד י אָ ב י ע ק ט י וו ע ו ו י ר ק ל ע כ ק ײ ט וועט אונז העלפן אויפקלערן ד י ס ו ב י ע ק ט י וו ע ז י י ט פון דער געשיכטע. אָטאָדאָ רייסן אײבער מאַרקסן, געוויינלעך, די פילבאַרע אָבער שוואַכקעפּיקע מענטשן. אָטאָדאָ חזרט זיך, געוויינלעך, איבער עפּעס אַזוינס, וואָס איז וואונדערבאַר ענלעך אויפן שמועס פון ט ש אַ צ ק י ן מיט פ אַ מ ו ס אָ וו ן (171). — „אינם פראָדוקציע־פּראָצעס פון זייער געזעלשאַפטלעך לעבן שטויסן זיך אָן די מענטשן אויף געוויסע

באַשטימטע, פון זייער ווילן אומאָפּהענגיקע, פּאַרהעלטנישן: די פּראָדוקציע-פּאַרהעלטנישן...״ — אוי, טאַטע-פּאָטער, ער איז דאָך אַ פאַטאַליסט!... — „אויפן עקאָנאָמישן פונדאַמענט וואַקסן אַרויף אידעאָלאָגישע אויבערבנינים...״ — וואָס רעדט ער! און ער רעדט, ווי ער שרייבט! ער אָנערקענט לגמרי נישט די ראָל פון דער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע!... — „אָבער הערטזשע מיך אויס כאָטש איין מאָל; פונם פריערדיקן דרינגט דאָך גאָר אַרויס, אַז״... — איך הער נישט, משפּטן! זאָל אים משפּטן דאָס מאָראַלישע געריכט פון די אַקטיוו-פּראָגרעסיווע פּערזענלעכקייטן, אונטער דער עפנטלעכער אויפזיכט פון דער סוביעקטיווער סאָציאָלאָגיע!!

טשאַצקין האָט אָפּגעראַטעוועט, ווי באַקאַנט, דאָס באַווייזן זיך פון סקאַלאָזובן (172). אין די וויכּוחים פון די רוסישע אָנהענגער פון מאַרקסן מיט זייערע שטרענגע סוביעקטיווע אָפּשאַצערס האָט די זאַך ביז איצט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש. סקאַלאָזוב פלעגט פאַרשפּאַרן דאָס מויל די טשאַצקיס, און דאַן פלעגן די פאַמוסאָווס פון דער סוביעקטיווער סאָציאָלאָגיע אַרויסנעמען די פינגער פון די אויערן און זיי פלעגן זאָגן מיטן באַוואוסטזיין פון זייער העכערקייט: זיי האָבן דאָך מער נישט געזאָגט ווי צוויי ווערטער; זייערע אָנשויאונגען בלייבן לחלוטין נישט-אויפגעקלערט.

העגעל פלעגט נאָך זאָגן, אַז יעדע פילאָזאָפיע קען מען דערפירן צו אַן אינהאַלטלאָזן פאָרמאַליזם, אויב מ׳זאָל זיך באַגרעניצן מיט אַ פּשוטער איבערחזרונג פון אירע גרונטהנחות. אָבער אויך דידאָזיקע זינד איז מאַרקס נישט באַגאַנגען. ער פלעגט זיך נישט באַגרעניצן מיט דער איבערחזרונג, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות ליגט אין יסוד פון דער גאַנצער היסטאָרישער באַוועגונג פון דער מענטשהייט. זעלטן ווען אַ דענקער זאָל האָבן אַזוי פיל געטאָן וויפל ער, כּדי צו אַנטוויקלען זיינע גרונט-הנחות.

— אָבער וואו אַ שטייגער, וואו האָט ער אַנטוויקלט זיינע אָנשויאונגען? — הערן זיך פאַרשיידענע קולות פון זינגען, קוויטשן, שרייען און טומלען מצד די ה״ה סוביעקטיוויסטן. — אָט גיט אַ קוק אויף דאַרווינען, האָט ער אַ בוך, און מאַרקס

האָט דאָך נישט קיין בוך, און מ׳מוז ווידעראויפבויען זיינע אָנשויאונגען.

נישטאָ וואָס צו רעדן: „ווידעראויפבויען" איז נישט קיין אָנגענעמער און נישט קיין לייכטער עסק, באַזונדערס פאַר דעם, ווער ס׳פאַרמאָגט נישט קיין „סוביעקטיווע" מעגלעכקייטן, כדי ריכטיק צו פאַרשטיין, און ממילא אויך „ווידעראויפבויען" פרעמדע געדאַנקען. אָבער ס׳איז גאָר נישטאָ קיין נויטיקייט ווידעראויפצובויען, און דאָס בוך, אויף וועמענס פעלן ס׳קלאָגן די ה"ה סוביעקטיוויסטן, איז לאַנג פאַראַן. ס׳זענען פאַראַן אַפילו עטלעכע ביכער, איינס בעסער פאַרן צווייטן, וועלכע קלערן-אויף מאַרקסנס היסטאָרישע טעאָריע.

דאָס ערשטע בוך — איז די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע און פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט, אָנהויבנדיק פון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט. באַקענט זיך מיט דעמדאָזיקן אינטערעסאַנטן בוך (געוויס, „ליואיס" איז קנאַפּ): עס וועט אייך באַווייזן, פאַרוואָס איז אויפגעקומען, פאַרוואָס האָט געמוזט אויפקומען מאַרקסנס טעאָריע, וואָס פאַר אַ ביז איצט נישט-געלעזטע און נישט-לעזונגבאַרע פראַגן זי האָט פאַרענטפערט, און, ממילא אויך, וואָס איז איר אמתדיקער זין.

דאָס צווייטע בוך — איז „קאַפּיטאַל", דערזעלבער „קאַפּיטאַל", וועלכן איר האָט אַלע „געלייענט", מיט וועלכן איר זענט אַלע „מסכּים", נאָר וועלכן קיינער פון אייך האָט נישט פאַרשטאַנען, מיינע טייערע הערן.

דאָס דריטע בוך — איז די געשיכטע פון די אייראָפּעאישע געשעענישן, אָנהויבנדיק פון יאָר 1848, ד. ה. פון דער צייט, ווען ס׳איז דערשינען דער באַקאַנטער „מאַניפעסט". גיט זיך די מי אַריינצודרינגען אינעם אינהאַלט פון דעמדאָזיקן גרויסן, און באַלערנדיקן בוך, און זאָגט אונז, אַרויפלייגנדיק די הענט אויפן האַרצן, אויב ס׳איז נאָר פאַראַן אַ נישט-איינזייטיקייט אין אייער „סוביעקטיוו" האַרץ: צי דען האָט מאַרקסנס טעאָריע אים נישט געגעבן די וואונדערבאַרע, פריער-נישט-געוועזענע פעאיקייט פאָרויסצוזען געשעענישן? וואָס איז איצט געוואָרן פון די בשעתודיקע אויטאָפּיסטן פון דער רעאַקציע—

אפגעשטאנענקייט אָדער פּראָגרעס? וואו איז אַהינגעקומען יענער שטויב, אין וועלכן ס'זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן זייערע „אי־דעאַלן" בײַם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער ווירקלעכ־קייט? ס'איז דאָך אַפילו פּונם שטויב קיין שפּור נישט גע־בליבן; און דאָס, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט, פאַרווירקלעכט זיך, פאַרשטייט זיך, אין די הויפּט־שטריכן, יעדן טאָג און ס'וועט זיך אומפאַרענדערלעך אַנטוויקלען ביז דאַן, ביזוואַנען ס'וועלן, סוף־כל־סוף, פאַרווירקלעכט ווערן זיינע אידעאַלן.

דאַכט זיך, אַז די צייגנישן פון דידאַזיקע דריי ביכער זענען גענוגנדיק? און, דאַכט זיך, אַז מ'קען נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ אַפילו פון איינס פון דידאַזיקע ביכער? איר וועט, אוודאי, זאָגן, אַז מיר לייענען פון דאָרטן אַרויס נישט דאָס, וואָס ס'שטייט אין זיי געשריבן? אדרבה, זאָגט און ווייזט עס אויף. מיר דערוואַרטן מיט אומגעדולד אייערע אויפווייזונ־גען, און כדי איר זאָלט זיך נישט זייער פאַרפּלאָנטערן אין זיי, וועלן מיר אייך, אויף אַן ערשט מאָל, אויפקלערן דעם זין פון צווייטן בוך.

איר אָנערקענט, זאָגט איר, מאַרקסנס עקאָנאָמישע אָנשויאונגען, אָפּלייקענענדיק זיין היסטאָרישע טעאָריע. מ'דאַרף מודה זיין, אַז דערמיט איז זייער אַ סאַך געזאָגט געוואָרן, און נעמלעך: דערמיט איז געזאָגט געוואָרן, אַז איר פאַרשטייט נישט — נישט זיין היסטאָרי־שע טעאָריע, נישט זיינע עקאָנאָמישע אָנ־שויאונגען.

וועגן וואָס רעדט זיך אין ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל"? דאָרטן רעדט זיך, למשל, וועגן ווערט. דאָרטן רעדט זיך אַז דאָס ווערט איז אַ געזעלשאַפטלעכע פּראָדוק־ציע־פאַרהעלטניש. זענט איר מסכים דערמיט? אויב נישט, הייסט עס, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון אייערע אייגענע ווערטער מכוח דעם הסכם מיט מאַרקסנס עקאָנאָמישע טעאָריע. אויב יאָ, הייסט עס, אַז איר אָנערקענט זיין היסטאָרישע טעאָריע, כאָטש, ווי ס'ווייזט אויס, איר פאַרשטייט זי נישט.

ווײַבאַלד איר אָנערקענט, אַז די אייגענע פּראָדוקציע־פאַר־

העלטנישן, וועלכע זענען אומאָפּהענגיק פונם ווילן פון די מענטשן, וועלכע ווירקן אָן זייער וויסן, שפּיגלען זיך אָפּ אין זייערע קעפּ אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע: אין דער פאָרם פון ווערט, אין דער פאָרם פון געלט, אין דער פאָרם פון קאַפּיטאַל א. ד. ג., אָנערקענט איר דערמיט גופא, אַז אויף אַ געוויסן עקאָנאָמישן באָדן וואַקסן אומבאַדינגט אויס געוויסע, אַנטשפּרעכנדיק צו זיין כאַראַקטער, אידעאָלאָגישע אויבער-בנינים, אין דעם פאַל איז אייער אַריינטריט אין מאַרקסיסטישן גלויבן אויף דריי פערטל אַ דערליידיקטער, וואָרום איר דאַרפט נישט מער, ווי באַנוצן אייער „אייגענעם", ד. ה. דעם גענומענעם ביי מאַרקסן קוק צום אַנאַליז פון די אידעאָלאָגישע קאַטעגאָריעס פון אַ העכערער מדרגה: פונם רעכט, גערעכטיקייט, מאָראַלישקייט, גלייכהייט א. ד. ג.

אָדער קען זיין, איר זענט מסכים מיט מאַרקסן בלויז פונם צווייטן באַנד אָן פון זיין „קאַפּיטאַל"? ס'זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע הערן, וועלכע „אָנערקענען מאַרקסן" בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער האָט געשריבן דעם אַזוי גערופענעם בריוו צו ה' מיכאַילאָווסקין.

איר אָנערקענט נישט מאַרקסנס היסטאָרישע טעאָריע? הייסט עס, אַז לויט אייך נאָך איז טעותדיק יענער שטאַנדפּונקט, לויט וועלכן ער פּלעגט, למשל, אָפּשאַצן די געשעענישן פון דער פראַנצויזישער געשיכטע פון יאָר 1848 ביזן יאָר 1851 אין זיין צייטונג „Neue Rheinische Zeitung" און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן פון יענער צייט, ווי אויך אינם בוך: „Der achtzehnte Brumaire des luis Bonapartes" אַ גרויסער שאָד, וואָס איר האָט זיך נישט באַמיט צו באַווייזן די טעותדיקייט פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט; אַ גרויסער שאָד, וואָס אייערע אָנשויאונגען פאַרבלייבן אין אַ נישט-אַנטוויקלטער פאָרם און וואָס ס'איז אפילו אוממעגלעך זיי „ווידעראויפצובויען" צוליבן פעלן פון מאַטעריאַל.

איר אָנערקענט נישט מאַרקסנס היסטאָרישע טעאָריע? הייסט עס, אַז לויט אייך נאָך איז טעותדיק יענער שטאַנד-

פונקט, לויט וועלכן ער פלעגט, למשל, אָפּשאַצן די פילאָזאָפישע לערעס פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פונם אַכצנטן יאָרהונדערט? אַ שאָד, וואָס איר האָט אויך אין דעם פאַל נישט אָפּגעלייקנט מאַרקסן. און אפשר ווייסט איר אַפילו נישט, וואו ער האָט גערעדט וועגן דעמדאָזיקן קעגנשטאַנד? נו, אין אַזאַ פאַל, ווילן מיר נישט אייך אַרויספירן פון דער שווערער לאַגע; איר דאַרפט דאָך קענען די „ליטעראַטור פונם קעגנשטאַנד", וועלכן איר האָט זיך אונטערגענומען באַטראַכטן; אַ סאַך פון אייך טראָגן דאָך — רעדנדיק מיט דער שפּראַך פון ה' מיכאַילאָווסקי — טיטולן פון אָרדינאַרע און עקסטרעם-אָרדינארע גלאָקנקלינגער פון דער וויסנשאַפט. אמת, דעררדאָזיקער טיטול האָט אייך נישט געשטערט צו פאַרנעמען זיך הויפּטזאַכלעך מיט „פּריוואַטע" וויסנשאַפטן, מיט סוביעקטיווער סאָציאָלאָגיע, מיט סוביעקטיווער היסטאָריאָזאָפיע א. א. וו.

— אָבער פאַרוואָס האָט מאַרקס נישט אָנגעשריבן אַזאַ בוך, וואו ס'זאָל באַשריבן ווערן, פון זיין שטאַנדפּונקט, די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט פון אַלטערטום ביז אונזערע צייטן און וואו ס'זאָלן באַהאַנדלט ווערן אַלע געביטן פון דער אַנטוויקלונג: פון דער עקאָנאָמישער, יורידישער, רעליגיעזער, פילאָזאָפישער און אַנדערע.

דער ערשטער סימן פון יעדן געבילדעטן אינטעלעקט באַשטייט אין דער קענטשאַפט צו שטעלן פראַגן, אין דעם וויסן, וואָס פאַר אַ תשובות מ'קען יאָ פאַרלאַנגען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און וועלכע מ'קען פון איר נישט פאַרלאַנגען. איז אָטאָ דעררדאָזיקער סימן לאָזט זיך כמעט נישט באַמערקן ביי די קעגנער פון מאַרקסן, נישט-קוקנדיק אויף זייער עקסטראָ אָרדינאַרקייט, און אַמאָל אַפילו אויף זייער אָרדינאַרקייט, און אפשר טאַקע אַ דאַנק איר. צי דען מיינט איר, אַז אין דער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט עקזיסטירט יאָ אַזאַ בוך, וואו ס'זאָל שוין זיין באַשריבן פון דאַרווינס שטאַנדפּונקט די גאַנצע געשיכטע פון חיהשן און געוויקסישן קעניגרייך? גיט אַ שמועס מכוח דעם מיט יעדן באָטאַניקער אָדער זאָאָלאָג, און ער וועט, אויסלאַכנדיק זיך פון אייער קינדישער נאַאיווקייט, אייך דערקלערן, אַז פאַרצושטעלן די גאַנצע לעבנסגעשיכטע פון די מינים לויט

דאַרווינס שטאַנדפּונקט — דאָס איז דער אידעאַל פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, וועלכן זי וועט ווער-ווייס-ווען קענען דערגרייכן; לעת-עתה איז בלויז אויסגעפונען געוואָרן דער שטאַנדפּונקט, לויט וועלכן מ'קען ריכטיק פאַרשטיין די נעשיכטע פון די מינים*). אַקוראַט דאָסזעלבע איז אין דער מאָדערנער היסטאָרישער וויסנשאַפט.

„וואָס איז אייגנטלעך דאַרווינס גאַנצע אַרבעט? — פרעגט ה' מיכאַילאָווסקי — עטלעכע פאַראַלגעמיינערנדיקע אידעען, וועלכע זענען צווישן זיך זייער שטאַרק צונויפגעבונדן, און וועלכע באַקרוינען דעם גאַנצן מאָנבלאַן פון פאַקטישן מאַטעריאַל. וואו-זשע איז אַזאַ ענלעכע אַרבעט פון מאַרקסן? נישטאָ אַזאַ... און נישט בלויז, וואָס ס'איז נישטאָ אַזאַ אַרבעט פון מאַרקסן, נאָר זי איז נישט בנמצא אין דער גאַנצער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דידאָזיקע ליטעראַטור איז זייער אַ ברייטע און אַ פאַרשפרייטע... די יסודות גופא פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, וועלכע ווערן אָן אַ סוף מאָל איבערגעחזרט, אַלס אקסיאָמעס, זענען ביז איצט צווישן זיך נישט צונויפגעבונדן און פאַקטיש נישט דורכקאָנטראָלירט, וואָס ס'פאַרדינט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט ביי אַ טעאָריע, וועלכע באַזירט זיך פרינציפּיעל אויף מאַטעריעלע, באַשיינפּער-

---

(173) „Alle diese verschiedenen Zweige der (* Entwickelungsgeschichte, die jetzt noch teilweise weit auseinanderliegen und die von den verschiedensten empirischen Erkenntnisquellen ausgegangen sind, werden von jetzt an mit dem steigenden Bewusstsein ihres einheitlichen Zusamenhanges sich höher entwickeln. Auf den verschiedensten empirischen Wegen wandelnd und mit den mannigfaltigsten Methoden arbeitend werden sie doch alle auf ein und dasselbe Ziel hinstreben, auf das grosse Endziel einer universalen monistischen Entwickelungsgeschichte". E. Haeckel, „Ziele und Wege heutiger Entwickelungsgeschichte" Jena, 1875, S. 96.

לעכע פאַקטן און וועלכע שרייבט זיך צו דעם טיטול פון אַ הויפּטזאַכלעך „וויסנשאַפטלעכער“ *).

אַז די יסודות גופא פון דער טעאָריע פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם זענען צווישן זיך נישט צונויפגעבונדן — דאָס איז פשוט נישט אמת. ס׳איז גענוג איבערצולייענען בלויז די הקדמה צום בוך „Zur Kritik der politischen Oekonomie“ כדי צו דערזען, — אויף ווי ווייט די דערמאָנטע יסודות זענען צווישן זיך געשיקט און ענג פאַרבונדן. אַז דידאָזיקע הנחות זענען נישט דורכגעקאָנטראָלירט — איז אויך נישט ריכטיק: זיי זענען דורכגעקאָנטראָלירט מיט דער הילף פון אַן אַנאַליז פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען סיי אינם בוך „דער אַכצנטער ברימער“, סיי אין „קאַפּיטאַל“, און דערביי איז עס געטאָן לגמרי נישט „ספּעציעל“ אינם קאַפּיטל וועגן דער אור־ערשטער אָנזאַמלונג, ווי עס מיינט ה׳ מיכאַילאָווסקי, נאָר לחלוטין אין אַלע קאַפּיטלעך, פונם ערשטן ביזן לעצטן. אויב, פונדעסטוועגן, דידאָזיקע טעאָריע איז קיינמאָל נישט איבערגעגעבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן „גאַנצן מאָנבלאַן“ פון פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס עס שיידט זי אָפּ, לויט ה׳ מיכאַילאָווסקיס מיינונג, צום שלעכטן פון דאַרווינס טעאָריע, איז דאָ ווידעראַמאָל אַ גרויסע מיספאַרשטענדניש. מיט דער הילף פונם פאַקטישן מאַטעריאַל, וועלכער געפינט זיך, לאָמיר אָננעמען, אינם בוך „The origin of species“ ווערט הויפּטזאַכלעך אויפגעוויזן די פאַרענדערלעכקייט פון די מינים; דעקעגן די געשיכטע פון עטלעכע באַזונדערע מינים באַרירט דאַרווין בלויז פאַרבייגייענדיק און אויך בלויז היפּאָטעטיש; דאָס הייסט, דידאָזיקע געשיכטע האָט געקענט פאָרקומען אַזוי, און זי האָט געקענט פאָרקומען אַנדערש, איינס איז אָבער אויסער יעדן ספק: ס׳איז פאָרגעקומען אַ געשיכטע, די מינים האָבן זיך געענדערט. איצט וועלן מיר פרעגן ה׳ מיכאַילאָווסקין: צי איז געווען נויטיק מאַרקסן, אויפצווייזן, אַז די מענטשהייט שטייט נישט אויף איין אָרט, אַז עס ענדערן

*) „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“, יאַנואַר 1894, צווייטע אָפּטיילונג ז.ז. 105—106

זיך די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, אַז עס בייטן זיך, איינע נאָך די אַנדערע, די אָנשויאונגען פון די מענטשן, מיט איין וואָרט, צי איז געווען נויטיק אויפצווייזן די פאַרענדערלעכקייט פון דעמדאָזיקן סאָרט דערשיינונגען? אוודאי איז עס נישט געווען נויטיק, כאָטש כדי עס אויפצווייזן איז געווען לייכט אָנצוקלייבן אַ גאַנצן צענדליק „מאָנבלאַנען פון פאַקטישן מאַטעריאַל". וואָס-זשע האָט מאַרקס געדאַרפט טאָן? די פריערדיקע געשיכטע פון דער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט און פון דער פילאָזאָפיע האָט אָנגעהויפט אַ „גאַנצן מאָנבלאַן" פון ווידערשפרוכן, וועלכע האָבן עקשנותדיק פאַרלאַנגט זייער לעזונג. און מאַרקס האָט זיי טאַקע געלעזט מיט דער הילף פון אַ טעאָריע, וועלכע באַשטייט, פונקט ווי דאַרווינס טעאָריע, פון „עטלעכע פאַראַלגעמיינערנדיקע אידעען, וואָס זענען צווישן זיך ענג צונויפגעבונדן". ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די דאָזיקע אידעען, איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט זייער הילף ווערן געלעזט אַלע ווידערשפרוכן, וועלכע האָבן געהאַט באַאומרואיקט די פריערדיקע דענקער. מאַרקס האָט נישט געהאַט נויטיק אָנצוהויפן בערג מיט פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס איז צונויפגעקליבן געוואָרן דורך זיינע פאָרגעגנגער, נאָר ער האָט געדאַרפט, באַנוצנדיק זיך, צווישן אַנדערע, אויך מיט דעמדאָזיקן מאַטעריאַל, צוטרעטן צו שטודירן די ווירקלעכע געשיכטע פון דער מענטשהייט פון אַ נייעם שטאַנדפונקט. אָט אָ דאָס האָט טאַקע מאַרקס געטאָן, נעמענדיק זיך צו דער שטודירונג פון דער געשיכטע פון דער קאַפיטאַליסטישער עפאָכע, אַדאַנק וועלכער ס'איז דערשינען „קאַפיטאַל" (מיר רעדן שוין נישט וועגן די מאָנאָגראַפיעס, ווי „דער 18-טער ברומער").

אָבער אין „קאַפיטאַל", באַמערקט ה' מיכאַילאָווסקי, „רעדט זיך בלויז וועגן איין היסטאָרישן פעריאָד, און אויך אין דידאָזיקע תחומים איז דער קעגנשטאַנד, פאַרשטייט זיך, אַפילו לפי-ערכדיק נישט אויסגעשעפט". דאָס איז ריכטיק. אָבער מיר וועלן ווידער דערמאָנען דעם ה' מיכאַילאָווסקי, אַז דער ערשטער סימן פון אַ געבילדעטן אינטעלעקט באַשטייט אינם וויסן, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען מ'קען אַרויסשטעלן לגבי וויסנשאַפט-מענטשן.

מאַרקס האָט לחלוטין נישט געקענט אַרומנעמען אין זיין פאָר־שונג־אַרבעט אַלע היסטאָרישע פעריאָדן, פונקט ווי דאַרווין האָט נישט געקענט אָנשרייבן די געשיכטע פון אַלע בעל־חיאישע און געוויקסישע מינים.

אַפילו בנוגע צו איין היסטאָרישן פעריאָד איז דער קעגנ־שטאַנד נישט אויסגעשעפּט, זאָל זיין כאָטש לפי־ערכדיק. — ניין, ה׳ מיכאַילאָווסקי, ער איז טאַקע נישט אויסגעשעפּט אַפילו לפי־ערכדיק. אָבער, ראשית, זאָגט אונז, וואָס פאַר אַ קעגנשטאַנד איז ביי דאַרווינען יאָ אויסגעשעפּט, זאָל טאַקע זיין „לפי־ערכ־דיק״. והשנית, וועלן מיר אייך באַלד דערקלערן, פאַרוואָס און אַלעמאַי איז די פראַגע נישט אויסגעשעפּט אין „קאַפּיטאַל״.

לויט דער נייער טעאָריע קומט פאָר די היסטאָרישע באַ־וועגונג פון דער מענטשהייט אין שייכות מיט דער אַנטוויק־לונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, וועלכע פירט צו דער ענ־דערונג פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. דעריבער דאַרף מען יעדע היסטאָרישע פאָרשונג־אַרבעט אָנהויבן פונם שטודירן די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן פונם באַטרעפנדיקן לאַנד. אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז דערביי טאָר די פאָרשונג־אַרבעט נישט בלייבן שטיין. זי דאַרף באַווייזן, ווי דער טרוקענער סקעלעט פון דער עקאָנאָמיע באַקומט בלוט און פלייש פון די סאָציאַל־פּאָליטישע פאָרמען, און דערנאָך — אָט דאָ איז די סאַמע אינטערעסאַנטסטע, די סאַמע צוציענדיקסטע זייט פון דער אויפגאַבע — פון די מענטשלעכע אידעען, געפילן, שטרעבונגען און אידעאַלן. אין די הענט פונם פאָרשער, קומט אַריין, קען מען זאָגן, אַ טויטע מאַטעריע, פון זיינע הענט דאַרף אַרויסקומען אַן אָרגאַניזם, פול מיט לעבן. מאַרקסן איז געלונגען אויסצושעפּן, און אויך בלויז לפי־ערכדיק, נאָר די פראַגן, וועלכע האָבן, הויפּטזאַכלעך, אַ שייכות צום מאַטעריעלן קיום פון דעם פעריאָד, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן. מאַרקס איז געשטאָרבן זייענדיק נישט זייער קיין אַלטער מאַן. אָבער ווען ער וואָלט געלעבט נאָך אַ יאָר צוואַנציק, וואָלט ער, וואַרשיינלעך, ווייטער פאָרגעזעצט (מיטן אויסנאַם, קען זיין, פון באַזונדערע מאָנאָגראַפיעס) אויסצושעפּן די פראַגן פונם מאַטעריעלן קיום פון דעמזעלביקן

פעריאָד. אָט דאָס ברענגט אַריין אין כעס דעם ה׳ מיכאַילאָווסקי, לייגט ער אַרויף די הענט אויף די זייטן און הויבט אָן זאָגן מוסר דעם באַרימטן דענקער: „ס׳טייטש, גוטער ברודער?... בלויז איין פעריאָד... און דערביי נישט פולשטענדיק... איך קען נישט, איך קען נישט מסכים זיין... וואָלסט דיר אַראָפּגענומען אַ משל פון דאַרווינען!“ אויף דערדאָזיקער גאַנצער סוביעקטיווער דרשה ענטפערט דער אומגליקלעכער, נעבעך, מחבר פון „קאַפּיטאַל“ מער נישט, ווי מיט אַ טיפן זיפץ און מיט אַ טרויעריקן מודה-זיין: Die Kunst ist lang

und kurtz ist uuser Leben!

ה׳ מיכאַילאָווסקי ווענדעט זיך דאַן פלינק און גרויזאַם צו דער „מאַסע“ פון מאַרקסנס אָנהענגער: אויב אַזוי, וואָסזשע זענט איר געשטאַנען און געגלאָצט מיט די אויגן, אַלעמאַי האָט איר נישט צוגעהאָלפן דעם אַלטן, אַלעמאַי האָט איר נישט אויסגעשעפּט אַלע פעריאָדן? — מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט, ה׳ סוביעקטיווער העלד, ענטפערן די אָנהענגער אַראָפּנעמענדיק די היטלען און זיך בוקנדיק ביז די קני; מיר זענען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, מיר האָבן געקעמפט קעגן יענע פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן, וועלכע לאַסטן, ווי אַ שווערער יאָך, אויף דער היינטיקער מענטשהייט. זייט נישט בייז! און אגב, עפּעס האָבן מיר פונדעסטוועגן יאָ אויפגעטאָן, גיט אונז אַרויס אַ טערמין, — וועלן מיר נאָך מער אויפטאָן.

ה׳ מיכאַילאָווסקי ווערט אַ ביסל ווייכער: הייסט עס, איר זעט שוין איצט אַליין איין, אַז ס׳איז נישט פולשטענדיק? — ווי קען מען דאָס דען נישט איינזען! ביי די דאַרוויניסטן איז דאָך נאָך אויך נישט פולשטענדיק*), ס׳איז דאָך נאָך נישט

---

*) ס׳איז אינטערעסאנט, אז דארווינס קעגנער פלעגן א לאנגע צייט באהויפּטן, און זיי האָבן נאָך נישט אויפגעהערט עד-היום צו באהויפּטן, אז זיין טעאָריע פעלט טאקע דער „מאָנבלאַן“ פון פאַקטישע דערווייזונגען. אין דעמדאָזיקן זין האָט זיך ארויסגעזאָגט, ווי באקאנט, ווירכאָוו אויפן צוזאמענפאָר פון דייטשישע נאטורפאָרשער און דאָקטוירים אין מינכען אין סעפּטעמבער 1877. אָפּענטפערנדיק אים, האָט העקעל ריכטיק באמערקט, אז אויב דארווינס טעאָריע

פולשטענדיק אַפילו אין דער סוביעקטיווער סאָציאָלאָגיע, און דאָס איז דאָך שוין ג אָ ר עפּעס אַנדערש.

דאָס דערמאָנען די דאַרוויניסטן רופט אַרויס אַ נייעם אויפרעגונגס-אָנפאַל ביי אונזער מחבר. — וואָס טשעפּעט איר זיך צו מיר מיט דאַרווינען! — שרייט ער. — מיט דאַרווינען האָבן זיך פאַרנומען פיינע לייט, מיט אים האָבן מסכים געווען אַ סאַך פּראָפעסאָרן, און ווער גייט-מיט מיט מאַרקסן? בלויז אַרבעטער, און דורך קיינעם נישט פּאַטענטירטע פּריוואַט-גלאָקנקלינגער פון דער וויסנשאַפט,

די טענות-ומענות נעמען אָן אַזאַ אינטערעסאַנטן כאַראַקטער, אַז נישט-ווילנדיק הערן מיר זיך ווייטער איין.

„אינם בוך „וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער פאַמיליע און נאָך“ זאָגט ענגעלס, צווישן אַנדערן, אַז מאַרקסנס „קאַפּיטאַל“ איז „פאַרשוויגן געוואָרן“ דורך די צעכאָווע דייטשישע עקאָנאָמיסטן; אינם בוך „לודוויק פייערבאַך און סוף פון דער קלאַסישער פילאָזאָפיע“ ווייזט ער אָן, אַז די טעאָרעטיק פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם „האָבן זיך באַלד פון אָנהויב געווענדעט, הויפּטזאַכלעך, צו די אַרבעטער און זיי האָבן ביי זיי געפונען אויפנאַמבאַרקייט, אויף וועלכער זיי האָבן זיך נישט גערעכנט ביי די פאָרשטייער פון דער אָפיציעלער וויסנשאַפט“. אויף וויפל זענען ריכטיק דידאָזיקע פאַקטן און וואָס איז זייער באַדייטונג? קודם-כל, „פאַרשוויגן“ אַ לענגערע צייט עפּעס אַ ווערטפולע זאַך איז קוים מעגלעך אַפילו ביי אונז, אין רוסלאַנד, ביי דער גאַנצער שוואַכקייט און קליינקייט פון אונזער וויסנשאַפטלעך און ליטעראַריש לעבן. נאָכמער איז עס אוממעגלעך אין דייטשלאַנד מיט אירע פילצאָליקע אוניווערזיטעטן, מיט איר אַלגעמיינער שרייב- און לייען-קענטניש, מיט אירע פילצאָליקע צייטונגען, מיט די בלעטלעך פון כלערליי ריכטונגען, מיט דער באַדייטונג, וואָס עס האָט דאָרטן נישט בלויז דאָס געדרוקטע, נאָר אויך דאָס מינדלעכע וואָרט. און אויב אַ געוויסער טייל פון די אָפיציעלע כהנים פון דער וויסנשאַפט

ווערט נישט דערוויזן דורך די פאקטן, וועלכע זענען אונז שוין איצט באקאנט, וועלן איר שוין נישט העלפן קיין שום נייע פאקטן.

אין דייטשלאַנד האָט יאָ אויפגענומען „קאַפּיטאַל״ די ערשטע צייט מיט שווייגעניש, איז אַ גרויסער ספק צי מען קען עס דערקלערן מיטן באַגער צו „פאַרשווייגן״ מאַרקסנס אַרבעט. ריכ־טיקער איז משער צו זיין, אַז דער מאָטיוו פונם שווייגן איז געווען דאָס שטוינען, צוזאַמען מיט וועלכן ס׳זענען גיך אויס־געוואַקסן הן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע, הן אַ פולע אַכטונג, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז דער טעאָרעטישער טייל פון „קאַפּיטאַל״ האָט זייער גיך פאַרנומען אַן אומבאַשטרייטבאַר היך אָרט אין דער אַלגעמיין אָנערקענטער וויסנשאַפט. לגמרי אַנדערש איז דער גורל פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, אַלס אַ היסטאָרישע טעאָריע, איינשליסנדיק אויך יענע פּערספּעקטיוון אויף דער צוקונפט, וועלכע געפינען זיך אין „קאַפּיטאַל״. דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם האָט, נישט קוקנדיק אויף זיין האַלב־יאָרהונדערטדיקער עקזיסטענץ, נישט אַרויסגעוויזן ביז איצט אַ וועלכע־נישט־איז השפּעה אויף די וויסנשאַפטלעכע ספערן, נאָר ער פאַרשפּרייט זיך, ווירקלעך, זייער גיך צווישן דעם אַרבע־טער־קלאַס״ *).

אַזוי, הייסט עס, איז נאָך אַ נישט לאַנגן שווייגן גיך אויסגעוואַקסן אַן אָפּאָזיציע. אַזוי איז עס. און אַזאַ שטאַרקע אָפּאָזיציע, אַז קיין שום דאָצענט וועט נישט באַקומען דעם פּראָפעסאָר־טיטול, אויב ער וועט אָנערקענען פאַר ריכטיק כאָטש בלויז די „עקאָנאָמישע״ טעאָריע פון מאַרקסן; אַזאַ שטאַרקע אָפּאָזיציע, אַז יעדערער, אַפילו דער סאַמע טאַלענטלאָזטער פּריוואַט־דאָצענט קען האָפן אויף גיכע שטייגערונג, אויב אים וועט נאָר געלינגען אויסצוטראַכטן אַ פּאָר קעגן־טענות קעגן „קאַ־פּיטאַל״, וועלכע וועלן אויף צומאָרגנס דורך אַלעמען פאַרגעסן ווערן. וואָס אמת, איז אמת: זייער אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע.

און אַ פולע אַכטונג... אויך דאָס איז ריכטיק, ה׳ מיכאַי־לאָווסקי! ווירקלעך, אַ פולע אַכטונג. פּונקט אַזאַ מין אַכטונג מיט וועלכער די כינעזער קוקן מן־הסתם אויפן יאַפּאַנישן מי־ליטער: זעסט, די חברה שלאָגט זיך גאָר גוט, און ס׳איז נישט אָנגענעם צו כאַפּן קלעפּ פון איר. מיט אַזאַ אַכטונג צום מחבר

*) „רוסקאַיע באָגאַטסטוואָ״, יאַנואַר 1894. צווייטע אָפּטיילונג. ז. 116—115.

פון „קאַפּיטאַל" זענען געווען און זענען עד-היום דורכגעדרונגען די דייטשישע פּראָפעסאָרן. און וואָס קליגער דער פּראָפעסאָר איז, וואָס מער ווייסן ער האָט, אַלץ מער אַכטונג האָט ער, אַלץ קלאָרער ווייסט ער, אַז ער וועט נישט אָפּלייקענען דעם „קאַפּיטאַל". אָט פאַרוואָס קיינער פון די ג ר ו י ס ע פון דער אָפיציעלער וויסנשאַפט אַנטשליסט זיך נישט צו אַטאַקירן דעם „קאַפּיטאַל". די ג ר ו י ס ע האַלטן פאַר בעסער אַרויסצושיקן אין דער אַטאַקע יונגע, נישט-געניטע פּריוואַט-גלאָקנקלינגער, וועלכע נויטיקן זיך אין אַ דערהויבונג.

ס'איז נישט נויטיק דאָרט קיין ידען,
גיט אַ שיק אַהין רעאַדן
און איך וועל זען.

נישטאָ וואָס צו רעדן — ס'איז זייער גרויס די אַכטונג פון דעם מין. און וועגן קיין אַנדער אַכטונג האָבן מיר נישט געהערט, און עס קען זי נישט פאַרמאָגן קיין פּראָפעסאָר, ווייל מ'וועט אין דייטשלאַנד נישט מאַכן פאַר אַ פּראָפעסאָר, אַ מענטש וואָס איז דורכגעדרונגען מיט איר.

אָבער וואָס באַווייזט דידאָזיקע אַכטונג? זי באַווייזט אָט וואָס. דאָס אויספאָרשונגס-פעלד, וואָס ווערט אַרומגענומען אין „קאַפּיטאַל" איז טאַקע יענץ פעלד, וואָס איז שוין ב אַ אַ ר ב ע ט פונם נייעם שטאַנדפונקט, פון דעם שטאַנדפונקט פון מ אַ ר ק ס נ ס ה י ס ט אָ ר י ש ע ר ט ע אָ ר י ע. אויף דעמדאָזיקן פעלד וועלן נישט וואַגן אָנצופאַלן די קעגנער; זיי וועלן האָבן פאַר אים „דרך-ארץ". און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, זייער גוט פאַר די קעגנער. אָבער מ'דאַרף האָבן די גאַנצע נאַאיוויטעט פון אַ „סוביעקטיוון" סאָציאָלאָג, כּדי צו פרעגן מיט פאַרוואונדערונג, אַלעמאַי נעמען זיך נישט דידאָזיקע קעגנער צו באַאַרבעטן מיט אייגענע כּוחות אין מאַרקסנס גייסט די שכנותדיקע פעלדער? „זעט נאָר, וואָס אייך האָט זיך פאַרוואָלט, ליבער העלד! דאָס איינע פעלד, וואָס איז באַאַרבעט אין דעמדאָזיקן גייסט, לאָזט נישט לעבן! מיט דעם אַליין האָט מען צו זינגען און צו זאָגן און איר פאַרלאַנגט נאָך, מיר זאָלן באַארבעטן לויט דעמזעלבן סיסטעם די שכנותדיקע פעלדער"! ה' מיכאַילאָווסקי דרינגט שלעכט אַריין אין תּוך פון זאַכן, און דעריבער פאַרשטייט ער

נישט „די גורלות פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, אַלס היסטאָרישע טעאָריע"; ער פאַרשטייט אויך נישט די באַציאונג פון די דייטשישע פראָפעסאָרן צו „די פערספּעקטיוו אויף דער צוקונפט". ס'ליגט זיי, ליבינקער, קיין צוקונפט נישט אין זינען, בעת עס גליטשט זיך אַרויס פון אונטער די פיס די קעגנוואַרט.

אָבער נישט אַלע פּראָפעסאָרן אין דייטשלאַנד זענען דאָך אויף אַזוי ווייט דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון קלאַסנקאַמף און פון „וויסנשאַפטלעכער" דיסציפּלין. עס זענען דאָך פאַראַן ספּעציאַליסטן, וועלכע טראַכטן וועגן גאָרנישט, אַ חוץ וועגן דער וויסנשאַפט. ווי די מעשה זאָל נישט זיין, זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע, פאַרשטייט זיך, נישט בלויז אין דייטשלאַנד. אָבער דידאָזיקע ספּעציאַליסטן, — טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זענען ספּעציאַליסטן, — זענען פאַרשלונגען אין זייער קעגנשטאַנד; זיי באַאַרבעטן זייער נישט־גרויסן חלק פונם וויסנשאַפטלעכן פעלד און מיט קיין שום אַלגעמיינע פילאָזאָפיש־היסטאָרישע טעאָריעס אינטערעסירן זיי זיך נישט. וועגן מאַרקסן האָבן אַזעלכע ספּעציאַליסטן זעלטן־ווען עפּעס אַ פאַרשטעלונג און אויב זיי האָבן יאָ, איז עס מן־הסתּם, ווי וועגן עפּעס אַן אומאָנגענעמען מענטש, וועלכער האָט ערגעץ עמיצן באַאומרואיקט. וויאַזוי־זשע ווילט איר, זיי זאָלן שרייבן אין מאַרקסנס גייסט? אין זייערע מאָנאָגראַפיעס איז געוויינלעך אַבסאָלוט נישטאָ קיין שום פילאָזאָפישער גייסט. אָבער דאָ קומט פאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו יענע פאַלן, ווען שטיינער שרייען בעת מענטשן שווייגן. די פאַרשער־ספּעציאַליסטן אַליין ווייסן גאָרנישט וועגן מאַרקסנס טעאָריע; און די רעזולטאַטן, וועלכע זיי דערגרייכן, שרייען הויך לטובֿת איר. און ס'איז נישט פאַראַן קיין איין ערנסטע ספּעציעלע פאָרשונגס־אַרבעט אויפן געביט פון דער געשיכטע פון די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן אָדער אויפן געביט פון דער קולטור־געשיכטע, וועלכע זאָל נישט באַשטעטיקן די דערמאָנטע טעאָריע אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן. אויף ווי ווייט דער גאַנצער גייסט פון דער מאָדערנער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט צווינגט די ספּעציאַליסטן, זיי זאָלן זיך אומבאַוואוסטזיניק שטעלן אויף מאַרקסנס

היסטאָרישן שטאַנדפּונקט (דווקא — היסטאָרישן, ה׳ מיכאַי־לאָווסקי), באַווייזן אַ גאַנצע ריי שטוינענדיקע ביישפּילן. פריער האָט שוין דער לעזער געקענט באַמערקן צוויי אַזעלכע ביי־שפּילן: אָסקאַר פּעשעלס און זשיראָ טעלאָנס. איצטער וועלן מיר ברענגען אַ דריטן. דער באַרימטער פיוסטעל־דע־קולאַנזש (174) האָט אין זיין ווערק „La cité antique“ אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די רעליגיעזע אָנשויאונגען זענען געווען דער יסוד פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פונם אַנטיקן אַלטערטום. דאַכט זיך, אַז ביי דעמדאָזיקן גע־דאַנק האָט מען זיך געדאַרפט האַלטן ביי דער שטודירונג פון באַזונדערע פראַגן פון דער געשיכטע פון גריכנלאַנד און רוים. אָבער אָט איז אויסגעקומען פיוסטעל־דע־קולאַנזשן צו באַרירן די פראַגע וועגן דעם פאַלן פון ספּאַרטא, און ס׳איז אַרויסגעקומען, אַז די סיבה פונם פאַלן איז געווען אַ ריין־עקאָנאָמישע *). ס׳איז אים אויסגעקומען צו באַרירן די פראַגע וועגן פאַלן פון דער רוימישער רעפּובליק — און ער ווענדט זיך ווידעראַמאָל צו דער עקאָנאָמיע **). אין באַזונדערע פאַלן באַשטעטיקט אַ מענטש מאַרקסנס טעאָריע, אָבער ווען איר וואָלט אים אָנגערופן מאַרקסיסט וואָלט ער זיך זיכער אָנ־געהויבן אָפּטשעפּן דערפון מיט ביידע הענט, וואָס עס וואָלט אומבאַשרייבלעך דערפרייט דעם ה׳ קאַריעיעוו. וואָס־זשע הייסט איר טאָן דערצו, וואָס נישט אַלע מענטשן זענען אויסגעהאַלטן ביזן סוף?

---

*) זע זיין בוך: „Du droit de propriété á Sparte“ פאַר אונז איז דאָ לחלוטין גלייכגילטיק די אָנשויאונג וועגן דעם אור־אייגנטום, וועלכע איז דאָרטן דורך־אַגב פאַראַן.

**) (175) Il est assez visble pour quiconque a obserwé le detail (יאָ, le detail, ה׳ מיכאילאָווסקי) et les textes que ce sont les intéreéts materials du plus grand nombre qui en ont été le vrai mobile etc. Histoire des institutions politiques de L'ancienne France. Les origines du systéme feodal. Paris. 1890 p. 94.

אָבער, רייסט אונז איבער ה׳ מיכאַילאָווסקי, דערלויבט אויך מיר, פון מיין זייט, צו ברענגען עטלעכע ביישפּילן: „וועגדנדיק זיך... צו... ב ל אָ ס ע ס (176) בוך, זעען מיר, אַז דאָס איז זייער אַ חשוב ווערק, אין וועלכן ס׳זענען אָבער לגמרי נישטאָ קיין ספּעציעלע שפּורן פון אַ גרינטלעכער אי־בערקערעניש אין דער היסטאָרישער וויסנשאַפט. דערפון, וואָס ב ל אָ ס רעדט וועגן קלאַסנקאַמף און וועגן עקאָנאָמישע באַדינגונגען (פאַרהעלטנישמעסיק נישט קיין סאַך), איז נאָך נישט געדרונגען, אַז ער בויט די געשיכטע אויף דער זעלבסטאַנט־וויקלונג פון די פּראָדוקציע־פאָרמען און פונם אויסטויש: אויס־מיידן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען דערציילנדיק וועגן די גע־שעענישן פון 1848 יאָר איז געווען אַפילו שווערלעך. וואַרפט אַרויס פון בלאָסעס בוך ליבגעזאַנג צו מאַרקסן, ווי צום שעפער פון דער איבערקערעניש אין דער היסטאָרישער וויסנ־שאַפט, און נאָך עטלעכע קאָנווענציאָנעלע פראַגן מיט דער מאַרקסיסטישער טערמינאָלאָגיע, און אייך וועט גאָרנישט איינפאַלן אַז איר האָט צו טאָן מיט אַן אָנהענגער פונם עקאָנאָמישן מאַ־טעריאַליזם. איינצלנע גוטע בלעטער מיט אַ היסטאָרישן אינ־האַלט ביי ענגעלסן, קאַוטסקין און ביי נאָך עטלעכע, וואָלטן זיך אויך געקענט באַגיין אָ ן דעם עטיקעטל פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, היות ווי פאַקטיש ווערט אין דידאָזיקע ווערק גענומען אין אַכט אַלץ, וואָס איז פאַראַן אינם געזעלשאַפט־לעכן לעבן, כאָטש עס איבערוועגט די עקאָנאָמישע סטרונע אין דעמדאָזיקן אַקאָרד״ *).

ה׳ מיכאַילאָווסקי, ווייזט אויס, האַלט שטאַרק פונם ווערטל: „מ׳רופט דיך „שוסטער״ — ניי־זשע שיך״. ער האַלט אַזוי: וויבאַלד דו ביסט אַן עקאָנאָמישער מאַטעריאַליסט, דאַרפסטו האָבן אין זינען נאָר דאָס ע ק אָ נ אָ מ י ש ע, און נישט „האָבן צו טאָן מיטן גאַנצן צונויפנעם פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, כאָטש אַפילו, ווען דו לאָזט איבערוועגן דער עקאָנאָמישער סטרונע״. אָבער מיר האָבן שוין מודיע געווען דעם ה׳ מי־כאַילאָווסקי, אַז די וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבע פון די מאַרקסיסטן

---

*) „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״, יאַנואַר 1894, אָפּט. II, ז. 117.

באַשטייט טאַקע דערין, כּדי, אָנהויבנדיק פון דער „סטרוגע״, צו דערקלערן דעם גאַנצן צונויפנעם פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן. וויאַזוי-זשע וויל ער, אַז זיי זאָלן גלייכצייטיק זיך אָפּזאָגן פון דערדאָזיקער אויפגאַבע און זיי זאָלן פאַרבלייבן מאַרקסיסטן. אמת, ה׳ מיכאַילאָווסקי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיך אַריינטראַכטן אין דעם זין פון דערדאָזיקער אויפגאַבע, אָבער דערין איז שוין, פאַרשטייט זיך, נישט שולדיק די היסטאָרישע טעאָריע פון מאַרקסן.

מיר פאַרשטייען, אַז כּל-זמן מיר וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון דערדאָזיקער אויפגאַבע, וועט ה׳ מיכאַילאָווסקי אָפּט אַריינפאַלן אין אַ שווערער לאַגע: ער וועט אָפּט, לייענענדיק „גוטע בלעטער מיט אַ היסטאָרישן אינהאַלט״ זיין ווייט פונם געדאַנק („ס׳וועט אים גאָר נישט איינפאַלן!״), אַז זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַן „עקאָנאָמישן״ מאַטעריאַליסט. דאָס איז טאַקע אַזאַ לאַגע, וועגן וועלכער מ׳זאָגט: ערגער קען שוין נישט זיין! אָבער צי וועט עס דען זיין מאַרקסנס שולד, וואָס ה׳ מיכאַילאָווסקי וועט זיך געפינען אין אַזאַ לאַגע.

דער אַ כ י ל ע ס פון דער סוביעקטיווער שול מיינט, אַז די „עקאָנאָמישע״ מאַטעריאַליסטן דאַרפן רעדן בלויז וועגן דער „זעלבסט-אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע-פאָרמען און פונם אויסטויש״. וואָס-ושע איז דאָס פאַר אַ „זעלבסטאַנטוויקלונג״, טיפּזיניקער ה׳ מיכאַילאָווסקי? אויב איר מיינט, אַז לויט מאַרקסנס מיינונג קענען די פּראָדוקציע-פאָרמען זיך אַנטוויקלען „פון זיך אַליין״, האָט איר אַ גרויסן טעות. וואָס איז עס אַזוינס געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן? דאָס זענען די באַציאונגען צווישן די מענטשן. וויאַזוי-ושע וועלן זיי זיך אַנטוויקלען אָן מענטשן. דאָרטן, וואו ס׳וואָלטן נישט געווען קיין מענטשן, וואָלטן דאָך אויך נישט געווען קיין פּראָדוקציע-פאַרהעלטנישן! דער כעמיקער זאָגט: די מאַטעריע באַשטייט פון אַטאָמען, וועלכע גרופּירן זיך מאָלעקולנווייז, און די מאָלעקולן גרופּירן זיך אין נאָכמער קאָמפּליצירטערע פאַרייניקונגען. אַלע כעמישע פּראָצעסן קומען פאָר לויט באַשטימטע געזעצן. דערפון וועט איר אומדערוואַרטעט מאַכן אַן אויספיר, אַז לויט דער מיינונג פונם כעמיקער איז

דער עיקר — די געזעצן, און אַז די מאַטעריע, — די אַטאָ־מען און די מאָלעקולן, — וואָלט געקענט לגמרי זיך נישט באַוועגן און דאָס וואָלט לחלוטין נישט געשטערט דער „זעלבסט־אַנטוויקלונג״ פון די כעמישע פאַריייניקונגען. פאַר אַלעמען איז קלאָר די אומזיניקייט פון אַזאַ מין אויספיר. צום באַדויערן איז נאָך נישט פאַר אַלעמען קלאָר די אומזיניקייט פון אַן אַנט־קעגנשטעלונג, וועלכע איז לויט איר אינערלעכן ווערט פול־שטענדיק אַנאַלאָגיש, — די אַנטקעגנשטעלונג פון דער פּער־זענלעכקייט קעגן די געזעצן פונם געזעלשאַפט־לעכן לעבן; פון דער טעטיקייט פון מענטשן — קעגן דער אינערלעכער לאָגיק פון די פאָרמען פון זייער צוזאַמענ־לעבן.

מיר חזרן איבער נאָכאַמאָל, ה׳ מיכאַילאָווסקי: די אויפ־גאַבע פון דער נייער היסטאָרישער וויסנשאַפט באַשטייט אינם דערקלערן „דעם גאַנצן צונויפנעם פונם גע־זעלשאַפטלעכן לעבן״ מיט דעם, וואָס איר רופט: די עקאָנאָמישע סטרונע, ד. ה. אינדעראמתן, מיט זײער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטירנדיקע כוחות. די „סטרונע״ — דאָס איז אין אַ געוויסן זין דער יסוד (מיר האָבן שוין דערקלערט, אין וואָס פאַר אַ זין, אייגנטלעך), אָבער אומ־זיסט מיינט ה׳ מיכאַילאָווסקי, אַז אַ מאַרקסיסט טוט נישט מער נאָר ער האַלט אין איין אָטעמען מיט דער „סטרונע״.

דאָס איז אַ שווערע זאַך — דערקלערן דעם גאַנצן היס־טאָרישן פּראָצעס, האַלטנדיק זיך קאָנסעקווענט ביי איין פּרינ־ציפּ. אָבער וואָס טוט מען דערצו? די וויסנשאַפט בכלל איז נישט קיין לייכטער ענין, אויב דאָס איז נאָר נישט קיין „סוביעקטיווע״ וויסנשאַפט. אין דער וויסנשאַפט ווערן אַלע פראַגן געלעזט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער לייכטקייט. און וויבאַלד ס׳איז שוין געקומען צו רייד וועגן דעם, וועלן מיר זאָגן ה׳ מיכאַילאָווסקין, אַז ס׳קען זיין, אַז אין פראַגן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער אַנטוויקלונג פון די אידעאָלאָגיעס וועלן די בעסטע קענערס פון דער „סטרונע״ אָפט זיין מאַכט־לאָז, אויב זיי וועלן נישט פאַרמאָגן אַ געוויסע ספּעציעלע פעיִ־קייט, נעמלעך אַ קינסטלערישן חוש. די פּסיכאָלאָגיע

פאַסט זיך צו צו דער עקאָנאָמיע. אָבער דידאָזיקע צופּאַסונג איז אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס, און כדי צו קענען פאַרשטיין דעם גאַנצן גאַנג זיינעם, כדי צו קענען באַשיינפערלעך פאַר זיך און פאַר אַנדערע פאָרשטעלן, וויאַזוי אייגנטלעך ער קומט פאָר, וועט נישט איין מאָל זיין נויטיק אַ טאַלאַנט פון אַ קינסטלער. אָט, למשל, באַלזאַק (177) האָט שוין אַ סאַך אויפגעטאָן פאַר דער דערקלערונג פון פּסיכאָלאָגיע פון פאַרשיידענע קלאַסן פון דער בשעותדיקער געזעלשאַפט. מיר קענען זיך אויך אַסאַך אויסלערנען ביי איבסענען, און ביי נאָך אַ סאַך. לאָמיר האָפן, אַז מיט דער צייט וועלן זיך באַווייזן אַ סאַך אַזעלכע קינסטלער, וועלכע וועלן פאַרשטיין, פון איין זייט, די „אייזערנע געזעצן" פון דער באַוועגונג פון דער „סטרונע", און פון דער צווייטער זייט — וועלן זיי זיין מסוגל צו פאַרשטיין און צו באַווייזן, וויאַזוי די „סטרונע", און טאַקע אַדאַנק איר באַוועגונג, קליידט זיך אָן אין אַ „לעבעדיקן לבוש" פון אידעאָלאָגיע. איר וועט זאָגן, אַז דאָרט, וואו ס'האָט זיך אַריינגעמישט די פּאָעטישע פאַנטאַזיע, קען נישט — נישט זיין בנמצא דער קינסטלערישער הפקר, די פאַנטאַסטישקייט פון אָנשטויסונגען. אוודאי, אַזוי איז עס! דאָס וועט נישט אויסגעמיטן ווערן. און דאָס האָט מאַרקס אויסגעצייכנט געוואוסט, דערפאַר זאָגט ער טאַקע, אַז מ'דאַרף שטרענג אונטערשיידן דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דער באַטרעפנדיקער עפּאָכע, וועלכן מ'קען פעסטשטעלן מיט אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט, פונם צושטאַנד פון אירע אידעען. אַ סאַך, זייער אַ סאַך איז נאָך פאַר אונז פאַרנעפּלט אין דעמדאָזיקן געביט. אָבער נאָך מער איז פאַרנעפּלט פאַר די אידעאַליסטן, און נאָך מער פאַר די עקלעקטיקער, וועלכע פאַרשטייען קיינמאָל נישט, דרך-אגב, די באַדייטונג פון די שוועריקייטן, וואָס זיי טרעפן אָן, מיינענדיק, אַז ס'וועט זיי תמיד געלינגען זיך אַן עצה צו געבן מיט יעדער פראַגע אַדאַנק דער באַרימטער „קעגנזייטיקער ווירקונג". אינדעראמתן גיבן זיי זיך קיינמאָל מיט גאָרנישט קיין עצה, נאָר זיי באַהאַלטן זיך בלויז אונטער די פּלייצעס פון די אָנגעטראָפענע

שווערקייטן. לויט מאַרקסנס אויסדרוק, פלעגט מען ביז איצט דערקלערן די קאָנקרעטע מענטשלעכע טעטיקייט אויסשליסלעך פונם אידעאַליסטישן שטאַנדפונקט. נו, וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען? עפּעס אַ סאַך צופרידנשטעלנדיקע דערקלערונגען האָט מען אויסגעפונען? אונזערע אורטיילונגען וועגן דער טעטיקייט פונם מענטשלעכן „גייסט" דערמאָנען, מיט זייער קנאַפּער באַגרינדעטקייט, די אורטיילונגען פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן וועגן דער נאַטור. אין בעסטן פאַל זענען עס געניאַלע, אָבער — פּשוט, שאַרפזיניקע היפּאָטעזעס, וועלכע מ'קען נישט באַגרינדן און דערווייזן צוליבן פעלן פון אַן אָנלען-פונקט פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג. עפּעס אויפגעטאָן האָבן זיי בלויז דאָרטן, וואו זיי זענען געווען געצוואונגען אָוועקצושטעלן די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „סטרוקטור". און אָט, ווען מאַרקס האָט, דאָס באַמערקנדיק, געעצהט נישט אַוועקצוואַרפן די שוין איינמאָל אָנגעהויבענע פּרוון, ווען ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך תּמיד ריכטן לויט דער „סטרוקטור", האָט מען אים באַשולדיקט אין איינזייטיקייט און אין שמאָלקייט פון באַגריפן! וואו איז דאָ די גערעכטיקייט, — דאָס ווייסן אפשר בלויז די אָביעקטיווע סאָציאָלאָגן.

רעדט ווייטער! — זעצט פאָר צו איראָניזירן אויף אונזער חשבון ה' מיכאַילאָווסקי, — אייער ניי וואָרט איז „מיט 50 יאָר צוריק געזאָגט געוואָרן". יאָ, ה' מיכאַילאָווסקי, אין דעם ערך! און דעריבער איז נאָך טרויעריקער, וואָס איר האָט עס עד-היום נישט תּופס געווען. צי איז דען ווייניק פאַראַן אַזעלכע „ווערטער" אין דער וויסנשאַפט, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט צענדליקער און הונדערטער יאָרן פריער, אָבער זיי פאַרבלייבן ביז איצט אומבאַקאַנט פאַר גאַנצע מיליאָנען „פּערזענלעכקייטן", וועלכע קימערן זיך נישט מכּוח דער וויסנשאַפט? שטעלט אייך פאָר, אַז איר האָט זיך באַגעגנט מיט אַ האָטענטאָט און איר באַמיט זיך אים צו פאַרזיכערן, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון. דער האָטענטאָט האָט סיי בנוגע דער זון, סיי בנוגע דער ערד — זיין „אָריגינעלע" טעאָריע. אים איז שווער זיך צו שיידן מיט איר. פאַלט

ער אריין אין צאָרנדיקייט: איר זייט געקומען צו מיר מיט
אַ ניי וואָרט, בשעת איר זאָגט דאָך אַליין, אַז דאָס וואָרט איז
שוין אַלט עטלעכע הונדערט יאָר! — וואָס וועט באַווייזן די
האַטענטאָטישע צאָרנדיקייט? בלויז דאָס, אַז אַ האַטענטאָט איז
אַ האַטענטאָט. אָבער דאָס איז דאָך איבעריק צו באַווייזן.

אגב, ה' מיכאַילאָווסקיס צאָרנדיקייט באַווייזט אַסאַך מער,
וויפל ס'וואָלט געקענט באַווייזן די צאָרנדיקייט פונם האַטענ-
טאָט. זי באַווייזט, אַז אונזער „סאָציאָלאָג" געהערט צו דער
צאָל מענטשן, וועלכע גערענקען נישט קיין קרובהשאַפט.
זיין סוביעקטיווער שטאַנדפּונקט איז געירשנט פון ברונאָ באַוּ-
ערן, פון שעלינגען און פון אַנדערע פּאַרגענגער פון
מאַרקסן אין כראָנאָלאָגישן זין. הייסט עס, אַז דאָס
„ניי וואָרט" פון ה' מיכאַילאָווסקי איז יעדנפאַלס עלטער פון
אונזערס אַפילו כראָנאָלאָגיש, און לויטן אינערלעכן אינהאַלט
איז עס נאָך אַ סך עלטער, וואָרום ברונאָ באַוּערס היסטאָ-
רישער אידעאַליזם איז געווען אַן אומקער צו די אָנשויאונ-
גען פון די מאַטעריאַליסטן פונם אַכצנטן יאָרהונדערט.

דעם ה' מיכאַילאָווסקי אַרט שטאַרק, וואָס דאָס בוך פונם
אַמעריקאַנער מאָרגאַן וועגן דער „אַלטערטימלעכער געזעל-
שאַפט" איז דערשינען אַסאַך יאָרן נאָך דעם, ווי עס זענען
פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך מאַרקסן און ענגעלסן די יסודות
פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, און אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק פון
„אים" דערויף וועלן מיר באַמערקן:

ערשטנס, אַז מאָרגאַנס בוך איז „אומאָפּהענגיק" פון דעם
צוזיגערופענעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם צוליב דער פּשוטער
סיבה, ווייל מאָרגאַן אַליין שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט, ווי
ס'וועט זיך דערין זייער לייכט איבערצייגן ה' מיכאַילאָווסקי,
אויב ער וועט איבערלייענען דאָס דורך אים אָנגעוויזענע בוך.
אמת, צום שטאַנדפּונקט פון עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם איז
מאָרגאַן דערגאַנגען אומאָפּהענגיק פון מאַרקסן און ענגעלסן;
אָבער דאָס איז נאָך אַ גרעסערער סימן פאַר דער טעאָריע.

צווייטנס, וואָס איז דאָ פאַר אַן אומגליק, אַז מאַרקסנס
און ענגעלסנס טעאָריע איז „אַ סאַך יאָרן שפּעטער" באַשטע-
טיקט געוואָרן דורך די אַנטדעקונגען פון מאָרגאַנען? מיר זענען

איבערצייגט, אַז עס וועלן נאָך זיין זייער אַ סאַך אַנטדעקונגען, וועלכע וועלן באַשטעטיקן דידאָזיקע טעאָריע. דאַקעגן, וואָס ס'איז שייך ה' מיכאַילאָווסקין זענען מיר איבערצייגט פונקט פאַרקערט: דעם „סוביעקטיוון" שטאַנדפּונקט וועט נישט באַשטעטיקן קיין שום אַנטדעקונג נישט אין פינף יאָר אַרום, נישט אין פינף יאָרטויזנטן אַרום.

פון ענגעלסעס הקדמה איז ה' מיכאַילאָווסקי געוואויר געוואָרן, אַז די קענטענישן פונם מחבר פון „דער לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס אין ענגלאַנד" און פון זיין פריינט מאַרקס, אויפן געביט פון עקאָנאָמישער געשיכטע זענען געווען אין די פערציקער יאָרן „נישט-גענוגנדיקע" (לויטן אויסדרוק פון ענגעלסן גופא). ה' מיכאַילאָווסקי שפּרינגט פון די כּלים צוליב דערדאָזיקער מציאה: בכן, הייסט עס, אַז די גאַנצע טעאָריע פונם „עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם", וועלכע איז אַנטשטאַנען גראָד אין די פערציקער יאָרן איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ נישט-גענוגנדיקן יסוד. דאָס איז אַן אויספּיר, וואָס איז ראוי פאַר אַ שאַרפזיניקן גימנאַזיסט פון פערטן קלאַס. אַ רייפער מענטש וואָלט פאַרשטאַנען, אַז אין שייכות צו וויסנשאַפטלעכע קענטענישן, ווי צו אַלע אַנדערע זאַכן, דאַרף מען די אויסדרוקן: „ראוידיק", „נישט-גענוגנדיק", „קליין", „גרויס" פאַרשטיין אין רעלאַטיוון זין. נאָכדעם, ווי ס'זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן די יסודות פון דער נייער היסטאָרישער טעאָריע האָבן מאַרקס און ענגעלס נאָך געלעבט גאַנצע יאָרצענדליקן; זיי האָבן זיך ענערגיש פאַרנומען מיט דער עקאָנאָמישער געשיכטע און זיי האָבן דערין אַ סאַך אויפגעטאָן, וואָס ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, נעמענדיק אין אַכט זייערע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן. אַ דאַנק דידאָזיקע אויפטוען, האָבן זייערע פריערדיקע ידיעות זיך זיי אויסגעוויזן „אַלס נישט-גענוגנדיקע", אָבער דאָס באַווייזט נאָך נישט, אַז זייער טעאָריע איז געווען אומבאַגרינדעט. דאַרווינס בוך וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די מינים איז אַרויס אין 1859 יאָר. מ'קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז שוין אין צען יאָר אַרום האָט דאַרווין געהאַלטן פאַר נישט-גענוגנדיק יענע ידיעות, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט אין דער

צייט, ווען זיין בוך איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. וואָס-זשע דרינגט דערפון אַרויס?

נישט ווייניק איראָניזירט אויך ה׳ מיכאַילאָווסקי אויף דעם השבון, וואָס „פאַר אַ טעאָריע, וועלכע האָט פרעטענדירט צו באַלייכטן די גאַנצע אַלוועלטלעכע היסטאָריע, איז אין פערציק יאָר אַרום נאָך איר פראָקלאַמירונג (ד. ה. אַזש ביזן דערשיינען פון מאָרגאַנס בוך) די אַלטערטימלעכע גריכישע און דייטשישע געשיכטע נאָך אַלץ געווען נישט-געלעזטע רעטענישן״ *). דידאָזיקע איראָניע באַזירט זיך אויסשליסלעך אויף אַ „טעות״.

אַז זיינען יסוד פון דער גריכישער און רוימישער געשיכטע איז געלעגן דער קלאַסנקאַמף, — דאָס האָט נישט געקענט זיין אומבאַוואוסט מאַרקסן און ענגעלסן ביים סוף פון די פערציקער יאָרן שוין פשוט צוליב דעם, וואָס דאָס איז נאָך געווען באַוואוסט די גריכישע און רוימישע שרייבער. לייענט איבער פיקודיעס (178), קסענאָפאָנטן, אַריסטאָטעלעסן, לייענט איבער די רוימישע היסטאָריקער אַפילו טיטוס ליוויוסן (179) וועלכער גייט, אגב, זייער אָפט אַריבער, באַשרייבנדיק די געשעענישן, צום „סוביעקטיוון״ שטאַנדפונקט, — און איר וועט ביי יעדערן פון זיי דערזען אַ פעסטע איבערצייגונג דערין, אַז די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן און דער דורך זיי אַרויסגערופענער קאַמף צווישן די קלאַסן האָבן געדינט אַלס יסוד פאַר דער אינערלעכער געשיכטע פון די דאַמאָלסדיקע געזעלשאַפטן. דידאָזיקע איבערצייגונג איז ביי זיי געקומען צום אויסדרוק דורך דער אוממיטלבאַרער פאָרם פון אַ פשוטער קאָנסטאַטירונג פון אַ פשוטן, אַלגעמיין-באַקאַנטן לעבנספאַקט, כאָטש ביי פאָליבוסן (180) איז שוין פאַראַן, פונדעסטוועגן, עפעס אַ מין געשיכטס-פילאָזאָפיע, וועלכע איז געבויט אויף דער אָנערקענונג פון דעמדאָזיקן פאַקט. ווי די מעשה זאָל נישט זיין, אָבער דער פאַקט איז געווען אָנערקענט דורך אַלעמען. און צי דען מיינט ה׳ מיכאַילאָווסקי, אַז מאַרקס און ענגעלס „האָבן די אַלטע נישט געלייענט״? אַלס רעטענישן

*) דאָרטן, ז. 103.

אין אַ באַשייד זענען פאַרבליבן פאַר מאַרקסן און ענגעלסן, ווי פאַר אַלע וויסנשאַפט-לייט, יענע פראַגן, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט די פאָרמען פונם פאַר-היסטאָרישן קיום פון גריכנלאַנד, רוים און די גערמאַנישע שבטים (ווי עס זאָגט אין אַן אַנדער אָרט ה׳ מיכאַילאָווסקי). אויף דידאַזיקע פראַגן האָט געגעבן אַן ענטפער מאָרגאַנס בוך. אָבער צי מיינט ניט אַמאָל אונזער מחבר, אַז פאַר דאַרווינען האָבן נישט עק־זיסטירט נישט-געלעזטע פראַגן אין דער ביאָלאָגיע פון יענער צייט, ווען ער האָט געשריבן זיין באַרימטן בוך?

„די קאַטעגאָריע פון נויטווענדיקייט, — זעצט פאָר ה׳ מיכאַילאָווסקי, — איז אַזוי אַלגעמיין און אַזוי אומווידערשפּרוכ-לעך, אַז זי נעמט אין זיך אַריין די סאַמע אומבאַגרינדעטע האַפנונגען און די סאַמע זינלאָזע אויסרעכענונגען, מיט וועלכע זי איז, אין פלוג, באַרופן צו קעמפן. לויט איר שטאַנדפּונקט קומט אויס, אַז די האָפנונג דורכצוקלאַפּן מיטן קאָפּ די וואַנט איז נישט קיין נאַרישקייט, נאָר אַ נויטווענדיקייט, פּונקט אַזוי, ווי קוואַזימאָדאָ איז נישט קיין מיאוסקייט, נאָר אַ נויטווענדי-קייט, קײַן און יודא זענען נישט קיין פאַרברעכער, נאָר נויט-ווענדיקייטן. מיט איין וואָרט, אַז מ׳זאָל אין פּראַקטישן לעבן זיך פירן לויט איר נאָך, וועלן מיר אַריינפאַלן אין עפּעס אַ פאַנטאַסטישן גרעניצלאָזן חלל, וואו ס׳זענען נישטאָ פאַראַן קיין אידעען און קיין זאַכן, וואו ס׳איז נישטאָ קיין דערשיינונגען, נאָר ס׳זענען בלויז פאַראַן איינפאַרביקע שאָטנס פון אידעען און זאַכן״ *). טאַקע אַזוי, ה׳ מיכאַילאָווסקי, אַפילו כּלערליי מיאוסקייטן שטעלן מיט זיך פאָר פּונקט אַזאַ פּראָדוקט פון דער נויטווענדיקייט, ווי די זייער נאָרמאַלע דערשיינונגען, כאָטש פונדאַנען דרינגט לגמרי נישט אַרויס, אַז יודא איז נישט קיין פאַרברעכער, וואָרום ס׳איז אַן אומזין אַנטקעגנצושטעלן דעם באַגריף „פאַרברעכער״ קעגן דעם באַגריף „נויטווענדיקייט״. אָבער וויבאַלד איר קריכט שוין יאָ, גנעדיקער הער, צו ווערן אַ העלד (און יעדער סוביעקטיווער דענקער איז אַ העלד אַ דענקער, אַזוי צו זאָגן ex professo), טאָ זייט מוחל און

*) דאָרטן, ז. 114—113.

ווייזט אונז אויף, אַז איר זענט נישט קיין „משוגענער" העלד, אַז אייערע „האָפנונגען" זענען נישט קיין „אומבאַגרינדעטע", אַז אייערע „אויסרעכענונגען" זענען נישט קיין „אומזיניקע", אַז איר זענט נישט קיין „קוואַזימאָדאָ" פון געדאַנק, אַז איר רופט נישט דעם המון „דורכצוהאַקן מיטן קאָפּ די וואַנט". כדי דאָס אַלץ אויפצווייזן, וואָלטן מיר געדאַרפט זיך ווענדן צו דער קאַטעגאָריע פון נויטווענדיקייט, און איר קענט נישט אָפּערירן מיט איר. אייער סוביעקטיווער שטאַנדפּונקט שליסט אויס די עצם־מעגלעכקייט פון אַזעלכע מיני אָפּעראַציעס; אַדאַנק דערדאָזיקער „קאַטעגאָריע", ווערט ביי אייך די ווירקלעכקייט פאַרוואַנדלט אין אַ קעניגרייך פון שאַנס. אָטאָ דאָ טאַקע פאַלט איר אַריין אין אַ בלינד געסל, אָטאָ דאָ טאַקע שרייבט איר אונטער פאַר אייער סאָציאָלאָגיע אַן אָרימקייט־צייגניש, אָטאָ דאָ טאַקע הויבט איר אָן באַהויפּטן, אַז „די קאַטעגאָריע פון נויטווענדיקייט" באַווייזט גאָרנישט, היות ווי זי באַווייזט, לויט אייך נאָך, צו פיל. די צייגניש וועגן טעאָרעטישער אָרימקייט איז דער איינציקער דאָקומענט, מיט וועלכן איר פאַרזאָרגט אייערע אָנהענגער. וויי́ניקלעך, וויי́ניקלעך ה' מיכאַילאָווסקי!

דער בלוי־פויגל פאַרזיכערט, אַז ער איז אַ העלדישער פויגל, און אַז אים, אַלס אַזעלכן, איז גאָר נישט שווער אונטערצוציינדן דעם ים. ווען מען פאַרבעט אים, ער זאָל דערקלערן, אויף וואָס פאַר אַ פיזישע אָדער כעמישע געזעצן באַזירט זיך זיין פּלאַן פון אונטערציינדן דעם ים, פאַלט ער אַריין אין אַ שווערער לאַגע, און כדי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון איר, הויבט ער אָן צו מורמלען מיט אַ טרויעריק און נישט־שאַרף דיבורל, אַז, אייגנטלעך, עס רעדט זיך בלויז „געזעצן", אָבער אין תוך אַריין דערקלערן די געזעצן גאָרנישט, און באַזירן אויף זיי פּלענער קען מען נישט; אַז מ'דאַרף האָפן אויף אַ גליקלעכן צופאַל, וואָרום ס'איז דאָך שוין לאַנג באַוואוסט, אַז ווען גאָט וויל שיסט אַ בעזים אויך, אָבער אז אין אין אַלגעמיין la raison finit toujours par avoir raison. סאַראַ לייכטזיניקער, סאַראַ אומאָנגענעמער פויגל!

לאָמיר צוזאַמענשטעלן דאָסדאָזיקע נישט־קלאָרע מורמלען

פונם בלוי-פויגל מיט דער קרעפטיקער, אויסערגעוויינלעך-קלאָ-דער, היסטאָרישער פילאָזאָפיע פון מאַרקסן.

אונזערע מענטשן-ענלעכע אבות, פונקט ווי אַלע אַנדערע בעל-חיס, האָבן זיך געפונען אין אַ מצב פון אַבסאָלוטער אונ-טערטעניקייט צו דער נאַטור. זייער גאַנצע אַנטוויקלונג איז געווען יענע לחלוטין אומבאַוואוסטזיניקע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט לויט דער צופּאַסונג צו זייער אַרומי-קער סביבה דורך אַ נאַטירלעכן אָפּקלייב אינעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. דאָס איז געווען דאָס פינצטערע קעניגרייך פון פיזישער באַלקאָרכעדיקייט. דאַן פלעגט זיך אַפילו נישט אָנצינדן דער מאָרגנשטערן פון באַוואוסט-זיין, און ממילא אויך פון פרייהייט. אָבער די פיזישע באַלקאָרכעדיקייט האָט געבראַכט דעם מענטש צו אַזאַ אַנטוויק-לונגס-שטופע, אויף וועלכער ער האָט זיך גענומען ביסלעכוויז אויסטיילן פון דער אַרומיקער חיהשער וועלט. ער איז געוואָרן אַ בעל-חי, וואָס מאַכט געצייג. געצייג איז אַן אָרגאַן, מיט וועלכנס הילף דער מענטש באַווירקט די נאַטור כדי צו דערגרייכן זיינע צילן. דאָס איז אַן אָרגאַן, וועלכער וואַרפט-אונטער די באַלקאָרכעדיקייט דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, כאָטש די ערשטע צייטן קומט עס פאַר אין זייער אַ קליינער מאָס, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, שטיק-לעכוויז, הפסקותוויז. די אַנטוויקלונגס-מדרגה פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות שטעלט פעסט די מאָס פון דער מאַכט פונם מענטש איבער דער נאַטור.

די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות אַליין ביל-דעט זיך אויס לויט די אייגנשאַפטן פון דער געאָגראַפישער סביבה, וועלכע רינגלט אַרום די מענטשן. אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז די נאַטור אַליין גיט דעם מענטש מיטלען, וויאַזוי זי צו מאַכן אונטערטעניק צו אים.

אָבער נישט אייניציקוויז פירט דער מענטש דעם קאַמף מיט דער נאַטור: עס קעמפט מיט איר, לויט מאַרקסנס אויס-דרוק, דער געזעלשאַפטלעכער מענטש (der Geselschafts-mensch) ד. ה. אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער געזעלשאַפט-

לעכער פאַרבאַנד. די אייגנשאַפטן פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש ווערן אין יעדער באַטרעפנדיקער צייט באַשטימט לויט דער אַנטוויקלונגס-מדרגה פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, ווייל פון דער אַנטוויקלונגס-מדרגה פון דידאָזיקע כּוחות איז אָפּהענגיק די גאַנצע אָרדנונג פונם געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דערדאָזיקער בוי ווערט, סוף-כּל-סוף, געשאַפן לויט די אייגנשאַפטן פון דער געאָגראַפישער סביבה, וועלכע גיט די מענטשן אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע מעגלעכקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון זייערע פּראָדוצירנדיקע כּוחות. אָבער וויבאַלד ס'זענען אַנטשטאַנען געוויסע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, קומט שוין פאָר זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג לויט זייערע אייגענע אינערלעכע געזעצן, וועמענס ווירקונג פאַרגיכערט אָדער פאַרפּאַמעלעכט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, פון וועלכער ס'איז אָפּהענגיק די היסטאָרישע באַוועגונג פון דער מענטשהייט. די אָפּהענגיקייט פונם מענטש פון דער געאָגראַפישער סביבה ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ דירעקטער אין אַן אומדירעקטער. די געאָגראַפישע סביבה ווירקט אויפן מענטש דורך דער געזעלשאַפטלעכער. אָבער אַדאַנק דעם ווערט די באַציאונג פונם מענטש צו זיין אַרומיקער געאָגראַפישער סביבה אַן אויסערגעוויינלעך פאַרענדערלעכע. ביי יעדער נייער אַנטוויקלונגס-שטופע פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות ווייזט זי זיך אַרויס אַלס דיזעלביקע, ווי זי איז געווען ביז איצט. די געאָגראַפישע סביבה האָט לגמרי אַנדערש געווירקט אויף די בריטאַניער פון צעזאַרס צייטן, ווי זי ווירקט אויף די איצטיקע איינוואוינער פון ענגלאַנד. אויף אַזאַ אופן לעזט דער מאָדערנער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם די סתירות, מיט וועלכע ס'האָבן זיך בשום-אופן נישט געקענט קיין עצה געבן די אויפקלערער פון אַכצנטן יאָרהונדערט *).

---

*) מאָנטעסקיע פלעגט זאָגן: ביי אַ באַשטימטער געאָגראַפישער סביבה — זענען באַשטימט די אייגנשאַפטן פונם געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד; אין איין געאָגראַפישער סביבה קען עקזיסטירן בלויז דעספּאָטיזם, אין אַ צווייטער, —

די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכע סביבה איז אונטערגעוואָרפן אירע אייגענע געזעצן. דאָס הייסט, אַז אירע אייגנשאַפטן זענען אַזוי ווייניק אָפּהענגיק פונם ווילן און פונם באַוואוסטזיין פון די מענטשן, פונקט ווי די אייגנשאַפטן פון דער געאָגראַפישער סביבה. די פּראָדוצירנדיקע באַווירקונג, מיט וועלכער דער מענטש באַווירקט די נאַטור באַשאַפט אַ נייעם סאָרט אָפּהענגיקייט פאַרן מענטש, אַ נייע פאָרם פון זיין קנעכטשאַפט: די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט. און וואָס מער עס וואַקסט זיין מאַכט איבער דער נאַטור, וואָס מער עס אַנטוויקלען זיך זיינע פּראָדוצירנדיקע כוחות, אַלץ מער פאַרפעסטיקט זיך די דאָזיקע נייע קנעכטשאַפט: מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות ווערן קאָמפּליצירט די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן פון די מענטשן אינם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס; דער גאַנג פון דעמדאָזיקן פּראָצעס גליטשט זיך פולשטענדיק אַרויס פון זייער קאָנטראָל, דער פּראָדוצירער ווערט אַ קנעכט פון זיין אייגענער פּראָ-

---

בלויז נישט-גרויסע אומאָפּהענגיקע רעפּובליקאַנישע געזעלשאַפטן א. א. וו. „ביין־לעגט אַנטקעגנטעטנהן וואָלטער, אין איינאונדערזעלבער געאָגראַפישער סביבה שאַפן זיך, מיט דער צייט, פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, בכן, הייסט עס, אַז די געאָגראַפישע סביבה האָט נישט קיין ווירקונג אויפן היסטאָרישן גורל פון דער מענטשהייט; דער עיקר איז אין די מיינונגען פון די מענטשן". — מאָנטעסקיע האָט אייגעזען איין זייט פון דער אַנטינאָמיע, וואָלטער און זיינע אידעען־חברים — די צווייטע זייט. געלעזט ווערן פלעגט, געוויינלעך, די דאָזיקע אַנטינאָמיע ערשט מיט דער הילף פון קעגנזייטיקער ווירקונג. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם אָנערקענט, ווי מיר זעען, די עקזיסטענץ פון דער קעגנזייטיקער ווירקונג, אָבער דערביי דערקלערט ער זי, אָנווייזנדיק אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. די אַנטינאָמיע, וועלכע די אויפקלערער האָבן אין בעסטן פאַל געקענט בלויז באַהאַלטן אין קעשענע, ווערט געלעזט זייער פּשוט: דער דיאַלעקטישער פאַרשטאַנד ווייזט זיך אויך דאָ אַרויס אַן ערך שטאַרקער פונם שכל-הישר פון די אויפקלערער.

דוצירונג (אַ ביישפּיל: די קאַפּיטאַליסטישע אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע).

אָבער, — פּונקט אַזוי, ווי די נאַטור, וועלכע רינגלט אַרום דעם מענטש האָט אים געגעבן די ערשטע מעגלעכקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיינע פּראָדוצירנדיקע כוחות, און ממילא אויך פאַר זיין בהדרגהדיקן באַפרייען זיך פון איר מאַכט, — פּונקט אַזוי זעען מיר, ווי די פּראָדוקציע־פאַרהעלטנישן, די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן ברענגען, דורך דער אייגענער לאָגיק פון זייער אַנטוויקלונג, דעם מענטש צום דערקענען די סיבות פון זיין פאַרשקלאַפונג צו דער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט. דורכדעם ווערט געגעבן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ נייעם און ענדגילטיקן טריאומף פונם באַוואוסטזיין איבער דער באַלקאָרכעדיקייט, פונם פאַרשטאַנד איבערן בלינדן געזעץ.

אָנערקענענדיק, אַז די סיבה פון זיין פאַרשקלאַפונג צו זיין אייגענעם פּראָדוקט ליגט אין דער אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, נעמט זיך דער פּראָדוצירער (דער „געזעלשאַפטלעכער מענטש”) צו אָרגאַניזירן דידאָזיקע פּראָדוקציע און דערמיט גופא מאַכט ער זי אונטערטעניק צו זיין ווילן. דאַמאָלס פאַרענדיקט זיך דאָס קעניגרייך פון באַלקאָרכעדיקייט, און עס הויבט אָן הערשן די פרייהייט, וועלכע ווייזט זיך אַליין אַרויס אַלס באַלקאָרכעדיקע. דער פּראָלאָג פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז שוין אָפּגעשפּילט, עס הויבט זיך אָן די געשיכטע *).

אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם נישט בלויז ער שטרעבט נישט, ווי דאָס שרייבן אים צו זיינע קעגנער, צו איבערצייגן דעם מענטש, אַז ס'איז אַן אומזין זיך צו בונטעווען קעגן דער עקאָנאָמישער באַלקאָרכעדיקייט, נאָר אדרבה, ער ווייזט דער ערשטער אָן, וויאַזוי זיך מיט איר אָן עצה צו געבן. אויף אַזאַ אופן ווערט באַזייטיקט דער אומפאַרמיידלעכער פאַטאַליסטישער

*) נאָך דעם אַלעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן איז, לאָמיר האָפן, אויך קלאָר די פאַרהעלטניש צווישן מאַרקסנס לערע און דאַרווינס לערע. דאַרווינען איז

כאַראַקטער, וועלכעס איז אייגנשאַפטלעך פאַרן מעטאַפיזישן מאַטעריאַליזם. און פונקט אַזוי ווערט אויך באַזייטיקט יעדער גרונט פאַר יענעם פעסימיזם, צו וועלכן עס מוז, ווי מיר האָבן עס געזען, אומבאַדינגט ברענגען אַן אויסגעהאַלטן אידעאַליסטיש דענקען. די איינצלנע פערזענלעכקייט איז בלויז שוים אויף דער אויבערפלאַך פון דער פאַליע. מענטשן זענען אונטערגעוואָרפן אונטער אַן אייזערנעם געזעץ, וועלכן מ׳קען בלויז דערקענען, אָבער מ׳קען אים נישט מאַכן אונטערטעניק דעם מענטשלעכן ווילן, — פלעגט זאָגן געאָרג ביכנער. ניין, ענטפערט מאַרקס, וויבאַלד מיר האָבן דערקענט דאָסדאָזיקע אייזערנע געזעץ, איז עס פון אונז אָפּהענגיק אַראָפּצוּוואַרפן זיין יאָך, פון אונז איז עס אָפּהענגיק צו מאַכן די באַלקאָרכעדיקייט פאַר אַ געהאָרכזאַמער שקלאַפן פונם פאַרשטאַנד.

איך בין אַ וואָרים, זאָגט דער אידעאַליסט. איך בין אַ וואָרים, כּל־זמן איך בין אומוויסנדיק, ענטפערט דער מאַטעריאַ-

לונגען צו לעזן די פראַגע וועגן דעם, וויאַזוי קומען פאַר די בעל־חי׳אישע און געוויקסישע מינים אינם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. מאַרקסן איז געלונגען צו לעזן די פראַגע וועגן דעם, וויאַזוי אַנטשטייען פאַרשיידענע פאָרמען פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אינם קאַמף פון די מענטשן פאַר זייער עקזיסטענץ. לאָגיש גענומען, הויבט זיך אָן מאַרקסנס פאָרשונגס־אַרבעט אַקוראַט דאָרטן, וואו ס׳ענדיקט זיך דאַרווינס. בעל־חיים און געוויקסן געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון דער פיזישער סביבה. אויפן געזעלשאַפטלעכן מענטש ווירקט די פיזישע סביבה דורך דער פאַרמיטלונג פון יענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, וועלכע אַנטשטייען אויפן יסוד פון די פראָדוצירנדיקע כּוחות, וועלכע האָבן זיך לכתחילה אַנטוויקלט מער־ווייניקער גיך, אָפּהענגיק פון די אייגנשאַפטן פון דער פיזישער סביבה. דאַרווין דערקלערט די אָפּשטאַמונג פון די מינים נישט מיט אַן אייגנעווירענער טענדענץ צו אַנטוויקלונג, וועלכע עס פאַרמאָגט כּלומרשט דער בעל־חי׳אישער אָרגאַניזם, ווי דאָס האָט געטאָן לאַמאַרק, נאָר מיט דער צופּאַסונג פונם אָרגאַניזם צו די באַדינגונגען, וועלכע געפינען זיך מחוץ פון אים: נישט מיט דער נאַטור פונם אָרגאַניזם, נאָר מיט דער ווירקונג פון דער אויסערלעכער נאַטור. מאַרקס דערקלערט די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט נישט מיט דער נאַטור פונם מענטש נאָר מיט די אייגנשאַפטן

ליסט־דיאלעקטיקער; **אָבער איך בין אַ גאָט, ווען איך ווייס** Tantum possumus, quantum scimus! (181).

און אָט כלפי דערדאָזיקער טעאָריע, וועלכע האָט די ערשטע פעסט באַגרינדעט די רעכט פונם מענטשלעכן פאַרשטאַנד; וועלכע האָט די ערשטע אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם פאַרשטאַנד נישט ווי אַ קראַפּטלאָז שפּילכל פון דער צופעליקייט, נאָר ווי אַ גרויסע אומבאַשטרייטבאַרע קראַפט, שטעלט מען זיך אַנטקעגן, אין נאָמען פון די, כלומרשט, דורך איר געטרעטענע רעכט פון דעמזעלבן פאַרשטאַנד, אין נאָמען פון די אידעאַלן, וועלכע זי אונטערשעצט, כלומרשט! און דידאָזיקע טעאָריע וואַגט מען צו באַשולדיקן אין קוויעטיזם, אין אַ שטרעבונג שלום צו מאַכן מיט דער אַרומיקייט, שיר נישט אין ווען זיך אונטערצוחנפהנען צו איר, פונקט ווי מאָלטשאַלין פלעגט זיך אונטערחנפהנען יעדערן, ווער ס'איז געווען העכער פאַר אים לויט דער ראַנג! מ'קען באמת זאָגן, אַז מ'קריכט דאָ אויף די גלייכע ווענט.

פון יענע פאַרהעלטנישן צווישן מענטשן, וועלכע אַנטשטייען דורך דער באַווירקונג פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש אויף דער אויסערלעכער נאַטור דער גייסט פון דער פאָרשונג איז אַבסאָלוט דערזעלבער בייביידע דענקערס. אָט פאַרוואָס מ'קען זאָגן, אַז דער מאַרקסיזם איז דער דאַרוויניזם באַנוצט פאַר דער געזעלשאַפט־קענטעניש (מיר וויסן, אַז כראָנאָלאָגיש איז עס נישט אַזוי, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק). און דאָס איז די איינציקע וויסנשאַפטלעכע אויסנוצונג זיינע, ווייל יענע אויספירן, וואָס עס האָבן געמאַכט פונם דאַרוויניזם אייניקע בורזשואַזע שריפטשטעלער, זענען נישט געווען קיין וויסנשאַפטלעכע באַנוצונג פאַר דער דערלערנונג פון דער אַנטוויקלונג פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש, נאָר אַ פשוט בורזשואַזע אוטאָפּיע, אַ מאָראַלישע דרשה מיט זייער נישט קיין שיינעם אינהאַלט, פונקט ווי די ת״ח סוביעקטיוויסטן פאַרנעמען זיך מיט דרשות מיט אַ שיינעם אינהאַלט. די בורזשואַזע שריפטשטעלער פלעגן, פאַרופנדיק זיך אויף דאַרווינען, פאַקטיש רעקאָמענדירן זייערע לעזער נישט דאַרווינס וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, נאָר בלויז די חיהשע אינסטינקטן פון יענע בעל־חיס, וועגן וועלכע דאַרווין האָט גערעדט. מאַרקס איז ענלעך צו דאַרווינען. די בורזשואַזע שרייבער זענען ענלעך צו חיות און בהמות, וועלכע דאַרווין האָט שטודירט.

דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם*) זאָגט: דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד האָט נישט געקענט זיין דער דעמיאורג פון דער געשיכטע, ווייל ער אַליין איז אירער אַ פּראָדוקט. אָבער וויבאַלד ס'איז דערשינען דערדאָזיקער פּראָדוקט, דאַרף ער נישט, און לויט דער עצם-טבע זיינער קען ער נישט זיך אונטערוואַרפן דער ווירקלעכקייט, וועלכע די פריערדיקע געשיכטע האָט אים פאַרשריבן אין איר צוואה; ער שטרעבט באַלקאָרכעדיק איבערצובויען זי לויט זיין פאָרם און געשטאַלט, מאַכן זי פאַרשטענדיקער.

דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם זאָגט פונקט ווי געטעס פאַוסט:

Im Anfang war die That!

די טאַט (די גענזצמעסיקע טעטיקייט פון די מענטשן אינם געזעלשאַפטלעך-פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס) דערקלערט דעם מאַטעריאַליסט-דיאַלעקטיקער די אַנטוויקלונג פונם פאַרשטאַנד פון דעם געזעלשאַפטלעכן מענטש**). און די טאַט איז דער סך-הכל פון זיין גאַנצער פּראַקטישער פילאָזאָפיע. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם איז די פילאָזאָפיע פון דער טאַט.

ווען דער סוביעקטיווער דענקער זאָגט: „מיין אידעאַל", — זאָגט ער דערמיט גופא: דער זיג פון דער בלינדער

---

*) מיר באַנוצן דעם טערמין „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם", וועלכער איז איינציק-און-אַליין בכוח ריכטיק צו כאַראַקטעריזירן מאַרקסנס פילאָזאָפיע. האָלבאַך און העלוועציוס זענען געווען מאַטעריאַליסטן-מעטאַפיזיקער. זיי האָבן געקעמפט מיטן מעטאַפיזישן אידעאַליזם. זייער מאַטעריאַליזם האָט אָפּגעטרעטן זיין פּלאַץ דעם דיאַלעקטישן אידעאַליזם, וועלכער איז פון זיין זייט באַזיגט געוואָרן דורכ׳ן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. דער אויסדרוק „עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם" איז זייער און זייער אומגעלונגען. מאַרקס פלעגט זיך קיינמאָל נישט אָנרופן עקאָנאָמישער מאַטעריאַליסט.

**) „דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז הויפּטזאַכלעך אַ פּראַקטיש לעבן. דאָס אַלץ, וואָס איז געהיימניספול, דאָס אַלץ, וואָס ברענגט די טעאָריע צום מיסטיציזם, געפינט אַ ראַציאָנעלע לעזונג אין דער מענטשלעכער פּראַקטיק און אינם פאַרשטיין דידאָזיקע פּראַקטיק" (מאַרקס).

באַלקאָרכעדיקייט: דער סוביעקטיווער דענקער קען נישט באַגרינדן זיין אידעאַל אויפן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער ווירקלעכקייט; דעריבער הויבט זיך אָן ביי אים תּיכּף אונטער די ווענט פונם גרעקעלע-גערטנדל פונם אידעאַל דאָס גרעניצלאָזע פעלד פון צופעליקייט, און ממילא אויך פון בלינדער באַלקאָרכעדיקייט. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם ווייזט אָן יענע מעטאָדן, מיט וועמענס הילף מ׳קען דאָסדאָזיקע גאַנצע גרעניצלאָזע פעלד פאַרוואַנדלען אין אַ בליענדיקן גאָרטן פונם אידעאַל. ער גיט בלויז צו, אַז די מיטלען פאַר דערדאָזיקער פאַרוואַנדלונג זענען באַהאַלטן אין די שיכטן פון דעמועלביקן פעלד, אַז מ׳דאַרף זיי בלויז אויסגעפינען און קענען זיך מיט זיי באַנוצן.

דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם באַגרעניצט נישט, ווי דאָס טוט דער סוביעקטיוויזם, די רעכט פונם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ער ווייס, אַז די רעכט פונם פאַרשטאַנד זענען פונקט אַזוי אומבאַגרעניצט און אומבאַשרענקט, ווי זיינע כּוחות. ער זאָגט: אַלץ, וואָס איז פאַראַן פאַרשטאַנדיקס אינם מענטשלעכן קאָפּ, ד. ה. דאָס אַלץ, וואָס ס׳שטעלט מיט זיך פאָר נישט קיין אילוזיע, נאָר אַן אמתדיקע דערקענטעניש פון דער ווירקלעכקייט, וועט אומבאַדינגט איבערגיין אין דערדאָזיקער ווירקלעכקייט אַריין, וועט אומבאַדינגט אין איר אַריינברענגען זיין חלק פאַרשטאַנדיקייט.

פונדאַנען קען מען זען, אין וואָס באַשטייט, לויט דער מיינונג פון די מאַטעריאַליסטן־דיאַלעקטיקער, די ראָל פון דער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע. זייענדיק ווייט פון אָראָפּנידעריקן דידאָזיקע ראָל צו אַ נישטיקייט, שטעלן זיי אַוועק פאַר דער פּערזענלעכקייט אַן אויפגאַבע, וועלכע, — אויב מיר וועלן באַנוצן אַן אָנגענומענעם, כאָטש נישט קיין ריכטיקן, טערמין,— מ׳מוז אָנערקענען אַלס אַ פולשטענדיק, אויסשליסלעך אידעאַליסטישע. היות ווי דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד קען טריאומפירן איבער דער בלינדער באַלקאָרכעדיקייט נאָר, ווען ער דערקענט אירע אייגענע, אינערלעכע געזעצן, נאָר ווען ער באַקעמפט זי מיט איר אייגענעם כּוח, הייסט עס, אַז די אַנטוויקלונג פונם וויסן, די אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן

באַוואוסטזיין, איז די גרעסטע, שענסטע אויפגאַבע פון דער דענקענדיקער פערזענלעכקייט — אַט וואָס Licht mehr Licht! ס'איז נויטיק קודם-כּל.

אָבער אויב ס'איז שוין פון לאַנג געזאָגט געוואָרן, אַז קיינער צינדט נישט אָן קיין ליכט, אויף צו באַהאַלטן זי אונטער דער פאָלע, זענען נאָך די מאַטעריאַליסטן-דיאַלעקטיקער מוסיף, מ'דאַרף נישט איבערלאָזן דאָס ליכט אינם ענגן קאַבינעט פון דער „אינטעליגענץ"! כּל-זמן ס'עקזיסטירן „העלדן", וועלכע מיינען, אַז פאַר זיי איז גענוג דורכצוליכטן זייערע אייגענע קעפּ, וועלן זיי שוין קענען פירן די מאַסע וואוהין ס'וועט זיך נאָר גלוסטן, וועלן זיי שוין קענען פון איר אויסקלײַבן, ווי פון ליים, אַלץ וואָס זיי וועט נאָר איינפאַלן — פאַרבלייבט דאָס קעניגרייך פונם פאַרשטאַנד, אַ שיינע פראַזע, אַ פיינער טרוים. עס וועט זיך אָנהויבן דערנענטערן צו אונז מיט זיבנמייליקע טריט ערשט דאַן, ווען די „מאַסע" גופא וועט ווערן דער העלד פון דער היסטאָרישער טאַט און ווען אין איר, אין דערדאָזיקער גרויסער „מאַסע", וועט זיך אַנטוויקלען דאָס אַנטשפּרעכנדיקע זעלבסטבאַוואוסטזיין. אַנטוויקלט דאָס מענטשלעכע באַוואוסטזיין, האָבן מיר געזאָגט. אַנטוויקלט דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פון די פּראָדוצירער, זענען מיר איצט מוסיף. די סוביעקטיווע פילאָזאָפיע זעט ביי אונז אויס אַלס אַ שעדלעכע טאַקע דערפאַר, ווייל זי שטערט דער אינטעליגענץ מיטצוהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דעמדאָזיקן זעלבסטבאַוואוסטזיין, אַנטקעגנשטעלנדיק די מאַסע כּלפּי די העלדן, מיינענדיק, אַז די מאַסע איז נישט מער, ווי אַ צונויפנעם פון נולן, וועמענס באַדייטונג עס הענגט אָפּ פון די אידעאַלן פונם העלד, וועלכער שטעלט זיך אין דער שפּיץ.

„זאָל נאָר זיין אַ בלאָטע, רוחות וועלן זיך שוין געפינען", — זאָגט גראָב אַ פאָלקסווערטל. זאָלן נאָר זיין העלדן, אַ מאַסע וועט זיך שוין פאַר זיי געפינען, זאָגן די סוביעקטיוויסטן, — און די העלדן — דאָס זענען מיר, דאָס איז — די סוביעקטיווע אינטעליגענץ. דערויף ענטפערן מיר: זייער אַנטקעגנשטעלונג פון העלדן כּלפּי דער מאַסע איז אַ פּשוטע זעלבסטאיינרעדעניש און דעריבער אַ זעלבסטאָפּנאַרעריי. און איר

ןעט פאַרבלייבן פשוטע... מויל-העלדן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג איר
ןעט נישט פאַרשטיין, אַז טאַקע צוליבן זיג פון איי·
גרע אייגענע אידעאַלן דאַרף מען באַזייטיקן די גופא·
מעגלעכקייט פון אַזאַ מין אַנטקעגנשטעלונג, אַז מ׳דאַרף
אויפוועקן אין דער מאַסע אַ העלדיש זעלבסטבאַוואוסט·
זיין *).

די מיינונגען רעגירן מיט דער וועלט, פלעגן זאָגן די
פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן, מיר — זענען די פאָרשטייער פון
די מיינונגען, דעריבער זענען מיר די דעמיאורגן פון דער
געשיכטע; מיר זענען די העלדן, נאָך וועלכע די מאַסע דאַרף
נאָכגיין.

דידאָזיקע שמאָלקייט פון אָנשויאונגען האָט אַנטשפּראָכן
דער אויסשליסלעכקייט פון דער לאַגע פון די פראַנצויזישע
אויפקלערער. זיי זענען געווען פאָרשטייער פון דער בור·
זשואַזיע.

דער מאָדערנער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם שטרעבט
אונטערצוברענגען די קלאַסן; ער איז אויפגעקומען דאַן, ווען
דאָסדאָזיקע אונטערברענגען איז געוואָרן אַ היסטאָרישע נויט·
ווענדיקייט. דעריבער ווענדעט ער זיך צו די פראָדוצירער,
וועלכע דאַרפן ווערן די העלדן פון דעם נאָענטסטן היסטאָרישן
פעריאָד. דעריבער זעען מיר, ווי דאָס ערשטע מאָל זייט
אונזער וועלט עקזיסטירט און זייט די ערד דרייט זיך אַרום
דער זון, קומט פאָר אַ דערנענטערונג צווישן דער וויסנשאַפט
און די אַרבעטער: די וויסנשאַפט קומט ברענגען הילף דער
האָרעפּאַשנער מאַסע; די האָרעפּאַשנע מאַסע שטיצט זיך אין
איר באַוואוסטזיניקער באַוועגונג אויף די אויספירונגען פון דער
וויסנשאַפט.

אויב דאָס אַלץ איז נישט מער ווי מעטאַפיזיק, ווייס
ן

*) „Mit der Gründlichkeit der geschichtlichen Action wird der Umfang der Masse zunehmen, deren Action sie ist“. Marx, Die Heilige Familie S. 120.

מיר שוין באַלד באמת נישט, וואָס הייסט ביי אונזערע קעגנער מעטאַפיזיק.

— יאָ, אָבער דאָס אַלץ, וואָס איר זאָגט, האָט בלויז אַ שייכות צום געביט פון נביאות; דאָס אַלץ זענען בלויז רעדערייען וועלכע האָבן אַביסל אַ לייטישן אויסזען נאָר אַ דאַנק די פּאָקוסן פון דער העגעלישער דיאַלעקטיק. אָט פאַרוואָס מיר רופן אייך מעטאַפיזיקער, — ענטפערן די ה"ה סוּביעקטיוויסטן.

מיר האָבן שוין באַוויזן, אַז אַריינפלאָנטערן אין אונזער וויכּוח אַריין די „טריאַדע" קען מען בלויז, ווען מ'האָט נישט וועגן איר דעם מינדסטן באַגריף. מיר האָבן שוין באַוויזן, אַז ביי העגעלן אַליין פלעגט זי קיינמאָל נישט שפּילן די ראָל פון אַן אַ ר ג ו מ ע נ ט און אַז זי שטעלט מיט זיך לגמרי נישט פאָר קיין כאַראַקטעריסטישן שטריך פון זיין פילאָזאָפיע. מיר וואָגן צו מיינען, אַז מיר האָבן אויך באַוויזן, אַז נישט דאָס פאַרופן זיך אויף דער טריאַדע, נאָר די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פונם היסטאָרישן פּראָצעס שטעלט מיט זיך פאָר דעם כּוח פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. דעריבער וואָלטן מיר אייגנטלעך געקענט איבערלאָזן דידאָזיקע קעגן-טענה, נישט לייגנדיק אויף איר קיין שום אויפמערקזאַמקייט, אָבער מיר האַלטן, אַז ס'וועט פאַרן לעזער נישט זיין אומנוצלעך, ווען מיר וועלן דערמאָנען פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן פאַקט פון דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור פון די זיבעציקער יאָרן (פון ניינצנטן יאָרהונדערט).

באַהאַנדלענדיק דעם „קאַפּיטאַל" האָט ה' יו. זשוקאָווסקי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיין מחבר שטיצט זיינע, ווי מ'רופט עס איצט, רעדערייען בלויז אויף „פּ אָ ר מ ע ל ע" געדאַנקען, אַז זיין אַרגומענטאַציע שטעלט מיט זיך פאָר נישט מער, ווי אַן אומבאַוואוסטזיניק שפּיל מיט באַגריפן. און אָט וואָס ס'האָט אויף דערדאָזיקער באַשולדיקונג געענטפערט דער פאַרשטאָרבענער נ. ז י ב ע ר:

„מיר פאַרבלייבן ביי ד ע ר איבערצייגונג, אַז די פאָרשונג פון דער מאַטעריעלער אויפגאַבע קומט אומעטום ביי מאַרקסן אַפריער פאַר דער פאָרמעלער זייט פון זיין אַרבעט.

מיר מיינען, אַז אויב ה׳ זשוקאָווסקי וואָלט איבערגעלייענט מאַרקסנס בוך אויפמערקזאַמער און אָביעקטיווער, וואָלט ער אַליין מסכּים געווען מיט אונזער מיינונג. ער וואָלט דאַמאָלס אָן אַ ספק דערזען, אַז גראָד דורך דער פאָרשונג פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דעם פעריאָד פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וועלכן מיר לעבן דורך, ווייזט אויף דער מחבר פון „קאַפּיטאַל", אַז די מענטשהייט שטעלט פאַר זיך אַוועק נאָר אַזעלכע אויפגאַבן, וועלכע זענען מעגלעך צום לעזן. מאַרקס פירט זיינע לעזער טריט ביי טריט איבערן לאַבירינט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און, אַנאַליזירנדיק אַלע אירע באַשטאַנד-עלעמענטן, גיט ער אונז צו פאַרשטיין איר צייטווייליקן כאַראַקטער" *).

„לאָמיר נעמען די פאַבריק-אינדוסטריע, — זעצט פאָר נ. זיבער, — מיט איר אומאויפהערלעכער הענט-איבערבייטונג ביי יעטוועדער אָפּעראַציע, מיט איר פיבערהאַפטער באַוועגונג, וועלכע וואַרפט די אַרבעטער שיר נישט טאָג-טעגלעך פון איין פאַבריק אין דער צווייטער; צי דען זענען נישט אירע מאַטעריעלע באַדינגונגען קיין צוגרייטונג-סביבה פאַר נייע פאָרמען פונם געזעלשאַפטלעכן בוי, פון געזעלשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע? צי דען גייט נישט טאַקע אין דערדאָזיקער ריכטונג די ווירקונג פון די פּעריאָדיש-זיך-איבער-חזרנדיקע עקאָנאָמישע קריזיסן? צי דען שטרעבט נישט אָט צו דעם ציל די איינשרענקונג פון די מערק, די פאַרקלענערונג פונם אַרבעטס-טאָג, די קאָנקורענץ פון פאַרשיידענע לענדער אויפן אַלגעמיינעם מאַרק, דער זיג פונם גרויסן קאַפּיטאַל איבער דעם קאַפּיטאַל פון אַן אומבאַדייטנדיקן פאַרנעם"?... אָנווייזנדיק דערנאָך אויף דער אומגעהויערלעך שנעלער פאַרמערונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אינם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, פרעגט נ. זיבער נאָכאַמאָל: „צי דען זענען דאָס אַלץ נישט קיין מאַטעריעלע נאָר ריין-פאָרמעלע איבערגעשטאַלטונגען?... צי דען,

*) „ניעסקאָלקאָ זאַמיעטשאַני פאָ פאָוואָדו סטאַטי ג. יו. זשוקאָווסקאַגאָ „קאַרל מאַרקס אי יעגאָ קניגאַ אָ קאַפּיטאַליע". נ. זיבער. אָטיעטשעסטווענניע זאַפּיסקי" נאָומבער, 1877, ז. 6.

למשל, איז נישט קיין פאַקטישער ווידערשפרוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע דער אומשטאַנד, וואָס זי פאַרוואַרפט פּעריאָדיש מיט סחורות דעם אַלוועלטלעכן מאַרק און דאָס צווינגט מיליאָנען מענטשן צו הונגערן אין דערזעלבער צייט, ווען עס זענען פאַראַן צו פיל פאַרברויכס-פּראָדוקטן?... ווייטער. צי דען איז דאָס נישט קיין פאַקטישער ווידערשפרוך פונם קאַפּיטאַליזם, — אין וואָס, אגב-אורחא, עס זענען זיך גערן מודה די קאַפּיטאַל-אייגנטימער אַליין, — וואָס אין איינונדערזעלבער צייט זאָגט ער אָפּ פון דער אַרבעט מאַסן מענטשן און קלאָגט זיך אויף אַ מאַנגל פון אַרבעטס-הענט? צי דען איז עס נישט קיין פאַקטישער ווידערשפרוך זיינער, וואָס די מיטלען צו מאַכן ווייניקער אַרבעט, ווי ס'זענען די מעכאַנישע און אַנדערע אויסבעסערונגען און פאַרפולקאָמענונגען, פאַרוואַנדלט ער אין מיטלען צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטס-טאָג? צי דען איז דאָס נישט קיין פאַקטישער ווידערשפרוך, וואָס קעמפנדיק פאַר דער אומבאַרירלעכקייט פון אייגנטום, רויבט צו דער קאַפּיטאַליזם ביי דער מערהייט פויערן די ערד און האַלט אויף לוין-אַרבעט די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג? צי דען איז דאָס אַלץ און נאָך אַ סאַך אַזעלכעס טאַקע בלויז מעטאַפיזיק און עס עקזיסטירט גאָרנישט אין דער ווירקלעכקייט? אָבער ס'איז גענוג צו נעמען אין האַנט אַריין וועלכן ס'זאָל נישט זיין נומער פונם ענגלישן „Economist“ מ'זאָל זיך תיכף איבערצייגן אין דאָס פאַרקערטע. בכן איז פאַרן פאָרשער פונם עקזיסטירנדיקן געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישן לעבנשטייגער לגמרי נישט נויטיק קינסטלעך צוצופּאַסן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע צו פון-פריער-אויסגעטראַכטע פאָרמעלע, דיאַלעקטישע ווידערשפרוכן. אויף זיין לעבן וועלן נאָך קלעקן מיט אַ מותרות די ווירקלעכע ווידערשפרוכן".

זיבערס ענטפער, וועלכער איז איבערצייגנדיק לויט זיין אינהאַלט, איז געווען ווייך לויט דער פאָרם. גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגט אַן ענטפער, דעמזעלבן ה' זשוקאָווסקי, וועלכער איז געקומען מצד דעם ה' מיכאַילאָווסקי.

אונזער געערטער סוביעקטיוויסט פאַרשטייט נאָך עד-היום

דאָס ווערק, וואָס ער האָט דאַמאָלס געוועסט פאַרטיידיקט, זייער „שמאָל״, כדי נישט צו זאָגן איינזייטיק, און ער באַמיט זיך אַפילו אויך אַנדערע איבערצוצייגן דערין, אַז זיין איינזייטיק פאַרשטיין איז דווקא די ריכטיקע אָפּשאַצונג פונם ווערק. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מענטש האָט נישט געקענט זיין קיין זיכערער פאַרטיידיקער פון „ק אַ פּ י ט אַ ל״. דעריבער איז זיין ענטפער איבערגעפולט מיט די סאַמע יינגלשסטע קוריאָזן. אָט איז, למשל, איינער פון זיי: דאָס באַשולדיקן מאַרקסן אין פאָרמאַליזם, אין מיסברויכן מיט דער העגעלישער דיאַלעקטיק האָט ה׳ זשוקאָווסקי באַגרינדעט, צווישן אַנדערן, מיט אַ פאַרופונג אויף איין אָרט פון דער הקדמה צום בוך „Zur Kritik der politischen Oekonomie“. ה׳ מיכאַילאָווסקי האָט איינגעפונען, אַז מאַרקסנס קעגנער „האָט ריכטיק געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער העגעלישער פילאָזאָפיע״ אין דערדאָזיקער הקדמה: „ו ע ן מ אַ ר ק ס וואָ ל ט ג ע ה אַ ט אָ נ ג ע ש ר י ב ן ב ל ו י ז ד י ד אָ ז י ק ע ה ק ד מ ה צ ו „Zur Kritik“ וואָ ל ט ה׳ ז ש ו ק אָ ו ו ס ק י ג ע ו ו ע ן פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ג ע ר ע כ ט״*). ד. ה. ס׳וואָלט דורכדעם דערוויזן געוואָרן, אַז מאַרקס איז געווען נישט מער, ווי אַ פאָרמאַליסט און אַ העגעליאַנער. דאָ האָט ה׳ מיכאַילאָווסקי אַזוי מזלדיק אַריינגעטראָפן, ווי אַ בלינדער אין אַ גרוב אַריין, ער האָט אַזוי ווייט „אויסגעשעפּט״ די מעגלעכקייט פון אַזאַ מין אַריינטרעפן, אַז נישט-ווילנדיק שטעלט זיך ביי דיר אַוועק אַ פראַגע: — צי האָט אונזער מחבר, וועלכער האָט נאָך דאַמאָלס אַרויסגערופן בנוגע זיך האָפנונגען, בכלל גאָר געלייענט די דערמאָנטע הקדמה?**). מ׳וואָלט געקענט ברענגען נאָך עטלעכע ענלעכע קוריאָזן (איינער ווערט שפּעטער געבראַכט ווערן), אָבער עס האַנדלט זיך דאָ איצט נישט וועגן זיי. ווי שלעכט ה׳ מיכאַילאָווסקי זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען מאַרקסן, האָט ער פונדעסטוועגן תיכף דערזען, אַז ה׳ זשוקאָווסקי האָט „אַ פ ל ו י ד ע ר ג ע ט אָ ן״ מכּח דעם „פ אָ ר מ אַ ל י ז ם״;

*) סאָטשינעניאַ נ. ק. מיכאַילאָווסקאַגאָ. 2-טער ב. ז. 536.

**) אין דער הקדמה גיט מאַרקס איבער זיין מאַטעריאַליסטישע געשיכטע-אויפפאַסונג.

ער האָט פונדעסטוועגן באַגריפן, אַז אַזאַ פּלוידעריי איז אַ פּשוטער פּראָדוקט פון סתּם־רײַדעריי.

„ווען מאַרקס וואָלט געוועסט געזאָגט: — באַמערקט ריכ־טיק ה׳ מיכאַילאָווסקי, — דאָס אַנטוויקלונגס־געזעץ פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט איז אַזאַ, אַז זי אַליין לייקנט ספּאָנטאַ־ניש אָפּ איר פריערדיקן צושטאַנד און דערנאָך לייקנט זי אָפּ איר אָפּלייקענונג, מאַכנדיק שלום צווישן די ווידערשפּרוכן פון די דורכגעגאַנגענע סטאַדיעס דורך דער איינהייט פונם אינדי־ווידועלן און געמיינדישן אייגנטום; ווען ער וואָלט געזאָגט אָטאָ דאָס און בלויז דאָס (כאָטש דאָס וואָלט געזאָגט געוואָרן אויף אַסאַך זייטן), וואָלט ער געווען אַ ריינער העגעליאַנער, וועלכער בויט געזעצן פון דער טיפעניש פון זיין גייסט אַרויס, וועלכער שטעלט זיך צופרידן מיט ריין־פאָרמעלע, ד. ה. פונם אינהאַלט אומאָפּהענגיקע, פּרינציפּן. אָבער יעדערער, ווער ס׳האָט געלייענט „קאַפּיטאַל״, וויים דאָך, אַז נישט בלויז דאָס האָט ער געזאָגט״. לויט ה׳ מיכאַילאָווסקיס ווערטער קומט אויס, אַז מ׳קען אַראָפּנעמען די העגעלישע פאָרמול פונם אינהאַלט, וועלכן מאַרקס זאָל אין איר האָבן אַריינגעקוועטשט, פּונקט אַזוי לייכט ווי מ׳נעמט אַראָפּ אַ הענטשקע פון האַנט אָדער אַ הוט פון קאָפּ. „וואָס ס׳איז שייך די דורכגעגאַנגענע שטופעס פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג קענען דאָ אָפּילו נישט זיין קיין שום ספקות... פּונקט אַזוי ספּקלאָז איז אויך דער ווייטערדיקער פאַר־לויף פונם פּראָצעס: די קאָנצענטרירונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען אַלץ אין אַ קלענערער און קלענערער צאָל הענט. אין באַ־צוג צו דער צוקונפט קענען, נאַטירלעך, יאָ זיין ספקות. מאַרקס באַהויפּטעט, אַז היות ווי די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל ווערט באַגלייט מיט דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער אַר־בעט, וועט זי טאַקע „ווערן״ יענער עקאָנאָמישער און מאַ־ראַלישער באָדן (וויאַזוי־זשע וועט דידאָזיקע פאַרגעזעלשאַפטלע־כונג פון דער אַרבעט „ווערן״ דער מאָראַלישער באָדן? און וואָס־זשע טוט מען מיט דער „זעלבסטאַנטוויקלונג פון די פאָרמען״? ג. פּלעכ.), אויף וועלכן עס וועלן אויסוואַקסן די נייע יורידישע און פּאָליטישע אָרדנונגען. ה׳ זשוקאָווסקי האָט גע־האַט דאָס פולע רעכט אָנצורופן דידאָזיקע געביידע — מויל־

מלאכה, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין שום רעכט (קיין מאָראַליש רעכט, פאַרשטייט זיך) אַבסאָלוט צו פאַרשווייגן די באַדייטונג, וועלכע גיט צו דעם פּראָצעס פון פאַרגעזעלשאַפט-לעכונג"*).

„גאַנץ קאַפּיטאַל", — באַמערקט ריכטיק ה' מיכאַילאָווסקי,— איז געווידמעט דער אויספאָרשונג דערפון, וויאַזוי די איינמאָל-אַנטשטאַנענע געזעלשאַפטלעכע פאָרם האַלט זיך אין איין אַנט-וויקלען, וויאַזוי זי פאַרשטאַרקט אירע טיפּישע שטריכן, מאַכנ-דיק אונטערטעניק צו זיך, אַסימילירנדיק (?) די אַנטדעקונגען, די דערפינדונגען, די אויסבעסערונגען פון די פּראָדוקציע-אופנים, די נייע מערק, די וויסנשאַפט גופא, צווינגענדיק זיי אַלעמען צו אַרבעטן פאַר איר, און וויאַזוי דידאָזיקע פאָרם קען, צום-לעצט, נישט אויסהאַלטן די ווייטערדיקע ענדערונגען פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען **).

ביי מאַרקסן „ווערט גראַד דער אַנאַליז פון די פאַרהעלט-נישן צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פאָרם (ד. ה. פונם קאַפּי-טאַליזם, ה' מיכאַילאָווסקי, נישט אמת?) און צווישן די מאַ-טעריעלע באַדינגונגען פון איר עקזיסטענץ (ד. ה. די פּראָדו-צירנדיקע כּוחות, וועלכע מאַכן די עקזיסטענץ פון דער קאַפּי-טאַליסטישער פּראָדוקציע-פאָרם אַלץ מער און מער אומזיכערער, נישט-אמת, ה' מיכאַילאָווסקי?) אויף תמיד פאַרבלייבן אַלס דענקמאָל פון לאָגישן סיסטעם און פון קאָלאָסאַלער ערודיציע. ה' זשוקאָווסקי האָט די מאָראַלישע דרייסטקייט צו באַהויפּטן, אַז דידאָזיקע פראַגע טוט מאַרקס אויסמיידן. אין אַזאַ פאַל קען מען שוין גאָרנישט מאַכן. ס'פאַרבלייבט נישט מער, ווי נאָכ-צופאָלגן מיט שטוינונג די ווייטערדיקע קאָפּברעכערישע איבונ-גען פונם קריטיקער, וועלכער מאַכט לופט-שפּרונגען כּדי פריי-לעך צו מאַכן דעם עולם, — פון וועלכן איין טייל ווערט, אָן ספק, באַלד פאַרשטיין, אַז ער האָט פאַר זיך אַ דרייסטן אַקראָ-באַט, אָבער זייער צווייטער טייל קען אַמאָל צוגעבן דעם באַ-

---

*) דאָרטן, ז. 254—255.

**) דאָרטן ז. 357.

וואונדערונגסווערטן ספעקטאַקל לגמרי אָן אַנדער באַדייטונג" *).

סומאַ-סומאַרום: אויב ה' זשוקאָווסקי האָט באַשולדיקט מאַרקסן אין פאָרמאַליזם, האָט דידאַזיקע באַשולדיקונג, לויט ה' מיכאַילאָווסקיס ווערטער, מיט זיך פאָרגעשטעלט „איין גרויסן פאַלש, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ ריי קליינע פאַלשקייטן".

שטרענג איז דערדאָזיקער אורטייל, אָבער ער איז אָן אַבסאָלוט גערעכטער. און אויב ער איז גערעכט לגבי זשוקאָווסקין, איז ער אויך גערעכט לגבי די אַלע, וועלכע חזרן איצטער איבער, אַז מאַרקסעס „רעדערייען" באַזירן בלויז אויף דער העגעלישער טריאַדע. און אויב אַזאַ אורטייל איז גערעכט לגבי אַלע אַזעלכע מענטשן, טאָ... זייט זיך מטריח און לייענט איבער פאָלגנדיקן ציטאַט:

„ער (מאַרקס) האָט אויף אַזוי ווייט אָנגעפילט די פוסטע דיאַלעקטישע סכעמע מיט אַ פאַקטישן אינהאַלט, אַז מ'קען זי אַראָפּנעמען פון דעמדאָזיקן אינהאַלט, ווי אַ צודעקל פון אַ כלי, גאָרנישט ענדערנדיק, גאָרנישט קאַליע-מאַכנדיק, אַ חוץ איין פונקט, וועלכער איז, אמת, זייער שטאַרק וויכטיק. און נעמלעך, אין באַצוג צו דער צוקונפט זענען די „אימאַנענטע" געזעצן פון דער געזעלשאַפט אָוועקגעשטעלט אויסשליסלעך דיאַלעקטיש. פאַר אַ רעכטגלויביקן העגעליאַנער איז גענוג צו זאָגן, אַז נאָך דער „אָפּלייקענונג" מוז קומען „די אָפּלייקענונג פון דער אָפּלייקענונג"; אָבער די, וועלכע זענען נישט קיין אָנהענגער פון דער העגעלישער חכמה קענען זיך דערמיט נישט צופרידנשטעלן, פאַר זיי איז דער דיאַלעקטישער אויספיר נישט קיין באַווייז, און דער נישט-העגעליאַנער, וועלכער האָט אים געגלויבט דאַרף וויסן, אַז ער האָט טאַקע בלויז געגלויבט, און ער איז נישט איבערציינט געוואָרן" **).

ה' מיכאַילאָווסקי האָט אַליין אַרויסגעטראָגן אויף זיך דעם אורטייל.

ה' מיכאַילאָווסקי אָנערקענט אַליין, אַז ער חזרט איצט

---

*) דאָרטן ז. ז. 358—357.

**) „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", פעברואַר 1894. 2-טע אָפּט. ז. 151—150.

איבער ה׳ יו. זשוקאָווסקיס ווערטער מכּוח דער „פֿאָרמעלישקייט“ פֿון מאַרקסנס אַרגומענטן פֿאַר די „רעדערייען“. ער האָט נישט פֿאַרגעסן זיין אַרטיקל „קאַרל מאַרקס פֿאַרן געריכט פֿון ה׳ יו. זשוקאָווסקי“ — און ער האָט אַפֿילו מורא, ס׳זאָל זיך נישט דערמאָנען אַמאָל אָן אים אויך זיין לעזער. דעריבער מאַכט ער צום אָנהייב אָן אָנשטעל, אַז ער זאָגט איצטער אויך כּלומרשט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געזאָגט אין די זיבעציקער יאָרן. צוליב דעמדאָזיקן צוועק חזרט ער איבער, אַז מ׳קען די „דיאַלעקטישע סכעמע“ אַראָפּנעמען ווי אַ „צודעקל“ א. א. וו. דערנאָך פֿאָלגט „בלויז איין פּונקט“, לגבי וועלכן ה׳ מיכאַילאָווסקי, קומט זיך פֿולשטענדיק צונויף, אָן דעם ווייסן פֿון לעזער, מיטן ה׳ יו. זשוקאָווסקי, אָבער דערדאָזיקער „איין פּונקט“ איז טאַקע יענער זעלבער אויסערגעוויינלעך-וויכטיקער פּונקט, וועלכער האָט געדינט אַלס אַ סיבה פֿאַרצוואַרפֿן דעם ה׳ זשוקאָווסקי „אַקראָבאַטישקייט“.

אין יאָר 1877 האָט ה׳ מיכאַילאָווסקי געזאָגט, אַז מאַרקס האָט אויך בנוגע דער צוקונפֿט — ד. ה. דווקא בנוגע „איין אויסערגעוויינלעך-וויכטיקן פּונקט“ — זיך נישט באַגרעניצט מיט פֿאַרופֿונגען אויף העגעלן. איצט קומט אויס ביי ה׳ מיכאַילאָווסקין, אַז — ער האָט זיך יאָ באַגרעניצט. אין יאָר 1877 האָט ה׳ מיכאַילאָווסקי געזאָגט, אַז מאַרקס האָט מיט אַ שטויגנענדיק „לאָגישער קראַפֿט“, מיט אַ „קאָלאָסאַלער ערודיציע“ באַוויזן: וויאַזוי די „באַטרעפֿנדיקע פֿאָרם“ (ד. ה. דער קאַפּיטאַליזם) „קען נישט אויסהאַלטן“ די ווייטערדיקע ענדערונגען אין די „מאַטעריעלע באַדינגונגען“ פֿון איר עקזיסטענץ. דאָס האָט טאַקע געהאַט אַ שייכות צו „איין אויסערגעוויינלעך וויכטיקן פּונקט“. איצט האָט ה׳ מיכאַילאָווסקי פֿאַרגעסן וויפֿל איבערצייגנדיקע געדאַנקען מאַרקס האָט אַרויסגעזאָגט מכּוח דעמדאָזיקן פּונקט און וויפֿל לאָגישע קראַפֿט און קאָלאָסאַלע ערודיציע ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן. אין יאָר 1877 האָט זיך ה׳ מיכאַילאָווסקי געוואונדערט אויף דער „מאָראַלישער דרייסטקייט“, מיט וועלכער ה׳ זשוקאָווסקי האָט פֿאַרשוויגן וועגן דעם, וואָס מאַרקס האָט, באַגרינדנדיק זיינע רעדערייען, זיך געשטיצט אויף דער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג פֿון דער אַרבעט, וועלכע

קומט שוין פאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס האָט אויך געהאַט אַ שייכות צו „איין אויסערגעוויינלעכן וויכטיקן פונקט". ביי היינטיקן טאָג פאַרזיכערט ה׳ מיכאַילאָווסקי די לעזער, אַז וואָס ס׳איז נוגע דעמדאָזיקן פונקט רעדט מאַרקס „אויסשליסלעך דיאַלעקטיש", אין יאָר 1877 האָט „יעדערער, וואָס האָט געלייענט „קאַפּיטאַל" געוואוסט, אַז מאַרקס האָט „נישט בלויז דאָס געזאָגט". איצטער ווייזט זיך אַרויס, אַז — „בלויז דאָס", און אַז די זיכערקייט פון זיינע אָנהענגער וועגן דער צוקונפט „האַלט זיך אויסשליסלעך אויפן עק פון דער העגעלישער דרייעקיקער קייט *), דאָס איז, נישט צו פאַרזינדיקן, נישקשה פון אַ ריקצוג!

ה׳ מיכאַילאָווסקי האָט אַרויסגעטראָגן אויף זיך אַליין דעם אורטייל און ער אָנערקענט, אַז ער האָט אים אַרויסגעטראָגן.

אָבער וואָס-זשע איז עפּעס פלוצלונג איינגעפאַלן דעם ה׳ מיכאַילאָווסקי זיך אַליין מקיים-פּסק זיין דורכן אומדערבאַרמדיקן אורטייל, וועלכן ער גופא האָט אַרויסגעטראָגן? צי דען טאַקע זאָל דערדאָזיקער מענטש, וועלכער פלעגט פריער ליידנשאַפטלעך דעמאַסקירן די ליטעראַרישע „אַקראָבאַטן", אויף די עלטערע יאָרן אַליין האָבן דערשפּירט אַ נייגונג צו דער „אַקראָבאַטישער קונסט", צי דען זענען מעגלעך אַזעלכע פאַרוואַנדלונגען? כּלערליי פאַרוואַנדלונגען זענען מעגלעך, לעזער! און מענטשן, ביי וועלכע עס קומען פאָר אַזעלכע פאַרוואַנדלונגען, זענען ווערט מ׳זאָל זיי שטאַרק טאַדלען. נישט מיר וועלן עס זיין דידאָזיקע וואָס זאָלן זיי פאַרטיידיקן. אָבער אַפילו צו זיי דאַרף מען זיך אויך באַציען, ווי מ׳רופט עס, מענטשלעך, דערמאָנט זיך אָן די טיף-הומאַנישע ווערטער פונם מחבר פון די באַמערקונגען צו מ י ל ן: ווען אַ מענטש טוט עפּעס אַ שלעכטע זאַך, איז עס אָפט נישט אַזוי פיל זיין שולד, וויפל זיין אומגליק; דערמאָנט זיך, וואָס האָט געזאָגט דערזעלבער מחבר מכּוח דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון נ. א. פּאָליעוואָי (182):

„נ. א. פּעליאָוואָי איז געווען אַן אָנהענגער פון ק ו ז ע נ ע ן (183), וועמען ער האָט געהאַלטן פאַרן פאַרענט-

---

*) דאָס זעלבע אָרט, ז. 166.

ערער פון אַלע קליגסטע אויפגאַבן און פאַרן גרעסטן פילאָזאָף אין דער וועלט... קוזענס אָנהענגער האָט נישט געקענט שלום-מאַכן מיט דער העגעלישער פילאָזאָפיע, און ווען די העגעלישע פילאָזאָפיע איז אַריינגעדרונגען אין דער רוסישער ליטעראַטור אַריין, — האָבן קוזענס תּלמידים אויסגעזען ווי אָפּגעשטאַנענע מענטשן, — און פון זייער זייט איז קיין שום מאָ־אַליש־פאַרברעכערישעס נישט געווען דערין, וואָס זיי פלעגן פאַרטיידיקן זייערע איבערצייגונגען און זיי פלעגן אָנרופן אַלס אומזיניק דאָס, וואָס עס פלעגן זאָגן מענטשן, וועלכע זענען ווייטער-געגאַנגען פון זיי אין דער אינטעלעקטועלער באַוועגונג; מ׳קען נישט באַשולדיקן אַ מענטש דערפאַר, וואָס אַנדערע, וועלכע זענען באַשאָנקען מיט פרישערע כּוחות און מיט מער אַנטשיידנקייט, זענען אַוועק ווייטער איידער ער, — זיי זענען גערעכט, ווייל זיי זענען נענטער צום אמת, אָבער ער איז נישט שולדיק, — ער איז זיך בלויז טועה״ *).

ה׳ מיכאַילאָווסקי איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַן עקלעקטיקער. שלום-מאַכן מיט מאַרקסנס היסטאָרישער פילאָזאָפיע האָט ער נישט געקענט לויט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון זיין אינטעלעקט, לויט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון זיין פריערדיקער, — אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן בנוגע דעם ה׳ מיכאַילאָווסקי, — פילאָזאָפישער בילדונג. ווען מאַרקסנס אידעען האָבן גענומען אַריינדרינגען אין רוסלאַנד, האָט ער לכתחלה. געפּרוּווט זיי פאַרטיידיקן, דערביי איז, פאַרשטייט זיך, די זאַך נישט אַדורך אָן פּילצאַליקע באַוואָרעניש און אָן גאַנץ באַדייטנדיקע „מיספאַרשטענדנישן״. ער האָט דאַמאָלס געמיינט, אַז ס׳וועט אים געלינגען אויך דידאַזיקע אידעען צו צעמאָלן אין זיין עקלעקטישער מיל און אַזוי־אַרום אַריינברענגען נאָך מער פאַרשיידנאַרטיקייט אין זיין גייסטיקער שפּייז. דערנאָך האָט ער דערזען, אַז פאַר דער פאַרשענערונג פון די מאָזאַאישע אַרבעטן, וועלכע ווערן אָנגערופן די וועלט-אויפפאַסונג פון די עקלעקטיקער, טויגן לחלוטין נישט מאַרקסנס אידעען, אַז זייער פאַרשפרייטונג דראָט חיוב צו מאַכן זיין באַליבטע

*) „אָטשערקי גאָגאָליעווסקאָגאָ פּעריאָדאַ רוסקאָי ליטעראַטורי״, ז. 24—25.

מאָזאַאיק, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין קאַמף אויף דידאַ־זיקע אידעען. נאַטירלעך, האָט ער זיך דערביי תיכף־ומיד אַרויסגעוויזן אַלס אָפּגעשטאַנענער מענטש, נאָר אונז דאַכט זיך באמת, אַז ער איז נישט שולדיק, אַז ער איז זיך בלויז טועה.

— אָבער דאָס אַלץ פאַרענטפערט דאָך נישט די „אַקראָ־באַטישקייט״!

— מיר פאַרטיידיקן זי טאַקע נישט, מיר ווייזן בלויז אָן אויף מילדערנדיקע אומשטענדן. אויף אַ לחלוטין אומבאַמערק־באַרן פאַר זיך אַליין אופן איז ה׳ מיכאַילאָווסקי, אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פונם רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, אַריינגעפאַלן אין אַזאַ לאַגע, פון וועלכער מ׳קען זיך אַרויספּלאָנטערן נאָר מיט דער הילף פון „אַקראָבאַטישקייט״. ס׳איז פאַראַן, אמת, נאָך אַן אויסוועג, אָבער דערויף וואָלט זיך דעצידירט נאָר אַזאַ מענטש, וועלכער איז פול מיט א מ ת ד י ק ן העראָאיזם, דערדאָזיקער אויסוועג איז: ל י י ג ן ד אָ ס ע ק ל ע ק ט י ש ע ג ע ו ו ע ר.

שלוס

ביז איצט האָבן מיר, איבערגעבנדיק מאַרקסנס אידעען, באַטראַכט הויפּטזאַכלעך יענע קעגן־טענות, וועלכע ווערן לגבי אים אַרויסגעזאָגט פון טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט. איצט וועט אונז זיין נוצלעך, מיר זאָלן זיך אויך באַקענען מיטן „פּראַקטישן פאַרשטאַנד", לכל־הפּחות, פון אַ געוויסן טייל פון זיינע קעגנער. דערביי וועלן מיר באַנוצן אַ היסטאָרישן פאַרגלייכונגס־מעטאָד. מיט אַנדערע ווערטער, מיר וועלן צום אָנהויב באַטראַכטן, וויאַזוי האָט באַגעגנט מאַרקסנס אידעען דער „פּראַקטישער פאַרשטאַנד" פון די דייטשישע אוטאָפּיסטן, און דערנאָך וועלן מיר זיך אומקערן צום פאַרשטאַנד פון אונזערע טייערע און געערטע פאָטערלאַנד־ברידער.

ביים סוף פון די פערציקער יאָרן (פון ניינצנטן יאָרהונדערט) איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע פּאָלעמיק פון מאַרקסן און ענגעלסן מיט דעם באַרימטן קאַרל היינצען (184). די פּאָלעמיק האָט באַלד פון אָנהויב אָנגענומען זייער אַ הייסן כאַראַקטער. קאַרל היינצען האָט זיך באַמיט אויסצולאַכן כדבעי די אידעען פון זיינע קעגנער און האָט ביי דערדאָזיקער באַשעפטיקונג אַרויסגעוויזן אַזאַ פלינקייט, וועלכע דאַרף זיך גאָרנישט שעמען אַנטקעגן דער פלינקייט פון ה' מיכאַילאָווסקי. מאַרקס און ענגעלס זענען, פאַרשטייט זיך, קיין בעל־חובס נישט געבליבן. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין שאַרפקייטן. היינצען האָט אָנגערופן ענגעלסן „לייכטזיניק, חוצפּהדיק יינגל", מאַרקס האָט אָנגערופן היינצענען — דער פאָרשטייער פון דער גראָב-

ענגלישער ליטעראַטור, און ענגעלס האָט אים פּראָקלאַמירט אַלס „דעם אַמעראַצישסטן מענטש פון זיין יאָרהונדערט". אַרום וואָסשע האָט זיך געדרייט דער וויכּוח? וואָס פאַר אַ אָנשויאונגען האָט היינצען צוגעשריבן מאַרקסן און ענגעלסן? — פאָלגנדיקע אָנשויאונגען:

היינצען האָט פאַרזיכערט, אַז לויט מאַרקסנס שטאַנדפּונקט האָט איינם דאַמאָלסדיקן דייטשלאַנד נישט געהאַט וואָס צו טאָן אַ מענטש, וועלכער איז כאָטש אויף וויפל נישט איז געווען דורכגעדרונגען מיט גוטע כּוונות. לויט מאַרקסן קומט אויס, פלעגט היינצען זאָגן, אַז „אַפריער מוז אָנקומען די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע דאַרף פאַבריצירן דעם פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט", און יענער, פון זיין זייט, וועט ערשט אָנהויבן טאָן *).

מאַרקס און ענגעלס „האָבן נישט גענומען אין אַכט יענעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן דורך די פּיראַנדרייסיק דייטשישע וואַמפּירן" ד. ה. אַנדערש געזאָגט, זיי האָבן נישט גענומען אין אַכט דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק, באַר אויסשליסלעך די פאַבריק-אַרבעטער (מיטן וואָרט „פּראָלעטאַריאַט" באַצייכנט היינצען בלויז די עלנטע לאַגע פון דעמדאָזיקן פאָלק). דערדאָזיקער פּילצאָליקער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט געהאַט, כּלומרשט, לויט מאַרקסנס מיינונג, קיין שום רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר זיך אַ בעסערע צוקונפט דערפאַר, ווייל ער האָט געטראָגן אויף זיך „בלויז אַ צייכן פון אונטערדריקונג, און נישט קיין פאַבריקשטעמפּל; ער האָט געדאַרפט געדולדיק הונגערן און שטאַרבן פון הונגער (hungern und verhungern) אַזוי לאַנג, ביז וואַנען פון דייטשלאַנד וועט נישט ווערן ענגלאַנד. די פאַבריק איז אַ שולע, וועלכע דאָס פאָלק מוז פריער דורכגיין, כּדי צו באַקומען דאָס רעכט זיך צו נעמען פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין מצבֿ" **).

---

*) Die Helden deutschen Kommunismus, Bern, 1848. S. 21.

**) דאָרטן ז. 22.

יעדערער, ווער ס'איז כאָטש אַביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דייטשלאַנד, ווייס איצט, אויף ווי ווייט אומזיניק עס זענען געווען דידאָזיקע באַשולדיקונגען פון היינצענען. יעדערער ווייס, צי האָבן מאַרקס און ענגעלס פאַרמאַכט די אויגן אויף דער עלנטער לאַגע פונם דייטשישן פאָלק. יעדערער פאַרשטייט, צי ס'איז געווען ריכטיק זיי צוצושרייבן דעם געדאַנק, אַז אַ לייטישער מענטש האָט נישט אין דייטשלאַנד וואָס צו טאָן, כּל־זמן דערפון וועט נישט ווערן ענגלאַנד; דאַכט זיך, אַז אָט אָ די מענטשן האָבן יאָ עפּעס געטאָן און — נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַזאַ מין פאַרוואַנדלונג פון זייער פאָטערלאַנד. טאָ פאַרוואָס־זשע האָט זיי היינצען צוגעשריבן אָט אָ די אַלע שטותים? צי דען טאַקע מיט אַ בייזער כּוונה? ניין, מיר וועלן ווידער זאָגן: דאָ איז נישט אַזוי פיל זיין שולד, וויפל זיין אומגליק. ער האָט פּשוט נישט פאַרשטאַנען מאַרקסנס און ענגעלסעס אָנשויאונגען, און דעריבער האָבן זיי ביי אים אויסגעזען אַלס שעדלעכע, און היות ווי ער האָט זייער הייס ליב געהאַט זיין לאַנד, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן קעמפן קעגן די־דאָזיקע, פאַר זיין לאַנד, כּלומרשט, שעדלעכע אָנשויאונגען. אָבער נישט פאַרשטיין — איז אַ שלעכטער בעל־יועץ און זייער אָן אומזיכערער מיטהעלפער אין אַ שטרייט. אָט פאַרוואָס הייַצען האָט זיך פלוצלונג געפונען אין דער סאַמע אומזיניקסטער לאַגע. ער איז געווען זייער אַ שאַרפזיניקער מענטש, אָבער אָ ן פאַרשטיין קען מען מיט שאַרפזיניקייט אַליין קיין סאַך נישט אויפטאָן, און איצט איז „Les rieurs“ נ י ש ט א ו י ף ז י י ן צ ד.

אויף הייַנצענען דאַרף מען, ווי דער לעזער זעט, קוקן מיטן זעלבן בליק, מיט וועלכן מ'דאַרף קוקן ביי אונז (אין רוסלאַנד), אויף ה׳ מיכאַילאָווסקי, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַבסאָלוט אַנאַלאָגישן שטרייט. און צי דען דאַרף מען ביי אונז אַזוי קוקן בלויז אויף ה׳ מיכאַילאָווסקין? די אַלע, וועלכע שרייבן צ ו די „תּלמידים“ די שטרעבונג אָנצוקומען אויף דינסט צו די קאָלופּאַיעווס און ראַזוואַיעווס, — און אַזעלכע זענען פאַראַן זייער אַ סאַך, — אָט די אַלע חזרן דאָך איבער הייַצענס טעות, קיינער פון זיי האָט דאָך נישט אויסגעקלערט

קיין איין קעגנשטאַנד קעגן די „עקאָנאָמישע״ מאַטעריאַליסטן, וואָס זאָל שוין נישט האָבן פיגורירט, כמעט מיט פופציק יאָר צוריק, אין הײַנצענס אַרגומענטאַציע. אויב בײַ זיי איז פאַראַן עפּעס אָריגינעלס, איז עס איין זאַך: אַ נאַאיוו נישט וויסן, אויף ווי ווייט זיי זענען נישט אָריגינעל. זיי ווילט זיך כסדר אויסגעפינען „נייע וועגן״ פאַר רוסלאַנד, און צוליב זייער אומוויסנהייט טרעפט אַרויף דער „אָרימער רוסישער געדאַנק״ אויף אַלטע, קרומע, לאַנג-פאַרלאָזענע וועגן פונם אייראָפּעאישן געדאַנק. דאָס איז מאָדנע, אָבער עס איז אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך, — אויב מיר זאָלן באַנוצן צו דער דערקלערונג פון דערדאָזיקער, אין פלוג, משונהדיקער דערשיינונג „די קאַטעגאָריע פון באַלקאָרכעדיקייט״. בײַ אַ געוויסער סטאַציע פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונם באַטרעפנדיקן לאַנד וואַקסן „באַלקאָרכע״ אויס אין די קעפּ פון דער אינטעליגענץ געוויסע אָרנטלעכע נאַרישקייטן.

ווי ווייט קאָמיש ס'איז געווען הײַנצענס לאַגע אינם שטרייט מיט מאַרקסן, באַווײַזט פאָלגנדיקער בײַשפּיל. ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו זײַנע קעגנער, פאָדערנדיק פון זיי אַ גענויעם „אידעאַל״ פון דער צוקונפט: זאָגט מיר, פלעגט ער זיי פרעגן, וויאַזוי וועלן לויט אײַער מיינונג זײַן רעגולירט אין דער צוקונפט די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן? וואָס פאַר אַ תחומים דאַרפן זײַן פאַרן פּריוואַט-אייגנטום פון איין זייט און פאַרן געזעלשאַפטלעכן — פון דער צווייטער. זיי פלעגן אים ענטפערן, אַז אין יעדן באַטרעפנדיקן מאָמענט בילדן זיך אויס די פאַרמעגן-פאַרהעלטנישן פון דער געזעלשאַפט לויטן צושטאַנד פון איר פּראָדוצירנדיקע כוחות, און אַז דעריבער קען מען בלויז אָנווײַזן אויף דער אַלגעמיינער ריכטונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אָבער מ'קען נישט אויסאַרבעטן פון פריער-אויס קיין שום באַשטימטע געזעצפּראָיעקטן. מ'קען שוין איצט זאָגן, אַז די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער אַרבעט, וועלכע ווערט באַשאַפן דורך דער גייסטער אינדוסטריע, מוז פירן צו דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די פּראָדוקציע-מיטלען. אָבער ס'איז אוממעגלעך צו זאָגן, אין וואָס פאַר אַ תחומים מ'וואָלט

געקענט פאַרווירקלעכן דידאָזיקע נאַציאָנאַליזאַציע, לאָמיר אָננעמען, אין אַ צען יאָר אַרום: דאָס וואָלט געווען אָפּהענגיק דערפון, אין וואָס פאַר אַ קעגנזייטיקע באַציאונגען עס וואָלטן זיך דאַן געפונען די קליינע און די גרויסע אינדוסטריע, דער גרויסער ערד־באַזיץ און דאָס פויערשע ערד־אייגנטום א. ד. גל. — ג, אויב אַזוי, הייסט עס, איז ביי אייך נישט פאַראַן קיין שום אידעאַל, פלעגט מאַכן אַן אויספיר היינצען; שוין איינמאָל אַן אידעאַל וועט עס זיין, וואָס וועט ערשט פאַבריצירט ווערן שפעטער דורך די מאַשינען.

היינצען איז געשטאַנען אויף אַן אוטאָפישן שטאַנדפונקט. אַן אוטאָפיסט, ווען ער אַרבעט אויס זיין „אידעאַל", גייט ער תמיד אַרויס, ווי מיר ווייסן, פון עפעס אַן אַבסטראַקטן באַגריף, — למשל, פונם באַגריף וועגן דער מענטשלעכער נאַטור, — אָדער פון עפעס אַן אַבסטראַקטן פרינציפ, למשל, פונם פרינציפ פון אַזעלכע־און־אַזעלכע רעכט פון דער פערזענלעכקייט, אָדער פונם פרינציפ פון „אינדיווידואַליטעט" א. ד. ג. א. ד. ג. וויבאַלד ס'איז פאַראַן אַזאַ פרינציפ, איז נישט שווער, אַרויסגייענדיק פון אים, צו באַשטימען מיט דער אַבסאָלוטער גענויאיקייט, מיט די קלענסטע פרטים, ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען (פאַרשטענדלעך, אומבאַשטימט, אין וואָסער צייט און ביי וואָסערע צייט־אומשטענדן), לאָמיר זאָגן, די פאַרמעגן־פאַרהעלטנישן צווישן די מענטשן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז אַן אוטאָפיסט קוקט מיט שטוינונג אויף די, וועלכע זאָגן אים, אַז עס קענען נישט זיין אַזעלכע פאַרמעגן־פאַרהעלטנישן, וועלכע זאָלן זיין גוט אַן־און־פאַר־זיך, אָן אַ שייכות צו די אומשטענדן פון אָרט און צייט. אים דאַכט זיך, אַז אַזעלכע מענטשן פאַרמאָגן נישט קיין שום „אידעאַלן". אויב דער לעזער האָט נישט זייער נישט־אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט אונזערע רייד, ווייסט ער, אַז אין דעם פאַל איז דער אוטאָפיסט שטאַרק אומגערעכט. מאַרקס און ענגעלס האָבן פאַרמאָגט אַן אידעאַל, און זייער אַ קאָנקרעטן אידעאַל: מאַכן אונטערטעניק די באַלקאָרכעדיקייט דער פרייהייט, די בלינדע עקאָנאָמישע געזעצן — דעם כוח פונם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. באַזירנדיק

זיך אויף דעמדאָזיקן אידעאַל, פלעגן זיי טאַקע ווענדן זייער פּראַקטישע טעטיקייט אין זיין ריכטונג, ד. ה. זיי פלעגן נישט דינען דער בורזשואַזיע נאָר זיי פלעגן אַנטוויקלען דעם זעלבסט-באַוואוסטזיין פון די זעלבע פּראָדוצירער, וועלכע דאַרפן מיט דער צייט ווערן באַלעבאַטים פון זייערע פּראָדוקטן.

מאַרקס און ענגעלס האָבן נישט געהאַט קיין באַדערפעניש צו „זאָרגן" וועגן דעם, אַז דייטשלאַנד זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין ענגלאַנד אָדער, ווי מ'זאָגט עס איצטער ביי אונז, וועגן דינען דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע האָט זיך אַנטוויקלט אָן זייערע אָנשטרענגונגען, און ס'איז געווען אוממעגלעך אָפּ-צושטעלן דידאָזיקע אַנטוויקלונג, ד. ה. עס זענען נישט געווען אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע כּוחות, וועלכע זאָלן געוועסט זיין פעאיק דאָס צו טאָן. און אגב וואָלט עס נעווען נישט נויטיק צו טאָן ווייל די אַלטע עקאָנאָמישע אָרדנונגען זענען, סוף-כּל-סוף, געווען נישט בעסער ווי די בורזשואַזע און אין די פער-ציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט זענען זיי שוין געווען אַזוי פאַרעלטערט, אַז זיי זענען געוואָרן שעדלעך פאַר אַלעמען. אָבער די אוממעגלעכקייט אָפּצושטעלן די אַנטוויק-לונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע האָט נאָך נישט צוגענומען ביי די דענקנדיקע מענטשן פון דייטשלאַנד די מעג-לעכקייט צו דינען דעם וואוילשטאַנד פונם פאָלק. די בורזשואַזיע פאַרמאָגט אירע אומפאַרמיידלעכע מיטגייער: די אַלע, וועלכע דינען ווירקלעך איר טייסטער צוליב עקאָ-נאָמישער נויטווענדיקייט. וואָס אַנטוויקלטער עס איז דער באַוואוסטזיין ביי דידאָזיקע נישט-ווילנדיקע דינערס, אַלץ בעסער איז זייער מצב, אַלץ שטאַרקער איז זייער ווידערשטאַנד קעגן די קאַלופּאַיעווס און ראַזוואַיעווס פון אַלע לענדער און פון אַלע פעלקער. מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך טאַקע גע-שטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו אַנטוויקלען דעמדאָזיקן זעלבסט-באַוואוסטזיין. אין הסכּם מיטן גייסט פון דיאַלעקטישן מאַטער-יאַליזם האָבן זיי פאַר זיך באַלד לכתחילה אַוועקגעשטעלט אַ פולשטענדיק און אויסשליסלעך אידעאַליס-טישע אויפגאַבע.

אַלס קריטעריום פאַר אַן אידעאַל דינט די עקאָנאָמישע

ווירקלעכקייט. אַזוי האָבן געזאָגט מאַרקס און ענגעלס, און אויף דעם סמך פלעגט מען זיי חושד זיין אין אַ מין עקאָנאָמישער הכנעהדיקייט, אין אַ גרייטקייט צו טרעטן מיט די פיס דעם עקאָנאָמיש שוואַכערן און זיך אונטערצוחנפענען דעם עקאָנאָמיש שטאַרקערן. דער מקור פון אַזעלכע מיני חשדים איז געווען אינם מעטאַפיזישן פאַרשטיין דאָס, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געמיינט מיט די ווערטער: עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט. ווען אַ מעטאַפיזיקער הערט, אַז אַ געזעלשאַפטלעכער טוער דאַרף זיך שטיצן אויף דער ווירקלעכקייט, מיינט ער, אַז מ'הייסט אים, ער זאָל שלום-מאַכן מיט איר. ער ווייסט נישט, אַז אין יעדער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט עקזיסטירן קעגנזעצלעכע עלעמענטן און אַז שלום-מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט וואָלט באַטייט שלום-מאַכן בלויז מיט איינעם פון דידאָזיקע עלעמענטן, מיט דעם, וואָס איז דער הערשנדיקער אין דער באַטרעפנדיקער צייט. די מאַטעריאַליסטן-דיאַלעקטיקער פלעגן אָנווייזן און זיי ווייזן-אָן אויף אַ צווייטן, אויף אַ פיינטלעכן צו דעם ערשטן, עלעמענט פון דער ווירקלעכקייט, אויף יענעם, אין וועלכן עס רייפט זיך אויס די צוקונפט. פרעגן מיר: צי הייסט דאָס שטיצן זיך אויף דעם דאָזיקן עלעמענט, דאָס נעמען אים אַלס אַ קריטעריום פון די אייגענע „אידעאַלן", — אונטערחנפענען זיך די „קאַלופאַיעווס און ראַזוואַיעווס (195)"?

אָבער אויב אַלס קריטעריום פון אַן אידעאַל דאַרף דינען די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט, איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ מאָראַלישער קריטעריום פון אַן אידעאַל איז נישט באַפרידיקנדיק נישט דערפאַר, וואָס די מאָראַלישע געפילן פון מענטשן פאַרדינען גרינגשעצונג אָדער פאַראַכטונג, נאָר דערפאַר ווייל דידאָזיקע געפילן ווייזן אונדז נאָך נישט אָן דעם ריכטיקן וועג וויאַזוי צו דינען די אינטערעסן פון אונזערע נאָענטע. ... אַ דאָקטאָר געניגט נישט, ער זאָל מיטפילן די לאַגע פון זיין קראַנקן פאַציענט, ער מוז זיך רעכענען מיט דער פיזישער ווירקלעכקייט פונם אָרגאַניזם, ער מוז זיך שטיצן אויף איר, קעמפנדיק מיט איר. ווען עס וואָלט איינגעפאַלן אַ דאָקטאָר זיך צו באַגנוגענען מיט אַ מאָראַלישער

דעצערנונג קעגן דער קרענק, וואָלט ער ווערט געווען דעם סאַמע בייסיקסטן חוזק. אין דעם זין האָט טאַקע מאַרקס אָפּגעחוזקט פון דער „מ אָ ר אַ ל י ז י ר נ ד י ק ע ר ק ר י ט י ק" און פון דער „ק ר י ט י ש ע ר מ אָ ר אַ ל" פון זיינע קעגנער. און די קעגנער האָבן געמיינט, אַז ער חוזקט אָפּ פון דער „מ אָ ר אַ ל י ש - ק יי ט". די מענטשלעכע מאָראַלישקייט און דער ווילן האָבן נישט קיין ווערט אין די אויגן פון יענע מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן אַליין נישט, נישט קיין מאָראַלישקייט, נישט קיין „ווילן", האָט אויסגעשריגן היינצען *).

פונדעסטוועגן דאַרף מען אָבער באַמערקן, אַז אויב אונזערע רוסישע קעגנער פון די „עקאָנאָמישע" מאַטעריאַליסטן חזרן אין אַלגעמיין בלויז איבער, — Sans le savoir — די אַרגומענטן פון זייערע דייטשישע פאָרגייער, מאַכן זיי פונדעסטוועגן אַביסל פאַרשיידנפאַרביקער זייער אַרגומענטאַציע מיט עטלעכע פּרטים. אַזוי, למשל, פלעגן זיך די דייטשישע אוטאָפּיסטן נישט אַריינלאָזן אין לאַנגע חקירות וועגן דעם „ג ע ז ע ץ פ ו ן ד ע ר ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג" פון דייטשלאַנד. ביי אונז אין רוסלאַנד, דאַקעגן, האָבן אַזעלכע מיני חקירות אָנגענומען באמת־שרעקלעכע מאָסשטאַבן. דער לעזער געדענקט, אַז ה' וו. וו. האָט נאָך ביים סאַמע אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן צוגעזאָגט צו אַנטדעקן דעם געזעץ פון רוסלאַנדס עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אמת, ה' וו. וו. האָט שפּעטער אָנגעהויבן מוראהאָבן פאַר אַזאַ געזעץ, אָבער ער האָט דערביי אַליין באַוויזן, אַז ער האָט פאַר אים מורא בלויז צייטווייליק, בלויז ביז דער צייט, ביזוואַנען די רוסישע אינטעליגענץ וועט נישט אַנטדעקן זייער אַ גוטן און זייער אַ וואוילן געזעץ. אין אַלגעמיין אָבער נעמט אויך ה' וו. וו. גערן אַן אָנטייל אין די אומענדלעכע וויכוחים מכּוח דעם, צי רוסלאַנד דאַרף, צי זי דאַרף נישט דורכגיין די פּאַזע פון קאַפּיטאַליזם. נאָך פון די זיבעציקער יאָרן איז צו דידאָזיקע וויכוחים געוואָרן צוגעטשעפּעט מאַרקסנס לערע.

וויאַזוי עס פירן זיך ביי אונז אַזעלכע וויכוחים, באַווייזט

---

*) דאָרטן ז. 22.

דאָס סאַמע נייסטע וואָרט פון ה׳ ס. ק ר י וו ע נ ק אָ (185). דער־דאָזיקער מחבר, אָפּאָנירנדיק דעם ה׳ פּ. סטרוּווע (186), עצהט זיין קעגנער זיך בעסער אַריינצוטראַכטן אין דער פראַגע וועגן דער „אומבאַדינגטקייט און וועגן די גוטע פאָלגן פונם קאַפּי־טאַליזם״.

„אויב דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַטאַלע, אומפאַרמיידלעכע אַנטוויקלונג־סטאַדיע, וועלכע עס דאַרף דורכמאַכן יעדע מענטשלעכע געזעלשאַפט, אויב מ׳מוז פאַר דערדאָזיקער היסטאָרישער נויטווענדיקייט בויגן דעם קאָפּ, איז אַ פראַגע צי דאַרף מען אָננעמען אַזעלכע מיטלען, וועלכע קענען בלויז פאַרפאַמעלעכערן דעם אָנקום פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג, צי, אדרבה, אפשר דאַרף מען פאַרלייכטערן דעם איבערגאַנג צו איר און באַנוצן אַלע אָנשטרענגונגען, אַז זי זאָל וואָס גיכער אָנקומען, ד. ה. מ׳דאַרף זיך באַמיען מיט־העלפן דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע און דער קאַפּיטאַליזירונג פון דער האַנטווערקעריי, דער אַנט־וויקלונג פונם קולאַקנטום... דער פאַרניכטונג פון דער דאָרפ־געמיינדע, דער ערדלאָזווערונג פון דער באַפעלקערונג און בכלל דער אַרויסשטופּונג פונם אומנויטיקן פויער פון דאָרף אין די פאַבריקן אַריין״ *).

ה׳ ס. קריווענקאָ שטעלט דאָ אייגנטלעך אַוועק צוויי פראַגן: 1) צי שטעלט מיט זיך פאָר דער קאַפּיטאַליזם אַ פאַ־טאַלע, אומפאַרמיידלעכע סטאַדיע? 2) אויב יאָ, טאָ וואָס פאַר אַ פראַקטישע אויפגאַבן דרינגען דערפון אַרויס? לאָמיר זיך אָפּ־שטעלן אויף דער ערשטער פראַגע.

ה׳ ס. קריווענקאָ פאָרמולירט זי ריכטיק אין דעם זין, וואָס איין טייל, און דערצו דער גרעסטער, פון אונזער אינ־טעליגענץ האָט זיך מיט אָט דער פראַגע באַשעפטיקט טאַקע אין אַזאַ פאָרם: צי שטעלט מיט זיך פאָר דער קאַפּיטאַליזם אַ פאַטאַלע, אומפאַרמיידלעכע סטאַדיע, וועלכע עס מוז דורכ־מאַכן יעדע מענטשלעכע געזעלשאַפט? אַ געוויסע צייט האָט מען געמיינט, אַז מאַרקס האָט געענטפערט אויף דערדאָזיקער

*) „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״, דעצעמבער, 1892. 2־טע אָפּט. ז. 189.

פראַגע פּאָזיטיוו, און מ'האָט געהאַט שטאַרק עגמת-נפש דערפון. ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַקאַנטער בריוו פון מאַרקסן, כלומרשט צום ה' מיכאַילאָווסקי*), האָט מען מיט אַ פאַרוואונדערונג דערזען, אַז מאַרקס האָט נישט אָנערקענט די „אומבאַדינגטקייט" פון דערדאָזיקער סטאַדיע, און דאַן האָט מען מיט בייזער הנאה באַשלאָסן: יאָ, ער האָט זיי נישקשהדיק פאַרשעמט, זיינע רוסישע תלמידים! אָבער די בייזע הנאה-האָבער האָבן פאַרגעסן דאָס פראַנצויזישע גלייכווערטל: bien rira qui rira le dernier.

פון אָנהויב ביזן סוף פון דעמדאָזיקן וויכוח האָבן זיך די קענער פון מאַרקסנס „רוסישע תלמידים" אַריינגעלאָזן אין דער סאַמע „אומנאַטירלעכסטער פוסטרעדעריי".

עס גייט דערין, וואָס רעדנדיק וועגן דער צוגעפּאַסטקייט פון מאַרקסנס היסטאָרישער טעאָריע צו רוסלאַנד האָבן זיי פאַרגעסן איין קלייניקייט: זיי האָבן פאַרגעסן זיך קלאָר צו מאַכן, אין וואָס דידאָזיקע טעאָריע באַשטייט אייגנטלעך. און ס'איז באמת געווען אינטערעסאַנט צו זען די קלעם, אין וועלכער עס זענען, אַדאַנק דעם, אַריינגעפאַלן די רוסישע סוביעקטיוויסטן מיט ה' מיכאַילאָווסקין אין דער שפּיץ.

ה' מיכאַילאָווסקי האָט אַדורכגעלייענט (אויב ער האָט אַדורכגעלייענט) די הקדמה צו „Zur Ktitik" אין וועלכער עס ווערט איבערגעגעבן מאַרקסנס פילאָזאָפיש-היסטאָרישע טעאָריע, און ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס איז נישט מער ווי העגעליאַניזם. נישט באַמערקנדיק דעם העלפאַנט דאָרטן, וואו דער העלפאַנט געפינט זיך אינדעראמתן, האָט זיך ה' מיכאַילאָווסקי גענומען אַרומקוקן אין די זייטן, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט ענדלעך דערזען דעם געזוכטן העלפאַנט אינעם קאַפּיטל וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג, וואו עס רעדט זיך וועגן דער היסטאָרישער באַוועגונג פונם מערבדיקן

---

*) אין דעמדאָזיקן קאָנצעפּט פון אַ בריוו, וועלכער האָט נישט באַקומען קיין ענדגילטיקע באַאַרבעטונג, ווענדעט זיך מאַרקס נישט צום ה' מיכאַילאָווסקי נאָר צום רעדאַקטאָר פון די „אָטיעטשעסטווענניע זאַפּיסקי". וועגן ה'מיכאַילאָווסקי רעדט מאַרקס אין דעם דריטער פערזאָן.

קאַפּיטאַליזם, און לגמרי נישט וועגן דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

יעדער פּראָצעס איז אָן ספק „אומבאַדינגט" דאָרטן, וואו ער עקזיסטירט. אַזוי, למשל, איז דאָס ברענען פון אַ שוועבעלע אומבאַדינגט, וויבאַלד דאָס שוועבעלע האָט זיך אָנגעצונדן דאָס שוועבעלע לעשט זיך „אומבאַדינגט" אויס, וויבאַלד דער ברענונגס-פּראָצעס האָט זיך פאַרענדיקט. אין „ק אַ פּ י ט אַ ל" רעדט זיך וועגן דעם גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וועלכע איז „אומבאַדינגט" פאַר יענע לענדער, וואו דידאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אַן אָרט. מיינענדיק, אַז אינם דערמאָנטן קאַפּיטל פון „קאַפּיטאַל" האָט ער פאַר זיך די גאַנצע היסטאָרישע פילאָזאָפיע, האָט ה' מיכאַילאָווסקי באַשלאָסן, אַז לויט מאַרקסנס מיינונג איז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אַן אומבאַדינגטע זאַך פאַר אַלע לענדער און פאַר אַלע פעלקער *). דאַמאָלס האָט ער אָנגעהויבן קלאָגן אויף דער שוועבעלע...

*) זע דעם ארטיקל: „קארל מארקס פארן געריכט פון ה' יו. זשוקאָווסקי" „אָטיעטשעסטווענניע זאַפּיסקי", 1877. „אינם זעקסטן קאַפּיטל" פון „קאַפּיטאַל" געפינט זיך אַ פּאַראַגראַף, וועלכער איז אַזוי טיטולירט: „די אַזויגערופענע — אורשפּרינגלעכע אַנזאַמלונג". דאָ האָט מארקס אין זינען געהאַט אַ היסטאָרישן איבערזיכט פון די ערשטע טריט פונם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע-פּראָצעס", אָבער ער האָט געגעבן אַסאַך אַ גרעסערע זאַך—אַ גאַנצע פילאָזאָפיש-היסטאָרישע טעאָריע". דאָס חזרן מיר איבער, זענען נאָר פּוסטע מעשות: מארקסנס היסטאָרישע פילאָזאָפיע איז איבערגעגעבן אין דער הקדמה צו „Zur Kritik", וועלכע ה' מיכאַילאָווסקי האָט נישט פאַרשטאַנען, אין דער פאָרם פון „עטלעכע, פּאַזאַלגעמיינערנדיקע אידעען, וועלכע זענען צווישן זיך זייער ענג פאַרבונדן". אָבער דאָס איז אגב-אורחא. ה' מיכאַילאָווסקי האָט באַוויזן אַ קונץ נישט צו פאַרשטיין מאַרקסן אפילו דערין, וואָס ס'האָט געהאַט אַ שייכות צו דער „אומבאַדינגטקייט" פונם קאַפּיטאַליסטישן פּראָצעס פאַרן מצב. ער האָט דערזען אין דער פאַבריק-געזעצגעבונג אַן „אויסבעסערונג" צו דער פאַטאַלער אומבויגזאַמקייט פונם היסטאָרישן פּראָצעס. מיינענדיק, אַז — לויט מארקסן — ווירקט דאָס „ע ק אָ נ אָ מ י ש ע" פאַר זיך אַליין, אָן קיין שום באַטייליקונג פון מענטשן, איז ער געווען אויסגעהאַלטן זעענדיק אַן אויסבעסערונג אין יעדער אַריינמישונג פון מענטשן אינם גאַנג פון זייער פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס. ער האָט בלויז נישט געוואוסט, אַז לויט מאַרקסן איז דידאָזיקע עצם-

דער לאַגע פון יענע רוסישע מענטשן, וועלכע, און אַזוי ווי־טער, און — אַט אַלץ! — אָפּגעבנדיק די געהעריקע מאָס קלאָגעניש זיין סוביעקטיווער באַדערפעניש, האָט ער מיט אַ וויכטיקן טאָן אויסגערופן, ווענדנדיק זיך צום ה׳ זשוקאָווסקי: איר זעט, מיר קענען אויך קריטיקירן מאַרקסן, מיר גייען אויך נישט נאָך בלינד נאָך דעם, וואָס דער רבי האָט געזאָגט! ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ האָט אַפּילו אויף קיין איין טריט נישט אַ רוק געטאָן פאָרויס די פראַגע וועגן דער „אומ־באַדינגטקייט”, נאָר איבערלייענענדיק ה׳ מיכאַילאָווסקיס קלאָ־געניש האָט מאַרקס לכתחילה געהאַט בדעה אים קומען צו הילף. ער האָט אָנגעוואָרפן אין דער פאָרם פון אַ בריוו צום רעדאַקטאָר פון „אָטיעטשעסטווענניע זאַפּיסקי” זיינע באַמער־קונגען אויף ה׳ מיכאַילאָווסקיס אַרטיקל. ווען דערדאָזיקער אָנוואורף האָט זיך, נאָך מאַרקסנס טויט, באַוויזן אין דער רוסישער פרעסע, איז די רוסישע מענטשן, וועלכע א. א. וו. לכל־הפחות געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט ריכטיק צו אָנטשיידן די פראַגע וועגן דער „אומבאַדינגטקייט”.

וואָס האָט מאַרקס געקענט זאָגן מכוח ה׳ מיכאַילאָווסקיס אַרטיקל? אַ מענטש איז אַריינגעפאַלן אין אַ צרה, אָננעמענדיק אַלס מאַרקסנס פילאָזאָפיש־היסטאָרישע טעאָריע דאָס, וואָס עס איז לגמרי נישט. פאַרשטייט זיך, אַז מאַרקס האָט געמוזט קודם־כל אַרויסשלעפן פון דער צרה דעם האָפנונגען־געבנדיקן יונגען רוסישן שרייבער. אַ חוצדעם האָט זיך דער יונגער רו־סישער שרייבער געקלאָגט אויף מאַרקסן, אַז ער פאַרמשפט רוסלאַנד אויף קאַפּיטאַליזם. קודם־כל האָט מען געדאַרפט באַ־וויזן דעם רוסישן שרייבער, אַז דער דיאַלעקטישער מאַטער־יאַליזם פאַרמשפט נישט צו קיין שום זאַך קיין שום לענדער, אַז ער ווייזט נישט אָן קיין וועג, וועלכער זאָל זיין אַן אַל־געמיינער און אַן „אומבאַדינגטער” פאַר אַלע פעלקער אין אַלע

ריינמישונג, אין יעדער באַטרעפנדיקער פאָרם, אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט פון די באַטרעפנדיקע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. טאָ גייט, זייט מוחל, דיסקוטירן וועגן מאַרקסן מיט מענטשן, וועלכע פאַרשטייען אים נישט מיט אַזאַ אויסגעצייכנטער סטאַביליקייט!

צייטן; אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יעדער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט איז תמיד אָפּהענגיק פון דער מיטפּאַרהעלטניש פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות אינעווייניק אין איר. און אַז דעריבער דאַרף יעדער ערנסטער מענטש, נישט סתם־רעדנדיק און נישט קלאָגנדיק זיך צוליב עפּעס אַ פאַנטאַסטישער „אומבאַדינגטקייט", קודם־כל שטודירן דידאָזיקע מיטפּאַרהעלטניש; נאָר אַזאַ שטודירונג קען באַווייזן, וואָס איז „אומבאַדינגט" און וואָס איז „נישט אומבאַדינגט" פאַר דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט.

אָט דאָס אַלץ האָט טאַקע מאַרקס געטאָן. קודם־כל האָט ער אויפגעדעקט ה' מיכאַילאָווסקיס „מיספאַרשטענדניש". „אינם קאַפּיטל וועגן דער אורשפּרינגלעכער אָנזאַמלונג וויל איך אָנצייכענען יענעם וועג, אויף וועלכן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז אין מערב־אייראָפּע אַרויסגעקומען פון די שיכטן פון דער פעאָדאַל־עקאָנאָמישער אָרדנונג. אין דעמדאָזיקן קאַפּיטל איז, בכן, אַדורכגעפאָרשט יענער גאַנג פון די היסטאָרישע געשעענישן, דורך וועלכן דער פּראָדוצירער איז געוועזן אָפּגעריסן פון די פּראָדוקציע־מיטלען, און דערביי איז ער – דער פּראָדוצירער — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לוינאַרבעטער (אַ פּראָלעטאַריער אין מאָדערנעם זין פון וואָרט), און זיי, די פּראָדוקציע־מיטלען — אין קאַפּיטאַל. אין דערדאָזיקער געשיכטע איז יעדע איבערקערעניש אַן עפּאָכע, דינענדיק אַלס אַנטוויקלונגס־פונקט פאַרן קאַפּיטאַליסטן־קלאַס; דער הויפּט־יסוד ווידער פון אַזאַ אַנטוויקלונג איז די עקספּראָפּריאַציע פון די ערדאַרבעטער. ביים סוף פונם קאַפּיטל רעד איך וועגן דער היסטאָרישער טענדענץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג, באַהויפּטנדיק, אַז דאָס לעצטע וואָרט אירס וועט זיין די פאַרוואַנדלונג פונם קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום אין געזעלשאַפטלעכן אייגנטום. אין דידאָזיקע שלוסווערטער ברענג איך נישט קיין שום באַווייזן לטובת דער געמאַכטער באַהויפּטונג פּשוט צוליב דעם, ווייל זי אַליין איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַן אַלגעמיינער אויספיר פון אַ לאַנגער ריי באַטראַכטונגען וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע".

כדי בעסער קלאָר צו מאַכן דעם פאַקט, אַז ה' מיכאַי־

לאָווסקי האָט אָנגענומען אַלס אַ היסטאָרישע טעאָריע דאָס, וואָס איז קיין טעאָריע קיינמאָל נישט געווען און נישט געקענט זיין, ווייזט אָן מאַרקס אויף אַ ביישפּיל פון אַלטן רוים. זייער אָן איבערצייגנדיקער ביישפּיל! אינדעראמתן, אויב פאַר אַלע פעלקער איז „אומבאַדינגט" גויטיק דורכצוגיין דורכן קאַפּיטאַליזם, וואָס-זשע זאָל מען טאָן מיט ר ו י ם, וואָס טוט מען מיט ס פּ אַ ר ט ע (187), וואָס טוט מען מיט דער מלוכה פון א י נ ק ן (188), וואָס טוט מען מיט אַ מאַסע אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען אַראָפּ פון דער היסטאָרישער סצענע, נישט מקיים זייענדיק דידאָזיקע כלומרשטע פליכט זייערע? פאַר מאַרקסן איז דער גורל פון דידאָזיקע פעלקער נישט פאַרבליבן אומבאַקאַנט; הייסט עס, אַז ער האָט נישט געקענט רעדן וועגן אַן אומעטומיקער „אומבאַדינגטקייט" פונם קאַפּיטאַליסטישן פּראָצעס.

„פאַר מיין קריטיקער, זאָגט מאַרקס, איז געווען באַקוועם צו פאַרוואַנדלען מיין איבערזיכט פון דער אנטשטייאונגסגעשיכטע פונם מערב-אייראָפּעאישן קאַפּיטאַליזם אין אַ גאַנצער היסטאָריש-פילאָזאָפישער טעאָריע וועגן דעם היסטאָרישן וועג פון די פעלקער, וועלכער איז אויף אַ פאַטאַלן אופן אָנגעצייכנט פאַר יעדערן פון זיי, אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען פון היסטאָרישן קיום דאָס פאָלק זאָל זיך נישט געפינען. אָבער איך בעט מיר אַנטשולדיקן: אַזאַ אויסטייטשונג איז פאַר מיר גלייכצייטיק סיי צו בכבודיק, סיי צו בחרפּהדיק".

ניין, אפשר נישט! אַזאַ מין אויסטייטשונג האָט דאָך פאַרוואַנדלט מאַרקסן אין איינעם פון יענע „מענטשן מיט פאָרמולן", וועלכע ער האָט אַזוי אויסגעלאַכט נאָך אין זיין פּאָלעמיק מיט פּרודאָנען. ה' מיכאַילאָווסקי האָט צוגעשריבן מאַרקסן אַ „פאַרמול פון פּראָגרעס", און מאַרקס האָט געענטפערט: ניין, איך דאַנק אייך זייער העפלעך, איך דאַרף עס נישט האָבן, דידאָזיקע מציאה.

מיר האָבן שוין געזען, וויאַזוי די אוטאָפּיסטן האָבן געקוקט אויף די געזעצן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג (זאָל זיך דער לעזער דערמאָנען, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן סען-סימאָנען). די געזעצמעסיקייט פון דער היסטאָרישער באַוועגונג האָט ביי זיי אָנגענומען אַ מ י ס ט י ש ע ג ע ש ט אַ ל ט; דער

וועג, אויף וועלכן עס גייט די מענטשהייט איז אין זייער פאָרשטעלונג געווען, ווי עפּעס אַ לכתחילה-אָנגעצייכנטער, און קיין שום היסטאָרישע געשעענישן האָבן נישט געקענט ענדערן דעמדאָזיקן וועג. אַן אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע אומנאָרמאַלקייט! די „מענטשלעכע נאַטור" איז ביי די אוטאָפּיסטן דער אויסגאַנגס-פּונקט פון זייערע פאָרשונגען. דאַקעגן די אַנטוויקלונגס-געזעצן פון דערדאָזיקער נאַטור, וועלכע באַקומען ביי זיי תיכּף-ומיד אַ געהיימנישפולן כאַראַקטער, ווערן אַריבערגעטראָגן ערגעץ מחוץ פונם מענטש און מחוץ פון די פּאַקטישע פאַרהעלטנישן פון די מענטשן, זיי ווערן אַריבערגעטראָגן אין עפּעס אַ „סופּער-היסטאָרישן" געביט.

דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם טראָגט אויך דאָ אַריבער די פראַגע אויף אַ לחלוטין אַנדערן באָדן, צוגעבנדיק איר דערמיט אַליין אַ פולשטענדיק נייעם אויסזען.

די מאַטעריאַליסטן דיאַלעקטיקער „דערפירן אַלץ צו דער עקאָנאָמיע". מיר האָבן שוין דערקלערט, וויאַזוי מ'דאַרף עס פאַרשטיין. אָבער וואָס איז עס אַזוינס די עקאָנאָמיע? דאָס איז דער גאַנצער סך-הכּל פון די פּאַקטישע פאַרהעלטנישן פון די מענטשן, — וועלכע בילדן די באַטרעפנדיקע געזעלשאַפט, — אין זייער פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס. דידאָזיקע פאַרהעלטנישן שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין אומבאַוועגלעך מעטאַפיזיש וועזן. זיי בייטן זיך תּמיד אונטערן דרוק פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, ווי אויך אונטערן דרוק פון יענער היסטאָרישער סביבה, וועלכע רינגלט אַרום די באַטרעפנדיקע געזעלשאַפט. ווי באַלד עס זענען בנמצא פּאַקטישע פאַרהעלטנישן צווישן די מענטשן אינם פּראָדוקציע-פּראָצעס, פליסן אַרויס פון דידאָזיקע פאַרהעלטנישן אויף אַ פּאַטאַלן אופן געוויסע פועל-יוצאס. אין דעם זין איז די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג געזעצמעסיק, און קיינער האָט נישט אויפגעקלערט בעסער פאַר מאַרקסן דידאָזיקע געזעצמעסיקייט. אָבער היות ווי די עקאָנאָמישע באַוועגונג פון יעדער געזעלשאַפט האָט אַן „אייגנאַרטיקן" אויסזען צוליב דער „אייגנאַרטיקייט" פון די באַדינגונגען, אין וועלכע זי קומט פאָר, קען

דעריבער נישט זיין קיין שום „פאָרמול פון פראָגרעס", וועל־כע זאָל ארומנעמען די פארגאַנגענע און זאָל פאָרויסזאָגן די צוקונפטיקע עקאָנאָמישע באַוועגונג פון א ל ע געזעלשאַפטן. די פאָרמול פון פראָגרעס, דאָס איז — יענער אַבסטראַקטער אמת, וועלכן עס האָבן, לויט די ווערטער פונם מחבר פון די „סקיצן פונם גאָגאָלישן פעריאָד אין דער רוסישער ליטעראַטור", אַזוי ליב געהאַט די מעטאַפיזיקער. אָבער לויט זיין ריכטיקער באַ־מערקונג קומט דאָך אויך אויס, אַז קיין אַבסטראַקטער אמת איז נישטאָ; דער אמת איז תּמיד קאָנקרעט: אַלץ הענגט אָפּ פון דידאָזיקע אומשטאַנדן, הייסט עס, אַז די מענטשן, וועלכע א. אַ. וו. דאַרפן שטודירן טאַקע אָט די אומשטאַנדן.

„כדי צו קענען מיט זיכערקייט אורטיילן וועגן גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונם מאָדערנעם רוסלאַנד, האָב איך מיך אויסגעלערנט רוסיש און אין משך פון עטלעכע יאָר געשטודירט אָפיציעלע און אַנדערע פאַרעפנטלעכטע קוועלן וועגן דערדאָזיקער פראַגע".

די רוסישע תּלמידים פון מאַרקסן זענען אים אויך אין דעם פאַל געטריי. אוודאי, איינער פון זיי קאָן פאַרמאָגן מער, אַ צווייטער — ווייניקערברייטע עקאָנאָמישע קענטנישן, אָבער דער עיקר איז דאָ נישט אינם מאָסשטאַב פון די קענטנישן פון איינצלנע פערזאָנען, נאָר אינם עצם־שטאַנדפונקט. מאַרקסנס רוסישע תּלמידים לאָזן זיך פירן נישט דורך אַ סוביעקטיוון אידעאַל און נישט דורך עפּעס א פאָרמול פון פראָגרעס, נאָר זיי ווענדן זיך צו דער עקאָנאָמישערווירקלעכקייט פון זייער לאַנד.

צו וואָס־זשע פאַר אַן אויספיר איז געקומען מאַרקס בנוגע רוסלאַנד? „אויב רוסלאַנד וועט פאָרזעצן גיין מיט דעם וועג, וועלכן עס האָט אויסגעקליבן נאָכן 1861 יאָר, וועט עס פאַר־לירן איינע פון די סאַמע באַקוועמסטע געלעגנהייטן, וועלכע דער גאַנג פון דער געשיכטע האָט ווען־עס־איז געגעבן אַ פאָלק אויף אויסצומיידן אַלע פעריפּעטיעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג". אַביסל ווייט גיט מאַרקס צ ו, אַז די לעצטע יאָרן האָט זיך רוסלאַנד „גענוג צוגעמאַטערט" אינם זין פון גיין אויף דעם דערמאָנטן וועג. פון יענער צייט, זינט ס'איז געוועזן

געשריבן דערדאָזיקער בריוו (ד. ה. פון 1877 יאָר), וועלן מיר שוין צוגעבן פון אונזער זייט, איז רוסלאַנד געגאַנגען אויף דעמדאָזיקן וועג אַלץ ווייטער און אַלץ שנעלער.

וואָס-זשע דרינגט אַרויס פון מאַרקסעס בריוו? — דריי אויספירן:

1) מיט זיין בריוו האָט ער פאַרשעמט נישט זיינע רוסישע תלמידים, נאָר די ה"ה סוביעקטיוויסטן, וועלכע, נישט-האָבנדיק קיין מינדסטן באַגריף וועגן זיין וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט, האָבן זיך געפרוווט אים גופא איבערצומאַכן לויט זייער אייגענער פאָרם און געשטאַלט, צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ מעטאַפיזיקער און אוטאָפיסט.

2) די ה"ה סוביעקטיוויסטן האָבן זיך נישט פאַרשעמט פאַר דעם בריוו פשוט צוליב דעם, ווייל, — זייענדיק געטריי זייער „אידעאַל“. — האָבן זיי דעם בריוו אויך נישט פאַרשטאַנען.

3) אויב די ה"ה סוביעקטיוויסטן ווילן מיט אונז שמועסן וועגן דער פראַגע מכוח דעם, וויאַזוי און וואוהין גייט רוסלאַנד, מוזן זיי אין יעדן באַטרעפנדיקן מאָמענט זיך אָנשפאַרן אויפן אַנאַליז פון דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט.

דאָס שטודירן דידאָזיקע ווירקלעכקייט האָט געבראַכט מאַרקסן אין די זיבעציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט צו אַ באַדינגלעכן אויספיר: „אויב רוסלאַנד וועט פאָרזעצן גיין אויף יענעם וועג, אויף וועלכן זי איז אַרויף פון דער צייט פון דער פויערים-באַפרייאונג, וועט זי ווערן אַ פולשטענדיק-קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, און דערנאָך, וויבאַלד זי וועט נאָר אַרונטערפאַלן אונטערן יאָך פונם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וועט זי זיך שוין מוזן אונטערוואַרפן די אומדערבאַרמדיקע געזעצן פונם קאַפּיטאַליזם צוגלייך מיט אַנדערע פעלקער-פראָפאַנען. דאָס איז אַלץ“!

יאָ, דאָס איז אַלץ. אָבער דער רוסישער מענטש, וועלכער באַגערט עפעס אויפצוטאָן לטובת זיין היימלאַנד, קען זיך נישט צופרידנשטעלן מיט אַזאַ באַדינגלעכן אויספיר; — עס אַנטשטייט ביי אים אומפאַרמיידלעך די פראַגע: צי וועט זי

טאַקע פאַרזעצן צו גיין אויף דעמדאָזיקן וועג? צי זענען נישט פאַראַן קיין זאַכן, וועלכע דערלויבן צו האָפן, אַז זי וועט פאַרלאָזן דעם וועג?

כדי צו ענטפערן אויף אָטאָ דער פראַגע מוז מען ווידעראַמאָל זיך ווענדן צו דער שטודירונג פון דער פאַקטישער לאַגע פונם לאַנד, צום אַנאַליז פון איר היינטצייטיק אינערלעך לעבן. די רוסישע תּלמידים פון מאַרקסן באַהויפּטן אויפן סמך פון אַזאַ אַנאַליז: יאָ, זי וועט ווייטער פאַרזעצן. נישטאָ קיין סימנים, וועלכע זאָלן דערלויבן צו האָפן, אַז רוסלאַנד וועט בקרוב פאַרלאָזן דעם וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אויף וועלכן זי איז אַרויף נאָך דעם 1861 יאָר. דאָס איז אַלץ!

די ה״ה סוביעקטיוויסטן מיינען, אַז די „תּלמידים״ זענען זיך טועה. דאַרף מען עס זיי אויפווייזן מיט דער הילף פון פאַקטן, וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך דערזעלבער רוסישער ווירקלעכקייט. די „תּלמידים״ זאָגן: רוסלאַנד וועט פאָרזעצן גיין אויפן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג נישט דערפאַר, ווייל עס עקזיסטירט עפּעס אַן אויסערלעכער כּוח, עפּעס אַ געהיימנישפול געזעץ, וואָס שטופּט זי אויף דעמדאָזיקן וועג, נאָר דעריבער, ווייל ס'איז נישטאָ קיין פאַקטישער אינערלעכער כּוח, וועלכער זאָל זי קענען אַראָפּפירן פון דעם וועג. אויב די ה״ה סוביעקטיוויסטן מיינען, אַז אַזאַ כּוח איז פאַראַן, טאָ זאָלן זיי זאָגן אין וואָס ער באַשטייט, זאָלן זיי דערווייזן זיין עקזיסטענץ. מיר וועלן זיין זייער צופרידן זיי אויסצוהערן. ביזאַהער האָבן מיר פון זיי נישט געהערט מכּוח דעם קיין שום קאָנקרעט וואָרט.

— וואָס הייסט, ס'איז נישטאָ קיין כּוח, און אונזערע אידעאַלן וואו זענען? — שרייען אויס אונזערע טייערע קעגנער.

אַך רבותי, רבותי! באמת, איר זענט נאַאיוו, רירנדיק נאַאיוו! די גאַנצע פראַגע באַשטייט דאָך טאַקע דערין, וויאַזוי צו פאַרווירקלעכן, לאָמיר אָננעמען, אַפילו אייערע אידעאַלן,

כאַטש זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאָר אומקלאָרע געשיכטע. די אויף אַזאַ אופן אַוועקגעשטעלטע פראַגע נעמט אָן, אמת זייער אַ פּראָזאַאישן כאַראַקטער, אָבער כל־זמן זי ווערט נישט ווערן פאַרענטפערט, וועלן אייערע „אידעאַלן" האָבן בלויז אַן „אידעאַלע" באַדייטונג.

מ'האָט געבראַכט אַ וואוילן בחור אין אַ שטיינערנער תּפיסה אַריין, מ'האָט אים אַריינגעזעצט אונטער אייזערנע קראַטעס, מ'האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ וואַכזאַמער שמירה. דער וואוילער בחור שמייכלט בלויז. ער נעמט דאָס פון פריער צוגעגרייטע שטיקל קויל, צייכנט אָן אויף דער וואַנט אַ שיפל, זעצט זיך אַריין דערין און... אַדיע תּפיסה, אַדיע שמירה וואַכזאַמע! -- דער וואוילער בחור שפּאַצירט זיך שוין ווידער אַרום אויף דער פרייער וועלט.

אַ שיין מעשהלע! אָבער... בלויז אַ מעשהלע. אין דער ווירקלעכקייט האָט אַ שיפל, וואָס איז אָנגעצייכנט אויף דער וואַנט, נאָך קיינמאָל נישט, קיינעם נישט און ערגעץ נישט אַוועקגעפירט.

שוין פון דער צייט פון דער אָפּשאַפונג פונם לייבאייגנ־טום־רעכט איז רוסלאַנד באַשיימפּערלעך אַרויף אויפן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. די ה"ה סוביעקטיוויסטן זעען דאָס אויסגעצייכנט איין, זיי אַליין באַהויפּטן, אַז די אַלטע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן פאַלן זיך ביי אונז פונאַנדער מיט אַ שטויגנענדיקער, וואָס ווייטער אַלץ זיך פאַרגרעסערנדיקער שנעלקייט. אָבער דאָס מאַכט נישט אויס, זאָגן זיי איינער צום אַנדערן. מיר וועלן אַריינזעצן רוסלאַנד אינם שיפל פון אונ־זערע אידעאַלן און זי וועט אַוועקשווימען פון דעמדאָזיקן וועג ערגעץ ווייט אויף יענער זייט סמבטיון.

די ה"ה סוביעקטיוויסטן זענען גוטע מעשהלעך־דערציי־לער, אָבער... „דאָס איז אַלץ"! דאָס איז אַלץ, -- אָבער דאָס איז דאָך שרעקלעך ווייניק, און מעשהלעך האָבן נאָך קיינמאָל נישט געענדערט די היסטאָרישע באַוועגונג פון אַ פאָלק, צו־ליב דער פּשוטער פּראָזאַאישער סיבה, צוליב וועלכער קיין איין נאַכטיגאַל איז נאָך נישט זאַט געוואָרן מיט מעשהלעך.

ביי די ה"ה סוביעקטיוויסטן איז אָנגענומען אַ משונה־

דיקע קלאַסיפיקאַציע פון „די רוסישע מענטשן, וועלכע... פון צוויי קאַטעגאָריעס: די וועלכע גלויבן אין דער מעגלעכקייט אָוועקצושווימען אויפן שיפל פונם סוביעקטיוון אידעאַל, ווערן אָנערקענט אַלס גוטע מענטשן, אמתדיקע גוטסגינער פונם פאָלק. דאַקעגן יענע, וועלכע זאָגן, אַז דאָסדאָזיקע גלויבן איז לחלוטין אויף גאָרנישט באַגרינדעט, טרייבט מען צו עפּעס אַן אומנאַטירלעכע בייזוויליקייט, אַ שטרעבונג אומצוברענגען דעם רוסישן פויער, אויסהונגערן אים. ס'האָבן נאָך קיינמאָל אין קיין שום מעלאָדראַמע נישט פיגורירט אַזעלכע פאַרברעכער, ווי ס'האָבן געדאַרפט אייגנטלעך זיין, לויט דער מיינונג פון די ה"ה סוביעקטיוויסטן, די אויסגעהאַלטענע רוסישע „עקאָנאָמישע" מאַטעריאַליסטן.

ה' מיכאַילאָווסקי שטעלט פאַר זיך אַוועק די פראַגע, פאַרוואָס האָבן זיך דווקא איצט באַוויזן אַזעלכע הערן, וועלכע זענען מסוגל „מיט אַ רואיק געוויסן צו פאַרמשפּטן מיליאָנען מענטשן אויף הונגער-טויט און אָרימקייט"? ה' ס. נ. קריווענקאָ מיינט, אַז וויבאַלד אַן אויסגעהאַלטענער מענטש האָט באַשלאָסן, אַז אין רוסלאַנד איז אומפאַרמיידלעך דער קאַפּיטאַליזם, בלייבט אים מער נישט איבער נאָר „באַמיען זיך... מיטצוהעלפן דער קאַפּיטאַליזאַציע פון דער האַנטווערקעריי, דער אַנטוויקלונג פונם קולאַקנטום... דער פאַרניכטונג פון דער דאָרפס-געמיינדע, דער ערדלאָזווערונג פון דער באַפעלקערונג און בכלל דער אַרויסשטופּונג פונם פויער פון דאָרף". ה' ס. נ. קריווענקאָ מיינט אַזוי בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אַליין נישט פעאיק צו אַן „אויסגעהאַלטענעם" דענקען.

היינצען האָט אָנערקענט ביי מאַרקסן, לכל-הפחות, אַ ליידנשאַפט צו די האָרעפּאַשניקעס, וועלכע טראָגן אויף זיך אַ „פאַבריק-שטעמפּל". די ה"ה סוביעקטיוויסטן אָנערקענען נישט, ווייזט אויס, ביי די „רוסישע תלמידים פון מאַרקסן" אפילו דידאָזיקע קליינינקע שוואַכקייט. זיי, הייסט עס, האָבן קאָנסעקווענט פיינט אַלע מענטשלעכע זין, אַלע ביז איינעם. זיי וואָלטן אַלעמען געוואָלט אויסהונגערן ביז טויט, מיטן אויסנאָם, וואָס אַן אמת, פון די פאָרשטייער פונם סוחרישן שיכט. אינדעראמתן, אויב ה' קריווענקאָ וואָלט דערלאָזט אין מחשבה

די מעגלעכקייט, אַז ביי די „תּלמידים״ זענען פאַראַן געוויסע גוט כּוונות אין באַצוג צו די פאַבריק-אַרבעטער, וואָלט ער נישט געוועסט אָנגעשריבן די אָקאָרשט ציטירטע שורות.

„באַמיען זיך... בכלל אַרויסצושטופּן דעם אומנויטיקן פויער פון דאָרף״. אסור, אויב מיר פאַרשטייען! נאָך-וואָס זאָל מען זיך באַמיען? דער צופלוס פון נייע אַרבעטס-הענט אין דער סביבה פון דער פאַבריק-באַפעלקערונג וועט דאָך ברענגען צום אַראָפּדריקן דעם אַרבעטלוין, און דאָס איז דאָך אַפילו דעם ה׳ קריווענקאָ באַקאַנט, אַז דאָס אַראָפּדריקן קען נישט זיין נוצלעך און אָנגענעם פאַר די אַרבעטער. צוליב וואָס-זשע וועלן די קאָנסעקווענטע „תּלמידים״ זיך אָנהויבן באַמיען ברענגען דעם אַרבעטער אַ שאָדן, פאַרשאַפן אים אומאָנגענעמלעכקייט? ס׳איז קלאָר, אַז דידאָזיקע מענטשן זענען קאָנסעקווענט בלויז אין זייער מענטשן-שנאה, אַז זיי האָבן נישט ליב אַפילו דעם פאַבריק-אַרבעטער? און אפשר האָבן זיי יאָ ליב, נאָר אויף זייער ספּעציעלן שטייגער: זיי האָבן ליב — און דעריבער באַמיען זיי זיך צו שאָדן: „זיי דריקן אַזוי פעסט פון ליבע, אַז די נשמה גייט אַרויס״. משונהדיקע מענטשן! עפּעס אַ מאָדנע קאָנסעקווענטקייט!

„זיך באַמיען... מיטצוהעלפן דער אַנטוויקלונג פונם קאָלאַקנטום, דער פאַרניכטונג פון דער דאָרפגעמיינדע, דער ערדלאָזווערונג פון דער באַפעלקערונג״. סאַראַ שרעקלעכע זאַכן! אָבער צו-וואָס-זשע זאָל מען זיך דאָס אַלץ באַמיען? די אַנטוויקלונג פונם קולאַקנטום און די ערדלאָזווערונג פון דער באַפעלקערונג קען זיך דאָך אָפּרופן אויף דער פאַרקלענערונג פון איר קויף-קראַפט, און די פאַרקלענערונג פון איר קויף-קראַפט וועט פירן צו דער פאַרקלענערונג פון דער נאָכפראַגע אויף פאַבריק-אויסאַרבעטונגען, דאָס וועט פאַרקלענערן די נאָכפראַגע אויף אַרבעטס-קראַפט, ד. ה. פאַרקלענערן דעם אַרבעטלוין. ניין די קאָנסעקווענטע „תּלמידים״ האָבן נישט ליב דעם אַרבעטס-מענטש! און צי דען בלויז דעם אַרבעטס-מענטש? די פאַרקלענערונג פון דער קויף-קראַפט פון דער באַפעלקערונג וועט זיך דאָך שעדלעך אָפּרופן אַפילו אויף די אינטערעסן פון די אונטערנעמער, וועלכע זענען, לויט דער פאַרזיכערונג פון די

ה״ה סוביעקטיוויסטן, אַן אָביעקט פון דער צערטלעכסטער אויפ־זיכט מצד די „תלמידים״. ניין, וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, מאָדנע מענטשן זענען זיי דידאָזיקע תלמידים!

„זיך באַמיען... מיטהעלפן דער קאַפּיטאַליזירונג פון דער האַנטווערקעריי״... נישט „אָפּשטעלן זיך נישט פאַרן אויפקויפן פון פויערישער ערד, נישט פאַר דער צעפּענונג פון קראָמען און שענקען, נישט פאַר קיין אַנדער נישט זייער זויבערער טעטי־קייט...״ אָבער צוליב וואָס־זשע ווילן דאָס אַלץ טאָן די קאָנ־סעקווענטע מענטשן? זיי זענען דאָך איבערצייגט אין דער אומ־פאַרמיידלעכקייט פונם קאַפּיטאַליסטישן פּראָצעס; הייסט עס דאָך, אַז אויב דאָס אייַנפירן, למשל, פון שענקען וואָלט געווען אַ וועזנטלעכער טייל פון דעמדאָזיקן פּראָצעס, וואָלטן אומפאַר־מיידלעך אויפגעקומען שענקען (ווערלכע, מ׳דאַרף מיינען, עקזיס־טירן איצט נישט). דעם ה׳ קריווענקאָ דאַכט זיך, אַז די נישט זויבערע טעטיקייט דאַרף פאַרגיכערן די באַוועגונג פונם קאַפּי־טאַליסטישן פּראָצעס. אָבער, מיר ווילן ווידעראַמאָל זאָגן, אויב דער קאַפּיטאַליזם איז אומפאַרמיידלעך, ווערט די „נישט־זויבער־קייט״ ממילא קומען. צוליב וואָס־זשע ווידער דאַרפן זיך אַזוי באַמיען וועגן איר מאַרקסנס קאָנסעקווענטע תלמידים?

— דאָ ווערט שוין ביי זיי די טעאָריע אַנטשוויגן פאַר דער פאָדערונג פונם עטישן געפיל: זיי זעען, אַז די נישט־זויבערקייט איז אומפאַרמיידלעך, זיי פאַרגעטערן זי פאַר דער־דאָזיקער אומפאַרמיידלעכקייט און פון אַלע זייטן איילן זיי איר צו העלפן, אַ נישט, הייסט עס, ווערט זי זיך אַזוי גיך קיין עצה נישט געבן, אָן אונז, די אָרימע, אומפאַרמיידלעכע נישט־זוי־בערקייט!

איז וואָס איצטער, ה׳ קריווענקאָ? אויב — ניין, דאַן טויגן אַלע אייערע באַטראַכטונגען וועגן די „קאָנסעקווענטע״ תלמידים צו גאָרנישט. און אויב — יאָ, דאַן טויג צו גאָרנישט אייער פּערזענלעכע קאָנסעקווענטקייט, אייער אייגענע „דער־קענטניש־פעאיקייט״.

נעמט, צום ביישפּיל, וואָס איר ווילט אַליין, אפילו די קאַפּיטאַליזירונג פון דער מלאכה, זי שטעלט מיט זיך פאַר אַ צווייזייטיקן פּראָצעס: עס באַווייזן זיך, ערשטנס מענטשן,

וועלכע ק אָ נ צ ע נ ט ר י ר ן אין זייערע הענט די פּראָדוקציע-מיטלען, און, צווייטנס, מענטשן, וועלכע ב אַ נ וּ צ ן פּ ר אַ ק ט י ש די דאָזיקע פּראָדוקציע-מיטלען פאַר אַ געוויסן לוין. לאָמיר אָננעמען, אַז די נישט-זויבערקייט איז אַ כאַראַקטער-שטריך ביי די מענטשן פון דער ערשטער סעריע, אָבער יענע, וועלכע אַרבעטן ביי זיי פאַר אַ לוין, קענען, דאַכט זיך, אויסמיידן דידאָזיקע „פּאַזע" פון מאָראַלישער אַנטוויקלונג? און אויב יאָ אַזוי, וואָס-זשע פאַר אַ נישט-זויבערקייט וועט זיין אין מיין טעטיקייט, אויב איך וועל זי ווידמענען דיזעלביקע מענטשן, אויב איך וועל אַנטוויקלען זייער זעלבסטבאַוואוסטזיין און פּאַרטיידיקן זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן? ה' קריווענקאָ, קען זיין, וועט זאָגן, אַז אַזאַ טעטיקייט וועט פערפאַמעלעכן די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. בשום אופן נישט. דער ביישפּיל פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד וועט אים באַווייזן, אַז דאָרטן האָט אַזאַ טעטיקייט נישט בלויז נישט פאַרפאַמעלעכערט די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, נאָר, אדרבה, זי האָט זי פאַרגיכערט, מיט וואָס זי האָט, אגב-אורחא, דערנענטערט אויך די פּראַקטישע פאַרענטפערונג פון עטלעכע דאָרטיקע פאַרשאָלטענע פראַגן.

אָדער לאָמיר נעמען די פאַרניכטונג פון דער דאָרפגעמיינדע. דאָס איז אויך אַ צווייזייטיקער פּראָצעס: די פויערישע שטיקער ערד ווערן קאָנצענטרירט אין די הענט פון די קולאַקעס! אַלץ אַ גרעסערער טייל פון פריערדיקע זעלבשטענדיקע באַלעבאַטים ווערט פאַרוואַנדלט אין פּראָלעטאַריער. דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, ווערט באַגלייט מיט אַ צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן, מיט אַ קאַמף. אויף דעמדאָזיקן טומל קומט אָן צוגיין דער „רוסישער תּלמיד", ער זינגט אויף אַ קורצן, אָבער אַ דורכגעפילטן הימן פאַר דער „קאַטעגאָריע פון באַלקאָרכעדיקייט" און... ע ר ע פ נ ט אַ ש ע נ ק! אַזוי וועט טאָן דער סאַמע „אויסגעהאַלטענער"; אַ מער מעסיקער וועט זיך באַנוגענען מיט עפענען אַ ג ע וו ע ל ב ל. איז וואָס-זשע זאָגט איר, ה' קרילענקאָ? און פאַרוואָס זאָל גאָר דער „תּלמיד" נישט שטעלן זיך אויף דער זייט פון די דאָרפישע אָרימעלייט?

— אָבער אויב ער וועט זיך וועלן שטעלן אויף זייער

זייט, וועט ער זיך דאַרפן באַמיען צו שטערן זייער ערדלאָזווערונג? — נו, לאָמיר שוין אָננעמען, אַז ער וועט זיך דאַרפן באַמיען. — אָט דאָס וועט פאַרפאַמעלעכערן די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. — דאָס וועט אַבסאָלוט נישט פאַרפאַמעלעכערן, אדרבא, דאָס וועט זי נאָך פאַרגיכערן. די ה"ה סוביעקטיוויסטן דאַכט זיך אַלץ, אַז די דאָרפגעמיינדע שטרעבט „פון זיך אַליין" זיך צו פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַ „העכערער פאָרם". זיי זענען זיך טועה. די איינציקע ווירקלעכע שטרעבונג פון דער דאָרפגעמיינדע — דאָס איז די שטרעבונג צו פונאַנדערפאַל, און וואָס בעסער עס וואָלט געווען דער מצב פון פויערטום, אַלץ גיכער וואָלט די דאָרפגעמיינדע פונאַנדערגעפאַלן. אַחוצדעם, דער פונאַנדערפאַל קען פאָרקומען ביי אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זענען מער ווייניקער באַקוועם פאַרן פאָלק. די „תלמידים" דאַרפן זיך „באַמיען", אַז ער זאָל פאָרקומען ביי די סאַמע באַקוועמסטע באַדינגונגען.

— און פאַרוואָס זשע נישט אָפּהאַלטן לכתחילה דעם עצם־פונאַנדערפאַל?

— און פאַרוואָס־זשע האָט איר לכתחילה נישט אָפּגעהאַלטן דעם הונגער פון 1891 יאָר? איר האָט נישט געקענט? מיר גלויבן אייך, און מיר וואָלטן געהאַלטן אונזער זאַך פאַרשפּילט, ווען מיר וואָלטן געמוזט בלויז פאַררעכענען אויפן חשבון פון אייער מאָראַלישקייט ענלעכע אומאָפּהענגיקע פון אייך געשעענישן, אַנשטאָט דעם, מיר זאָלן אָפּלייקענען אייערע אָנשויאונגען מיט דער הילף פון לאָגישער אַרגומענטאַציע. אָבער פאַרוואָס־זשע צאָלט איר אונז צוריק מיט אַן אַנדער מטבע? פאַרוואָס שילדערט איר, אין אייערע וויכוחים מיט אונז, די פאָלקס־אָרימקייט, ווי עס וואָלט געווען אונזער אַרבעט? דערפאַר, ווייל דאָרטן, וואו עס העלפט נישט די לאָגיק, העלפן אַמאָל ווערטער, באַזונדערס נעבעכדיקע ווערטער. איר האָט נישט געקענט לכתחילה אָפּהאַלטן דעם הונגער פון 1891 יאָר? ווער־זשע קען ערב זיין, אַז איר וועט קענען לכתחילה אָפּהאַלטן דעם פונאַנדערפאַל פון דער דאָרפגעמיינדע, די ערדלאָזווערונג פונם פויערטום? לאָמיר

נעמען דעם אַזוי ליבן פֿאַר די עקלעקטיקער מיטלוועג: לאָמיר
זיך פֿאָרשטעלן, אַז אין עטלעכע פֿאַלן וועט אייך יאָ געלינגען
דאָס אַלץ לכתחילה אָפּצוהאַלטן. נו, און אין יענע פֿאַלן, וואו
אייערע אָנשטרענגונגען וועלן זיך אַרויסווייזן אַלס אַדורכגע-
פֿאַלענע, וואו טראָץ זיי וועט די דאָרפֿגעמיינדע פֿונדעסטוועגן
פֿונאַנדערפֿאַלן, וואו די פּויערים וועלן דאָך ווערן ערדלאָז, —
וויאַזוי וועט איר דאַמאָלס האַנדלען מיט דידאָזיקע קרבנות
פֿונם פֿאַטאַלן פּראָצעס? כאַראָן (189) פֿלעגט דורכפֿירן דורכן
סטיקס נאָר אַזעלכע נשמות, וועלכע זענען געווען אומשטאַנד
אים צו באַצאָלן פֿאַר דער־אָזיקער מי. צי וועט איר אָנהויבן
אויפֿנעמען אין אייער שיפֿל אַריין, אויף איבערצופֿירן אינם
קעניגרייך פֿונם סוביעקטיוון אידעאַל, בלויז ווירקלעכע מיט-
גלידער פֿון דער דאָרפֿגעמיינדע? צי וועט איר מיט די רו-
דערס אָנהויבן אָפּשלאָגן פֿונם שיפֿל די דאָרפֿישע פּראָלעטאַריער?
איר וועט דאָך, מן הסתם, אַליין מסכּים זיין, רבותי, אַז דאָס
וואָלט געווען זייער „נישט-זויבער". און וויבאַלד איר וועט דער-
מיט מסכּים זיין, וועט איר מוזן האַנדלען לגבי זיי אַבסאָלוט
אַזוי, ווי עס דאַרף, לויט אונזער מיינונג, האַנדלען יעדער
אָרנטלעכער מענטש, ד. ה. נישט איינאָרדנען קיין שענקען אויף
צו געבן זיי שיכּרות, נאָר פֿאַרגרעסערן זייער ווידערשטאַנד-
קראַפֿט קעגן דער שענק, קעגן דעם שענקער און קעגן יעט-
ווידער שיכּרות, וואָס עס טראָגט זיי אונטער אָדער וואָס עס
וועט זיי אונטערטראָגן די געשיכטע.

אָדער, אפֿשר הויבן מיר גאָר איצט אָן צו דערציילן
מעשהלעך? אפֿשר פֿאַלט גאָר נישט פֿונאַנדער די דאָרפֿגעמיינדע;
אפֿשר קומט גאָר פֿאַקטיש נישט פֿאָר קיין ערדלאָזווערונג פֿון
פֿאָלק. אפֿשר האָבן מיר עס בלויז אויסגעטראַכט מיטן איינ-
ציקן ציל אָרינג צו מאַכן דעם פּויער, וועלכער האָט ביז איצט
נענאָסן פֿון אַ וואוילשטאַנד צום מקנא-זיין? אָבער גיט אַן עפֿן-
אויף וועלכע ס'זאָל נישט זיין פֿאָרשונגס-אַרבעט פֿון אייערע
אידעען-חברים, און זי וועט אייך באַווייזן וויאַזוי האָט עס
אויסגעזען ביז איצט, ד. ה. איידער אַפֿילו איין „תּלמיד" האָט
נאָך געהאַט געעפֿנט אַ שענק צי אַ געוועלבל. ווען איר דיס-
קוטירט מיט אונז, שטעלט איר פֿאָר די זאַך אַזוי, ווי דאָס

פאָלק וואָלט שוין כלומרשט געלעבט אינם קעניגרייך פון אייערע סובּיעקטיווע אידעאַלן, נאָר מיר, צוליב אונזער אייגנטימלעכער מענטשן־שנאה, שלעפּן מיר עס פאַר די פּיס אַראָפּ אונטן, אין דער פּראָזע פונם קאַפּיטאַליזם. אָבער די לאַגע זעט דאָך אויס פאַרקערט: עס עקזיסטירט דווקא יאָ אַ קאַפּיטאַליסטישע פּראָזע, און מיר שטעלן זיך די פראַגע: וויאַזוי קעמפט מען מיט דערדאָזיקער פּראָזע, וויאַזוי שטעלט מען אַוועק דאָס פאָלק אין אַ מצב, וועלכע זאָל כאָטש אַביסל זיין ענלעך צום „אידעאַלן" מצב? איר קענט איינגעפינען, אַז מיר ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע נישט ריכטיק, אָבער צוליב־וואָס־זשע פאַרקריפּלען אונזערע כוונות? דאָס איז דאָך אינדעראמתן „אומזויבער"; איר וועט דאָך מודה זיין, אַז אַזאַ „קריטיק" פּאַסט נישט אַפילו פאַר „סוזדאַלער" (190).

אָבער וויאַזוי־זשע קעמפט מען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָזע, וועלכע, מיר חזרן עס איבער, עקזיסטירט שוין אומאָפּהענגיק פון אונזערע און פון אייערע אָנשטרענגונגען? איר האָט אויף דעם איין ענטפער: „שטאַרקער־מאַכן די דאָרפגעמיינדע", פאַרפעסטיקן דעם צוזאַמענבונד פון פּויער מיט דער ערד. און מיר ענטפערן אייך, אַז דידאָזיקע תשובה פּאַסט בלויז פאַר אוטאָפּיסטן. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל דאָס איז — אַן אַבסטראַקטער ענטפער. לויט אייער מיינונג איז די דאָרפגעמיינדע גוט תמיד און אומעטום, און לויט אונזער מיינונג איז קיין אַבסטראַקטער אמת נישטאָ, דער אמת איז תמיד קאָנקרעט, אַלץ הענגט אָפּ פון די אומשטאַנדן פון צייט און אָרט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען די דאָרפגעמיינדע איז געווען נוצלעך פאַרן גאַנצן פאָלק; ס'זענען אויך איצט, מן־הסתם, פאַראַן ערטער, וואו זי איז באַקוועם פאַר די ערדאַרבעטער. נישט מיר וועלן עס זיין די קעגנער פון אַזאַ דאָרפגעמיינדע, אָבער אין אַ גאַנצע ריי פאַלן איז די דאָרפגעמיינדע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטל צו עקספּלואַטירן דעם פּויער, אַנטקעגן אַזאַ דאָרפגעמיינדע שטעלן מיר זיך, פּונקט ווי מיר שטעלן זיך אַנטקעגן קעגן אַלץ, וואָס ס'איז שעדלעך פאַרן פאָלק. דערמאָנט זיך יענעם פּויער ביי ג. אי. אוספּענסקין, וועלכער צאָלט שטייערן, נישט־פאַרמאָגנדיק קיין באָדן, — „פּוסטן שטייער". וואָס דאַרף מען, לויט אייער מיינונג, טאָן

מיט אים? איבערפירן אים אינם קעניגרייך פון אידעאַלן, ענטפערט
איר. זייער גוט, פירט אים אַריבער מיט גאָטס הילף אָבער
כּל־זמן ער איז נאָך נישט אַריבערגעפירט, כּל־זמן ער זיצט
נאָך נישט אינם שיפל פון די אידעאַלן, כּל־זמן דאָס שיפל
איז נאָך נישט צוגעפאָרן צו אים, כּל־זמן ס'איז נאָך נישט באַ־
וואוסט, ווען עס וועט צופאָרן, — צי וואָלט דען נישט געווען
בעסער פאַר אים, ער זאָל זיך באַפרייען פון צאָלן דעם „פוסטן
שטייער"? צי איז דען נישט בעסער פאַר אים אויפצוהערן
זיין אַ מיטגליד פון דער דאָרפגעמיינדע, וועלכע פאַרזאָרגט
אים בלויז מיט לחלוטין אומפּראָדוקטיווע הוצאות, און אפשר
אויך מיט אַ כּסדרדיקן משא־ומתן אין דער געמיינדע־פאַרוואַל־
טונג? מיר מיינען, אַז אַזוי וואָלט געווען ב ע ס ע ר, און איר
באַשולדיקט אונז צוליב דעם, אַז מיר זענען אויסן אויסצוהונ־
גערן דאָס פאָלק. איז דאָס גערעכט פון אייער זייט? איז נישטאָ
דערין אַ געוויסע „אומזויבערקייט"? אָדער, קען זיין, איר זענט
ווירקלעך נישט מסוגל אונז צו פאַרשטיין? זאָל עס טאַקע אַזוי
זיין? טשאַאַדאַיעוו (191 פלעגט אַמאָל זאָגן, אַז אַ רוסישן מענטש
איז אומבאַקאַנט אַפילו דער סילאָגיזם פון מערב־אייראָפּע. צי
דען זאָל עס טאַקע האָבן צוגעטראָפן פונקט אייך? מיר דער־
לאָזן דעם געדאַנק, אַז ה' ס. קריווענקאָ פאַרשטייט אונז נישט, אַבסאָ־
לוט אויפריכטיק; מיר דערלאָזן דאָס אויך בנוגע דעם ה' קאַר־
יעיעוו, און בנוגע דעם ה' יוזשאַקאָוו, אָבער ה' מיכאַיילאָווסקי
האָט זיך אונז תּמיד אויסגעוויזן אַלס אַ מענטש מיט אַ באַדייטנ־
דיק „שאַרפערן" שכל.

וואָס האָט איר עפּעס צוגעטראַכט פאַרן מיטל, רבותי, אויף
צו פאַרבעסערן דעם גורל פון די מיליאָנען פאַקטיש ערדלאָזן־
געוואָרענע פּויערים? ווען עס האַנדלט זיך וועגן די, וואָס
צאָלן דעם „פוסטן שטייער", זענט איר בכּוח צו געבן בלויז
איין ענטפער: כאָטש ער צאָלט „פוסטן שטייער", פונדעסטוועגן
איז אָבער נייטיק, עס זאָל נישט צעשטערט ווערן זיין צוזאַ־
מענבונד מיט דער דאָרפגעמיינדע, דערפאַר ווייל אויב ער
וועט צעשטערט ווערן, וועט מען אים שוין נישט קענען צוריק־
שאַפן. אוודאי, דאָס וועט ברענגען מיט זיך צייטווייליקע אומ־
באַקוועמלעכקייטן פאַר די, וואָס צאָלן דעם „פוסטן שטייער",

אָבער... „ס'איז נישט קיין אומגליק, אַז דער פּויער וועט אַביסל ליידן".

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז אונזערע ה"ה סוביעקטיוויסטן זענען גרייט צו ברענגען אַלס קרבן פאַר זייערע אידעאַלן די סאַמע לעבעדיקסטע אינטערעסן פונם פאָלק! אַזוי אַרום קומט טאַקע אויס, אַז זייער פּרעדיקן ווערט פּאַקטיש אַלץ מער און מער שעדלעך פאַרן פאָלק.

„זיין אַן ענטוזיאַסטקע איז געוואָרן איר שטעלונג אין דער געזעלשאַפט", זאָגט טאָלסטאָי וועגן אַננאַ פּאַוולאָוונאַ שערער. פיינט־האָבן דעם קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע שטעלונג פון אונזערע סוביעקטיוויסטן. וואָס פאַראַ נוצן האָט געקענט ברענגען רוסלאַנד דער ענטוזיאַזם פון אַן אַלטער מויד? קיין שום נוצן. וואָס פאַראַ נוצן ברענגט די רוסישע פּראָדוצירערס די „סוביעקטיווע" שנאה צום קאַפּיטאַליזם? אויך קיין שום נוצן.

אָבער אַננאַ פּאַוולאָוונאַס ענטוזיאַזם איז געווען, לכל־הפּחות, אומשעדלעך. דאַקעגן די אוטאָפּישע פיינטשאַפט צום קאַפּיטאַליזם הויבט־אָן אַבסאָלוט שאַדן צו ברענגען דעם רוסישן פּראָדוצירער, דערפאַר ווייל זי מאַכט אונזער אינטעליגענץ פאַר זייער נישט איבערקלייבעריש בנוגע די מיטלען צו פאַרפעסטיקן די דאָרפגעמיינדע. ווי מ'הויבט נאָר אָן צו רעדן וועגן אַזאַ פאַרפעסטיקונג, רוקט זיך תיכף־ומיד אָן אַ חושך, אין וועלכן אַלע קעץ זענען אויס ווי גראָע, און די ה"ה סוביעקטיוויסטן זענען גרייט ליבלעך צו קושן זיך מיט די „מאָסקאָווסקיע וויעדאָמאָסטי". און אָט די גאַנצע שכל־פאַרטונקלונג העלפט גראָד אונטער יענע שענק, וועלכע די „תלמידים" גרייטן זיך, פלומרשט, צו קולטיווירן. ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן, און אַן עבירה צו פאַרבאַרגן: די אוטאָפּישע שונאים פונם קאַפּיטאַליזם ווייזן זיך אַרויס, אין דער ווירקלעכקייט, אַלס מיטהעלפער פונם קאַפּיטאַליזם אין זיין סאַמע גראָבער, סאַמע שעדלעכער פאָרם.

ביזאַהער האָבן מיר גערעדט וועגן אוטאָפּיסטן, וועלכע

האָבן זיך באַמיט אָדער באַמיען זיך איצט אויסצוטראַכטן דעם אָדער יענעם אויסדרוק קעגן מאַרקסן. איצטער לאָמיר אַ קוק טאָן, וויאַזוי זענען זיך נוהג אָדער וויאַזוי האָבן זיך נוהג געווען די אוטאָפּיסטן, וועלכע זענען נוטה זיך אויף אים צו פאַרופן.

היינצען, — ווען מען עס רעפּראָדוצירן איצט מיט אַזאַ פאַרבליפנדיקער געטרייאיקייט די ה״ה רוסישע אוטאָפּיסטן אין זייערע שטרייטן מיט די „רוסישע תלמידים״, — איז געווען אַן אוטאָפּיסט פון אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישער ריכטונג. אָבער אין דייטשלאַנד פון די פערציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט זענען געווען אַ סאַך אוטאָפּיסטן פון אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג.

די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לאַגע פון דייטשלאַנד איז דאַן געווען אין אַלגעמיינע שטריכן פאָלגנדיקע:

פון איין זייט האָט זיך שנעל אַנטוויקלט די בורזשואַזיע, וועלכע האָט עקשנותדיק געפאָדערט פון די דייטשישע רעגירונגען פלערליי מיטהעלפונגען און אונטערשטיצונגען. דער באַרימטער Zollverein איז געווען פולשטענדיק אירע אַ שאַפונג, דערביי האָט זיך די אַגיטאַציע לטובת אים געפירט נישט בלויז מיט דער הילף פון „שתדלנותן״, נאָר אויך דורך מער אָדער ווייניקער וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס-אַרבעטן: מירן דערמאָנען פרידריך ליסטן (192). פון דער צווייטער זייט האָט די צעשטערונג פון די אַלטע עקאָנאָמישע „יסודות״ געמאַכט דאָס דייטשישע פאָלק אומבאַשיצט לגבי דעם קאַפּיטאַליזם. די פויערים און די באַלמעלאָכעס זענען שוין געווען געניגנדיק אַריינגעצויגן אינם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער באַוועגונג אַז זיי זאָלן שפּירן אויף זיך אירע אומבאַקוועמע זייטן, וועלכע לאָזן זיך באַזונדערס פילן אין איבערגאַנגס-פּעריאָדן. אָבער די האָרעפּאַשנע מאַסע איז נאָך דאַן געווען ווייניק מסוגל צו אַ ווידערשטאַנד. זי האָט נאָך נישט געקענט געבן אַ וויפלנישט-איז באַמערקבאַרן אָפּשטויס די פאָרשטייערס פון קאַפּיטאַל. נאָך אין די זעכציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט מאַרקס געזאָגט, אַז דייטשלאַנד ליידט גלייכצייטיק סיי פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, סיי פון

זיין נישט-גענוגנדיקער אַנטוויקלונג. אין די פערציקער יאָרן זענען דייטשלאַנדס ליידן צוליב דער נישט-גענוגנדיקער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם געווען נאָך שטאַרקערע. דער קאַפּיטאַליזם האָט חרוב-געמאַכט די אַלטע יסודות פונם פויערישן לעבן; די קוסטאַרישע אינדוסטריע, וועלכע האָט פריער געוועסט אויפגעבליט אין דייטשלאַנד, האָט געדאַרפט איצט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון דער מאַשינען-אינדוסטריע, וואָס ס'איז נישט געווען פאַר אירע כּוחות. די קוסטאַרן האָבן גענומען אָרים ווערן, אַריינפאַלנדיק מיט יעדן יאָר אַלץ מער און מער אין אַ שווערער אָפּהענגיקייט פון די אויפקויפערס. און אין דערזעלבער צייט האָבן די פויערים געמוזט אויסטראָגן אַ גאַנצע ריי פליכטן לגבי די פריצים און דער מלוכה, וועלכע האָבן אפשר געקענט זיין נישט אַזוי באַשווערנדיק אין דער פריערדיקער צייט, אָבער אין די פערציקער יאָרן זענען זיי געוואָרן שווערער דורכדעם, וואָס זיי האָבן אַלץ ווייניקער אַנטשפּראָכן די באַדינגונגען פונם פויערישן לעבן. די אָרימקייט פון די פויערים האָט אָנגענומען גוואַלדיקע מאַסשטאַבן; דער קולאַק איז געוואָרן אַ פולשטענדיקער באַלעבאָס פון דאָרף; די פויערישע תבואה פלעגט ער נישט זעלטן אָפּקויפן, ווען זי איז נאָך געווען אין פעלד; די שנאָרעריי איז געוואָרן אַ מין זייטיקע באַשעפטיקונג. די דאַמאָלסדיקע פּאָרשער פלעגן אָנווייזן אויף דאָרפגעמיינדעס, וואו פון עטלעכע טויזנט פאַמיליעס האָבן נישט געשנאָרעט בלויז עטלעכע הונדערט. אין אַנדערע ערטער, — דאָס איז אַ זאַך אַ לחלוטין אומגלויבלעכע, אָבער אַ בשעתו קאָנסטאַטירטע דורך דער דייטשישער פּרעסע, — האָבן זיך די פויערים גענערט מיט נבילה-פלייש. פאַרלאָזנדיק די דערפער, האָבן זיי נישט געפונען קיין גענוגנדיקע פאַרדינסטן אין די אינדוסטריעלע צענטרען. און די פּרעסע פלעגט אָנווייזן אויף דער וואַקסנדיקער אַרבעטלאָזיקייט און אויף דער דורך איר אַרויסגערופענער עמיגראַציע.

אָט וויאַזוי עס שילדערט איינער פון די סאַמע פּראָגרעסיווסטע אָרגאַנען פון יענער צייט די לאַגע פון דער האָרעפּאַשנער מאַסע: „הונדערט טויזנט שפּינערס אין ראַאוּענסבער-

נער קרייז און אין אַנדערע ערטער פון דייטשישן פאָטערלאַנד קענען שוין נישט לעבן פון זייער אַרבעט, זיי געפינען נישט קיין אָפּזאַץ פאַר זייערע אויסאַרבעטונגען (עס רעדט זיך, הויפּטזאַכלעך, וועגן קוסטאַרן), זיי זוכן אַרבעט און ברויט, נישט געפינענדיק נישט דאָס ערשטע נישט דאָס צווייטע, דערפאַר ווייל עס איז זיי שווער, אויב נישט אוממעגלעך, צו געפינען עפּעס אַ פאַרדינסט אַחוץ ביי שפּינערײַ. עס איז פאַראַן אַ גוואַלדיקע קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער צוליב דעם מינימאַלסטן לוין"*).

די מאָראַלישקייט פונם פאָלק איז אָן אַ ספק געפאַלן. צוזאַמען מיטן חורוב-ווערן פון די אַלטע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן איז פאָרגעקומען אַ צעטרייסלונג פון די אַלטע מאָראַלישע באַגריפן. די צייטונגען און זשורנאַלן פון יענער צייט זענען פול מיט אָנקלאַגעס אויף דער שיכּרות צווישן די אַרבעטער, אויף געשלעכטלעכער צעלאָזנקייט, אין זייער סביבה, אויף פּראַנטישקייט און פאַרשווענדערישקייט, וואָס אַנטוויקלט זיך צווישן זיי צוזאַמען מיט דער פאַרקלענערונג פונם אַרבעטלוין. ביים דייטשישן אַרבעטער האָבן זיך נאָך נישט געלאָזט באַמערקן קיין סימנים פון דער נייער מאָראַלישקייט, פון יענער מאָראַלישקייט, וועלכע האָט זיך שנעל אָנגעהויבן אַנטוויקלען שפּעטער אויפן באָדן פון דער נייער באַפרייאונגס-באַוועגונג, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער עצם-אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. די באַפרייאונגס-באַוועגונג פון דער מאַסע האָט זיך נאָך דאַמאָלס נישט געהאַט אָנגעהויבן. איר שטומע אומצופרידנקייט פלעגט זיך נאָר אַרויסווייזן פון צייט צו צייט דורך האָפנונגסלאָזע שטרייקן, ווי אויך דורך ציללאָזע בונטן, דורכן זינלאָזן חרוב-מאַכן פון די מאַשינען. אָבער אין די קעפּ פון די דייטשישע אַרבעטער האָבן שוין גענומען אַרייַנפאַלן פונקען פון באַוואוסטזיין. דאָס בוך, וואָס איז געווען אַן אומנויטיקער לוקסוס ביי די אַלטע אָרדינונגען, איז געוואָרן אַ נויטווענדיקער אָביעקט ביי די נייע. די

---

*) אַ קאָרעספּאָנדענץ פון וועסטפאַליען אין „Der gesellschafts-Spiegel". 1 Band S. 78.

ליידנשאַפט צום לייענען האָט אָנגעהויבן באַהערשן די אַרבע־
טער...

אַזוי האָט אויסגעזען די פּאַקטישע לאַגע, מיט וועלכער עס האָט זיך געדאַרפט רעכענען דער וואוילדענקענדיקער טייל פון דער דייטשישער אינטעליגענץ der Gebildeten (ווי מ׳פלעגט דאַמאָלס זאָגן). וואָס טוט מען, וויאַזוי העלפט מען דעם פאָלק? באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם, האָט געענטפערט די אינטעליגענץ. די דערשינענע אין יענער צייט ווערק פון מאַרקסן און ענגעלסן זענען פריידיק אויפגענומען געוואָרן דורך אַ טייל פון דער דייטשישער אינטעליגענץ, אַלס אַ ריי נייע וויסנשאַפטלעכע אַרגומענטן פאַר דער נויטווענדיקייט צו באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם. „בעת די ליבעראַלע ה״ה פּאָליטיקער האָבן מיט אַ נייעם כוח גענומען בלאָזן אינם ליסטישן שופר פון אַ פּראָטעזשירנדיקן צאָל־טאַריף, באַמיענדיק זיך צו איבער־צייגן... אַז זיי זאָרגן פאַר דער אויפהויבונג פון דער אינדוס־טריע, הויפּזאַכלעך, צוליב די אינטערעסן פונם אַרבעטער־קלאַס. און זייערע קעגנער, די ענטוזיאַסטן פון אַ פרייען האַנדל, האָבן זיך באַמיט אויפצווייזן, אַז ענגלאַנד איז געוואָרן אַ בליענדיק קלאַסיש לאַנד פאַרן האַנדל און פאַר דער אינדוסטריע לגמרי נישט צוליבן פּראָטעקציע־סיסטעם, — איז אויסערגעוויינלעך צו דער צייט דערשינען דאָס פּרעכטיקע בוך פון ענגעלסן וועגן דער לאַגע פונם אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד, וואָס האָט צע־שטערט די לעצטע אילוזיעס. אַלע זענען מודה, אַז דאָסדאָזיקע בוך איז איינס פון די אויסגעצייכנטסטע ווערק פון דער נייער צייט... מיט אַ ריי אומאָפּלייקנבאַרע ראיות באַווייזט עס, אין וואָס פאַר אַ תהום עס שטרעבט אַריינצופאַלן די געזעלשאַפט, ה׳עלכע מאַכט פאַר איר באַוועג־פּרינציפּ די פערזענלעכע גירי־קייט, די פרייע קאָנקורענץ פון פּריוואַטע אונטערנעמער, פאַר וועמען געלט איז — גאָט״ *).

בכן, הייסט עס, דאַרף מען באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם. אַנישט וועט דייטשלאַנד אַריינפאַלן אין יענעם תהום, אויף וועלכנס דנאָ עס ליגט שוין ענגלאַנד. דאָס איז אויפגעוויזן

*) דאַרטן: ז. 36 Notitzen und Nachrichten

דורך ענגעלסן. ווער־זשע וועט באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם? די אינטעליגענץ, die Gebildeten. די באַזונדערלעכקייט פֿון דייטשלאַנד איז טאַקע, לויט די ווערטער פֿון איינעם פֿון אָט די Gebildeten באַשטאַנען דערין, וואָס צו באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם איז דאָ באַרופֿן די דייטשישע אינטעליגענץ, בעת אין מערב (in den westlichen Ländern) קעמפֿן מיט אים מער די אַרבעטער*). ווי אַזוי־זשע וועט באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם די דייטשישע אינטעליגענץ? דורך דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּראָדוקציע (Organisation der Arbeit) וואָס־זשע דאַרף טאָן די אינטעליגענץ כּדי צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע „דאָס — „Allgemeines Volksblatt“ וואָס איז דערשינען אין 1845 יאָר אין קעלן, האָט פֿאָרגעלייגט פֿאָלגנדיקע מאָסמיטלען:

1) דאָס מיטהעלפֿן דער פֿאָלקסבילדונג, דאָס אָרגאַניזירן פֿאָלקס־פֿאַרלעזונגען, קאָנצערטן א.ד.ג.

2) דאָס איינאָרדנען גרויסע וואַרשטאַטן, וואו די אַרבעטער, די באַלמעלאָכעס און די קוסטאַרן זאָלן קענען אַרבעטן פֿאַר זיך, און נישט פֿאַרן אונטערנעמער אָדער פֿאַרן אויפֿקויפֿער. „Allgemeines Volksblat“ האָט געהאָפֿט, אַז מיט דער צייט וועלן דידאָזיקע באַלמעלאָכעס־קוסטאַרן פֿון זיך אַליין זיך צוזאַמענגרופּירן אין אַסאָציאַציעס.

3) די גרינדונג פֿון לאַגערן פֿאַרן פֿאַרקויף פֿון די אויסאַרבעטונגען, וועלכע וועלן ווערן צוגעשטעלט דורך די קוסטאַרן און באַלמעלאָכעס, ווי אויך דורך די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן.

דידאָזיקע מאָסמיטלען וועלן ראַטעווען דייטשלאַנד פֿון דעם געשוויר פֿונם קאַפּיטאַליזם, און אָננעמען דידאָזיקע מיטלען איז נאָך דערמיט לייכטער. גיט צו דאָס ציטירטע בלעטל וואָס „דאָ און דאָרט האָט מען שוין אָנגעהויבן איינאָרדנע

*) זע דאָס אַרטיקל פֿון העסן (193) אין דעמזעלבן באַנד פֿון דעמזעלבן גראַבן זשורנאַל ז. 1 און ווייטערע. פֿגל. אויך די Neue Anekdoten herausgegeben von Carl Grün, Darmstadt 1845 s. 220. אין דייטשלאַנד פֿאַרנעמט זיך, אין קעגנזאַץ צו פֿראַנקרייך, מיטן קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם און „פֿאַרזיכערט דעם זיג איבער אים“ די געבילדעטע מינדערהייט.

שטענדיקע לאַנערן, אַזויגערופענע אינדוסטריעלע באַזאַרן, אַוואו די באַלמעלאָכעס קענען אויסשטעלן צום פאַרקויף זייערע סחורות", באַקומענדיק אויף זיי תיכף־ומיד אַ געוויסע הלוואה. ווייטער קומט אַ שילדערונג פון די באַקוועמלעכקייטן, וועלכע וועלן אַרויספליסן פון דעם אַלעמען סיי פאַרן פּראָדוצירער, סיי פאַרן געברויכער.

באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם איז צומלייכטסטן דאָרטן, וואו ער איז נאָך שוואַך אַנטוויקלט. דעריבער פלעגן די דייטשישע אוטאָפּיסטן אָפט און גערן אַרומרעדן דעם אומשטאַנד, וואָס דייטשלאַנד איז נאָך נישט ענגלאַנד; היינצען איז אַפילו געווען פשוט גרייט אָפּצולייקענען די עקזיסטענץ פון אַ פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט אין דייטשלאַנד. אָבער היות ווי פאַר די אוטאָפּיסטן איז די הויפּט־זאַך באַשטאַנען דערין, אויפצווייזן דער „געזעלשאַפט" די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע, פלעגן זיי אָן שוועריקייטן און אומבאַמערקבאַר פאַר זיך איבערגיין, צייטנווייז, אויפן שטאַנדפּונקט פון מענטשן, וועלכע באַהויפּטן, אַז דער דייטשישער קאַפּיטאַליזם קען זיך שוין ווייטער נישט אַנטוויקלען צוליב די אייגנטימלעכע פאַר אים ווידערשפּרוכן, ווייל דער אינערלעכער מאַרק איז שוין איבערגעפולט, ווייל די קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג פאַלט, די דעראָבערונג פון אויסלענדישע מערק איז ווייניק וואַרשיינלעך און ווייל דעריבער דאַרף די צאָל אַרבעטער, וועלכע זענען פאַרנומען אין דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע, אומבאַדינגט אַלץ מער און מער פאַרקלענערט ווערן. אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט פלעגט נישט איינמאָל שטיין דער דורך אונז ציטירטער זשורנאַל „Der Geselschafts-Spiegel", איינער פון די סאַמע הויפּט־אָרגאַנען פון די דאַמאָלסדיקע דייטשישע אוטאָפּיסטן, נאָכן דערשיינען פון דער אינטערעסאַנטער בראָשור פון ל. בול: „Andeutengen über die Noth der Arbeitenden Klassen und über die Aufgabe der Vereine zum Wohl derselben. Berlin, 1845.

בול האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: צי זענען די פאַריינען אויפצוהויבן דעם וואוילשטאַנד פונם אַרבעטער-קלאַס בכוח זיך אַן עצה צו געבן מיט זייער אויפגאַבע? און כדי צו ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע, האָט ער אַרויסגערוקט נאָך איינע, נעמלעך, די פראַגע וועגן דעם, פונוואַנעט פליסט אַרויס אין דער איצטיקער צייט די אָרימקייט פונם אַרבעטער-קלאַס?

קבצן און פראָלעטאַריער זענען לגמרי נישט איינאונדאָסזעלבע, זאָגט בול. דער קבצן וויל נישט אָדער קען נישט אַרבעטן; דער פראָלעטאַריער זוכט אַרבעט; ער איז מסוגל צו איר, אָבער זי איז נישטאָ, פאַלט ער אַריין אין אָרימקייט. אַזאַ דערשיינונג איז געווען לחלוטין אומבאַקאַנט אין די פריערדיקע צייטן, כאָטש עס זענען תמיד געווען אָרימעלייט און ס'זענען תמיד געווען אונטערדריקטע, למשל, די לייבאייגענע פויערים.

פונוואַנען-זשע האָט זיך גענומען דער פראָלעטאַריער? אים האָט באַשאַפן די קאָנקורענץ. די קאָנקורענץ האָט, צעקלאַפנדיק די אַלטע קייטן, וועלכע האָבן געפענטעט די פראָדוקציע, אַרויסגערופן אַן אומגעווינלעכן פונאַנדערבלי פון דער אינדוסטריע. אָבער זי צווינגט אויך די אונטערנעמערס אַראָפצונידעריקן דעם פרייז פון זייערע פראָדוקטן. דעריבער באַמיען זיי זיך צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטלוין אָדער די צאָל אַרבעטס-הענט. דערדאָזיקער לעצטער ציל ווערט דערגרייכט דורך דער פאַרפולקאָמונג פון די מאַשינען, וועלכע וואַרפן אַרויס אויף דער גאַס אַ מאַסע אַרבעטער. אַחוצדעם קענען די באַלמעלאָכעס נישט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון דער מאַשינערער פראָדוקציע און זיי פאַרוואַנדלען זיך אויך אין פראָלעטאַריער. דער אַרבעטלוין פאַלט אַלץ מער און מער. בול ווייזט אָן אויף אַ ביישפיל פון דער קרעטאָן-פראָדוקציע, וועלכע האָט געבליט אין דייטשלאַנד נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. דער אַרבעטלוין איז דאַמאָלס געווען זייער אַ הויכער. אַ גוטער אַרבעטער האָט געקענט פאַרדינען פון אַכצן ביז צוואַנציק טאָלער אַ וואָך. אָבער אָט זענען אויפגעקומען די מאַשינען, צוזאַמען מיט זיי פרויען-אַרבעט און קינדער-אַרבעט, — און דער אַרבעטלוין האָט זיך שרעקלעך

פאַרקלענערט. דער פּרינציפּ פון פרייער קאָנקורענץ ווירקט אַזוי תמיד און אומעטום, וואו ער באַקומט הערשאַפט. ער פירט צו אַן איבערפּראָדוקציע, און די איבערפּראָדוקציע צו אַרבעטלאָזיקייט, און וואָס מער עס פאַרפולקאָמט זיך די גרויס-אינדוסטריע, אַלץ מער וואַקסט די אַרבעטלאָזיקייט, אַלץ ווייניקער ווערט די צאָל פון אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אַז דאָס איז ווירקלעך אַזוי, קען דערוויזן ווערן דורך דעם אומשטאַנד, וואָס די אַבגעוויזענע צרות זענען פאַראַן בלויז אין אינדוסטריעלע לענדער, דאַקעגן די לאַנדווירטשאַפטלעכע מלוכות וויסן נישט פון זיי. אָבער די פּאַקטישע לאַגע, וועלכע ווערט געשאַפן דורך דער פרייער קאָנקורענץ, איז אויסערגעוויינלעך געפערלעך פאַר דער געזעלשאַפט, און דעריבער קען די געזעלשאַפט נישט בלייבן גלייכגילטיק צו איר. וואָס-זשע זאָל די געזעלשאַפט טאָן? דאָ ווענדעט זיך בול צו דער פראַגע, וועלכע שטייט, אַזוי צו זאָגן, אויפן ערשטן פּלאַן פון זיין ווערק: צי איז בכלל בכוח אַ וועלכער-נישט-איז פאַריין אויסצוואָרצלען די אָרימקייט פונם אַרבעטער-קלאַס?

דער אַרטיקער בערלינער פאַריין מיטצוהעלפן דעם אַרבעטער-קלאַס האָט זיך פאַרנומען מיט דער אויפגאַבע, „נישט אַזוי וויט צו באַזייטיקן דעם עקזיסטירנדיקן דלות, ווי צו שטערן דער אַנטשטייאונג פון אָרימקייט אין דער צוקונפט". צו דעמדאָזיקן פאַריין ווענדעט זיך טאַקע איצטער בול: ווי-אַזוי וועט איר פאַרהיטן פאַר דער אַנטשטייאונג פון אָרימקייט אין דער צוקונפט, — פרעגט ער, — וואָס וועט איר טאָן דערצו? די אָרימקייט פונם הייניטיקן אַרבעטער קומט אַרויס פון דער קנאַפּער נאָכפראַגע אויף אַרבעט. דעם אַרבעטער איז נויטיק נישט קיין נדבה, נאָר אַרבעט. פונוואַנען-זשע וועט דער פאַריין נעמען אַרבעט? כדי צו פאַרגרעסערן די נאָכפראַגע אויף אַרבעט, איז נויטיק, עס זאָל פאַרגרעסערט ווערן די נאָכפראַגע אויף די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט. און דידאָזיקע נאָכפראַגע פאַרקלענערט זיך, אַ דאַנק דער פאַרקלענערונג פונם פאַרדינסט פון דער אַרבעטנדיקער מאַסע. אָדער, אפשר וועט דער פאַריין אַנטדעקן נייע מערק? בול האַלט אויך דאָס פאַר נישט עמג-

דען. ער קומט צום אויספיר, אַז די אויפגאַבע, וועלכע ס'האָט זיך געשטעלט דער בערלינער פאַריין, איז בלויז אַ „גרויס-זשוטיקע אילוזיע".

בול עצהט דעם בערלינער פאַריין זיך בעסער אַריינצו-טראַכטן אין די סיבות פון דער אָרימקייט פונם אַרבעטער-קלאַס, איידער ער טרעט אַריין אין אַ קאַמף מיט איר. פּאַ-ליאַטיוון שרייבט ער נישט צו קיין שום באַדייטונג. „אַרבעט-בערזעס, איינשפּאַר-און סטראַכיר-קאַסעס און דאָסגלייכן קענען, באַטירלעך, פאַרבעסערן די לאַגע פון נישט קיין סאַך איינצלנע מענטשן, אָבער זיי וועלן דאָס שלעכטס נישט עוקר מן השורש זיין". דאָס שלעכטס וועט אויך נישט אַרויסגעריסן ווערן דורך אַסאָציאַציעס: „אויך די אַסאָציאַציעס וועלן נישט אויסמיידן די שווערע נויטווענדיקייט (dura necessitas) פון דער קאָנקו-רענץ".

אין וואָס האָט בול אַליין געזען דעם מיטל פאַר דער באַזייטיקונג פונם שלעכטס, — דאָס איז שווער אַרויסצודרינגען פון ב. זיין בראָשור. ער איז, כלומרשט, מרמז, אַז כדי אַרויסצוהעלפן פונם שלעכטס איז נויטיק די אַריינמישונג פון דער מלוכה, ער גיט אָבער, פונדעסטוועגן, צו, אַז דער רעזולטאַט פון אַזאַ מין אַריינמישונג וואָלט געווען אַ ספּקדיקער. ווי די מעשה זאָל נישט זיין, אָבער זיין בראָשור האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער דאַמאָלדיקער דייטשישער אינטעליגענץ, און לגמרי נישט אין זין פון אַנטוישונג. אדרבה, אין דערדאָזיקער בראָשור האָט מען דערזען אַ נייעם באַווייז פאַר דער נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעט.

אָט וואָס עס זאָגט וועגן בולס בראָשור דער זשורנאַל „Der Geselschafts-Spiegel":

„דער באַקאַנטער בערלינער שרייבער ב. בול האָט אַרויס-געגעבן אַ ווערק אונטערן נאָמען „Andeutungen" א. אַ. וו. ער האָלט, — און מיר זענען מסכים מיט זיין מיינונג, — אַז די צרות פונם אַרבעטער-קלאַס קומען אַרויס פונם איבערפלוס פון פּראָדוקטיווע כוחות; אַז דערדאָזיקער איבערפלוס איז אַ פועל-יוצא פון דער פרייער קאָנקורענץ און פון די גייסטע

אַנטדעקונגען און דערפינדונגען אין דער פיזיק און אין דער מעכאַניק; אַז דאָס אומקערן זיך צו צעכן און קאָרפּאָראַציעס וואָלט געווען פונקט אַזוי שעדלעך, ווי דאָס באַשווערן דעם וועג פון די אַנטדעקונגען און דערפינדונגען; אַז דעריבער זענען ביי די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען (קורסיוו פונם מחבר פון דער רעצענזיע) נישטאָ קיין ממשותדיקע מיטלען צו העלפן די אַרבעטער. משער-זייענדיק אַז די איצטיקע עגאָאיסטישע פּריוואַט-אונטערנעמערישע פאַרהעלטענישן וועלן בלייבן אומפאַרענדערלעך, דאַרף מען מסכּים זיין מיט בולן, אַז קיין שום פאַריין איז נישט בכּוח צו פאַרניכטן די פאַראַנענע אָרימקייט. אָבער אַזאַ השערה איז לגמרי נישט נויטווענדיק: אדרבא, עס וואָלטן געקענט אַנטשטיין, און עס אַנטשטייען שוין פאַריינען, וועמעס ציל עס איז צו באַזייטיקן אויף אַ פרידלעכן אופן דעם אויבנדערמאָנטן עגאָאיסטישן יסוד פון אונזער געזעלשאַפט. ס'איז נאָר נויטיק, אַז די רעגירונג זאָל נישט באַשווערן אַזאַ מין טעטיקייט פון די פאַריינען”.

ס'איז קלאָר אַז דער רעצענזענט האָט נישט פאַרשטאַנען אָדער ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין בולס געדאַנק, אָבער דאָס איז פאַר אונז נישט וויכטיק. מיר האָבן זיך געווענדעט צו דייטשלאַנד בלויז צוליב דעם, כּדי מיר זאָלן, מיט דער הילף פון די לעקציעס, וועלכע זענען געגעבן געוואָרן דורך איר געשיכטע, בעסער זיך פונאַנדערקלייבן אין געוויסע גייסטיקע באַוועגונגען פונם מאָדערנעם רוסלאַנד. און אין דעם זין האָט אין זיך די באַוועגונג פון דער דייטשישער אינטעליגענץ אין די פערציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט אַסאַך באַלערנדיקן מאַטעריאַל פאַר אונז.

ערשטנס, בולס אַרגומענטאַציע דערמאָנט אונז די אַרגומענטאַציע פון ה' נ—אָן. סיי דער, סיי יענער הויבן אָן מיט אַן אָנווייזונג אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, ווי אויף דער סיבּה פון דער פאַרקלענערונג פון דער נאָכפראַגע אויף אַרבעט, און ממילא אויך פון דער פאַרהעלטנישמעסיקער פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטער. סיי דער, סיי יענער רעדן וועגן דער איבערפולונג פונם אינערלעכן מאַרק

און וועגן דער אַרויספליסנדיקער דערפון אומפאַרמיידלעכקייט פון דער פאַרקלענערונג פון דער נאָכפראַגע אויף אַרבעטסקראַפט. בול האָט, ווייזט אויס, נישט אָנערקענט די מעגלעכקייט פון די דייטשן צו דעראָבערן אויסלענדישע מערק; ה' נ–אָן אָנערקענט אַנטשיידן נישט דידאָזיקע מעגלעכקייט אין בעצוג צו די רוסישע אינדוסטריעלער. צומלעצט, סיי ביי דעם, סיי ביי דעם אַנדערן, בלייבט דידאָזיקע פראַגע וועגן אויסלענדישע מערק לחלוטין נישט אויסגעפאָרשט. נישט דער נישט יענער ברענגען נישט לטובת זייער מיינונג קיין איין ערנסטן אַרגומענט.

בול מאַכט נישט פון זיין פאָרשונגס-אַרבעט קיין שום אַנדער באַשיינפערלעכן אויספיר, אַחוץ דעם, אַז מ'דאַרף זיך גוט אַריינטראַכטן אין דער לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס, איידער מ'גייט אים העלפן. ה' נ–אָן קומט צום אויספיר, אַז פאַר אונזער געזעלשאַפט שטייט, אמת, אַ שווערע אָבער נישט קיין אוממעגלעכע אויפגאַבע, — צו אָרגאַניזירן אונזער נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע. אָבער אויב מ'זאָל ווען דערגאַנצן בולס אָנשויאונגען מיט די מיינונגען, וועלכע ס'האָט מכּוח זיי אַרויסגעזאָגט דער דורך אונז ציטירטער רעצענזענט פונם זשורנאַל „Der Gesellschafts-Spiegel“ וועט זיך באַקומען פונקט ה' נ–אָנס אויספיר. ה' נ–אָן=בול+רעצענזענט. און דידאָזיקע „פאָרמול“ ברענגט אונז צו אַזעלכע רעיונות.

דעם ה' נ–אָן האַלט מען ביי אונז פאַר אַ מאַרקסיסט און אַפילו פאַר דעם איינציקן „אמתדיקן“ מאַרקסיסט. אָבער צי קען מען דען זאָגן, אַז דער סכום אָנשויאונגען פון בולן און פונם רעצענזענט אויף דער לאַגע פון דייטשלאַנד אין די פערציקער יאָרן פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די אָנשויאונגען פון מאַרקסן אויף דערזעלבער לאַגע? מיט אַנדערע ווערטער, צי איז בול, — דערגאַנצט ווערנדיק דורכן רעצענזענט-מאַרקסיסט, און דערצו דורכן איינציקן אמתדיקן מאַרקסיסט, — געווען אַ מאַרקסיסט „פאַר עקסעלאַנס“? פאַרשטייט זיך, אַז נישט. דערפון, וואָס בול האָט אָנגעוויזן אויף ידער סוגיה, אין וועלכער עס פאַלט אַריין די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, דרינגט נאָך נישט אַרויס, אַז ער איז גע-

שטאַנען אויף מאַרקסנס שטאַנדפּונקט. ער האָט באַטראַכט די־ דאָזיקע סתירות פון זייער אַן אַבסטראַקטן שטאַנדפּונקט, און שוין צוליב דעם אַליין האָט זיין שטודיום נישט געהאַט, לויט זיין גייסט, קיין שום געמיינזאַמעס מיט די אָנשויאונגען פון מאַרקסן. הערנדיק בולן וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דער דייטשער קאַפּיטאַליזם וועט היינט־מאָרגן דערשטיקט ווערן אונטער דער לאַסט פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג, אַז ווייטער גיין האָט ער שוין נישט וואוהין, אַז די מלאכות זענען ענד־ גילטיק קאַפּיטאַליזירט און אַז די צאָל פון די דייטשישע אַר־ בעטער וועט שנעל אָנהויבן גיין אַראָפּ. אַזעלכע אָנשויאונגען האָט מאַרקס נישט אַרויסגעזאָגט. אדרבא, ווען עס פלעגט אים אויסקומען צו רעדן, ביים סוף פון די פערציקער יאָרן און באַזונדערס ביים אָנהויב פון די פופציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט, וועגן נאָענטן גורל פון דעם דייטשישן קאַפּיטאַ־ ליזם, פלעגט ער זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש. בלויז מענטשן, וועלכע האָבן אַבסאָלוט נישט פאַרשטאַנען זיינע אָנשויאונגען, וואָלטן געקענט האַלטן פאַר אמתדיקע מאַרקסיסטן די דייטשי־ שע ב—אָנס *).

*) ב—אָנס זענען געווען אַסאַך אינם דאַמאָלסדיקן דייטשלאַנד, און פון די סאַמע פאַרשיידנסטע ריכטונגען. אויסגעצייכנטער פאַר אַלע זענען געווען די ק אַ ג־ ס ע ר וו א ט י וו ע. אַזוי, למשל, האָט דאָקטאָר קאַרל פאָלגראַף, אַן אָרדנטלעכער פּראָפעסאָר פון רעכט, פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור, מיט אַן אויסערגעוויינלעך לאַנגן טיטול (Von der über und unter ihr naturnothwendiges Maas erweiterten und herabgedrûckten Concurrenz in allen Nahrungs und Erwerbszweigen des bürgerlichen Lebens, als der nächsten Ursache des allgemeinen, alle Klassen mehr oder weniger drückenden Nothstandes in Deutschland, insonderheit des Getreidewuchers, sowie von den Mitteln zu ihrer Abstellung. Darmstadt. 1848.) אין וועלכער ער האָט געשילדערט די עקאָנאָמישע לאַגע פונם „דייטשישן פאָטערלאַנד" גוואַלדיק ענלעך מיט דעם, ווי עס איז געשילדערט די רוסישע עקאָנאָמישע לאַגע אינם בוך „אָטשערקי נאַ־ שעוואָ פּאָרעפאָרמענאָוואָ אָבשטשעסטווענאָוואָ כאָזיאַיסטוואָ" (אָפּהאַנדלונגען איבער

די דייטשישע נ—אַנס פלעגן טראַכטן פונקט אַזוי אַבסטראַקט, ווי די היינטיקע בולס און פּאָלגראַפס. טראַכטן אַבסטראַקט הייסט זיך טועה־זיין אַפילו אין יענע פאַלן, ווען די

אונזער נאָכרעפאָרמדיקער געזעלשאַפטלעכער חיהטשאַפט). פּאָלגראַף האָט אויך געשילדערט די זאַך אַזוי, ווי די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות וואָלט שוין פלומרשט האָבן דערפירט, „אונטערן דרוק פון דער פרייער קאָנקורענץ", צו אַ פאַרהעלטנישמעסיקער פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטער, וועלכע זענען פאַרנומען אין דער אינדוסטריע. ביי אים ווערט גענויער ווי ביי בולן, געשילדערט די ווירקונג פון דער אַרבעטלאָזיקייט אויפן צושטאַנד פונם אינערלעכן מאַרק. די פּראָדוצירער פון איין אינדוסטריע־צווייג זענען גלייכצייטיק די געברויכער פון די פּראָדוקטן פון אַנדערע צווייגן, אָבער היות ווי די אַרבעטלאָזיקייט רויבט צו ביי די פּראָדוצירער די צאָלונגס־קראַפט, פאַרקלענערט זיך דעריבער די נאָכפראַגע, די אַרבעטלאָזיקייט ווערט דעריבער אַן אַלגעמיינע, און עס קומט אַ פולשטענדיקער פּאַופּעריזם... „און היות ווי דאָס פּויערטום ווערט אויך בדלות, צוליב דער אומבאַטירלעכער קאָנקורענץ, קומט אָן אַ פולשטענדיקער קריזיס אין די געשעפטן. דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזם פאַלט זיך פונאַנדער, זיינע פּיזיאָלאָגישע פּראָצעסן ברענגען צו דער אַנטשטייאונג פון אַ ווילדער מאַסע, און דער הונגער רופט אַרויס אין דער דאָזיקער מאַסע אַ בראָיזונג, אַנטקעגן וועלכער עס זענען קראַפטלאָז מלוכהשע באַשטראָפונגען און אַפילו געווער." די פרייע קאָנקורענץ פירט אין די דערפער צו דער צעבראָקלונג פון די פּויערישע ערד־חלקים. אין קיין איינעם פון די פּויערישע הויפן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ גענוגנדיקער אויסנוצונג פון די אַרבעטס־כוחות אין משך פון אַ קיילעכדיק יאָר. „אַזויאַרום זעען מיר, ווי אין טויזנטער דערפער, באַזונדערס אין די ווייניק־פּרוכטבאַרע געגנטן, שטייען זיך די אָרימע פּויערים, פּונקט ווי אין אירלאַנד, אָן אַרבעט און אָן באַשעפטיקונג, פאַר די טירן פון זייערע הייזער. קיינער פון זיי איז נישט אומשטאַנד אַרויסצוהעלפן דעם אַנדערן, ווייל זיי האָבן אַלע צו ווייניק, אַלע נויטיקן זיך אין פאַרדינסט, אַלע זוכן און געפינען נישט קיין אַרבעט". פּאָלגראַף פון זיין זייט האָט אויסגעקלערט אַ גאַנצע ריי „מאָסמיטלען" אויף צו קעמפן מיט דער צעשטערנדיקער ווירקונג פון דער „פרייער קאָנקורענץ", כאָטש זיי זענען אייגנטלעך נישט אין גייסט פונם סאָציאַליסטישן זשורנאַל „Der Geselschafts-Spiegel"

צייסט אַרויס פֿון אַ פֿולשטענדיק ריכטיקן פּרינציפּ. ווייסט איר, לעזער, וואָס איז עס אַזוינס די אַנטיפּיזיק פֿון דיאַלאַמבערן (194)? דיאַלאַמבער פּלעגט זאָגן אַז ער וועט, אויפֿן יסוד פֿון די סאַמע אומבאַצווייפֿלטע פֿיזישע געזעצן, דערווייזן די אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון דערשיינונגען, וועלכע זענען אין דער ווירקלעכקייט אַבסאָלוט אוממעגלעך. מ׳דאַרף נאָר, נאָכפֿאָלגנדיק די ווירקונג פֿון יעדן באַטרעפֿנדיקן געזעץ, אויף אַ צייט פֿאַרגעסן זיין ווירקונג. דער רעזולטאַט וועט, וואַרשיינלעך, זיין אַ פֿולשטענדיק אומגעלומפּערטער. כּדי צו דערווייזן זיין טעאָריע האָט דיאַלאַמבער געבראַכט עטלעכע באמת אויסגעצייכנטע ביישפּילן און ער האָט זיך אַפֿילו געקליבן אין דער פֿרייער צייט אָנשרייבן אַ גאַנצע אַנטיפּיזיק. די ה״ה פּאָלגראַפֿן און נ–אָנס האַלטן שוין נישט לשם וויץ נאָר גאַנץ ערנסט ביים שרייבן אַנטיעקאָנאָמיעס. זייער מעטאָד איז אַזאַ: זיי נעמען אַ געוויסן אומבאַשטרייטבאַרן עקאָנאָמישן געזעץ; זיי ווייזן ריכטיק אָן אויף זיין טענדענץ; דערנאָך פֿאַרגעסן זיי, אַז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעמדאָזיקן געזעץ אין לעבן איז אַ גאַנצער היסטאָרישער פּראָצעס, און זיי שטעלן פֿאָר די זאַך אַזוי, ווי די טענדענץ פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן געזעץ וואָלט בּלומרשט שוין איינגאַנצן זיך געהאַט פֿאַרווירקלעכט אין לעבן צו יענער צייט, בעת זיי האָבן גענומען שרייבן זייערע שטודיומס. און אויב דער באַטרעפֿנדיקער פּאָלגראַף, בּול אָדער נ–אָן וועט דערביי אָנוואַרפֿן אַ גאַנצן הויפֿן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל — ווען אַפֿילו שלעכט איבערגעקאָכטן — און וועט נאָך דערצו נעמען ציטירן מאַרקסן, וועט שוין זיין „אָפּהאַנדלונג״ באַקומען אַ פֿאָרם פֿון אַ ווויסנשאַפֿטלעך, איבערצייגנדיק שטודיום אינם גייסט פֿונם מחבר פֿון „קאַפּיטאַל״. אָבער דאָס איז אַן אָפּטישע אָפּנאַרונג, מער גאָרנישט.

אַז פּאָלגראַף, למשל, האָט אַ סאַך דורכגעלאָזט ביים אַנאַליז פֿונם עקאָנאָמישן לעבן אין דעם בשעתודיקן דייטשלאַנד באַווייזט דער אומבאַצווייפֿלטער פֿאַקט, וואָס עס איז אַבסאָלוט נישט מקוים געוואָרן זיין נביאות בנוגע דעם „פֿונאַנדערפֿאַל פֿונם געזעלשאַפֿטלעכן אָרגאַניזם״ פֿון דעמדאָזיקן לאַנד. און אַז ה׳ נ–אָן נעמט איבער אַבסאָלוט בחינם

מאַרקסנס נאָמען, — פונקט ווי ה׳ יו. זשוקאָווסקי פלעגט בחינם זיך באַנוצן, אַמאָל, מיט דער אינטעגראַלער אויסרעכענונג, — וועט נישט שווער פאַרשטיין אַפילו דער זייער חשובער ס. נ. קריווענקאָ.

טראָץ דער מיינונג פון יענע הערן, וועלכע וואַרפן פאָר מאַרקסן איינזייטיקייט, פלעגט דערדאָזיקער שרייבער קיינמאָל נישט באַטראַכטן די עקאָנאָמישע באַוועגונג פון אַ לאַנד מחוץ פון איר פאַרבינדונג מיט יענע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אויף איר באָדן אוןווירקן אַליין אויף איר ווייטערדיקער ריכטונג (דאָס איז נאָך לעת-עתה נישט אינגאַנצן קלאָר פאַר אייך, ה׳ ס. נ. קריווענקאָ, נאָר — האָט געדולד!). עס עקזיסטירט אַ געוויסער עקאָנאָמישער צושטאַנד — דערמיט אַליין, הייסט עס, עקזיסטירן געוויסע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועמענס ווירקונג ס׳וועט זיך אומבאַדינגט אָפּשפּיגלען אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דערדאָזיקער לאַגע (דאָס געדולד פאַרלאָזט אייך, ה׳ קריווענקאָ? טאָ נאַט-זשע אייך אַ קאָנקרעטן ביישפּיל). די עקאָנאָמיע פון ענגלאַנד אין דער עפּאָכע פון דער ערשטצייטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג איז אַ פאַקט. דער-מיט אַליין זענען אַ פאַקט יענע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זענען, דרך-אגב, געזעסן אינם דאַמאָלסדיקן ענגלישן פּאַרלאַמענט. די ווירקונג פון דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכע כוחות איז געווען אַ נויטווענדיקער באַדינג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער באַטרעפנדיקער עקאָנאָמישער לאַגע, און די ריכטונג פון זייער ווירקונג האָט זיך אויסגעבילדעט לויט די אייגנשאַפטן פון דערדאָזיקער לאַגע. — עס עקזיסטירט פאַקטיש די עקאָנאָ-מישע לאַגע פון דעם היינטיקן ענגלאַנד, דערמיט אַליין, הייסט עס, עקזיסטירן פאַקטיש זיינע היינטיקע געזעלשאַפטלעכע כוחות וועמענס ווירקונג וועט זיך אָפּרופן אויף דער צוקונפטיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. ווען מאַרקס האָט זיך באַשעפטיקט מיט דעם, וואָס געוויסע האַלטן פאַר באַקוועם עס אָנצורופן — זיינע רעדערייען, האָט ער גענומען אין אַכט דידאָזיקע געזעל-שאַפטלעכע כוחות, און ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז זייער ווירקונג קען אָפּשטעלן סתם-אַזוי-זיך די אָדער אַנדער גרופּע

מענטשן, וועלכע זענען שטאַרק בלויז מיט זייערע הערלעכע כּוונות. („Mit der Gründlichkeit der geschichtlichen Action wird der Umpfang der Masse zunehmen, deren Aktion sie ist“).

די דייטשישע אוטאָפּיסטן פון די פערציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן אַנדערש געהאַלטן. ווען זיי פלעגן אוועקשטעלן פאַר זיך געוויסע אויפגאַבן, פלעגן זיי האָבן אין זינען בלויז די אומבאַקוועמלעכקייטן פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון זייער לאַנד, פאַרגעסנדיק צו שטודירן יענע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן פון דעראָזיקער לאַגע. די עקאָנאָמישע לאַגע פון אונזער פאָלק איז אַ טרויעריקע, האָט געהאַלטן דער אויבנדערמאָנטער רעצענזענט. בכן, הייסט עס, אַז פאַר אונז שטייט אַ שווערע, אָבער נישט אומלעזבאַרע אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע. אָבער צי וועלן אַמאָל נישט שטערן דעראָזיקער אָרגאַניזאַציע טאַקע יענע זעלבע כוחות, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער טרויעריקע עקאָנאָמישער לאַגע? וועגן דעם האָט זיך נישט איבערגעפרעגט דער גוט-מיינענדיקער רעצענזענט. אַן אוטאָפּיסט רעכנט זיך קיינמאָל נישט אין אַ גענוגנדיקר מאָס מיט די געזעלשאַפטלעכע כוחות פון זיין צייט, צוליב דער פּשוטער סיבה ווייל, ווי מאַרקס פלעגט זיך אויסדריקן, ער שטעלט זיך נישט העכער פון דער געזעלשאַפט. און צוליב דערזעלבער סיבה, לויטן אויסדרוק פון דעמזעלבן מאַרקסן, ווערן אַלע חשבונות פונם אוטאָפּיסט געמאַכט „אָן דעם באַלעבאָס“, און זיין גאַנצע קריטיק איז נישט מער, ווי אַ פולשטענדיקער מאַנגל אין קריטיק, אַ נישט-קענען קריטיש באַטראַכטן זיין אַרומיקע ווירקלעכקייט.

די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע אינם באַטרעפנדיקן לאַנד וואָלט געקענט קומען בלויז אַלס אַ רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון יענע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע עקזיסטירן אין דעמדאָזיקן לאַנד. וואָס איז נויטיק פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע? אַ באַוואוסטזיניקע באַציאונג מצד די פּראָדוצירער צום פּראָדוקציע-פּראָצעס, אין זיין גאַנצער קאָמפּליצירטקייט און אַלץ-אַרומנעמענדיקייט.

דאָרטן, וואו אַזאַ באַוואוסטזיניקע באַציאונג איז לעת-עתה נישט פאַראַן, קענען אַרויסשטעלן די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע, אַלס די נאָענטסטע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, בלויז אַזעלכע מענטשן, וועלכע וועלן שוין זייער גאַנץ לעבן פאַרבלייבן אומפאַרבעסערלעכע אוטאָפּיסטן, אפילו ווען זיי וועלן כאָטש פינף מיליאַרד מאָל אַרויסרעדן מאַרקסנס נאָמען מיט דער גרעסטער אַכטונג. וואָס זאָגט וועגן דעם באַוואוסטזיין פון די פּראָדוצירער ה׳ נ—אָן אין זיין באַרימט בוך? לחלוטין גאָרנישט: ער לייגט האָפנונגען אויפן באַוואוסטזיין פון דער „געזעלשאַפט“. אויב נאָך דעם, קען מען און מ׳דאַרף אים אָנערקענען אַלס אַן אמתן מאַרקסיסט, זענען מיר דאָן נישט איינאַלעמאַי מ׳זאָל נישט אָנערקענען דעם ה׳ קריווענקאָ אַלס דעם איינציקן אמתן העגעליאַנער פאַר עקסעלאַנס.

נאָר ס׳איז שוין צייט צו פאַרענדיקן. — וואָס פאַראַ רעזולטאַטן האָט אונז געבראַכט אונזער היסטאָריש-פאַרגלייכלעכער מעטאָד? אויב מיר האָבן קיין טעות נישט, האָט ער אונז געגעבן פאָלגנדיקע רעזולטאַטן:

1) די איבערצייגונג פון היינצענען און פון זיינע אידעען-חברים בנוגע דעם, אַז מאַרקס איז דורך זיינע אייגענע אָנשויאונגען געוועזן פאַרמשפּט אויף אומטעטיקייט אין דייטשלאַנד, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ שטות. פּונקט אַזאַ שטות וועט זיך אַרויסווייזן ה׳ מיכאַילאָווסקיס איבערצייגונג אַז דעם רוסישן פאָלק קענען נישט ברענגען קיין נוצן, אדרבה, עס קענען אים נאָך שאַדן, מענטשן, וועלכע האַלטן זיך איצט ביי מאַרקסנס אָנשויאונגען.

2) די אָנשויאונגען פון די בולס און פון די פאָלגראַפס אויף דער דאַמאָלסדיקער עקאָנאָמישער לאַגע פון דייטשלאַנד האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס שמאָלע, איינזייטיקע און טעותדיקע צוליב זייער אַבסטראַקטקייט. ס׳איז דאָ אַ גרונט חושש צו זיין, אַז די ווייטערדיקע עקאָנאָמישע געשיכטע פון רוסלאַנד וועט אַרויסווייזן ענלעכע חסרונות אין די אָנשויאונגען פון ה׳ נ—אָן.

3) די מענטשן, וועלכע האָבן, אין דייטשלאַנד אין די פערציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, אַוועקגעשטעלט פאַר-

זיך אַלס זייער נאָענטסטע אויפגאַבע די אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע, זענען געווען אוטאָפּיסטן. פּונקט אַזעלכע אוטאָפּיסטן זענען מענטשן, וועלכע טענהן מכוח דער אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע אין איצטיקן רוסלאַנד.

4) די געשיכטע האָט אַ תּל געמאַכט פון די אילוזיעס פון די דייטשישע אוטאָפּיסטן פון די פערציקער יאָרן. עס זענען פאַראַן אַלע ראיות דערפאַר, אַז אַן ענלעכן גורל וועלן אויך האָבן די אילוזיעס פון די רוסישע אוטאָפּיסטן. דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אויסגעלאַכט פון די ערשטע; מיט אַ וויטיק אין האַרצן זענען מיר פאָר, אַז ער וועט זיך אויך אויסלאַכן פון די אַנדערע.

אָבער צי דען האָבן דידאָזיקע אילוזיעס נישט געבראַכט קיין שום נוצן דעם דייטשישן פאָלק? אין עקאָנאָמישער הינזיכט — קיין שום נוצן, אָדער, אויב איר פאַרלאַנגט אַ מער געניטערן אויסדרוק, — כּמעט קיין שום נוצן. אָט די אַלע אויסשטעלונגס-מערק אויף צו פאַרקויפן די קוסטאַרישע אויסאַרבעטונגען און די אַלע פּרוּוון צו שאַפן פּראָדוצירישע פאַראייניקונגען האָבן כּמעט ווי גאָרנישט פאַרלייכטערט די לאַגע, לאָמיר זאָגן, כאָטש פון אַ הונדערט דייטשישע פּראָדוצירער. אָבער זיי האָבן מיטגעווירקט צו דער דערוואַכונג פונם זעלבסט-באַוואוסטזיין פון דידאָזיקע פּראָדוצירער און דערמיט האָבן זיי געבראַכט אַ גרויס נוצן. אַזאַ מין נוצן, שוין אויף אַ דירעקטן און נישט אויף אַן אומדירעקטן וועג, האָט געבראַכט די פּראָדוצירערישע טעטיקייט פון דער דייטשישער אינטעליגענץ: שולן, פאָלקסביבליאָטעקן א. ד. ג. די שלעכטע רעזולטאַטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פאַרן דייטשישן פאָלק האָבן אין יעדער געהעריקער צייט געקענט אָפּגעשוואַכט ווערן אָדער באַזייטיקט ווערן בלויז אין אַזאַ מאָס, אין וועלכער ס'האָט זיך געהאַט אַנטוויקלט דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פון די דייטשישע פּראָדוצירער. מאַרקס האָט דאָס פאַרשטאַנען בעסער פאַר די אוטאָפּיסטן, און דעריבער האָט זיך זיין טעטיקייט אַרויסגעוויזן אַלס אַ מער-נוצלעכע פאַרן דייטשישן פאָלק.

דאָסזעלבע וועט, אָן שום ספק, זיך אַרויסווייזן אויך אין רוסלאַנד. קעמפן קעגן די שעדלעכע פאָלגן פונם רוסישן קאַפּ-

אַליזם קען מען אויך אין רוסלאַנד בלויז אין אַזאַ מאָס, אין וועלכער ס'וועט זיך אַנטוויקלען דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פונם פּראָדוצירער. און פון דידאָזיקע ווערטער אונזערע קענען די הערן סוביעקטיוויסטן זען, אַז מיר זענען לגמרי נישט קיין „גראָבע מאַטעריאַליסטן". אויב מיר זענען „שמאָל", איז עס בלויז אין איין הינזיכט: אין דעם, וואָס מיר שטעלן פאַר זיך, קודם-כל, אַן אַבסאָלוט אידעאַליסטישע אויפגאַבע.

דערקלערונגען און אויסטייטשונגען

(1) בערקלעי געאָרג, ענגלישער פילאָזאָף. געב. 1684, געשטאָרבן אַלס בישאָף אין יאָר 1753 אין אָקספאָרד. בערקלעיס פילאָזאָפיע האָט זיך באַזירט אויף לאָקס רעאַליזם, זי איז בעגאַנגען נאָך ווייטער, האַלטנדיק, אַז באמת עקזיסטירט נישט קיין שום זאַך מחוץ פון אונזער פאָרשטעלונג (מאַטעריעל), נאָר אַלץ עקזיסטירט אין איר (אימאַטעריעל). דידאַקטיקע פילאָזאָפיע האָט בשעתּה און אויך שפּעטער שטאַרק צוגעצויגן די קעגנער פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע.

(2) האָלבאַך פאָל, פראַנצויזישער פילאָזאָף. געב. אין יאָר 1723, געשט. 1789. האָלבאַך איז איינער פון די ערשטע פעסטע באַגרינדער פון דער מאַטעריאַליסטישער שולע אין דער פילאָזאָפיע.

(3) העלוועציוס קלאָד אַריאַן, פראַנצויזישער פילאָזאָף, סענסואַליסטישע שולע. געב. 1715 — געשט. 1771.

(4) דעקאַרט רענע, פראַנצויזישער פילאָזאָף, איינער פון די באַגרינדער פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע (זע דערקלערונג 108). געב. 1596 — געשט. 1650.

(5) לאָק דזשאָן, ענגלישער פילאָזאָף און דענקער. געב. 1632 — געשט. 1704. זיין הויפּט-ווערק „די דערפאַרונג" באַקעמפט די טעאָריע וועגן איינגעבוירענע אידעען און באַשטימט די גרעניצן פון אונזער דערקענטניש. פּאָליטיש איז לאָק געווען אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיסט. ער רעכנט זיך אַלס דער באַגרינדער פונם קאָנסטיטוציאָנאַליזם. לויט זיינע רעליגיעזע אָנשויאונגען איז ער געווען אַ פרימיזר קריסט. לאָק האָט אויך אַ גרויסע באַדייטונג אַלס פּעדאַגאָגישער שריפטשטעלער.

(6) קאַנט עמאַנועל, דער באַרימטער דייטשישער פילאָזאָף, דער באַגרינדער פונם פילאָזאָפישן קריטיציזם. געב. 1724 — געשט. 1804.

(7) „אויפקלערער" איז דער נאָמען פון די פירער פון דער באַוועגונג, וועלכע האָט אין אַכצנטן יאָרהונדערט אַרומגענומען גאַנץ מערב-אייראָפּע. בדרך כלל מיינט מען אָבער דערמיט דעם פראַנצויזישן טייל, די „ענציקלאָפּעדיסטן"

(מחברים פון דער גרויסער ענציקלאָפּעדיע). די באַוועגונג האָט געקעמפט פאַר יעם ראַציאָנאַליזם און פּאָזיטיוויזם אין דער פילאָזאָפיע און פאַר געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען אין דער פּאָליטיק. דערביי זענען דידאַקטישע רעפאָרמען נישט געווען קיין איינהייטלעכע: פון דעם קרייז פון די אויפקלערער איז געקומען די אידעע וועגן „אויפגעקלערטן מאָנאַרכיזם" און זיי האָבן אויך געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אנטוויקלונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

(8) כיוואַר זשאַן באַפּטיסט, פראַנצויזישער שריפטשטעלער, מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע. געב. 1733 — געשט. 1817.

(9) „אַז די פערהייליקטע מיינונגען זענען געווען דער קוואַל פון ביידן פאַרן מענטשלעכן מין".

(10) גרים פרידריך, פּובליציסט און דיפּלאָמאַט פון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט. פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אין פּאַריז אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער רוסישער קייסערין יעקאַטערינאַ די צווייטע. געב. 1723 — געשט. 1807.

(11) וואָלטער, באַרימטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער, פילאָזאָף און היסטאָריקער. איינער פון די באַדייטנדסטע אויפקלערער פון אַכצנטן יאָרהונדערט. געב. 1694 — געשט. 1778.

(12) פערנעאישער פּאַטריאַרך — דאָס איז האָלטערס אַ צונאָמען, וועלכן ער האָט באַקומען נאָכדעם, ווי ער האָט געמוזט, צוליב זיין בסדרדיקן באַקעמפן די קירכע און די רעליגיע און זיינע בסדרדיקע פּאָלעמישע מחלוקתן מיט אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן פון זיין תקופה, אוועק פון פּאַריז און איינאָרדענען זיין רעזידענץ אינם גוט פערנעי וואָס ליגט אויף דער גרענעץ צווישן פראַנקרייך און שווייצאַריע. שפּעטער האָט ער זיין גאַנצע שריפטלעכע מלחמה געפירט פון פערנעי.

(13) העגעל, פון די באַרימטסטע דייטשישע פילאָזאָפן, זיינע הויפּט-ווערק: די „לאָגיק", די „פילאָזאָפישע ענציקלאָפּעדיע" און „די פענאָמענאָלאָגיע פון גייסט". געב. 1770 — געשטאָרבן פון כאָליערע — 1831

(14) „אַנטינאָמיעס" פון קאַנט: אַנטינאָמיע איז דער גריכישער טייטש פונם וואָרט „ווידערשפּרוך". קאַנט האָט עס דער ערשטער באַנוצט אַלס פילאָזאָפישן טערמין.

(15) העליאָהאָבאַל, אַ רוימישער אימפּעראַטאָר אין די יאָרן 218 — 222.

(16) רוסאָ זשאַן-זשאַק, דער באַרימטער פראַנצויזישער (שווייצאַרישער) פילאָזאָף און רעפאָרמאַטאָר. געווען אויך צווישן די באַטייליקטע אין דער „ענציקלאָפּעדיע". געב. 1712 — געשט. 1778.

(17) מאָנטעסקיע שאַרל לואי, — איינער פון די אָנגעזעענסטע פראַנצויזישע שריפטשטעלער פון אַכצנטן יאָרהונדערט. אַ פּאָליטישער טעאָרעטיקער און מלוכה-רעפאָרמאַטאָר. דער פאָטער פון אייראָפּעאישן ליבעראַליזם. געב. 1689 — געשט. 1755.

(18) bon prince — דער גוטער פרינץ

(19) deus ex machina — בוכשטעבלעך איז דאָס דער טייטש: „גאָט פון מאַשין אַרויס", ד. ה. אַ פּלוצלינגע רעטונג, אַן אומדערוואַרטעטע ישועה, אויף יידיש זאָגט מען, ענלעך דערצו, ווי „אַ מלאך פון הימל".

(20) ליאַ-מאַט-לע-וועיע — בשעתו, אַ זייער פּאָפּולערער פראַנצויזישער שריפטשטעלער, געווען דער דערציער פון לואי דעם פערצנטן. געב. 1588 — געשט. 1672.

(21) דער צוּפלוס פון די באַרבאַרן — גערמיינט די גערמאַנישע אַנגריפן אויף איטאַליע. מיטן נאָמען „באַרבאַרן" פלעגן די גריכן באַצייכענען אַלע פרעמדע, נישט אָנגעהעריקע צו זיי. אַזוי פלעגן אויך באַצייכענען פרעמדע — די רוימער. צוליב די אָפטע אָנפאַלן אויף זיי מצד די גערמאַנען, האָבן די רוימער באַשאָנקען די לעצטע מיט דעמדאָזיקן נאָמען. (היינט איז באַרבאַרן אַ צונאָמען פאַר אכזריות, גראָבקייט א. ד. ג.).

(22) סיסמאָנדי זשאַן שאַרל, פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט און היסטאָריקער. אַ מחבר פון אַ גאַנצער ריי עקאָנאָמישע און היסטאָרישע ווערק. אין זיינע „שטודיעס איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" זאָגט ער זיך אַרויס קעגן דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט. געב. 1773 — געשט. 1842.

(23) וויקאָ דזשיאָוואַני באַטיסטאַ, איטאַליענישער פילאָזאָף יוריסט און היסטאָריקער. מ'האַלט אים פאַר אַ פאָרויסזאָגער פון געוויסע טעאָרעטישע הנחות פונם מאַרקסיזם. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן באַמערקט דעם קלאַסן-מאָמענט אין דער געשיכטע און אין דער רעליגיע. געב. 1668 — געשט. 1744.

(24) גיזאָ פראַנסואַ, באַרימטער פראַנצויזישער היסטאָריקער און מלוכה-מאַן. געווען אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיסט און אַן אָנהענגער פון די בורבאָנען. געב. 1787 — געשט. 1874.

(25) דאָס פאַלן פון דער מערבדיקער רוימישער אימפּעריע — ד. ה. אין יאָר 476.

(26) טיערי אגיסטען, באַרימטער פראַנצויזישער היסטאָריקער. געב. 1795 — געשט. 1856.

(27) מיניע אויגוסט, באַקאַנטער פראַנצויזישער היסטאָריקער. אַלס ליבעראַל מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון דער פראַנצויזישער רעוואָליציע — קעגן די בורבאָנען. מחבר פון אַ „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע". געב. 1796. — געשט. 1884.

(28) פרעסביטעריאַנער — קאַלוויניסטן, וועלכע האָבן הויפּטזעכלעך אין זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט און טיילווייז אין אכצנטן י. ה. געשפּילט אַ ראָל אין ענגלאַנד, פירנדיק אַ קאַמף קעגן דער הערשנדיקער אַנגליקאַנישער

קירכע דאַנן זיי אים שפּעטער אויסגעבריייטערט אין אַ קאַמף קעגן קעניג און קעגן דער וועלטלעכער מאַכט איבער דער קירכע בכלל. זיי זענען בסדר געווען אין אָפּאָזיציע און מיטגעהאָלפן די רעוואָלוציאָנערן.

(29) פאָקס געאָרג, איינער פון די אָנגעזעענסטע ענגלישע פּאָליטישע טוער אין זיבעצנטן יאָרהונדערט. מחבר פון אַ ריי היסטאָרישע ווערק. געב. 1624 -- געשט. 1691.

(30) וויגעס — דער נאָמען פון דער פּאַרטיי אין ענגלאַנד, וועלכע האָט פון סוף זיבעצנטן ביז אָנהויב נײַנצנטן יאָרהונדערט געקעמפט קעגן די טאָרים (די פּאַרטיי פון די פעאָדאַלן) — פאַר דער באַגרענעצונג פון דער קעניגלעכער מאַכט און פאַר דער פאַרברייטערונג פון די רעכט פונם פּאַרלאַמענט. די וויגעס, דאָס איז אין אַלגעמיין געווען די פּאַרטיי פון דער שטאָטישער בורזשואַזיע. זיי האָבן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין דער רעוואָלוציע פון 1688.

(31) עקלעקטיקער — אָנהענגער פונם עקלעקטיזם,—אַ לערע, וועלכע בעמט צונויף פאַרשיידענע דאָקטרינען, און דורך דער אָנערקענונג פון זייערע גרונט-אמתן און געוויסע דערגענצונגען מאַכט זי אַ נייע, צונויפגעמישטע טעאָריע.

(32) סען-סימאָניסטן, — די אָנהענגער פונם סען-סימאָניזם, וועלכער איז, אייגנטלעך, געשאַפן געוואָרן נישט דורך סען-סימאָנען (זע דערקל. 38) נאָר דורך זיינע תלמידים. נאָך דעם טויט פון סען-סימאָנען האָבן זיי געגרינדעט אַ קורס אין פּאַריז, וואו די הויפּט-לעקטאָרן זענען געווען באַזאַר (זע דערקל. 33) און אַנפאַנטען (זע דערקל. 58). פון זייערע לעקציעס האָט זיך עס ביסלעכווייז אויסגעבילדעט די סען-סימאָניסטישע שיטה, וועלכע איז אַן אוטאָפּיש-סאָציאַליסטישע און טראָגט אַ מיסטיש-רעליגיעזן כאַראַקטער. דערהויפּט פרעדיקט זי בעהעריקע דערציאונג, ווייל זי גלויבט אין דער רעוואָלוציע, וואָס וועט פאַרקומען מיטן כּוח פון וואָרט. דערביי זענען גראָד די בעסטע ערטער אין דער שיטה — די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער קריטיק פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. אין די יאָרן 1828 — 1830 איז דער סען-סימאָניסטן קרייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיעזער ברודערשאַפט, „ברידער און שוועסטער; קינדער פונם פאָטער סען-סימאָן”. צווישן אַנדערן איז געווען אין דער ברודערשאַפט אַ יסוד, אַז אַלע מענער האָבן רעכט אויף אַלע פרויען און פאַרקערט. מיט דער צייט האָבן זיך פון דער ברודערשאַפט אויסגעבילדעט פּראָדוציר און קאָנסום-קאָאָפּעראַטיוון פון אַרבעטער. נאָך לאַנגע אינערלעכע רייסענישן און נאָך פאַרפאָלגונגען מצד דער מאַכט צוליב די אייגנאַרטיקע געשלעכטלעכע פאַרהעלטענישן זענען די סען-סימאָניסטישע גרופּעס ענדגילטיק צעפאַלן.

(33) באַזאַר ס. א., איינער פון די באַדייטנדסטע סען-סימאָניסטן און וויכטיקסטע באַגרינדער פון דערדאָזיקער אוטאָפּיש-סאָציאַליסטישער לערע. ער איז געוואָרן אַ סען-סימאָניסט ערשט נאָך סען-סימאָנס טויט (1825). צוליב די רייסענישן צווישן אים מיטן צווייטן באַגרינדער פון סען-סימאָניזם, — אַנפאַנטען, איז באַזאַר צום סוף אַרויס פון דער סען-סימאָניסטישער באַוועגונג. געב. 1791— געשט. 1832.

(34) דריטער שטאנד — די אומפּריוויליגירטע שטאַטישע בירגערשאַפט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

(35) גאַליע — צפון-איטאַליע, צווישן די אַלפּן. נאָך לאַנגע קאַמפן פאַרנומען דורך די רוימער אַרום יאָר 190 פאַר קריסטוס געבוירן.

(36) נאָרמאַנען — לכתחילה זענען עס געווען גערמאַנישע שבטים פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, וועלכע האָבן געמאַכט אָנגריפן כמעט אויף אַלע ברעגעס פון אייראָפּע. אין X און העלפט XI יאָרהונדערט האָבן זיי באַזעצט געוועלטיקט אין ענגלאַנד (די דענער), ענגלאַנד האָט זיך דאַן באַפרייט און איז שפּעטער ווידעראַמאָל דעראָבערט געוואָרן דורך די נאָרמאַנען, וואָס זענען געקומען פון פראַנקרייך (זע דערקל. 37).

(37) ווילהעלם דער דעראָבערער, נאָרמאַנישער הערצאָג. שפּעטער, ווען ער האָט אין די יאָרן 1066—70 מיט נאָרמאַניש-פראַנצויזיש מיליטער דעראָבערט ענגלאַנד, איז ער געוואָרן ענגלישער קעניג. געב. 1027 — געשט. 1087.

(38) סען-סימאָן, גראַף אַנרי קלאָד. באַרימטער פראַנצויזישער סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר. פריער געווען אַ מיליטער-פירער. דערנאָך זיך אָפּגעגעבן מיט אידעען וועגן רעליגיעזע רעפאָרמען. אַ צייט געוואָלט גרינדן אַ נייע ניוטאָנישע רעליגיע מיט ניוטאָן-מאַוזאָלעאומס אַנשטאַט קירכעס. די געשעענישן פון די יאָרן 1814—1815 האָבן אים אָפּגעריסן פונם אַבסטראַקטן דענקען און געווידמעט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן. מיט דער באַטייליקונג פון אָג. טיערי (זע דערקל. 26) האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „די רעאָרגאַניזאַציע פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט", וואו ער לייגט פאָר, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלן פאַראייניקטערהייט איינפירן אומעטום קאָנסטיטוציעס און שפּעטער — אַן אַלגעמיינעם אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט. לכתחילה האָט ער שטאַרק געקעמפט פאַר די אינדוסטריעלער קעגן די פעאָדאַלן, דערנאָך איז ער אַריבער צו קעמפן פאַר די רעכט פון די אַרבעטער, וואָס עס קומט זיי ביי די אינדוסטריעלער. סען-סימאָן האָט אָנגעשריבן אַ ווערק „דאָס נייע קריסטנטום", וואו דער יסוד פון דער גאַנצער עטיק איז, לויט אים, די מאָראַלישקייט א. ד. ג. סען-סימאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1760 און געשטאָרבן — 1825.

(39) קאָנדאָרסע זשאַן-אַנטואַן. באַרימטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער און פּאָליטישער טוער. באַקאַנט מיט זיין ביאָגראַפיע פון וואָלטער. קאָנדאָרסע איז געווען אַ פריינט פון ד'אַלאַמבערן (זע דערקל. 194) און פון וואָלטערן. ער איז געווען אַ ליבעראַלער רעפאָרמאַטאָר, אין זיינע ווערק האָט ער זיך בעיקר אָפּגעגעבן מיט דער פראַגע פונם מענטש אין זיין פאַרפולקאָמענונג. ק איז געבוירן אין יאָר 1743 און געשטאָרבן (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין תפיסה) אין יאָר 1794.

(40) „לעסע פער, לעסע פאַסע" — די פאָרמול פון די עקאָנאָמיסטן, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט פרייהייט פון אַרבעט און פון קאָנקורענץ, און דער אַריינמישונג פון דער מלוכה ; פרייהייט פון טעטיקייט.

(41) אבאט אַרנאָ, פראַנצויזישער דיכטער, געב. 1766 געשט. 1834. (שטאַרבט איז א שיטול פון א גייסטלעכן).

(42) לאַנגע פרידריך אַלבערט. געב. 1828 — געשט. 1875. פילאָזאָף און עקאָנאָמיסט. באַקאַנט דורך זיין הויפטווערק: „די געשיכטע פונם מאַטעריאַליזם און די קריטיק פון זיין באַדייטונג אין דער קעגנוואַרט". לאַנגע שטערט געהערט צו די שפּעטער פונם נעאָ-קאַנטיזם.

(43) קאַבע עטיען. פראַנצויזישער שריפטשטעלער. (געבוירן 1788 — געשטאָרבן 1856). קאַבע האָט גענומען א גרויסן אנטייל אין דער יולי-רעוואָלוציע, ער איז געווען דער פירער פון דער קאָמוניסטישער שולע. אונטער דער השפּעה פון מאָרוסעס „אוטאָפּיע" האָט ער אָנגעשריבן זיין „רייזע אין איקאַריע", וועגן אן אוטאָפּישע מדינה, וואו עס הערשט די אידעאַלע אָרדנונג. אין דעמאָקראַטיזם הערט פאַרנעמט קאַבע אַרויס זיין לערע, א מין עטיש-סענטימענטאַלער קאָמוניזם.

(44) פוריע שאַרל. פראַנצויזישער סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר. גרינדער פון פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיך באַזירט אויפן יסוד פון זעלבסטהילף. פוריע האָט געהאַט א גרויסן איינפלוס אויף די ערשטע סאָציאַליסטן. פוריע האָט געלעבט אין די יאָרן 1772—1837.

(45) אָוען ראָבערט, איינער פון די ערשטע סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרן אין ניינצנטן יאָרהונדערט. געב. 1771 — געשט. 1858. אָוען האָט לכתחלה געפירט זיין רעפאָרמאַטאָרישע טעטיקייט אלס בעלטובהדיקער פאַבריקאַנט, ווען ער האָט זיין אייגענע פאַבריק פאַרוואַנדלט אין א מוסטער-פאַבריק, וואו די אַרבעטער באַקומען הויכע שכירות און גוטע לעבנסבאַדינגונגען. מיט דער צייט האָט אָוען פאַרברייטערט זיין טעטיקייטס-קרייז, אָנהויבנדיק צו אַגיטירן פאַר א סאָציאַלער באַוועגונג, קריטיקירנדיק די עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטלעכע אָרדנונג און פאָרשלאָגנדיק צו רעאָרגאַניזירן די גאַנצע פּראָדוקציע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. ער האָט געגרינדעט אין אַמעריקע אַזא קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע. אָוען רעכנט זיך בכלל אַלס איינער פון די שעפער פון דער קאָאָפּעראַציע.

(46) „מיין ציל איז צו געבן אן עלעמענטאַרע, קלאָרע און לייכט-פאַרשטענדלעכע אויפקלערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז באַרשות איבערגעגעבן דורך פוריען וועגן די רעכט פון דער מענטשלעכער נאַטור, באַנד I, אויסג. 3. דעקלאַראַציע. ס'וואָלט שוין געווען, סוף כל סוף, צייט, מ'זאָל דורכקומען וועגן דעם פונקט, צי איז עס אן אמתדיקע איבערגעשטעלטע גבול פון רעכט, דאָס דערקענען דעם מענטש אין זיין ריכטיקער נאַטור, כדי צו פאַרמאָגן דאָס רעכט, וואָס איז אַליין צוגעפּאַסט פאַר ענדערונגען".

(47) מאַלטוס טאָמאַס ראָבערט. געב. 1766 — געשט. (1834). באַרימטער עקאָנאָמיסט. מחבר פון „די פּרינציפּן פון באַפעלקערונגס-פּאָליטיק" און פון „די פּרינציפּן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע". מאַלטוס האָט אין זיינע ווערק אויפגעוויזן, אַז די באַפעלקערונג וואַקסט אין אַסאַך א גרעסערער מאָס, ווי די

לעבנסמיטלען און דעריבער מוז מען, לויט אים, זארגן פאר דער פארקלענערונג פון דער באפעלקערונג.

(48) גאָדווין וויליאם (געב. 1756, געשט. 1836), ענגלישער ראמאניסט און היסטאריקער, אן אנהענגער פון רוסאָ. אין זיינע ווערק זענען פאראן גרונדלעך פונם סאָציאַליזם. גאָדווין האָט אויך געשריבן ספעציעלע ביכער אויף צו באקעמפן מאלטוסעס טעאָריע.

(49) מיל ד. ס. באקאַנטער ענגלישער דענקער און עקאָנאָמיסט. געב. 1806 — געשט. 1873. בארימט דורך זיינע „יסודות פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע".

(50) זע דערקלערונג 17.

(51) „די פאָליטיק... איז די קונסט פון דער פראָדוקציע".

(52) קאָנט אָגיסט, פראנצויזישער פילאָזאָף, דער שעפער פונם פאָזיטיוויזם. געב. 1798 — געשט. 1857.

(43) ליטרע פאָל (1801—1881), דער גרעסטער (אחוץ דידראָ, זע דערקל. 104) ענציקלאָפעדיסטישער געלערנטער. לכתחילה א שטאַרקער אנהענגער פון אָגיסט קאָנט, שפעטער האָט ער זיך אָפּגעגרעניצט פון זיין שיטה, אָבער אויך דאַן פלעגט ער אים פארטיידיקן פאר זיינע אנפאלערס.

(54) גיובאר (היבאר) פראַנצויזישער פאָליט-עקאָנאָמיסט. געב. 1828 — געשט. 1883.

(55) פלינט ראבערט, ענגלישער פילאָזאָף, געב. 1838 — געשט. 1910. מחבר פון דער „געשיכטע פון דער היסטאָריאָזאָפיע".

(56) לעגיסטן: דער אַלגעמיינער צונאָמען פאַר דעם נייעם שיכט, וועלכער האָט פון אכצנטן יאָרהונדערט אָן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מלוכה-אַמטן אנשטאָט די ביזאַנטיקע מלוכה-לייט — די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטן. די אינטעליגענץ פון דעמדאָזיקן שיכט פלעגט זיך איבערהויפּט אָפּגעבן מיט פראַגן פון מלוכה-רעכט און רעפאָרמען. דער בוכשטאַבלעכער טייטש פון לעגיסטן איז: רעכט-קענערס.

(57) פרודאָן, בארימטער פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט. (געב. 1809, געשט. 1865). פרודאָן איז דער באַגרינדער פונם אַנאַרכיזם. באַקאַנט דורך זיין בוך „די פילאָזאָפיע פון אָרימקייט", אויף וועלכן מאַרקס האָט געענטפערט מיט אַ שריפט: „די אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע".

(58) אַנפאַנטען (געב. 1796 — געשט. 1864), איינער פון די באַ־גרינדערס פון סען-סימאָניסטן (זע דערקל. 38 און 32). נאָך סען-סימאָנס טויט איז אַנפאַנטען צוזאַמען מיט באַזאַרן (זע דערקל. 33) געווען דער פירער פון דער סען-סימאָניסטישער באַוועגונג. ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט די סען-סימאָניסטישע רעליגיעזע געמיינדע איז אַנפאַנטען געווען איר „הויפּט-פאָטער".

(59) „דאָס, וואָס זיי רופן אָן: דער גייסט פון דער געשיכטע, דאָס איז נאָר זייער אייגענער גייסט".

(60) סעי זש. ב. באַרימטער פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט, געב. 1767 — געשט. 1832. סעי איז געווען אַ קעגנער פון די מערקאַנטיליסטן (זע דערקל. 163).

(61) ריקאַרדאָ, באַרימטסטער ענגלישער עקאָנאָמיסט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט (געב. 1772 — געשט. 1823). זיין הויפּט־ווערק „די יסודות פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" האָט דאָס גרויסע פאַרדינסט פאַר דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, וואָס עס שטעלט פעסט די פּרוביר־מאָס, לויט וועלכער עס ווערט באַשטימט דער ווערט פון סחורות.

(62) סמיט אַדאַם, באַרימטער ענגלישער עקאָנאָמיסט און פילאָזאָף, געב. 1723 — געשט. 1790. זיין הויפּט־ווערק: „די רייכטימער פון פעלקער".

(63) סיקאָפאַנט: דער צונאָמען פון די פּראָפעסיאָנעלע באַשולדיקערס אין די אויפבלי־צייטן פון דער אַטענער דעמאָקראַטיע. אין יענער תקופה פלעגט יעדער בירגער האָבן דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן אַלס באַשולדיקער אין אַ פאַרברעך קעגן דער מלוכה, די סיקאָפאַנטן האָבן מיסגעברויכט מיטן דאָזיקן רעכט און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מוסרים און אויספּרעסערס.

(64) גאָגאָלישער קאָנכטאַנזשאָגלאָ — אַ העלד פונעם באַרימטן רוסישן שריפטשטעלער־הומאָריסט פון נײַנצנטן יאָרהונדערטס, נ. וו. גאָגאָל.

(65) לואי־פיליפּ, פראַנצויזישער קעניג אין די יאָרן 1830—1848. (געב. 1773 — געשט. 1850). זיין פאָטער, דער אָרלעאַנער הערצאָג לואי־פיליפּ איז געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט. ער אַליין, לואי־פיליפּ דער קעניג איז אויך תמיד געווען אין אָפּאָזיציע דעם פריערדיקן הויף. ער איז געקרוינט געוואָרן אַלס קעניג דורך דער פאָלקס־רעגירונג און איז געווען פּאָפּולער אינטערן נאָמען „קעניג־בירגער". צוליב דעם זענען פון אים געווען זערווייטערט די „עכטע" מאָנאַרכן. (די אָרלעאַנער פּרינצעסינס — זיינע טעכטער).

(66) „אין משך פון אַ קירצער אָדער אַ לענגערער צייט, האָבן געזאָגט חכמים, קען יעדע מעגלעכקייט רעאַליזירט ווערן: פאַרוואָסזשע זאָל מען צווייפלען אין דער גוטער צוקונפט פון דער מענטשהייט? א. א. וו.".

(67) מיכאַילאָווסקי ניקאָלאַי ק. באַרימטער רוסישער פּובליציסט און סאָציאָלאָג, פירער פון דער „נאַראָדניקעס־באַוועגונג. געב. 1842 — געשט. 1904.

(68) דרייפעלדערדיקער ווירטשאַפט, אַ פאַרעלטערט סיסטעם פון דער ווירטשאַפט, וואָס טאָרמאָזירט איר מאָדערניזירונג. אין רוסלאַנד איז כמעט די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט געווען געפירט אויף דעם דאָזיקן סיסטעם.

(69) סאַנקיולאָטן — דער צונאָמען פון די פּראָלעטאַריער און רעוואָלוציאָנערן אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער בוכשטעבלעכער טייטש: אָנהויזנדיקע.

(70) בורבאָנען — די דינאַסטיע פון פראַנצויזישע מלכים (נאָכן נאָמען פון זייער אַלטער היימגעגנט — בורבאָן), וועלכע האָבן געקיניגט אין משך פון לאַנגע דורות און זענען דורך דער רעוואָלוציע אַראָפּגעזעצט געוואָרן. נאָך דער רעסטאווראַציע האָבן די בורבאָנען (לואי דער אכצנטער) געפּרוּווט צוריק פאַרנעמען דעם טראָן, זיי זענען אָבער באַלד ענדגילטיק פאַרטריבן געוואָרן.

(71) נ. — אָן. איינער פון די אָנגעזעענסטע פּובליציסטן פון די רוסישע „נאַראָדניקעס".

(72) ראָדבערטוס יאָהאַן קאַרל. דייטשישער פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסט. מחבר פון אַ ריי ווערק איבער סאָציאַל-פּאָליטישע און פּאָליטיש-עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. געב. 1805 — געשט. 1875.

(73) „Producteur" — דער אָרגאַן פון די סען-סימאָניסטן אין די יאָרן 1825-26, אַרויסגעגעבן דורך באַזאַרן און אַנפאַנטענען.

(74) „אונזערע נאַציאָנאַל-עקאָנאָמען שטרעבן מיט אַלע כּוחות אויפצוהויבן דייטשלאַנד צו דער אינדוסטריעלער שטופע, אויף וועלכער עס געפינט זיך איצט ענגלאַנד, וואָס באַהערשט אַזויאַרום אַנדערע לענדער. ענגלאַנד איז זייער אידעאַל. אוודאי: ענגלאַנד מאַכט אַ גאַנץ פיינעם איינדרוק, ענגלאַנד האָט פאַרמעגנס אין אַלע וועלט-טיילן, ענגלאַנד ווייס ווי אַזוי זיך צו זיכערן אומעטום אַן איינפלוס, ענגלאַנד פאַרמאָגט דעם רייכסטן האַנדלס- און מלחמה-פלאָט, ענגלאַנד קען די קונץ צו באַשווינדלען תמיד, ביי אַלע האַנדלס-טראַקטאַטן, דעם אַנדערן צד, ענגלאַנד האָט די ספּעקולאַטיווסטע סוחרים, די באַדייטנדסטע קאַפּיטאַליסטן, די דערפינדערישסטע קעפּ, די פּערפעקטסטע אייזנבאַנען, די פולקאָמסטע מאַשינען; אוודאי, אין דער הינזיכט איז ענגלאַנד אַ גליקלעך לאַנד, אָבער מ'קען אויך באַטראַכטן ענגלאַנד אַרויסגייענדיק פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, און דאַן קען מען גרייכלעך זען, ווי דאָס גליק פון ענגלאַנד ווערט אַריבערגעוואויגן דורך דעם אומגליק פון דערזעלביקער מדינה. ענגלאַנד איז דאָך אויך דאָס לאַנד, אַוואו די נויט האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע, וואו עס שטאַרבן יערלעך הונדערטער מענטשן, בוכשטעבלעך, פון הונגער, וואו די אַרבעטער זאָגן זיך אָפּ אין די זופציקער טויזנטער פון אַרבעט, כאָטש זיי זענען גישט בכּוח נאָך אַלע מי און מאַטערניש צו פאַרדינען אויף אַן אָרימער חיונה. ענגלאַנד איז דאָס לאַנד, וואו מ'האָט געמוזט דורך דעם אָרימע-שטייער מאַכן די וואוילטעטיקייט פאַר אַ געזעץ. גיט אַ קוק, איר, נאַציאָנאַל-עקאָנאָמען, אויף די וואַקלדיקע, געבויגענע, פאַרוואַקסענע געשטאַלטן אין די פאַבריקן, גיט אַ קוק אויף די בלייכע, פאַרזאָרגטע, שווינדזיכטיקע פּנימער, גיט אַ קוק אויף דער גאַנצער גייסטיקער און פיזישער געפאַלנקייט, — ווילט איר נאָך, זעענדיק דאָס אַלץ, מאַכן פון דייטשלאַנד אַ צווייט ענגלאַנד? נאָר דורך אומגליק און יאָמער האָט ענגלאַנד געקענט דערגרייכן צו דעם הויכפּונקט פון דער אינדוסטריע, אויף וועלכן דאָס לאַנד געפינט זיך איצטער. און דייטשלאַנד קען אויך נאָר דורך דיזעלביקע קרבנות דערגרייכן ענלעכע רעזולטאַטן, ד. ה. אַזעלכע רעזולטאַטן, אַז די רייכע זאָלן זיין נאָך רייכער און די אָרימע זאָלן נאָך אָרימער ווערן".

(75) „זאָל עס געלינגען די קאָנסטיטוציאָנאַליסטן אַראָפּצוואַרפן די

דייטשישע רעגירונגען און אן אלגעמיינע מאָנארכיע, וועלן מיר דאַן האָבן דאָ פונקט אזא געלט-אריסטאָקראַטיזם, ווי אין פראַנקרייך, — טאָ זאָל שוין בעסער בלייבן אזוי ווי ס'איז איצט".

(76) ביכנער געאָרג, געב. 1813 — געשט. 1837. דייטשישער דיכטער. צוליב זיינע רעוואָלוציאָנערע שריפטן האָט ער געמוזט עמיגרירן פון דייטשלאַנד קיין שווייצאַריע, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער נייערער, הויפטזעכלעך, מיט דער שפינאָזישער, פילאָזאָפיע.

(77) „די מיאוסע אינטערעסן פון די הענדלערס".

(78) „דאָס פאָלק פון ענגלאַנד". (אַלביאָן — איז דער אוראַלטער נאָמען פון ענגלאַנד און פון שאָטלאַנד).

(79) ספּענסער הערבערט, איינער פון די גרעסטע ענגלישע דענקער. באַרימט, אחוץ אויף אַנדערע וויסנשאַפט-געביטן, אַלס באַדייטנדער סאָציאָלאָג.

(80) געטע, דער גרעסטער דייטשישער דיכטער. געטע האָט זיך אויך פארנומען מיט וויסנשאַפטלעכע ארבעטן, באַזונדערס מיט נאַטורוויסנשאַפט און פילאָזאָפיע.

(81) „אין די כוואַליעס פון לעבן, אין דעם שטורעם פון טאַטן
פאַליע איך אַראָפּ און אַרויף,
באַוועג זיך, ווי ביים ווינט א פלאַם,
דאָס געבוירנוווערן און שטאַרבן —
אַן אייביקער ים.
א זיך-טוישנדיק באַוועגן,
א גליענדיק לעבן,
אזוי שאַף איך ביים ברויזנדן וועבשטול פון דער צייט
און מאַך פאַר דער גאָטהייט א לעבעדיק קלייד.

(82) האַרווע וויליאַם, באַרימטער ענגלישער מעדיקער. דער גרינדער פון דער מאָדערנער פיזיאָלאָגיע, באַרימט אַלס ספּעציעלער פאָרשער פון עמבריאָלאָגיע. (געב. 1578 — געשט. 1657).

(83) זיבער ניקאָלאַי (געב. 1844 — געשט. 1888). באַקאַנטער רוסישער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמיסט. מחבר פון ווערק איבער ריקאַרדאָס ווערט-לערע און איבער דער עקאָנאָמישער טעאָריע ביי מאַרקסן.

(84) א ווערטל פון א ליטעראַרישן העלד.

(85) שטשעדרין — דער ליטעראַרישער נאָמען פונם באַקאַנטן רוסישן שריפטשטעלער-סאַטיריקער מ. סאַלטיקאָוו. (געב. 1826 — געשט. 1889).

(86) פיכטע יאָהאַן-גאָטליב. (געב. 1762 — געשט. 1814). באַרימטער דייטשישער פילאָזאָף, דער שעפער פונם עקסטרעמען אידעאַליזם אין דער פילאָזאָפיע.

(87) לאַסאַל פּערדינאַנד (1825 — 1864). גרינדער פון דער דייטשישער אַרבעטער־באַוועגונג. לאַסאַל האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי פילאָסאָפישע ווערק און דאָס באַדייטנדע יורידישע ווערק „סיסטעמען פון די דערוואָרבענע רעכט". לאַסאַל האָט געוואָלט רעפאָרמירן די העגעלישע פילאָזאָפיע, באַזונדערס אינם ווערק וועגן הערצקליט.

(88) „דער מחבר פון די סקיצן פון גאָגאָלישן פעריאָד" — טשערנישעווסקי (זע באַלדיקע דערקל. 89).

(89) טשערנישעווסקי — באַרימטער רוסישער פּובליציסט און קריטיקער, דער גרינדער פון דער „נאַראָדניטשעסטוואָ". טש. איז געבוירן אין 1828 און געשטאָרבן אין 1889.

(90) די מלחמה פון **1812** — די רוסיש־פראַנצויזישע (נאַפּאָלעאָנישע) מלחמה.

(91) די מאַראַטאָנער שלאַכט — מאַראַטאָן איז געווען אַן אָרט לעבן אַטען, וואו אין דער שלאַכט, אין יאָר 490 פאַר קריסטוס־געבוירן, האָבן די עלענער באַזיגט די פּערסער און אַזוי אַרום פאַרפעסטיקט די אַטענער דעמאָקראַטיע און די עלענישע מאַכט, וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַרמאָסטן קעגן די באַרבאַרן.

(92) וו. וו. — די איניציאַלן פון וואַסילי וואָראָנצאָוו, איינער פון די אָנגעזעענסטע עקאָנאָמיסטן און פּובליציסטן פון די רוסישע נאַראָדניקעס אין די אַכציקער־ניינציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעטיילט פונם לינקערן מיכאַילאָווסקי און פון די ס. ר. און האָט געפּרעדיקט פרידלעכע רעפאָרמען מיט דער הילף פון דער אינטעליגענץ. (געב. 1847 — געשט. 1918).

(93) דאַרווין טשאַרלז. באַרימטער נאַטורפאָרשער. (1809—1882). גרינדער פון דער נאַטור־פילאָזאָפישער שיטה — דאַרוויניזם. זיין אָפּשטאַמונגס־טעאָריע אַנטוויקלט ער אין זיין בוך „די אַנטשטייאונג פון די מינים".

(94) ניוטאָן. באַרימטער ענגלישער מאַטעמאַטיקער און פיזיקער. דער שעפער פונם ניוטאָנישן געזעץ אין דער פיזיק. געב. 1643 — געשט. 1727.

(95) העקעל ערנסט, איינער פון די באַרימטסטע דייטשישע זאָאָלאָגן און נאַטורפאָרשערס, וועלכער האָט זיך געהאַלטן ביי דאַרווינס שיטה. (געב. 1834 — געשט. 1918).

(96) ביעלינסקי וו. ג. דער גרעסטער רוסישער ליטעראַטור־קריטיקער פון ניינצנטן יאָרהונדערט. ביעלינסקי האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט העגעלס און שעלינגס פילאָזאָפיע, אויף אירע יסודות האָט ער געבויט זיין ליטעראַטור־קריטישן מעטאָד. שפּעטער איז ער געווען אַן אָנהענגער פון אַן אידעאַליסטישן רעאַליזם.

(97) ענגעלסעס בוך „Herrn Eugen Dühring's Umwälzung der Wissenschaft", פּאָפּולער אונטערן פאַרקירצטן נאָמען

„אנטי דירינג״, דאָס איז דאָס בוך, וואָס פרידריך ענגעלס האָט אָנגעשריבן אַלס אַ פּאָלעמישן ענטפער דעם דייטשישן פילאָזאָף דירינג, וועלכער האָט פּרעטענדירט, דורך זיין קריטישער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע און פון אַנדערע וויסנשאַפט־געביטן, ברענגען אַן איבערקערעניש אין דער גאַנצער וויסנשאַפט. דאָסדאָזיקע בעסטע בוך, ענגעלסעס, גיט איבער זיין גאַנצע לערע און וועלטאַנשויאונג.

(98) „מיר וועלן אַלץ אַנדערש מאַכן״.

(99) „יעדע דערפינדונג איז אַ פאַרלייקענונג״.

(100) וואַן־טיהעם פיליפ. פראַנצויזישער באָטאַניקער, מחבר פון אַן אַנאַטאָמיע פון געוויקסן. געב. 1839 — געשט. 1914.

(101) דער ציטאַט פון רוסאָ איז פון זיין ווערק „צי האָט די ציוויליזאַציע פאַרבעסערט אונזער לעבן ?״.

(102) „איך האָב אָנגעצייכנט דידאָזיקע ערשטע מדרגה אין דער ירידה פון די זיטן אין ערשטן מאָמענט פון דער אַנטוויקלונג פונם וויכן אין אַלע לענדער פון דער וועלט״, אַ בריוו צו אַבאַט ריינאַל, רוסאָס ווערק, פּאַריז, 1820, באַנד IV, ז. 43.

(103) זשוקאָווסקי יו. רוסישער שריפטשטעלער־עקאָנאָמיסט, באַקאַנט אַלס מחבר פון „די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעאָריעס אין זעכצנטן יאָרהונדערט״ און פון „פּרודאָן און לואי בלאַן״.

(104) דידראָ דעניס. איינער פון די באַדייטנדסטע ענציקלאָפּעדיסטן און אָנגעזעענער שריפטשטעלער פון אַכצנטן יאָרהונדערט. געב. 1713 — געשט. 1784. דידראָ רעכנט זיך צוזאַמען מיט ד׳אַלאַמבערן (זע דערקל. 104) — אַלס פאָטער פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע. „ראַמאָס פּלימעניק״ איז דידראָס באַרימטסטע ווערק. דאָס ווערק איז דערשינען ערשט נאָך דידראָס טויט. אין דייטש איז עס דערשינען אין דער איבערזעצונג פון געטען.

(105) שעלינג פרידריך. באַרימטער דייטשישער פילאָזאָף (געב. 1775—געשט. 1854), איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרטרעטער פונם אידעאַליזם אין דער נייער פילאָזאָפיע. שעלינג איז געווען אַ תלמיד פון פיכטען און אַ חבר פון העגעלן.

(106) לייבניץ, באַרימטער דייטשישער פילאָזאָף, געב. 1646, — געשט. 1716. איינער פון די אָנערקענטסטע געניאַלע פילאָזאָפן און וויסנשאַפטלער.

(107) שפּינאָזא בענעדיקט (ברוך), אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע באַגעגנט מען אָפט פרוון פון אַנאַלאָגיעס און גייסטיקער קרובהשאַפט צווישן אים און לייבניצן. שפּינאָזא איז געב. 1632 און געשט. 1677

(108) ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע, — די פילאָזאָפיע, וואָס באַזירט (אין קעגנזאַץ צו דער עמפּירישער) אויפן יסוד פון שכלדיקע ספּעקולאַציעס (אויסרעכענונגען) און נישט אויף דער דערפאַרונג.

(109) לאַקעדעמאָניעס פאַלן — די געשיכטע פונעם אונטערגאַנג פון ספּאַרטאַ (זע דערקל. 187).

(110) מאַרקס קאַרל (1818—1883).

(111) פויערבאַך לודוויק, באַרימטער דייטשישער פילאָזאָפישער שריפט-שטעלער, וועלכער איז לכתחילה געווען העגעלס אַן אָנהענגער. געב. 1804 — געשט. 1872.

(112) ברידער באַוער: 1) ברונאָ באַוער, געב. 1809, געשט. 1882, פּאָפּולערער פּובליציסט און דער אָנגעזעענסטער ביבל-קריטיקער (נעגאַטיווער) אין זיין צייט. ברונאָ באַוער האָט געשריבן אַ ריי אָפּהאַנדלונגען איבערן אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט. 2) עדגאַר באַוער, מחבר פון אַ רייע ווערק איבער קירכע און מלוכה און פון קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער היסטאָרישע ווערק פון דער נייער צייט.

(113) דער מחבר פון די „היסטאָרישע בריוו" — פּיאָטר לאַווראָוו, איינער פון די באַרימטסטע ראַדיקאַלע רוסישע דענקער אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט.

(114) דעמיאורג — בוימייסטער, אַרכיטעקט אויף גריכיש. אין דער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע — דער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט.

(115) אוספּענסקי גליעב, באַוואוסטער רוסישער שריפטשטעלער, וועלכער האָט הויפּטזעכלעך געשילדערט די איבערגאַנגס-צייט אינעם ערב-קאַפּיטאַ-ליסטישן רוסלאַנד. געב. 1840 — געשט. 1902.

(116) פראַנקלין — דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייטס-קעמפער בענדזשאַמין פראַנקלין (געב. 1706 — געשט. 1790), וועלכער איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקער שריפטשטעלער

(117) „דאָס באַנוצן געצייג איז אויף אַזוי ווייט אַ דורכאויס-אויסשליסלעכע אייגנשאַפט פונעם מענטש, אַז דאָס אַנטדעקן איינאיינציקן קינסטלעך-באַאַרבעטן קיזלשטיין אין אַ באַרג-הייל ווערט באַטראַכט אַלס גענוגנדיקער באַווייז דערפאַר, אַז דאָרט איז געווען אַ מענטש". „דער פּאַרהיסטאָרישער מענטש" פון דאַניעל ווילסאָן. באַנד I ז. 151—152, לאָנדאָן 1876.

(118) פאָן מאַרציוס, באַרימטער דייטשישער באָטאַניקער, געב. 1798 — געשט. 1868.

(119) ראַטצעל פרידריך, באַקאַנטער דייטשישער רייזנדער און נאַטור-פאָרשער פון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט. מחבר פון אַ ריי ווערק איבער פעלקער-קונדע.

(120) „די באַפעלקערונג פון די אינזלען זענען אין געוויסע פאַלן אַבסאָלוט אַנדערש, ווי די, וועלכע געפינען זיך אויף די שכנות-ליגנדיקע יבשות, אָדער אויף די נאָענטע גרעסערע אינזלען און אַפילו דאָרט וואו זיי שטאַמען

אורשפּר נגלעך פון זערזעלבער ראַסע אָדער פון דערזעלבער פעלקער-גרופּע
בנען זיי פּונדעסטוועגן אַנדערש איינע פון דער אַנדערער; און מען קע אַזוי
אויך פעסטשטעלן, לויט דעם כּלל, די פאַרשיידנקייט פון די יבשהדיקע אָפּצווייַ
גונגען פון דער ראַסע אָדער גרופּע (ראַטצעל, דאָרטן, ז. 96)

(121) „פון דעם, וואָס די לעבעדיקע נאַטור באַשעפט דעם מענטש
דאַרף מען שאַצן צום העכסטן נישט דאָס רייכטום אין שטאָפן, נאָר דאָס רייכטום
אין כּוחות, בעסער געזאָגט: דאָס רייכטום אין אַרויסברענגען כּוחות". ראַטצעל,
דאָרטן, ז. 343.

(122) גייגער לאַזאַר, באַרימטער דייטשישער פילאָלאָג, מחבר פון אַ
ריי ווערק איבער דער געשיכטע פון שפּראַכן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מענטש-
לעכער אַנטוויקלונג. (לאַזאַר גייגער — געב. 1829 געשט. 1870 — איז געווע
אַ זון פונם באַקאַנטן יידישן השכלה-קעמפער און טעאָרעטיקער אברהם גייגער).

(123) פּלוטאַרך, באַרימטער גריכישער מאָראַליסט און דענקער, געלעבט
אין דער העלפט פונם צווייטן י. ה. פון אונזער צייט-רעכענונג. פּלוטאַרך איז אויך
געווען אַ מחבר פון אַ גאַנצע ריי היסטאָריש-ביאָגראַפישע ווערק.

(124) אַרכימעד, דער גרעסטער מאַטעמאַטיקער פון אַלטערטום. געב.
אין דער שטאָט סיראַקוז, איינע פון די ערשטע גריכישע קאָלאָניעס אויפן ברעג
פונם אינזל סיציליע. אַרכימעד איז געבוירן געוואָרן אַרום יאָר 287 פאַר קריס-
טוס-געבורט און איז אומגעקומען בעתן פאַלן פון סיראַקוז אין יאָר 212 פאַר
קר. געב. בעת דער דאָזיקער באַלאַגערונג פון סיראַקוז דורך די רוימער, האָט
אַרכימעד דערפונדן משא-הייבנדיקע און באָמבעס-וואַרפנדיקע מאַשינען, וועלכע
זענען געווען נייטיק צו דער מלחמה.

(125) סיראַקוז, זע פריערדיקע דערקל. (124).

(126) עדיסאָן, דער באַרימטער אַמעריקאַנישער דערפינדער, געב. 1847.

(127) עוודאָקס און

(128) אַרכיט — באַרימטע גריכישע מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָפן.
געלעבט אין פּלאַטאָנס צייטן.

(129) קאַריעיעוו, באַרימטער רוסישער היסטאָריקער. מחבר פון אַ ריי
געשיכטלעכע ווערק און אָפּהאַנדלונגען איבער דער פילאָזאָפיע פון געשיכטע.

(130) מאָרגאַן לואי-הענרי, באַרימטער אַמעריקאַנישער עטנאָלאָג און
סאָציאָלאָג (געב. 1818 — געשט. 1881).

(131) זשיראָ-טעלאָן — פראַנצויזישער היסטאָריקער און אַרכעאָלאָג.
געב. 1792 — געשט. 1883.

(132) מאַק-לענאַן דזשאָן. איינער פון די באַרימטסטע היסטאָריקער
און פאָרשער פון דער אורפּרימיטיווער צייט. אַן ענגלענדער. געב. 1827 —
געשט. 1881.

(133) ליפּערט יוליוס. באַקאַנטער דייטשישער היסטאָריקער פון נייַנצנט

יאָרהונדערט. באַרימט דורך זיין געשיכטע פון דער פאַמיליע און דורך דער קולטור-געשיכטע פון דער מענטשהייט.

(134) סאַוויני, געב. 1719, געשט. 1861. באַקאַנטער דייטשישער יוריסט, שעפער פון דער היסטאָרישער שולע פון רעכט. מחבר פון קאַפּיטאַלע ווערק איבערן רוימישן רעכט.

(135) פּוכטא געאָרג פרידריך, געב. 1798, געשט. 1846. פּוכטא ווערט גערעכנט אַלס ממלא-מקום פון סאַוויני (זע פריערדיקע דערקלערונג), און אַלס ענדגילטיקער פאָרמולירער פון די וויסנשאַפטלעכע יסודות פון דער היסטאָרישער שולע פון רעכט.

(136) רינק היינריך-יאָהאַן, געב. 1819, געשט. 1893. באַקאַנטער דענישער רייזנדער, וועלכער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דער פאָרשונג פון גרענלאַנד.

(137) קאָוואַלעווסקי מאַקסים. באַרימטער רוסישער יוריסט (געב. 1851), איינער פון די באַדייטנדסטע רעכטוויסנשאַפטלער אין דער וועלט. קאָוואַלעווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי ווערק איבער דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון מלוכה-אָרדנונגען און רעכטלעכע אינסטיטוציעס.

(138) לערמין (לערמיניע) זשאַן-לואי (געב. 1803, געשט. 1859), פראַנצויזישער יוריסט און פּובליציסט. לכתחילה איז לערמין געווען אַ ליבעראַל און שפּעטער אַריבער אין קאָנסערוואַטיוון לאַגער. לערמין האָט געהאַלטן, אַז אין יוריספּרודענץ זענען פאַראַן אַלע יסודות און מעגלעכקייטן פאַר פּלערליי רעפאָרמירונגען אין דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג.

(139) קאַמאָן-צעניאָר — דער פאַרקירצטער נאָמען פון מאַרקוס פּאָרציוס צענזאָריוס, באַרימטער רוימישער מלוכה-מאַן. (געב. 234 פאַר קר. געב. און געשט. 149 פאַר קר. געב.). אַלס רוימישער רעגירער אין סאַרדיניען איז ער שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן די וואָכערניקעס.

(140) פּאָסט אַלבערט. דייטשישער רעכט-פאָרשער. געב. 1839, געשט. 1895. מחבר פון אַ גאַנצער ריי ווערק איבער דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון רעכט.

(141) פּעשעל אָסקאַר. באַקאַנטער געאָגראַף, איינער פון די פאַרשפּרייטער פונם דאַרוויניזם אין דייטשלאַנד (געב. 1821 — געשט. 1875).

(142) „באַזונדערס באַהויפּטן יענע ווילדע, וועלכע באַנוצן זיך צום שיסן מיט אַ בויגן, אַז דאָסדאָזיקע כלי-זין ווערט קאַליע אויב מ׳גיט עס אַ פרעמדן, און זיי גיבן עס נישט אַרויס פון האַנט”. וועגן דעם רעכט-צושטאַנד צווישן די אוראייני-וואוינער פון בראַזיליע, מינכען 1852, ז. 50.

„דאָס באַנוצן זיך מיט דעמדאָזיקן געווער (פייל און בויגן) פאַרלאַנגט אַ געוויסע געשיקטקייט און אַ שטענדיקע געניטונג. דאָ־טן וואו אָט דאָס געווער ווערט געברויכט ביי די ווילדע, אינפאָרמירן אונז די רייזנדע, אַז קליינע יינגלעך

געניטן זיך שוין איין אין שיסן מיט אזעלכע פלי-זינס". אסקאר פעשעל, פעלקער-היס:שאפט. לייפציג, 1875, ז. 20.

(143) מיעטשניקאָוו ל. אנגעזעענער רוסישער סאָציאָלאָג און געאָגראַף ער האָט מיטגעארבעט מיט עליזע רעקליו ביי זיין אוניווערסאַלער געאָגראַפיע (געב. 1838, געשט. 1888).

(144) אינאמא-שטערנעג קארל. — דייטשישער עקאָנאָמיסט און סטא-טיסטיקער (געב. 1843). ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט דער עקאָנאָמי-שער געשיכטע פון דייטשלאַנד.

(145) קאַראָלינישער פעריאָד — די צייט פון דער הערשאַפט פון דער דינאַסטיע, וועלכע האָט געשטאַמט פון קארל דעם גרויסן.

(146) „די עכסטע פרוי אין דער וועלט קען נישט געבן מער, ווי דאָס, וואָס זי פארמאָגט".

(147) אבאט גיבער — פראַנצויזישער ארציבישאָף אינדערמיט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

(148) פעקיאָ — איטאַליענישער שריפטשטעלער, געבוירן 1715, געשטאָרבן 1784.

(149) ד. ס. מיל חזרט איבער: „אויף יעדן געביט פון מענטשלעכער טע-טיקייט איז די פראַקטיק א לאַנגע צייט פאָרויסגעגאַנגען פאַר דער וויסנשאַפט. דער באַגריף וועגן דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ווי וועגן א צווייג פון דער וויסנשאַפט, איז שטארק מאָדערן; אָבער די מאַטעריע, וועלכע זי פארשט האָט אין אלע צייטן בויטוועגדיקערהייט געבילדעט איינע פון די עיקרדיקסטע פּראַקטישע אינטערעסן פון דער מענטשהייט". פּרינציפּן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. לאָנדאָן, 1843. ב. I ז. 1.

(150) אריסטאָטעלעס — געלעבט אין די יאָרן 384—322 פאַר קר. געב. באַרימטער גריכישער פילאָזאָף, א תלמיד פון פּלאַטאָן.

(151) קסענאָפאָנט — גריכישער היסטאָריקער און פילאָזאָף, אָנהענ-גער פון סאָקראַטעסן. קסענאָפאָנט האָט געלעבט בערך אין די יאָרן 434—359 פאַר קר. געב.

(152) גומפּלאָוויטש לודוויק. באַקאַנטער סאָציאָלאָג אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. דייטשישער פּראָפעסאָר פון רוימיש- און מלוכה-רעכט.

(153) לאַמארק — פראַנצויזישער נאַטורפאָרשער פון אכצנטן יאָר-הונדערט. ער האָט איינגעפירט אין דער באָטאַניק א נײַע קלאַסיפיקאַציע פון געוויקסן. שפּעטער האָט זיך לאַמארק ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט זאָאָלאָגיע און ער

גערעכנט אלס איינער פון די וויכטיקסטע פארגענגער פון דארווינען. ער האט זיך דער ערשטער קלאר ארויסגעזאגט וועגן דער פארענדערונג פון די מינים און האט וויסנשאפטלעך באגרינדעט די עוואלוציע-טעאריע.

(154) טען היפאליט. דער גרעסטער און אנגעזעענסטער פראנצויזישער דענקער אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יארהונדערט (געב. 1828 — געשט. 1893). באריםט דורך זיין „פילאזאפיע פון קונסט" און זיינע געשיכטעס פון דער אנטוויקלונג פון דער קונסט און ליטעראטור.

(155) עסכילעס, סאפאקלעס און עאוריפידעס — די דריי בארימטסטע אנטישע טראגיקער. 1) עסכילעס, דער פאטער פון דער גריכישער טראגעדיע; געב. ארום 525 פאר קר. געב. צווישן זיינע טראגעדיעס איז דער בארימטער „געשמידטער פראמעטעאוס". 2) סאפאקלעס, געב. ארום 495 פאר קר. געב. מחבר, צוו. אנד., פון „עדיפ". 3) עאוריפידעס, דער יינגסטער פון די דריי, געב. ארום 480 פאר קר. געב., ס'זענען פון אים פארבליבן איבער אכציק פיעסן.

(156) „מיר ווערן באווירקט דורך דער פאליטישער אדער היסטארישער סביבה, מיר ווערן באווירקט דורך דער סאציאלער סביבה, מיר ווערן אויך באווירקט דורך דער פיזישער סביבה. מ'טאר אבער נישט פארגעסן, אז פונקט ווי מיר זענען באווירקט דורך דער סביבה, קענען מיר איר אויך שטעלן א ווידערשטאנד, און איר ווייסט זיכער, אז עס זענען פאראן דערצו וויכטיקע ביישפילן. אויב מיר ווערן מושפע פון דער סביבה, פארמאגן מיר אבער אויך א קראפט נישט צו דערלאזן, מיר זאלן פאסיוו באווירקט ווערן, נאכמער — מיר פארמאגן א קראפט צוצופאסן זי, די סביבה, צו אונזערע אייגענע באדערפענישן. פ. ברוּנעטיער, די עוואלוציע פון דער קריטיק זייט דעם רענעסאנס ביז אונזער צייט. פאריז, 1890, ז.ז. 260—261.

(157) ברוּנעטיער פערדינאנד. (1849—1906). בארימטער פראנצויזישער ליטעראטור-היסטאריקער און טעארעטיקער.

(158) ענעאידע — די פאעמע פונעם רוימישן דיכטער ווירגיליי, וועגן דעם טראיאנער העלד — ענעי.

(159) אדיסעע — די פאעמע, וואס מ'שרייבט-צו האמערן וועגן דעם העלד אדיסעי — איינעם פון די באליבטסטע העלדן פון אלטגריכישן עפאס.

(160) באסין, בארימטער פראנצויזישער דראמאטורג (געב. 1639, געשט. 1699), וועמענס שאפונג מ'האלט פאר א ווענדע-פונקט אין דער פראנצויזישער דיכטונג פון זיבעצנטן יארהונדערט.

(161) יום דעיוויד, בארימטער ענגלישער פילאזאף און היסטאריקער. געב. 1711 — געשט. 1176.

(162) קינא פיליפ (געב. 1735— געשט. 1688). דער שעפער (צוזאמען מיטן מוזיקער ליוּלי) פון דער אפערע אין פראנקרייך. זיינע טראגעדיעס האבן אים בשעתו געמאכט אזוי פאפולער ווי קארנעל און ראסין.

(163) מערקאנטיליסטן — אָנהענגער פון דער מערקאַנטיליסטישער שיטה, אַז דאָס רײַכטום פון אַ לאַנד באַשטייט אין פאַרמאָגן וואָס מער געלט-מטבעות.

(164) דער מחבר פון „נייעם קריסטנטום" — סען-סימאָן (זע דערקל 38).

(165) בראַנדעס געאָרג. וועלטבאַרימטער דענישער ליטעראַטור-היסטאָריקער און קריטיקער. באַרימט דורך זײַנע ווערק „הויפּט-שטראָמונגען אין דער ליטעראַטור פון נײַנצנטן יאָרהונדערט", „פערדינאַנד לאַסאַל" א. א.

(166) שאַטאָבריאַן פ. אָ. באַרימטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער און פּאָליטישער טוער (געב. 1768, געשט. 1848). שאַטאָבריאַן האָט אָנגעשריבן דאָס באַרימטע ווערק „דער זשעני פון קריסטנטום", וואָס איז אַן אַפּאָלאָגיע פאַר דער קריסטלעכער רעליגיע. פּאָליטיש איז ש. געווען אַ ראָיאַליסט.

(167) „ער ברענגט אַרײַן אין דער וועלט געפילס-באַגריפן, נייע טיפן". די קונסט פון סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, פּאַריז 1889, ז. 31

(169) „פון אונזערע גוטע פרײַנט — אונזערע שונאים".

(170) שעלינג — דײַטשישער שריפטשטעלער פון דער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

(171) פּערסאָנאַזשן פונם באַקאַנטן רוסישן שריפטשטעלער גריבאָיעדאָוו (געב. 1795 — געשט. 1829)

(172) זע פריערדיקע דערקלערונג.

(173) „דידאַזיקע אַלע פאַרשיידענע צווייגן פון דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע, וועלכע געפינען זיך נאָך איצט טיילווייז באַזונדער איינער פון אַנדערן און וועלכע זײַנען אַרויסגעקומען פון די פאַרשיידנסטע עמפּירישע דערקענטניש-קוועלן, וועלן פון איצט אָן, אַדאַנק דעם שטייגנדיקן באַוואוסטזײַן פון זייער איינהייטלעכן צוזאַמענהאַנג, זיך העכער אַנטוויקלען. אַרומוואַנדלענדיק אויף די פאַרשיידנסטע עמפּירישע וועגן און אַרבעטנדיק מיט די פאַרשיידנאַרטיקסטע מעטאָדן, וועלן זיי דאָך אַלע צו איינאונדעמזעלבן ציל שטרעבן, צום גרויסן ענדציל פון אַן אוניווערסאַלער מאָניסטישער אַנטוויקלונגס-געשיכטע". ע. העקעל, „ציל און וועגן פון דער הײַנטיקער אַנטוויקלונגס-געשיכטע, יענאַ, 1875. ז. 96.

(174) פיוסטעל דע-קולאַנזש (געב. 1830, געשט. 1889). באַרימטער פראַנצויזישער היסטאָריקער.

(175) „ס'איז גאַנץ קלאָר פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט גענוי באַטראַכט די פּרטים (דווקא די פּרטים, ה' מיכאַילאָווסקי) אין די טעקסטן, אַז דווקא די מאַטעריעלע אינטערעסן פון דער גרויסער מערהייט זײַנען געווען דער אמתער באַוועג-מאָטיוו" א. א. וו. די געשיכטע פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון אַלטן פראַנקרײַך, די התחלות פון פעאָדאַלן סיסטעם. פּאַריז, 1890 ז. 94.

(176) בלאָס ווילהעלם (געב. 1849, געשט. 1927). דייטשישער היסטאָריקער און פובליציסט. מחבר פון „די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789—1804", „די געשיכטע פון דער דייטשישער רעוואָלוציע פון 1848" א. א. נאָך דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע (1918) אין דייטשלאַנד איז בלאָס, אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַט, געווען פרעמיער־מיניסטער אין ווירטעמבערג.

(177) באַלזאַק, האָנאָרע דע. געב. 1799, געשט. 1850. באַרימטער פראַנצויזישער ראָמאַניסט.

(178) פוקידידעס (דער גרעסטער גריכישער היסטאָריקער, געב. אַרום 470 פאַר קר. געב. געלעבט אין איין צייט מיט סאָקראַטעס און עאוריפּידעס, געשט. אַרום 396 פאַר קר. געב.), קסענאָפאָנט (זע דערקל. 151), אַריסטאָטעלעס (זע דערקל. 150).

(179) טיטוס ליוויוס, איינער פון די אָנגעזעענסטע רוימישע היסטאָריקער. געב. אַרום 59 פאַר קר. געב.

(180) פּאָליביוס, באַרימטער אַלטערטימלעכער היסטאָריקער געב. בערך 205—212 פאַר קר. געב., געשט. אַרום 130—123 פאַר קר. געב.

(181) „מיר קענען אזויפיל, וויפל מיר ווייסן".

(182) פּאָליעוואָי נ. א. באַקאַנטער רוסישער פובליציסט. געב. 1796, געשט. 1846. אין זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די פראַנצויזישע געלערנטע, אויך פון קוזען (זע ווייטערדיקע דערקלערונג).

(183) קוזען וויקטאָר. פראַנצויזישער פילאָזאָף און געלערנטער. געב. 1792, געשט. 1867. נאָכן דערנעענטערן זיך מיט העגלען און בכלל מיט דער דייטשישער פילאָזאָפיע שאַפט ער דעם עקלעקטיזם (זע דערקל. 31).

(184) היינצען קאַרל (1827—1880) דייטשישער פובליציסט. בשעתו געווען אַן אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער ראַדיקאַל, וועלכער האָט געמוזט צוליב זיין טעטיקייט אַנטלויפן פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע.

(185) קריווענקאָ ס. נ. איינער פון די ערשטע פובליציסטן פון דער רוסישער „נאַראָדאָוואָלטשעסטוואָ"־באַוועגונג אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט.

(186) סטרוווע פּ. געב. 1870. פון די ערשטע מאַרקסיסטישע אָנהענגער אין רוסלאַנד. באַקאַנטער רוסישער שריפטשטעלער־פובליציסט. סטרוווע איז ביסלעכווייז געוואָרן אַלץ רעכטער און איצטער געהערט ער צו דער רוסישער רעאַקציאָנערער עמיגראַציע.

(187) ספּאַרטאַ — די הויפּטשטאָט פון לאַקעדעמאָניע. באַרימט דורך דער ספּאַרטאַנער דערציאונג פון אַלע יינגלעך פאַר זעלנער, אויפן יסוד פון אַלגעמיינער מאַטעריעלער גלייכהייט. מיט דער צייט האָט זיך דערדאָזיקער מצב געענדערט.

(188) מלוכה פון די אינקן — די אמאָליקע הערשער פון פערו, — פאַר דער שפּאַנישער דעראָבערונג.

(189) פּאַראָן — אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע : דער שר, וואָס פירט אַריבער טויטע איבער די טייכן (סטיקס) פון דער אונטערוועלט, לעבעדיקע פלעגן מוזן דערפאַר באַצאָלן.

(190) סוזדאַלער — סוזדאַל איז אַן אַלטע רוסישע שטאָט אין וולאַדימירער גובערניע, באַקאַנט מיט איר מאָנאַסטיר פאַר אַדמיניסטראַטיוו-פאַרשיקטע פאַרברעכערס קעגן דער פּראַוואָסלאַווער רעליגיע. דאָ געברויכט עס פלעכאַנאָוו אַלס אַ ביטול-באַצייכענונג, געבנדיק אַן אָנצוהערעניש אויף מיכאַילאָווסקיס פאָלעמישע אַרבעט „סוזדאַלער און סוזדאַלער קריטיק".

(191) טשאַאַדאַיעוו, — רוסישער פילאָזאָפישער שריפטשטעלער. געב. 1793, געשט. 1856.

(192) ליסט פרידריך, באַרימטער דייטשישער עקאָנאָמיסט. געב. 1789, — געשט. (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד) 1846. דער באַגרינדער פון דער טעאָריע וועגן צאָל-פּראָטעקציאָניזם, מחבר פון „נאַציאָנאַלן סיסטעם פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע".

(193) העס משה (מאָריץ) (1812—1877), איינער פון די ערשטע דייטשישע סאָציאַליסטן, אַ צייט איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון ענגעלסן. העס איז געווען אַ פּרודאָניסט. ער רעכנט זיך אויך אַלס איינער פון די פאָרגענגער פון ציוניזם, מחבר פון „רוים און ירושלים".

(194) ד'אַלאַמבער זשאַן — איינער פון די גרעסטע מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָפן פון אַכצנטן יאָרהונדערט. איינער פון די פירער פון די ענציקלאָפּעדיסטן, אַרויסגעבער (צוזאַמען מיט דידראָ) פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע.

(195) קאָלופּאַיעווס און ראַזוואַיעווס — שטשעדריניסטע (זע דערקל. 85) הערדן.

באַמערקונג פונם איבערזעצער

אָננעמענדיק דעם אויפטראַג פון פאַרלאַג י. יאַטשקאָווסקי איבערצוזעצן פאַר דעם יידישן לעזער דאָס באַרימטע בוך פונם פאָטער פון רוסישן מאַרקסיזם און איינעם פון די אָנגעזעענסטע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער אין דער וועלט ג. וו. פּלעכאַנאָוו „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָניסטישן קוק אויף געשיכטע", האָט דער איבערזעצער זיך געמוזט רעכענען מיט עטלעכע מאָמענטן, וועלכע האָבן אים באַוואויגן צו מאַכן אייניקע פאַרקירצונגען אינם טעקסט, ווי אויך צו ענדערן דעם נאָמען פון בוך. די דערמאָנטע מאָמענטן זיינען פאָלגנדיקע:

א) ג. וו. פּלעכאַנאָוו אַלס ערשטער באַגרינדער פונם וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם אין רוסלאַנד האָט געמוזט זיינע אַרבעטן אויף דעמדאָזיקן געביט צוגעבן אַזאַ פאָרם, זיי זאָלן, אויסער זייער טעאָרעטישן עלעמענט, פאַרמאָגן אויך אַ שטאַרקן פּאָלעמישן כאַראַקטער, כּדי זיי זאָלן דינען אַלס קאַמפּס-כּלי-זין אַקעגן די קעגנער, וועלכע זענען בשעתו געווען זייער פיל אין דער רוסישער ערב-סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דערדאָזיקער פּאָלעמישער עלעמענט, וועלכער איז, הויפּטזאַכלעך, געווידמעט די רוסישע „נאַראָדניקעס", איז היינט צו טאָג אין געוויסע זיינע טיילן שטאַרק פאַרעלטערט און זיי — דידאָזיקע טיילן — וואָלטן, לויט דער מיינונג פונם איבערזעצער, בלויז באַלאַסטעט דאָס בוך, וואָס איז, אינגאַנצן גענומען, עד־היום, אַקטועל און ווערטפול.

ב) די קנאַפּקייט פון דער מאַרקסיסטיש-וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור אויף יידיש, וועלכע איז גורם צו דער נישט-גענויער באַהאַוונטקייט פונם יידישן לעזער אין דער געשיכטע און אַנט-וויקלונג פונם מאַרקסיסטישן געדאַנק אין פאַרשיידענע לענדער, האָט אויך באַוואויגן דעם איבערזעצער אַריינצוברענגען פּלעכאַ-נאָווס באַרימט בוך אין יידיש אַלס איינהייטלעכע וויסנשאַפטלע-כע באַגרינדונג און געשיכטלעכער איבערזיכט פון דער היסטאָ-ריש-מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויאונג.

צוליב דעמזעלבן טעם האָט דער איבערזעצער געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן די „דערקלערונגען און אויסטייטשונגען".

אין דער יידישער איבערזעצונג זענען אַרויסגעלאָזט גע-וואָרן בלויז די פּאָלעמישע שטעלעס, וועלכע טראָגן אַן אַקטועלן צייט-כאַראַקטער און זענען געווידמעט קעגנערישע פּובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס האָבן שוין היינט פאַרלוירן זייער ווערט. די וויסנשאַפטלעכע פּאָלעמיק איז געבליבן נישט באַרירט.

ג) דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער ערשטער רוסישער אויפלאַגע אונטער דעם דערמאָנטן שווערן נאָמען („צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פונם מאָניסטישן קוק אויף געשיכטע") און אונטערן פּסעוודאָנים נ. בעלטאָוו (אגב, פּלעכאַנאָווס פּאָפּולערסטער פּסעוודאָנים אין די שפּעטערדיקע יאָרן) ווייל, דער אויסלענדישער רוסישער ס. ד. קאָמיטעט האָט, ווי ס׳זאָגט עדות דער אַלטער סאָציאַל-דעמאָקראַט א. פּאָטרעסאָוו, באַשלאָסן דאָס דאָזיקע בוך אַרויסצוגעבן לעגאַל אין רוסלאַנד. די רוסישע צענזור האָט זיך טאַקי געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע פונם אַבסטראַקט-וויסנשאַפטלעכן טיטול פון ווערק און פונם דאָן נאָך כשרן נאָמען נ. בעלטאָוו, און זי האָט לעגאַליזירט נישט-ווילנדיק אַ בוך פונם דעמאָלט שוין פּאָליטיש-פאַרפאָלגטן ג. וו. פּלעכאַנאָוו.

אין דער יידישער איבערזעצונג דערציילט דער טיטול וועגן דעם פאַקטישן און אייגנטלעכן אינהאַלט פונם ווערק.

ד. ב. מאַלקין.